ב. מארק

# די געשיכטע פון יידן אין פוילן

ISBN:0-657-12369-2

4259

פארלאג „יידיש בוך"

ב. מאַרק

# די געשיכטע פון יידן אין פוילן
(ביזן סוף פון XV י. ה.)

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12369

# DI GESHIKHTE FUN YIDN IN POYLN

Bernard Mark

*Permanent preservation of this book was made possible*
*In memory of I. Feeney Feins*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ב. מאַרק

# די געשיכטע פון יידן אין פוילן

## (ביז סוף פון XV י. ה.)

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע 1957

B. MARK

# DZIEJE ŻYDÓW W POLSCE
(do końca XV wieku)

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

Okładkę projektował: P. LEWIN
הילע פּראָיעקטירט: פּ. לעווין

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Zam. 7690. Nakład 2,500 egz. Ark. druk. 29. Ark. wydawn. 26,5. Papier druk. mat. kl. VII. A1 g 70.
Druk. RSW „Prasa", W-wa, Tarczyńska 8. B-63

# פאָרוואָרט

די איבערטוויזנטיעריקע געשיכטע פון די יידן אין פוילן איז אן אָרגאַנישער טייל פון צוויי ברייטערע געשיכטעס: פון דער געשיכטע פון פוילן און פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. די יידן אין פוילן זענען פון די פריסטע תקופות געווען איינגעגלידערט — צייטנווייז ענגער, צייטנווייז לויזער — אין דעם ווירטשאפטלעכן און סאָציאלן לעבן פונעם לאנד. אין פארגלייך מיט א ריי אנדערע ישובים אין אייראָפּע, בפרט פון דער פעאָדאלער עפּאָכע, זענען די פוילישע יידן געווען א סך שטארקער צונויפגעבונדן מיט דער עקאָנאָמיק פונעם לאנד. דעריבער איז אוממעגלעך צו אנאַליזירן און שילדערן דעם היסטאָרישן גאנג פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן אָן זיין פארבינדונג מיטן געשיכטלעכן פראָצעס פון פוילן בכלל.

איינציייטיק איז די געשיכטע פונעם יידישן ישוב אין פוילן א טייל פון דער פילטויזנטיעריקער געשיכטע פון יידישן פאָלק אומעטום, ווו די יידישע מאַסן האָבן געלעבט און געשאַפן, געליטן און זיך אַנטוויקלט. דער יידישער ישוב פון פוילן איז אין עטנאָגענעטישן זין אַ קינד פון אַ ריי ישובים סיי פון מזרח, סיי פון מערב. עס וואָלט דעריבער געווען נישט ריכטיק אָפּצורייסן די געשיכטע פון די פוילישע יידן — פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין אַנדערע לענדער און וועלט-טיילן. פון דער קרייצונג פון די אָט צוויי היסטאָרישע פאקטאָרן: פון דעם געשיכטלעכן גאנג פון יידישן פאָלק מיט דעם היסטאָרישן פראָצעס פון פוילן; פון דער עטנאָגענעזע, ווירטשאפטלעכער טראדיציע און דער במסורה איבערגענומענער דורותדיקער יידישער קולטור פון די פוילישע יידן — מיט דער ווירקונג פון פוילישן לאנד, פון זיין קלימאט, געאָגראפישער לאגע, עקאָנאָמיק און צום טייל קולטור — האָט זיך אין רעזולטאט פון א גענוג לאנגן פראָצעס אויסגעפאָרמירט דער אייגנארטיקער פויליש-יידישער ישוב, וואָס האָט אין לויף פון דורות איבערגענומען די קרוין און דעם סצעפטער פון אלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט.

דער יידישער ישוב אין פוילן איז, אין סאָציאַלן זין, נישט געווען קיין איינהייטלעכער. ער איז געווען א סאָציאַל דיפערענצירטער מענטשן־קאָלעקטיוו, ער איז געווען א קלאַסן־געזעלשאַפט. די אנטיסעמיטישע היסטאָריקער האָבן געזען אין די פוילישע יידן און אין די יידן בכלל אן אָפּגעזונדערטע באַפעלקערונג־גרופּע מיט איין פּרצוף, א פרעמדע גרופּע פון וווכערער, פּאַראַזיטן און אויסנוצער. אפילו אין געוויסע ליבעראַלע קרייזן פון נישט־יידישע היסטאָריקער טרעפט מען זיך אָן אויף א ענלעכן לחלוטין פאַלשן שטאַנדפּונקט. ביים אנטיסעמיט נעמט זיך דאָס פון טענדענציעזקייט און בייזוויליקייט, ביי געוויסע ליבעראַלן — פון אומוויסן. פון דער צווייטער זייט פאַלן געוויסע יידישע (און אמאָל אויך נישט־יידישע) היסטאָריקער אריין אין ראָמאַנטישער אַפּאָלאָגעטיק, וועלכע פאַרווישט דעם ווירקלעכן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער יידישער געזעלשאַפט, די אינערלעכע געראַנגלען אויפן ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן און קולטורעלן געביט; אַזאַ איינזייטיקער צוגאַנג איז עלול צו פאַרטושן דעם באמת פון די שענסטע טראַדיציעס פון די פוילישע יידן, פון די פּראָגרעסיווע דערשיינונגען און כוחות אין זייער דורותלאַנגער געשיכטע. דערביי מוז מען אָבער געדענקען, אז די געשיכטע פון די יידן אין פוילן אין די עפּאָכעס פון פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם איז אַ געשיכטע פון אַ רעליגיעזן אָדער נאַציאָנאַלן מיעוט, וועלכער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער עקאָנאָמיק פון לאַנד, אָבער האָט אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע צייטן: פון דערנעטערונג מיטן מערהייט־פאָלק און — פון ביצוואַנג אָנגעוואָרפענער דערווייטערונג פון אים, פון ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפשוווּנג און — פון צוריקגאַנג. דאָס איז איינצייטיק א געשיכטע פון א דורותלאַנגן קאמף פאַר רעכט, פאַר איינהאַלטן די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, פאַר מאַטעריעלער, קולטורעלער און נישט זעלטן אויך ביאָלאָגישער עקזיסטענץ. אָבער דאָס איז קודם כל א געשיכטע פון שעפער — פון יידן־פּיאָנערן אויף פאַרשידענע געביטן פון לעבן, פון יידן דרייסטע שעפער פון נייע ווערטן, פון יידן פולע מיט ענערגיע און שוווּנג, פון יידן, וואָס האָבן זיך באמיט צו שמידן זייער גורל, אויף וויפיל נאָר די אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן דערלויבט. די געשיכטע פון די יידן אין פוילן טאָר בשום אופן נישט ווערן טראַקטירט ווי א געשיכטע פון יחידים, פון יחסנישע משפחות פון דער פּלוטאָקראַטיע אָדער טעאָקראַטיע. די געשיכטע פונעם יידיש־פּוילישן ישוב איז געשאַפן געוואָרן דורך צוויי פאַקטאָרן: דורך די יידישע מאַסן און קודם כל דורך זייערע פּראָדוקטיווע עלעמענטן און אינטעלעקטועל־שעפערישע כוחות, און איינצייטיק

איז זי באַדינגט געוואָרן דורך דער ארומיקער פּוילישער סביבה, דורך אירע קלאַסן־הערשנדיקע כּוחות פון איין זייט און אירע מאַסן פון דער צווייטער.

די געשיכטע פונעם יידישן פאָלק אין פּוילן קאָן, אין סימבאָליש־סינ־טעטישן זין, באצייכנט ווערן מיט די באקאנטע פון דער טיפער יידישער פּארגאנגענהייט ווערטער: סיפּא וספרא — שווערד און בוך. סיפּא — דער דראַנג צו דעראָבערן עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, צו דעראָבערן די דאָזיקע פּאָזיציעס אינעם קאמף מיט ווייטע אומבאקאנטע וועגן, מיט ווילדער נאַ־טור און... מיט דער שנאה פון רעאקציאָנערע כוחות פונעם ארום; סיפּא — די גרייטקייט צו אקטיווער זעלבשוץ קעגן יודאָפאָבישע אָנגריפן און איינצייטיק די גרייטקייט צו קעמפן פאר דער זיכערקייט, אומאָפּהענגיקייט און אויפבלי פונעם לאנד; סיפּא — די גרויסע, צאָלרייכע פלעיאדע יידי־שע קעמפער „פאר אייער און אונדזער פרייהייט", די אומצייליקע קרב־נות, וואָס די פּוילישע יידן האָבן געבראכט אויף אלע שלאכט־פעלדער פון דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט. און ספרא — די גרויסע ליבשאפט פון פּוילישן יידנטום צום בוך, צום וואָרט, צום גייסט, דאָס פּוילישע יידנ־טום ווי דער קוואַל פון פארשידענע גייסטיקע, פּאָליטישע, קולטורעלע און רעליגיעזע שטרעמונגען, וועלכע זענען ארויס ווייט מחוץ די גרענעצן פון מדינת פּוילן און האָבן ארומגעכאפּט ברייטע יידישע קרייזן אין פארשי־דענע לענדער און קאָנטינענטן; ספרא — דאָס פּוילישע יידנטום ווי דער געשטאלטיקער, אין געוויסע תקופות, פון דעם גייסטיקן פּנים פון יידישן פאָלק אין די פארשידענע אספּעקטן פון זיין סאָציאלער צעגלידערונג און אנטוויקלונג.

די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן איז נישט באַשרענקט בלויז צו די עטנאָגראפישע גרענעצן פון פּאקטישן פּוילן. די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן כאפּט ארום אויך די פארשידן־נאציאָנאלע שטחים, וואָס זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין דער פּוילישער קלאַסן־מלוכה, ובכן — אויך די געשיכטע פון די ליטווישע, ווייסרוסישע, אוקראינישע יידן. צוזאמען מיט אַט די טיילן פון יידישן פאָלק (און דערנאָך מיט די יידן פון צענטראל־רוסלאנד, פון רומעניע און פון דער עסטרייכיש־אונגארישער אימפּעריע) שאפן די פּוילישע יידן דעם גרויסן גזע און פלאסט פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, אין וועלכן דער פּויליש־יידישער קיבוץ איז געווען אין משך פון דורות דער פירנדיקער ישוב. די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן איז אין פארלויף פון דער שפּעט־פעאָדאַלער און קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע גע־ווען די רעפּרעזענטאַנץ־געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

אין איר איבערטוויזנטיעריקער געשיכטע האָט די יידישע באַפעלקערונג פון פוילן געלעבט אין נאָענטער שכנות מיטן פוילישן פאָלק. דער גורל און די איגערלעבע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון פוילישן פאָלק האָבן געהאט א גרויסן און גישט זעלטן א דעציידירנדיקן איינפלוס אויפן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג. די פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קלאַסן פון פוילישן פאָלק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דיקטירט פון זייערע ווייטערע און נאָענטערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינטערעסן; א גרויסע ראָל האָט דערביי געשפּילט דער פאַנאַטיש-רעליגיעזער מאָמענט און דער פינצטערער אָבערגלויבן פון די אָפּגעשטאַנענע טיילן פון פאָלק, וועלכע די עקאָנאָמיש פאַראינטערעסירטע אנטי-יידישע קאָנקורענץ-עלע-מענטן פלעגן אויסנוצן. אָבער אויף פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער געשיכט-לעכער אַנטוויקלונג האָבן די יידן געהאַט אויך פרייַנד אין זייער קאַמף פאַר קיום און רעכט; דאָס זענען געווען די פּראָגרעסיווע אין זייערע צייטן כּוחות פון פוילישן פאָלק, וועלכע האָבן אין זייער סאָלידאַרן קאַמף אין שוץ פון די יידן געזען נישט בלויז דעם מאָמענט פון טאָלעראַנץ און יושר, נאָר אויך אן אויפטו לטובת די אינטערעסן פון פוילן, לטובת די אינטע-רעסן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד און פון זיין פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

ביים צוטרעטן שרייבן א סיסטעמאַטישן קורס פון דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן מוז מען זיך קודם כל קלאָר מאַכן און אָנצייכענען א גע-העריקע, באַגרינדעטע פּעריאָדיזאַציע. די פּעריאָדיזאַציע מוז זיך רעכענען סיי מיט די גרענעץ-סלופּעס פון פוילנס געשיכטע בכלל, מיט די עקאָנאָ-מיש-סאָציאַלע פאָרמאַציעס, דורך וועלכע דאָס לאַנד איז דורכגעגאַנגען, סיי מיט דער ספּעציפיק פון דער געשטאַלטיקונג פונעם גורל פון יידישן פאָלק אין פוילן. נעמענדיק די ביידע מאָמענטן אין באַטראַכט, טיילן מיר איין אונדזער דאָ פאָרגעלייגטן קורס אין דריי בענדער: 1) דער ערשטער נעמט ארום די פריסטע אָנהייבן און די עפּאָכע פון פעאָדאַליזם (ביזן יאָר 1764); דער דאָזיקער באַנד ווערט צעקלאַפּט אין צוויי ביכער — א) די געשיכטע פון די יידן אין פוילן ביזן סוף 15-טן יאָרהונדערט, און ב) די געשיכטע פון די פוילישע יידן ביזן יאָר 1764. 2) דער צווייטער באַנד כאַפּט ארום די צייטן לפי ערך פון דעם דאָזיקן יאָר ביז די 80-ער יאָרן פון XIX י"ה, ד. ה. די אָנהייבן און די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם; דער דאָזיקער באַנד וועט אויך באַשטיין פון צוויי ביכער, זייער גרענעץ-סלופּ וועט זיין דאָס יאָר 1848. 3) דער דריטער באַנד וועט זיך פאַרנעמען מיט דער

געשיכטע פון די יידן אין פוילן אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און וועט זיך באַשעפטיקן מיט די תקופות זינט דער אָנהייב פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער האַזיקער באַנד וועט באַשטיין פון עטלעכע ביכער: א) ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע, ב) דער צווישן־מלחמה־פּעריאָד, ג) די אָקופּאַציע־צייט און דער גורל פון דער שארית הפליטה.

דער קורס פון דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן איז, אָדער לכל הפחות דאַרף זיין, אַן אַלץ־כוללדיקער. ער דאַרף אַרומנעמען די עטנאָגע־נעזע און די עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע געשיכטע פון די יידן אין פוילן. ער דאַרף געבן נישט בלויז די אַלגעמיינע היסטאָרישע דערשיינונגען, נאָר אויך אַ בילד פונעם פּויליש־יידישן שטייגער און פון דער פאַרשיידנפאַרביקייט פון זייער גייסטיקן אויסלעבן זיך און קולטורע־לער שאַפונג. ווי ווייט דאָס אַלץ וועט אונדז געלינגען — וועגן דעם וועט משפּטן דער לייענער.

די אַרבעט איז אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע. לאָמיר נישט פאַר־געסן, אַז די בראַנד־שריפה פונעם נאַציזם האָט פאַרצוקט נישט בלויז מי־ליאָנען לעבעדיקע יידן, נאָר אויך ווערטפולע דאָקומענטן, פּנקסים, כתבי יד פון דער טיפער פאַרגאַנגענהייט פון פּוילישן יידנטום. עס זענען איינ־ציימיק חרוב ומוחרב געוואָרן יידישע בית עלמינס, סינאַגאָגעס, בתי מדר־שים, אַלטע קוואַרטאַלן און געסלעך — דער ווייט גרעסטער טייל פון די יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פוילן, וועלכע האָבן אַ גרויסע חשיבות פאַרן פאָרשער. פונדעסטוועגן איז נאָך אַ גאַנץ אָנגעזעענע צאָל דאָקומענטן געבליבן — סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד. און אַ גרויסער טייל פון זיי, בפרט פון די לאַנד־אַרכיוון, איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט. דער מחבר פון דער פאָרגעלייגטער אַרבעט באַמיט זיך אויסצונוצן די דאָזיקע קוואַלן. איינציימיק שעפּט ער פון דער רייכער פּויליש־יידישער היסטאָריאָ־גראַפיע, מיט דער באַוואָרעניש, אַז אַ ריי פאַקטן טוען אַציינד אויף, אַדאַנק אַ קריטישן אַנאַליז, אין אַ נייער שיין. אַ באַשטימטע הילף זענען פאַרן מחבר די נייסטע פאָרשונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט אינעם יידישן היס־טאָרישן אינסטיטוט און אין אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין פוילן און אויך אין יידישע פאָרשונגס־צענטערן אין אויסלאַנד.*

---

* אַ באַהאַנדלונג פון דער פּויליש־יידישער היסטאָריאָגראַפיע וועט קומען צום סוף פון לעצטן באַנד.

דאָס ערשטע בוך פונעם ערשטן באַנד הייבן מיר אָן מיט אַן אַריינפיר־קאַפּיטל, וואָס זיין צוועק איז צו געבן א לאקאָניש בילד פון די יענע יידישע ישובים אין מערב און מזרח, וועלכע האָבן, אָביעקטיוו גענומען, בייגעשטייערט צום אנטשטיין פונעם יידישן ישוב אין פוילן. דער מחבר מייהט אויך נישט אויס דעם לעגענדאַרן עלעמענט, אָבער נישט ווי א גענויערן היסטאָרישן קוואַל, נאָר ווי א כאַראַקטעריסטישן מאַטעריאַל פאר געוויסע טראדיציעס, מיינונגען, פאָרשטעלונגען און געפילן, אין וועלכע עס קאָן זיך אויך געפינען א קערנדל אמת, אָדער אַן אָפּשפּיגלונג פון געוויסע דערשיינונגען.

די פאָרגעלייגטע ארבעט איז אַן אויסברייטערונג פון די לעקציעס־ציקלען וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן, וואָס דער מחבר האָט געהאלטן אין משך פון עטלעכע יאָר פאר דער באשיידענער אוידיטאָריע פון פשוטע, אָבער וויסן־גיריקע פוילישע יידן. דאָס דערקענען די געשיכטע פון אייגענעם פאָלק איז איינער פון די עיקרדיקע פאקטאָרן פון דערהייבן די נאַציאָנאַלע אייגנווירדע און דעם באַוווּסטזיין פון דער אייגענער השיבות ווי אַ טייל פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. שרייבנדיק די דאָזיקע אַרבעט, האָט דער מחבר נישט בלויז געטראָגן אין זיך דאָס ווארעמע געדעכעניש פון אונדזערע אבות, פון דורות פוילישע יידן, נאָר אויך געהאט פאר די אויגן דעם לייענער — די ברייטע מאַסע פשוטע יידן, וועלכע ווילן דערקענען די געשיכטלעכע פארגאנגענהייט פון זייער פאָלק. נעמענדיק דאָס אין אכט, האָט זיך דער מחבר באמיט צו זיין פאָפּולער אין דעם פאָרטראַג און נישט איבערלאָדענען אים מיט הערות און מקורים. פאר דעם יענעם לייענער, וואָס וועט וועלן מער דערגרונטעווען דעם מאַטעריאַל, זיך מער פארטיפן אינעם געשיכטלעכן שטאָף, גיבן מיר אָן צום סוף פון איטלעכן בוך אַ טיילווייזע ביבליאָגראַפישע רשימה און אַן אָנווייזונג פון די עיקרדיקסטע ארכיוואלע זאמלונגען, וואָס האָבן א שייכות צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן און צום טייל אויך אין געוויסע אנדערע לענדער, מיט וועלכע עס בינדט די געשיכטע פון אונדזערע אבות, פון דורות פוילישע יידן.

ווארשע, אויגוסט 1956.

ארײַנפיר־טײל

# די אַנטשטייונג פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע

## קאַפּיטל איינס

# די ערשטע יידישע ישובים אין אייראָפּע בעת דעם אַלטערטום

שוין אינעם VI יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכענונג, דאָס הייסט — בערך א 2500 יאָר פאר דער הייגטיקער צייט, האָבן זיך באַוויזן יידישע ישובים אין די גרענעץ־לענדער צווישן אזיע און אייראָפּע — אין ארמעניע און גרוזיע. דאָס זענען ווארשיינלעך געווען באדייטנדיקע גרופּן פון פארטריבענע טיילן פון דער באפעלקערונג פון מלכות יהודה, וועלכע איז געפאלן אין VI י״ה פ.נ.צ.*, אין די יאָרן 587 און 586. עס איז אָנגענומען די מיינונג, אז העכער 14 טויזנט נפשות פון מלכות יהודה — פון צווישן דער מעאָקראטיע, ערד־אריסטאָקראטיע, מלוכה־באאמטע, כמעט אַלע מיט זייערע שקלאַפן, און אויך בעלי־מלאכות ספּעציאַליסטן — זענען דורך דעם זיגערישן קיניג פון בבל נבוכדנאצר אַוועקגעפירט געוואָרן אין גלות; א טייל פון די פארטריבענע איז באזעצט געוואָרן אין די געגנטן, וואָס גרענעצן מיט דער הייגטיקער ארמעניע און גרוזיע. וועגן דעם דערמאָנט אין זיין קאָמענטאר צום ספר זכריה דער אלט־קריסטלעכער מחבר היעראָנימוס (געלעבט אין די יאָרן 337 — 420). אָבער נאָך דעם דעמאָלטיקן יידישן ישוב אין אָט די צוויי געביטן איז גישט געבליבן קיין שום שפּור פון עקזיסטענץ און טעטיקייט. ערשט אינעם I י״ה פ.נ.צ. אַנטשטייט אין קאווקאז א נייער יידישער ישוב, וועלכער רעקרוטירט זיך פון קריגס־געפאנגענע פארשלעפטע פון יודעא דורך דעם ארמענישן מלך טיגראנעס, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף יודעאַ ארום דעם יאָר 80 פ.נ.צ.

---

* פ. נ. צ. — פאַר דער נייער צייט־רעכענונג. מיט אָט דעם קיצור וועלן מיר זיך באַנוצן אינעם ווייטערדיקן פאָרטראַג.

בעת די פּערסיש־גריכישע מלחמות אינעם V י"ה פ.ג.צ. האָבן זיך אינעם ריזיקן מיליטער פון פּערסישן קיניג געפונען באַדייטנדיקע צאָלן יידן. אַ סך פון זיי זענען אַריינגעפאַלן אין גריכישער געפאַנגענשאַפט. אַ סך פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין קליין־אַזיע, אין מזרח־דרום־דיקן טייל פון אייראָפּע און בעיקר אין גריכנלאנד, בפרט אויף די יאָנישע (גריכישע) אינדזלען. צווישן די יידן, וואָס האָבן אין יענעם פּעריאָד געוווינט אין גריכנ־לאנד, זענען געווען א סך שקלאפן. אין V און IV י"ה פ.ג.צ. פלעגן פּע־ניקישע סוחרים פארקויפן יידן־שקלאפן פון יודעא קיין גריכנלאנד.

אזוי ארום האָט זיך אין די אויסגערעכנטע יאָרהונדערטער אויסגעביל־דעט אין גריכנלאנד און אין די יאָנישע אינדזלען א יידישע באפעלקערונג, וועלכע איז באשטאנען אי פון שקלאפן, אי פון א פערזענלעכן פרייען קאָ־לאָניסטן־עלעמענט.

אינעם IV י"ה פ. ג. צ. זאָל שוין האָבן עקזיסטירט אַ יידישער ישוב אין קרים.

אין דער צייט פון די באפרייונגס־קאמפן פון די מכבייער (השמונאים) קעגן דער גרעקאָ־סירישער הערשאפט אין יודעא, אינעם II י"ה פ.ג.צ., זענען אָנגעזעענע צאָלן יידן, קריגס־געפאַנגענע מענער און ביצוואַנג פאַר־שלעפּטע משפּחות, פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן אין דער דעמלטי־קער אייראָפּע. חוץ דעם האָבן די גרעקאָ־סירישע מלכים (למשל, אַנט־יאָכעס III) באַזעצט טויזנטער יידישע משפּחות פון בבל אין קליין־אַזיע אלס מיליטערישע קאָלאָניסטן.

אָט די אלע איבערבאזעצונג־כוואליעס זענען געווען דערשייגונגען פון געצוווּנגענער מיגראַציע. זינט דעם נצחון פון די חשמונאים (אַרום די יאָרן 145—140 פ.ג.צ.), וואָס פאלט זיך צונויף מיט דער גרויסער אויסשפּריי־טונג פון די מזרחדיקע און מערבדיקע וועלט־מערק און פון דער עקספּאנ־סיע פון דער העלעניסטישער קולטור, הייבט זיך אָן א פרייוויליקע עמיגראַ־ציע פון א טייל איינוווינער פון דער יודעאיש־חשמונאישער מלוכה. עס הייבט זיך אָן אינטענסיווע ווירטשאפטלעכע עמיגראציע פון יודעא נישט בלויז קיין עגיפּטן, נאָר אויך קיין דרום־מזרח־אייראָפּע. עס איז כדאי צו באמערקן, אז האנדלס־ און קרעדיט־באציונגען פון רייכע יידישע הייזער פון מעזאָפּאָטאמיע (בבל) און עגיפּטן (דער עיקר אלעקסאנדריע) מיט די לענדער פון דרום־מזרח־אייראָפּע זענען געווען שוין פריער און האָבן אויך אָנגעהאלטן שפּעטער. אייגנציימיק איז אָנגעגאנגען פון עגיפּטן נאָך איין מין כאראקטעריסטישע עמיגראציע פון יידן קיין דרום־מזרח־אייראָ־

פּע די עגיפּטישע פּטאָלאָמייער (די תּלמים), וועלכע האָבן געהערשט אויך איבער דרום־טראַקיע און אויף די ברעגעס פונעם עגעאישן ים, האָבן אין די דאָזיקע ערטער באזעצט גרויסע צאָלן מיליטערישע קאָלאָניסטן און בתוכם זייער א סך יידן. די אויפגאַבע פון אָט די קאָלאָניסטן איז געווען: היטן די קאָמוניקאציע־ליניעס פאַרן וועלט־מסחר און פאַרטיידיקן די מלו־כהשע אינטערעסן פון די פּטאָלאָמייער. די קאָלאָניסטן האָבן באַקומען קליינע חלקים ערד צו באארבעטן. דאָס זענען געווען מיליטער־לייט און לאַנדווירטן איניינעם. אַזוי אַרום האָט אויף אַ טייל שטח פון דער היינטיקער בולגאַריע און צום טייל יוגאָסלאַוויע (דעמאלט: אילירייע) שוין אין אַלטערטום עקזיס־טירט אַ כאַראַקטעריסטישער, מיליטעריש־לאַנדווירטשאַפטלעכער יידישער ישוב.

ווען אויף דער ערענע פון דרום־ און מזרח־אייראָפּע איז ארויסגע־טראָטן דער רוביערישער און פאַרכאַפּערישער רוימישער אָדלער, האָבן שוין עקזיסטירט יידישע ישובים און גוט אָרגאניזירטע יידישע קהלות אויף די שטחים פון גריכנלאַנד, היינטיקער בולגאַריע, צום טייל יוגאָסלאַוויע און אויך אין קליין־אזיע. אויפן שטח פון דער היינטיקער בולגאריע האָט מען גע־פונען אַזוינע מצבות און אַנדערע שטיינער מיט גריכישע אויפשריפטן, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם, אַז שוין מיט 1900 יאָר צוריק האָט אין מאַקעדאָניע עקזיסטירט א יידישער ישוב מיט אן אייגנאַרטיקן עטנישן און קולטורעלן פּנים.

אינעם I י"ה פון דער נייער צייט־רעכענונג (אין יאָר 60) האָט דער אַפּאָסטאָל פּאולוס (שאול, פּאַוועל) באזוכט די שטעט סאלאָניק, ווערעיע און פיליפּי און דאָרטן געפּריידיקט אין משך פון עטלעכע שבתים. עס איז קלאָר, אַז דאָס זענען געווען יידישע עדות, וואָרעם די דאָרטיקע נישט יידישע באַפעלקערונג האָט דאָך נישט געהאלטן פון שבת. געוויסע אלט־קריסטלעכע מקורים (למשל: די געשיכטע פון די אַפּאָסטאָלן) רעדן בפירוש וועגן א יידישער שול אין סאלאָניק.

אַזוי ארום ווייסן מיר אויף זיכער, אַז אין די שטעט סאלאָניק, ווע־רעיע, פיליפּי זענען אינעם I י"ה שוין געווען אָנגעזעענע יידישע ישובים מיט אייגענע שולן. לויט זיכערע ידיעות האָט אין א געוויסער צייט שפּע־טער עקזיסטירט אן אָרגאניזירטער יידישער ישוב אין דער היינטיקער בול־גארישער שטאָט מעסעמוורי.

די גרעסטע יידישע ישובים אין אייראָפּע אין די צייטן פון רוימישן קייסערטום האָבן זיך געפונען אין איטאליע און אין שפּאַניע.

דער ערשטער יידישער ישוב אין איטאליע האָט געשטאמט פון די יידן פון יודעא, וועלכע דער רוימישער מיליטער־פירער פּאָמפּעיוס האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט און געבראַכט קיין רוים ווי שקלאַפן (אין יאָר 63 פ.ג.צ.). אין רעזולטאַט פון די כסדרדיקע אויפשטאַנדן פון יהודה אריס־טובול III (פון דער חשמונאישער דינאַסטיע) קעגן רוים און דעם כהן גדול הורקנוס II (אין די יאָרן 63—4 פ.ג.צ.) זענען אויך פאַרשלעפּט געוואָרן קיין רוים א סך יידישע קריגס־שקלאַפן. זינט דעמלט וואַקסט די צאָל יידן אין איטאַליע און באַזונדערס אין רוים. אחוץ די יידישע שקלאַפן, וואָס א טייל פון זיי איז וואַרשיינלעך דערנאָך געלאָזט געוואָרן פריי, קומען אָן קיין רוים א סך יידן פון יודעא צו קרובים, צוליב מסחר, אין געיעג נאָך פאַרדינסטן אָדער אין די סוויטעס פון פאַרשידענע אריסטאָקראַטישע יידי־שע שליחים.* עס קומען אויך אָן יידן פון די גריכישע געגנטן און פון עגיפּטן. אין די צייטן פון דעם יודעאישן קיניג הורדוס איז איינע פון זיינע דעלעגאַציעס צום רוימישן קייסער באַגלייט געוואָרן אויף די גאַסן פון רוים דורך 8000 יידן, שטענדיקע איינוווינער פון דער שטאָט.

א פיל גרעסערע כוואַליע פון יידן, ס'רוב קריגס־געפאַנגענע און שקלאַפן, איז געבראַכט געוואָרן קיין רוים דורך טיטוסן נאָך זיין זיג אי־בער די העלדישע קעמפער פון יודעא אין דער יודעאיש־רוימישער מלחמה פון די יאָרן 66—73. גאָר גרויסע צאָלן געפאַנגענע יידן זענען געבראַכט געוואָרן נאָך דער מפּלה פונעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד (132—135), אין דער צייט פון קייסער אדריאַנוס.

אזוי ארום איז דער יידישער ישוב אין איטאַליע בעת דער רוימישער עפּאָכע פון אלטערטום געשאַפן געוואָרן סיי דורך צוואַנג־אַריינפירונג, סיי דורך פרייוויליקער באַזעצונג.

דער יידישער ישוב אין איטאַליע האָט געשאַפן אן אייגנאַרטיקן עט־נישן און קולטורעלן ציבור. דאָס יידישע לעבן האָט זיך בדרך כלל קאָנ־צענטרירט ארום די סינאַגאָגעס, אונטער דער אָנפירונג פון אייגענע זקנים (א. ג. זקני הגולה), דיינים און סופרים (אָנפירער, ריכטער און רעליגיעזע שרייבער). אין דער קולטורעל־שפּראַכלעכער הינזיכט האָט ביי די

---

* עס איז פאַראַן א סברה, אַז אַ געוויסע צאָל יידן האָט געוווינט אין רוים נאָך אין די צייטן פון די מכבייער. דער היסטאָריקער א. בערלינער האַלט, אַז נאָך איידער פּאָמפּעיוס האָט געבראַכט די צאָלרייכע גרופּן געפאַנגענע פון יודעא איז שוין אין רוים געווען אַן אָנגעזעענער יידישער ישוב.

דאָזיקע יידן געהערשט א געמיש פון אראמעאיש, העברעאיש, גריכיש און לאטיין. אזוי באגעגנט מען אויף די עלטסטע יידישע קברים אין רוים העבּ־רעיִשע נעמען: יהודה, שמואל, בנימין, שרה, אסתר, רבקה — צוזאמען מיט לאטייניש־גריכישע: טיבעריוס, סאבינא, יוליא און ענלעכע; אויף די קברים טרעפט מען אָפט די איבּערשריפט „שלום". באטירלעך, איז דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, בנוגע די פּערזענלעך־פרייע יידן און נישט די יידן־שקלאַפן, וועלכע האָבן געשאפן אַ גאָר צאָלרייכע גרופּע פון דער יידישער באפעלקערונג אין איטאליע.

די יידן פון איטאליע און פון אלע אייראָפּעישע לענדער, וואָס האָבן געהערט צו דער רוימישער אימפּעריע, האָבן אין דער ווירטשאפטלעך־פּראָפעסיאָנעלער הינזיכט כמעט זיך נישט אונטערשיידט פון דער ארומי־קער באפעלקערונג. זיי האָבן זיך פארנומען מיט מלאכה, לאנדווירטשאפט, האנדל, קרעדיט און א. ג. פרייע פּראָפעסיעס. מלאכה איז געווען ביי די יידן אין אלטערטום א פּאָפּולערע, באליבטע באשעפטיקונג, אויף וואָס מען קאָן געפינען אַ סך ראיות אין תלמוד. יידן האָבן אין ביזאנץ (אין דער מזרחדיקער טייל פון דער רוימישער וועלט־אימפּעריע) און בפרט אין די גריכישע אינדזלען געהערט צו די בעסטע האנטווערקער. אין אלעקסאנדריע (עגיפּטן), וועלכע איז אין יענער תקופה געווען איינע פון די גרעסטע וועלט־האנדל־ און קולטור־שטעט מיט א גאָר צאָלרייכער יידישער באפעלקערונג, זענען די יידישע בעלי־מלאכות געווען אַ חשובער געזעלשאַפטלעכער פאַק־טאָר, אָרגאניזירט אין חברות (עלעהיי צעכן) לויט די באזונדערע פאכן; אין דער גרויסער אַלעקסאַנדרישער שול זענען די יידישע בעלי־מלאכות געזעסן לויט זייערע פאכן. אויך אין איטאליע האָבן די יידן מאסנוויז זיך פארנומען מיט פארשידענע מינים מלאכות, בתוכם מיט וועבעריי, שמי־דעריי, שיפן־בוי א. א.

גאָר א גרויסע צאָל יידן אין איטאליע איז געווען באשעפטיקט ביי לאנדווירטשאַפט און בפרט ביי וויין־צוכט. צענדליקער טויזנטער יידן שקלאַפן האָבן געארבעט אויף ערד אין די גרויסע לאטיפונדיעס פון די רוימישע אריסטאָקראטן. טויזנטער יידן האָבן געארבעט אויף ערד אלס קאָלאָנען און מיליטערישע קאָלאָניסטן. עס איז אויך געווען א געוויסע צאָל יידישע גרויסע ערד־באזיצער, וועלכע האָבן עקספּלאָאטירט די ארבעט סיי פון יידישע, סיי פון נישט־יידישע שקלאַפן.

יידישע שקלאַפן זענען אויך געצוואונגען געווען צו ארבעטן אין די אונ־טערערדישע גרובּנס.

דער גרעסטער טייל יידן פון איטאליע האָט אָבער געוווינט אין די שטעט. דער רוימישער שרייבער סטראבאָ האָט געשריבן וועגן די יידן פון זיין צייט אָט וואָס:

„דאָס דאָזיקע פאָלק איז שוין אריינגעדרונגען אין אלע שטעט און עס איז נישט לייכט צו געפינען אויף דער ערד אן אָרט, וווּ מען זאָל אים נישט באגעגענען און וווּ ער זאָל נישט זיין קיין הערשנדיקער".

אויב מען זאָל אָפּוואַרפן דעם לעצטן אָפּזאַץ, וואָס איז בפירוש טענ־דענציעז, מוז מען אָנערקענען, אז די צאָל ייִדן אין די איטאַליענישע שטעט איז אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון רוימישן קייסערטום געווען גאַנץ גרויס.

אין יענער צייט איז — נאָך דער מלאכה — שטאַרק געווען רעפּרע־זענטירט ביי די יידן פון די איטאַליענישע שטעט דער מסחר.

לאָמיר נישט פארגעסן, אז שוין אין VIII י"ה פ. נ. צ., ווען עס זע־נען אָנגעקומען קיין מעזאָפּאָטאַמיע (היינט: איראַק) די פארטריבענע יידן פון דער באזיגטער דורך אסיריע (אשור) און צעפאלענער, צוליב די אי־נערלעכע קלאַסן־קאַמפן, מלכות ישראל, האָט א טייל פון דער גלות־דיקער ערד־אריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט נישט געקאָנט זיך צופּאסן צו דער להלוטין אַנדערשדיקער טעכניק פון באַאַרבעטן ערד, וואָס האָט גע־הערשט אין מעזאָפּאָטאַמיע, זיך גענומען צו מסחר; געוויסע אזעלכע האַנדלס־משפּחות זענען געוואָרן באַרימט אינעם וועלט־מסחר, למשל דאָס הויז פון דער משפּחה מורשו (בית מורשו) אין דער שטאָט ניפּור. אין די שפּעטערדיקע דורות האָבן אויך די רייכסטע יידישע משפחות פון אלעק־סאנדריע זיך געפֿערן פארנומען מיט וועלט־מסחר.

צווישן די איטאַליענישע יידן, דער עיקר אין דער שטאָט דיקעארכיא (ביי נעאַפּאָל) און אויך אין רוים, האָט אן אָנגעזעען אָרט פארנומען דער וועלט־מסחר — אפשר צוו. א. א דאַנק זייערע פארבינדונגען מיט די גרויסע יידישע סוחרים פון אלעקסאנדריע. די דאָזיקע איטאַליענישע יידן האָבן גענומען א לעבעדיקן אָנטייל אין דעם ווייטגרייכנדיקן מסחר מיט עגיפּטן, אַראַביע, אינדיע און פון דער צווייטער זייט — מיט הרום־גאַליע (היינ־טיקע דרום־פראַנקרייך). בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אז אינעם רוימישן קיי־סערטום איז דער צווישנלענדישער מסחר געלעגן דער עיקר אין די הענט פון יידן, סיריער און די פעלקערשאפטן פון קליין־אזיע.

א געוויסער טייל פון די רייכע איטאַליענישע יידן האָט זיך אָפּגעגע־געבן מיט קרעדיט, פינאַנס־אָפּעראַציעס. די דאָזיקע באַשעפטיקונג איז

דעמלט געווען איינע פון די סאמע גאנגבארסטע ביי דער רוימישער אריס־טאָקראטיע, וועלכע איז אויפן ווכער געוואָרן שטיין־רייך.

די וויכטיקסטע צענטערס פון יידישן גרויסן האנדל און קרעדיט אין איטאַליע זענען געווען די דערמאָנטע שטאָט דיקעארכיא, טיילווייז רוים און אין די לעצטע צייטן פון דער רוימישער אימפעריע — אויך מילאנאָ (מיילאנד) און גענוא.

א קלענערער טייל פון די באזיצנדיקע איטאליענישע ייחן האָט, ווי געזאָגט, זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט.

דאָס אליין, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם אָנטייל פון די אויבערשטע שיכטן פון די באזיצנדיקע איטאליענישע יידן אין דעם וועלט־מסחר, קרעדיט און צום טייל אין דער לאנדווירטשאפט, האָט אן ערנסטן באטייט, כדי צו קאָנען פארשטיין שפעטער, אין די ערשטע צייטן פון מיטל־אלטער, די וויכטיקע פיאָנערישע ראָל פון די מערב־אייראָפעישע יידן אין דעם וועלט־מסחר און אין שאפן נייע אינטערנאציאָנאלע האנדלס־וועגן. שוין אין דער שפעטערדיקער תקופה פון רוימישן קייסערטום איז פאָרגע־קומען אן אינטענסיווע אקומולאציע פון געלט און אנדערע רייכטימער אין די הענט פון די גרויסע יידישע וועלט־סוחרים און פינאנסיסטן פון אי־טאליע. א דאנק דער דאָזיקער אקומולאציע, וועלכע איז צום טייל אָפגע־ראטעוועט געוואָרן אין די צייטן פון די אָנגריפן פון די בארבארן, איז מעג־לעך געווען אין דער ווייטערדיקער תקופה דורך די ווייטערדיקע דורות יידישע אונטערנעמער די אָרגאניזירונג און דורכפירונג פון די גרויסע וועלט־רייזעס, דאָס אויספלאסטערן נייע האנדלס־וועגן און דאָס פירן ברייט־פאר־צווייגטע מסחרים אין וועלט־מאסשטאב, וואָס דאָס אליין צוזאמען גענו־מען וועט אָפשפילן א באדייטנדיקע ראָל פאר דער אנטוויקלונג, קולטור־הייבונג און האָריזאָנט־אויסברייטערונג פון אייראָפע תחילת דער פעאָ־דאלער תקופה.

אחוץ די אויסגערעכנטע באשעפטיקונגען — מלאכה, מסחר, קרעדיט, לאנדווירטשאפט — טרעפן מיר ביי די איטאליענישע יידן אין אלטערטום מעדיקער, אקטיאָרן (למשל: דער באריממטער אקטיאָר אליטור, א ייד, דער ליבלינג פון קייסער נעראָן), אקטריסעס, מאָלער, גלאדיאטאָרן אאוו. עס איז אויך געווען א נישקשהדיקע קאטעגאָריע יידן מיליטער־לייט. גענומען האָט זיך דאָס פון פארשידענע סיבות. למשל דער קייסער טיבעריוס האָט אין 19־טן יאָר אָפגעגעבן 4000 באפרייטע יידישע שקלאפן אין מיליטער און זיי געשיקט אויף דעם אינזל סארדיניע, ווו זיי האָבן געדארפט זיך

באזעצן אויף ערד און איינציימיק פירן אן אויסראָמונגס־קאַמף קעגן די דאָרטיקע גזלנים־באַנדעס. דערביי האָט דער קייסער באַטאָנט, אז אויב די דאָזיקע זעלנער וועלן אומקומען, וועט דאָס נישט זיין קיין שום שאָדן פאַר דער מלוכה. בכלל האָט זיך אין אלמערטום געפירט, אז קריגס־געפאַנגענע פלעגן נישט זעלמן פארוואנדלט ווערן אין חיילות פון דעם זיגער; אזוי איז אויך געשען מיט א טייל פון די געפאַנגענע יידישע קריגס־לייט.

די אלע אויסגערעכנטע פּראָפּעסיעס האָבן אָבער ווייט נישט ארומגעכאַפּט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דער אנטיקער איטאַליע. אן אָנגעזעענער פּראָצענט יידן האָט דאָ געבילדעט א טייל פון דעם ספּעציפיש רוימישן אנטיקן פּראָלעטאַריאט, וואָס איז אייגנטלעך געווען א באַזיצלאָזער לומפּנפּראָלעטאַריאט. דער רוב ייחן, באזונדערס אין דער שטאָט רוים, איז באַשטאַנען פון פרייגעלאָזענע שקלאַפן, קריגס־געפאַנגענע און ביצוואַנג פארשלעפּטע, און זיי האָבן געשאַפן א גרונטיקן באַשטאַנדטייל פון באַקאַנטן רוימישן לומפּנפּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע ריזיקע יידישע אָרעמקייט־מאַסע האָט געלעבט אין אַ מיפער נויט, האָט באַוווינט די עלנטע ראַיאָנען, וואָס זענען געלעגן אויף דער צווייטער, פאַרוואָרלאָזטער זייט פונעם טייך טיבער. ס'רוב אָן א דאך איבערן קאָפּ, אָן קיין שום אייגנטום, אָפט בלויז מיט א בינטל שטרוי און אן אָרעם קיישל, אָן א העמד אויפן לייב, האָט זיך די דאָזיקע ריזיקע מאַסע געוואַלגערט אין די סאַמע פאַרוואָרלאָזטע געסלעך פון די אָרעמקייט־ראַיאָנען פון רוים. די דאָזיקע טרויעריקע לאַגע פון דער יידישער אָרעמקייט אין גרויסן, רווישיקן רוים באַשרייבן אין זייערע ווערק די רוימישע מחברים פון דער קייסערטום־תקופה, די סאַטיריקער יווועגאַלים און מאַרציאַלים. דער לעצטער מאָלט אַזאַ גאַסן־בילד: אָט איז א יידישער אָרעמער הענדלער מיט פוילנדיקע אויגן, ער רימט בקול רם זיין סחורה; אָט גייט א קליין יידיש יינגל און שנאָרט א נדבה; און אָט שטייט הינטער א בוים אַן אלטע יידישע פרוי און פּליסטערט אירע געהיימנישן; פאַר עטלעכע פּרוטות — שרייבט מאַרציאַלים — זענען די יידן גרייט צו פאַרקויפן יעדן איינעם זייערע פאָראורטיילן.

עס וואָלט אָבער א טעות געווען צו מיינען, אַז די דאָזיקע געדיכטע, באַזיצלאָזע, ס'רוב היימלאָזע און כסדר הונגעריקע מאַסע איז געווען א דער־שלאָגענער המון. ווי א טייל פון רוימישן גאַסן־פּראָלעטאַריאט האָט אויך די דאָזיקע יידישע מאַסע געשפּילט א גרויסע ראָל אויפן פאָרום, אין פּאָליטישן לעבן פון רוים. עס איז באַקאַנט די ראָל פונעם פארשידן־לשונות־דיקן רוימישן גאַסן־המון, וועלכער האָט פאַרן פרייז פון ברויט און פאַר־

ווײלונגען ארױפגעהױבן אױף די העכסטע מלוכהשע אמטן רױמישע טוער
און ארָאפּגעװאָרפן אנדערע.

אין דער צײט פון צעזארן איז די ראָל פון דעם יידישן המון אין רױם
געװען באַזונדערס באַדײטנדיק. צװישן דעם דאָזיקן המון האָט אַן אקטיװע
ראָל געשפּילט אױך די יידישע אָרעמקײט. עס איז באַקאַנט א פאקט פון
דער תקופה פון רױמישן קײסערטום, װען דער יידישער המון האָט אין רױם
באַגעגנט אין גאס מיט א פײפערײ און חוזק=געשרײען דעם רױמישן גרױס=
הערשער פון יודעא פלאקוס, װעלכער האָט זיך קונה שם געװען מיט זײנע
שװידערלעכע רױבערײען און רדיפות אױף די יידן פון יהודה.

טראָץ דעם איז די לאַגע פון דער יידישער אָרעמקײט=מאסע אין רױם
געװען א טרױעריקע. לא די װאָס די יידישע באפעלקערונג אין אלגעמײן
גענומען האָט נישט געהאַט קײן בירגער=רעכט (ערשט אין יאָר 212, בעת
דעם קײסער אַנטאָנינוס, איז די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אױסגעגליכן
געװאָרן מיט אלע אנדערע אײנװױנער פון די פּראָװינץ=שטעט), האָט נאָך
די אָרעמקײט=מאסע געליטן נױט און הונגער. אָבער אָן אַן ערך ערגער
איז געװען די דאָליע פון דער גרױסער מאסע יידישע שקלאַפן, װעלכע
האָבן געמוזט האָרעװען עבודת פרך אין די גרובנס, אױף די פּלאנטאציעס
פון דער רױמישער אריסטאָקראטיע און בײ מלאכה=אונטערנעמער אין דער
שטאָט רױם. זײער לעבן און כבוד איז שטענדיק געשטאנען אין קאָן און
איז געװען הפקר. צענדליקער טױזנטער יידישע שקלאַפן, און בעיקר
קריגס=געפאנגענע, געװעזענע אױפשטענדלער קעגן רױם, זענען אומגעקו=
מען אױף די צירק=ארענעס אין אומגלײכן געראנגל מיט װילדע חיות, אָדער
אלס גלאדיאטאָרן — צו דער גרױסער װילדער הנאה פון דעם העמאָרא=
ליזירטן פּובליקום פון דער שקלאַפן=הערשערישער געזעלשאַפט. זײערע
לעבנס=באדינגונגען זענען געװען די זעלביקע, װאָס פון דעם גאנצן ריזיקן
פארשידנאָפּשטאמיקן שקלאפן=קלאס, װאָס אױף זײן שװײס און בלוט האָט
זיך געהאלטן די קראפט פון דער רױמישער װעלט=אימפּעריע און די קאָ=
לאָסאלע רװחים פון די רױמישע און אנדערע קרעזוסן.

מיט א שארפן האס האָבן זיך באצױגן די רױמישע שקלאפן=אײגנ=
טימער צום יידישן גלױבן, װאָס איז צוליב זײן באַזונדערקײט געװען א דורכ=
ברוך אין דעם סינקרעטישן רעליגיעזן סיסטעם פון דער רױמיש=גריכישער
װעלט און ממילא א דורכברוך אין דעם אידעאָלאָגישן איבערגעבײ פון דער
רױמישער מלוכה, אין דער אײנהײטלעכקײט פון אָט דער װעלט=מאכט.
דעם דאָזיקן האַס און מורא האָט געבראַכט צום אױסדרוק אין אײנער פון

זיינע ארויסטרעטונגען דער באריממטער רוימישער רעדנער און פּאָליטיקער ציצעראָן, וועלכער האָט דערקלערט, אַז דער יידישער גלויבן איז אַ קעגנזאַץ צום גאנצן רוימישן וועלט-באנעם און הערשונגס-סיסטעם. ווי א רעליגיע פון אונטערדריקטע האָט דער יידישער גלויבן געפונען א וועג צו א געוויסן טייל פון דער מיטפילנדיקער רוימישער געזעלשאפט, און דורך די דאָזיקע וועגן איז לכתחילה אויך אַריינגעדרונגען אין רוימישע קרייזן דער קריסטנטום אין זיין אורשפּרינגלעכן געשטאַלט.

איינצייטיק מיטן וווקס פון דער יידישער באפעלקערונג אין איטאליע איז אויפגעקומען אַ יידישער ישוב אין טיילן פון שפּאַניע. די רוימישע שקלאַפן-הערשער האָבן נישט אַלע קריגס-געפאַנגענע פון די מלחמות אין יודעאַ פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן און באַשעפטיקט אויפן אָרט אָדער פאַרקויפט אין ווייטע לענדער. א טייל פון זיי האָבן דער רוימישער סענאט און די רוימישע קייסאָרים געשיקט קיין שפּאניע און איינגעשלאָסן אין מיליטערישע גארניזאָנען צו היטן די גרענעצן פונעם אומרואיקן פאריאָכטן לאנד. מיט דער צייט זענען קיין שפּאניע, בפרט אין די מקומות ביי די ברעגעס פון ים, אָנגעקומען נייע גרופּן יידן פון דרום-אייראָפּע. די דאָזיקע יידן האָבן אין דער לעצטער תקופה פון אלטערטום גענומען אָנטייל אין דעם אויפבוי און אנטוויקלונג פון א ריי מזרח-שפּאנישע פּאָרט- און האנדל-שטעט, גענומען א טעטיקן אָנטייל ביים אנטוויקלען אין די געגנטן פון איבערישן האלב-אינדזל מלאכה און האנדל. ביים סוף אלטערטום זענען שוין אויך געווען יידישע ישובים אין די באַלעארישע אינדזלען, אין מאיאָרקא, מינאָרקא און אנדערע. א טייל רייכע יידן האָט זיך דאָ פארנומען מיט לאנדווירטשאפט און פארמאָגט גרויסע שטחים ערד, באשעפטיקנדיק אויף איר אויך שקלאפן-ארבעט. א טייל פון די יידישע מיליטער-לייט פון די דערמאָנטע רוימישע גרעניץ-גארניזאָנען אין צפון-שפּאניע האָט זיך איינגעצייטיק אָפּגעגעבן דער ארבעט אויף ערד, שאפנדיק א שיכט פון קליינע פּויערים.

אינעם לעצטן עטאַפּ פון אַלטערטום האָבן יידישע סוחרים פון איטאַליע זיך געיאוועט ביי די מיטללענדישע ברעגעס פון דרום-גאַליע (היינטיקן דרום-פראנקרייך). עס זענען פאראן שפּורן, וואָס ווייזן, אז דעמלט זענען שוין געווען קלענערע יידישע קהלות אין מאַרסעל, גאַרבאָן, אַרל. אינעם VI י״ה זענען שוין פאראן מער גענויערע ידיעות וועגן פארשידענע יידישע קאָלאָניעס און ישובים אין גאַרבאָן, ארל, אַוויניאָן, באָרדאָ, ליאָן, וועלכע לעבן מיט אן ענלעכן רעליגיעז-געזעלשאַפטלעכן און אָרגאַניזאציאָנעלן לעבן

ווי די יידישע קהלות אין דער געוועזענער רוימישער אימפעריע. דאָס זענען געווען האַנדלס־קאָלאָניעס פון די איטאַליענישע יידן. דער דאָזיקער עמבריאָן פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך איז ארומגעוועבט מיט לעגענדעס. אויפן גרונד פון די ערשטע קליינע ישובים פון יידן אין דרום־גאַליע און פון די האַנדלס־קאָנטאַקטן פון די איטאַליענישע ייחן מיט גאַליע, און אויך אויפן גרונד פון דער טיפער שנאה פון די יידן צו רוים איז, מסתמא, אויפגעקומען די לעגענדע, אַז דער גאַליער־פירער ווערסענזשעטאָריקס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַן אויפשטאַנד קעגן רוים, איז געווען אַ יידישער שקלאַף, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער רוימישער אונטערדריקונג.

אין די לעצטע צייטן פון דער מערבדיקער רוימישער אימפעריע האָבן יידן דערגרייכט דעם ריין־געביט און זיך באַזעצט אויך אין בריטאַניע (היינט: ענגלאַנד).

לויט געוויסע שפּורן זאָלן זיך געפינען קלענערע יידישע ישובים אין די היינטיקע דייטשישע שטעט באָן, רעגענסבורג, באַדענווײַלער שוין אין IV י"ה. לויט אַ געוויסער כראָניק פון וואָרמס זאָלן די ערשטע יידן דאָ האָבן געווען קריגס־געפאַנגענע פון יודעא, געבראַכטע דורך די גערמאַנישע לעגיאָנען פון טיטוסעס מיליטער.

די ערשטע יידן, איינוווינער פון דער שטאָט קעלן פונעם ריין־געביט, ווערן דערמאָנט אין אַ עדיקט פון דעם רוימישן קייסער קאָנסטאַנטין אין יאָר 321.

געוויסע קוועלן גיבן איבער, אַז בעת דעם ערשטן קרייץ־צוג (1098) האָבן די יידן פון די דייטשישע שטעט וואָרמס, רעגענסבורג און אולם זיך פאַרטיידיקט העראָיש, אַז זייערע אבות האָבן שוין דאָ געוווינט פאַר קריס־טוסעס געבורט, און במילא האָבן זיי נישט געקאָנט קרייציקן דעם נוצרי.

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון שפּאַניע, דרום־גאַליע, ריין־געביט און בריטאַניע האָט געהערשט אַ סך ווייניקער נויט און אָרעמקייט ווי ביי די איטאַליענישע יידן. עס זענען צווישן זיי געווען נישט בלויז רייכע סוחרים־אונטערנעמער, נאָר אויך רייכע באַאַמטע פון דער רוימישער אימ־פעריע. געוויסע פון די דאָזיקע רייכע יידן האָבן זיך מיט שטאָלץ אָנגערופן „סענאַטאָרן", הגם עס איז צו צווייפלען, צי זיי האָבן טאַקע געהאַט דעם דאָזיקן טיטל. און דאָך האָט די מערהייט יידן אויך פון שפּאַניע, דרום־גאַליע, ריין־געביט און בריטאַניע געליטן פון דער רוימישער אונטערדרי־קונג און געטרוימט וועגן אַ ראַדיקאַלער ענדערונג, פאַרבינדנדיק אָט די שטרעבונג מיט ביאת משיח, מיטן טרוים וועגן אָנקום פון משיח. וועגן דעם

שרייבט אין זיין קאָמענטאַר צו ישעיהו דער שוין=דערמאָנטער אַלט=קריסט=
לעכער מחבר היעראָנימוס, וועלכער גיט אָן, אַז אין זיין צייט, אין דער
צווייטער העלפט פון IV=טן און אָנהייב V=טן י״ה, זענען שוין געווען יידישע
ישובים אין די היינטיקע לענדער: ענגלאַנד, שפּאַניע, פראַנקרייך און
דייטשלאַנד.

די יידן — אחוץ קליינע אויסנאַמען — האָבן געפילט א גרענעצלאָזע
שנאה צו רוים, צו אָט דער מעטראָפּאָליע פון מענטש=פיינטלעכן שקלאַפן=
סיסטעם, פון מאָרד און רויב אין וועלט=פאַרנעם, וועלכע האָט דערשטיקט
אין בלוט די אויפשטאַנדן פון די פרייהייטס=קעמפער אין יהודה אונטער
דער אָנפירונג פון די קנאים און פון די סיקאָריער (סיקריקין) און מיט אַ 70
יאָר שפּעטער — פון בר=כוכבאַ, און אויך אין צפון=אַפריקע, און וועלכע
האָט פאַרוואַנדלט הונדערטער טויזנטער יידן אין שקלאַפן. עס איז אַבסאָלוט
פאַרשטענדלעך (הגם קיין דירעקטע באַווייזן זענען נישטאָ), אַז די יידישע
שקלאַפן האָבן זיך באַטייליקט אין די שקלאַפן=אויפשטאַנדן קעגן רוים.*
יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די בונטן פון די לעגיאָנערן און פּאָלקס=
מאַסן אין גערמאַניע, אילירוע (היינטיקע יוגאָסלאַוויע) און סיריע.

און ווען עס איז געקומען, אָנהייב V=טן י״ה, דער סוף פון דער מערב=
רוימישער אימפּעריע און אין איטאַליע האָבן זיך אַריינגעריסן די וויזיגאָ=
טישע שבטים, וועלכע האָבן — אַדאַנק דער הילף פון די שקלאַפן, קאָלאָנען,
און שטאָטישער אָרעמקייט — באַהערשט רוים, האָבן אויך דער יידישער
גאַסן=המון און די יידישע שקלאַפן=מאַסע אקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם
קאַמף, וועלכער האָט באַטייט א באַפרייונג פון שקלאַפעריי און פון דער
פאַרהאַסטער רוימישער הערשאַפט, און מיטגעהאָלפן צום נצחון פון די
באַרבאַרן. אויך די אַנדערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן
סימפּאַטיזירט מיט די אַריינדרינגלער. דערמיט קלערט זיך טיילווייז אויף
די סימפּאַטישע באַציונג פון די זיגערישע שבטים צו די יידן אין איטאַליע.

רוים, וואָס איז אַריין אין דער אַלטער יידישער טראַדיציע ווי א סימ=
באָל פון רשעות און פון שקלאַפעריי=קייטן, איז ענדגילטיק געפאַלן אין יאָר
476, צווישן אַנדערע אויך ביי דער מיטווירקונג פון די דורותלאַנג אונ=
טערדריקטע יידן.

---

* דאָס געשטאַלט פון האָוואַרד פאַסטס ראָמאַן „ספּאַרטאַקוס“, דער יידישער
שקלאַף דוד איז, אין קאָנקרעטן זין, אַ פּראָדוקט פון דעם אויטאָרס קינסטלערישער
אימאַגינאַציע, אָבער היסטאָריש גענומען איז זי אַ ריכטיקע.

אזוי ארום איז אויף די חורבות פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע, וועלכע האָט געטראָגן די יידן, פּונקט ווי אַנדערע פעלקער, אונטערדריקונג און באַרגיכטונג, געבליבן אין אייראָפּע עקזיסטירן א צאָלרייכער יידישער ישוב. אויפן שוועל פון אַלטערטום און מיטלאַלטער, אין דעם איבערגאַנג־פּעריאָד פון דער קראַנקנדיקער שקלאַפן־הערשערישער וועלט צום אויפגייענדיקן פעאָדאַליזם — האָבן די יידישע קיבוצים זיך געפונען כמעט אין אַלע פּערימאָריעס, איבער וועלכער עס האָט געהערשט דער רוימישער אָדלער, און אַרומגענומען א גרויסן שטח פון אייראָפּע: פון קליין־אַזיע, פּייל קאַווקאַז און קרים דורך דעם באַלקאַן און איטאַליע ביזן ריין, גערמאַניע, הרום־גאַליע, שפּאַניע און די באַלעאַרישע אײַנגעשלאָסן — פון איין זייט, און ביז בריטאַניע — פון דער צווייטער. אין די לענדער פון דרום־אייראָפּע, לענגוויס די באַסיינען פון שווארצן און מיטללענדישן ים איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דעם גרויסן יידישן ישוב אין אייראָפּע. פון דאַנען זענען אַרויסגעקומען די עלטסטע יידישע ישובים אין מערב־ און מיטל־אייראָפּע. דאָס דאָזיקע וויגעלע איז אויפגעקומען, ווי געזאָגט, אין אַלטערטום. שוין אין דער דאָזיקער תקופה, לפי ערך זינט דעם IV י"ה פ. ג. צ., האָבן יידן געלעבט אין געוויסע ערטער פון אייראָפּע נישט סתם ווי יחידים, נאָר ווי אַן עטנישער און קולטורעלער ציבור. אזוי ארום זענען די יידן איינע פון די עלטסטע קולטור־פעלקער אין אייראָפּע. זייער געשיכטע אין אייראָפּע דויערט שוין א סך לענגער פון 2000 יאָר.

זיי זענען אַריינגעטראָטן אין דער פרישער פעאָדאַלער תקופה מיט א דורותדיקער געשיכטע, מיט א לאַנגער דערפאַרונג פון אויפשטייגן און רדיפות, מיט א טראַדיציע פון וועלט־מסחר און מלאכה, מיט א פּיאָנערישן אונטערנעמערישן גייסט אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, מיט א גרויסער קולטור, אין וועלכער וועלטלעכע מאָטיוון האָבן זיך געראַנגלט מיט רעליגיעזע, מיט א קלאַסן־צעגלידערטער געזעלשאַפט און מיט א ריזיקער מאַסע באַפרייטע שקלאַפן, פּויערים, קאָלאָנען און נויטליידנדיקער שטאָטישער אָרעמקייט.

קאפּיטל צוויי

# די יידישע ישובים אין איטאַליע און שפּאַניע אין פריִען מיטלאַלטער

דעם 24־טן אויגוסט 410 האָבן די באַרבאַרישע* שבטים פון די וויזיגאָטן** אונטער דער אָנפירונג פון אַלאַריך זיך אַריינגעריסן קיין רוים, אין משך פון פינף טעג צעראַבעוועט די עשירות פון זיינע רייכע לייט און חרוב געמאַכט די שטאָט. די דאָזיקע דאַטע איז דער אָנהייב פונעם ענדגילטיקן סוף נישט בלויז פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע, נאָר בכלל פון דער אַלטערטימלעכער וועלט. נאָך ערגער איז רוים צעראַבעוועט און צעשטערט געוואָרן אין יאָר 455 בעתן אָנפאַל פון א צווייטן באַרבאַרישן שבט — די וואַנדאַלן. איבער מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע האָט זיך דער שטורעם אָנגעהויבן נאָך פריער, זינט דער צווייטער העלפט פון IV י״ה. די אונ־

---

* אַלע פרעמדע שבטים און פעלקער האָבן די רוימער באַצייכנט מיטן נאָמען — באַרבאַרן. אין דעם פאַל, ווערן אין דער געשיכטע אָנגערופן „באַרבאַרישע שבטים“ אַלע שבטים פון צענטראַל־אייראָפּע (די גערמאַנער, גאָטן, סלאַוון אא), וועלכע האָבן צעשטערט און צעריסן די רוימישע אימפּעריע.

** די באַרבאַרישע שבטים, וועלכע האָבן ביזן מיטן IV־טן י״ה באַוווינט די רחבותדיקע שטחים, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די שוואַרץ־ימיקע סטעפּעס ביזן דונאַי, און דערנאָך אונטערן דרוק פון די הונען זיך אַ רוק געטאָן קיין צענטראַל־אייראָפּע, האָבן זיך אָנגערופן גאָטן און זיך געטיילט אין: אָסטראָגאָטן, פון דעם גאָטישן וואָרט „אוסטראַ“ — גלענצנדיקע, און וויזיגאָטן, וואָס איז אויף גאָטיש דער טייטש — גוטע גאָטן. שפּעטער איז פון אָסטראָגאָטן געוואָרן אָסטגאָטן (די מזרח־גאָטן), און פון די וויזיגאָטן — וועסטגאָטן (די מערב־גאָטן). געשטויסן אויף מערב דורך די הונען האָבן זיי זיך באַזעצט ביי די גרענעצן פון דער רוימישער אימפּעריע, אין היינטיקן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, גענומען באַדראָען רוים און שפּעטער אַ סוף געמאַכט צו דער מערבדיקער רוימישער אימפּעריע.

וואזיע פון די הונען און די פעלקער־וואנדערונג, וואָס איז געקומען אין איר רעזולטאט (IV און V י״ה), האָבן גורם געווען ריזיקע איבערבאזעסונגען פון גאנצע שבטים. די מערב־רוימישע אימפעריע איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער געאָגראפישער קארטע, און אויף דער געשיכטלעכער ארענע זענען אויפגעטראָטן די באַרבארישע פעלקער: די אָסטראָגאָטן, וויזיגאָטן, פראַנקן, וואנדאלן — אין מערב־ און מערב־דרום־אייראָפּע, און די סלאוון — אין מזרח־אייראָפּע.

אין רעזולטאט פון דער אריינדריינגונג פון די באַרבארישע פעלקער און נאָך מער צוליב דעם שטורעם־אָנפלי פון די הונען, האָבן די לענדער פון מערב־און דרום־מערב־אייראָפּע, זייערע שטעט, קולטור, טעכניק און האנדל, געליטן א געוואלדיקע קאטאסטראָפע. אין חורבות זענען געבליבן ליגן גאנצע שטעט. דער ווייטגרייכנדיקער מסחר אין העם טייל פון דער וועלט איז כמעט אָפּגעשטאָרבן, נאָך א ריי האנדלס־וועגן איז נישט געבליבן קיין זכר. בארימטע פּאָרטן זענען פארוואנדלט געוואָרן אין ווייניק חשובע פישער־ישובים. עס איז אויך געקומען א געוואלדיקע ירידה פון דער קולטור און בילדונג. געלערנטע מענטשן האָט מען נאָך דער אינוואַזיע פון די באַרבארן געקאָנט טרעפן זייער זעלטן. נישט בלויז די ברייטע מאסע פון די אריינדריינגלער, נאָר אפילו זייערע מושלים האָבן נישט געקאָנט לייענען און שרייבן. אַ געוויסער אָסטראָגאָטישער קיניג, וואָס האָט דעראָבערט איטאליע, פלעגט זיך אונטערשרייבן דורך א שמיר מיט א פּענדזל. אויך די צאָל קריסטלעכע גייסטלעכע, וואָס האָבן געקאָנט עברי, איז געווען זייער קליין. מערב־אייראָפּע האָט געזונקען אין פינצטערניש און אומוויסן.

אָבער צוזאמען מיט דער קאטאסטראָפאלער ירידה פון די שטעט, פון דער ווירטשאפט און קולטור פון דער מערב־רוימישער אימפעריע איז געקומען דער קראך פון דער אלטער אָרדענונג, פון דעם שקלאפן־הערשערישן סיסטעם. אמת — האָט אַ טייל פון דער רוימישער שקלאפן־באזיצנדיקער אריסטאָקראטיע האָט פארנומען די באַרבארישע שבט־אריסטאָקראטיע מיט די קיניגן בראש, אָבער דער מצב פון די קאָלאָנען און שקלאַפן האָט זיך פארבעסערט. די שקלאפן האָבן באַקומען פערזענלעכע פרייהייטן, זיי זענען נאָר מחויב געווען צו געבן דעם האר, ביי וועמען זיי האָבן געארבעט, אַן אָפּצאָל אין געלט און נאטור. אזוי איז אויך געווען מיט די קאָלאָנען. זיי האָבן גענומען פארמאָגן אייגענע קליינע ערד־חלקים. די גערמאנישע דעראָבערער האָבן געבראכט מיט זיך א מער מילדערע, א מין פּאטריאר־כאלע באציונג צום שקלאף. אזוי ארום האָט זיך גענומען אויספאָרמירן אין

די דעראָבערטע געביטן א נייע באַציונג צווישן דעם אויסנוצער און אויסגע־נוצטן. אָנשטאָט שקלאַפן־אייגנטימער און שקלאַף פאָרעמט זיך אויס אין מערב־אייראָפּע — אונטער דער הערשאַפט פון די אָנגעקומענע באַרבאַרן — א באַציונג צווישן א האַר און אן אָפּהענגיקן פון אים פערזענלעך־פרייען פויער, וואָס מוז זיין אפּוטרופּוס אָפּגעבן א טייל פון זיין מי. אַזוי אַרום איז אויף די חורבות פונעם שקלאַפן־סיסטעם אויפגעקומען אין מערב־אייראָפּע דער נייער פעאָדאַלער סדר, וואָס — הגם זיין אויפקום איז געווען פאַרבונדן מיט א שווידערלעכער קולטור־פאַרניכטונג — האָט ער אָבער, צוליב זיין סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן תוך, באַטייט א שריט פאָרויס אינעם געשיכטלעכן פּראָצעס, און קודם כל א באַפרייונג פון מיליאָנען שקלאַפן פון זייערע קייטן.

ביים אָנפאַנג פון מיטלאַלטער, אין VI י״ה, ווען עס הייבט זיך אָן דער פעאָדאַלער פּראָצעס אין דער קאָנטינענטאַלער מערב־אייראָפּע, איז די לעצטע פאַנאַנדער־געטיילט אין דריי קיניגרייכן, פון דריי באַרבאַרישע פעלקער: פון די אָסטראָגאָטן אין איטאַליע, פון די וויזיגאָטן אין שפּאַניע און פון די פראַנקן אין גאַליע. אין אַלע די דריי קיניגרייכן האָבן זיך געפונען יידישע ישובים. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען אין שפּאַניע. ערשט מיט א דריי הונדערט יאָר שפּעטער וועט פעסטער און השובער ווערן דער יידישער ישוב אינעם פראַנקן־לאַנד. בנוגע די יידן פון איטאַליע קאָן מען זאָגן, אז אויפן פּאָן פון דעם אויבן אָנגעוויזענעם געוואַלדיקן קולטור־חורבן האָבן זיי אייגנטלעך א פאַרהעלטענישמעסיק הויכן קולטור־ניוואָ, געוועבט וויטער, טראָץ אַלע אָרומיקע שוועריקייטן, די טראַדיציע פון בילדונג, צוו. אנד. פון מעדיצין, און אדאַנק דעם געשפּילט א וויכטיקע און נישט זעלטן א פּיאָנערישע ראָל ביי דער קולטור־אַנטוויקלונג פון דער פאַרוואָרלאָזטער מערב־אייראָפּע. באַזונדערס צייכענען זיך אויס די יידן פון דרום־איטאַליע אין הינזיכט פון בילדונג.

עס איז פאַרשטענדלעך, אז אין רעזולטאַט פון די אָנפאַל־און מלחמה־אויפטרייסלונגען האָבן געוויסע טיילן יידן פון איטאַליע אויך געליטן. אָבער דאָס געווינס — דאָס פריי ווערן פון רוימישן יאָך—איז געווען אָן אַ שיעור גרעסער און ווערטפולער. די יידישע שקלאַפן האָבן אדאַנק דעם זיג פון די באַרבאַרן נעקאָנט אראָפּשליידערן פון זיך די קייטן פון טאָפּלטער אונטער־דריקונג. א גרויסער טייל פון די יידישע שקלאַפן ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין קליינע פויערים. זייער צאָל איז באַזונדערס גרויס אין דער טאָסקאַנישער פּראָווינץ. פאַר יידישע אונטערנעמער האָבן זיך געעפנט פערספּעק־

טיון פון צוריקאויפשטעלן דעם מסחר און די האנדלס־וועגן. די יידישע קולטור־עלעמענטן האָבן געזען פאר זיך א נייעם ברייט פעלד פון טעטיקייט. די יידישע קאָלאָניעס און בעל־מלאכות האָבן אויך — פונקט ווי די נישט־יידישע — אָפּגעאָטעמט, ווייל די נייע גאָטישע מושלים האָבן מילדער גע־מאכט דעם שטייער־דרוק, און איבערדעם ערשטן פעריאָד בכלל נישט אָנגע־ווענדעט קיין שטייערן.

די גאָטן האָבן נישט געקוקט אויף יידן ווי אויף א נידעריקן עלעמענט, אזוי ווי די רוימער. די יידן זענען געשטאנען העכער פון זיי אין ווירט־שאפטלעכן און קולטורעלן זין און, דער עיקר, זיי האָבן געהאָלפן אין דעם קאמף אראָפּצוווארפן רוימס יאָך.

בפרט האָט געמילדערט די לאגע דער פאקט, וואָס דער רוב פון די נייע הערשער, פון די גאָטן, איז געווען געגענגט צום אריאניזם — צו דער אָפּאָזיציאָנעלער לערע אינעם קריסטנטום, וועלכע האָט געזוכט א סינטעז פון גלויבן מיטן שכל און געזען א גאָט בלויז אינעם גאָט־גייסט און נישט אין ישון און אין דער הייליקער מוטער, וועלכע זענען — לויט אריוסעס תורה — אויפגעפאסט געוואָרן ווי מענטשן, אָדער ווי צווייטראנגיקע פי־גורן אין פארגלייך מיטן איינציקן גאָט. דער מאָמענט איז וויכטיק אויף אזוי פיל, וואָס אין דער ביזאנטישער מלוכה איז דאָס קריסטנטום אין זיין אָרטאָדאָקסאל־קירכלעכער געשטאלט שוין געווען דעמלט אָנגערקענט ווי די אָפיציעלע מלוכהשע רעליגיע, און צוזאמען מיט דעם האָבן זיך נאָך מער פארשארפט אין די געביטן פון מזרח־רוימישן קייסערטום די רדיפות קעגן יידן. אין די אריאנער האָבן די יידן געזען א פארבינדעטן אינעם קאמף קעגן דער קריגערישער קריסטלעכער מלוכהשער קירך.

די נייע הערשער פון איטאליע, די אָסטראָגאָטן, זענען געווען אריא־נער. אונטער זייער ממשלה איז אין אלגעמיין די לאגע פון דער דאָרטיקער יידישער באפעלקערונג געווען א גוטע. פאמעלעך האָט מען גענומען בויען א נייע לעבן אויף די חורבות, יידישע אונטערנעמער האָבן גענומען צוריק־שטעלן איטאליעס צווישנלענדישן האנדל. אדאנק די קאָנטאקטן צווישן די יידן פון איטאליע און צפון־אפריקע, ווו עס האָט געהערשט דאָס דעראָ־בערישע בארבארישע פאָלק די וואנדאלן, איז וויהער באלעבט געוואָרן דער מסחר אין דעם טייל פון מיטללענדישן ים. די יידישע סוחרים האָבן איינ־געשטעלט און געשטארקט דעם שיף־פארקער צווישן איטאליע און גאליע.

אין מיטן פון VI י"ה האָט אָבער אָנגעצויגן א פרישע פארניכטנדיקע געפאר אויף דער אָסטראָגאָטישער מלוכה אין איטאליע, אויף דער וואנ־

דאַלישער מלוכה אין צפון־אפריקע, אויף די דעראָבערונגען פון די דאָר־טיקע שקלאַפן און קאָלאָנען און אויף דער עקזיסטענץ פון די יידן. דער ביזאַנטישער קייסער יוסטיניאַנוס I (527—565), וועלכער האָט גע־שטרעבט צו הערשטיקן די ניי־אויפקומענדיקע פעאָדאַלע אָרדענונג און די באַרבאַרישע מלוכות און צוריקאויפשטעלן דעם אַלטן שקלאַפן־סיסטעם און רעסטאַווירן די אַלטע רוימישע וועלט־אימפּעריע, האָט אָרגאַניזירט א מלחמה־צוג אויף דער אָסטראָגאָטיש־איטאַליענישער מלוכה. אין דרום־איטאַליע איז אריינגעדרונגען א גרויסע ביזאַנטישע ארמיי אונטער דער אָנפירונג פונעם געניטן מיליטער־פירער בעליזאַרעס. אין אָנבליק פון דער דאָזיקער געפאַר האָבן זיך די איטאַליענישע יידן פאַראייניקט מיט די אָס־טראָגאָטן און גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער מלחמה קעגן די בי־זאַנטער. די יידן האָבן נישט בלויז פאַרטיידיקט זייערע דעראָבערונגען. אין ביזאַנץ האָבן זיי געזען דעם המשך פון אמאָליקן רשעותדיקן רוים. ביזאַנץ איז געווען באַקאַנט מיט אירע שווידערלעכע רדיפות אויף יידן.

באַזונדערס גרויס איז געווען דער אָנטייל פון די יידן אין נעאַפּאָל אין פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן בעליזאַרעסעס חיילות. די יידן האָבן נישט בלויז באַזאָרגט דאָס אָסטראָגאָטישע מיליטער פון דער שטאָט מיט שפּייז, נאָר חוץ דעם גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון דער ים־זייט פון שטאָט. זיי האָבן אזוי מסירת־נפשדיק געקעמפט, אז בעליזאַרעס איז גע־ווען געצווונגען צו רעזיגנירן פון אטאַקירן נעאַפּאָל פון דער ים־זייט און בלויז אַדאַנק א ביטערן פאַרראַט איז אים געלונגען צו דעראָבערן די שטאָט. ער האָט, נעמלעך, אָפּגעלענקט די וואַסער־לייטונג און דורך דעם אויסגע־טריקנטן קאַנאַל האָט דער ביזאַנטישער חייל זיך אריינגעריסן אין שטאָט. דער דעמלטיקער בראָניקער פּראָקאָפּיוס שטרייכט אונטער, אז די נעאַפּאָ־לער יידן האָבן געקעמפט מיט מוט און גבורה.

אויך אין אַנדערע ערטער האָבן די יידן פון איטאַליע גענומען א באַ־וואָפנטן אָנטייל אין פאַרטיידיקן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט די גאָטן, קעגן דער ביזאַנטישער אינוואַזיע. דאָס אַליין האָט פאַרשטאַרקט ביי די גאָטן די סימפּאַטיע צו די יידן.

דער זיג פון די ביזאַנטישע ארמייען איבער די אָסטראָגאָטן, אין יאָר 554, האָט צוריקגעקערט אין א טייל איטאַליע די אַלטע, שווערע צייטן. יוסטיניאַנוס האָט פאַרטריבן די אָסטראָגאָטן, צוריק איינגעשטעלט די שקלאַפעריי אין דעם שווערן שטייערן־סיסטעם, גענומען רודפן די יידן. די ביזאַנטער האָבן אויך באַזיגט די וואַנדאַלישע מלוכה אין צפון־אפריקע,

און צוליב דעם האָט געליטן דער יידישער מסחר. אָבער לאַנג האָט די רעסטאַוראַציע פונעם שקלאַפן־סיסטעם און פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ נישט געדויערט. בקרוב נאָך יוסטיניאַנוסעס טויט זענען פון אָנגעקומען און זיך אריינגעריסן אין איטאַליע די לאַנגאָבאַרדן, אויך א באַר־ באַרישער שבט, און וועלכע די באַפעלקערונג, וואָס האָט געליטן פון דער אומזעגלעכער ביזאַנטישער אונטערדריקונג, האָט געזען א נייעם אויס־ לייזער. אויך די איטאַליענישע יידן האָבן מיט סימפּאַטיע אויפגענומען די לאַנגאָבאַרדן, וועלכע האָבן זיי באַפרייט פון טאָפּלטן ביזאַנטישן יאָך. מען קאָן אָננעמען פאַר זיכער, אַז די יידן פון איטאַליע, און בפרט די שקלאַפן, קאָלאָנען און שטאָטישע סוחרים און אָרעמקייט האָבן אַקטיוו און מיט געווער אין האַנט מיטגעהאָלפן די לאַנגאָבאַרדן אַרויסצוטרייבן די פאַרהאַסטע ביזאַנטישע חיילות און צו באַהערשן דאָס לאַנד.

אין דער באַהאַנדלטער תקופה, אין דער איבערברוך־צייט פונעם קראַך פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע, האָט זיך דער וויכטיקסטער יידישער אייראָפּעישער ישוב געפונען אין שפּאַניע. דער יידישער ישוב אינעם איבע־ רישן האַלב־אינדזל האָט שוין דעמלט געהאַט אַדורכגעמאַכט א געוויסע אַנטוויקלונג, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיטן היסטאָרישן פּראָצעס פון לאַנד.

ווען די יידן זענען אָנגעקומען קיין שפּאַניע, אין דעם ערשטן פּעריאָד פונעם רוימישן קייסערטום, האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג, די איבע־ רישע שבטים, אַדורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פונעם פאַנאַנדערפאַל פון דער אַלטער אורשפּרינגלעכער געמיינשאַפט־אָרדענונג און איר אָרט האָט פאַר־ נומען דער שקלאַפן־סיסטעם. רוים האָט געפּלינדערט אָן רחמנות די אוצרות פונעם לאַנד און נעהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון די אָרטיקע פּראָדוקטיוו כוחות. די אָרטיקע ערד־אַריסטאָקראַטיע און רייכע סוחרים האָבן יד אחת מיט די רוימישע שקלאַפן־באַזיצער בארויבט און אונטערדריקט דאָס פאָלק. די ערשטע גרופּן יידן, וואָס זענען געצוונגענערהייט געבראַכט געוואָרן אַהער דורך רוים, זענען געווען מיליטערישע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן גע־ האַט די אויפגאַבע צו היטן די גרענעצן. ערשט אין II י"ה קומט אָן קיין שפּאַניע א נייע יידישע אימיגראַציע־כוואַליע, וועלכע טראָגט שוין אן אַנ־ דערן כאַראַקטער. אין II י"ה גייט אַרויס די מלאכה־ און אַגריקולטור־ פּראָדוקציע אַליין מער פון דעם צענטער פון דער רוימישער אימפּעריע, פון איטאַליע, און פאַרשפּרייט זיך אין די אונטעריאָכטע רוימישע פּראָווינצן, צווישן אַנדערע אין שפּאַניע און גאַליע. מאַסן יידן באַזעצן זיך אין שפּאַניע

און אירע אינדזלען אויף ערד, אָדער ווידמען זיך האַנדל= און מלאכה=טעַ=
טיקייט. די באַציונגען פון די יידן מיט דער אָרטיקער איבעריש=קעלטישער
באַפעלקערונג זענען געווען גוטע. ביידע באַפעלקערונג=טיילן האָבן געהאַט
איין געמיינזאַמען שונא: די רוימער. נאַטירלעך, איז צווישן די דאָרטיקע
יידן אויך געווען אַ דינער שיכט גרויסע ערד=באַזיצער און רייכע סוחרים,
וועלכע זענען געווען פאַראינטערעסירט — פונקט ווי די אָרטיקע לאַנד=
אַריסטאָקראַטיע — אין די הערשנדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַר=
העלטענישן.

פאַר די גוטע קעגנזייטיקע באַציונגען איז אויך נישט געווען קיין שטע=
רונג דער פאַקט, וואָס דער לאַטיניזירטער טייל פון דער איבעריש=קעלטי=
שער באַפעלקערונג האָט אָנגענומען דעם קריסטנטום. דער יידישער ישוב
איז געווען פאַרוואָרצלט און האָט געשפּילט אַ וויכטיקעווירטשאַפטלעכע
ראָל אין לאַנד. די יידן, וועלכע האָבן זיך לכתחילה קאָנצענטרירט דער עיקר
ביי די מזרחדיקע ים=ברעגן פון שפּאַניע, האָבן זיך פאַרנומען מיט מלאכה,
האַנדל, שיף=פאַרקער, לאַנדווירטשאַפט און צום טייל געדינט אין די מילי=
טערישע גאַרניזאָנען. די קלאַסן=דיפערענצירונג ביי די שפּאַנישע יידן איז
געווען אַ גרויסע. אויף איין סאָציאַלן פּאָלוס באַגעגענען מיר ביי די דאָרטי=
קע יידן גרויסע ערד=באַזיצער און פּלאַנטאַטאָרן, שיף=אייגנטימער און אויך
רייכע סוחרים; אויפן אַקעגנאיבערדיקן פּאָלוס — קליינע בעל=מלאכות און
לאַנדווירטן, בתוכם אַ סך אָרעמע אַרענדאַרן, מאַטראָסן און אַפילו שקלאַפן.
אין דעם צווישנלענדישן מסחר, ים=פאַרקער און מלאכה שפּילן די שפּאַנישע
יידן, אין ווירטשאַפטלעכן זין, אַ פּראָגרעסיווע ראָל פאַרן לאַנד. אין דער
זעלבער צייט איז די אָרטיקע איבעריש=קעלטישע באַפעלקערונג נאָך שוואַך
פאַרטראָטן אין די שטעט; זי באַשטייט ס'רוב פון איין זייט — פון גרויסע
ערד=באַזיצער און מיליטער=לייט, פון דער צווייטער — פון פויערים. אין
גרעסטן טייל איז דאָס אַ דאָרפישער עלעמענט.

אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון לאַנדווירטשאַפט, מסחר, מלאכה און
שיף=פאַרקער ווערט שפּאַניע אין IV=טן י"ה אַ ווירטשאַפטלעך=שטייגנדיק
לאַנד. פון שפּאַניע גייט אָן אַן עקספּאָרט פון באַקלייד=אַרטיקלען, אייל,
פעטס, בהמות און פון אַ ספּעציעלן מין גראָז, פון וועלכן מען פלעגט אויס=
אַרבעטן גראָבע שטריק פאַר שיפן. אין דעם דאָזיקן עקספּאָרט שפּילן אַ וויכ=
טיקע ראָל אויך יידישע סוחרים.

צווישן די מאַסן פּשוטע יידן פון שפּאַניע, בפרט צווישן די פויערים,
קאָלאָנען, שקלאַפן, האָבן גענורטעוועט מרידה=שטימונגען. די סיבות זענען

געווען סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּונקט ווי ביי דער גאַנצער פאַרשקלאַפטער באַפעלקערונג פון איבערישן האַלב־אינדזל. אין דעם פעריאָד פון III־טן ביזן V־טן י"ה טראָגן זיך דורך אין לאַנד כוואַליעס פון כסדרדיקע בונטן פון שקלאַפן און קאָלאָנען. אין דעם זעלבן פעריאָד פאַלט אויס דער אַקטיווער ווידערשטאַנד פון די יידן אויפן שפּאַנישן אינדזל מינאָרקאַ קעגן די דיווערסאַנטישע אַנטי־יידישע אומרוען, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך געוויסע ביסקופן. די יידישע באַפעלקערונג פון דעם דאָזיקן אינדזל איז באַשטאַנען דער עיקר פון פּויערים־קאָלאָנען און שקלאַפן. עס זענען דאָרטן אויך געווען, ווי געזאָגט, יידישע גרויסע גוטבאַזיצער.

ביזן דערשיינען פונעם קריסטנטום ווי אַן אָפיציעל אָנערקענטע מלוכהשע רעליגיע האָבן די שפּאַנישע יידן נישט געוווּסט פון קיין ספּעציעלע רדיפות. די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פון די יידישע גרויסע ערד־באַזיצער, סוחרים און מער באַמיטלטע בעל־מלאכות אין לאַנד איז געווען אַ פעסטע. דער ערשטער פּרווו אונטערצוגראָבן זייער פּאָזיציע זענען געווען די באַשלוסן פון קאָנציל־צוזאַמענפאָר פונעם קאַטוילישן קלער אין עלווירא (ביי גראַנאַדאַ) אין IV־טן י"ה, אין דער צייט, ווען שפּאַניע האָט נאָך געהערט צו דער רוימישער אימפּעריע, וואָס אין איר שפּיץ איז דעמלט געשטאַנען דער קייסער דיאָקלעציאַנוס (284—305). פאַר זיין צייט זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן די רדיפות קעגן דער קריסטלעכער קירך, וועלכע איז פּאַקטיש שוין געוואָרן כמעט ווי אַ מלוכהש־אָנערקענטע אַלגעמיינע רעליגיעזע אינסטיטוציע. און ווי נאָר די קירך איז אַרויס פון אומלעגאַליטעט און איז געוואָרן אַ בעל־דעה אין עפנטלעכן לעבן, אַזוי האָט זי גלייך גענומען רודפן אַלע „כופרישע" לערעס און אויך די יידן. צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן ביים באַהאַנדלען די לאַגע פון די יידן אין ביזאַנץ. דאָ ווילן מיר בלויז אונטערשטרייכן, אַז דער קאָנציל אין עלווירא האָט באַשלאָסן אָנצונעמען שאַרפע מיטלען קעגן די יידן. דאָס איז געווען אַ שריט מצד דער קירך, וועלכע האָט געדינט די אינטערעסן פון דעם רוימישן קייסער, צו דערשטיקן אַלע אַנטירוימישע כוחות אין שפּאַניע, אַלע פון צענטער־אַוועקגייענדיקע עלעמענטן. דער ציל פון די קאָנציל־באַשלוסן איז געווען אָפּצורייסן די אָרטיקע, קעלטיש־איבערישע לאַטיניזירטע באַפעלקערונג פון די יידן און פון די קריסטלעכע כופרים, דורך אַ גאַנצער ריי גזירות, אַ שטייגער: דער קאָנציל האָט פאַרלאַנגט צו פאַרבאָטן געמישטע התונות צווישן קריסטן און יידן, און צווישן קריסטן און כופרים; צו פאַרווערן יידן זיך צו באַטייליקן אין פייערונגען פון קריסטלעכע משפּחות און צו פראַווען

געמיינזאַמע מאָלצייטן; צו פאַרבאָטן קריסטן זיי זאָלן בעטן די יידן צו בענטשן זייערע פעלדער. דאָס אַלץ זאָגט עדות אויף די גוטע — פריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע — באַציונגען, וואָס האָבן אין יענער צייט געהערשט צווישן יידן און קריסטן אין שפּאַניע; צווישן יידן און קריסטן אין שפּאַניע פלעגן דעמלט פאָרקומען געמישטע חתונות און די באַציונגען צווישן די צוויי באַפעלקערונגס-טיילן זענען געווען פריינדשאַפטלעכע.

לאָמיר צוגעבן, אַז קעגן געמישטע חתונות זענען אויך אַרויסגעטרעטן די יידישע גייסטלעכע.

קיין ממשותדיקן באַטייט האָבן די דאָזיקע קאָנציל-באַשלוסן נישט געהאַט. דאָס לעבן איז געווען שטאַרקער פון די קאַטוילישע גזירות. איבעריקנס, איז די חשיבות פון דער קאַטוילישער קירך אינגיכן שטאַרק געזונקען, ווייל נאָכן אַריינדרינגען פון די וויזיגאָטן אויפן איבערישן האַלב-אינדזל אַנטשטייט אין יאָר 412 אין שפּאַניע אַ וויזיגאָטיש קיניגרייך און די וויזיגאָטן, וועלכע האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום, זענען אָבער געווען אָנהענגער פונעם אַריאַניזם. דער אַריאַניזם האָט פאַר די וויזיגאָטישע מושלים געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט: ער איז געווען אַ שוץ קעגן דער רוימישער און ביזאַנטישער וועלט-הערשאַפט-עקספּאַנסיע, וועלכע האָט זיך געפּלאַסטערט אַ וועג אויך דורך דעם אוניווערסאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטישן קאַטאָליציזם. דער אַריאַניזם האָט אינעם קאָנקרעטן פאַל אונטערגעשטראָכן די נאַציאָנאַל-מלוכהשע באַזונדערקייט פון דער וויזיגאָטישער שפּאַניע. די וויזיגאָטישע מושלים זענען געווען פאַראינטערעסירט אין אַ גלייכגעוויכט צווישן די דריי פאַרשידנגלויביקע באַפעלקערונגס-גרופּן אין לאַנד: די קעלטיש-איבערישע קאַטאָליקן, די וויזיגאָטישע אַריאַנער און די יידן. כל זמן די וויזיגאָטן זענען געבליבן אַריאַנער, זענען אין שפּאַניע נישט געווען קיין שום אויסנאַם-געזעצן לגבי יידן. די באַגינסטיקנדיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן ישוב אין שפּאַניע האָבן געדויערט העכער אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר. דאָס איז געווען אַ צייט פון אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות אין לאַנד, פון מלאכה און האַנדל, פון דעם אָנהייב פון פעאָדאַליזיר-פּראָצעס. אָבער צוזאַמען מיט דער פעאָדאַליזירונג פון לאַנד פאַרשטאַרקט זיך די אונטערדריקונג און פאַריאָכונג פון פּויערטום, וואָס הייבט ווידער אויף אַ בונט-באַוועגונג. אין שייכות דערמיט פאַרשאַרפט זיך דער טעראָר פון דער קירך לגבי פּויערים און יידן. דער גרעסטער פעאָדאַל, דער קיניג, זעט אין דער קאַטוילישער קירך אַ שוץ פאַר די אינטערעסן פון די גרויסע פעאָדאַלע באַזיצער.

אין יאָר 589 קומט דער צווייטער שאַרפער עפנטלעכער ארויסטריט פון דער קאַטויליש־שפּאַנישער קירך קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם יאָר איז פאָרגעקומען דער דריטער קאָנציל פונעם שפּאניש־קאטוילישן קלער אין טאָלעדאָ. אויפן דאָזיקן קאָנציל איז פאָרגעקומען א וויכטיקער אקט: דער קיניג פון די וויזיגאָטן רעקאַרעד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אריאַניזם און אָנגענומען דעם קאטאָליציזם, אין וועלכן דער קיניג און זיינע נאָענטסטע זעען א גלענצנדיקע אידעאָלאָגישע קראפט, וואָס איז בכוח צו פארטיידיקן זייערע קלאסן־אינטערעסן סיי קעגן די פאָלקס־מאסן, סיי קעגן די פארשידענע קלענערע פעאָדאלן פון אייגענעם וויזיגאָטישן לאגער. א געוויסע השפעה אויף דער דעציזיע פון רעקאַרעדן האָט אויך די אינטערנאציאָנאלע לאגע, און קודם כל די זיגן און טעריטאָריעלע דעראָבערונגען פון דעם ביזאנטישן קייסער יוסטיניאַנוס, וועלכער האָט אין יאָר 554 פארכאפט א טייל דרום־שפּאניע. צוזאמען מיטן אָפּזאָגן זיך פון אריאניזם קומט א פארשארפטער אינערלעכער קורס אין לאנד און ראשית כל — שארפע באגרענעצונגען לגבי דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע איז געווען און געבליבן א פארבינדעטע פון די אריאנער. דער קאָנציל אין טאָלעדאָ הזרט איבער דעם פארבאָט פון געמישטע חתונות פון יידן מיט נישט יידן; א ראיה, אז דער פריערדיקער פארבאָט האָט ווייניק געהאָלפן; דער קאָנציל האָט באשלאָסן צו באפרייען אלע יידן פון מלוכהשע שטעלעס, באשטימט טויט־שטראָף פאר מגיר זיין א קריסט, אלציינס צי ער איז א פרייער מענטש, אָדער א שקלאף. הגם קיין גרויסן ממשותדיקן באטייט האָבן די דאָזיקע באשלוסן נישט געהאט, ווייל די באזונדערע פעאָדאלע הארן אין לאנד האָבן זיך געקערעוועט אין דער פראקטיק לויט זייערע אייגענע תקנות, און די יידן זענען זיי צוליב עקאָנאָמישע און טיילווייז מיליטערישע סיבות געווען נייטיק, האָט אָבער דער קאָנציל פון טאָלעדאָ אַוועקגעשטעלט די יידן אין אַ לאַגע פון פרעמדע, אָדער פון איינוווינער פון א צווייטער מדרגה.

א באַדייטנדיקער טייל פון די שפּאנישע יידן איז ארויסגעטראָטן מיט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד אין שוץ פון זייערע רעכט. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיי זיך פארבונדן מיט די אריאניזם־טרייע וויזיגאָטישע פעאָדאלן, וועלכע זענען ארויס אין אויפשטאנד קעגן דעם וויזיגאָטיש־קאטוילישן קיניג פון שפּאַניע סיסיבוט (ערשטע העלפט פון VII י"ה). אין קאַמף קעגן די פאראייניקטע אויפשטענדלער (אריאנער און יידן) פארבינדט זיך סיסיבוט מיט דעם ביזאַנטישן קייזער הערַאקליוס (610—641), וועלכער

שטרעבט צו פארכאפן שפאניע. הערעקליוס איז גרייט צו געבן סיסיבוטן הילף, אָבער אונטערן תנאי, אז פאר די שפאנישע יידן וועט געשטעלט ווערן איין ברירה: שמד אָדער טויט. הערעקליוסעס ציל איז געווען צו שאפן אן איינהייטלעכע קאטוילישע זעלבסטהערשערישע מלוכה אָן אריאנער און אָן יידן, ד. ה. אָן שום אינערלעכע ווידערשטאנדן.

אַט אזוי האָט זיך פאראייניקט נאציאָנאלער פאראט (סיסיבוט) מיט יידן־אויסראָטונג (הערעקליוס).

די יידן האָבן רעאגירט פארשידנארטיק. איין טייל יידן האָט קאָנטי־נואירט, צוזאמען מיט די אריאנער, דעם אקטיוון ווידערשטאנד, וועלכער האָט מיט איבעררייסן געדויערט ארום 150 יאָר. אין VII י״ה זענען נאָך גרייסע צאָלן יידן געווען פארטראָטן אין די גרענעץ־גארניזאָנען פון שפאניע און קאָנצענטרירט אין זייערע הענט באדייטנדיקע סכומים געווער. א צווייטער טייל איז אוועק אין די בערג און געשטעלט א פאסיוון ווידערשטאנד. א געווויסע צאָל יידן איז אנטלאָפן קיין גאַליע (פראנקן־לאנד). אנדערע האָבן לפנים אָנגענומען דעם קריסטנטום. נאָך סיסיבוטס טויט האָט זיך די לאגע פון די יידן געשטאַלטיקט פארשיידן. אָבער זייער לעבן איז שוין נישט גע־ווען קיין סטאבילס — צייטן פון אומלעגאַליטעט און גזירות האָבן אָפּט פארטווישט קורצע אָטעם־פויזעס פון לעגאַלן קיום און אפילו אויפשטייג. צו די סאַמע טרויעריקסטע בלעטער פון דער געשיכטע פון יענער צייט גע־הערט די גזירה פון דעם קיניג אין יאָר 694, ווען פאַר די יידן איז געשטעלט געוואָרן — אינעם גייסט פון דעם ביזאנטישן קייסער הערעקליוס — די ברירה: שמד, אָדער — בלייבן אויסערן געזעץ, פארוואנדלט ווערן אין לייב־אייגענע פויערים, אָדער פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן. אָבער אַפילו די דאָזיקע גזירה האָט געמוזט מאכן אן אויסנאם פאר די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די בערג־איבערגענג ביי די גרענעצן פון גאַליע און זענען געווען באשעפטיקט אלס מיליטערישע גרענעץ־וואך. הייסט עס, אז די דאָזיקע יידן האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך א גענוג שטאַרקן און מלוכהש נייטיקן כוח.

אַט אַזוי איז די יידישע באפעלקערונג, וועלכע איז געווען אַ פיל עלטערער עלעמענט אין לאנד ווי די וויזיגאָטן, אראָפּגענידערט געוואָרן צו א רעכטלאָזער מאסע, א געשליידערטע אין כף הקלע פון כסדרדיקער אומזיכערקייט. אין משך פון א הונדערט יאָר גזירות און רדיפות איז דער יידישער ישוב געוואָרן אויסגעבלוטיקט און אָפּגעשוואכט. אָבער פון דער

צווייטער זייט האָט דער לאַנגדויערנדיקער ווידערשטאַנד פאַרהאַרטעוועט א טייל פון די שפּאַנישע יידן. דער ווידערשטאַנד איז אָבער נישט ביכולת געווען צוריקצושטעלן די צייטן פון פאַר דעם טריומף פונעם קאַטאָליציזם אין לאַנד.

א טיפּע ענדערונג איז געקומען נאָכן יאָר 711 — אין דעם דאָזיקן יאָר איז די ווזיגאָטיש-קאַטוילישע מלוכה, וועלכע איז געווען צערים צוליב די אינערלעכע קאַמפן צווישן די פעאָדאַלן, צעקלאַפּט געוואָרן דורך די אַראַבער און צפון-אַפריקאַנישע בערבערן, וועלכע זענען מיט אימפּעטפולע אָנגריפן אַריינגעדרונגען אין שפּאַניע און באַהערשט דאָס לאַנד אויף אַ לאַנגער היסטאָרישער צייט פון איבער 7 הונדערט יאָר.

אין דער געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע הייבט זיך אָן א נייַ קאַפּיטל, וואָס איז אריין אין דער געשיכטע אונטערן פילזאָגעוודיקן נאָמען: אַראַביש-יידישע תקופה. עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו מיינען, אז די דאָזיקע תקופה איז געווען כולו שיין. ווי יעדע פעאָדאַלע תקופה, איז אויך די געווען פול מיט קעגנזאַצן, וועלכע האָבן פאַרן יידישן ישוב געבראַכט צוזאַמען מיט א ריי דערשיינונגען פון גלאַנץ און רום אויך נישט ווייניק צרות און ליידן.

די שטורמישע פּאָרויסמאַרשן פון די אַראַבער אין VII י"ה און זייערע ווייזיקע טעריטאָריעלע דעראָבערונגען האָבן נאָך מער אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פון דער אַלטער וועלט און זי אויפגעטרייסלט אין א געוואַלדיקער מאָס. מיטן לאָזונג „איל אַללא איללא אַללא, איל אַללא איללא הו אומוכאַמעד ראסול אַללא“ (נישטאָ קיין גאָט אויסער אַללאַ און מוכאַמעד איז זיין נביא) האָבן זיך די צאָלרייכע מחנות פון אַראַבער ארויסגעלאָזט צו באַהערשן די וועלט. דער איסלאַם, וואָס איז אויפגעקומען אינעם אַראַבישן האַלב-אינדזל, איז געווען באַקוועם דער אַראַבישער שבטים-אַריסטאָקראַטיע צו פאַראייניקן אַלע שבטים, כדי ווירקזאַמער צו דערשטיקן די בונטן פון די וואַנדערנדיקע בעדואינער און צו באַשיצן די האַנדלס-וועגן, וועלכע זענען באַדראָט געווען דורך איראַן און אביסיניע. אויסנוצנדיק די לאַנגדויערנדיקע מלחמות אַרום די האַנדלס-וועגן צווישן איראַן און ביזאַנץ, וועלכע זענען אין פועל יוצא פון אָט די קריגן באַדייטנדיק געוואָרן אָפּגעשוואַכט, האָבן די אַראַבער — בפרט אונטער דער אָנפירונג פונעם קאַליף* אָמאַר (634—644) באַהערשט א ריזיקן שטח: פּאַלעסטינע, סי-

* קאַליף — מוכאַמעדס פאַרטרעטער.

ריע, איראַק, איראַן, אזערביידזשאַן, א טייל פון צענטראַל־אזיע און עגיפּטן. מיטן דעראָבערן עגיפּטן האָבן די אַראַבער דערלאַנגט ביזאַנץ דעם שטאַרקסטן קלאַפּ, ווייל מצרים איז געווען דער שפּייכלער פון ביזאַנץ. דער־נאָך האָבן די אַראַבער פון עגיפּטן דורכגעמאַכט אַ דעראָבערישן פּאָרויס־מאַרש דורך צפון־אפריקע, וווּ עס האָבן זיך צו זיי פּאַראייניקט די בער־בערישע שבטים, אַזש ביז שפּאַניע. אין יאָר 711 זענען די אַראַבער און בערבערן, וועלכע האָבן צוזאַמען אין שפּאַניע זיך אָנגערופן מױרן, אריינ־געדרונגען קיין שפּאַניע. אין יאָר 718 האָבן זיי שוין געהאַט אין זייערע הענט דעם גרעסטן טייל פון לאַנד. צווישן די דעראָבערטע היילות האָבן זיך, לויט געוויסע וואָרשיינלעכקייטן, אויך געפונען צאָלרייכע אָפּטיילונגען פון צפון־אַפריקאַנישע יידן אונטער אַן אייגענער אָנפירונג. די יידישע באַפעלקערונג פון די לענדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער־הערשאַפט פון ביזאַנץ, האָט געשטיצט די אַראַבישע אריינדרינגלער, ווייל ביזאַנץ האָט געדראָט די יידן ניט בלויז מיט רעליגיעזער, נאָר צום טייל אויך מיט ביאָלאָגישער פאַרטיליקונג. אין די דעראָבערטע לענדער, למשל, אין מעזאָפּאָטאַמיע (איראַק), האָבן די אַראַבישע זיגער זיך באַצויגן צו די יידן אַזוי ווי צו די קריסטן, זיי געגעבן אַן אינערלעכע אויטאָנאָמיע, געלאָזט זיך אויסלעבן עקאָנאָמיש און קולטורעל־רעליגיעז, מיט דער איינציקער באַגרענעצונג, וואָס די יידן (און אויך די קריסטן) האָבן געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן קאָפּ־שטייער. נאָכן אָפּצאָלן דעם דאָזיקן שטייער זענען די יידן געווען פרייע מענטשן.

די אַראַבישע אַרמייען האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שוואַכן ווידערשטאַנד מצד די וויזיגאָטיש־קאַטוילישע פעאָדאַלן, וועלכע זענען געווען צווישן זיך צעקריגט און צערים. דער לעצטער וויזיגאָטישער קיניג ראָדעריק איז אַנטלאָפן און אפּנים געוואָרן דערהרגעט דורך די אייגענע זעלנער. די פּשוטע פאָלקס־מאַסן פון לאַנד, און בתוכם די יידן, האָבן אויפגענומען די אַראַבער מיט סימפּאַטיע. דאַקעגן די ידיעה, וואָס ווערט איבערגעחזרט אין פאַר־שידענע געשיכטע־ביכער, אַז די שפּאַנישע יידן זאָלן האָבן געעפנט די טויערן פון לאַנד פאַר די מוזולמענישע אריינדרינגער, איז אַ פּשוטע בבא־מעשה. זי שטאַמט פון די טענדענציעזע, אַנטי־יידישע קאַטויליש־קירכלעכע כראָניקער, און ווערט איבערגעחזרט אין דער „סאָציאַלער און פּאָליטישער געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל“ פון אַמאַדאָר דע לאָס

ויאַס* , וועלכער שאצט בכלל איבער די ראָל פון די יידן אין שפּאַניעס געשיכטע. עס איז קלאָר, אז אין משך פון די איבער 150 יאָר, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט דעם אָנקום פון די אראבער — פון דעם קאָנציל איז טאָלעדאָ (589), האָבן די שפּאַנישע יידן געהאט אויסצושטיין אַזוי פיל צרות און לײַדן מצד דער קאַטוילישער קירך און די פאנאטיש־קאַטוילישע וויזיגאָטישע מושלים, אז זיי זענען געוואָרן נישט בלויז שטאַרק אויסגע־בלוטיקט, נאָר אפילו גייסטיק און קולטורעל אָפּגעשטאַנען. געווים האָבן די שפּאַנישע יידן באַגריסט דעם אָנקום פון די אַרמייען פון גיבר־אל־טאַריק, וועלכע האָבן געבראכט מיט זיך א טאָלעראַנץ לגבי יידן און קריסטן, אָבער אז זיי זאָלן האָבן איינגעלאדן און אריינגעפירט די אראבער איגעם איבע־רישן האלב־אינדזל, אַזא פעסטשטעלונג איז ווייט פון אמת און פאַרמאָגט נישט קיין שום דאָקומענטאַלן יסוד.

מער פריהייט ווי אונטער די לעצטע וויזיגאָטן האָבן אָבער די אראַ־בער קיין שפּאַניע נישט אריינגעבראכט. עס זענען שוין פון לאַנג, זינט העכער א האלב יאָרהונדערט, פארשוואונדן די צייטן, ווען דער אראבישער מיליטער־פירער אמרו האָט פון עגיפּטן געשריבן צום קאליף אָמאַר די באַלגנדיקע סאָציאל־אָנגעלאָדענע ווערטער: „אָבער די רייכטימער פון דעם ווייץ און תבואה, פונעם רייז, ירקות, מזרהדיקע ביימער און בהמות זענען צעטיילט נישט גלייך צווישן די, וואָס אַרבעטן, און די, וואָס באַזיצן". דעמאָלט זענען נאָך די אראבישע ארמייען באַשטאַנען אין א באדייטנדיקן טייל פון אַ פרייען עלעמענט: מדבר־רייטער, פי־צוכטלער, סעדער, קאַראַ־וואַנען־טרייבער. איצט, אין אָנהייב VIII י"ה, איז דאָס שוין געווען אַן ארמיי פון דעראָבערער, שקלאפן־באַזיצער און סוחרים, וועלכע האָבן גע־זוכט נייע רייכטימער. אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן די דאָזיקע זיגע־רישע מארשן אויסגעברייטערט די האנדלס־שליאכן און געשפּילט די ראָל פון פארמיטלען צווישן קולטור־ווערטן פון ווייטע לענדער — פון מזרח און מערב. אויפן ריזיקן שטח פון כינע ביז שפּאַניע האָבן זיך איצט גע־צויגן פארזיכערטע האנדלס־וועגן. אויף דעם דאָזיקן שטח איז אראביש געוואָרן אן אינטערנאציאָנאַלע שפּראַך אין די מסחר־באַציונגען און איינ־צייטיק א פארמיטלערישער פאקטאָר צווישן די קולטורן פון אזיע און

---

* Amador de los Rios :„Historia Social y Politica de los Iudios en España y Portugal".

אייראָפּע. אויף דעם דאָזיקן גאנצן שטח האָט איצט די דורותלאנגע העלע־ניסטישע, רוימישע און קריסטלעכע קולטור געליטן אַ קראַך.

די עקספּאנסיע פון די אראבער איז געווען זייער אַן אימפּעטפולע. אריינרייסנדיק זיך קיין שפּאניע האָבן זיי געשטרעבט צו שפּאגען ווייטער, אויפן לאנד פון די פראנקן. אָבער דער פראנקן־פירער שאַרל מארטעל האָט אין יאָר 732 פארהאלטן דעם אראבישן פּאָרויסמאַרש ביי פּואַטיע. ארויס־שטויסן די אראבער פון שפּאניע זענען שוין די קריסטלעכע מושלים נישט געווען בכוח. בלויז אין סאמע צפון פון שפּאניע איז געבליבן אַ קליינינקע קריסטלעכע מלוכה. אזוי ארום זענען די אראבער געבליבן אין לאנד וו הערשער, איינשטעלנדיק אַ סדר פון טאָלעראנץ לגבי די יידן און קריסטן, ביי וועלכע זיי האָבן גענומען בלויז אַ ספּעציעלן קאָפּ־שטייער (לויטן מוס־טער פון דעם אזיאטישן קאליפאט), איבערלאָזנדיק זיי נישט בלויז פריי־הייט פון רעליגיע און די ברייטסטע ווירטשאפטלעכע מעגלעכקייט, נאָר אריינציענדיק זיי אויך, און בפרט די יידן, אין דער מלוכהשער אדמיניס־טראציע און מיליטערישער דינסט.

ווי געזאָגט, איז דער קולטור־ניוואָ פון די שפּאנישע יידן אין משך פון די אויבן־אָנגעוויזענע הונדערט יאָר רדיפות אונטער דער הערשאפט פון די וויזיגאָטיש־קאטוילישע פעאָדאלן שטארק געזונקען. איצט, אדאנק דער פאראייניקונג פון דעם ריזיקן שטח פון שפּאניע ביז מעזאָפּאָטאמיע (איראק), האָט זיך אינעם אָרגאניזם פון דעם שפּאנישן יידישן ישוב ארייני־געגאָסן פריש גייסטיק בלוט פון די יידן פון בבל (מעזאָפּאָטאמיע) און צפון־אפריקע, וועלכע זענען אין גייסטיקן זין געשטאנען העבער. עס הייבט זיך אָן אַן אימיגראציע פון בבלישע, סירישע, פּאַלעסטינער, עגיפּטישע און צפון־אַפריקאַנישע יידן — סוחרים, בעל־מלאכות, אינטעלעקטועלע — קיין שפּאניע. אויף דעם גרונט איז אויפגעקומען די לעגענדע, וועלכע גיט איבער, אַז אַ שליחות פון בבלישע יידן איז, פאָרגדיק קיין אייראָפּע, כדי צו זאַמלען געלט אויף די ישיבות פון בבל, אריינגעפאַלן אין די הענט פון פיראטן; די שפּאנישע יידן האָבן זיי אויסגעקויפט פון קנעכטשאפט און אזוי ארום זיך באקענט מיט דער לערע פון תלמוד.

ביז לערך דעם VIII י"ה האָט דעם גייסטיקן פּרימאַט אין דער דעמאָל־טיקער יידישער וועלט געהאט דאָס בבלישע (מעזאָפּאָטאמישע און דער־נאָך — איראקיש־פּערסישע) יידנטום. דער דאָזיקער גייסטיקער פּרימאַט איז געווען אַ רעזולטאט פון דעם עקאָנאָמישן אויפבלי פון דעם בבלישן ישוב, וועלכער האָט נאָך מער אויפגעשטיגן אדאַנק דעם, וואָס מעזאָפּאָ־

מאמיע איז געװאָרן די מעטראָפּאָליע פֿונעם גרויסן, װעלט־הערשערישן אראבישן קאַליפאַט. װען עס הייבן זיך אָן די אינערלעכע רייסענישן אינעם קאַליפאַט, און בפֿרט װען עס אַנטשטייט, אין יאָר 755, אַ באַזונדערער קאַליפאַט אין שפּאַניע (דער א. ג. קאָרדאָװער קאַליפאַט), הייבט זיך אויך אָן די עקאָנאָמישע און גייסטיקע ירידה פֿונעם ייִדישן ישוב אין בבל. צו דער דאָזיקער ירידה האָט אויך צוגעדינט די אָנשפּיצונג פֿון די קלאַסן־קעגנזאַצן ביי די בבלישע ייִדן, די געװאַלדיקע עקספּלאָאַטאַציע און אונ־טערדריקונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסן דורך דער געלט־אַריסטאָקראַטיע און דער טעאָקראַטיע, װעגן װאָס עס װעט נאָך אויסקומען צו רעדן װייטער. דאָ זענען מיר אויסן בלויז אָנצומערקן די ירידה פֿון בבלישן ייִדנטום.

אין דער זעלביקער צייט מאַכט אַדורך אַ ראַשיקע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטװיקלונג דער װאַקסנדיקער ייִדישער ישוב אין דער אַראַבי־שער שפּאַניע.

דער דאָזיקער אויפשטייג איז געװען פֿאַרבונדן מיט דער אַנטװיקלונג, װעלכע עס האָט אַדורכגעמאַכט שפּאַניע אין דעם ערשטן פּעריאָד פֿון דער אַראַבישער תּקופֿה. ביזן X י"ה גייט דאָס אַראַבישע שפּאַניע באַרג אַרויף. די מױרן האָבן געהויבן די אַגריקולטור, איינגעפֿירט קינסטלעכע באַװאַ־סערונג, אַנטװיקלט די קולטור פֿון רייז, צוקער־געװיקסן, פֿי־צוכט, די פּראָ־דוקציע פֿון זייד, געװאַנטן, לעדער, פּאַפּיר, געװער, צעראַמיק און בערג־בוי. זיי האָבן באַגינסטיקט אַ ברייטן צװישנלענדישן מסחר, בפֿרט מיטן מזרח. אין די אַלע װירטשאַפֿטלעכע טעטיקייטן האָבן ייִדן גענומען אַ טיכ־טיקן אָנטייל און זיך שטאַרק צוגעדינט צו דער אַנטװיקלונג פֿון די פּראָ־דוקטיװע כּוחות, פֿונעם האַנדל און טראַנספּאָרט.

דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדן אין דער אַראַבישער שפּאַניע האָט געװױנט אין די שטעט, אַ קלענערער טייל — אויפֿן דאָרף. די ייִדישע באַ־שעפֿטיקונגען זענען געװען: לאַנדװירטשאַפֿט, סעדערייַ, װיין־צוכטלערייַ, פֿי־צוכט, אויסערלעכער און אינערלעכער מסחר, קרעדיט, מלאכה, אינטע־לעקטועלע פּראָפֿעסיעס (קודם כּל מעדיצין, קאָפּיסטן, איבערזעצער). עס זענען געװען אַ סך ייִדן מיליטערלייט, דיפּלאָמאַטן, הויף־פֿינאַנסיסטן. דער רוב שפּאַנישע ייִדן זענען געװען בעלי־מלאכות: װעבער, גאָלדשמידן, קו־פּערשמידן, סמאָליער, שערער, סאַנדאַלן־מאַכער, שניידער, מילנער, זאָטל־מאַכער, שטריקער, טעפּער, קױשן־פֿלעכטער, עקיפּאַזשן־מאַכער, שיף־בויער, זייד־פּראָדוצענטן (די בעסטע אין לאַנד). אין סאָציאַלן זין איז די שער ביי ייִדן געװען זייער ברייט: פֿון גרויסע ערד־באַזיצער ביז אָביונדיקע סע־

דער און אַרענדאַרן פון קליינע ערד־חלקים, פון באַרימטע מיליטער־פירער ביז באַרוועסע זעלנער. די ממשלה אין דער יידישער סביבה האָט געהערט צו די געלט־מאַגנאַטן, און פאַר זייערע זינד האָט אָפט געליטן דער ברייטער אָרעמער יידישער כלל. די יידישע אונטערנעמער האָבן אָפּגעשפּילט א לפי ערך פּראָגרעסיווע ראָל, בויענדיק גרויסע מלאכה־וואַרשטאַטן, איינפירנדיק נייע פּראָדוקציע־צווייגן, אַנטוויקלענדיק דעם צווישנלענדישן האַנדל, אָר־גאַניזירנדיק ווייטע ים־נסיעות. גישט ווייניק פון זיי זענען געווען מעצע־נאַטן פון וויסנשאַפט און קולטור.

אין משך פון IX און X און צום טייל XI י"ה האָט די אַראַבישע שפּאַניע דורכגעמאַכט א גרויסן קולטור־אויפבלי. אין קאָרדאָווער קאַליפאַט, אין אַנדאַלוזיע, זענען געווען 70 עפנטלעכע ביבליאָטעקן, אין וועלכע עס זענען געזאַמלט געוואָרן די וויכטיקסטע ווערק פון יענער תקופה. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אין דער קריסטלעכער אייראָפּע גישט געפונען קיין איין עפנטלעכע ביבליאָטעק. די צוזאַמענאַרבעט צווישן אַראַבישע און יידישע געלערנטע אין דער אַראַבישער שפּאַניע פון יענער צייט איז געווען אַ גוטע, אַ באַהויכטע מיטן גייסט פון קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ. די אַראַ־ביש־יידישע קולטור האָט עמאַנירט ווייט מחוץ די גרענעצן פון שפּאַניע. די וויכטיקסטע מעדיציניש אַקאַדעמיעס האָבן זיך דעמלט געפונען אין דער אַראַבישער שפּאַניע, און די בעסטע מעדיקער זענען געווען די שפּאַניש־אַראַבישע יידן. פון כמעט דער גאַנצער קריסטלעכער אייראָפּע פלעגט מען אין יענע יאָרהונדערטער אַרויספאָדערן יידישע דאָקטוירים פון דער אַראַ־בישער שפּאַניע.

זינט דעם XI י"ה האָט זיך דאָס שפּאַנישע יידנטום אַרויסגערוקט אויפן סאַמע אויבנאָן פון אַלע יידישע קיבוצים. אין דער דאָזיקער א. ג. „גאָלדענער עפּאָכע" פון די שפּאַנישע יידן האָבן געלעבט און געשאַפן די גרעסטע גייסטער פון די יידן אין מיטלאַלטער: דער דיכטער און פילאָזאָף שלמה איבן גבירול, די דיכטער אברהם און משה איבן עזרא, דער גרעס־טער העברעישער פּאָעט פון מיטלאַלטער יהודה הלוי און שפּעטער אויך — דער גרעסטער יידישער פילאָזאָף פון יענע צייטן משה בן מיימון (מאַי־מאָנידעס, רמבם).*

* צו די ווערק און באַטייט פון די אָנגערופענע דיכטער און פון רמבם (מיימאָנידעס) און בכלל פון דער יידיש־שפּאַנישער קולטור און אירע איינפלוסן, וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אינעם צווייטן בוך פון אונדזער אַרבעט.

אָבער די דאָזיקע „גאָלדענע עפּאָכע“ איז נישט געווען — ווי מען שטעלט זי פאַר אין געוויסע ביכער — לויטער ווקס און רו.

דער ווילשטאַנד פון דער אַראַבישער שפּאַניע איז געווען געבויט אויף אַ שווידערלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון די שקלאַפן, פּויערים, שטאָטישער אָרעמקייט. די סאָציאַלע אָרדענונג אין דער אַראַבישער שפּאַניע האָט באַזירט אויף פעאָדאַלע באַציונגען מיט אַ שטאַרקן צומיש פון שקלאַפערײַ. דער דאָזיקער גרונטיקער פאַקט, און צוזאַמען מיט אים די כסדרדיקע אינערלעכע קאָנפליקטן און קאַמפן צווישן די אַראַבישע פעאָדאַלן, האָבן פאַרמשפּט דאָס לאַנד אויף אַ פּראָצעס פון כסדרדיקער אָפּשוואַכונג און האָבן אייַנצייטיק קאָמפּליצירט די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די אינערלעכע קאַמפן צווישן די פעאָדאַלן האָבן געדויערט אין משך פון XI ביזן מיטן פון XV י"ה. דער מצב פון לאַנד איז געווען נאָך מער אומרואיק צוליב דעם, וואָס די וויזיגאָטיש-קריסטלעכע פעאָדאַלן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם צפון-טייל פון שפּאַניע, זענען צוגעטראָטן צו אַן אָנגריף אויף די אַראַבער. די אַרמייען פון די קריסטלעכע קיניגרייכן נאַוואַרע, קאַסטיליע און אַראַגאָניע און פון דעם באַרצעלאָנער גראַפנטום, געשטיצט דורכן פּויפּסט, האָבן זיך גענומען רוקן פאָרויס — צום מזרח און צום צענטער פון דער אַראַבישער שפּאַניע. דער יידישער ישוב איז צעריסן געוואָרן אין צוויי טיילן: אין אַן אַראַביש-יידישן און קריסטלעך-יידישן. אין דעם ערשטן פעריאָד איז די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אינעם קריסטלעכן טייל פון שפּאַניע געווען אַ גוטע. די קריסטלעך-שפּאַנישע הערשער, שטרעבנדיק צו בויען אין זייערע ערטער שטעט, האַנדל, מלאכה, וויסנשאַפט, האָבן גערן אייַנגעלאַדן יידן און זיי געגעבן מעגלעכקייטן, אָפּטמאָל מער ווי אין אַראַבישן טייל, צו לעבן און אַרבעטן.

זינט דעם VIII י"ה אַנטוויקלען יידישע אונטערנעמער פון שפּאַניע אַן ענערגישע טעטיקייט אויפן געביט פון צווישנלענדישן מסחר. אין אָט דער טעטיקייט טרעפן זיי זיך מיט יידישע סוחרים פון שכנותדיקן פראַנקנלאַנד. שפּאַנישע און פראַנקישע יידן נעמען אַ טעטיקן אָנטייל און פּלאַנטערן נייע האַנדל-וועגן אין צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע. אַזוי אַרום קומען זיי אָן אין IX און אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער אין די סלאַווישע לענדער, און בתוכם אויך קיין פּוילן.

אין דער צייט, ווען עס הייבט זיך אָן דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אויפשוווּנג פון די שפּאַנישע יידן, וואַקסט אויס דער צווייטער דעמלטיקער יידישער ישוב אין מערב-אייראָפּע — דער יידישער קיבוץ אין פראַנקנלאַנד (הייַנטיקע: פראַנקרייך און צום טייל אויך דייטשלאַנד).

## קאַפּיטל דריי

# דער יידישער ישוב אין פראַנקן-לאַנד

די שפּאַנישע יידן אין פריען מיטלאַלטער האָבן געהאַט אַ סך באַדינגונגען צו ווערן דער גרונד-ישוב פון די יידן אין אייראָפּע און אַפילו אין דער דעמאָלטיקער וועלט. זיי זענען געווען אויסגעצייכנטע, ווען די וויזיגאָטן זענען אַריינגעדרונגען אין לאַנד; זיי זענען געווען — אין באַצוג צו דער גאַנצער באַפעלקערונג — גאַנץ גרויס אין צאָל; זיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל פאַרן לאַנד אין ווירטשאַפטלעכער און קולטור-הינזיכט; זיי האָבן פאַרמאָגט אַ מיליטערישע טראַדיציע און באַדייטנדיקע ווידערשטאַנד-עלעמענטן. און דאָך זענען זיי אין דעם פּעריאָד פון VIII—XI י"ה אין אַ געוויסער מאָס דיסטאַנסירט געוואָרן דורך דעם יידישן ישוב אין פראַנקן-לאַנד, וועלכער איז געווען קלענער אין צאָל און האָט נישט פאַרמאָגט אַזעלכע טיפע היסטאָרישע וואָרצלען. איינע פון די הויפּט-סיבות פון אָט דער דערשיינונג האָט געשטעקט אין דעם פאַקט, וואָס אין דער צייט, ווען שפּאַניע האָט דורכגעמאַכט אינוואַזיעס און אינערלעכע צעריסנקייט, האָט זיך פראַנקן-לאַנד אין VIII און IX י"ה אויסגעבילדעט ווי אַ גרויסע, פאַראייניקטע, צענטראַליזירטע מלוכה, וועלכע איז געוואָרן די מעכטיקסטע וועלט-מלוכה אין אייראָפּע, ווו די אַלטע פאָרמען זענען שנעל געוואָרן פאַרטראָטן דורך נייע, פעאָדאַלע, ד. ה. פאַרהעלטענישמעסיק העכערע. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער לכתחילה קליינצאָליקער יידישער ישוב געהאַט אַ באָדן צו שפּראָצן און וואַקסן, זיך צו באַהעפטן מיט די יידישע קיבוצים פון אַלע מקומות, וועלכע זענען פאַראייניקט געוואָרן צו דער פרייבעאָדאַלער פראַנקישער מלוכה, און צו אַנטוויקלען אַ ברייטע ווירטשאַפטלעכע עקספּאַנסיע.

די פראַנקן=מלוכה איז געשאַפן געוואָרן סוף V י"ה דורך דער אַריסטאָקראַטיע פון דעם באַרבאַרישן שבט די פראַנקן, וועלכע האָבן באַהערשט גאַליע אינמיטן פונעם דאָזיקן יאָרהונדערט. דעם ברייטסטן טעריטאָריעלן פאַרנעם און די גרעסטע קראַפט האָט די דאָזיקע מלוכה דערגרייכט אונטערן קיניג שאַרל, וועלכער ווערט אָנגערופן — דער גרויסער (763—814) און וועלכער האָט דעראָבערט און פאַראייניקט צו זיין מלוכה גאַליע, דעם גרעסטן טייל פון איטאַליע, באַרצעלאָנע מיט איר געגנט און — נאָך לאַנגע קאַמפן — אויך דאָס לאַנד פון די זאַקסן. אַזוי אַרום האָט פראַנקאָניע אַרומגענומען אין סוף VIII און אָנהייב IX י"ה דעם גרעסטן טייל פון דער אַמאָליקער מערב=רוימישער אימפּעריע. אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון שאַרל דעם גרויסן איז אינטענסיוו געגאַנגען פאָרויס די פעאָדאַליזאַציע פונעם לאַנד, עס זענען געשטאַרקט געוואָרן ווירטשאַפטלעך און געזעלשאַפטלעך די פעאָדאַלע סעניאָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען די פויערים פון פרייע מענטשן אין לייב=אייגענע. נאָך שאַרל דעם גרויסנס טויט איז די ריזיקע מלוכה צעטיילט געוואָרן אין א מערב=פראַנקאָנישן קיניגרייך (פראַנקרייך) און אין א מזרח=פראַנקאָנישן (דייטשלאַנד). אין א באַזונדערער מלוכה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דער טייל איטאַליע, וואָס האָט פריער געהערט צו דער פראַנקן=מלוכה. אין די אַלע אויסגעבילדעטע מלוכות איז די צענטראַליזאַציע, וועלכע איז איינגעפירט געוואָרן דורך די פריערדיקע פראַנקישע מאָנאַרכן, געוואָרן אָפּגעשוואַכט. די לענדער זענען פאַקטיש געוואָרן צעריסן אין פירשטנטומס און גראַפנטומס, אין וועלכע עס האָבן געהערשט די רייכע און מיליטעריש=זעלבסטשטענדיקע פעאָדאַלע הערן. מיטן ערשטן פעריאָד, פאַר דער צעפאַלונג פון דער איינהייטלעכער ריזיקער פראַנקן=מלוכה, פאַלט זיך צונויף די ערשטע אויפשטייג=צייט פון דעם יידישן ישוב אין דעם דאָזיקן לאַנד.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אינעם ערשטן קאַפּיטל, אַז אינעם שקיעה=פעריאָד פון דער מערב=רוימישער אימפּעריע, ד. ה. — אינעם לעצטן עטאַפּ פון דער אַלטערטימלעכער תקופה — האָבן עקזיסטירט אין דרום=גאַליע, דער עיקר ביים ברעג פון מיטללענדישן ים, קליינע יידישע קאָלאָניעס (וואָרשיינלעך פון איטאַליענישע יידן), וועלכע האָבן געטראָגן א כאַראַקטער פון מסחר=עקספּאַנס'ע און צום טייל אויך — פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. אין V און VI י"ה זענען שוין פאַראַן מער אָדער ווייניקער אָנזעעוודיקע יידישע קבוצים אין די גאַליש=פראַנקישע שטעט: מאַרסעל,

קלערמאָן, נאַרבאָן, אָרלעאַן, פּאַריז. אינעם פּעריאָד פון די פראַנקישע קיניגן פון דער מעראָווינגן־דינאַסטיע (V, VI און VII י״ה), בפרט אין די לעצטע צייטן פון אָט דער קיניגן־משפּחה, שפּרייטן זיך אויס די יידישע ישובים פון דעם נידעריקן פלוס פונעם טייך ראָדאַן ביזן ריין; ווי מיר האָבן שוין באַמערקט אינעם ערשטן קאַפּיטל, זענען די יידן געווען באַזעצט ביים ריין, צוו. אַנד. אין דער שטאָט קעלן, שוין אין די לעצטע צייטן פון דער רוימישער אימפּעריע.* אין די צייטן פון די קאַראָלינגן (שאַרל מאַרטעל, פּעפּין דער קליינער, שאַרל דער גרויסער, לואי דער פרומער) געפינען זיך יידישע ישובים כמעט אין אַלע וויכטיקע שטעט, וואָס ליגן אויף די האַנדלס־שליאַכן פון דער פראַנקישער אימפּעריע, בתוכם אין ליאָן און באָרדאָ.

די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקאָניע שטייגט אין איר צאָל קודם כל אַדאַנק דער אינטענסיווער אימיגראַציע פון יידן פון איטאַליע, צפון־אַפריקע און אַנדערע לענדער פונעם מיטללענדישן באַסיין. עס קומט אויך אַ געוויסער צופלוס פון יידן פון אָריענט. עס וואַנדערן אַריין באַדייטנדיקע צאָלן יידן אַנטלאָפענע פון שפּאַניע, מחמת די רדיפות פון די קאַטוליש־געוואָרענע וויזיגאָטישע פעאָדאַלן. די דאָזיקע יידן ציען צו די ווירטשאַפט־לעכע מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון, וועלכע עס האָט געעפנט דער פאַקט, וואָס עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע מאָנאַרכיע, אין וועלכער עס ווערט געשטיצט מסחר, מלאכה און וויסן. דער ברייטער טעריטאָריעלער פאַרנעם פון שאַרל דעם גרויסנס מלוכה איז אַ באַגינסטיקנדיקער פאַקטאָר פאַר די יידן, וועלכע ווערן אַזוי אַרום פאַרבונדן מיט זיך אין די ראַמען פון איין מלוכה.

די אַריינוואַנדערנדיקע יידן, דער עיקר פון מזרח און פון איטאַליע,

---

* דער שאָוויניסטישער און אַנטיסעמיטישער אַלטער דייטשישער היסטאָריקער טרייטשקע האָט זיך בשעתו אויסגעדריקט, אַז די יידן האָבן זיך באַגעגנט מיט די דייטשן צום ערשטן מאָל אַלס הענדלער מיט אַלטוואַרג. דאָס איז, נאַטירלעך, אַ בילבול. די ערשטע יידן אין ריין־געביט זענען געווען מיליטער־לייט, באַאַמטע, סוחרים און לאַנדווירטן.

דער קעמפער פאַר דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד, אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון XIX־טן י״ה, גבריאל ריסער, האָט געשריבן אין יאָר 1831 אָט וואָס: „פאַרוואַרפן אונדז, אז אונדזערע פאָטערס האָבן איינגעוואַנדערט (קיין דייטשלאַנד) מיט יאָרהונדערטער אָדער יאָרטויזנטער צוריק, איז אומזין. מיר האָבן נישט איינגעוואַנדערט, נאָר זענען איינגעבוירן דאָ“.

(Gabriel Risser: „Gesammelte Schriften“ t. II. 1831, s. 139).

ברענגען מיט זיך אַ העכערן מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ, וועלכן זיי
פּלאַנצן איבער אין פראַנקאָניע. זיי ווערן דאָ איינע פון די פּיאָנערן פו:
דער סחורה= און געלט=ווירטשאַפט, וועלכע הייבט אָן אין פראַנקאָניע
אַרויסשטויסן די נאַטירלעכע ווירטשאַפט. אַזוי אַרום שפּילן זיי אָפּ אין
דעם לאַנד אַ פּראָגרעסיווע ראָל פון בויער פון נייע ווירטשאַפטס=פאָרמען,
פון שפּרייטער פון נייע מלאכה=צווייגן און פון טרעגער פון קולטור=ווערטן.
דער רוב קיניגן פון די מעראָווינגער און קאַראָלינגער משפחות באַגינסטיקן
אָט די טעטיקייט פון די יידן. און דאָך קאָן מען נישט זאָגן, אַז די לאַגע פון
די פראַנקאָנישע יידן איז געווען אינגאַנצן אַ גוטע. דער נייער אויסנוץ= און
אונטערדריקונגס=סיסטעם, דער פעאָדאַליזם, האָט צוליב זיינע אינערלעכע
סתירות נישט געקאָנט געבן די יידן קיין פולע רעכט און מעגלעכקייטן, הגם
זיי האָבן געבראַכט אַזויפיל נוצן דער יונגער מלוכה. אויך אין דעם דאָזיקן,
בדרך כלל גינסטיקן פּעריאָד, האָבן נישט געפעלט אין פראַנקאָניע קיין
שטערונגען, באַגרענעצונגען און אַפילו רדיפות אויף יידן. פון די אַלע שווע=
ריקייטן האָבן אָבער נישט אַלע פראַנקאָנישע יידן געליטן אין אַ גלייכער
מאָס. די ווירטשאַפטלעכע שער און די סאָציאַלע דיפערענציאַציע צווישן
די יידן פונעם פראַנקן=לאַנד איז געווען זייער גרויס. מיר טרעפן צווישן זיי
פון איין זייט — אָרעמע און ווייניק=באַמיטלטע ערד=אַרבעטער און וויינ=
גערטנער, און פון דער צווייטער — גרויסע ערד=באַזיצער און אַפילו וואַ=
כאַלן (דער עיקר אין דרום=טייל פון לאַנד, אין דער געגנט פון נאַרבאָן).
דער פּויפּסט סטעפאַן דער דריטער (צווייטע העלפט פון VIII י"ה) קלאָגט
זיך אין אַ בריוו, אַז אין דרום=גאַליע זענען פאַראַן יידן וואַסאַלן, וואָס
פאַרמאָגן גרויסע ערד=באַזיצן און קריסטלעכע דינערשאַפט. צווישן די
פראַנקאָנישע יידן זענען געווען אָרעמע בעל=מלאכות, בפרט אין די צפון=
טיילן פון לאַנד, און רייכע אונטערנעמער, משרתים — און גרויסע סוחרים.

די פראַנקאָנישע יידן האָבן זיך געווידמעט מלאכה, ויין=צוכטלעריי,
ערד=אַרבעט, האַנדל און קרעדיט. די לעצטע באַשעפטיקונג איז נאָך אין
יענער צייט געווען פאַרטראָטן ביי די דאָרטיקע יידן אין אַ שוואַכער מאָס.
מיט קליין=וווּכעריי האָבן זיך יידן נאָך נישט פאַרנומען, ווייל עס זענען גע=
ווען אָפן פאַר זיי אַנדערע געביטן, פּראָדוקטיווע, און אויך מסחר. אַ גרויס
אָרט פאַרנעמט ביי די פראַנקישע יידן לאַנדווירטשאַפט. אַ טייל יידן פאַר=
נעמט זיך מיט אַקערבוי. גרעסערע אַגראַר=ווירטשאַפטן זענען אין געוויסע
צייטן געווען באַשוועגט, בפרט אין X י"ה, ווען עס איז פאַרווערט גע=
וואָרן די יידן צו האַלטן קריסטלעכע פאַראָבקעס. מיט קרעדיט האָט זיך

אָפּגעגעבן אַ גישט־באַדייטנדיקער טייל פון באַזיצנדיקע יידן, דער עיקר די, וואָס האָבן געפירט פינאַנס־אָפּעראַציעס מיט ביזאַנץ. די יידישע פינאַנס־סיסטעמען זענען געווען די ערשטע און כמעט די אויסשליסלעכע באַנקירן פון די קאַראָלינגן. זיי האָבן אין אַן אָנגעזעענער מאָס פינאַנסירט די גרויסע מלחמה־אונטערנעמונגען פון די פראַנקישע מאָנאַרכן.

דעם סאַמע ווילכטיקן באַדייט פאַר דער יונגער מלוכה האָט געהאַט דער מסחר, וועלכן עס האָט געפירט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער מסחר — סיי דער אינערלעכער, סיי דער אויסערלעכער — איז געווען אַ ווילכטיקער פאַקטאָר ביים אַנטוויקלען די נייע אויס־טויש־באַציונגען, די סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט, ביים שטאַרקן דאָס נייע, ביים קרעפטיקן דעם אויפשטייג פון לאַנד.

שוין אין V און VI י"ה זענען די יידן געווען אין פראַנקן־לאַנד צווישן די פיאָנערן פון אינערלעכן און אויסערלעכן האַנדל.

דער יידישער האַנדלס־עלעמענט איז געווען פאַרטראָטן אין דריי געביטן: אין דעם אינערלעכן מסחר, אין דעם האַנדל, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די אָפטע מלחמה־מאַרשן, און אינעם צווישנלענדישן מסחר.

אינעם אינערלעכן מסחר האָבן די יידן באַדינט סיי די אַריסטאָקראַטיע, סיי די קלויסטערס, סיי די ברייטע באַפעלקערונגס־מאַסע. די ראָל פון די יידן אינעם אינערלעכן מסחר איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין אַ ריי פראַנקישע שטעט האָט מען די מאַרק־טעג איבערגעטראָגן פון שבת אויף זונטיק, למשל אין ליאָן, ווייל די יידן האָבן אום שבת נישט געוואָלט האַנדלען.

דער גרעסטער טייל פונעם יידישן אינערלעכן האַנדל איז געווען אַ קליין־סחורהדיקער, אין מערסטע פאַלן — אַ וואַנדערנדיקער. יידישע הענדלער האָבן געוואַנדערט איבער מערק און דערפער. זיי פלעגן אַפילו אַריינקומען אין פרויען־קלויסטערס און פאַרקויפן די מאָנאַשקעס פאַרשידענע קלייניקייטן (ווי עס דרינגט אַרויס פון די אַנטי־יידישע באַשלוסן פון דער קירכלעכער אַסיפה אין מאַקאָן פון יאָר 581).

אַ געוויסע צאָל דרייסטע יידישע סוחרים, באַזונדערס אין די צייטן פון שאַרל דעם גרויסן, פלעגט גיין מיטן מיליטער בעת די געפערלעכע קריגס־אָפּעראַציעס, באַזאָרגן פאַר די קריגס־לייט זאַכן און שפּייז און איינקויפן דעם מלחמה־רויב.

אין דעם אָרט איז נייטיק אָנצווייזן אויף אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט: אויפן אָנטייל פון יידן אין דעם מיליטער פון פראַנקן־לאַנד. די דאָזיקע דערשיינונג איז אַלנפאַלס געווען אַקטועל אין משך פון VII און VIII

י"ה. דער קירכלעכער קאָנציל, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 614 אין פּאַ־ריז, האָט אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז קיין שום ייד טאָר נישט זיין מע־טיק אין מיליטער. די ראָזיקע פאָדערונג האָט נישט געהאַט קיין שום ממשות, ווייל אין יאָר 673, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן אין דרום־מערב־דיקן טייל פון גאַליע אַן אויפשטאַנד קעגן דער וויזיגאָטיש־שפּאַנישער מאַכט, גענומען יידן אין אים אַן אַקטיוון אָנטייל. עס קאָן זיין, אַז צוזאַמען מיט די פראַנקישע יידן האָבן דאָ געקעמפט קעגן די קאַטוילישע וויזיגאָטן אויך יידן אַנטלאָפענע פון שפּאַניע, צוליב די פריער אָנגעוויזענע רדיפות. אויך אין דער אַרמיי פון שאַרל מאַרטעל, וועלכער האָט אָפּגעשטעלט דעם פאָרויסמאַרש פון די אַראַבער, האָבן געקעמפט יידן. אין יאָר 759 האָבן די יידן אין נאַרבאָן געהאָלפן שאַרל מאַרטעלן צו באַפרייען די שטאָט פון אַראַ־בישע הענט און דערפאַר באַקומען פּריווילעגיעס, וועלכע האָבן געגאָלטן א״ן משך פון עטלעכע הונדערט יאָר.

גאָר לאָמיר זיך אומקערן צום אָנטייל פון די פראַנקאָנישע יידן אין דער האַנדל־מעטיקייט. דעם ברייטן פאַרנעם פונעם יידישן מסחר אין דער באַהאַנדלטער עפּאָכע שטרייכט אונטער דער היסטאָריקער פונעם פראַנצוי־זישן האַנדל פּיזשאָנאָ; ער שרייבט אָט וואָס: „כמעט אומעטום, אין לאַנ־געדאָקיע און פּראָוואַנס (דרום־פּראָווינצן פון פראַנקרייך) און אין צפון־און צענטראַל־פראַנקרייך האָבן יידן געהאַנדלט מיט לוקסוס־אַרטיקלען און שווערע מעטאַלן, מיט אַלע זאַכן, מיט וועלכע עס האָט זיך באַגרענעצט די פעאָדאַלע עפּאָכע. זיי ברענגען די בעסטע זאַכן פון מזרח, זייד־געוואַנדן, טעפּיכער, טייערע שטיינער, גאָלדענע און זילבערנע חפצים". די גרעסטע ראָל האָבן די פראַנקאָנישע יידן אָפּגעשפּילט אינעם אויסערלעכן מסחר. זיי האָבן דערפאָלגרייך קאָנקורירט מיט די אַנדערע דעמלטיקע וועלט־סוחרים, די סיריער, און קאָנצענטרירט אין זייערע הענט דעם באַדייטנדיקסטן טייל פונעם עקספּאָרט און אימפּאָרט. זייערע האַנדלס־שליאַכן אין פראַנקן־לאַנד גופא האָבן געפירט לויט די טייכן סאאָנע און לאָארע און דורך די שטעט טור, אַמבואַז און שינאָן. אַ גרויסן רום האָבן דערוואָרבערט די יידיש־פראַנקי־שע און יידיש־שפּאַנישע וועלט־סוחרים און פּיאָנערן פון נייע האַנדלס־וועגן — די ראַדאַניטן (וויזט אויס — פונעם פראַנצויזישן טייך ראָ־דאַן, וואָס פון זיינע ברעגעס זענען זיי, לויט דער פאָרשטעלונג פון די ווייַ־טע פעלקער, געקומען). די ראָדאַניטן, די יידישע פּיאָנערן פונעם וועלט־האַנדל, האָבן זיך רעקרוטירט פון יידן פון די שטעט ביים ריין — מיינץ (מאָגונצאָ) און וואָרמס (וואָרמייזאָ), פון דרום־פראַנקרייך און פון שפּאַ־

ניע. זיי פלעגן זיך אָרגאַניזירן אין קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן באַשעפטיקט ייִדישע און נישט־ייִדישע אָנגעשטעלטע, משרתים און טרעגער, און אונטערגענומען העט ווייטע נסיעות, אַנטוויקלענדיק דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט נישט בלויז פון דער ריזיקער פראַנקן־אימפּעריע, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. די מסחר־רייזעס פון די ראָדאַניטן האָבן נישט — אין היגזיכט פון דרייסטקייט און אונטערנעמערישן גייסט — קיין גלייכס אין משך פון גאַנצן מיטלאַלטער. אָט ווי אַ דעמלטיקער אַראַבישער געאָגראַף, דער באַגדאַדער פּאָסט־מיניסטער פון IX י"ה איבן־כורדאַדבעה, באַשרייבט אין זיין חיבור א. נ. „כיתב על מאַסאַליק ועל מאַמאַליק"* (דער ספר פון די וועגן, דער ספר פון די נסיעות) די שליאַכן, וועלכע עס פלעגן דורכמאַכן די דרייסטע ייִדישע האַנדלס־פּיאָנערן פון מיטלאַלטער:

„אָט איז די באַשרייבונג פון די וועגן פון די סוחרים־ייִדן, די ראָדאַניטן, די, וואָס רעדן אויף פּערסיש, לאַטיין, אַראַביש, פרענקיש,[1] אַנדאַלוזיש,[2] ראָמאַניש[3] און סלאַוויש. זיי מאַכן נסיעות פון מערב אויף מזרח און פון מזרח אויף מערב מיטן ים און מיט דער יבשה. זיי ברענגען פון מערב עוונוכן, שקלאַפינס, ייִנגלעך, זייד, פוטערוואַרג, מעטאַלן און שווערדן. זיי לאָדענען עס און זעצן זיך אויף שיפן אין פראַנדזשי[4] אויפן מערבדיקן ים,[5] פונוואַנען זיי פירן עס קיין עגיפּטן. דאָרטן לאָדענען זיי די סחורות אויף הויכע חיות[6] און פירן עס מיטן יבשה־וועג קיין קאָלזום,[7] און דאָס דויערט פינף טעג. פון דאַנען קומען זיי צום רויטן ים און גייען קיין מעדינע[8] און קיין דזשערדאַ.[9] זיי גייען ווייטער אינעם לאַנד פון סינדאַ,[10] אינדיע און סין.[11] אויפן צוריקוועג נעמען זיי מיט זיך קאַמפאָרע, שמעקעוודיקע זאַפטן, וואָרצלען, בשמים און אַנדערע פּראָדוקטן פון מזרח. זיי קערן זיך אום מיטן זעלביקן וועג און זעצן זיך אויף שיפן. אַ סך פון זיי פאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וווּ זיי פאַרקויפן די סחורות און קומען צוריק קיין פראַנדזשי". אַ צווייטער וועג, אַ יבשהדיקער, האָט געפירט די קאַראַוואַנעס פון די ראָדאַניטן דורך די לענדער פון די סלאַוון אַזש ביזן אויסגוס

---

* Ibn Hurdadbeh: „Kitab al- masalik va'al- mamalik".

[1] פראַנצויזיש אָדער דייטש.

[2] שפּאַניש.

[3] פראַנצויזיש.

[4] פראַנקן־לאַנד, דאָ: דרום־פראַנקרייך. [5] מיטללענדישן ים. [6] קעמלען. [7] די געגנט פון היינטיקן סועץ־קאַנאַל. [8] אַראַביע. [9] היינטיקע טראַנסיאָרדאַניע.

[10] צפון־מערבדיקע געגנט פון אינדיע. [11] כינע.

פון דער וואָלגע, פון דאַנען צום קאַספּישן ים, און ווייטער — קיין טורקעס־טאַן, קיין טאַשקענט, צו דער שטאָט באַלך, קיין באַגדאַד, דמשק, אַנטיאָ־כיע און פּאַלעסטינע; דורך צענטראַל־אַזיע פלעגן זיי דערגיין ביז כינע און אפילו דערגרייכן קיין יאַפּאַן.

אויפן ריזיקן שליאַך פלעגן די ראָדאַניטן גרינדן פאַקטאָריעס — סטאַבילע האַנדלס־פאַרשטייערשאַפטן און קאָמוניקאַציע־פונקטן. אַזוי אַרום זענען זיך צעוואַקסן די יידישע ישובים אין בייערן, אין מאַגדעבורג, מער־צענבורג, אין טשעכישן פּראַג און צום טייל אויך אין פּוילן. איינער פון די ענדצילן אָדער הויפּט־עטאַפּן פונעם ראָדאַניטישן האַנדל איז געווען דאָס אַלטע רוס.* די דאָזיקע יידישע סוחרים האָט מען אין דער שאלות־ותשו־בות־ליטעראַטור גערופן „הולכי רוסיה“ (די גייער קיין רייסן, קיין דרום־רוסלאַנד, אָדער בכלל אין די סלאַווישע לענדער).

פון VII ביז דער העלפט פון X י״ה איז דער מסחר צווישן מערב־אייראָפּע און אַזיע געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין די הענט פון די יידישע וועלט־סוחרים פון מיינץ, וואָרמס, פראָוואַנס, און צום טייל פון שפּאַניע

דער דאָזיקער וועלט־האַנדל פון די פראַנקאָנישע יידן האָט אָנגעהאַלטן ווייט נאָך דער צעפאַלונג פון שאַרל דעם גרויסנס אימפּעריע אויף די באַ־זונדערע קיניגרייכן פון די שפּעטערדיקע פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די צאָל פון דעם יידישן מסחר און מלאכה (וואָרעם די געקויפטע זאַכן האָבן די יידן אָפט איבערגעאַרבעט, אויסגעפיינערט) איז נאָך אין דער ערשטער העלפט פון X י״ה געווען אַזוי גרויס, אַז דער דאָזשא פון ווענעציע, באַ־אומרואיקט צוליב דער קאָנקורענץ פון די מיינצער יידן אינעם מזרח־האַנדל, האָט זיך געווענדעט אין יאָר 932 צום קייסער היינריך I און צום מיינצער ערצבישאָף (אַרציביסקופּ), זיי זאָלן אַרויסטרייבן די יידן פון מיינץ אָדער פאַרבאָטן זיי האַנדלען מיט מעטאַלן, געוואַנט און מזרחדיקע וואָרצלען. זיין בקשה איז אָבער געוואָרן אָפּגעוואָרפן, ווייל די דעמאָלטיקע הערשער פונעם ריין־געביט האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון דעם יידישן וועלט־גרייכנדיקן מסחר.

אין די ערשטע צייטן האָבן די ראָדאַניטן קיין גרויסע קאָנקורענץ נישט געהאַט אויסצושטיין. אָבער אין X י״ה ווערט די קאָנקורענץ מצד די סוחרים פון אַזעלכע איטאַליענישע שטעט ווי גענואַ, פּיזאַ, אַמאַלפי און ווענעציע גרויס און דראָענדיק.

---

* Ruś.

די יידישע וועלט־סוחרים, וועלכע זענען איינציימיק וועלט־רייזנדיקע, האָבן אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע קולטור־ראָל, זיי האָבן באַרייכערט דאָס דע־מלטיקע געאָגראַפישע וויסן, זיי האָבן פאַרמיטלט צווישן ווייטע לענדער גישט בלויז אין ווירטשאַפטלעכן, נאָר אויך אין קולטורעלן זין.

אַרייגפירנדיק מזרח־דיקע לוקסוס־אַרטיקלען, האָבן זיי, נאַטירלעך, באַ־דינגט קודם כל די פעאָדאַלן, אָבער אימפּאָרטירנדיק, למשל, מאַטעריאַלן צי פאַרבעריי און בלעכליי מינים געוואַנט, האָבן זיי דערמיט געהאָלפן צו אַנט־וויקלען די לאַנד־מלאכה. וואָס שייך דעם האַנדל מיט שקלאַפן, איז דאָס גע־ווען אַ ברייט־פאַרשפּרייטער מסחר אין דער דעמלטיקער וועלט. די פּאַגאַ־מיש־קריסטלעכע ביזאַנץ האָט ווי אַ מלוכה אָרגאַניזירט דעם האַנדל מיט שקלאַפן. ביי די ראָדאַניטן איז דאָס נישט געווען די הויפּט־זאַך, נאָר אַ נעבן־מסחר.

די אויפגעקלערטע עלעמענטן פון די פראַנקן פון יענער צייט האָבן פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט די ראָל פון די יידישע מסחר־פּיאָנערן. דער בישוף פון קלערמאָן סידאָניוס אַפּאָללינאַריס (צווייטער העלפט פון V י"ה) האָט געשריבן, רעקאָמענדירנדיק יידן זיינעם אַ באַקאַנטן: „די האָזיקע מענטשן זענען ערלעכע און אויסערגעוויינלעכע האַנדלס־לייט; זיי האָבן פאַרדינט, מען זאָל זיי באַשיצן, ווען עס דריקט זיי דער גורל".

אין שייכות מיטן ברייטן וועלט־פאַרנעם פונעם יידיש־פראַנקאָנישן האַנדל שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען האָבן די יידן פון די ריין־שטעט, פראָוואַנס און שפּאַניע אָנגעזאַמלט אַזעלכע גרויסע קאַפּיטאַלן צו פינאַנ־סירן די ריזיקע אונטערנעמונגען? צום טייל האָבן מיר שוין געענטפערט אויף דעם איגעם ערשטן קאַפּיטל. אָבער פון יענע קאַפּיטאַלן (פון די צייטן פונעם סוף פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע) איז בלויז אַ טייל בירושה אָדער דורך אַן אַנדער וועג געבליבן ביי די יידן פון VI און פון די שפּעטער־דיקע יאָרהונדערטער. דעם גרעסטן טייל קאַפּיטאַל האָבן די רייכע יידן פון מאַרסעל, נאַרבאָן און אַנדערע שטעט אָנגעזאַמלט אין משך פון צענדליקער יאָרן תחילת דעם מיטלאַלטער — פון מסחר־אָפּעראַציעס. דער דאָזיקער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט נישט געשטאַמט פון קרעדיט. פאַרקערט — דער שפּעטער אַנטוויקלטער יידישער קרעדיט־קאַפּיטאַל האָט געשטאַמט פון אַקומולירטן האַנדל־קאַפּיטאַל.

די שטאַרקע און נייטיקע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע פון די יידישע סוח־רים, בעל־מלאכות און אין קלענערן טייל קרעדיטאָרן אין לאַנד, און אויך

זייער פאַרהעלטנישמעסיקער הויכער קולטור־ניוואָ, האָט זיי געגעבן אַ גע־
וויסן פּאָליטישן איינפלוס אין לאַנד. נאָמירלעך, איז דאָס נישט געווען קיין
איינפלוס פונעם כלל, נאָר פון יחידים. די קוואַלן גיבן אָן נעמען פון אַ גאַנ־
צער ריי ייִדן, וועלכע האָבן פאַרנומען אין לאַנד הויכע מלוכהשע שטעלעס.
דער פראַנקישער כראָניקער גרעגאָר פון טור (פון VI י"ה) גיט אָן, אַז דער
ייִד פּריסקוס פון פּאַריז איז געווען אַ פּאַרטרויונגס־מאַן פון דעם קיניג
הילפּעריק. שאַרל דער גרויסער האָט זיך באַנוצט מיטן ייִד יצחק ווי אַ דיפּ־
לאָמאַטישן שליח צום באַגדאַדער קאַליף האַרון אַל ראַשיד. ביי שאַרלס
נאָכפאָלגער, לואי דעם פרומען, זענען די הויף־ליוועראַנטן, פינאַנסיסטן און
אַפילו ראַטגעבער געווען ייִדן. אין דעם קאָנפליקט צווישן דער קיניגין יהו־
דית (יודיט), לואי דעם פרומענס פרוי, און דעם ליאָנער ביסקופּ אַגאָבאַר,
זענען די אָנפירנדיקע רייכע ייִדן געשטאַנען אויף דער קיניגינס זייט, און די
לעצטע האָט זיך מיט זיי באַנוצט ווי מיט קאָמיסאַרן און עקזעקוטאָרן קעגן
אַגאָבאַרן.

בעת די קאַראָלינגן זענען אַ ריי ייִדן געווען שטייער־אַרענדאַרן און
ריכטער. עס איז קלאָר, אַז נישט מחמת ליבשאַפט צו די פרעמד־גלויביקע
ייִדן האָבן עס געטאָן די קריסטלעכע מלכים פון פראַנקאָניע, נאָר ווייל די
ייִדן האָבן געהאַט דערפאַרונג אין פינאַנסיעלע און יורידישע ענינים, או־
האָבן געקענט שפּראַכן.

צווישן די דאָזיקע ייִדן, קיניגלעכע אָנגעשטעלטע, זענען געווען אַזעל־
כע, וואָס האָבן אונטערדריקט דאָס פאָלק, זייענדיק אַ געצייג אין די הענט
פון דער פעאָדאַלער אונטערהדריקונג פונעם מאָנאַרך.

די צאָל הויף־ייִדן, קיניגלעכע פינאַנסיסטן, שטייער־פאַכטער איז אָבער
געווען אַ קליינע אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער מאַסע ייִדישע בעל־מלאכות,
סוחרים, פּויערים און וויין־צוכטלער. און דער דאָזיקער ברייטער מאַ־
סע ייִדן האָט זיך בכלל געלעבט גוט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. דאָס
צוזאַמענלעבן צווישן ייִדן און קריסטן אין פראַנקאָניע, למשל, אין VI י"ה
איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט נישט בלויז געוווינט בשכנות אָדער
אין איין הויז און נישט בלויז געפּראַוועט געמיינזאַמע סעודות, נאָר עס זע־
נען אַפילו אָפּט פאָרגעקומען געמישטע חתונות (למשל אין קלערמאָן). די
כראָניקעס מערקן אָפּ, אַז אין דער הערשאַפט־צייט פון איין קיניג, גונדאַ־
באַר, תחילת VI י"ה, זענען פאָרגעקומען 500 געמישטע, ייִדיש־קריסטלע־

בע התונות. מען האָט געפירט בשותפותדיקע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, און די קריסטלעכע שותפים פלעגן אָפט אַרבעטן זונטיק אינאיינעם מיט די יידן. אַגב, איז דער קריסטלעכער גלויבן און זיינע דאָגמעס און מנהגים נאָך ־עמלט נישט געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט און איינגעזאַפט דורך די פראַנ־קן. די העברעיש ווירטשאַפטלעכע ראָל פון די יידישע בעלי־מלאכות און סוחרים האָט נישט זעלטן אַזוי ווייט באַאיינפלוסט דעם אַרום, אַז אַ סך קריסטן האָבן געראוט שבת. דאָס צוזאַמענלעבן איז געווען אַזוי נאָענט, אַז די קריסטלעכע שכנים פלעגן נישט זעלטן אָננעמען יידישע מנהגים, פאַסטן אינאיינעם מיט די יידן בעת יידישע תעניתים, און ציגרן ביי זיך ליכט, ווען עס איז אויסגעפאַלן אַ יידישער יום־טוב. דער דערמאָנטער בישאָף אַגאָ־באַר רעדט אין זיינע כתבים וועגן „נישט קלוגע" קריסטן, וועלכע ווילן ליַ־בערשט הערן רבנים און יידישע מטיפים אין די סינאַגאָגעס איידער דאָס געטלעכע וואָרט פון די גלחים.*

עס טרעפן אַפילו פאַלן, ווען פראַנקן־קריסטן — פשוטע פאָלקס־מענ־טשן און אויך פון די א. ג. העברעיש ספערן — נעמען אָן דעם יודאַיזם, זע־נען זיך מגיר. אין די צייטן פון לואי דעם פרומען איז אַפילו אַ נידעריקער גייסטלעכער, אַ געוויסער באָדאָן, אַריבער צום יידנטום (אין יאָר 838), אַוועק קיין סאַראַגאָסע (שפאַניע) אונטערן יידישן נאָמען אליעזר און חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל.

פון זייער זייט האָט זיך דער רוב יידן באַמיט אָפּצוזאָגן די קריסטלע־כע שכנים מיט אַ גוטער מידה. עס האָבן געטראָפן פאַלן, ווען יידן האָבן אויסגעקויפט פון געפאַנגענשאַפט און שקלאַפעריי קריסטן און זיי באַפרייט; למשל — אין נאַרבאָן, אין יאָר 597.

אַזעלכע גוטע קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די יידן און דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג אין פראַנקן־לאַנד האָבן געהערשט ביזן סוף פון IX י"ה. דער אייגנציקער עלעמענט אין לאַנד, וואָס האָט זינט דעם VI י"ה געפירט אַ שטאַרקע אַקציע קעגן די יידן, פאַר באַגרענעצן זייערע רעכט און טעטיקייט, פאַר איזאָלירן זיי פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג — איז געווען דער קריסטלעכער קלער (מיט געוויסע אויסנאַמען, למשל, דער טאָ־לעראַנטער און אויפגעקלערטער בישאָף פון קלערמאָן סידאָניוס אַפּאָלי־נאַריס, פון VI י"ה).

---

* Ad hoc perveniter ut dicat imperiti christiani melius eis praedicavi Judaeis quam presbyteros nostros.

כמעט אויף אַלע זיינע קאָנצילן האָט דער קריסטלעכער קלער פון פראַנקן-לאַנד אַרויסגערוקט פאָדערונגען צו באַגרענעצן די רעכט פון די יידן. שוין אויף די קאָנצילן אין אָרלעאַן, אין די יאָרן 533, 538 און 541, זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן קעגן די יידן. אונטערן איינפלוס פון דער אַגיטאַציע פונעם קאַטוילישן קלער זענען, ווייזט אויס, אויסגעבראָכן אַנטי-יידישע אומרוען אין אָרלעאַן, און עס איז צעשטערט געוואָרן די סינאַגאָגע. גרעגאָר פון טור גיט איבער, אַז ווען דער קיניג גאָנטראַם האָט אין יאָר 585 באַזוכט אָרלעאַן, זענען צוזאַמען מיטן גאַנצן המון, וואָס איז אַרויס באַגריסן דעם מלך, געווען אויך די אָרטיקע יידן; די יידן האָבן באַגריסט דעם קיניג מיט געזאַנג, און גאָנטראַם האָט זיי צוגעזאָגט צוריקאויפצושטעלן די סינאַגאָגע.

אין יאָר 576 זענען דורכן קריסטלעכן קלער אָרגאַניזירט געוואָרן אַנטי-יידישע אַרויסטרעטונגען אין קלערמאָן; די יידן פון דער דאָזיקער שטאָט זענען אַנטלאָפן קיין מאַרסעל, ווו זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורך דער דאָרטיקער יידישער עדה.

די קאָנצילן האָבן געפאָדערט צו באַזייטיקן די יידן פון די קיניגלעכע אַמטן, צונעמען בײַ זיי די אַרענדעס פון שטייערן און צאָלן, באַזייטיקן זיי פון מיליטער, באַשרענקען זייער האַנדלס-רעכט מיט שקלאַפן און ווײַן, פאַרבאָטן געמישטע חתונות און געמיינזאַמע סעודות פון יידן און קריסטן. באַזונדערס האָט זיך אין די אַנטי-יידישע אַרויסטריטן אויסגעצייכנט דער ליאָנער בישוף אַגאָבאַר (IX י"ה).

אָבער אַחוץ די איינצלנע פאַלן פון VI י"ה זענען קיין ערנסטערע אַנטי-יידישע אַרויסטרעטונגען אין משך פון פריען מיטלאַלטער אין פראַנקן-לאַנד נישט געווען. די באַשלוסן פון די קאָנצילן זענען בדרך כלל געבליבן אויפן פאַפיר. דאָס לעבן איז געווען שטאַרקער פון די רעליגיעזע פאָראורטיילן און אַנטי-יידישער שנאה, וועלכע אַ טייל פונעם קריסטלעכן קלער האָט געצילט אַרויסצורופן. די גרונטיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — סיי די פויערים, סיי די שטאָט-לייט, סיי די פעאָדאַלן — האָבן געלעבט מיט די יידן אין גוטע באַציונגען. אויך אַ טייל פונעם קלער, דער מער אויפגעקלערטער — למשל דער דערמאָנטער בישוף סיראָניוס, דער בישוף אַוויטוס אאַ. — האָט זיך נישט באַצויגן צו די יידן מיט שנאה אָדער פאָראורטיילן.

די פּאָליטיק פון דער יונגער פעאָדאַלער מלוכה לגבי די יידן האָבן אויסגעדריקט די קיניגן פון דער מעראָווינגישער און קאַראָלינגישער דינאַס-

מיע. זיי האָבן געזען אין די ייִדן און אין זייערע פֿאַרשידענע ווירטשאַפֿטלעכע טעטיקייטן אַ נייטיקן פֿאַקטאָר. שאַרל דער גרויסער האָט געשטיצט די אַנטוויקלונג פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון די ייִדן. נאָך מער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פֿונקציע און לאַגע פֿון די ייִדן לודאָוויק (לואי) דער פֿרומער (814—840), וועלכער האָט דער ערשטער יורידיש פֿאַרזיכערט דאָס לעבן און פֿאַרמעגן פֿון די ייִדן. עס איז קלאָר, אַז ד גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט און שוץ האָבן די דאָזיקע מאָנאַרכן געשענקט די ייִדישע באַנקירן, וועלכע זענען געווען אַן אומבאַדינגט נייטיקער פֿאַקטאָר פֿאַרן קריסטלעכן הויף. די ייִדישע באַנקירן ווערן אין די דאָקומענטן פֿון לואי דעם פֿרומען אָנגערופֿן: „יודעאוס נאָסטער"* — אונדזער ייִד, און „סערוויטוס קאַמערע"** — דער דינער פֿון מלוכהשן אוצר. דער מאָנאַרך איז געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז די ייִדישע באַנקירן זאָלן אין זייערע הענט קאָנצענטרירן דעם מאָנאָפּאָל אויפֿן גרויסן קרעדיט־וועזן, ווייל נאָר אַזוי אַרום איז דער מלך געווען זיכער, אַז ווען ער וועט זיך נאָך נייטיקן, וועט ער באַקומען דעם געהעריקן קרעדיט.

לואי דער פֿרומער האָט אויך געשטיצט דעם ייִדישן מסחר. ער האָט איינגעפֿירט ספּעציעלע „אייזערנע בריוו" פֿאַר די גרויסע ייִדישע סוחרים און זייערע משפּחות. פֿאַר אַ געוויסן געגעלט הויכן אָפּצאָל איינמאָל אַ יאָר, אָדער איינמאָל אין צוויי יאָר האָט דער ייִדישער סוחר באַקומען די מעגלעכקייטן פֿריי זיך צו באַוועגן און פֿירן מסחרים איבערן גאַנצן לאַנד און פֿאַרן קיין אויסלאַנד, האַלטן קריסטלעכע משרתים; ער איז אויך — אַדאַנק דעם איינמאָליקן אָפּצאָל — געוואָרן פֿריי פֿון שטייערן און גרענעץ־צאָלן. די דאָזיקע פּריווילעגיעס זענען געווען אין הסכם מיט דער מיטלאַלטערלעכער פֿאָרם פֿון אימוניטעטן, וועלכע דער מאָנאַרך פֿלעגט געבן די פֿעאָדאַלע האַרן, באַפֿרייענדיק זיי פֿון דער פּליכט פֿון געוויסע מלוכה־לאַסטן, פֿון דער איינגערענץ פֿון די קיניגלעכע באַאַמטע אאוו.

אָבער אין אָט די אַלע „פּריווילעגיעם" האָבן געשטעקט טיפֿע סתירות, וועלכע זענען געווען אַ פּועל־יוצא נישט בלויז פֿון דער אַנדערשדיקער לאַגע פֿון די ייִדן, נאָר אויך פֿונעם עצם כאַראַקטער פֿון פֿעאָדאַליזם. שוין דער פֿאַקט, וואָס ייִדישע סוחרים האָבן זיך געקאָנט אויסקויפֿן ביים מאָנאַרך, איז געווען אַ בולטער סימן פֿון דעם, אַז זיי זענען געווען תושבים פֿון אַ

---

* Judaeus noster

** Servitus camerae

צווייטער מדרגה, און אייגנטלעך, אַז זיי זענען טראַקטירט געוואָרן בעצם ווי פרעמדע. דאָס דערקלערן די רייכע יידן, בפרט די באַנקירן, פאַר „דינער פונעם מלוכה־אוצר“, אָדער פאַר „קנעכט פונעם קיניג“, האָט געטראָגן אין זיך געוויסע גרעניצן. „קנעכט פונעם קיניג“ זענען ממילא געוואָרן אַלע יידן, און אַזוי אַרום האָט דער מאָנאַרך געקאָנט צו יעדער צייט טאָן מיט דער יידישער באַפעלקערונג וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זיי געקאָנט באַלעסטן מיט מער שטייערן און אַפילו אַרויסטרייבן פון לאַנד. אין דער באַהאַנדלטער עפּאָכע איז צו דעם נישט געקומען, ווייל די יידישע סוחרים, באַנקירן, בעלי־מלאכות, אַרענדאַרן זענען געווען נייטיק. אָבער אינעם צווייטן פעריאָד וועט דאָס יאָ געשען.

אַפילו שאַרל דער גרויסער, וועלכער ווערט באַצייכנט דורך געוויסע היסטאָריקער ווי דער גרעסטער בעל־טובה פון די פראַנקישע יידן, האָט איינגעפירט געוויסע מסחר־באַגרענעצונגען פאַר די יידן, בפרט אינעם האַנדל מיט וויין. האָס באַגרענעצן די יידן אין דעם וויין־האַנדל איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, פאַר די וויין־צוכטלער און קלייגע פאַרקויפער, ווייל וויין איז געווען אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך. די דאָזיקע באַגרענעצונג פאַר די יידישע וויין־סוחרים איז געווען אַ קאָנצעסיע פון דעם מאָנאַרך לטובת דעם רייכן קלער, וועלכער האָט אַליין געהאַנדלט מיט וויין און געוואָלט פאַרטרייבן די יידישע קאָנקורענץ.

אַזוי אַרום איז גלענצנדיק געווען די לאַגע בלויז פאַר די מער באַזיצנדיקע יידן. דאַקעגן די אָרעמע און ווייניק באַמיטלטע יידן האָט זיך געלעבט זייער שווער, און די אַטאַקעס פונעם קריסטלעכן קלער און די באַגרענעצונגען פון די מאָנאַרכן האָבן געשלאָגן קודם כל אין אָט די עקאָנאָמיש־שוואַכערע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין הסכם מיט די פעאָדאַלע אָרגאַניזיר־פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן זיך געגומען אויספאָרמירן אין משך פון די באַהאַנדלטע יאָרהונדערטער אין פראַנקאָניע, האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג, ביים שלום פון דעם פעאָדאַליזירונגס־פּראָצעס, געבילדעט אַן אָפּגעשלאָסענעם שיכט, וועלכע האָט — חוץ אַלעמען — געטראָגן דעם חותם פון רעליגיעזער באַזונדערקייט. די פראַנקאָנישע יידן האָבן פאַרמאָגט אַן אינערלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג. פון די עלטערע דאָקומענטן, פון VIII און IX י״ה, איז באַקאַנט דער אַמט פון „נשיא“ — דאָס איז געווען דער רייכסטער ייד פון שטאָט, דער גרעסטער יידישער ערד־באַזיצער, פאַקטיש

אַ פּעאָדאַל, וועלכער האָט געהאַט די אינערלעכע שליטה איבער די ייִדן. פֿון די שפּעטערדיקע דאָקומענטן איז באַקאַנט דער אַמט „מאַגיסטער יודעאָרום"* אין מערבֿ־פֿראַנקאָניע (פֿראַנקרייך) און „יודענבישאָף"** אין מזרח־פֿראַנקאָניע (דייטשלאַנד). דער „מאַגיסטער יודעאָרום" איז געווען אַ וועלטלעכער אַמט. צי מיטן „יודענבישאָף" האָבן די דאָקומענטן געמיינט דעם רבֿ, אָדער דעם ראש פֿון דער קהלה, איז שווער צו דערגיין. די דאָזיקע אַמטן זענען געלעגן אין די הענט פֿון די געלט־רייכסטע און איינפֿלוסרייכסטע ייִדישע משפּחות.

די ייִדן האָבן זיך בדרך כּלל געפֿירט אין געריכטלעכן זין לויטן אַלט־ייִדישן דין, וועלכן זיי האָבן אָפּט צוגעפּאַסט צו די נייע צייטן. אין קאָנפֿליקטן צווישן ייִדן און קריסטן האָט פּאַרפּליכטעט דאָס לאַנד־געריכט, פּאַר ייִדן איז געווען פּאָרויסגעזעען אַן אַנדער שבֿועה־טעקסט ווי פּאַר קריסטן. אין די צייטן פֿון שאַרל דעם גרויסן האָט מחייבֿ געווען אַזאַ פּראָצעדור: דער ייִד האָט געמוזט קניען און אַרומבינדן די קני און דעם האַלדז מיט שטעכל־דראָט און דערביי זאָגן די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„זאָל גאָט, וואָס האָט געגעבן משהן די תּורה אויפֿן באַרג סיני, מיך באַשטראָפֿן, זאָל מיך טרעפֿן דער גורל פֿון דעם מצורע, זאָל מיך די ערד איינשלינגען, ווי זי האָט איינגעשלונגען דתן און אבֿירם, אויב איך האָב דיר געטאָן עפּעס שלעכטס".

די רבנים האָבן זיך באַמיט איינצוהאַלטן די ייִדישע באַפֿעלקערונג אונטער זייער השפּעה, אָבער דער אַקטיווער און מאַסנווייזער אָנטייל פֿון די ייִדן אין אַרומיקן מסחר, מלאכה און קרעדיט, האָט זיי דערנענטערט מיט די שכנים און ממילא אָפּגעשוואַכט ביי זיי דעם רעליגיעזן ריגאָריזם. די וועלטלעכקייט איז גובֿר געווען די רעליגיעזע צוימען. אַפֿילו צווישן די רבנים זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס רעדן אין אַ שפּראַך, וועלכע איז צוטרייטלעך אויך פֿאַר קריסטן; אַ סך פֿון די לעצטע קומען, ווי געזאָגט, אויף די דרשות פֿון ייִדישע מטיפֿים. אין הינזיכט פֿון באַציונג צווישן וועלטלעכן און רעליגיעזן גייסט מערקט זיך אַ בפֿירושער אונטערשייד צווישן די ייִדן פֿון צפֿון־פֿראַנקרייך און די ייִדן פֿון דרום־פֿראַנקרייך (דער עיקר פּראָוואַנס). אויפֿן צפֿון שטאַרקט זיך דער איינפֿלוס פֿון תּלמוד. די קאָנטאַקטן צווישן ייִדן און קריסטן זענען דאָ שוואַכערע. די ייִדן זענען דאָ מער איזאָ־

---

* Magister Judaeorum

** Judenbischof

לירט. אויפן דרום בליט דער צווישנלענדישער האַנדל, די קאָנטאַקטן מיט די קריסטן זענען לעבעדיקער, עס ווירקט אויך די אַלגעמיינע טאָלעראַנט־פרייהייטלעכע אַטמאָספער פון פּראָוואַנס, אויף וועלכן דער פּויפּסט קוקט מיט רוגזה און צאָרן. אויפן דרום אַנטוויקלען זיך אויך ביי די יידן פילאָ־זאָפיע און דיכטונג. צווישן די פּראָוואַנסאַלישע יידן איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל מעדיקער, וועלכע באַקומען אַ שם אין גאַנצן לאַנד. שאַרל דער גרוי־סער, וועלכער האָט קאָנצענטרירט אין זיין הויף אַ ריי וויכטיקע געלערנטע פון פאַרשידענע לענדער און געשטיצט די שפּרייטונג פון וויסן אין דעם פעאָדאַלן שיכט, האָט אויך איינגעלאַדן צו זיך יידישע געלערנטע.

ווי עס גיט איבער רב אברהם בן דוד (ראב"ד) אין זיין „ספר הקבלה“, האָט שאַרל געבראַכט פון בבל קיין פראַנקרייך דעם דעמלט באַוווסטן יידי־שן געלערנטן ר' מכיר. סוף IX י"ה איז געבראַכט געוואָרן קיין מזרח־פראַנקאָניע (דייטשלאַנד) פון איטאַליע, וווּ די יידן זענען דעמלט געשטאַנען אויף דעם העכסטן קולטור־ניוואָ, די באַקאַנטע יידישע געלערנטע־משפּחה קלונימוס, צווישן וועלכער עס זענען געווען אי קענער פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן, אי גרויסע מעדיקער. דער ראש פון אָט דער משפּחה, קלו־נימוס, ווערט פאַררעכנט פאַרן ערשטן גרויסן יידישן געלערנטן פון דייטש־לאַנד און פראַנקרייך.

אויב עס גייט וועגן לעבנס־שטייגער און לעבנס־ניוואָ, ווערט אַלץ בולטער דער אונטערשיד צווישן די רייכע און די ווייניק־באַמיטלטע פראַנ־קאָנישע יידן. ביי די ערשטע וואַקסט דער לוקסוס, דער העמונגסלאָזער גע־יעג נאָך רווחים, דאָס פרעסן און זויפן, פאַרשידענע האַזאַרד־שפּילן אויף גרויסע סומעס געלט. אין דער זעלבער צייט לעבט די יידישע מאַסע באַ־שיידן און די יידישע אָרעמשאַפט — אין דחקות. אינעם געיעג נאָך עשי־רות שטעלן זיך געוויסע יידן נישט אָפּ אַפילו פאַר פעלשונגען — זיי שניידן אַרום די מטבעות (אַגב, האָבן דאָס געטאָן אויך די מלכים, און עפטער ווי די יידן), קויפן געגנבעטע זאַכן וכדומה. די רבנים טרעטן אַרויס קעגן די דאָזיקע שלעכטע מידות. אייניצייטיק טרעטן זיי אַרויס קעגן טריפות, קעגן פראַוועון סעודות אינאיינעם מיט קריסטן.

עס איז נישטאָ אין יענעם פּעריאָד קיין באַזונדערע יידישע הלבשה. יידן טוען זיך אָן ווי דער קריסטלעכער אַרום. קינדער דערציט מען ביי יידן — אַחוץ די רעליגיעזע מאָמענטן — אַזוי ווי ביי דער גאַנצער פראַנקישער באַפעלקערונג.

יידן טראָגן אָפט געווער און קאָנען זיך מיט אים באַנוצן. זיי רייטן אויף פערד; אויף חתונות נעמט מען אויף חתן־כּלה מיט פּאַראַד, רייטנדיק אויף פערד. די בעלי תוספות פונעם ריין־געביט שרייבן, אַז יידן אין פראַנקן־לאַנד זענען געאיבט אין שווערדן־געפעכט פונקט ווי די ריטער. עס פלעגן אַפילו פאָרקומען יידישע ריטער־טורנירן. רייכע יידן נעמען אָנטייל אין גרויסע יאַגד־אונטערנעמונגען.

די אומגאַנג־שפּראַך פון די פראַנקאָנישע יידן איז דאָס לאַנד־לשון, מיט אַ געמיש פון העברעישע ווערטער. די יידן אין די פראַנצויזישע געביטן רעדן פראַנצויזיש און די דייטשישע יידן — דייטש. העברעיש איז בלויז די שפּראַך פון דער ליטורגיע און פון ליטעראַרישן שאַפן. אין דער ליטעראַטור ווערן, פון דער צווייטער זייט, געברויכט אויסדרוקן פון דער לאַנד־שפּראַך. אין דעם באַקאַנטן קאָמענטאַר צום תנ״ך און תלמוד פון רש״י (ר׳ שלמה יצחקי) פון טרוא (1039—1105) איז פאַראַן זייער אַ סך אַלט־פראַנצויזישע אויסדרוקן. די היינטיקע פראַנצויזישע שפּראַך־פאָרשער זוכן געווויסע פאַרגעסענע אַלט־פראַנצויזישע ווערטער אין די ווערק פון רש״י; פראַנצויזישע גלאָסן האָט מען ביי רש״ין אָפּגעציילט אַרום 3.000.

אין IX און X י״ה הייבט זיך אָן אויסבילדן ביי די יידן אין דייטש־לאַנד, צפון־איטאַליע און טייל צפון־פראַנקרייך אַ נייע אומגאַנג־שפּראַך, וועלכע פאַרעמט זיך אויס פון מיטל־אַלטערלעכן דייטש, פון אַ ריי אָרטיקע דיאַלעקטן פון די יידן און העברעיש. אַזוי אַרום הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פונעם אויפקום פון לשון אַשכנז, וועלכער ווערט מיט דורות שפּעטער באַ־קאַנט אַלס ייִדיש. לשון אַשכנז געפינט זיך אינעם באַהאַנדלטן פעריאָד נאָך אין די ווינקעלעך.

די יידן פילן זיך טראָץ דער אַגיטאַציע פונעם קריסטלעכן קלער און די דערמאָנטע באַגרענעצונגען — אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן לאַנד. די שפּיצן פון דער יידישער באַפעלקערונג העלפן אָרגאַניזירן און קרעפטיקן די דאָזיקע גרעסטע און שטאַרקסטע יונג־פעאָדאַלע מלוכה אין אייראָפּע. די יידן האָבן ליב דאָס לאַנד און רופן עס אָן מיט אַן אייגענעם, ביבלישן נאָ־מען צרפת. אונטער די אַלגעמיין באַגינסטיקנדיקע באַדינגונגען פון אויפ־קומענדיקן פעאָדאַליזם וואַקסט דער יידישער ישוב אין פראַנקן־לאַנד אויך קולטורעל.

מהדרגה פאָרעמט זיך אויס אַן אייגנאַרטיקער פּנים פון דעם פראַנקאָ=
גישן ייִדנטום, פון די יידן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד, וועלכע טרעטן
שפּעטער אויף ווי דאָס אַ ש כ נ ז י ש ע י י ד נ ט ו ם אין אונטערשיד
צום ס פ ר ד י ש ן, וואָס זיין מעטראָפּאָליע געפינט זיך אין שפּאַניע
און וואָס איז אַ קוואַליטאַטיווו העכערער המשך פון דעם איצט פאַרגייענ=
דיקן בבלישן ישוב. תחילת דעם XI י"ה איז שוין קלאָר, אַז מיטן פרי=
מאַט פון דעם ספרדישן (שפּאַנישן) ייִדנטום אין די ייִדישע קיבוצים פון
אייראָפּע הייבט אָן צו קאָנקורירן אַ שטאַרקער ריוואַל: דאָס אַשכנזישע
(פראַנצויזיש=דייטשישע) יידנטום, וואָס איז געווען די ערשטע איבערצו=
רייסן מיט דער גייסטיקער העגעמאָניע פון בבל. דער גרויסער געלערנטער
און רעליגיעזער אויטאָריטעט פון לאָטאַרינגיע רבי גרשון (גרשם) בן
יהודה (960—1028), וועלכער איז אַריין אין דער יידישער טראַדיציע אונ=
טערן נאָמען „מאור הגולה“ (דאָס ליכט פון גלות), האָט ענדגילטיק אי=
בערגעריסן מיט דער גייסטיקער העגעמאָניע פון בבלישן ייִדנטום, איינפּי=
הנדיק די רעפאָרם פון איינווייביקייט (מאָנאָגאַמיע) ביי יידן; דאָס איז גע=
ווען דער באַקאַנטער „חרם דרבנו גרשם“. דער דאָזיקער באַשלוס ווערט
טראַקטירט ווי די גייסטיקע אַלייןבאַשטימונג פונעם אַשכנזיש=אייראָפּעישן
ייִדנטום. דער דאָזיקער פאַקט איז אַרויסגעוואַקסן פון די עקאָנאָמישע און
פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן געלעבט די פראַנקאָנישע
יידן — זיי זענען דאָך געווען איינגאַנצן אַנדערש ווי אין בבל (מעזאָפּאָטאַ=
מיע, איראַק). ממילא האָט זיך געפאָדערט אַן אַנדער גייסטיקע קאָנסטיטו=
ציע, וועלכע האָט געמוזט ווערן צוגעפּאַסט צום קאָנטינענט און לאַנד, צו
אייראָפּע און צו די נייע גרויסע פראַנקישע מלוכות, צו די ווירטשאַפטלעכע
פאַרהעלטעניש און שטייגער, אין וועלכע די יידן פון פראַנקאָניע און איי=
ראָפּע בכלל האָבן געלעבט שוין פון פריען מיטלאַלטער.

די רעפאָרם פון רבי גרשון בן יהודה האָט זיך אָנגענומען אין אַלע
אַשכנזישע ישובים, און מיט דער צייט אויך ביי די ספרדים אין אייראָפּע
(שפּאַניע, איטאַליע).

דאָס יונגע פראַנצויזיש=דייטשישע ייִדנטום איז אין X און XI י"ה
געוואָרן אַ וויכטיקער יידישער קולטור=צענטער, בפרט אין זין פון אַנטוויק=
לען די רעליגיעזע און יורידישע וויסנשאַפטן. עס לויכטן אויף אַזעלכע צוויי
ברייט=באַקאַנטע נעמען אין דער יידישער וועלט, ווי די דערמאָנטע שוין
רבי שלמה יצחקי (רש"י) און רבי גרשון מאור הגולה. דער ערשטער —
אַ פּאָפּולערער קאָמענטאַטאָר פון חומש און תלמוד, דער מחבר פון דעם

באַוווסטן פּירוש רש״י, אַליין אַ זייער באַשיידענער מענטש, וואָס האָט גע־לעבט פון אייגענער מי — פון וויין־גערטנעריי. דער צווייטער — אַ רעפאָר־מאַטאָר פון יידישן לעבן (דאָס אָפּשאַפן פּאָליגאַמיע) און פון אַ סך רעלי־גיעזע תקנות אין דער ריכטונג פון מאַכן זיי לייכטער. רבנו גרשם האָט, למשל, איינגעפירט אַ תקנה, וואָס פאַרבאָט צו לייענען יענעמס בריוו אָן אַ דערלויבעניש, ער האָט אין זיינע תשובות שטענדיק געזוכט אַ זכות און אַ פאַר־לייכטערונג פאַר יידן, וואָס האָבן געזינדיקט און געוואָלט טאָן תשובה, ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן מוסרים און האָט געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק צו לערנען תנ״ך — אין קעגנזאַץ צו די פאַנאַטישע תלמודיסטן, וועלכע האָבן אָפּגערוקט דעם תנ״ך אין אַ זייט, שטיצנדיק קודם כל דאָס תלמוד־לערנען.

ביידע געשטאַלטן, סיי רש״י, סיי רבנו גרשם, זענען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן, זייער אָנדענק איז גע־וואָרן אַרומגעוועבט מיט פאַרשידענע לעגענדעס.

ווי געזאָגט, איז רבנו גרשמס וויכטיקסטער אויפטו — דאָס עמאַנ־ציפּירן גייסטיק דאָס יונגע אַשכנזישע, אייראָפּעישע יידנטום, פון דעם בבלישן, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן. די גייסטיקע זעלבסטבאַשטימונג פון די אייראָפּעישע יידן אָנהייב דעם XI י״ה איז געווען אַ פועל־יוצא פון דעם אויפשטייג פון אייראָפּע אינעם פעריאָד פון פריען פעאָדאַליזם.

גאָכן צעפאַלן זיך פון דער אייגהייטלעכער פראַנקאָנישער אימפּעריע אויף צוויי מלוכות, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעקומען פראַנקרייך און דייטשלאַנד, האָט נאָך אַ געווויסע צייט אָנגעהאַלטן דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אויפשטייג פון די יידן אין ביידע טיילן. וועגן דער ראָל פון די יידישע קאָלאָניזאַטאָרן און פּיאָנערן פון האַנדל, מלאכה און קרעדיט אין די שטעט פון דער מזרח־פראַנקאָנישער, ד. ה., דייטשישער מלוכה, זאָגט צום בעסטן עדות דער פאָלגנדיקער דאָקומענט, און געמלעך — די פּריווי־לעגיע פון דעם ביסקופּ פון שפּײער (שפּירא) רודיגער פאַר די דאָרטיקע יידן אין יאָר 1084; דער ביסקופּ האָט געשריבן אָט וואָס:

„פאַרוואַנדלענדיק דעם ישוב שפּעיער אין אַ שטאָט, האַלט איך פאַר נויטווענדיק איינצולאַדן אויך די יידן, ווייל איך מיין, אַז אַדאַנק דעם וועט זיך דער רום פון אונדזער שטאָט פאַרגרעסערן טויזנטפאַכיק״.

דער יידישער ישוב אין דייטשלאַנד וואַקסט זייער שנעל, זיין אַנטוויק־לונגס־וועג גייט דעמלט לענגאויס דער ליניע פון די דייטשישע ראַנד־גע־ביטן, יידישע ישובים אַנטשטייען — נאָכן ריין־געביט — אין בייערן,

זאַקסן און ביי דער לאַבע (עלבע). אין צענטראַלן דייטשלאַנד באַזעצן זיך עמלט זייער ווייניק יידן. מיטן באַטייט פון די שטאָטישע יידן האָט זיך שטאַרק גערעכנט דער קייסער היינריך IV, וועלכער האָט געפירט אַ לאַנגיעריקן קאַמף מיטן פויפּסט גרעגאָר VII. אין דעם דאָזיקן קאַמף, און אויך אינעם קאַמף קעגן די אייגענע פעאָדאַלן, האָט זיך דער קייסער אָנגעשפּאַרט אויף די שטעט און בתוכם אויף די יידן, וועלכע האָבן געשטיצט היינריך IV פינאַנסיעל און פּאָליטיש.

אין XI י״ה שפּרייטן זיך אויס די יידישע ישובים אין אייראָפּע. עס אַנטשטייט דער יידישער ישוב אין ענגלאַנד. נאָך דעם ערשטן יידישן ישוב דאָ, פון די רוימישע צייטן, איז געבליבן ווייניק שפּורן. אַ נייע גרופּע יידן, דרייסטע סוחרים, קומען אָן אויפן בריטישן אינדזל צוזאַמען מיט די נאָרמאַנישע דעראָבערער. אין דער צווייטער העלפט פון XI י״ה קומען אָן אויף נאָרמאַנישע שיפן קיין ענגלאַנד פרישע גרופּן יידן. זיי פירן אַ ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט צוזאַמען מיט דער נאָרמאַנישער אַריסטאָקראַטיע. זיי באַזעצן זיך אין לאָנדאָן, אָקספאָרד, סטעמפאָרד, יאָרק, לינקאָלן. די קיניגן שטיצן דעם יידישן און צווישנלענדישן מסחר. עס הייבט זיך אויך אָן ביי די נאָרמאַניש־ענגלישע יידן דער מסחר מיט געלט.

אַזוי אַרום געפינען זיך שוין אין אייראָפּע — אין דער צייט, ווען עס טרעט אויף דער יידישער ישוב אין פוילן, — גרויסע און שטאַרקע יידישע קיבוצים. פון דער מערב־זייט עמאַנירט אויפן יונגן יידישן ישוב פון פוילן: דאָס פראַנקאָנישע, פראַנצויזיש־דייטשישע (אשכנזישע) יידנטום, און אומדירעקט — דאָס שפּאַנישע.

אייגנצייטיק ווערט דער יונגער ייִדיש־פּוילישער ישוב באַווירקט פון דער מזרח־זייט דורך גרויסע און שטאַרקע יידישע קיבוצים, וועלכע טראָגן אין אַ געוויסן זין אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די מערבדיקע.

קאפיטל פיר

# דער יידישער ישוב אין בבל

אין דער אנטיקער רוימישער תקופה האָבן זיך די יידישע ישובים קאָנ־צענטרירט אויף די טעריטאָריעס פון צוויי אַנטאַגאָניסטישע וועלט־מלוכות: פון דער רוימישער אימפעריע און פון פאַרטיע (פערסיע, היינט: איראַן). אין דעם פעריאָד ווען יודעא האָט זיך אַראַנק דעם חשמונאישן (מכביאישן) אויפשטאַנד באַפרייט פון אונטערן יאָך פון די סעלעווקידן (די דינאַסטיע פון דער העלעניזירטער סיריע), איז פון אונטער זייער ממשלה אויך אויס־געלייזט געוואָרן דער גרויסער יידישער מאַסן־ישוב אין בבל (אין אַלטער־טום: מעזאָפּאָטאַמיע, היינט: איראַק) אַדאַנק דעם אָנגריף און נצחון פון דעם פאַרטישן קעניג מיטרידאַטעס. פון דעמלט אָן האָבן די יידן פון מע־זאָפּאָטאַמיע (אַחוץ דעם טייל, וואָס האָט געהערט צו רוים) און פון פער־סיע געשאַפן איין גרויסן ישוב, וועלכן מען רופט אָן: דאָס בבלישע יידנ־טום. דער יידישער ישוב אין בבל איז נישט בלויז געווען לפי ערך דער גרעסטער אין צאָל, נאָר האָט אויך אין משך פון לאַנגע דורות אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף אַנדערע יידישע ישובים, בתוכם אויף די יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע און פון שפּאַניע; די בבלישע יידן זענען, לויט געוויסע קוועלן, געווען אין פריען מיטלאַלטער אַ רעזערוואַר פון יידי־שער עמיגראַציע קיין מזרח־אייראָפּע.

די בבלישע יידן, וועלכע האָבן ביז די ערשטע יאָרצענדליקער פון VII י"ה געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די פאַרטן, וואָס זענען גע־שטאַנען אין כסדרדיקע מלחמות מיט רוים (לכתחילה מיט דער רוימישער וועלט־אימפעריע און דערנאָך מיט ביזאַנץ), האָבן זיך געפונען אין אַ סך גינסטיקערע באַדינגונגען ווי די יידן אונטער דער הערשאַפט פון דער רוי־מישער (שפּעטער ביזאַנטישער) אימפעריע. די פאַרטישע מאַכט איז גע־

ווען מאַלעראַנט לגבי אַלע גלויבנס אין איר פאַרשידנפעלקערלעכער מלוכה (מאַזדאיזם, העלעניש היידנטום און יודאיזם). די יידן האָבן זיך געפונען אין דער זעלביקער לאַגע, וואָס אַלע איינוווינער פון לאַנד. אין די שטעט האָבן די יידן — צוזאַמען מיט די פערסן, גריכן און צום טייל סיריער — געשאַפן דעם גרונט־עלעמענט. זיי זענען אויך מאסנווייז געווען פאַרטראָטן אין דער לאַנדווירטשאַפט. געוויסע אַזעלכע שטעט, אין וועלכע די יידישע באַפעלקערונג האָט געבילדעט אַן איבערוועגנדיקע מערהייט, למשל: נהרדעא, נציבין (ניסיבים), סורא, פומבדיתא. נציבין איז געווען דער וויכטיקסטער צענטער פון דעם איראניש־ביזאנטישן האנדל־אויסטויש, און דאָס אַר־טיקע סוחרטום, צווישן וועלכן עס האָבן איבערגעוויגן יידן, האָט געהערט צו די וויכטיקסטע האנדל־עלעמענטן פון גאַנצן מזרח. אין דער פאַרטי־שער הויפטשטאָט קטעסיפאָן האָבן די יידן געשאַפן א גרויסן, אָנזעעוודיקן טייל פון דער באַבעלקערונג. בפרט גרויס איז געווען די צאָל יידן אין די מערבדיקע פראָווינצן פון דער פאַרטישער מלוכה, נאָענט צו די גרענעצן פון דער רוימישער אימפּעריע. אין אַזעלכע גרענעץ־פעסטונגען, ווי פירי־שבור, בירתא א. א. האָבן די יידן געבילדעט א גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג. די פאַרטישע מושלים זענען געווען פאַראינטערעסירט אין דער פריינדשאַפט פון די דאָזיקע יידן, וועלכע האָבן מאַקע ארויסגעוויזן א פאַרשטענדלעכע שנאה צו רום און גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין די פאַרטיש־רוימישע מלחמות אויף דער זייט פון פאַרטיע. די יידישע שטעט אויף די מערב־ראנדן האָבן זיך מיליטעריש קעגנגעשטעלט די רוימישע אגרעסיעס און אין געוויסע מאָסן דעצידירט וועגן אָפּשטעלן די פאָרויס־מארשן פון די רוימער. אַזוי האָבן, למשל, די יידן פון נציבין (ניסיבים), בעת דער באלאגערונג פון דער שטאָט דורכן חייל פון דעם רוימישן קייסער טראָיאַנוס, מיט גרויס מסירת נפש פאַרטיידיקט די שטאָט און פאַר־האלטן דעם דראַנג פאָרויס פון די רוימער, אריינפירנדיק אַזוי ארום א צעמישונג אין זייערע קריגס־פּלענער.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם וויטערעסטן טייל פון די בבלישע יידן איז אָבער געווען זייער א שווערע. דער בבלישער ישוב איז געווען אין סאָ־ציאַלן זין אַ שטאַרק דיפערענצירטער און האָט זיך געפונען אין אַ לאַנד מיט א שקלאַפן־סיסטעם און מיט א שאַרפער עקספּלאָאַטאַציע פון די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. חוץ דעם איז צוגעקומען די נאַ־ציאָנאַלע אונטערדריקונג, וואָרעם ניט געקוקט אויף דער טאָלעראַנץ פון די פאַרטישע מושלים לגבי די אַנדערשגלויביקע באַפעלקערונג־גרופּן, זענען

דאָך די פאַרשידענע עטנישע רעליגיעזע גרופּן געווען אין אַ געוויסן זין דיס־קרימינירט דורך דער פּערסישער באַפעלקערונג.

די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן אין בבל איז געווען לאַנדווירט־שאַפט. אָבער זעלבשטענדיקע אייגנטימער פון ערד איז צווישן זיי געווען זייער ווייניק. ס׳רוב זענען דאָס געווען קליינע ארענדארן (חוכרים, מקבּ־לים, ארסים), וועלכע פלעגן נעמען ביי די גרויסע ערד־אייגנטימער קליינע ערד־חלקים אויף צו באַארבעטן און זיי זענען מחויב געווען אוועקצוגעבן די באַלעבאַטים פון צוויי דריטל ביז דריי פערטל פון דעם שניט. חוץ דעם זענען די קליינע ערד־ארענדארן געווען מחויב צו צאָלן דער מלוכה א באָדן־שטייער, וועלכער האָט באַטראָפן מינימום איין זעקסטל פון דער הכנסה. פאַר נישט אָפּצאָלן פאַר דער ארענדע און פאַר נישט אריינטראָגן דעם שטייער האָט מען אראָפּגעיאָגט דעם פויער פון דער נחלה. אזוי ארום איז דעם קליינעם פויער, דעם ארענדאר, געבליבן גאָר ווייניק, וואָס האָט קוים געסטייעט אויפן סאמע געמיינעם עסן.

אין דער גמרא „בבא מציעא“ פון תלמוד בבלי געפינט מען אזא טעקסט, וואָס אילוסטרירט די לאגע פון דעם קליינעם פויער:

„איך (דער אַרענדאַר) וועל באַאַרבעטן דאָס פעלד, אַקערן, זייען, יעטן, שניידן, בינדן אין קאַרבן און דרעשן, דו אָבער (דער באַלעבאָס) וועסט קו־מען און נעמען א העלפט און איך וועל נעמען א העלפט פאַר מיין מי און הוצאות“.

פאקטיש האָט דער גרויסער ערד־אייגנטימער צוגענומען, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, מער ווי א העלפט. פון דעם רעשט האָט דער פויער געמוזט אָפּצאָלן דעם באָדן־שטייער (טסקא) פאַר דער מלוכה, און חוץ דעם: דעם אלגעמיינעם קאָפּ־שטייער (כרגא), ארבעט־שטייער, נאטור־שטייער א. א.

דער קליינער יידישער פויער אין בבל איז צוליב דעם שטענדיק געווען פאַרשולדיקט ביי די יידישע וואָכערניקעס. אין תלמוד בבלי געפינט מען וועגן דעם אַזעלכע זאַצן: „עס זינדיקן גלייך סיי דער וואָכערניק, סיי דער הלוואה־נעמער“; „פאַרקויף בעסער דיין טאָכטער פאַר א שקלאַפין און נעם נישט קיין געלט אויף ציגזן“. דאָס נעמען געלט אויף פּראָצענט א ז, ווייזט אויס, געווען א גרויס אומגליק, ווייל דער פויער, וואָס איז דערנאָך נ׳שט געווען אימשטאַנד אָפּצוגעבן די סומע מיטן פּראָצענט, איז אָדער אליין פאַרוואנדלט געוואָרן א ן א שקלאַף, אָדער ער האָט געמוזט פאַרקויפן פאַר קנעכט זיינע קינדער.

דיאמעטראל אנדערש איז געווען די לאגע פון דער קליינער צאָל גרויסע יידישע ערד־באזיצער, וועלכע האָבן עקספּלאָאטירט די ארבעט סיי פון די קליינע יידישע פּויערים, סיי פון יידישע און נישט־יידישע שקלאפן. עס איז אויך געווען א דינער שיכט גרויסע יידישע אונטערנעמער, וועלכע פלעגן נעמען אין ארענדע גרויסע שטחים פון דעם מלוכה־באָרן. אזעלכע גרויסע יידישע ארענדארן זענען געווען עשירים. געווען אויך גרופּן קליינע יידישע פּויערים, וועלכע האָבן גענומען בשותפות אין אַרענדע הלקים פון מלוכה־באָדן און באַארבעט די ערד צוזאַמען, טיילנדיק דערנאָך דעם ריווח צווישן זיך.

אין III און IV י״ה וואקסט צווישן די יידישע פּויערים אין די מערב־געגנטן פון פּארטיע דער קאָלאָנאט. מאסן יידישע קאָלאָנען ארבעטן אין גיטער סיי פון יידן, סיי פון נישט יידן. בבלל פארמאָגט שוין די קליינע יידישע ערד־אַרענדע אין זיך געוויסע עלעמענטן פונעם קאָלאָנאַט.

צווישן די בבלישע יידן טרעפט מען חוץ ערד־ארבעטער אויך פּאס־טעכער, קעמל־ און אייזל־טרייבער, פישער. אין די פּאַרט־שטעט זענען געווען א סך יידישע מאטראָסן און שיף־ארבעטער. אין די שטעט איז גע־ווען זייער אַ צאָלרייכער שיכט יידישע בעלי־מלאכות (גאַרבער, טעפּער, סטאָלער, שוסטער, שמידן, וועבער, פארבער, שערער און די סאמע רייכסטע מלאכה — יובילערן). דער גרעסטער טייל פון די יידישע בעלי־מלאכות האָט זיך, פּונקט ווי די קליינע פּויערים, געשטיקט אונטער דער לאסט פון שטייערן און ציגזן. די וווכערניקעס פלעגן צונעמען די בעטן, די קישנס און אויך די טעכטער פון די פאַרשולדיקטע בעלי־מלאכות אַלס שקלאַפינס.

אזוי ארום האָט א גרויסע צאָל יידן פון בבל געהערט צום סאמע דער־דריקטן שקלאפן־שיכט, וועלכער האָט זיך נאָך מער פארגרעסערט אין צאָל צוליב די מלחמות (קריגס־געפאנגענע). דער קליין־האנדל איז ביי די בבלישע יידן געווען ווייניקער פארטראָטן. ווי מיר זעען, האָבן יידן זיך געקלאמערט אין פּראָדוקטיווע פּרנסות אומעטום, וווּ נאָר מען האָט זיי געלאָזט.

חוץ די אויסגערעכנטע שיכטן איז אין בבל געווען א ריזיקע צאָל יידי־שע קבצנים און ענלעכע עלעמענטן פון באזיצלאָזן און אומפּראָדוקטיוון לומפּן־פּראָלעטאריאט.

צו די סאמע גוט־סיטואירטע דיגע שיכטן פון בבלישן ישוב האָבן געהערט: די יידישע וועלט־סוחרים, וועלכע האָבן געפירט אַ ברייט־פאַר־כאַפּטענעם צווישנלענדישן האַנדל, צווישן אַנדערן אויך מיט טייערע שטיי־נער, גאָלד און שקלאפן; די גרויסע יידישע באנקירן; און די גרויסע יידישע

ערד־באזיצער. פארשטייט זיך, אז אויך די קלענערע וווכערגיקעס האָבן גוט געלעבט.

מיט דער צייט ווערט אַלץ גרעסער דער באַטייט פונעם גרויסן מסחר ביי דעם רייכן יידישן שיכט. יידישע וועלט־סוחרים שיקן זייערע קאראוואַנעס מיט סחורות אויף פאַרשידענע צווישנלענדישע האַנדל־וועגן. עס זענען אויך פאראן יידישע שיף־אייגנטימער. דער ווייטגרייכנדיקער מסחר איז געווען נאָך א גרעסערער קוואל פון רייכטום־אָנזאמלונג איידער די הכנסה פון גרויסן ערד־באַזיץ. אפילו דער קליינער מסחר האָט אַריינגעבראכט מער רווחים ווי ערד־ארבעט. דער פאָפולערער תלמודישער אויטאָריטעט פון די בבלישע יידן רבא האָט זיך אויסגעדריקט: „הונדערט זוזים (גילדן) אין מסחר גיבן טעגלעך פלייש מיט וויין, הונדערט זוזים אין באָדן גיבן זאלץ מיט גרינסן און דערביי דארף מען שלאָפן אויף דער ערד“.

אזוי ארום ווערט פארשטענדלעך, וואָס עס איז ביי די רייכע בבלישע יידן אָנגעגאנגען אן אָפפלוס פון די קאפיטאלן, אינוועסטירטע אין באָדן; דער דאָזיקער קאפיטאל האָט זיך געווענדט אריינגעגאָסן אינעם מסחר און קרעדיט. באזונדערס ווערט די דאָזיקע דערשיינונג בולטער זינט דעם VII י“ה, ד. ה. — נאָכן אריינדרינגען פון די אראבער אין לאנד, נאָכן שאפן דעם קאליפאט. אין דער דאָזיקער תקופה ווערן בארימט גרויסע יידישע וועלט־סוחרים, למשל — אברהם פון באגדאד, און רייכע באַנקירן, א שטייגער — נטירא, דער הויף־פינאנסיסט פונעם קאליף, אָדער אהרן בן עמרם און אנדערע.

עס איז נייטיק צו באמערקן, אז די איראנישע הערשער האָבן אונטערגעשטיצט דעם יידישן ווייטגרייכנדיקן מסחר, און בפרט דעם צווישנלענדישן האנדל פון יידן מיט זייד־אויסארבעטונגען, בהמות, זאלץ, אייזן, געווירצן, טייערע שטיינער וכדומה. היות צווישן איראן און ביזאנץ איז אָנגעגאנגען א העפטיקע קאָנקורענץ ארום דעם מזרחדיקן מסחר און די האנדלס־וועגן אין דער ריכטונג פון דרום־אראביע, זענען די איראנער הערשער געווען פאראינטערעסירט אין דעם, אז די יידן פון פאלעסטינע און די יודאיזאנטישע שבטים פון דרום־אראביע (געניער ווען זיי אין ווייטערדיקן קאפיטל) זאָלן זיין גינסטיק געשטימט צו אָט די עקאָנאָמישע שטרעבונגען פון איראן. די גרויסע יידישע וועלט־סוחרים פון בבל האָבן רעפרעזענטירט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון זייער לאנד און פון איראן איידער ביזאנטיש־איראנישער קאָנקורענץ ארום די וועגן פון רויטן ים (ים סוף) און אויפן מזרח בכלל. א קאפיטל פאר זיך איז דער אָנטייל פון יידישע

סוחרים אין די יאַרמערק, וואָס פלעגן פאָרקומען אין מעזאָפּאָטאַמיע און איראַן. אָבער דער שיכט גרויסע יידישע סוחרים פון בבל איז געווען פאַר־העלטנישמעסיק, אין באַצוג צו דער גאַנצער צאָל בבלישע יידן, גאַנץ קליין.

צוזאַמען מיט דער ברייטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער דיפערענציאַציע און פּאָלאַריזירונג לאָזט זיך ביי די בבלישע יידן באַמערקן אַ טיפע דיפע־רענציאַציע און היעראַרכיע אין קולטור־הינזיכט. די ריזיקע יידישע מאַסע שקלאַפן, קליינע פּויערים, בעלי מלאכות, קליינהענדלער, טאָג־אַרבעטער, מאַטראָסן, קבצנים ווערט דורך דער יידישער ערד־ און געלט־אַריסטאָקראַ־טיע באַצייכנט מיטן ביטול־ און פאַראַכטונגס־נאָמען: עמי הארצים. און פאַרקערט: די ערד־ און געלט־אַריסטאָקראַטיע איז געקנופּט און געבונדן מיט א טייל פונעם שיכט פון די א. ג. תלמידי חכמים — די, וואָס קענען תלמוד, קענען די דינים, לערנען און ענדיקן די ישיבות.

דער קלער און א טייל פון די תלמידי חכמים שאַפן איגיינעם מיט די יידישע פּריצים, גרויסע סוחרים און באַנקירן איין סאָציאַלן שיכט. די אָנפירונג פון דעם ישוב, וועלכע ליגט אין די הענט פון די גרעסטע ערד־באַזיצער, באַפרייט דעם קלער און די תלמידי חכמים פון די שטייערן. אין דער זעלביקער צייט קומען פאָר אָפטע קאָנפליקטן פון דעם ערד־באַזיץ פון עמי הארצים, קענען וואָס עס פּראָטעסטירן אַפילו געוויסע תלמידי חכמים, ווי למשל ר' האי גאון. אויך אינעם געריכטס־וועזן ווערט דער תלמיד־חכם פּאַוואָריזירט אין פאַרגלייך מיטן עם־הארץ; דאָס עדות זאָגן פון א תלמיד־חכם איז וויכטיקער און וואָגיקער ווי פון פשוטן ייד פון פאָלק. עס דערגייט דערצו, אז עס קומט אויף דער געדאַנק פון פאַרווערן חתונות צווישן תלמידי־חכמים און עמי־הארצים. עס ווערן אליץ בולטער די קאָנ־טורן פון אָפּשליסן אַ יידישע גביריש־לומדישע מיטלאַלטערלעכע קאַסטע. וואָס מער עס וואַקסן די פעאָדאַלע באַציונגען, אין דער לעצטער תקופה פון דער פּאַרטישער הערשאַפט און אין די ערשטע צייטן פון אַראַבישן קאַליפאַט, אלץ טיפער ווערט דער תהום צווישן דער אויבערשטער קאַסטע און די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין דעם יידישן ישוב אין בבל.

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסדרוק פון דער פעאָדאַליזאַציע פונעם יידישן לעבן אין בבל איז געווען דער וווקס פון די רעכטן פון די יידיש'ע אויטאָנאָמע אָרגאַנען, וועלכע האָבן געהאַט צוויי עיקר־פונקציעס. די יידישע אויטאָנאָמיע אין בבל איז געווען נישט בלויז אַ פאָרם פון אָרגאַניזירן די יידישע געזעלשאַפט, נאָר איינצייטיק אַ געצייג פון קלאַסן־הערשאַפט און אַ באַקוועמער פיסקאַלער אָרגאַן פאַר די פּאַרטער אָדער שפּעטער פאַרן

קאליפאט ביים איינמאָנען און צונויפזאמלען די שטייערן פון דער יידישער באפעלקערונג. אגב, איז אן אויטאָנאָמיע אין די ראמען פון דער מלוכה נוגע געווען נישט בלויז די יידן. דער קאליפאט האָט אן ענלעכע אויטאָנאָמיע — מיט די זעלביקע צילן — געגעבן אויך די קריסטן.

אין שפיץ פון דער אויטאָנאָמישער אָרגאניזאציע איז געשטאנען דער עקזיליארך, דער ריש גלותא, וועלכער איז איינציייטיק געווען דער גרעס־טער יידישער ערד־באזיצער. דער כאראקטער פון דער אינסטיטוציע פון ריש גלותא האָט זיך געענדערט במשך דעם צייט־אָפשניט — פון דער פּארטישער הערשאפט ביזן אראבישן קאליפאט. פריער איז דער ריש גלותא געזעסן אין דער יידישער שטאָט נהרדעא, אָדער אין אַ צווייטן יידישער צענטער — סורא, און זיין מאכט איז נאָך נישט געווען אזוי גרויס, ווייל די יידישע באפעלקערונג אין דער פּארטישער מלוכה איז געווען בדרך כלל גלייך מיט אלע אנדערע און האָט געשפּילט א וויכטיקע פּאָליטישע ראָל אין לאנד, צוו. א. אויך אין מיליטער, אין לאנד־פארטיידיקונג, אין דער אויסערן־פּאָליטיק. מיטן אריינדרינגען פון די אראבער און מיט דער אנט־וויקלונג פון די פעאָדאלע פארהעלטענישן האָט זיך די לאגע געענדערט. עס זענען טאקע נישט געווען קיין רדיפות אויף יידן, אָבער זיי זענען פאר־וואנדלט געוואָרן, פונקט ווי די אנדערע נישט־מוזולמענישע באפעלקערונג־טיילן, אין תושבים פון צווייטער מדרגה. די יידן זענען געוואָרן מער איזאָ־לירט, דער קאליפאט האָט — פארן פרייז פון א באזונדערן יידישן שטייער — איבערגעלאָזט די גאנצע יידישע באפעלקערונג און אירע אינערלעכע ענינים אין די הענט פון דער יידישער אָליגארכיע מיטן ריש גלותא אין שפּיץ, און די לעצטע זענען פארן קאליפאט געווען זייער באקוועם, ווייל זיי האָבן אויף זיך גענומען די גאנצע מלוכהשע שמירה איבער דעם יידישן כלל. איצט האָט זיך דער ריש גלותא מיט זיין הויף איבערגעטראָגן קיין באגדאד, אין דער רעזידענץ פונעם קאליפאט. דער ריש גלותא איז שוין איצט פאקטיש א באאמטער, א סאטראפּ פון דעם קאליפאט איבער די יידן. ער ווערט ארומגערינגלט מיט קיניגלעכער פּראכט. ער האָט איבער די יידן אן אבסאָלוטע מאכט. ער איז פאקטיש א פעאָדאלער פירשט איבער דער יידישער באפעלקערונג. זיין אמט גייט איבער בירושה צו זיינע קינ־דער. פונקט ווי א פעאָדאלער הערשער האָט ער איבער זיך בלויז איין מאכט — פונעם לאנד־קיניג. דער ריש גלותא פירט אויס זיין אמט דורך די אָנפירער פון די אָרטיקע קהלות, דורך די א. נ. זקנים (עלטסטע, סע־ניאָרן) און דעם בית דין (יידישער געריכט). זיי אלע הערשן איבער די

ייִדן — טײַלווײַז שוין זינט די פּאַרטישע צײַטן — מיט אַ פעסטער האַנט און מיט אַזעלכע מיטלען, ווי: אַרעסט, מלקות, חרם.

דער ריש גלותא מישט זיך אַריין — פּונקט ווי דער ביזאַנטישער קייסער און דער מוזולמענישער הערשער — אין די אינערלעכע רעליגיעזע ענינים פון די ייִדן, ער פירט אַ ריוואַליזיר־קאַמף מיט די רעליגיעזע אויטאָריטעטן, די גאונים (אָנפירער און גרעסטע תלמוד־געלערנטע) פון די ישיבות אין סורא און פּומפּדיתא, וועגן מאַכט און איינפלוס. ער קעמפט סוף כל סוף אויס דאָס רעכט פון באַשטעטיקן און אַפילו באַשטימען די ראשי ישיבות. זיין הויף האַלט ער אויס פון די ספּעציעלע שטייערן און מתנות, וואָס ער פּרעסט אויס ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. ער שטיצט זיך אויף דער ייִדישער באַדן־ און געלט־אַריסטאָקראַטיע, אויפן קלער און אויך אויף געוויסע גאונים. די בבלישע עקזיליאַרכן האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין איין באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט, אחוץ אַזעלכע ווי אחיא און בוסתנאי; אַלע אַנדערע שטעלן זיך פאָר ווי קליינע מענטשעלעך, וועלכע דינען טריי דעם באַלעבאָס, די מושלים פון לאַנד.

ווי געזאָגט, האָבן געוויסע רעליגיעזע אויטאָריטעטן אָפן געשטיצט סיי די מלוכהשע אָרדענונג, סיי די אַנטיפאָלקישע פּאָליטיק פון די עקזיליאַרכן. למשל דער נהרדעא׳ער און שפּעטער דער פּומפּדיתא׳ער ישיבה־צענטער, אין וועלכן עס איז אויפגעקומען דער פּרוכטלאָזער פּלפּול־מעטאָד (סכאָלאַסטישער מעטאָד) אינעם תלמוד־לערנען, האָט געפּרייזיקט הכנעה צום מלוכהשן געזעץ. דער גרעסטער אויטאָריטעט פון אָט דער שול, מר שמואל (נהרדעא), וועלכער איז אַליין געווען זייער אַ געבילדעטער מענטש בשעתו, האָט פאָרמולירט דעם באַקאַנטן פּרינציפּ: „דינא דמלכותא דינא" (דאָס געזעץ פון דער מלוכה איז אַ געזעץ). דאָס איז געווען אין הסכם מיט די אינטערעסן פון די ייִדישע באַזיצנדיקע שיכטן. וועגן דעם סכאָלאַסטישן מעטאָד פון דער ישיבה פון פּומפּדיתא האָט מען געזאָגט: „אין פּומפּדיתא קאָן מען די קונסט פון אַדורכפירן אַ העלפאַנד דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל".

דאקעגן אין דער צווייטער ישיבה אין סורא, וווּ עס האָט געווירקט אבא אריכא (דער לאַנגער אבא), אָדער ווי מען האָט אים קורץ גערופן רב (לערער, מייסטער), האָט געהערשט אַ גייסט אַ נאָענטערער צו דער געפילן־וועלט פון די אונטערדריקטע קליינע פּויערים. פון דאָרטן שטאַמען אַזעלכע אויסדרוקן: „בעסער אַ קליין שטיקעלע ערד, איידער אַ גרויסער לאַגער סחורות"; „שינד אָפּ אַ נבלה אויפן מאַרק און קריג דיין שכירות

און זאָג נישט: איך בין א כוהן, איך בין א מיוחס". דאָס איז געווען א פּראָטעסט קעגן פּאראזיטישן קלער און די יחוסנישע משפּחות. פּונקט ווי דער סאָמפּראָמיסלאָזער בית שמאי איז געווען א גייסטיקער באַגלייט⸗דערשיינונג פון די אַנטירוימישע קעמפער אין יודעאַ, אַזוי האָט זיך אויך אין סורא אָפּגעשפּיגלט די אָפּאָזיציע פון די פּשוטע יידישע מאסן פון בבל קעגן זייערע „היימישע" אונטערדריקער.

ביי די בבלישע יידן זענען אויפגעקומען פּראָטעסט⸗ און קאמף⸗באַוועגונגען מיט א בולטן סאָציאַל⸗אָנגעשפּיצטן כאראקטער. אין די פּארטישע צייטן איז פאָרגעקומען דער אויפשטאנד פון יידישע פאָלקס⸗מענטשן אין נהרדעא, אונטער דער אָנפירונג פון די וועבער די ברידער חסינאָי און חנילאָי, וועלכע זענען אנטלאָפן אין סטעפּ ביים טייך פּרת (אייפראט) און דאָ געזאמלט יידישע פאָלקס⸗גבורים צום קאמף קעגן דער אונטערדריקונג פון די סאטראפּן. זייער קאמף האָט ארויסגערופן א טיפע סימפּאטיע ביי דער יידישער אָרעמקייט פון נהרדעא און נציבין. דער אויפשטאַנד איז סוף כל סוף דערשטיקט געוואָרן און זיינע אָנפירער זענען אומגעקומען.

די ראָל פון דעם בבלישן ישוב אין I און II י"ה איז זייער גרויס — סיי אין פּאָליטישן, סיי אין קולטורעלן זין. די בבלישע יידן שטיצן אַקטיוו די אויפשטאנדן קעגן רוים אין יודעא (יהודה); דאָס ליגט איינצייטיק אויף דער ליניע פון דער אנטירוימישער פּאָליטיק פון פּארטיע. עס איז פאראן א מיינונג, אז רב עקיבא, וועלכער איז געווען צווישן די צוגרייטער פון דעם בר⸗כוכבא⸗אויפשטאַנד, האָט באַזוכט די בבלישע יידן און זיי געמונטערט צום סאָלידארישן קאמף און צו שטיצן מאָראליש און פינאנסיעל דעם אויפשטאנד. אין די ראמען פון דער פּארטישער מלוכה האָבן די יידן געשפּרייט דעם יודאיזם; אין דער ערשטער העלפט פון I י"ה איז אַ גאַנצע מלוכה אויף דער גרענעץ פון פּארטיע, נישט ווייט פון אַרמעניע, אדיאבענע (הדוב), אַריבער צום יודאַיזם. אויך דאָס איז געווען אויף דער ליניע פון די יידישע, אַנטירוימישע אינטערעסן. קולטורעל האָט דער בבלישער ישוב אין די פּארטישע צייטן אריבערגעשטיגן דעם יודעישן, הגם דער לעצטער האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן זיין העגעמאָניע דורך דעם, וואָס ער האָט נישט אָנערקענט קיין בבלישע סמיכה אָן א סמיכה פון ארץ⸗ישראל. אָבער אין דעם באַגריף „הלל הבבלי" ליגט אַ טיפער זין. דער גרויסער אויטאָריטעט, דער תנאי הלל, וועלכער האָט אין יודעא געשאפן די וויכטיקסטע שיטה, סיי אין דער מעטאָדאָפּיע, סיי אין דער מאָראַל⸗לערע, ווערט באַצייכנט ווי

אַן אָפּשטאַמיקער פון בבל, ווו עס האָבן זיך געפונען גרויסע געלערנטע אין תורה.

דער תלמוד בבלי און די שיטות פון די בבלישע ישיבות ווערן אָבער, מיטן פאַרטיפן זיך פון דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג, אַלץ מער פאַר־גליווערט און אָפּגעשטאַנען. עס טריומפירט אַלץ מער די סכאָלאַסטישע מעטאָדע פון פומפּדיתא. זינט דעם VII י"ה — זינט דער אַראַבישער תקופה, וועלכע האָט גורם געווען נייע שאַרפע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קריזיסן, — קומען אויף שטאַרקע אָפּאָזיציעס קעגן די גאונים און אייניצ־טיק קעגן די ריש־גלותאס. און בכלל ווערט דער באָדן אין לאַנד אַלץ מער אונטערגעצונדן און רייף פאַר כלערליי סאָציאַלע בונט־באַוועגונגען און רע־ליגיעזע כפירות, וועלכע באַגלייטן זיי.

די אַראַבער, וועלכע האָבן אַדאַנק זייערע ריזיקע דעראָבערונגען גע־שאַפן אַ נייע וועלט־מלוכה, אַ גרעסערע אין שטח איידער די אַמאָליקע רוימישע אימפּעריע, האָבן פאַרנומען אין דער ערשטער העלפט פון VII י"ה אויך בבל (איראַק) און פּערסיע. די פאַרשיידנפעלקערלעכע פאָלקס־מאַסן פון די דאָזיקע לענדער, האָפנדיק, אַז די אַראַבער וועלן זיי ברענגען אַן אויסלייזונג פון דער שווערער אונטערדריקונג, האָבן לכתחילה סימפּאַ־טיזירט מיט די אַריינדרינגענדיקע אַראַבער און געהאָלפן די נייע דעראָבע־רער. אָבער די אַראַבער האָבן איין אונטערדריקונג פאַרטראָטן מיט אַ צווייַ־טער. דער שקלאַפן־סיסטעם איז נישט אָפּגעשאַפן געוואָרן. אייניצייטיק אַנטשטייען אינעם קאַליפאַט פעאָדאַלע באַציונגען. די שטייערן־אונטער־דריקונג רואינירט ווייטער די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אין משך פון גאַנצן IX י"ה ברעכן אויס אויפשטאַנדן פון שקלאַפן און פויערן אין בבל, אַזער־ביידזשאַן און אַנדערע לענדער פון דער ריזיקער אַראַבישער מלוכה. דער אָנהייב פון די מרידות שטעקט שוין אין VII י"ה. אויף דעם באָדן שפּראָצן אויף פאַרשידענע רעליגיעזע אָפּאָזיציעס אין דער מוזולמענישער געזעל־שאַפט. געוויסע אָפּאָזיציעס טראָגן אַ קריטישן און ראַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער.

ביי די יידן ברעכן אויס ערנסטע בונט־באַוועגונגען, געווענדעטע מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט סיי קעגן דער אַלגעמיינער מלוכה־מאַכט, סיי קעגן דער רעליגיעזער און סאָציאַלער אונטערדריקונג מצד דער היימישער טעאָ־קראַטיע און פּלוטאָקראַטיע.

אַרום יאָר 650 ברעכט אויס אַן אויפשטאַנד פון יידישע בעלי־מלאכות, דער עיקר וועבער, שערער און וועשער, אינעם איראַקישן שטעטל פלוגתה.

אינעם אויפשטאַנד נעמען אָנטייל אַרום 400 מאַן. די אויפשטענדלער דערהרגנען דעם מלוכהשן פאַרוואַלטער, פאַרברענען קריסטלעכע קירכעס. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן דורך מיליטער.

סוף דעם VII י״ה וואַקסט אויס א בונט-באַוועגונג ביי די יידן אין פּערסיע, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק בן יעקב (עובדיה אבו-עיסי). אין דער באַוועגונג באַטייליקן זיך יידן בעלי-מלאכות און פאַסטעכער. די באַוועגונג איז געווענדט קודם כל קעגן דער שווערער שטייער-לאַסט פון דער אראבישער ממשלה, אָבער זי פאַרוואנדלט זיך אין אן אויפשטאנד קעגן די „אומגערעכטע מלכים". דער אויפשטאנד-פירער יצחק בן יעקב ווערט אין די דאָקומענטן קוואַליפיצירט ווי א „מורד במלכות". די אויפשטענדלער אגיטירן קעגן לוקסוס, רופן צו א באַשיידן לעבן, פּריידיקן א בעסערע באַציונג צו דער פרוי. אין דער באַוועגונג שליסן זיך אָן צענדליקער טויזנטער יידן פון גאנצן לאַנד אזש ביז באַגדאַד. עס פאַרקניפּן זיך שלאַכטן מיטן מלוכהשן חייל. דער אויפשטאנד ווערט דערשטיקט אין בלוט. זיין פירער פאַלט אין שלאַכט. אין הסכם מיטן גייסט פון יענער צייט האָט זיך יצחק בן יעקב געהאַלטן פאַר א מבשר פון משיחן. ער האָט געטרוימט וועגן פאַרנעמען מיט דער שווערד יודעאַ, באַפרייען דאָס לאַנד און צוריקשטעלן דאָרטן אַ יידישע מלוכה.

געוויסע היסטאָריקער האַלטן די דאָזיקע באַוועגונג פאַר אַ משיחישער. לויט אונדזער מיינונג איז דאָס א טעות. משיחיזם הייסט אין תוך — דערוואַרטן א נס, וואָס זאָל א סוף מאַכן צו די צרות און ליידן, אָדער וואַרטן אויפן משיח, וועלכער וועט קומען און אויסלייזן די יידן און די וועלט. די באַוועגונגען, וועלכע מיר האָבן אָפּגעמערקט, זענען אין תוך געווען באַוואָפנטע אויפשטאנדן. זייערע אָנטייל-נעמער האָבן נישט געוואַרט אויף נסים, נאָר אליין גענומען קעמפן פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג. דער פאַקט, וואָס יצחק בן יעקב האָט גערעדט וועגן משיחס קומען, דערווייזט נאָר, אַז דער באַגריף „משיח" האָט זיך ביי די טאָפּלט אונטערדריקטע בבלישע יידן געבונדן מיט דער שטרעבונג א סוף צו מאַכן צו זייערע צרות, צו דער פאַרשקלאַפונג. אין יענער תקופה זענען אויך געווען פּריידיקער פון משיחיזם, ווי א דערוואַרטונג פון גאולה אין רעזולטאַט פון אן איבערנאַטירלעכן כוח. זיי זענען אריין אין דער קאָנסערוואַטיווער טראַדיציע ווי „פאַלשע משיחים". אָבער אויך די דאָזיקע באַוועגונג איז אויפגעוואַקסן אויפן באָדן פון די שווערע עקאָנאָמישע ליידן, פון דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די יידישע מאַסן. אַפילו

אין די יענע אָפּיציעלע קרייזן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו די ישיבות, האָט געגורטעוועט דער געדאַנק, אַז משיח און די אויסלייזונג פון סאָציאַלער אונטערדריקונג איז איינס. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין דער גמרא „סנהדרין“, אַז מען האָט זיך דעמלט אויסגעדריקט: „משיח בן דוד וועט נישט קומען, כל זמן עס וועלן נישט אונטערגיין צוויי דינאַסטיעס ביי יידן — דער ראש הגולה אין בבל און דער נשיא אין ישראל“. די ביידע פּאָקטאָרן האָבן אויסגעדריקט די קלאַסן־אינטערעסן פון דער יידישער ערד־און געלט־אַריסטאָקראַטיע און זענען געווען פשרהדיק געשטימט לגבי דער פרעמד־מלוכהשער אונטערדריקונג אין זייערע לענדער.

אויפן באָדן פון דער פאָלקס־שנאה צו דער געלט־ און גייסטלעכער אַריסטאָקראַטיע, אויפן באָדן פון דעמלטיקן קלאַסן־קאַמף אין דער יידישער סביבה און פון איינזאַפּן די השפעות פון דער אָפּאָזיציאָנעלער ראַציאָנאַליסטישער שטרעמונג ביי די מוזולמענער, די מוטאַזיליטן — איז אויפגעקומען ביי די בבלישע יידן אין דער צווייטער העלפט פון VIII י"ה די באַוועגונג פון די קראים (קאַראימער). אין דער לערע פון דעם שעפער פון דער באַוועגונג, ענן בן דוד, קומט צום אויסדרוק סיי די אָפּאָזיציע קעגן דעם הערשנדיקן אונטערדריקונגס־סיסטעם (ענן איז באַצייכנט געוואָרן דורך די הערשנדיקע קרייזן ווי אַ „מורד במלכות“), סיי די איינפלוסן פון ראַציאָנאַליזם, דער געדאַנק וועגן אַ קריטיש־שכלדיקן צוגאַנג צום תנך. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען ענן איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה ווי אַ מורד במלכות, האָט ער זיך דאָרטן געפונען אינאיינעם מיט מוזולמענישע רעליגיעזע אָפּאָזיציאָנערן.

ווען מען באַטראַכט דעם קראַיזם אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין אַנטשטיין און אַנטוויקלונג, מוז מען נעמען אין אַכט דעם כאַראַקטער פון די סאָציאַל־אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונגען אין דער פרי־פעאָדאַלער צייט, אין דער תקופה פון מיטלאַלטער.

די סאָציאַלע מרידה־באַוועגונגען קעגן דער אומיושרדיקער וועלט־אָרדענונג, קעגן דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג האָבן זיך דעמלט אויסגעדריקט ס'רוב אין דער פאָרם פון רעליגיעזע אָפּאָזיציעס. אין די דאָזיקע באַוועגונגען לאָזט זיך באַמערקן אַ צווייערלעיקייט: איין ליניע פון דער אידעאָלאָגיע פון די דאָזיקע כופרישע באַוועגונגען איז אַ פּראָגרעסיווע, די צווייטע — אַ רעגרעסיווע.

די פּראָגרעסיווע ליניע דריקט זיך אויס אינעם פּראָטעסט קעגן דער טרויעריקערווירקלעכקייט, קעגן דער קלאַסן־אונטערדריקונג, קעגן פּאַר־

גליווערטער, נשמהלאָזער רעליגיעזער דאָגמאַטיק, קעגן דער דיקטאַטור פונעם קלער. די פּראָגרעסיווע ליניע דריקט זיך אויס אינעם טרוים וועגן אַ בעסערער, יושרדיקער, רייַנער וועלט.

די רעגרעסיווע ליניע דאָס איז דער אַסקעטיזם, וועלכן די רעליגיעז-אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג און סעקטעס האָבן געפּריידיקט, זייער צאָרן קעגן בויען שטעט, קעגן דער נייער טעכניק, קעגן דעם חשק צו געניסן פון לעבן, קעגן לעבן-לוסט און לעבן-פרייד, הגם אויך אין דעם האָט געשטעקט אַ שטיק פּראָטעסט, רעאַקציע קעגן דער מיאוסער, טרויעריקערווירקלעכקייט.

אין דער אידעאָלאָגיע פון דעם קראַיזם פון זיין ערשטן פּעריאָד, פון VIII ביז סוף אין X י"ה אַריין, קאָן מען זען אָט די צווייערלעקייט.

ענן איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער אונטערדריקונג פון די שקלאַפן און פון די פּויערים, פאַר געבן דער פרוי גלייכע רעכט מיטן מאַן (דער גט מוז געגעבן ווערן סיי ווען ער וויל זי נישט, סיי ווען זי וויל אים נישט; אָן אַ פּרייוויליקן הסכם פונעם חתן און פון דער כלה טאָר קיין חתונה נישט פּאָרקומען). דער קאַראַימישער אויטאָריטעט דניאל אל קומסי (סוף IX און אָנהייב X י"ה) טרעט אַרויס קעגן האַנדל און פאַר פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען; ער שטעלט אויף אַ קאָנצעפּציע פון משיחס קומען ווי אַ באַפרייונג פון עלנט און הונגער, ווי אַ צעשטערונג פון דער מאַכט פון די ריש-גלותאס. דער באַקאַנטער קאַראַימישער שרייבער סהל בן מצליח רעדט וועגן יום-הדין, וואָס וועט זיין אַן אָפּרעכענונג מיט די, וועלכע פרעסן אויף דאָס פלייש און די ביינער פון דעם פאָלק; ער זעט אין עשירות אַ פּראָדוקט פון גזילה און שווינדל. אַן אַנדער קאַראַימישער אויטאָריטעט סלמן בן ירוחם רעדט אויך וועגן דעם טאָג פון סאָציאַלער נקמה.

די ערשטע קאַראַימישע אויטאָריטעטן האָבן אַריינגעבראַכט דעם ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק אין דער וועלט-באַטראַכטונג, זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם תלמוד און דאָס אַלץ, וואָס איז אויפגעקומען נאָכן תנ"ך. זיי האָבן אָנגענומען בלויז דעם תנ"ך און די ערשטע גענומען אַנטוויקלען די לערע פון העברעישער גראַמאַטיק, פון דקדוק. אויך אין דער היגזיכט האָבן זיי אָפּגעשפּילט אַ פּראָגרעסיווע ראָל.

אָבער צוזאַמען מיט די שאַרפע סאָציאַלע אַקצענטן, מיטן מיטלייד פאַרן פּשוטן פאָלק, מיט די רעפאָרמעס פון פאַרגליווערטן יידישן שטייגער און מיט די ערשטע פרוון פון ראַציאָנאַליסטישן אַנאַליז פון די יידישע דאָגמעס, האָבן די קראַים געפּריידיקט אַסקעטיזם און איינגעפירט אַזעלכע באַגרענעצונגען אין טאָג-טעגלעכן לעבן, באַזירט אויפן ווערטלעכן טראַק-

פירן די געבאָטן און פסוקים פון תנ"ך, אַז זייער לערע איז געוואָרן אַ הע־מונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן. מיט דורות שפּעטער איז זייער לערע געבליבן שטיין אויף איין אָרט און געוואָרן דעגע־נערירט, זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סעקטע.

אָבער אין דעם באַהאַנדלטן פעריאָד האָבן זיי דערלאַבערט — קודם כל אַראַנק זייער שטאַרקער אָפּאָזיציע קעגן דעם געזעלשאַפטלעכן בייז, קעגן דער אונטערדריקונגס־ממשלה פון דער אַריסטאָקראַטיע מיטן ריש גלותא בראש, קעגן דער פאַראַכטונג לגבי דעם עם הארץ — א ברייטע באַזע, גע־ווונען די סימפּאַטיע פון ברייטע שיכטן יידישע בעלי־מלאכות, שקלאַפן, קליינע פּויערים, פּרויען, קריטיש דענקענדיקע אינטעלעקטועלע. זיי זענען געוואָרן זייער אַן ערנסטע געפאַר נישט בלויז פאַרן הערשנדיקן יידישן שיכט, נאָר אויך פאַרן תלמודיש־רבנישן יודאַיזם און פאַר דער גאַנצקייט פונעם יודאַיזם.

אין דעם יידישן ישוב פון בבל האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפער אי־נערלעכער קאַמף, וועלכער איז אַרויס ווייט מחוץ די גרענעצן פון בבל, ווייל די קראים האָבן געפירט אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע אויך אין די שכנות־דיקע יידישע קיבוצים.

די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, דער זיג פונעם פעאָדאַ־ליזיר־פּראָצעס אין די אויסשפּרייטונג פון דעם וועלט־האַנדל פון די לענ־דער פונעם קאַליפאַט, דאָס אַלץ האָט אויסגעברייטערט דעם האָריזאָנט פון די מער געבילדעטע עלעמענטן און פאַרשטאַרקט דעם איינפלוס פונעם ראַ־ציאָנאַליזם סיי אין דער אַראַבישער, סיי אין דער פּערסישער, סיי אין דער יידישער סביבה. די דאָזיקע השפּעות רייסן זיך אַריין אויך אין געוויסע לומדישע קרייזן, בפרט אין דער ישיבה אין סורא, וועלכע האָט געהאַט, ווי מיר האָבן שוין געזען, לפי ערך מער פאַרגעשריטענע טראַדיציעס ווי די סכאָלאַסטישע און ווירקלעכקייט־באַשטעטיקנדיקע פּומפּדיתא. קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן און אָפּאָזיציאָנעלן קערנדל, וואָס האָט געשטעקט אין דער אידעאָלאָגיע פון די ערשטע קראים, מוזן די תלמודיש־רבניסטישע קרייזן קעגנשטעלן אַן ענלעך אידעאָלאָגיש געווער. עס קומט אויף אויך אין די דאָזיקע קרייזן אַן אַנטי־דאָגמאַטישע שטרעמונג מיט אַ נייגונג צום ראַ־ציאָנאַליזם. דער סאַמע וואָגיקער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער שטרעמונג איז אין דער ערשטער העלפט פון X י"ה געווען סעדיה גאון (892—942), דער דעמלטיקער גרעסטער אינטעלעקטועלער אויטאָריטעט פון דעם תלמודישן צענטער אין סורא, וווהין ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אין יאָר 928

פון זיין געבוירן-אָרט פאיומע, עגיפּטן. סעדיה גאונס פילאָזאָפיש הויפּט-ווערק „האמונות והדעות“ (גלויבן און וויסן) איז אַרויס אין יאָר 933 אין אַראַביש און איז דערנאָך געוואָרן איבערזעצט אין העברעיש.

סעדיה גאון האָט דער ערשטער אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע אַרויסגערוקט דעם שכל ווי איינעם פון די וויכטיקסטע, דעצידירנדיקע פאַקטאָרן און קריטעריעס צוגלייך מיטן גלויבן. לויט סעדיה גאון האָט דער שכל, דער לאָגישער אַנאַליז פּונקט אַזאַ באַטייט ווי גאָטס וואָרט. אָבער אויב מען וועט זיך קערעווען בלויז מיטן שכל — וועבט ווייטער סעדיה גאון זיינע באַטראַכטעגישן — וועט דער מענטש קאָנען דערגיין צום אמת דורך אַ לאַנגן וועג און דורך זייער שווערע אָנשטרענגונגען, און דער צייט וועט ער גלויבן אַנטפּלעקט פארן בן-אָדם דעם אמת מיטאַמאָל. דאָס פּראָגרעסיווע אין סעדיה גאונס פילאָזאָפיע איז דאָס, וואָס ער שטעלט אַוועק דעם שכל זייער הויך, דאָס, וואָס ער טרעט אַרויס קעגן בלינדן גלויבן, קעגן אַבסאָלוטער דאָגמאַטיק. אָבער אייגנצייטיק דינט סעדיה גאונען דער שכל ווי אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם גלויבן אין גאָט, דעם רעליגיעזן יודאַיזם, זיין ציל איז — קרעפטיקן די אמונה דורך אָנווענדן דעם שכל צו באַווייזן און באַשטעטיקן די עיקרים פון דער רעליגיע. אַזוי למשל האַלט סעדיה גאון, אַז די רעליגיעזע דאָגמעס וועגן דער געטלעכער באַשאַפונג פון דער וועלט און וועגן תחית המתים שטייען נישט אין סתירה מיטן שכל. מיט דער גאַנצער שאַרפקייט טרעט סעדיה גאון אַרויס קעגן די אַלע שטרעמונגען, וואָס רופן אַרויס צווייפל אין דער יידישער אמונה און טראַדיציע.

דאָס אַליין מאַר נישט פאַרווישן דעם פּראָגרעסיוון עלעמענט, דאָס ראַציאָנאַליסטישע קערנדל פון סעדיה גאונס פילאָזאָפיע. שוין דער פאַקט, וואָס ער האָט צוגעלאָזט די וואָגיקע איינגערעניש פונעם פאַרשטאַנד, איז געווען אין זיין צייט זייער וויכטיק און האָט ווילנדיק נישטווילנדיק געשטויסן דעם פאָרשערישן געדאַנק פאָרויס. נישט קיין וואונדער, וואָס שוין די דאָזיקע איינשטעלונג האָט אויסגעזען אין די אויגן פון די עקזיליאַרכן ווי אַפּיקורסות, און דער דעמלטיקער ריש גלותא בן-זכאי איז אַרויס מיט אַ קאַמף קעגן סעדיה גאון.

סעדיה גאון ווערט באַטראַכט ווי דער וויכטיקסטער פילאָזאָף פון זיין צייט, און דאָס נישט בלויז ביי יידן. זיינע השפּעות זענען אַרויס ווייט פון דעם יידישן ישוב אין בבל און דערגרייכט טיף אין דער קריסטלעכער און מוזולמענישער וועלט. דער רמב״ם (מיימאָנידעס) ווערט באַטראַכט ווי סעדיה גאונס קאָנטינואַטאָר.

ווייטערדיקע שריט אין דער ריכטונג פונעם ראַציאָנאַליזם האָט נאָך סעדיה גאון געמאַכט דער לעצטער גאון פון סורא ש מ ו א ל ב ן ח פ נ י, וועלכער איז נישט קיין פילאָזאָף פון אַזאַ פאַרנעם ווי זיין גרויסער פאָרגייער, דערפאַר זענען אין זיין וועלט־באַנעם שוין פאַראַן געוויסע עלעמענטן פון קריטישן צווייפל, פון פרייען געדאַנק. שמואל בן חפני איז אַרויסגעטראָטן קעגן די מיטן און לעגענדעס פון חומש; ער שטעלט פעסט, אַז דאָס זענען נישט קיין געשעענע פאַקטן, נאָר פּאָעטישע וויזיעס.

נאָך שמואל בן חפנים טויט איז די ישיבה אין סורא פאַרמאַכט געוואָרן. עס קאָן זיין, אַז צווישן אַנדערע האָט אויף דעם געווירקט דער פאַקט, וואָס עס האָבן זיך דאָרטן גענומען שפּרייטן צו דרייסטע קריטישע געדאַנקען, אַזוינע ווי שמואל בן חפנים, און די ריש גלותאס צוזאַמען מיטן קלער האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו שליסן דעם דאָזיקן צענטער פון „אַפּיקורסות“ און אָפּאָזיציע.

אָבער סיי סעדיה גאון, סיי שמואל בן חפני האָבן באַקעמפט דעם קאָנסעקווענטן ראַציאָנאַליסטיש־קריטישן געדאַנק פון יענער צייט ביי יידן, דעם פרייען געדאַנק, וואָס איז געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם פאָרשער און ביבל־קריטיקער ח י ו י ה ב ל כ י.

דער יידישער דענקער חיוי איז געווען פון דער שטאָט באַלך, וועלכע געפינט זיך אין איצטיקן אַפגאַניסטאַן און האָט דעמלט געהערט צום אַראַבישן קאַליפאַט. באַלך איז געווען אַ גרויסע האַנדלס־שטאָט, אַ קניפּ־פּונקט פון וועגן פונעם מערב־מזרחדיקן וועלט־מסחר, אייגער פון די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דעם ראָדאַניטן־האַנדל. איינצייטיק איז דאָס געווען אַ וואָגיקער צענטער פון פּערסישער פילאָזאָפיע און פון פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע לערעס אין איסלאַם. עס האָט דאָ געלעבט אַ בונטע באַפעלקערונג: פּערסן, יידן, אַראַבער. די יידישע קהלה אין באַלך איז געווען אַ גרויסע; עס שרייבט וועגן דעם דער יידישער וועלט־רייזנדיקער בנימין פון טודעלא.

חיוי הבלכי האָט געלעבט און געשאַפן אין דער צווייטער העלפט פון IX י"ה. זיין געשריבן ווערק איז צו אונדז נישט דערגאַנגען. די ידיעות וועגן זיין וועלט־באַנעם שעפּט מען היינט פון די פּאָלעמישע ווערק פון רבנישע און קראַישע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן חיויס מיינונגען באַקעמפט. דער הויפּט־מקור איז סעדיה גאונס „האמונות והדעות“, ווו עס איז פאַראַן אַ ברייטע פּאָלעמיק מיט די געדאַנקען פון חיוי הבלכי. סעדיע גאון שרייבט, אַז חיויס ווערק ווערט פאַרשפּרייט אומעטום און איז אַרויס אין צוויי אויפלאַגעס, אַז זיינע מיינונגען זענען אַריינגעדרונגען אין די שולן און מען שמוּ־

דירט זיי מאַסנווייז. סעדיה פאַרדרייט אָפטמאָל בכיוון חיוי הבלכים נאָמען אויף — חיוי הכלבי (דער הינטישער חיוי) און גיט שטענדיק צו צו זיין נאָמען די קללה „שחוק עצמות“ — זאָל ער צעבערכן די בייגער, אָדער „יקללו אל“ — זאָל אים פאַרשעלטן גאָט. אין אַן ענלעכן אויפגערעגטן און באַליידיקנדיקן טאָן שרייבט וועגן חיוי הבלכי אויך רב אברהם בן עזרא (ראב"ע) און אויך שמואל בן חפני. אויך געוויסע קראַישע אויטאָריטעטן זענען אַרויסגעטראָטן קעגן חיוי הבלכי: סלמן בן ירוחם און יוסף הרואה.

חיוי הבלכי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פעסטשטעלונג וועגן דער אויטענטישקייט און אמתדיקייט פון דער ביבל. דערמיט האָט ער אַרונטערגעריסן דעם סאַמע יסוד פון אַלע דריי מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס: פונעם יודאַיזם, קריסטנטום און איסלאַם. לויט סעדיה גאון איז דער וועלט־אַל באַגרענעצט און ער איז געשאַפן געוואָרן פון גאָט ווילן; לויט חיוי הבלכי איז דער וועלט־אַל אומבאַגרענעצט און ער איז אַנטשטאַנען פון זיך אַליין, אָן דעם ווילן פון בורא עולם. זיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן ביבל פאָרמולירט חיוי הבלכי אין 200 פראַגן, וואָס אַ סך פון זיי זענען ביז היינט דער יסוד פון דער ווינסשאַפטלעכער ביבל־קריטיק.

חיוי הבלכי רייסט אַרונטער דעם סאַמע שטריך פון רחמים, וועלכן עס פאַרמאָגט לויט די מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס גאָט. ער טרעט אַרויס קעגן דעם אתה־בחרתנו־גייסט פונעם יודאַיזם. ער דעקט אויף און אַנאַליזירט די סתירות, וואָס זענען פאַראַן אין חומש, און ווייזט אויף, אַז די כתבי קודש (די הייליקע שריפטן) זענען מיט דער צייט געענדערט געוואָרן, ווייל זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ ריי רעדאַקציעס. ער ווייזט אויף די זינלאָזיקייט פון מילה, וואָרעם זי ווערט דאָך דורכגעפירט אין דער צייט, ווען דער מענטש, דאָס קינד, איז נאָך אומבאַוווּסטזיניק. ער לאַכט אויס די קרבנות, דורך וועלכע מען קאָן זיך ריינוואַשן פון זינד. ער רייסט אַרונטער די נסים, אויפווייזנדיק, וואָס עס שטעקט הינטער זיי. אַנאַליזירנדיק די ווערטער אין חומש, וווּ עס רעדט גאָט, ווייזט חיוי הבלכי אויף, ווי גאָט פלעגט ענדערן זיינע ווערטער, מיינונגען און צוזאָגן, און אַזוי אַרום דערפירט גאָט אַליין די מענטשן צו זינד.

עס איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז חיוי הבלכי איז נישט געווען קיין אויסנאַם, קיין יחיד במינו. עס זענען אין יענער צייט געווען סיי ביי די יידן־ראַביניטן, סיי ביי די יידן־קראָאים נישט ווייניק קריטיש־העטקענדיקע גייסטער און פרייידיקער פון אָפּאָזיציאָנעלע מיינונגען. אָט אַזוי האָט מען אין דער גניזה (באַהעלטעניש, אַרכיוו) פון דער עלטסטער שול אין קאַיראָ גע־

פונעם סוף דעם פאַריקן יאָרהונדערט אַ כתב יד, וואָרשיינלעך פון IX י״ה, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז די תורה ברענגט אַריין אַ גייסטיקע צעטומלעניש. דער מחבר קריטיקירט די יידישע דאָגמעס און אַטאַקירט די גדולים פון בבל מיט זייער רייכטום און פּאַראַזיטישקייט. דאָס דאָזיקע קריטישע ווערק זאָל שטאַמען פון אַ גאַנצער אָפּאָזיציאָנעלער גרופּע. וואָס אין איר שפּיץ זאָלן זיך האָבן געפונען די אָפּאָזיציאָנעל־קריטישע יידישע דענקער בן ברוקה און אליעזר בן עזריה.

צווישן די קראים האָט אין דער זעלביקער צייט געווירקט דער פריי־דענקער בן סאקויה, וועלכער האָט, פּונקט ווי חיוי הבלכי, געהאַלטן, אַז די וועלט האָט עקזיסטירט פריער פאַר גאָט, און עס איז גישט געווען קיין בורא עולם.

דער דאָזיקער אידעישער געראַנגל איז אָנגעגאַנגען אין משך פון IX און X י״ה. מיט דער קראַפט פון די אויטאָנאָמיש־רעליגיעזע רעפּרעסיעס, מיטן כוח פון מלכות, מיט דער הילף פון שאַרפע פּאָלעמישע ווערק — האָ־בן די הערשנדיקע תלמודישע און געלט־אַריסטאָקראַטישע קרייזן באַקעמפט און אויסגעראָטן די טרעגער פון פרייען געדאַנק. די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע ירידה און איר באַגלייט־דערשיינונג — די פּאַרטיפּונג פון אָפּגעשטאַנענקייט און פינצטערניש — שאַפן גינסטיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר די פריידיקערייען פון די פאַנאַטישע עלעמענטן. וואָס מער מיר דערנענטער זיך צום XI י״ה, פאַלט אַלץ מער די חשיבות פון דעם בבלישן צענטער, אין די אינטעלעקטועלע קרייזן פונעם ישוב ווערט אַלץ מער אָפּגעטעמפּט דער פרייער, פאָרשערישער געדאַנק, און עס נעמט אַלץ ברייטער באַלעבאַ־טעווען דער פאַרגליווערטער דאָגמאַטיזם, וועלכער גייט אָן פּאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער פאַרגרעבונג פונעם ישוב און מיט זיין עקאָנאָמישער ירידה.

דער ירידה־פּראָצעס פון דעם גרויסן בבלישן ישוב נעמט אָן די שנעל־סטע טעמפּן אין דער העלפט פון XI י״ה, ווען די גרויסע פאַרשידנלשונות־דיקע מלוכה פון אַראַבישן קאַליפאַט צעפאַלט זיך און פאַרגייט אונטער די קלעפּ פון די אַריינדרינגענדיקע טערקיש־סעלדזשוקישע שבטים, וועלכע קו־מען אָן ווי אַ זאַוויערוכע פון מזרח. דער סולטאַן פון די טערקן־סעלדזשוקן פאַגרול־בעק פאַרנעמט באַגדאַד און ווערט קיניג פון דער מלוכה; דעם קאַ־ליף בלייבט בלויז די פונקציע פון דעם רעליגיעזן ראש פון איסלאַם. אינג־גיכן צעפאַלט זיך די יורדישע ריזיקע אַראַבישע מלוכה אין אַ גאַנצער ריי

באַזונדערן מלוכהלעך, מיט וועלכע עס הערשן די דעראָבערער, די טערקן־בעלדזשוקן.

דער באַטייט פון איראַק פאַלט סיי אין עקאָנאָמישן, סיי אין פּאָלי־טישן, סיי אין קולטורעלן זין. איראַק־בבל ווערט אויס הויפּט־צענטער פון דער מוזולמענישער וועלט, פונעם אָריענט. ער ווערט א מינדערווער־טיק לאַנד פונקט ווי אַלע אַנדערע. עס הייבט זיך אָן א ירידה פון די פּראָ־דוקטיווע כוחות, עס פאַלט דער האַנדל. די פּערסישע יידן ווערן אָפּגעריסן פון די איראַקישע, די איראַקישע — פון די סירישע און עגיפּטישע, און זיי אַלע — פון די אייראָפּעישע, אַחוץ ספּאַראַדישע פאַלן. עס קומט דער באַרג־אַראָפּ פון דעם יידישן ישוב אין בבל.

אין די פריערדיקע דורות איז אָנגעגאַנגען אי אַן אימיגראַציע פון יידן קיין בבל, אי א יידישע עמיגראַציע פון בבל. למשל ווען אין II י״ה איז נעפאַלן דער צווישנלענדישער מסחר־באַטייט פון אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן), האָבן מאַסן יידן פון דאָרטן געקומען עמיגרירן קיין בבל. אין משך פון דער גאַנצער הערשאַפט פון ביזאַנץ איז אויך אָנגעגאַנגען א יידישע עמיגראַציע קיין בבל.

איינצייטיק האָבן יידן פון בבל אויך עמיגרירט. בעת דער אַראַבישער אינוואַזיע, אין VII י״ה, האָבן מאַסן בבלישע יידן און דער עיקר יידן פון פּערסיע, צוליב עקאָנאָמישע און רעליגיעזע סיבות, גענומען אויסוואַנדערן, ס׳רוב אויף צפון־מערב, קיין קאַווקאַז, צו דעם וואָלגע־געביט, קיין אַלט־רוסלאַנד (קיעווער חוס) און פון דאַנען, וואַרשיינלעך דורך פּוילן, ווייטער אויף מערב, אין די לענדער פון אשכנז. עס שרייבט וועגן דעם דער באַרימ־טער כראָניקער פון XVI י״ה יוסף הכוהן הרופא אין זיין „עמק הבכא“; אָט וואָס מיר לייענען דאָרטן אונטער דער דאַטע פונעם יאָר 690: „די יש־מעאלים (אַראַבער) זענען אַריין אין פּערסיע... און א סך יידן פון פּערסיע זענען אַנטלאָפן ווי פאַר א שווערד, און זיי האָבן געוואַנדערט פון פאָלק צו פאָלק און פון איין מלוכה צו א צווייטער, און זיי זענען געקומען אין לאַנד רוסיאה און אין לאַנד אשכנז און שוויציאה, און זיי האָבן דאָרטן גע־פונען א סך יידן“.* עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויפן וועג פון דרומדיקן אַלטרייסן קיין דייטשלאַנד (אשכנז) זענען די אויסגעוואַנדערטע יידן פון

* „ויָנוסו יהודים רבים מארץ פרס כמפני חרב, ויתהלכו מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר, ויבואו ארצה רוסיאה וארץ אשכנז ושוויציאה, וימצאו שם יהודים רבים.“

בבל־פּערסיע דורכגעגאַנגען פּוילן און עס קאָן זיין, אַז טיילווייז האָבן זיי זיך דאָ פאַרהאַלטן און באַזעצט.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ירידה־פּראָצעס פון קאַליפאַט, אין X און אין דער ערשטער העלפט פון XI י״ה, און בפרט בעתן אַריינדרינגען פון די סעלדזשוקן, האָט זיך באַנייט א טראָג געמאָן א כוואַליע פון יידישע אויסוואַנדערער פון איראַק און פּערסיע אין די געביטן, וווּ עס האָבן געהערשט די כוזרים, און פון דאַנען האָבן בבלישע יידן זיך געלאָזט ווייטער — אויף מערב.

איינצייטיק איז אָנגעגאַנגען א קולטור־השפּעה פון די בבלישע יידן אויף די יידן פון מזרח־אייראָפּע. די דאָזיקע השפּעה האָט אויסגעשטראַלט נישט בלויז פון די גרויסע ישיבה־צענטערס און נישט בלויז פון דער קראַאישער אָפּאָזיציע־שטרעמונג. עס זענען פאַראַן בולטע שפּורן און באַרעכטיקטע מיינונגען, אַז אויך היוי הבלבים ווערק זענען איבערגעשיקט געוואָרן פון בבל דורך קיעוו קיין פּוילן און פון דאַנען קיין רעגענסבורג. אַזוי אַרום זענען די גייסטיקע השפּעות פון בבלישן צענטער געווען פאַרשידנאַרטיקע. אָבער אין מיטן XI י״ה זענען זיי שוין געווען איינגעשרומפּן, און בבל האָט אויפגעהערט צו זיין דער אויסשטראַל־צענטער ביי יידן אין דער וועלט. א טייל פון זיינע מענטשן־רעסורסן און גייסטיקע ווערטן האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין די נייע יידישע ישובים, וואָס זענען געוואָקסן אין מזרח־אייראָפּע.

# די יידן אין די לענדער פון דער מזרח־רוימישער (ביזאַנטישער) אימפּעריע

צום שווערסטן און טרויעריקסטן איז אין מיטלאַלטער געווען די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די לענדער און פּראָווינצן, וועלכע זענען אריינגעגאנגען אין דעם מזרח־טייל פון דער רוימישער וועלט־אימפּעריע, וואָס איז באַקאַנט — נאָכן באַהערשן דורך די באַרבאַרן רוים, נאָך דער צעפאַלונג פון דער מערב־רוימישער אימפּעריע — ווי די מלוכה פון ביזאַנץ.

נאָך דעם ווי רוים איז געפאַלן, איז ביזאַנץ און איר הויפּטשטאָט (זינט דעם יאָר 330) קאָנסטאַנטינאָפּאָל געוואָרן דער מקום־מקלט פאַר די גרויסע רוימישע הארן, די גרויסע שקלאַפן־באַזיצער, וועלכע זענען אין בהלה אַנטלאָפן אַהער פון זייער קראַכנדיקער וועלט. אינעם פּעריאָד פון פריען מיטלאַלטער, ווען אין אייראָפּע האָט זיך געגומען אויספורעמען און באַפעסטיקן דער נייער פעאָדאַלער סדר, איז ביזאַנץ געבליבן דער לעצטער באַסטיאָן פון אַלטן שקלאַפן־סיסטעם, די לעצטע פּאָזיציע פון דער אַלטער, פאַרגייענדיקער וועלט. אין VI י"ה האָט דער ביזאַנטישער קייסער יוסטיניאַנוס אפילו געחלומט וועגן צוריקשטעלן די אַלטע שקלאַפן־הערשערישע אָרדענונג אויך אין מערב־אייראָפּע. די נייע פעאָדאַלע עלעמענטן, וועלכע וואַקסן פאַמעלעך אָן אין דער ווירטשאַפטלעכער באַזע פון דער אימפּעריע, זענען נאָך זייער שוואַך און ווערן בולטער ערשט אינעם VII י"ה.

די ביזאַנטישע אימפּעריע איז געווען אַ פּאַראַזיטישע. שפּייז, געוואַנט, פּאַפּירוסן פלעגט זי — ביז דעם אַרויסטריט פון די אַראַבער — אימפּאָרטירן פון עגיפּטן; האַנטווערקערישע אויסאַרבעטונגען — פון סיריע און פּאַלעסטינע; דעם געוואַלדיקן לוקסוס פון איר רעזידענץ האָט זי געבויט

אויף אַ שווידערלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון די שקלאַפן, קאָלאָנען, בעלי־מלאכות און בכלל שטאָטישער אָרעמקייט און פּאַריאָכטע פּעלקער; אירע ריזיקע אַרמייען זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן אַדאַנק אַזאַ שרעקלעכן שטייער־דרוק, וועלכן עס האָט אין יענער צייט נישט געקאָנט קיין שום לאַנד. שטייערן פּלעגט מען רייסן פון יעדן מין טעטיקייט, פון מלאכה, מסחר, טראַנספּאָרט, פון יעדן אייזל, און דאָס בלויז אין זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. אין יוסטיניאַנוסעס צייט זענען געבויט געוואָרן פּרעכטיקע היפּאָדראָמען, קירכעס און פּאַלאַצן — אָבער קיינמאָל זענען נאָך אַזוי־פיל מענטשן אין דער ריזיקער מלוכה נישט אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט, ווי דעמאָלט.

די אימפּעריע איז געווען באַדראָט נישט בלויז פון אויסן — דורך די פּערסן, סלאַוון א. א. — נאָך אויך פון אינעווייניק. אויפשטאַנדן און בונטן פון די אונטערדריקטע מאַסן און פּאַריאָכטע פּעלקער און אויך פון די מיטעלע שיכטן, אָפּאָזיציעס פון די אַלץ רייכער־ווערנדיקע גרויסע ערד־באַזיצערס קעגן דער צענטראַלער קייסערלעכער מאַכט — דאָס אַלץ האָט אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פון דעם הערשנדיקן סיסטעם און סיגנאַליזירט דעם סוף פון דער שקלאַפן־הערשערישער אָרדענונג.

די אַרמייען, וועלכע זענען באַשטאַנען פון געדונגענע קריגסלייט פון פאַרשידענע פעלקער און שבטים, זענען געווען אָפּטיילונגען פון רויבער, אויסגעהוילט פון יעדן מין פּאַטריאָטיזם.

כדי איינצוהאַלטן די איינהייטלעכקייט פון דער מלוכה און די קראַכנדיקע אָרדענונג, האָבן די ביזאַנטישע מושלים גענומען זיך באַנוצן מיט דער קריסטלעכער רעליגיע, וועלכע איז געוואָרן אַלץ איינפלוסרייכער צווישן פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

פון אַ רעליגיע פון שקלאַפן און אָרעמקייט, וועלכע האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון זייערע ליידן און געוואַרט אויף אַן איבערקערעניש־נס פון אַ מענטשלעך־געטלעכן משיח, איז דאָס קריסטנטום, נאָך דעם ווי עס האָבן אָנגעהויבן אַרייננדרינגען אין אים, זינט דעם II י"ה, באַזיצנדיקע עלעמענטן, געוואָרן אַ גלויבן־סיסטעם, וואָס האָט באַשטעטיקט שקלאַפעריי. די יענע עלעמענטן אין אורשפּרינגלעכן קריסטנטום, וועלכע האָבן מיט צאָרן גערעדט וועגן דער רשעותדיקער הערשאַפט פון רוים, זענען פאַרשוואונדן. עס איז געבליבן פאַר די ליידנדיקע מאַסן דער לאָזונג פון אַבסאָלוטער פּאַסיווקייט, פון הכנעה צום גורל, מיט אַ צוזאָג פון אַ בעסערן מזל אויף יענער וועלט. און פאַר די באַזיצנדיקע קלאַסן איז דאָס קריסטנטום געוואָרן

אַן אידעאָלאָגיש מיטל אײַנצושלעפּערן און אײַנצושטילן די אומצופרידנקייט פון די מאַסן. די פירער פונעם קריסטנטום האָבן שוין אַצינד אָפן גערעדט וועגן דעם, אַז די שקלאַפן דאַרפן זײַן געהאָרכזאַם צו זייערע האַרן; איבעריקנס האָבן זיי שוין פון לאַנג געפּרײַדיקט, אַז דער שכר ועונש (די באַלוינונג און די שטראָף) פאַר גוטע אָדער שלעכטע מעשים וועלן קומען נאָכן טויט, אויף יענער וועלט. דאָס אַלץ איז געווען אָנגענעמבאַר און באַקוועם פאַר די שקלאַפן-הערשער און גרויסע ערד-באַזיצער. פּאַולוסעס (פּאַוועלס*) לאָזונג: „לאָמיר אָפּגעבן דעם קייסער דאָס, וואָס ס'איז דעם קייסערס" — איז געוואָרן אָנגענעמבאַר און נוצלעך פאַר די ביזאַנטישע און אַנדערע מאָנאַרכן.

אויב אין דער פריערדיקער, אַנטיקער רוימישער וועלט-אימפּעריע האָט דער פּאָליטעאישער רעליגיעזער סינקרעטיזם געדינט ווי אַן אידעאָלאָגיע אײַנצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער וועלט-מלוכה, די הערשאַפט פון רוים און פון זײַן שקלאַפן-באַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע — האָט איצט, אין פריען מיטלאַלטער, אַן ענלעכע ראָל געשפּילט פאַר דעם ביזאַנטישן קייסערטום און פאַר דער ביזאַנטישער ערד- און געלט-אַריסטאָקראַטיע די קריסטלעכע רעליגיע, וועלכע איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אָפיציעלער הערשנדיקער אידעאָלאָגיע פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

ענדגילטיק איז די קריסטלעכע קירך אונטערגעאָרדנט געוואָרן די אינטערעסן פון דער ביזאַנטישער קרוין אין VI י"ה, ווען אויפן ביזאַנטישן טראָן זענען געזעסן יוסטיניאַנוס (529—565) און זײַן פרוי טעאָדאָראַ,** וועלכע האָבן אײַנצייטיק געמאַכט אַ סוף צו די לעצטע פּאָזיציעס פון דער אַלטער גריכישער געצנדינערישער קולטור, דורך שליסן די היידעניש-פילאָזאָפישע אַקאַדעמיע אין אַטען.

די קריסטלעכע קירך, וועלכע האָט פריער געהאַט אויסצושטיין הדיפות און איז געווען טיילווייז פאַרטריבן אין אומלעגאַליטעט, איז איצט, נאָכן ווערן אַן אָפיציעל-מלוכהשע אינסטיטוציע, תיכף אַרויסגעטראָטן מיט דער פולער טאַנאַטישער שאַרפקייט סיי קעגן די אינערלעכע אָפּאָזיציאָנעל-כופרישע באַוועגונגען (למשל: דעם אַריאַניזם), סיי קעגן די ייִדן, און וועלכע די

---

* לויט די נייעסטע פאָרשונגען פון דעם באַרימטן סאָוויעטישן היסטאָריקער וויפּער איז פּאַולוס געווען אַ לעגענדאַרע געשטאַלט.

** יוסטיניאַנוס איז געווען אַ זון פון מאַקעדאָנישע פּויערים, טעאָדאָראַ — אַ צירק-טענצערין.

קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן געזען אַ גרויסן שטער פאַר זייער פּראָפּאַגאַנ־
דע פונעם ישו־קולט. אין קאַמף קעגן די יידן זענען די ביזאַנטישע קרוין און
די קריסטלעכע קירך געגאַנגען האַנט ביי האַנט.

דער לאָזונג פון יוסטיניאַנוס און טעאָדאָראַ איז געווען: איין מאַכט,
איין געזעץ, איין גלויבן. דורך דער אַבסאָלוטער מלוכהשער און גייסטיקער
צענטראַליזאַציע האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט די רעטונג פון דער אונטער־
געשוואַנקטער אימפּעריע (טראָץ די נצחונות פון יוסטיניאַנוסעס מיליטער
אין צפון־אַפריקע, איטאַליע און שפּאַניע). איינע פון די דורכבראָכן אין אָט
דער איינהייטלעכקייט איז געווען די עקזיסטענץ פון דעם יידישן ציבור מיט
זיין אייגענער רעליגיע און געדעכעניש פון אַמאָליקער זעלבשטענדיקייט אין
יודעאַ (יהודה), וועלכע האָט איצט געהערט צו דער ביזאַנטישער אימפּע־
ריע. עס איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די יידן האָבן סימפּאַטיזירט
מיט די פּאַרטיער (פּערסן), וועלכע האָבן זיך געפונען כמעט אין אַ פּער־
מאַנענטן מלחמה־צושטאַנד מיט רוים (איצט: מיט ביזאַנץ), געפירט אַ
לאַנגדויערנדיקן עקאָנאָמישן קריג און אָפט אָנגעריפן די גרענעצן פון דער
ביזאַנטישער אימפּעריע אויפן נאָענטן מזרח. די סימפּאַטיע מצד די ביזאַנ־
טישע, און בתוכם פּאַלעסטינער יידן לגבי די פּאַרטיער איז געווען אַ פאַר־
שטענדלעכע, ווייל — ווי מיר האָבן שוין אויפגעוויזן — האָט זיך פּאַרטיע
באַצויגן טאָלעראַנט צו אירע יידן, צו די יידן פון בבל און פון אַנדערע פּראָ־
ווינצן און לענדער פון דער גרויסער פּאַרטישער מלוכה, און נישט בלויז צו
אירע יידן. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַן עקאָנאָמישן באָדן, און נעמלעך: דער
קאַמף פאַר די מזרחדיקע האַנדלס־וועגן, פאַר דעם מזרחדיקן וועלט־האַנדל,
אין וועלכן די גרויסע יידישע סוחרים, סיי פון בבל, סיי פון סיריע און פּאַ־
לעסטינע, האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. דער הויפּט־קאַמף איז געגאַנגען
אַרום אָפּזאַץ־מערק פאַר דער זייד־פּראָדוקציע, בפרט אין דער ווייטער אינ־
דיע און אין אַפריקע. דער קאַמף איז געגאַנגען פאַר דעראָבערן די העגעמאָ־
ניע איבערן רויטן ים (ים סוף), דורך וועלכן עס האָבן געצויגן די האַנדלס־
שיפן קיין אַראַביע און פון דאַנען פון איין זייט קיין עטיאָפּיע (אַביסיניע)
און פון דער צווייטער — קיין אינדיע.

די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געפונען אין די גרענעצן פון
דער פיללענדישער ביזאַנטישער אימפּעריע, איז אין גרונט גענומען געווען
אַן אַרבעטנדיקע, אַ פּראָדוקטיווע. אין די לענדער, וואָס זענען אַריינגעגאַנ־
גען אין באַשטאַנד פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, אין פּאַלעסטינע, סיריע
און קליין־אַזיע, האָט די מערהייט יידן געאַרבעט אויף ערד. אַ גרויסער טייל

פון די יידן אין גריכנלאַנד (וואָס איז אויך געווען אַ טייל פון ביזאַנץ), האָט זיך אויך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. אַן אַנגעזעענער יידישער לאַנדווירט־שאַפטלעכער ישוב איז געווען אין דער געגנט פון דעם באַרג פּאַרנאַס (גריכנלאַנד).

דער צווייטער — לויט דער צאָל — טייל יידן האָט זיך פאַרנומען מיט מלאכה. בפרט גרויס איז געווען די צאָל יידישע בעלי־מלאכות אין גריכנלאַנד און אין קליין־אַזיע. אין געוויסע פּראָדוקציע־צווייגן האָבן די יידישע בעלי־מלאכות געשפּילט אַ דעצידירנדיקע און פּיאָנערישע ראָל. די פּראָדוקציע פון פאַרבן און פון זייד איז אין זייער אַ באַדייטנדיקער מאָס געלעגן אין די הענט פון יידישע בעלי־מלאכות. די זייד־פּראָדוקציע האָט פאַרן מזרחדיקן, ווייטלענדישן האַנדל פון ביזאַנץ (למשל: מיט אינדיע) געהאַט אַ באַזונדערס גרויסן באַטייט. בלויז אין איין גריכישער שטאָט, אין טעבי, האָט מען אָנגעצייכנט אַרום 2000 יידישע פאַכלייט, ספּעציאַליסטן פון דער זייד־ און פאַרבן־פּראָדוקציע. וויכטיקע יידישע מלאכה־צענטערן זענען געווען אין פּאַלעסטינע — אין יריחו, לוד, קסריה אאא. יידישע בעלי־מלאכות זענען געווען פאַרטראָטן אויך אין דער באַקלייד־פּראָדוקציע, אין אויסאַרבעטן ווינטער־ און זומער־מלבושים, קליידונג מיט פּורפּור־באַפּוצונגען, פּוטערוואַרג, אין באַאַרבעטן לעדערוואַרג וכדומה. די סירישע יידן האָבן זיך ברייט באַטייליקט אין דער וועבעריי־מלאכה און געהאַט אַ סך קליינע וועבוואַרשטאַטן. באַקאַנט זענען געווען די יידישע זייד־וועבער פון סאַלאָניק, די יידישע גאַרבער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די יידישע גלאָז־פּראָדוצענטן פון אַנטיאָכיע און צור, די יידישע פאַרבער פון יפו.

דער מסחר האָט ביי די יידן פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע פאַרנומען אַ סך אַ קלענער אָרט ווי ביי די יידן פון מערב־אייראָפּע. אָבער אין אַזעלכע לענדער, ווי פּאַלעסטינע און סיריע, איז ער ביי די יידן געווען גענוג אָנזעעוודיק. דער יידישער האַנדל איז געווען דיסקרימינירט. די צאָל רייכע יידן איז אין ביזאַנץ געווען אָן אַן ערך קלענער ווי אויפן מערב.

דער אַלגעמיינער שטייער־דרוק, וועלכן עס האָט אָנגעווענדט דאָס ביזאַנטישע קייסערטום, איז לגבי די יידן, די יידישע פּויערים, בעלי־מלאכות און סוחרים געווען אַ באַזונדערס שאַרפער. דער שטייער־דרוק ווערט באַזונדערס פאַרשאַרפט זינט דעם III י״ה, זינט אָט דער צייט פון פאַרטיפטן קריזיס פון דער שקלאַפן־באַזיצערישער ווירטשאַפט, און פאַרגרעסערט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער. חוץ די אַלגעמיין־פאַרפליכטנדיקע שטייערן פון באָדן (דימוסיאַ), פון אַרענדירן ערד, דעם אָפּצאָל לטובת דער

מלוכה (אנפורתא), האָט די יידישע באַפעלקערונג געמוזט צאָלן אַ ספּע־ציעלן קאָפּ־שטייער. דעם גרעסטן שטייער־לאַסט האָבן די ביזאַנטישע מוש־לים אָנגעווענדט לגבי די יידן פון פּאַלעסטינע, וועלכע זענען געווען גע־צווונגען, חוץ אַלעמען, צוצושטעלן שפּייז פאַרן מיליטער, וואָס האָט סטאַ־ציאָנירט אין לאַנד (אנונה מיליטאַרים), צאָלן אָפּטע קאָנטריבוציעס, געבן אַ ספּעציעלן שטייער פאַר אַ גאָלדענער קרוין פאַר יעדן נייעם קייסער און מיליטער־פירער; חוץ דעם האָט מען זיי געפּייניקט מיט צוואַנגס־אַרבעט. די שטייערן פלעגט מען נעמען מיט כוח. אָפטמאָל זענען די אַרענדאַרן פון מלוכה־שטייערן געווען רייכע יידן. נישט זעלטן איז דער הויפּט־איינמאָנער געווען דער יידישער נשיא. נאַטירלעך, האָט דער שטייער־דרוק וויניקער געטראָפן די גרויסע יידישע ערד־באַזיצער ווי די קליינע פּויערים און אַרענ־דאַרלעך. און גרויסע יידישע ערד־באַזיצער זענען נאָך אַלץ געווען, בפרט אין פּאַלעסטינע. עס זענען געווען יידישע גרויס־באַזיצער, וואָס האָבן פאַר־מאָגט צו 100 ווייַנגערטנער און צו הונדערטע פעלדער. אָבער דאָס זענען געווען אויסנאַמען. בכלל גענומען איז דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע דערפירט געוואָרן צו אַ ווירטשאַפטלעכער קאַטאַסטראָפע, צום סאַמע רנאָ פון נויט.

דער תנאי ר׳ ישמעאל (II י״ה) האָט געזאָגט: „שיין זענען די מעכ־טער פון ישראל, נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז זיי ווערן פאַרשוואַרצט פון גלות" (תלמוד בבלי, נדרים). די דאָזיקע ווערטער קאָן מען מיט נאָך מער זיכערקייט איבערטראָגן אויף די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, ווען די בי־זאַנטישע אונטערדריקונג איז געוואָרן אַלץ שווערער און שאַרפער.

די יידישע באַפעלקערונג, פונקט ווי אַלע אונטערדריקטע איינוווינער פון דער ביזאַנטישער מלוכה, האָט זיך געווערט קעגן דעם שטייער־דרוק. אַ סך פאַרשקלאַפטע יידישע פּויערים זענען אַנטלאָפן אין עבר הירדן, אין די בערג, איבערלאָזנדיק זייערע פעלדער אויף הפקר. אַ סך זענען אויסגע־שטאָרבן פון הונגער און נויט. זינט דעם IV י״ה לאָזט זיך באַמערקן אַ מאַסן־אַנטלויפן פון יידישע פּויערים פון ערד־אַרבעט, וועלכע האָט געבראַכט בלויז צרות און הונגער. צווישן פאָלק איז אָנגעגאַנגען אַ ווערטל: „נישטאָ קיין ערגערער פאַך ווי ערד־אַרבעט".*

דאָס אַנטלויפן אין די בערג, אין סטעפּ, אין מדבר איז געווען אַ ברייט־

---

* אין לך אומנות פחותה מן הקרקע.

באַקאַנטע דערשײנונג אויך בײַ די פּויערים, בעלי־מלאכות און שקלאַפֿן פֿון די אַנדערע פֿעלקער אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

צוליב דעם שרעקלעכן שטײַער־דרוק און די רעליגיעזע רדיפֿות פֿאַר־קלענערט זיך אין שנעלע טעמפּן סײַ די צאָל יידישע פּויערים, סײַ די אַלגע־מײַנע צאָל יידישע ישובים אין פּאַלעסטינע בעת דער ביזאַנטישער הער־שאַפֿט. פֿאַרן יאָר 135 זענען אין דעם לאַנד געווען איבער 200 יידישע ישו־בים (שטאָטישע און דאָרפֿישע); אַרום דעם יאָר 640 זענען שוין פֿאַרבליבן נישט מער ווי 50. פֿאַר דעם יאָר 135 זענען אין פּאַלעסטינע געווען בערך 175 דאָרפֿישע יידישע ישובים; אַרום דעם יאָר 640 איז פֿון זיי געבליבן בערך 30. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע קוואַנטיטאַטיווע ירידה פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּאַלעסטינע האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ קוואַליטאַטיווער, און זיגט דעם IV י"ה פֿאַלט אין דער יידישער וועלט די חשיבות און דער באַטײַט פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע יידן.

אַגב, איז אין רעזולטאַט פֿון דער רויבערישער פּאָליטיק פֿון די ביזאַנ־טישע הערשער אַלץ שווערער געוואָרן די ווירטשאַפֿטלעכע באַזע און עס זע־נען אַלץ שיטערער געוואָרן די רייען פֿון די דירעקטע פּראָדוצענטן פֿון שטאָט און דאָרף אין דער גאַנצער ביזאַנטישער אימפּעריע. פֿאַר אַ ליאַדע חטא זענען די סוחרים — אַלצײַנס: יידן, סיריער, עגיפּטער, אָדער פֿון קליין־אַזיע — אַרײַנגעשליידערט געוואָרן אין תפיסה, און זייער פֿאַרמעגן איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט. מאַסן בעלי־מלאכות, אָן אונטערשיד פֿון אָפּ־שטאַם און גלויבן, זענען צוגעשריבן געוואָרן צום אַרבעטס־אָרט, צו די מלו־כהשע (קייסערלעכע) ווירטשאַפֿטן, פֿאַרלירנדיק די פֿרײַהייט פֿון באַוועג־גונג, מען פֿלעגט זיי אויסקריצן אַ צייכן אויפֿן אָרעם, זיי זאָלן נישט קאָנען אַנטלויפֿן. דער שרעקלעכער שטײַער־סיסטעם האָט — אין יוסטיניאַנוסעס צײַטן — דערפֿירט צו רואין אַפֿילו אַזאַ בליענדיקע פּראָדוקציע, ווי די זייד־בראַנזשע. די פּויפּעריזאַציע פֿון די ברייטע שטאָטישע מאַסן האָט זיך וואָס ווײַטער פֿאַרטיפֿט אַלץ מער. עס איז קלאָר, אַז זי האָט געשלאָגן נאָך ווייטיקלעכער אין די מאַסן פֿון דער נישט־אָרטאָדאָקסאַל־קריסטלעכער רע־ליגיע; בפֿרט איז שווער געווען געטראָפֿן די יידישע באַפֿעלקערונג, אַחוץ זייער קליינע אויסנאַמען.

די עקאָנאָמישע און רעליגיעזע דיסקרימינאַציע איז חל געווען נישט בלויז אויף די ארץ־ישׂראל־יידן, נאָר אויך אויף דער גאַנצער יידישער באַ־פֿעלקערונג פֿון ביזאַנץ, אויף די יידן פֿון סיריע, קליין־אַזיע, גריכנלאַנד און

אַנדערע פּראָווינצן. כמעט אין דער גאַנצער אימפּעריע גייט אָן אַן אַקציע קעגן יידישע בעלי־מלאכות, באַזונדערס קעגן וועבער, וועלכע ווערן שטאַרק באַגרענעצט אין זייער פּראָדוקציע־טעטיקייט. יידישע סוחרים ווערן אַרויס־געשטופּט פון די וויכטיקסטע האַנדלס־פּאָזיציעס, דער עיקר פון דעם צפון־מסחר, וואָס איז געגאַנגען דורכן שוואַרצן ים, און פונעם מזרח־האַנדל (מיט איראַן, אינדיע און כינע), און בפרט פון דעם באַסיין פון רויטן ים (ים סוף). אין משך פון לאַנגע צייטן זענען די יידישע גרויסע סוחרים פון טבריה געווען פאַרמיטלער צווישן דעם מערבדיקן האַנדל און די סוחרים פון דרום־אַראַביע, ווו עס האָט זיך, אונטערן איינפלוס פון דעם יידישן האַנדל־און קולטור־צענטער אין טבריה, גענומען שפּרייטן די יידישע רעליגיע. די הערשער פון דער מלוכה כומיאַר אין דרום־אַראַביע (תימן), וועלנדיק אויסמייַדן די העגעמאָניע פון קריסטלעכן ביזאַנץ און איר סאַטעליט, די קריסטלעכע עטיאָפּיע (אַביסיניע), האָבן אָפּגעוואָרפן דעם קריסטנטום און אָנגענומען דעם יודאַיזם. דורך דעם יידישן מסחר פון טבריה איז אָנגעגאַנגען אין דרום־אַראַביע אַ האַנדלס־עקספּאַנסיע פון בבלישע יידן און אַזוי אַרום פון איראַן. אויף אַט דעם באָדן איז אויסגעבראָכן אין דער ערשטער העלפט פון VI י"ה אַ כימיאַריש־אַביסינישע, אָדער כימיאַריש־כושיטישע מלחמה (אַביסיניע איז אָנגערופן געוואָרן כוש); הינטער אַביסיניע איז גע־שטאַנען ביזאַנץ. אין אידעאָלאָגישן זין איז דאָס געווען אַ קריסטלעך־יידי־שע מלחמה; אין עקאָנאָמישן זין איז געגאַנגען אין באַהערשן דעם האַנדל־שליאַך פון רויטן ים, דורך וואַנען עס האָבן זיך באַוועגט, ווי געזאָגט, בי־זאַנטישע מסחר־קאַראַוואַנעם קיין עטאָפּיע און אינדיע. די כושיטיש־כימי־יארישע מלחמה (צווישן אַביסיניע און דעם יודאַיזירטן טייל פון דרום־אַראַביע) האָט געדויערט במשך די יאָרן 522—525 און האָט זיך פאַרענ־דיקט מיטן זיג פון עטיאָפּיע, און פאַקטיש — פון ביזאַנטישן מסחר. דער יודאַיזירטער מלך פון כימיאַר יוסף (זו־נוואַס), אַ באמת היסטאָרישע גע־שטאַלט, האָט זיך, לויט אַ מסורה, אַריינגעוואָרפן מיטן פערד פון אַ הויכן פעלז אין ים אַריין. אַזוי אַרום האָט אין רעזולטאַט פון דער מפּלה פון די יודאַיזירטע כימיאַרער געליטן אַ שווערן קלאַפּ דער גרויסער יידישער מס־חר־צענטער אין טבריה און אויך די יידישע מלאכה, וואָס האָט געאַרבעט פאַר אָט דעם עקספּאָרט־מסחר. ביזאַנץ האָט, מחמת קאָנקורענץ־טעמים, צעבראָכן אָט דעם מסחר, און די רעליגיעזע רדיפות אויף יידן, אין שייכות מיט דער מלחמה אין דרום־אַראַביע, מיט דער מלחמה צווישן די קריסטלע־כע עטיאָפּער און די יודאַיזירטע כימיאַרער, האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט

אין אַלע לענדער פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, און בפרט אין פּאַלעס־טינע.

פּאַראַלעל מיטן ספּעציעלן שטייער־דרוק, מיטן פּאַרטרייבן יידן פון ערד, מיט די עקאָנאָמישע און רעליגיעזע רדיפות, גייט אָן, שוין זינט דער צווייטער העלפט פון IV י"ה, א ברייטצוגיקער אָנגריף פון די ביזאַנטישע מאָנאַרכן קעגן דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פּונקט ווי קעגן די זעלבסטפאַרוואַלטונגען פון די שטעט בכלל, קעגן יידישן אָנטייל אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון די שטעט, אין די מוניציפּאַליטעטן, אין מלוכה־אַמטן און אין מיליטער; יידן ווערן פולשטענדיק אַרויסגעוואָרפן פון מיליטער. עס צייכענען זיך אויס אין די דאָזיקע רדיפות די ביזאַנטישע קייסאָרים טעאָדאָ־זיוס I, אַרקאַדיוס, טעאָדאָזיוס II, יוסטיניאַנוס. דער לעצטער פירט אַ אָן אַן ערך שאַרפערע אַנטי־יידישע פּאָליטיק ווי זיינע פּאָרגייער. ער פּאַראָרדנט, אַז דאָס עדות זאָגן פון אַ ייד קעגן אַ קריסט איז פּסול, סיידן דאָס פּאַלט אויס לטובת דעם קריסט. יוסטיניאַנוס גיט אַרויס אַ דעקרעט, אַז יידן טאָרן נישט ירשענען, קויפן און האַלטן אַלס משכון אַזאַ באָדן, וואָס ליגט אויף אַ שטח, אויף וועלכן עס שטייט אַ קירך. אויב דער יידישער פסח פּאַלט אויס פאַר דער קריסטלעכער פּסחא, טאָר מען אים נישט פּייערן. יוסטי־ניאַנוס מישט זיך אַריין אין אינערלעכע פראַגן פון דער יידישער רעליגיע. ער פאַרווערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער שיל צו לייענען די תורה אין העב־רעיש, נאָר אין גריכיש — לויט דער „סעפּטואַגינטאַ"* (וועלכע איז, ווייזט אויס, געפעלשט געוואָרן, וואָרעם די איבערזעצונג איז פאַרדרייט גע־וואָרן אַזוי, עס זאָל אַרויסקומען אַ רמז, אַז דער אמתער משיח איז ישו הנוצרי).

אין די אָפיציעלע אַקטן ווערן די יידן זינט דעם מיטן פון IV י"ה באַ־טיטלט מיט באַליידיקנדיקע עפּיטעטן, ווי: „די עקלדיקע סעקטע", „געמיי־נע און עקלדיקע מענטשן", „די פאַרשווערערישע פאַרזאַמלונגען" וכדומה.

צוזאַמען דערמיט קומען פאָר בלוטיקע איבערפאַלן פון פאַנאַטישן און הורכן קריסטלעכן קלער אונטערהעצטן המון איבער יידן, דערהויפּט אויף שולן, וועלכע ווערן אונטערגעצונדן און צעשטערט. די ביזאַנטישע הערשער פאַרווערן אויפצובויען נייע יידישע בתי תפילה. עס ווערן אָפט קאָנפיסקירט און פאַרברענט העברעישע מאַנוסקריפּטן, רעליגיעזע ווערק אָדער כראָניקעס; פון דאַנען נעמט זיך מסתמא דער פאַקט, וואָס נאָך דער

---

* די גריכישע איבערזעצונג פון תנך.

דאָזיקער צייט זענען ביי די יידן כמעט נישט געבליבן קיין דעמלטיקע געשיכטע־באַשרייבונגען און פּנקסים.

די ברייטע שיכטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג גיבן זיך נישט אונטער אַזוי שנעל דער ווירקונג פון דער יידנפרעסערישער אַגיטאַציע פונעם קלער. אין אַ גאַנצע ריי ערטער לעבן יידן און קריסטן אין גוטע, נאָענטע באַציונגען, עס קומען אַפילו פאָר געמישטע חתונות. דער קייסער קאָנסטאַנציוס (מיטן פון IV י"ה) פאַרווערט שטרענג די געמישטע חתונות און דראָט פאַר מגיר זיין אַפילו מיט טויט.

די קורצע הערשאַפט פון דעם קייסער יוליאַנוס (צווייטע העלפט פון IV י"ה), וועלכער האָט באַזייטיקט פון עפנטלעכן לעבן די קריסטלעכע קירך און געטרוימט וועגן צוריקשטעלן די אַלטע הייזדענישע קולטור, איז געווען בלויז אַן אָטעם־פּויזע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די יידן־פריינטלעכע פּאָליטיק פון יוליאַנוסן (וועלכן די קירך־אַפּאָלאָגעטיקער האָבן אַ נאָמען געגעבן „אַפּאָסטאַטאַ", אָפּטריניקער), איז געווען דיקטירט דורך זיין ווילן צו געווינען די סימפּאַטיע פון די יידן פון בבל אין זיין מלחמה קעגן די פּאַרטן, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן, ווייזט אויס, דורך עקעאָנאָמישע רייבונגען, דהיינו — צו דעראָבערן דעם מאָנאָפּאָל פאַר ביזאַנץ אויפן האַנדל מיט אינדיע. די יידן האָבן טאַקע פאַרבונדן מיט יוליאַנוסעס פּאָליטיק גרויסע האָפענונגען. די יידן פון די פּאַלעסטינער שטעט עזה און אַשקלון, דערמוטיקטע דורך דער נייער ווענדונג אין זייער לאַגע, דורך דעם צוזאָג פון דעם קייסער יוליאַנוס ווידעראויפצושטעלן אַ יידישע מדינה אין יהודה, האָבן זיך בלוטיק נוקם געווען אין די אָרטיקע קריסטן, פון וועלכע זיי זענען פריער אויסגעשטאַנען גרויסע צרות. די יידן פון דער איראַקישער שטאָט נציבין האָבן פון גרוים פרייד מיט יוליאַנוסעס פּאָליטיק געבלאָזן שופר. די פרייד איז אָבער געווען אַ פריצייטיקע און קורצע. נאָך יוליאַנוסעס שנעלן טויט (וואַרשיינלעך פון דער האַנט פון אַ פאַנאַטישן קריסטלעכן זעלנער אויפן פּאַרטישן פראָנט, אין יאָר 363) האָבן זיך צוריקגעקערט די שווערע פינצטערע צייטן פון דער ביזאַנטישער אונטערדריקונג.

די יידן פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, בפרט פון פּאַלעסטינע און סיריע, האָבן אין משך פון העכער 500 יאָר געשטעלט אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד דער מלכות הרשעה פון ביזאַנץ. דער יידישער ווידערשטאַנד איז געווען אַ טייל פון דער מרידה־ און אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די מאַסן פון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער קעגן די ביזאַנטישע באַצווינגער

און אויסנוצער. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך נעצויגן אין משך פון לאַנגע הונדערטער יאָרן און זיך ספּעציעל פאַרשטאַרקט אין VI און VII י"ה. אין קליין־אַזיע און אין די פאַרשיידענע ייִדישע מיטלענדישע געגנטן האָבן זיך קריסטן און ייִדן באַטייליקט אין געמיינזאַמע בונט־אַרויסטרעטונגען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַ ריי אָפּאָזיציאָנעלע און מרידה־באַוועגונגען איז ביזאַנץ האָבן אָנגענומען דעם נאָמען קנאים (זעלאָטן) — דעם נאָמען פון די יודעאישע העלדישע קעמפער קעגן רוים אין I י"ה. אין דער באַוועגונג קעגן דעם קייסער יוסטיניאַנוס, אין די קאַמפן צווישן די „בלויע" און „גרינע", האָבן זיך באַטייליקט אויך ייִדן.

אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן דער ביזאַנטישער אונטערדריקונג האָבן אָנטייל גענומען קודם כל די פּשוטע ייִדישע מאַסן. דאַקעגן די אָפּיציעלע ייִדישע פירער, די נשיאים און טייל רעליגיעזע אויטאָריטעטן, האָבן גישט גענומען קיין אָנטייל אין די באַוועגונגען; זיי זענען געווען געשטימט פּשרהדיק לגבי דער ביזאַנטישער מאַכט און אין אַ ריי פאַלן אפילו אַפּראָוווירט די ביזאַנטישע שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן די ייִדישע ווידערשטענדלער (למשל אין דער שטאָט ציפּורי אין דער צווייטער העלפט פון IV י"ה).

אין יאָר 197 איז אויסגעבראָכן קעגן ביזאַנץ אַן אויפשטאַנד פון ייִדן און שומרונים, וועלכע האָבן אויך געליטן פון שרעקלעכן שטייער־דרוק און פון די רעליגיעזע רדיפות. אין III י"ה האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן אָפּערירט ייִדישע „גזלנים"־מחנות אין יהודה און סיריע; פאַקטיש זענען דאָס געווען פאָלקס־פּאַרטיזאַנער — אַן אַלגעמיין־באַקאַנטע דערשיינונג אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט תחילת דער צווייטער העלפט פון IV י"ה אַרומגעכאַפּט דעם גליל און דעם ים־ברעג פון פּאַלעסטינע. אין V און VI י"ה ברעכן אוים פרישע אויפשטאַנדן פון שומרונים און ייִדן. אין שפּיץ פון די אויפשטענדלער, אין VI י"ה, שטייט אַ געוויסער קריריאַקאָס, וועלכן מען האָט אָנגערופן „זאב" (וואָלף). אין דער צייט פון יוסטיניאַנוסעס שווערער הערשאַפט האָבן די ייִדיש־שומרונישע אויפשטענדלער דערהרגעט אַ סך בּיסקופּן, צעשטערט מאָנאַסטירן, פאַרכאַפּט שטעט. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן אין בלוט. המרים ייִדישע מתים האָט מען לאַנג געבהענט אויף שייטער־הויפנס. פּאַנאַטיש־קריסטלעכע מחברים האָבן דעמלט געשריבן: „אַ שאָד וואָס מ'האָט פאַרברענט נאָר די ייִדישע מתים, מ'האָט געדאַרפט פאַרברענען אויך די לעבעדיקע". ייִדן האָבן זיך, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, באַ־

מייליקט אויך אין די אינערלעכע קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ביזאַנץ. אַ ביזאַנטיש־גריכישער כראָניקער פון יענעם פעריאָד האָט געשריבן וועגן די יידן, אַז טראָץ אַלע רדיפות אויף זיי, זענען זיי דאָך „אַ פאָלק מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, וואָס שטרעבט צום קאַמף און טרעט אַרויס אין מלא־המות". טראָץ די בלוט־אָפּפלוסן, דער עקאָנאָמישער נויט, די כסדרדיקע רדיפות, האָבן די יידן פון דער ביזאַנטישער אימפעריע, און קודם כל פון פאַלעסטינע, נישט פאַרלוירן די קאַמפס־שטימונג.

אויף די מרידה־באַוועגונגען האָבן די ביזאַנטישע קייסאָרים געענטפערט מיט אַ נאָך שאַרפערער אונטערדריקונג און רעפּרעסיעס. די רדיפות אויף די יידן האָבן נישט אויפגעהערט אויך נאָך יוסטיניאַנוסעס טויט, בעת דער הערשאַפט פון טיבעריוס II און מויריציוס (582—602). דער לעצטער ווערט דערמאָרדעט דורך דעם ביזאַנטישן מיליטער־פירער פאָקאַס, וועלכער פאַרכאַפּט די קרוין. דאָס איז שוין פאָרגעקומען אין VII י"ה. אַלע סימנים האָבן עדות געזאָגט, אַז דער קריזיס אין דער ביזאַנטישער אימפעריע איז פון אַ קרעבס־כאַראַקטער. די אָפטע פאַלאַץ־איבערקערענישן, באַגלייט מיט בלוטיקע רציחות, האָבן אַנטבלויזט דעם טויט־קראַנקן אייטער פון אָט דער פאַראַזיטישער מלוכה. דער קייסער פאָקאַס האָט נאָך מער צוגעקוועטשט דעם שטייער־שרויף. אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקערונג האָט פאָקאַס אָפּן אַרויסגערוקט די אַלטערנאַטיוו: שמד אָדער טויט. פאַר דעם יידישן ישוב פון דער אימפעריע האָט אויפגעטויכט די געפאַר פון פיזישער פאַרטיליקונג. די ערשטע שריט פון פאַרניכטן האָט פאָקאַס אָנגעהויבן אין באַצוג צו די יידן פון פאַלעסטינע, וועלכע האָבן, אין אַנבליק פון אומקום, געהאַט איין אויסוועג: פאַרבינדן זיך מיט די שונאים פון ביזאַנץ, מיט די פערסן, און העלפן זיי אין זייער דעמלטיקן פאָרויס־מאַרש אויפן נאָענטן מזרח, העלפן זיי פאַרנעמען און באַהערשן פאַלעסטינע, און אַזוי אַרום אָפּוואַרפן דעם פאַרהאַסטן און טויט־געפערלעכן ביזאַנטישן יאָך. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף צו די פערסן די יודעאָ־ביזאַנטישע אַראַבער פון חימיאַר, וועלכע האָבן געשטרעבט אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון די עטיאָפּיער.

אינגיכן האָט דער בלוטיקער קייסער פאָקאַס געטיילט דעם גורל פון זיין פאָרגייער מויריציוס, וועלכן ער, פאָקאַס, האָט דערמאָרדעט. בעת דער ווייטערדיקער פאַלאַץ־איבערקערעניש ווערט פאָקאַס דערהרגעט, און עס פאַרנעמט די קרוין העראַקליוס (610—641), וועלכער קאָנטינואירט די פּאָליטיק פון אויסראָטן די יידן.

דערווייל האָבן זיך די פּערסן זיגעריש און שנעל געכאַפּט פּאָרויס, פאַר־נומען סיריע, פּאַלעסטינע, כּימיאַר (דרום־אַראַביע) און עגיפּטן. דער ציל פון די פּערסן איז געווען צו באַהערשן די דאָזיקע וויכטיקע האַנדלס־וועגן. די פּאַלעסטינער יידן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפּן אויפן צד פון די פּערסן. פאַר די יידן איז דאָס געווען אַ באַפרייונגס־מלחמה קעגן ביזאַנץ. יודעאַ (יהודה) ווערט פריי, די יידן קערן זיך אום קיין ירוש־לים. סיי די יודעאישע, סיי די בבלישע יידן מיינען, אַז אָט ווערט מקוים דער טרוים פון צוריקשטעלן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. אָבער אינגיכן ברעכט אויס אַ קאָנפליקט צווישן די יידן און די פּערסן. די יידן זענען שוין דערמלט זינט אַ לאַנגער צייט אין פּאַלעסטינע אַ מינדערהייט. און די פּערסן קוקן אויף פּאַלעסטינע ווי אויף אַ באַזינט און דעראָבערט לאַנד. אויף דעם באָדן קומט צו צוזאַמענשטויסן צווישן די געכטיקע פאַרבינדעטע — די פּערסן און די יידן. און דערווייל הייבט העראַקליוס אָן אַ קעגן־אָנגריף. אין יאָר 629 איז ער שוין ביי די טויערן פון ירושלים. דער רייכערער שיכט פון די פּאַלעסטינער יידן גייט אַריבער אויף זיין זייט. זייער פירער בנימין פון טבריה, אייגער פון די רייכסטע מענטשן אין לאַנד, נעמט אַפילו אָן דעם קריסטנטום. פאַרן כּלל יידן קומען באַנייס אָן פינצטערע צייטן. אָבער די דאָזיקע צייט איז שוין די שקיעה פון דער ביזאַנטישער הערשאַפט אין אַזיע. אין יאָר 634 הייבט זיך אָן די אַראַבישע אָפענסיווע אויף פּאַלעסטינע. די יידן — הגם זיי דערוואַרטן נישט קיין ספּעציעלע גוטס מצד די מאַכמעדאַ־נישע אַראַבער * — ווינטשן זיך אָבער בעסער די לעצטע איידער בלייבן אונטער דער בלוטיקער קרייץ־הערשאַפט פון ביזאַנץ. העראַקליוס ענטפערט אויף אָט די שטימונגען פון די יידן מיט אַ שווערער גזירה, וועלכע איז גע־צילט אין דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון דער אימפּעריע: די יידן מוזן אָננעמען דעם שמד אָדער פאַרלאָזן די גרענעצן פון דער ביזאַנטישער וועלט־מלוכה. ער שיקט אַפילו שליחים צום ווזיגאָטישן קיניג פון שפּאַניע סיסיבוט און צום פראַנקישן מלך דאַגאָבערט, זיי זאָלן נאָכמאַכן זיין ביי־שפּיל. סיסיבוט האָט אָבער נישט געהאַט קיין קראַפט צו רעאַליזירן העראַקליוסעס ביישפּיל. וואָס שייך די פראַנקן, האָבן זיך זייערע מושלים גאַנץ ווייניק איבערגענומען מיט העראַקליוסעס עצות.

נאָכן באַהערשן דורך די אַראַבער פּאַלעסטינע און סיריע זענען אין די

---

* האָט דאָך מאַכמעד (מוכאַמעד) געפירט אין אַראַביע אַ מלחמה קעגן די יידישע שבטים, וועלכע האָבן זיך אים קעגנגעשטעלט.

ראַמען פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע פאַרבליבן די יידן פון קליין־אַזיע, גריכנלאַנד און אַנדערע באַלקאַנישע לענדער. זייער לאַגע אין משך פון די וייטערדיקע צייטן האַלט זיך אין איין פאַרערגערן. אין VIII און IX י"ה טויכן באַניים אויף פאַר זיי די געפאַרן פון מאָטאַלן שמד, אין קעגנפאַל דראָט זיי גירוש אָדער אַפילו טויט. אָבער אַפילו אין די צייטן, ווען די דאָזיקע גזירה ווערט אָפּגעשריגן, ליידן די ביזאַנטישע יידן — חוץ פון עקאָנאָמישע — אויך פון מאָראַלישע עינויים; די ביזאַנטיש־קריסטלעכע מאַכט האָט אַלץ געטאָן צו דערנידעריקן די מענטשלעכע ווירדע פון די יידן. דאָס קומט, למשל, צום אויסדרוק אין דער געריכטלעכער פּראָצעדור. אַ יידישער צד אָדער עדות אין געריכט איז נישט געווען באַגלייבט, סיידן ער האָט דורכגעמאַכט די דאָזיקע שבועה־פּראָצעדור: דער ייד האָט געמוזט דריי מאָל אַרומבינדן די לענדן מיט דערנער, אַריינגיין אין אַ וואַסער, דריי מאָל באַשפּייען זיין מענלעכן גליד און ערשט דעמלט זאָגן די פאָרמול פון דער שבועה.

דער יידישער ישוב פון ביזאַנץ איז אין VIII, IX און X י"ה געשטאַנען פאַר דער שוואַרצער פּערספּעקטיוו פון פולשטענדיקער פאַרשווינדונג. פון אַבסאָלוטער פאַרניכטונג האָט די ביזאַנטישע יידן צום טייל אָפּגעראַטעוועט די מאַסן־עמיגראַציע, וועלכע איז אָנגעגאַנגען במשך פון דורות אין דער ריכטונג פון די סלאַווישע לענדער, בפרט פון די וואָלגע־געביטן, בתוכם אין די ערטער, וו עס האָבן געוואַנדערט די כוזרישע (כאַזאַרישע) שבטים. די יידישע מאַסן־אויסוואַנדערונג פון ביזאַנץ האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט נאָך דעם ווי עס איז פאָרגעקומען די יודאַיזירונג אין דער כוזריש־יידישער מלוכה. דער פאַקט פון אַנטשטיין פון דער כוזריש־יידישער מלוכה האָט אָפּגעראַטעוועט פון אומקום באַדייטנדיקע צאָלן פון ביזאַנטישע יידן, וועלכע טראָגן זיך איבער מאַסנווייז אינעם לאַנד פון די כוזרים און פון דאַנען וואַנדערן אַ סך פון זיי ווייטער — אויף מערב, אין די לענדער פון די סלאַווישע פעלקער.

קאַפּיטל זעקס

# דער יידישער צענטער אין דער כוזרישער מלוכה

אין דעם VIII י"ה איז אויפגעקומען אין די געביטן, אויף וועלכע עס האָט זיך אויסגעשפּרייט די הערשאַפט פון די כוזרים (כאַזאַרן, כזריה, קאַזאַר), ד. ה. — ביים נידעריקן פלוס פון דער וואָלגע, אין צפון-קאַווקאַז, ביי די ברעגעס פון אַזאָווער ים, אינעם גרעסטן טייל פון דעם קרימישן האַלב-אינדזל און ווייטער אויף מערב אַזש ביזן מיטעלן שטראָם פון דניעפּר — אַ באַדייטנדיקער ווירטשאַפטלעך-, פּאָליטיש- און קולטורעל-אַקטיווער יידישער ישוב. די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן ישוב איז נאָך מער פאַר-שטאַרק געוואָרן דורך דעם, וואָס דער הערשנדיקער שיכט פון דער כאַ-זאַרן-מלוכה האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. אַזוי אַרום קאָן די דאָזיקע מדינה, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף אַ ריי קאַווקאַ-זער, קרימער און ביי-וואָלגע-פעלקער און מזרח-סלאַווישע געביטן, ווערן באַצייכנט ווי אַ כאַזאַריש-יידישע מלוכה.

וועגן דער דאָזיקער כוזריש-יידישער מלוכה דערציילן צאָלרייכע קוואַלן אין פאַרשידענע שפּראַכן: אין העברעיש, אַראַביש, סיריש, מאָנגאָליש, פּערסיש, גריכיש (אַ ביזאַנטישע כראָניק), אַלט-רייסיש, אַרמעניש, גרוזי-ניש, געאָרגיש, כינעזיש. די העברעישע דאָקומענטן וועגן די כוזרים און די כוזרישע יידן גייען אַריין אין דער א. ג. „כאַזאַרישער קאָרעספּאָנדענץ", וועלכע נעמען אַרום דעם בריוו פון דעם יידישן מלוכה-מאַן און געלערנטן פון דער אַראַבישער שפּאַניע חסדאי אבן שפּרוט צום כוזרישן קיניג (פון X י"ה), דעם ענטפער-בריוו פונעם כוזרישן מלך יוסף, אַ פראַגמענט פון אַ בריוו פון אַן אַנאָנימען מחבר. די פאָרשער האַלטן געוויסע טיילן פון דעם בריוו-אויסטויש צווישן חסדאי אבן שפּרוט און דעם מלך יוסף פאַר גישט אויטענטיש, פאַר אַ פּראָדוקט פון אַ שפּאַנישן ייד פון סוף XI י"ה,

וועלכער האָט געהאַט דעם ציל צו הייבן ביי זיינע ברידער דעם מוט אין די צייטן פון די רדיפות אויף יידן דורך וויזן זיי און דער וועלט, אַז עס עקזיסטירט אין מזרח אַ מעכטיקע יידישע מלוכה. אומאָפּהענגיק פון דער פּולער אָדער גישטפּולער אויטענטישקייט פון דער קאָרעספּאָנדענץ, אַנטהאַלטן די בריוו ווערטפולע ידיעות וועגן דער כאַזאַרישער מלוכה און די כאַזאַרישע יידן. אַ טייל פון אָט די ידיעות ווערט באַשטעטיקט דורך אַראַבישע מחברים, געאָגראַפן און רייזע־באַשרייבער פון יענער צייט אָדער אַ ביסל שפּעטער. דאָס זענען: אל אצטרכי, אבן חוקל, יאקות, אבן כסתה, אַל־מאַסודי, אבן ורדי אאא. מען דאַרף אויך צוגעבן: די פּערסישע געאָגראַפיע פון X י"ה „חודוד על־עאַלם", אַ באַקאַנטע גריכיש־ביזאַנטישע כראָניק, אַ ריי קוואַלן אין די שפּראַכן, וועלכע מיר האָבן אָקאָרשט דערמאָנט, און דעם אַלט־רוסישן ליעטאָפּיס פון נעסטאָר. ידיעות זענען אויך פאַראַן אין די העברעישע ווערק „תנא דבי אליהו" (צווייטע העלפט פון X י"ה), ביים קראַימישן שרייבער פון איראַק יפת בן עלי (סוף X י"ה), ביי ר' יהודה בן ברזילי אל־ברצלוני, ביי ר' אברהם בן דוד אין זיין „ספר הקבלה", אין דער רייזע־באַשרייבונג פון ר' פתחיה פון רעגענסבורג. אין די אָקאָרשט אויסגערעכנטע קוואַלן מישן זיך צונויף לעגענדע מיט ווירקלעכקייט. ביי אַ גרינטלעכן אַנאַליז קאָן מען פון דעם לעגענדאַרן עלעמענט אויסשיילן דעם היסטאָרישן אמת און אויפשטעלן אַ בילד פון דער כוזרישער מלוכה און פון דער ראָל פון די יידן אין די ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע, מיליטערישע און קולטורעלע באַציונגען פון כאַזאַריע. דער דאָזיקער פּראָבלעם האָט אַ וויכטיקן און דירעקטן באַדייט פאַר דער גענעזע פון די יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער, בתוכם — אין פּוילן.

איבער די ריזיקע, רחבותדיקע סטעפּעס אין דער צפון־זייט פון שוואַרצן ים אַזש ביז אַריינפאַל פון דער וואָלגע אין קאַספּישן ים האָבן אין VI־VII י"ה געוואַנדערט פאַרשידענע שבטים פון מאָנגאָליש־טורקישן אָפּשטאַם. איינער פון די שטאַרקסטע צווישן זיי זענען געווען די כאַזאַרן (כוזרים), וועלכע זענען געווען אָרגאַניזירט — ווי אַלע אַנדערע אָרטיקע שבטים — אין אַ האָרדע. די כוזרים, וועלכע זענען אָנגעקומען סוף פונעם VI י"ה פון צענטראַל־אַזיע, זענען נישט געווען פון קיין איינהייטלעכן אָפּשטאַם. צווישן זיי האָבן זיך געפונען סיי טונקל־הויטיקע, סיי בלאָנדע. זייער שבט האָט זיך אויספאָרמירט פון פאַרשידענע סטעפּ־עלעמענטן. דאָס איז געווען אַ האַלב־נאָמאַדישער, האַלב־באַזעסענער שבט. זיי האָבן זיך געפיילט אין גרופן פון פאַרשידנצאָליקע מחנות — גרויסע און קליינע, וועל־

בע פלעגן אַ טייל יאָר וואַנדערן, פּיטערנדיק שאָף און פירנדיק רויב־מלח־מות, און אין די ווינטער־חדשים זיצן אויף אַן אָרט; העמלט האָבן זיי געוווינט אין געצעלטן (קיביטקעס), שאַפנדיק אַזוי אַרום גרויסע קאָנצענטרירטע צייטווייליקע דאָרפישע ישובים, וואָס האָבן זיך אין אָט דער צייט געווידמעט פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע עסקים; למשל — אין איין ווינטער־לאַגער פון די כוזרים זאָל האָבן געוועזן ביי אַ 40 טויזנט משפּחה־געצעלטן (געוויסע פאָרשער האַלטן די צאָל פאַר אַ גוזמא).

פאַרשיידענע געלערנטע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּראָבלעם: פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען — כאַזאַרן. איינע האַלטן, אַז אין די טיורקישע שפּראַכן איז דער טייטש פונעם וואָרט „כאַזאַר", אָדער „קהאַזאַר" — אַ וואַנדערער: אַנדערע — אַז דאָס אונגאַרישע וואָרט „הוסאַר", וואָס באַטייט אַ רייטער, זאָל שטאַמען פון כאַזאַריש; בכן, נעמט זיך „כאַזאַר" פונעם באַטייט: אַ רייטער. נאָך אַנדערע געפינען אויס, אַז אין אַלט־אַרמעניש און גרוזיניש האָט מען מיטן וואָרט „קאַהזאַריע" אָנגערופן „דאָס לאַנד פון צפון", און „קאַזאַר כאַגאַן" האָט באַטייט — דער קיניג פון צפון. לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז די שפּראַך פון די כאַזאַרן האָט נישט געהאַט קיין געמיינזאַמס מיט פּערסיש, נאָר גיכער מיט טיורקיש.

דאָס איז געווען אַ קריגערישער שבט, וועלכער האָט אונטער זיין הער־שאַפט אָדער השגחה געהאַלטן די אַרומיקע שבטים און פעלקער. שוין אין VII י״ה נעמען די כאַזאַרן אַריין אין זייערע הענט דעם קרימער האַלב־אינדזל און קאָנטראָלירן דירעקט די ריזיקע שטחים פון די ברעגעס פון די טייכן קובאַן און דאָן אַזש ביז דער וואָלגע און טיף אין קאַווקאַז אַריין, פאַרנעמענדיק אין משך פון אַ געוויסער צייט אויך אַרמעניע, וועלכע מען האָט אָפּט רעמלט אָנגערופן — אַלבאַניע. אין IX י״ה גרייכן די איינפלוס און די מאַכט פון כאַזאַריע אויף מערב אַזש ביז קיעוו, ביזן מיטעלן פלוס פון דניעפּר, און אויף צפון — אין די געביטן פון די פיעמשענגן, וועלכע די כוזרים גרייפן אָפּט אָן.

די לאַגע פון די כאַזאַרן ווערט באַזונדערס באַגינסטיקט דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף די וויכטיקסטע צווישלענדישע האַנדלס־שליאַכן פון יענער געגנט און בפרט ביים אויסגוס פון דער וואָלגע אינעם קאַספּישן ים און אַזוי אַרום געהאַלטן אין זייערע הענט די קאָנטראָל איבערן דאָזיקן צענטראַלן קנופּ־אָרט פונעם וועלט־מסחר צווישן מערב און מזרח. ביים וואָלגע־אויסגוס האָבן די כוזרים געהאַט זייער הויפּט־שטאָט איטיל (הייגנט: אַסטראַכאַן).

אלס א קריגס=פעיקער שבט האָבן די כאזארן באנוצט אין א געוויסער הינזיכט די טאקטיק, וואָס איז מסתמא געוואָרן איבערגענומען פון די הונען, די טאקטיק פון באפעסטיקן זיך אין א לאגער געשאפן פון געבונדענע מיט זיך וועגענער. מיטן מיליטערישן כוח פון די כאזארן האָבן זיך גענוצט רעכענען סיי ביזאנץ, סיי די שכנותדיקע מוזולמענישע לענדער, סיי די מזרח=סלאווישע פעלקער, סיי די פארשידענע קריגערישע שבטים, וואָס האָבן זיך באוועגט אין דעם ריזיקן סטעפּן=געביט. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז נאָך דער יודאיזירונג פון די כאזארן האָבן זיי רעאָרגאניזירט זייער ארמיי לויט דעם ביבלישן מוסטער און געשטעלט אין שפיץ פון זייערע קריגסלייט צענדליק פירער, הונדערט=פירער, טויזנט=פירער. אין דעם זאָל זיך אויך האָבן אויסגעדריקט די השפעה פון די איינגעוואנדערטע יידישע קריגסלייט אויף די כוזרים.

די כאזארישע מלוכה איז געווען א סך גרעסער אין טעריטאָריעלן פארנעם אין פארגלייך מיטן אייגנטלעכן עטנישן לאנד פון די כוזרים גופא. די כוזרישע מלוכה איז באשטאנען אין עטנישן זין פון פארשידענע פעלקערשאפטן. צווישן זיי האָט שוין פון די פריסטע צייטן פארנומען אן אָנגעזעען אָרט די יידישע באפעלקערונג. די יידן זענען שוין געווען באזעסן אויף די ראנדן פון די דאָזיקע געביטן נאָך איידער די כאזארן האָבן דעראָבערט דעם ריזיקן סטעפּ. די ערשטע גרופּן יידן האָבן זיך דאָ געזאַזעט אין די צייטן פון אַלטערטום. אַ סך יידן זענען אַהער פארשלעפּט געוואָרן אַלס שקלאפן, א סך יידן זענען דאָ געווען באפרייטע שקלאפן. יידישע ישובים מיט אייגענע סינאגאָגעס האָבן זיך געפונען אין אוליבא, קערטש, אנאפּאָ שוין אינעם I י״ה פון דער נייער צייט=רעכענונג. מען האָט אין די אויסגעגראבנטע ערטער געפונען אויפשריפטן וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישע ישובים און בתי כנסת פון די יאָרן 175 און 210. דער אלט=קריסטלעכער מחבר הערא̇נימוס דערמאָנט אין זיינע שריפטן אין נאָמען פון זיין יידישן לערער בר חנינאָ, אז א סך אויפשטענדלער פון בר=כוכבא זענען פארשיקט געוואָרן אין די דאָזיקע ערטער, ד. ה. ביי די צפון=ברעגעס פון שווארצן ים. דערנאָך זענען אהער אָנגעקומען יידישע עמיגראַנטן — סוחרים און בעלי=מלאכות. אין יאָר 40, אין דער צייט פונעם רוימישן קייסער קאליגולא, האָט אויף דעם צפון=ברעג פון שווארצן ים עקזיסטירט אַ לעבעדיקער יידישער ישוב. אויפן טאמאנער האלב=אינדזל און אין קערטש זענען געפונען געוואָרן יידישע מצבות מיט אויפשריפטן אין העברעישע אותיות אויף אלט=גריכיש און מיט אזעלכע עמבלעמען: מנורות, אהרנס שטעקן, א שופר,

א לולב, אן אתרוג. דער יידיש־רוסישער פאָרשער כוואָלסאָן האלט, אז די מצבות שטאַמען פון III י"ה. צווישן די אויפשריפטן זענען פאַראַן אַזעלכע ווי: „מנחם בר אמוץ". דער נאָמען משופוט־קאלע באַטייט אין טאַטעריש: די פעסטונג פון די יידן. די קאַראימער רופן עס: סלע היהודים (דער פעלז פון די יידן).

וועגן אן אָנגעזעצנעם יידישן ישוב אויף דער צפון־זייט פון שווארצן ים אין VI און VII י"ה דערוויסט מען זיך פון ביזאַנטישע און אראבישע קוואלן.

אין ארמעניע און אויך אין אנדערע געביטן פון קאווקאז האָט א נייער פלאסט פון יידישע ישובים זיך געפונען שוין זינט דעם VI י"ה; דאָס זענען ווארשיינלעך געווען די יידן פון די מיליטערישע קאָלאָניעס און פעסטונגען, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך די פערסישע מושלים, וועלכע האָבן אזוי ארום געוואָלט שאפן א שוץ־וואנט קעגן דעם אָנגריף פון די טיורקיש־הונישע שבטים. ווען עס זענען פאָרגעקומען רעליגיעזע רדיפות אויף יידן אין ארמעניע, האָבן זיך א סך פון זיי אריבערגעטראָגן ווייטער אויף צפון־מערב, אין די אייגנטלעכע געביטן פון די כאזארן. אויך אין איראן און איראק איז אָנגעגאנגען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן (זע: קאפיטל 4), זינט דעם אריינדרינגען פון די מאכמעדאנישע אראבער אין VII י"ה, א יידישע עמיגראציע אין די געגנטן, ווו עס האָבן געהערשט די כוזרים. אזוי ארום איז נאָך לאנג, איידער די לעצטע האָבן אָנגענומען דעם יודאיזם, געווען א צאָלרייכע יידישע באפעלקערונג אויף די געביטן, אויף וועלכע עס האָט זיך געשפרייט די הערשאפט און העגעמאָניע פון די כאזארן.

אונטער די שארפע רדיפות, וואָס זיי האָבן געהאט אויסצושטיין אין זייער לאַנד, האָבן די יידן פון ביזאַנץ אָנגעהויבן מאַסנוויז צו עמיגרירן אויפן צפון־זייט פון שוואַרצן ים. בפרט שטאַרק האָט זיך די דאָזיקע עמי־גראַציע אַנטוויקלט זינט דעם VIII י"ה, נאָכן אָננעמען דעם יידישן גלויבן דורך די כוזרים. די ביזאַנטישע יידן ברענגען מיט זיך זייער קולטור און זייערע רבנים. אייגנצייטיק גייט ווייטער אָן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון יידן פון אַ ריי מוזולמענישע לענדער (פון איראַק, איראַן אאַ.) קיין צפון־קאַווקאַז און קרים. ווארשיינלעך איז א פארבלייבעכץ פון אָט דעם עמיגראציע־שטראָם די יידיש־באַרגיקע באַפעלקערונג אין דאַגעסטאַן (די טאַטן), אי־בער וועלכן עס האָט זיך אין יענע צייטן אויך אויסגעשפרייט די הערשאפט פון די כאזארן. עס קאָן זיין, אז די טאטן זענען א שארית הפליטה פון א געמיש פון יידן מיט כאזארן.

די אימיגראציע פון יידן איז אָבער נישט געווען בלויז פון א געצוואונגענעם כאראקטער (צוליב די רדיפות). ווי עס גיט איבער דער אראבישער שרייבער פון יענער צייט אל־מאסודי, האָבן סוחרים און האנטווערקער (נישט בלויז יידישע) עמיגרירט פון די קאליפאט־לענדער אינעם כאזארן־לאנד, ווייל דאָ זענען די באדינגונגען פאר האנדל און מלאכה געווען גינסטיקער און דער רעזשים א לייכטערער. אויך די יידישע וועלט־סוחרים פון מערב, די ראדאניטן, פלעגן אָנקומען אין די כוזרישע געביטן. דאָס כאזארן־לאנד איז באשטאנען פון א געמישטער באפעלקערונג, פון אָנגעהעריקע צו פארשיידענע אמונות: יידן, מוזולמענער, קריסטן און געצנדינער (שאמאניטן). די עדות פון די אַלע רעליגיעס האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום, און די כאַזארישע מלוכה האָט אַרויסגעוויזן אַ ווייטגייענדיקע טאָלעראנץ.

האָבנדיק פאר שכנים און שטייענדיק איןווירטשאפטלעכן קאָנטאקט און מיליטערישע קאָנפליקטן מיט מלוכות, וועלכע זענען געווען אָדער מוזולמעניש אָדער קריסטלעך, האָבן די הערשער פון דער כוזרישער מלוכה אויך געזוכט אַן אנטשפּרעכיקע רעליגיעזע אידעאָלאָגיע פאר זייער מדינה, אַן אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל זיי אריינפירן אין דער וועלט פון קולטור און דינען ווי א מיטל צו באהערשן און צענטראליזירן דעם אייגענעם שבט. די אלטע שאמאנישע רעליגיע האָט שוין מער נישט געקאָנט אנטשפּרעכן די נייע ווירטשאפטלעכע באציונגען. אין VIII י״ה שטעלט די גרויסע כאזארישע מלוכה מיט זיך פאָר א געמיש פון נאָמאדישקייט און באזעצט־קייט, פון שבטים־אָרדענונג, שקלאפעריי און שטארקע עלעמענטן פון סחורהדיקער געלט־ווירטשאפט, פון אלטער פרימיטיוויקייט און קולטור, וועלכע עס האָבן אריינגעבראכט די יידישע, מוזולמענישע און קריסטלעכע סוחרים און בעלי מלאכות. אין יענער צייט הייבן זיך אָן אין דער כוזרישער מלוכה פאָרמירן ספּעציפישע פעאָדאלע פארהעלטענישן. צוזאמען מיטן אלץ שטארקערן איבערגאנג צום באזעסענעם ארט לעבן און מיט דער אנטוויקלונג פון גרויסן ערד־באזיץ און פון די פּראָדוקטיווע כוחות סיי אין דער מלאכה, סיי אין דער לאנדווירטשאפט, און מיט די אלץ גרע־סערע האנדלס־קאָנטאקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט, הייבט זיך אָן אין דער כוזרישער מלוכה צו אנטוויקלען די פעאָדאלע אָרדענונג. צווישן אנ־דערע וואקסט דער שטח פון דער קאָלאָניזאציע פון די קריגס־געפאנגענע, ביי וועלכער עס געשטאלטיקן זיך שוין פעאָדאלע פאָרמען. אָבער צוגלייך מיט דעם שטעקט נאָך מיט אין לאנד דער וואנדערנדיקער שטייגער, די

נאָמאדישע פּי־צוכט און צוזאמען מיט דעם — די אלטע שבטימדיק־משפּחהריקע באַציונגען. אָבער די אָנוואַקסנדיקע פעאָדאַלע באַציונגען שאַפן פאַרהנחות פאַר אַ נייער אידעאָלאָגיע.

אין VIII י"ה פירן אין כאזאריע און ענערגישע מיסיאָנערישע מעטי־קייט אלע דריי מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס: די קריסטן, מוזולמענער און יידן. די קריסטלעכע מיסיאָנערישקייט גייט פון ביזאנץ, די מוזולמענישע — פון איראן און איראק. אָט דיביידע רעליגיעס אנטשפּרעכן נישט די מלוכהשע אינטערעסן פון כאזאריע, ווייל זיי טראָגן מיט זיך די געפאר פון אריינפאַלן אונטערן איינפלוס און העגעמאָניע אָדער פון ביזאַנץ, אָדער פונעם קאליפאט. אין דער זעלביקער צייט שטעלן מיט זיך פאַר די אָרטיקע יידן א זיכערן און פּאטריאָטישן עלעמענט, און חוץ דעם האָבן זיי גרויסע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען אי מיטן ווייטן מערב, אי מיטן מזרח. די כוז־רישע אריסטאָקראטיע מיטן קיניג בראש דעצידירן זיך צונויפצונעמען דעם יידישן גלויבן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז א שטארקע ווירקונג האָבן אויף די כוזרים געהאט די יידישע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן אריינגע־וואנדערט אין כאזאריע פון ארמעניע און אנדערע ראנד־געביטן און וועל־כע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאכטן פון די כוזרישע קריגס־פירנ־דיקע מחנות. די דאָזיקע יידן האָבן נישט געהיט אַלע מצוות און האָבן זיך אויסערלעך נישט אונטערגעשיידט פון די ארומיקע פעלקער. אזוי ארום האָבן אין זייער רעליגיעזן שטייגער די כוזרים נישט געזען קיין באזונדערס גרויסע שוועריקייטן. ווי עס גיט איבער אַ יידישער העברעישער דאָקומענט פון יענער צייט, האָבן די דאָזיקע יידן זיך משדך געווען מיט די כוזרים „און מיט זיי ארויסגעגאנגען אין מלחמה און צוזאמען געבילדעט איין פאָלק". אַזוי אַרום איז די דערנענטערונג און דאָס ענגע צוזאַמענלעבן פון געוויסע שיכטן יידן מיט די כאזארן געווען א פריערדיקע דערשיינונג, איידער די לעצטע האָבן זיך מגייר געווען, און דאָס אָננעמען דורך די כא־זארן דעם יודאיזם איז געווען די קרוינונג פון א פּראָצעס, וועלכער האָט נעדויערט שוין לאַנג פון פריער.

די ערשטע סימנים פון אָננעמען דעם יידישן גלויבן דורך געוויסע טיילן פון די כאזארן קאָן מען באמערקן שוין אין יאָר 721. אינעם יאָר 730 אָדער 731 נעמט אָן דער כ אַ ג אַ ן, קיניג און מיליטער־פירער פון דער כוזרישער מלוכה בולאַן*, דעם יודאַיזם. ער באַקומט ווארשיינלעך

* בולאַן באַטייט אויף טערקיש אַ הירש, אויף אַראַביש — אַ טיגער. בולאַן ווערט אין אַ גרוזינישער כראָניק דערמאָנט ווי אַ כוזרישער מיליטער־פירער.

אַ צווייטן נאָמען אַ יידישן — סבריאל. ס'זענען אים, ווייזט אוים, מגייר אָנ־געקומענע ביזאַנטישע יידן. צוזאַמען מיטן קיניג נעמט אָן דעם יודאַיזם דער אויבערשטער שיכט פון די כוזרים צוזאַמען מיט זייערע קנעכט. ווייטער־דיקע שיכטן פון די כוזרים נעמען אָן דעם יודאיזם ארום 740. די יידן פירן פון איצט אָן אין כאַזאַריע אן אינטענסיווע מיסיאָנערישע טעטיקייט. ארום דער העלפט פון IX י"ה סטאַביליזירט זיך דאָ די יידישע רעליגיע ווי א הערשנדיקע, אָבער נישט ווי אַן אַליין ארומנעמענדיקע, ווייל סיי צווישן א טייל פון די כוזרים גופא, סיי צווישן די פארשידענע פעלקער פון דער מלוכה ווירקן און הערשן אויך אנדערע אמונות: דער איסלאם און דאָס קריסטנטום, און ביי א טייל פון דער באפעלקערונג איז נאָך אלץ געבליבן דער אלטער שאַמאַניזם. עס איז אָבער כדאי צו באמערקן, אז אין איין אראבישן קוואַל לייענען מיר, אז אלע כוזרים זענען געווען יידן.

אייגנצייטיק שפרייט זיך דער יודאיזם צווישן א ריי נישט־כוזרישע פעלקער פון דער מלוכה; למשל אין אזערביידזשאן און אין אנדערע געגנטן פון קאַווקאַז. דער רייזנדיקער ר' בנימין פון טודעלאָ שרייבט וועגן זיי (אָנ־הייב X י"ה): „מקצתם שומרים תורות היהודים" (א טייל פון זיי האלט די יידישע רעליגיע).

די כוזרים האָבן ווארשיינלעך אָנגענומען דעם ראַבינסטישן נוסח פון יודאיזם, הגם אין זייער לאַנד האָבן זיך אויך געפונען א סך קאַראימער. צווישן געוויסע סטעפּ־שבטים, למשל צווישן די פּאָלאָווצעס (קיפּטשאַקן), האָט זיך געשפּרייט דעם קאַראיזם (לויט דער רעלאַציע פון דעם רייזנדיקן ר' פּתחיה פון רעגענסבורג). עס איז אָבער פארשטענדלעך, אז עס א'ז נישט צו גלייבן, דאָס די כוזרים זאָלן זיך אָריענטירן טעאָלאָגיש אין ד אונטערשידן צווישן די צוויי שטראָמען אין דעמלטיקן יודאיזם.

די ידיעה וועגן דער יודאיזירונג פון די כוזרים האָט זיך שנעל פאַר־שפּרייט ביי די יידן פון מיטל־אזיע און ביזאַנץ. זינט דעמלט הייבט זיך אָן א נאָך גרעסערע עמיגראַציע פון די ביזאַנטישע יידן קיין כאַזאַריע. עס הייבן אָן איבערצוואַנדערן אהער אויך יידן פון כאָרעזם (צענטראל־אזיע). דער דאָזיקער שטראָם פארשטאַרקט זיך אין X י"ה. די שטרעבונג איבערצו־פאָרן קיין כאַזאַריע איז ביי די יידן פון איראַק און צענטראל־אזיע זייער גרוים. אין איינעם א העברעישן דאָקומענט פון יענער צייט, וואָס איז גע־פונען געוואָרן אין קאַירע (איצט א. ג. „קעמברידזשער דאָקומענט") ווערט געזאָגט: „און די יידן האָבן אָנגעהויבן צו קומען (קיין כאַזאַריע) פון באַג־

ראד און פון כאָראסאַן און פון לאַנד פון יון (ביזאַנץ)"*. דער אראבישער מחבר אל מאסודי שרייבט: „און שוין האָבן זיך פאראייניקט מיט אים (מיטן מלך פון די כוזרים) א סך יידן, וואָס זענען אָנגעקומען צו אים פון אַלע מוזולמענישע שטעט און פון ביזאַנץ".**

זיינט דעם יודאיזירן דעם קיניג און מיליטער=פירער בולאַן האָבן זיך די ווייטערדיקע מלכים פון כוזרים=לאַנד אָנגערופן — חוץ זייערע כאַזאַ=רישע נעמען א שטייגער: טארכאַן, שרואַנשאה א. א. — אויך מיט יידישע, ס'רוב ביבלישע, למשל: עובדיה, חזקיה, מנשה, יצחק, זבולון, משה, ניסי, אהרן, מנחם, בנימין, יוסף, פסח; דאָס זענען נעמען פון כוזרישע מלכים פון IX ביזן מיטן פונעם X י"ה. געוויסע כוזרים האָבן זיך אָנגערופן מיט נעמען פון יידישע יום=טובים, למשל: חנוכה, פסח, וואָס האָט אַנטשפּראָכן דער טראַדיציע פון די דאָרטיקע שבטים, בפרט פון די טיורקישע.

די העכסטע מאַכט ביי די כוזרים איז געווען א דואַליסטישע, זי איז געווען צעטיילט אין א רעליגיעזער און וועלטלעך=מיליטערישער. דער פּאַק=טישער הערשער איז געווען דער לעצטער. מען האָט אים גערופן: בעג אָדער באַגאַן. צי דער רעליגיעזער ראש פון דער מלוכה האָט אויך אָנגע=נומען דעם יודאיזם איז נישט באַוווּסט. עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע סברות. אָבער אַ פּאַקט איז, אַז די יודאַיזירטע כוזרישע מלכים האָבן זיך באַמיט אַרומצוררינגלען די יידישע רעליגיע מיט גלאַנץ, למשל דער קי=ניג עובדיה האָט אויסגעבויט א יידישן טעמפּל, עלעהיי א בית המקדש, וועלכן ער האָט באַשיינט און באַצירט. די יידן האָבן אין דער מלוכה גע=שפּילט אן אָנגעזעענע ראָל. אזוי ארום קאָן מען מיט דער פּולסטער אחריות די מלוכה אָנרופן כאַזאריש=יידישע. די דאָזיקע באַצייכענונג געפינט מען, אגב, אין אלט=רוסישן פּאָלקס=עפּאָס, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן כאַ=זאריע ווי וועגן א „זיעמליא זשידאָווסקאיא", און א כאַזאַריש=יידישער מי=ליטער=פירער ווערט דאָרטן באַצייכנט ווי „זשידאָווין באָגאַטיר". אין דעם זעלבן אַלט=רוסישן עפּאָס ווערט דער סטעפּ=קורהאַן, וואָס די כוזרים פלעגן אויפשטעלן פאר זייערע געפאַלענע אָדער געשטאָרבענע קיניגן, אָנגערופן „זשידאָווסקי קורגאַן".

דער אויבערשטער שיכט פון דער כוזריש=יידישער מלוכה האָט געלעבט אין גלאַנץ און לוקסוס. ווען דער קיניג פלעגט ארויסגיין אויף א מלחמה=

---

* ויחלו יהודים לבוא מן בגדד ומן כוהסן ומארץ יון.

** וכבר נספחו אליו יהודים רבים שהיגיעו אליו מכל ערי המוסלמים ומביזנטיה (איבערזעצט פון אראביש).

עקספּעדיציע, האָט ער אָנגעטאָן כּלי זין אויסגעזעצט מיט די טייערסטע שטיינער. דער פּאַלאַץ פונעם קיניג און די וווינונגען פון דער כוזרישער אַריסטאָקראַטיע זענען געווען שיין געבוימע, ס׳רוב פון ציגל. פאַרשיידנ־אָפּשטאַמענדיקע סוחרים האָבן געוווינט אין הייזער פון האָלץ, מיט קיי־לעכדיקע דעכער, כּדי דער רעגן און שניי זאָל זיך גיך פאַרהאַלטן. די כוזרישע אַריסטאָקראַטיע האָט געהאַט פּרעכטיק־איינגעאָרדנטע באָד־ער־טער. אין דער זעלבער צייט האָט די פּשוטע מאַסע — די שקלאַפן, פריי־געלאָזענע, פּאַסטוכער, פישער, אָרעמע בעל־מלאכות — זיך געוואַלגערט אין געצעלטן, אין ליימענע שטיבלעך, געלעבט אין גרויס נויט. צום טרויע־ריקסטן איז געווען די לאַגע פון די שקלאַפן, וועלכע האָבן אָבער געשאַפן דעם קלענסטן טייל פון דער באַפעלקערונג, אָבער אויך די פּערזענלעך פרייע אונטערטאַנען זענען געווען אויסגעשטעלט אויף א שטאַרקער אויסנוצונג מצד דער מלוכה, הגם — ווי געזאָגט — זיי האָבן געקאָנט פריי אויספירן זייערע פּראָפעסיעס. די מלוכה האָט איר פינאַנסיעלע מאַכט געהאַלטן אויף אַ ברייט אויסגעבויטן שטייער־ און צאָל־סיסטעם. יעדע משפּחה האָט געמוזט צאָלן א שטייער, אפילו די אָרעמסטע האָט געמוזט געבן יעדן יאָר דער מלוכה כּאָטש איין פעל פון א חיה; דער קלענסטער שטייער איז געווען א פעלעכל פון א וויעווירקע. פון יעדן אַקער־פעלד איז אויך אָפּגעצאָלט געוואָרן א שטייער. די גרעסטע הכנסות האָט די מלוכה געהאַט פון די אָפּצאָלן פון די דורכפאָרנדיקע סוחרים. א צווייטער מקור פון הכנסה פון די כוזרישע הערשער זענען געווען די גרובנס פון זילבער און קופּער (און אפילו אויך פון גאָלד) פון קאַווקאַז, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער קאָנטראָל פון דער כוזרישער מלוכה. א דריטער קוואַל פון הכנסה סיי פאַר דער מלוכה, סיי פאַר דער אַריסטאָקראַטיע זענען געווען די אָפטע רויב־צוגן אויף די אַרומיקע פעלקער און שבטים. די מושלים פון כאַזאַריע זענען געווען א פּאַראַזיטישער עלעמענט, אָבער די באַפעלקערונג איז געווען אַ פּראָדוקטיווע — אויף פאַרשיידענע געביטן פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

די כוזרים בראש מיט זייערע קיניגן און מיליטער־פירער, און צוזאַ־מען מיט זיי די כוזרישע יידן, האָבן דריי גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן: ראשית האָבן זיי אָפּגעהאַלטן דעם אַנפאַלערישן־רויבערישן דראַנג פון די מאָנגאָלישע שבטים אויף מערב און דערמיט אין משך פון א לאַנגער צייט אָפּגעראַטעוועט די סלאַווישע וועלט פון פאַרשקלאַפונג; דערנאָך האָבן זיי אָפּגעשטעלט די עקספּאַנסיע פון דעם קאַליפאַט, פון די מוזולמענער.

צווייטנס האָבן זיי — פּראָץ דער שווערער שטייער־אונטערדריקונג — באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פון האנדל און מלאכה אין זייער מלוכה. און דריטנס — האָבן די כוזרים געשאפן די ערשטע פעסטע מלוכה־אָרגאַניזאַציע אויף א ריזיקן שטח פון שפּעטערדיקן רוסלאַנד און אוקראַינע און באַגינסטיקט דעם אויפקום פון דער ערשטער אַלט־רוסישער (דרום־רייסישער) מלוכהשאפט. באַזונדערס גרויסע פאַרדינסטן האָט די כוזרישע מלוכה פאַר די יידן. איר באַטייט פאַר די יידן, וועלכע זענען געשטאַנען אין ביזאַנץ פּנים אל פּנים מיט אומקום און זענען אין די מוזולמענישע לענדער אויך געווען אין א געוויסער היגזיכט באַגרענעצט און דיסקרימינירט, איז אן אויסערגעוויינלעכער. אין דער כוזריש־יידישער מלוכה האָבן די יידן, און נישט בלויז די יידן, באַקומען די ברייטסטע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען א פאַרשיידנאַרטיקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. פאַר די יידן פון אומעטום האָט דאָס אַנטשטיין פון דער כוזריש־יידישער מלוכה געהאַט א גרויסן מאָראַלישן באַטייט. עס האָט זיך געהאַנדלט נישט בלויז אין עצם פאַקט פון א יידישער מלוכהשאַפט און פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. די כוזרים און די כוזרישע יידן האָבן געוויזן א מוסטער פון אַקטיוון קאַמף און אַקעגנשטעלן זיך מיט געווער אין האַנט די שונאים און די באַדריקער. דעם דאָזיקן מאָמענט ברענגט טיילוויז אַרויס אין זיין אַפּאָלאָגעטיש ווערק „ספר הכוזרי" דער באַרימטער יידישער דיכטער און דענקער פון שפּאַניע יהודה הלוי. אין דעם דיאַלאָג צווישן דעם יידן און דעם כוזרי אין דעם דאָזיקן ספר רוקט אַרויס יהודה הלוי (דורכן מויל פון דעם ייד) די קאָנצעפּציע, אַז די מאַרטירעלאָגיע פון די יידן האָט א טיפערן זין, אַז די גלות־ליידן ווערן דורכגעטראָגן אין נאָמען פון גאָט און פאַר זיין ליבן נאָמען. אויף דעם ענטפערט דער כוזרישער מלך: אייער הכנעה איז געווען א רעזולטאַט פון צוואַנג און נישט פון ווילן, און ווען אייערע הענט וועלן דערגרייכן אייער שונא, זאָלט איר אים דערהרגענען (וכאשר תמצא ידכם תהרגו אויבכם). אזוי אַרום האָבן די יידן געזען אין די כוזרים א פאַקטאָר, וואָס האָט באַגינסטיקט און גערופן צו אַקטיוון ווידערשטאַנד. דער באַגריף כוזרי איז אין יענער צייט געוואָרן ביי יידן אויך פון דער וויי־טער מערב־אייראָפּע א סינאָנים און א סימבאָל פון אויסלייזן זיך פון הכנעה־געפילן, פון קעמפן קעגן שונא און שלאָגן אים.

די יידן פון כאַזאַריע גופא האָבן געהאַט די פולסטע מעגלעכקייט פון עקאָנאָמישער און רעליגיעז־קולטורעלער אויסלעבונג.

די פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידנגלויביקע באַפעלקערונג פון

דער כאַזארישער מלוכה האָט זיך דער עיקר פאַרנומען מיט פי־צוכט, פערד־צוכט, פישעריי, ערד־ארבעט, וויינגערטנעריי און סעדעריי. ריזיקע סטאַדעס פון בהמות און פערד האָבן זיך געפונען ביי די האלב־וואנדערנדיקע שבטים. אַרום די ווינטער־מחנות פון די כוזרים זענען אַנטשטאַנען דערפער, וואָס זייער באַפעלקערונג איז ס'רוב געווען א סלאַווישע. למשל אַרום דער מחנה־שטאָט סאַרקיל האָט זיך געפונען אַ גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַיאָן, באַפעלקערט דורך בערך 20 טויזנט סלאַוון, געוועזענע קריגס־געפאַנגענע, כוזרישע אונטערטאַנער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און פישפאַנג. א טייל פונעם לאַנד איז געווען באַדעקט מיט וועלדער, אַרום וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט א גרויסע פּראָדוקציע פון וואקס און האָניג, וואָס א טייל פון איר פלעגט גיין אויף עקספּאָרט אין די מוזולמענישע לענדער אַריין.

אויך די גרונטיקע באַשעפטיקונג פון די כאַזארישע יידן איז געווען לאַנדווירטשאַפט, וויין־געריטנעריי און סעדעריי. דאָס זענען געווען קליינע פּרייע פּויערים, וועלכע האָבן געצאָלט דער מלוכה א יערלעכן שטייער.

די גרונט־באַשפּייזונג פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון כאַזאַריע, דערונטער אויך פון די יידן, איז געווען פיש, רייז און געוויסע מינים גרויפּן.

די לאַנדווירטשאַפט, בפרט וויינגערטנעריי און סעדעריי, איז געווען צום שטאַרקסטן אַנטוויקלט אין די צפון־פּראָווינצן פון דער מלוכה, וווּ די ערד איז געווען זייער פּרוכטבאַר.

דער צווייטער לויט דער צאָל שיכט כוזרישע יידן האָט זיך באַשעפטיקט מיט מלאכה. אויב אין דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיך דער עיקר אויסגעצייכנט דער סלאַווישער עלעמענט פון לאַנד, האָבן דעם פּרימאַט אויפן געביט פון מלאכה געהאַט די יידן. די כאַזאַריש־יידישע מלאכה האָט געהאַט אויסצושטיין א קאָנקורענץ מצד דעם אימפּאָרט פון פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען פון ביזאַנץ. דער דאָזיקער אימפּאָרט האָט אָבער דערגרייכט בלויז אין געוויסע באַשטימטע ערטער. למשל אין די מערב־טיילן פון דער כוזרישער מלוכה האָט ער נישט דערגרייכט, און דאָ האָבן די כוזרישע יידישע בעלי מלאכות געהאַט באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַנטוויקלען זייער פּראָדוקציע.

די מלאכה ביי די יידן אין כוזרים־לאַנד האָט אַרומגענומען פאַרשיידענע צווייגן — פון זאַכן פון טעגלעכן געברויך ביז לוקסוס־אויסאַרבעטונגען. באַזונדערס ברייט איז געווען ביי זיי פאַרשפּרייט גאַרבעריי. א גרוי־

סער טייל יידישע בעלי מלאכות האָט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן בלערליי געשירן, כלים, מעטאַלענע חפצים, געווער. זיי זענען געווען וועבער און גלאָז־פּראָדוצענטן. יידישע בעלי מלאכות האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער פּראָדוקציע פון כלערליי צירונגען — פון גאָלד, זילבער און בראָנז. אזעלכע אויסאַרבעטונגען האָט מען געפונען אין כאזארישע קברים.

די יידישע אימיגראַנטן פון ביזאַנץ האָבן געבראַכט קיין כאזאריע א ריי מלאכה־ספּעציאַליטעטן פון העכער קוואַליטעט, למשל די פּראָדוקציע פון זייד און די קונסט פון פאַרבן געוואַנט. באַזונדערס האָבן זיך יידישע בעלי מלאכות אויסגעצייכנט אין דער בוי־קונסט, למשל ביים אויפשטעלן דעם בית־המקדש פאַרן קיניג עובדיה.

די בעלי מלאכות האָבן געאַרבעט אויף באַשטעלונג סיי פאַר דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, סיי פאַרן מאַסן־קאָנסומענט. איינציייטיק אַנטוויקלט זיך שוין דאָ א פּראָדוקציע פאַרן מאַרק. עס אַנטשטייען גרעסערע װאַרשטאַטן, וועלכע פּראָדוצירן כלים, לעדער, מלבושים, ביליקע צירונג, געווער, פאַרבן, לייוונט, דאָס ווערט פאַרקויפט די וואַנדערנדיקע פּי־צוכטלער. אַזוי אַרום פאַרבינדן די יידן זייער מלאכה מיט האַנדל. דער דאָזיקער האַנדל מיט די וואַנדערנדיקע שבטים טראָגט דעם כאַראַקטער פון א נאַטירלעכן אויס־טויש. פאַר פעל, פלייש, וכדומה טוישן אויס די יידישע בעלי מלאכות זייערע אויסאַרבעטונגען. עס עקזיסטירן שוין אויך באַזאַרן — אין די גרעסטע כוזרישע מחנות און דער עיקר אין די שטעט. די דאָזיקע באַזאַרן זענען מעמיק דער עיקר אין די ווינטער־חדשים, ווען די כוזרים זיצן אין זייער מחנות. א גאַנץ יאָר וואַנדערן יידישע סוחרים און צום טייל אויך בעלי מלאכות איבערן סטעפּ, אָפּט אינייינעם מיט די כוזרים. די יידן פאָרן אויף גרויסע בוידן אָנגעלאָדענע מיט סחורה. זיי פאָרן אויך אויף קעמלען, וועלכע שלעפּן אויף זיך די סחורות. א סך פון זיי באַזעצן זיך אינמיטן סטעפּ און שאַפן קליינע סוחריש־האַנטווערקערישע ישובים, עלעהיי קליינע שטעטלעך. די דאָזיקע יידישע ישובים זענען צעוואָרפן איבערן ריזיקן סטעפּ.

יידישע סוחרים פאַרנעמען זיך אויך מיט אויפקויפן פּראָדוקטן ביי די וואַנדערנדיקע שבטים און פירן עס צום פאַרקויפן אין די ברעג־שטעט. אין זייערע הענט איז געלעגן די באַדינונג פון די צאָלרייכע שיף־מאַנשאַפטן און פרעמדע סוחרים פון דעם גרויסן טראַנזיט־האַנדל, וואָס איז געגאַנגען דורך די כוזרישע שליאַכן. אין די ברעג־שטעט האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דער גאַסן־האַנדל מיט ברויט.

ווי מיר זעען, איז די פאָרם פונעם האַנדל אין כאזאריע געווען א פאַר־

שידנארטיקע. עס האָט געהערשט א נעמיש פון דעם פּרימיטיוון גאַטיר־לעכן אויסטויש מיט געלט־פאָרם. לאַנג ביזן מיטן פון X י"ה האָט מען אין כאַזאַריע זעלטן באַנוצט געלט. דער אויסטויש־מיטל זענען געווען פעלעכ־לער. זינט דעם מיטן פון X י"ה וואַקסט אַלץ מער די סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט, עס ווערן שוין באַנוצט מטבעות; די פּאָפּולערסטע פון זיי איז די דראַכמע. עס זענען אויך געווען אייגענע כּוזרישע מטבעות, הגם קיין גרויסע פאַרשפּרייטונג האָבן זיי ניט געהאַט.

די געלט־אויסטויש־באַציונגען ווערן מיט דער צייט, מיטן וווּקס פון דעם גרעסערן מסחר, באַזונדערס מיט אויסלאַנד, און פוּנעם טראַנזיט־האַנדל, אַלץ ברייטער און אָפּטער. דער אַראַבישער מחבר אל־מאַסודי שטרייכט אַפילו אונטער, אַז אין דער כוזרישער הויפּט־שטאָט האָט עקזי־סטירט אַן אָרט פון געלט־אויסטויש, און דער היינטצייטיקער ענגלישער כאַזאַריע־פאָרשער דונלאָפּ טייטשט עס אויס, אַז דאָס איז געווען אַ באַנק.

אינעם אינערלעכן האַנדל האָבן זיך אַחוץ יידישע אויך באַטייליקט מוזולמענישע סוחרים. די יידישע און מוזולמענישע סוחרים האָבן אין א באַדייטנדיקער מאָס געהאָלפן צו אַנטוויקלען אין לאַנד די סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט.

דער גרעסטער טייל פון די יידיש־כוזרישע סוחרים איז באַשטאַנען פון א קליין־הענדלערישן עלעמענט. דאָס איז ס'רוב געווען א וואַנדער־האַנדל. ס'רוב איז דער בעל מלאכה אייגנצייטיק געווען א הענדלער. אין דער מלאכה האָבן זיך אויסגעטיילט דער קליין־באַזיצערישער און דער באַזיצלאָזער עלעמענט, דער באַלעבאָס און דער געזעלן.

צום רייכסטן יידישן עלעמענט אין כוזרים־לאַנד האָבן געהערט קודם כּל די גרויסע סוחרים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט צווישנלענדישן האַנדל. אין אָט דעם מסחר דאַרף מען אונטערשיידן צוויי דערשיינונגען: דעם אימפּאָרט און עקספּאָרט פון דעם כוזרים־לאַנד גופא, און — דעם ברייטצוגיקן טראַנזיט־מסחר, וואָס איז געגאַנגען פון ווייטן מערב אין טיף אַזיע דורך די כוזרישע האַנדלס־וועגן און ים־ברעגעס; אין אָט דעם טראַנ־זיט־מסחר פאַרנעמען דאָס וויכטיקסטע אָרט די ראָדאַניטן, די שפּאַניש־פראַנקאָנישע יידן. דער פאַקט, וואָס די ראָזיקע האַנדלס־וועגן, דער שליסל צו די ווייטע און רייכע אַזיאַטישע מערק, איז געלעגן אין די הענט פון אַ יידישער, אָדער יודאַיזירטער מלוכה, איז די ראָדאַניטן שטאַרק געווען אויף דער האַנט. אויף אָט די וועגן האָבן זיי זיך געפילט זיכערער. זיי האָבן געהאַנדלט מיט די כוזרים און זיי זענען געווען די פאַרביגדלער צווישן דער

כוזריש־יידישער מלוכה און די ווייטע יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע. נישט קיין קלענערע ראָל האָבן געשפּילט די יידישע גרויסע סוחרים פון איראַן און איראַק. סיי די ראַדאַניטן, סיי די בבלישע יידן האָבן אויך געשפּילט די ראָל פון קולטור־פאַרמיטלער אינעם כוזרים־לאַנד.

דער האַנדל פון כאַזאַריע גופא מיט די שכנותדיקע און אויך ווייטער־ליגנדיקע לענדער איז געווען זייער גרויס. אַ גרויסע ראָל האָבן ביים אַנטוויקלען די דאָזיקע באַציונגען געשפּילט די יידיש־כוזרישע סוחרים.

דאָס כוזרים־לאַנד האָט געהאַט האַנדלס־באַציונגען מיט די מוזולמענישע לענדער פון אַזיע (צוו. אַנד. מיט סאַמאַרקאַנד), מיט אַרמעניע, ביזאַנץ, עניפּטן, רייסן, משעכיע, פּוילן. יידיש־כוזרישע סוחרים זענען געפאָרן אין אַלע די לענדער. אויפן מערב האָבן זיי דערגרייכט ביז דענעמאַרק און שוועדן, אויפן מזרח — ביז כינע.

די האַנדלס־וועגן צווישן כאַזאַריע און די איסלאַם־לענדער האָבן זיך מער־צייט געפירט דורכן קאַספּישן ים, און ווינטער — דורך דרום־אוראַל, אָדער דורכן סטעפּ קיין כאָרעזם, אָפט מיט די ברעגעס פון אַמו־דאַריאַ. אַ לעבהאַפטער האַנדל איז אָנגעגאַנגען מיט איראַן.

דער האַנדל מיט ביזאַנץ איז געווען קלענער. צווישן די צוויי לענדער איז אָנגעגאַנגען אַ מסחר־קאָנקורענץ. די כאַזאַרישע געביטן האָבן איינציקע נעדינגט ווי דער איינציקער שליאַך פון דעם מסחר צווישן רייסן און ביזאַנץ. די שפּעטערדיקע מלחמות צווישן קיעווער רייסן און כאַזאַריע האָבן אין אַ גרויסער מאָס געהאַט זייער קוואַל אין דעם קאַמף אַרום אָט דעם וויכטיקן האַנדל־שליאַך.

פון כוזרים־לאַנד פלעגט מען אַרויספירן קי, שעפּסן, פיש, פעל, וואַקס, האָניק, זאַלץ. קיין כאַזאַריע פלעגט מען אַריינפירן פאַרטיקע בגדים, דער עיקר געבלימלטע העמדער פון ציץ, וואָלענע אויסאַרבעטונגען, תבואה, וויין, קינסטלערישע און אַנדערע זעלטענע האַנטווערקערישע אויסאַרבעטונגען. לאַנגע מלבושים פלעגט מען אויסאַרבעטן אין כאַזאַריע גופא. ראַקענן ספּעציעלע לוקסוס־קליידונג פלעגט מען אימפּאָרטירן פון ביזאַנץ, אַרמעניע, גרוזיע, געאָרגיע איז אַזערבעידזשאַן. אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט מען גענומען אין כוזרים־לאַנד אַנטוויקלען אויך אָט דעם מין באַקליידפּראָדוקציע.

די כוזרישע מלוכה מיט די קיניגן אין דער שפּיץ האָט באַגינסטיקט דעם צווישנלענדישן און טראַנזיט־האַנדל, קודם כל, ווייל דאָס איז געווען אַ וויכטיקער קוואַל פון זייערע הכנסות.

אַן אַלץ גרעסערע אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן מסחר איז בכן געלעגן
אין די אינטערעסן פון דער כוזרישער אַריסטאָקראַטיע, און בעיקר פון דעם
קיניג. דערמיט קלערט זיך אויף די ווייטגייענדיקע רעליגיעזע טאָלעראַנץ,
וואָס האָט געהערשט אינעם כוזרים-לאַנד. די מלוכה האָט זיך ווייניק אײַנ-
געמישט אין די אינערלעכן לעבן פון די פאַרשידענע עדות. דעם קיניג איז
אָנגעגאַנגען קודם כל דער איינקונפט פון די שטייערן און פון די גרענעץ-
און טראַנזיט-צאָלן.

די דאָזיקע איינשטעלונג פון דער הערשנדיקער כוזרישער אַריסטאָ-
קראַטיע האָט באַקומען איר אויסדרוק אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער מלו-
כה. שוין די אַלטע רוסישע היסטאָריקער האָבן אָנגעוויזן, אַז אין מיטלאַל-
טער האָבן די שטאַרקסטע מלוכהשע אָרגאַניזאַציע אויפן שטח פון שפּע-
טערדיקן רוסלאַנד געהאַט די כוזרים.* די דאָזיקע מלוכהשע אָרגאַניזאַציע
האָט אַנטשפּראָכן די הויפּט-אויפגאַבן פון דער מלוכה: האַלטן די אונטער-
טעניקע שבטים, די ריזיקע צאָלן קריגס-געפאַנגענע און בכלל די באַפעלקע-
רונג אין צוים, אויפמאָנען אויפן ווירקזאַמסטן אופן די שטייערן און צאָלן —
די אינערלעכע און פאַרן טראַנזיט, היטן די האַנדלס וועגן און דעם ים-ברעג
און איינהאַלטן די גרויסע מיליטערישע קראַפט. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן
ווי אויך דאָס וואָס האָבן די כוזרישע הערשער איבערגעלאָזט דער באַפעלקערונג
גופא, הגם אומדירעקט און אין אַ געוויסן קליינעם זין דירעקט האָבן זיי
באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג פון מלאכה און מסחר. און טאַקע אין הינזיכט
פון נישט אײַנגערירן אין אינערלעכן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד האָבן
די כוזרישע הערשער זיך שטאַרק אונטערשיידט פון די ביזאַנטישע
קייסאָרים.

די העכסטע געריכטלעכע אינסטאַנץ אין איטיל איז באַשטאַנען פון
זיבן שופטים, בתוכם: צוויי יידישע, צוויי מוזולמענישע, צוויי קריסטלע-
כע און איין שאַמאַניסט. די לעצטע אינסטאַנץ איז געווען דער קיניג גופא.
די כוזרים אַליין האָבן געהאַט אַן אייגענעם העכסטן שופט — קאַזאַר-באַ-
גאַן, וועלכער האָט געמשפּט לויט די אַלטע כאַזאַרישע שבט-מנהגים. געווי-
סע כאַזאַרישע ריכטער האָבן געמשפּט לויטן יידישן דין.

די באַזונדערע רעליגיעזע גרופּן האָבן געבילדעט רעליגיעזע עדות,
וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום זייערע געבעט-הייזער. די יידישע
באַפעלקערונג פון כאַזאַריע האָט געשאַפן קהלות, וואָס האָבן זיך קאָנצענ-

---

* אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט שטייט דער סאָוויעטישער געלערנטער, דער אַ-
ראַניסט פּראָפ. זאַכאָדער, וועלכער האָט דאָס געבראַכט צום אויסדרוק בעת זיין
רעפעראַט אין וואַרשע, אין יאָר 1956.

טרירט אַרום די בתי־הכנסת. מיט די קהלות האָט אָנגעפירט אַ ייִד מיטן טיטל נשיא. אָבער אין נאָמען פון דער מלוכה איז איבער יעדער קהל געווען באַשטימט אַ כוזרישער באַאַמטער, וועלכער איז אָפט געווען פון ייִדיש־גלויבן.

די יודאַיזירטע כוזרים און די ייִדן האָבן זיך נישט צונויפגעגאָסן מיט־אַמאָל. אָבער געמישטע חתונות זענען געווען אַ סטאַבילע דערשיינונג.

די שפּראַך פון די כוזרים איז אין גרונט געבליבן כאַזאַריש — אַ שפּראַך, וועלכע איז היינט שוין אינגאַנצן אומבאַקאַנט. זי האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום שפּורן אין שריפט. עס איז אַ פראַגע, צי עס איז בכלל געווען אַ כוזרישע שריפט.

די ליטורגישע און קולטור־שפּראַך פון די יודאַיזירטע כוזרים איז געווען העברעיש. אַ ריי אויפשריפטן אויף מצבות אין די געוועזענע כאַזאַרישע געביטן און אויף כוזרישע ספר תורהס זאָגן עדות וועגן דעם. למשל אויף איין ספר תורה איז געווען אַן אויפשריפט אין העברעיש, אַז די פרוי (מרת) אַמו בת אהרן בני כוזר (כאַזאַרן) באַשטעלט די דאָזיקע ספר תורה, כדי צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון איר מאַן אליא בן עזרא. אויף געוויסע ספר־תורות פון X י"ה זענען פאַראַן ווידמונגען פאַר די „בחורים הגבורים“ (העלדישע בחורים), פאַרן „גבור“ אאַזו. דער טערמין „כזר“ חזרט זיך איבער אין אַ סך אויפשריפטן. אויף מצבות אין משופּוט־קאַלע געפינט מען כוזרישע נעמען אין העברעיש, למשל: „זאת מצבת קבורת טוקטמיש בן כבש“.*

אין יאָר 1952 האָט דער סאָוויעטישער אַרכעאָלאָג ריבאַקאָוו געפונען אויף די געוועזענע כאַזאַרישע געביטן העברעישע טעקסטן, וועלכע זאָלן שטאַמען וואַרשיינלעך פון די כוזריש־ייִדישע צייטן.

קיין כוזריש־ייִדישע קולטור־דענקמעלער זענען נישט פאַרבליבן — אַחוץ אפשר די אָקאָרשט דערמאָנטע, אָבער נאָך נישט גענוי דעשיפרירטע טעקסטן. לויט געוויסע קוועלן קאָן מען זיך שאַפן אַ שטיקל בילד פון די יודאַיזירטע כוזרים און די כוזרישע ייִדן ווי מענטשן, וואָס האָבן ליב געזאַנג און מעלאָדיעס, זענען שטאַרק צוגעבונדן צום משפּחה־לעבן און צו די קברים פון די קרובים. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן די קיפּטשאַקן (פּאָלאָווצעס), צווישן וועלכע עס האָט זיך וואַרשיינלעך — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט — געשפּרייט דער יודאַיזם אין זיין קאַראַימישן געשטאַלט.

---

* דעם נאָמען טוקטמיש, אָדער טאָכטאַמיש טרעפט מען ביי די קרימער טאַטאַרן סוף דעם XIV־טן י"ה.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די כאַזאַרישע מלוכה האָט אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר אויסגעאיבט אַ שטאַרקן מיליטערישן און צום טייל אויך פּאָליטישן איינפלוס אויף די אַרומיקע לענדער. די באַציונגען צווישן כאַזאַריע און ביזאַנץ האָבן זיך געשטאַלטיקט פאַרשידנאַרטיק. געווען צייטן, למשל דאָס יאָר 627, ווען כוזרים געפינען זיך אין דער אַרמיי פון ביזאַנטישן קייזער הערַאקליוס; געווען אָבער אויך צייטן פון כוזריש=ביזאַנטישע מלחמות און צייטן פון פּאָליטישער פענעטראַציע. אין VII י"ה האָבן די כוזרים אָנגעגריפן די צפון=געביטן פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע און באַהערשט אַ טייל פון קאַווקאַז. אין VIII י"ה ווערן די כוזרישע איינפלוסן אַזוי שטאַרק, אַז דער טראָנפאָלגער פון ביזאַנץ האָט חתונה מיט אַ כוזרישער פירשטין, וועלכע באַקומט דעם נאָמען אירענאַ. די כוזרים אינטערווענירן אין די אינערלעכע עניינים פון ביזאַנץ, העלפן אַראָפּוואַרפן און אַרויפזעצן אויפן טראָן ביזאַנטישע מלכים. ביזאַנץ מוז זיך רעכענען מיט דער קראַפט פון די כאַזאַרן און בפרט מיט זייער הערשאַפט אויף די האַנדלס=וועגן. אין X י"ה שיקן די ביזאַנטישע הערשער צו די כוזרישע מושלים בריוו פול מיט ליב און חניפה, זיי שרייבן צו די כוזרים אין אַן ענלעכן דרך=ארץ=טאָן ווי צום פּויפּסט, אָדער צו די קיניגן פון פראַנקן=לאַנד.

אין VII י"ה פירן די כאַזאַרן לאַנגע מלחמות מיט די אַראַבער. אין VIII י"ה ברעכן אויס פרישע כוזריש=אַראַבישע מלחמות. דאָס זענען קאָנקורענץ=קריגן צווישן כאַזאַריע און דעם קאַליפאַט; עס האַנדלט זיך וועגן דער העגעמאָניע איבער קאַווקאַז און וועגן דער קאָנטראָל איבער די מזרחדיקע האַנדלס=וועגן.

דער כוזרישער קיניג עובדיה אינטערווענירט אין אינערלעכע עניינים פון אַרמעניע, דרינגט אַהין אַריין מיט זיין מיליטער.

אין IX י"ה ברעכן אויס אויפשטאַנדן פון די טורקן און פעטשענעגן פון דער געגנט וואָלגע=יאַיק — קעגן די כוזרים, וועלכע אונטערדריקן די דאָזיקע שבטים מיט שווערע שטייערן. אַן אויפשטאַנד ברעכט אויך אויס צווישן די כוזרישע שבטים גופא. איינער פון די דאָזיקע שבטים, די קאַבאַרן, צעבונטעוועט זיך, פאַרלאָזט דעם כוזרישן שבט און עמיגרירט אין די געגנטן פון היינטיקן אונגאַרן (אין די ניינציקער יאָרן פון IX י"ה). די קאַבאַרן זענען געווען אין אַ גרויסן טייל יודאַיזירט. עס זענען פאַראַן השערות, אַז די קאַבאַרן האָבן געגעבן דעם אָנהייב פאַרן יידישן ישוב אין אונגאַרן. די דאָזיקע שווערע צייט פאַר כאַזאַריע פאַלט זיך לפי ערך צונויף מיט אַן אָנגריף פונעם רייסישן פירשט אָלעג אויף די כוזרים=געביטן; איינ=

צייטיק הייבט אָן אַטאַקירן ביזאַנץ, וועלכער פירט אַ' אַ מיליטערישע, אַ גייסטלעך־מיסיאָנערישע אַקציע אין קאַווקאַז, בשכנות מיט די כוזרישע געביטן. די שווערע לאַגע פון כאַזאַריע נוצן אויס די מוזולמענישע שבטים, וועלכע פאַלן אָן אויף די כוזריש־יידישע גרענעץ־ישובים און צעשטערן זיי. אלס ענטפער צעשטערן די כוזרים מוזולמענישע ישובים. די ביזאַנטישע און אַנדערע אַרייַנדרינגלער ווערן צעשלאָגן דורך דעם חייל פון דעם כוזרי־שן מלך בנימין, וועלכער שאַפט אַ קאָאַליציע מיט אַ ריי יודאיזירטע און אַנדערע קאַווקאַזישע שבטים.

ווען דער ביזאַנטישער קייסער ראָמאַנוס (ערשטע העלפט פון X י"ה) שטעלט פאַר די פאַרבליבענע ביזאַנטישע יידן די אַלטערנאַטיוו: שמד אָדער טויט, עַנטפערט דער כוזרישער מלך יוסף מיט רעפּרעסיעס לגבי קריסטן פון ביזאַנטישן נוסח אין זיין לאַנד.

די באַציונגען פון די כוזרים מיט די מזרח־סלאַווישע שבטים פאַרמירן זיך פאַרשידנאַרטיק. אין IX י"ה שטעלן איין די כוזרים זייער העגעמאָניע איבער די סלאַווישע שבטים — די סעווערן, וויאַטיטשן און פּאָלאַנער (נישט צוגויפמישן מיט די פּאָלאַנער, וואָס זענען געווען די פּראָטאָפּלאַסט פון די פּאָליאַקן) און צווינגען זיי צו צאָלן סטאַבילע קאָנטריבוציעס. אין דעם זעלבן פעריאָד פאַרנעמען די כוזרים קיעוו. אין יאָר 862 צאָלט קיעוו אַ קאָנטריבוציע די כאַזאַרן. דער עלטסטער רייסישער כראָניקער נעסטאָר שרייבט, אַז די מזרח־סלאַווישע פעלקער האָבן געגעבן אָפּצאָלן די כוזרים און זיי געליווערט וואָפן און פעל. אויך דער העברעישער דאָקומענט פון דער קאַירער גניזה (אַרכיוו) גיט איבער, אַז דער כוזרישער מלך יוסף האָט מנצח געווען דעם דרום־רייסישן פירשט הלגו, און — „דעמלט זענען די רוסן געווען אונטערטעניק צו די כוזרים".*

אָבער אָנהייב דעם X י"ה הייבט זיך אָן דרום־רייסן צו קאָנסאָלידירן און מיט דער הילף פון כאַזאַריעס גרעסטן קאָנקורענט, ביזאַנץ, שטעלט זי זיך אויף די פיס און ווערט אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער כוזרים־מלוכה. די כוזרישע מלכים, למשל דער קיניג פסח, באַמיען זיך צו צעקריגן קיעוו מיט ביזאַנץ, ער רייצט אָן איינעם אויפן צווייטן, און דער קיעווער פירשט ליידט אַ שווערע מפלה. אויף אַ געוויסער צייט זענען סיי קיעווער רייסן, סיי ביזאַנץ אָפּגעשוואַכט, און אַדאַנק דעם גרייפן זיי נישט אָן די כאַזאַרישע טע־ריטאָריעס אין משך פון אַ לאַנגער צייט. כל זמן עס הערשט דער קיניג

---

* אז היו רוסים כנועים תחת יד קזר.

יוסף (ערשטע העלפט פון X י"ה). דאָס איז די צייט פונעם לפי ערך שטאַרקסטן וווּקס פון די עלעמענטן פון דער סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט אין כאַזאַריע, די צייט פון גרעסטן אויפשטייג פון מסחר און מלאכה אין לאַנד. דער קיניג יוסף איז איינער פון די איינצלנע כוזרישע מלכים, וואָס האָבן מער געזאָרגט פאַרן וווּקס פון האַנדל (דער עיקר מיט די מוזולמענישע אַזיע־לענדער און מיט רייסן) ווי פאַר רויב. פאַר זיין צייט גרייכט טאַקע דער אויסערלעכער כאַזאַריש־יידישער מסחר אַזש קיין שוועדן.

אין דער צווייטער העלפט פון X י"ה קומט אַ שטאַרקער אָנגריף מצד קיעווער רייסן. דער קיעווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו (957—972) האַלט אָפּ אַ נצחון און פאַרנעמט די כוזרישע פעסטונג סאַרקיל אין יאָר 965. כאַזאַריע לײַדט אַ מיליטערישע מפּלה. אירע השפּעות פאַלן, איר טעריטאָריע ווערט איינגעשרומפּן. אָבער זי קומט נישט אום. אגב, איז קיעווער רייסן נישט געווען פאַראינטערעסירט אין פולשטענדיקן דערשטיקן די כוזרים־מלוכה, ווייל די לעצטע איז געווען אַ וואַנט, וואָס האָט באַשיצט רייסן קעגן די אינוואַזיעס פון די וואַנדערנדיקע סטעפּ־שבטים.

די כוזרים ווענדן דערמלט אָן אַן אַנדער טאַקטיק. פון איין זייט שליסן זיי אָפּמאַכן מיט די קיעווער פירשטן און ציען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די רויב־ און מסחר־מעגלעכקייטן אין די מוזולמענישע געביטן ביים קאַספּישן ים. זיי לאָזן זיי אַדורך דורך זייער טעריטאָריע, כדי די חיילות פון די אַלט־רייסישע פירשטן זאָלן קאָנען אָנפאַלן אויף די אָנגעוויזענע געביטן. פון דער צווייטער זייט הייבן אָן די כוזרים צו פירן אַ יודאַיזאַנטיש־מיסיאָנערישע טעטיקייט אין קיעוו גופא. אין יאָר 986 באַמיען זיך כוזרישע יידן ביים קיעווער פירשט וולאַדימיר, ער זאָל אָננעמען דעם יידישן גלויבן. אַזוי אַרום האָבן די כוזרישע מושלים וואַרשיינלעך געהאָפט צוצובינדן צו זיך דאָס קיעווער פירשטנטום און אָפּצורייסן אים פון ביזאַנץ. דער שריט איז נישט געלונגען (מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם ענין אין ווייטערדיקן קאַפּיטל).

אין XI י"ה עקזיסטירט נאָך אַ פאַרהעלטנישמעסיק גענוג שטאַרקע כוזריש־יידישע מלוכה, וועלכע שטעלט נאָך אַליין פאָר מיט זיך אַ געפאַר פאַר ביזאַנץ און רייסן, בפרט צוליב איר קאָנטראָל אויף דעם האַנדלס־שליאַך צווישן די צוויי לענדער.

ביזאַנץ און רייסן שאַפן דערמלט באַניים אַ קאָאַליציע, וואָס איז געווענדט קעגן די כוזרים. עס ברעכט אויס אַ פרישע מלחמה.

אין יאָר 1016 ווערט די כוזרישע אַרמיי צעקלאַפּט דורך די חיילות פון דער ביזאַנטיש־רייסישער קאָאַליציע. אין יאָר 1083 פּרוּוון די כוזרים אויפשטיין קעגן זייערע קעגנער און ווערן ווידער צעקלאַפּט. פון דעמלט אָן הייבט אָן די כאַזאַרישע קראַפט צו פאַלן. די כוזרישע מלוכה גייט שוין באַרג אַראָפּ. כאַזאַריע שפּילט שוין נישט מער קיין זעלבשטענדיקע ראָל. דער העגעמאָן אין דעם דאָזיקן ראַיאָן ווערט אַלץ מער דאָס קיִעווער פירשטנטום. אָבער די כוזרישע מלוכה עקזיסטירט נאָך און איז פּאָפּולער צווישן די יידן פון אַזיע — אויף אַזוי ווייט, אַז לויט געוויסע קוועלן זענען אַ סך אַזיאַטיש־יידישע קהלות אַוועק קיין כאַזאַריע בעתן ערשטן קרייץ־צוג (1096) — וואַרשיינלעך צוליב די איוב־בשורות וועגן די גרויל־מעשים פון די קרייצצוגלער און וועגן זייער דערנענטערן זיך קיין אַזיע.

גענוי ווען עס איז אונטערגעגאַנגען די כוזריש־יידישע מלוכה איז נישט באַוווּסט. קיין פּינקטלעכע דאַטע קאָן מען נישט פעסטשטעלן. עס איז אַ פאַקט, אַז אין XI י"ה קומט די ירידה פון איר קראַפט. זינט דעמלט פאַרלאָזן די כוזרים אַ ריי ראַיאָנען, שרומפּן זיך איין און קאָנצענטרירן מער זייער מלוכה אין קרים. אָבער גרויסע מאַסן כוזרישע יידן און יודאַיזירטע כאַזאַרן וואַנדערן אויס אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, איבערן דאָן, דניעפּר און דניעסטער, אויף מערב. אַ געוויסער שטראָם פון אָט דער עמיגראַציע ריכט זיך אויף מזרח, קיין מיטל־אַזיע. די גרויסע כאַזאַרישע מלוכה הייבט אָן אונטערצוגיין אין דער צווייטער העלפט פון XI י"ה.

ווו האָבן געשטעקט די סיבות פון דעם אונטערגאַנג פון דער כוזרישער מלוכה? צי האָט בלויז די מיליטערישע מפּלה אין דער מלחמה מיט דער ביזאַנטיש־רייסישער קאָאַליציע געגעבן כאַזאַריע דעם אַנטשיידנדיקן קלאַפּ?

דאָס קערנדל פון קיגפטיקן אונטערגאַנג איז געלעגן טיף אין דער כוזרישער מלוכה גופא, אין וועלכער עס האָט געשטעקט אַן עיקרדיקע סתירה צווישן די צוויי ווירטשאַפטלעך־סאָציאַלע זיך אויסשליסנדיקע באַזעס: דער נאָמאַדישער און באַזעסענער, דעם סטעפּ און דער שטאָט, דער אַלטער נאָמירלעכער אויסטויש־פאָרם און די נייע געלט־אויסטויש־באַציונגען. אין כאַזאַריע האָט די זאַך נישט אויסגעזען ווי אין אַנדערע לענדער, אַז דער אַלטער סדר האָט זיך איינגעקאָרטשעט און איז פאַרשוווּנדן לטובת דעם נייעם. אין כאַזאַריע האָבן די ביידע סיסטעמען עקזיסטירט פּאַראַלעל און דער ערשטער, דער אַלטער, איז געווען נאָך זייער שטאַרק און אַרומגענומען די איבערוועגנדיקע צאָל פון דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע לאַגע פון דער פּאַראַלעלער עקזיסטענץ און ווירקונג פון צוויי פאָרמאַציעס איז נאָך

מער פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב די אַנדערע אינערלעכע קעגנזאַצן: דער באַזונדערער אַנטוויקלונג פון אַלע עטנישע גרופּן פון דער באַפעלקערונג, פון די כאַזאַרן, יידן, מוזולמענער, סלאַוון, וועלכע האָבן זיך נישט געמישט מיט זיך, און איטלעכע פון זיי האָט געשאַפן א מלוכה אין א מלוכה, און (חוץ די יידן) זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט אויסערלעכע כוחות און מלוכות, בילדנדיק אַזוי אַרום פון־צענטער־אַוועקגייענדיקע פאַקטאָרן. אויך די כאַזאַרן גופא האָבן נישט געשאַפן קיין אייניהייטלעכן און צענטראַליזירטן עלעמענט. צווישן זייערע שבטים זענען פאָרגעקומען מרידות, סעצעסיעס און אינערלעכע רייסערייען. די עקאָנאָמיק פון דער מלוכה איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ קינסטלעכע. די קראַפט פון דער מלוכה גופא האָט זיך באַזירט אויף אָפּצאָלן פונעם טראַנזיט־האַנדל, קאָנטריבוציעס מצד די אונטעריאָכטע פעלקער און רויב, און אין אַ פיל וויניקערער מאָס אויף דער אַנטוויקלונג פון די אינערלעכע פּראָדוקטיווע כוחות. אַזוי אַרום איז די דאָזיקע מלוכה־קראַפט געווען אָפּהענגיק קודם כל פון אירע מיליטערישע כוחות און פּאָליטישן פּרעסטיזש. בעת דער בשותפותדיקער אַגרעסיע פון רייסן און ביזאַנץ אויף כאַזאַריע האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַרויסרופן פּאַטריאָטישע געפילן ביי די פאַרשידענע עטנישע גרופּן פון דעם גרויס־כאַזאַרישן מלוכה־קאָנגלאָמעראַט, אַחוץ אפשר ביי דער כוזרישער אַריסטאָקראַטיע און ביי די יידן. די פאַרשידענע עטנישע גרופּן האָבן אין דער מלחמה געזען בלויז אַ קריג פון דעם כוזרישן שבט אַליין. און די מלוכה האָט נישט געהאַט גענוג מאַטעריעלע רעסורסן צו פאַרטיידיקן זיך, ווייל מיטן אָפּשטעלן — צוליב די מלחמות־אומרוען — דעם טראַנזיט־האַנדל און די קאָנטריבוציעס, זענען אָט די רעסורסן געוואָרן געוואַלדיק פאַרערעמט.

אַזוי אַרום איז כאַזאַריע אונטערגעגאַנגען אין רעזולטאַט פון די טיפע אינערלעכע סתירות און פון דעם מאַנגל פון אַ פעסטער מאַטעריעלער באַזע פון דער מלוכה. אָבער הגם אין XI י"ה איז געקומען אַן אויפשיטערנדיקער קלאַפּ, האָט נאָך די מלוכה עקזיסטירט ווארשיינלעך ביז דער העלפט פון XIII י"ה — נאַטירלעך, אין א שטאַרקער רעדוצירטער פאָרם, אין א גסיסה־צושטאַנד.

די כוזריש־יידישע מלוכה איז ענדגילטיק אונטערגעגאַנגען אין XIII י"ה, אין דער צייט פון דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן. לכתחילה האָבן די כוזרים — צוזאַמען מיט די וואָלגער בולגאַרן — זיך קעגנגעשטעלט די מאָנגאָלישע אַריינדרינגער. נאָכן יאָר 1239, נאָך אַ ריי גרונטיקע נצחונות

פון די מאָנגאָלן, ווערט כאַזאַריע אַרומגענומען אַלץ ענגער פון אַלע זייט דורך געביטן באַהערשטע פון מאָנגאָלישן כאַן באַטו. די כוזרים שטעלן אַ פּאַרטיזאַנער ווידערשטאַנד. זיי ווערן סוף כל סוף באַזיגט. דאָס לאַנד ווערט חרוב. כאַזאַריע ווערט אַ געוויינלעכער קרייז אין דעם לאַנד פון דער „גאָלדענער האָרדע“. אין געוויסע ערטער האַלטן זיך נאָך די כאַזאַרישע יידן, למשל משפּוט־קאַלע האָט זיך געפונען אין די הענט פון יידן ביזן י. 1261, ווען עס זענען אָנגעקומען די איטאַליענער פון גענואַ און חרוב געמאַכט די שטאָט און דעם יידישן ישוב, הרגענענדיק קודם כל דעם יידישן שטאָט־פירער, דעם נשיא אליהו.

די רעשטלעך פון די כוזרים־יידן האָבן נאָך עקזיסטירט אין דער ערשטער העלפט פון XIV י"ה. דערנאָך זענען זיי פאַרשוואונדן, אויסגעמישט געוואָרן צווישן די אַרומיקע פעלקער, אָדער אויסגעוואַנדערט. זייער הורות איז אָנגעגאַנגען אַן עמיגראַציע פון כאַזאַריע אויף מערב.

די געשיכטע פון די כוזרים און פון זייער יודאַיזירונג איז אַרומגעוועבט מיט פאַרשידענע לעגענדעס. אויך די לעגענדע וועגן די „רויטע יידעלעך“, וואָס שפּרייט זיך זינט דעם XVI י"ה, איז אַ פאַנטאַסטישע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכער עקזיסטענץ פון די כוזרים און דער כוזריש־יידישער מלוכה.

די עקזיסטענץ און דער גורל פון כאַזאַריע און פון די כאַזאַרישע יידן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער גענעזע פון די יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער, בפרט אין פּוילן און אויך אין אונגאַרן.

## קאַפּיטל זיבן

# די ערשטע יידישע ישובים אין די סלאַווישע און אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע

דער באַגין פון דעם יידישן קיום אין די סלאַווישע לענדער איז איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל. ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידן און ווען עס זענען אַנטשטאַנען די בכורהשע, פריסטע יידישע ישובים אין די לענדער פון די סלאַוון — איז גענוי נישט באַוווסט. אין פאַרשידענע אַלטע יידישע (העברעישע) דאָקומענטן זענען פאַראַן אָנדייטונגען, אַז די יידן וואָרצלען שוין אין די דאָזיקע לענדער קרוב 1200 יאָר. די באַרימטע כראָניק „עמק הבכא“ פון יוסף הכהן הרופא, וועלכע שטאַמט פון XVI י“ה, גיט איבער, אז לערך אין יאָר 690, נאָכדעם ווי די מאַכמעדאַנישע אַראַבער זענען אריינגעדרונגען אין פערסיע, זענען גרויסע צאָלן פערסישע יידן אַנטלאָפן פון לאַנד און אוועקגעוואַנדערט קיין אַלט־רייסן, דייטשלאַנד (אַשכנז) און ווייטער, וו זיי האָבן שוין געפונען יידישע ישובים*. צו דער דאָזיקער פעסטשטעלונג פון יוסף הכהן באַמערקט דער אַרויסגעבער פון „עמק הבכא“ ש. ד. לוצאַטו, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז פון גרויסן ווערט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויפן וועג פון אַלט־רייסן קיין דייטשלאַנד זענען די דאָזיקע יידישע פליטים פון פערסיע אַדורך דורך פוילן און זיך אפשר דאָ פאַרהאַלטן. הייסט עס, אז שוין סוף VII י“ה זענען געווען גרעסערע אָדער קלענערע יידישע מאַסן אין אַלט־רייסן (דרום־רייסן) און אפשר אויך אין פוילן און מישעביע. אונטער דער באַצייכענונג „אַשכנז“ האָט מען דעמלט געקאָנט פאַרשטיין אויך די מערב־סלאַווישע לענדער — און נישט בלויז דייטשלאַנד

* זע אויבן, קאַפּיטל פיר.

אַ כתבֿ־יד, וואָס שטאַמט פֿון פֿריען מיטלאַלטער און וועלכן מען האָט געפֿונען אין דעם אַרכיוו (גניזה) פֿון דער עלטסטער סינאַגאָגע אין קאַאיראָ, פֿיילט מיט וועגן הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס באַווײנען די געביטן פֿון די סלאַוון. די פֿאָרשער האַלטן די דאָזיקע געוואַלדיקע גוזמאַדיקע צאָל פֿאַר אַ פֿאָעטישן אויסדרוק, אָבער אייגנצייטיק מיינען זיי, אַז אין דער פּעסטשטשע־לונג איז פֿאַראַן אַ סך אמת. דער באַוווּסטער פֿאָרשער יעקב מאַן האַלט, אַז מען קאָן אויפֿן סמך פֿון דעם כתב יד אָננעמען, דאָס אין פֿריען מיטל־אַלטער זענען שוין געווען באַזעסן צאָלרייכע יידישע ישובים אין די לענדער פֿון טאַמטאַריע (קרים), אַלט־רייסן און פּוילן.

אין א העברעישן דאָקומענט (א בריוו), וואָס שטאַמט פֿון XI י״ה און אפֿשר פֿון פֿריער (געפֿונען אויך אין דעם קאַאירער סינאַגאָגע־אַרכיוו), ווערט רעקאָמענדירט איינער א ייד, וואָס קאָן נישט נישט העברעיש, נישט גריכיש, נישט אראביש, נאָר בלויז די שפּראַך פֿון כנען, „אין וועלכן עס רעדן די מענטשן פֿון זיין היימלאנד“. מיטן וואָרט „כנען“ האָט מען אין העברעישן שריפֿטנטום פֿון פֿריען מיטלאַלטער באַצייכנט די סלאַווישע לענדער.

די דאָזיקע דאָקומענטן, הגם עס איז אין זיי נישטאָ קיין בפֿירושע רייד וועגן יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער, פֿאַרמאָגן אָבער וויכטיקע שפּורן, לויט וועלכע מען קאָן אורטיילן, אז שוין אין פֿריען מיטלאַלטער איז אין די סלאַווישע געביטן געווען באַזעסן א לפֿי ערך צאָלרייכע יידישע באַפֿעלקערונג. ווען עס וואָלט אַזוי נישט געווען, וואָלט דאָך רש״י (XI י״ה) נישט געשריבן אין זיין „פּרדס“ וועגן געוויסע פּיוטים אין מחזורים אָט וואָס: „עס איז נישט דער מנהג זיי צו זאָגן אין גלות... דאקעגן זאָגט מען זיי אין גלות ספֿרד, כנען, גאַנצן רוימישן לאַנד און גאַנץ אלעמאַניע“.

פֿון רש״יס ווערטער דרינגען אַרויס צוויי מאָמענטן:

ראשית — זענען שוין די יידישע ישובים אין כנען, ד. ה. — אין די סלאַווישע לענדער — געווען אין XI י״ה אַזוי אָנגעזעען, אַז זיי ווערן אויסגערעכנט דורך אזא אויטאָריטעט ווי ר' שלמה יצחקי אין איין ריי מיט די גרויסע יידישע ישובים פֿון שפּאַניע (ספֿרד) און ביזאַנץ (רוימיש לאַנד). אַזאַ אָנגעזעענער ישוב האָט נישט געקאָנט אַנטשטיין אין משך פֿון א קורצער צייט. הייסט עס, אז די יידישע קבוצים אין די סלאַווישע לענ־דער האָבן עקזיסטירט שוין לאַנג פֿאַרן XI י״ה.

צווייטנס — האָבן די ערשטע יידישע ישובים פֿון די סלאַווישע לענ־דער ביזן XI י״ה זיך געפֿונען אין דער רעליגיעז־קולטורעלער איינפֿלוס־

ספערע פון די מזרח-יידן, וואָרעם זיי האַלטן זיך ביי די מנהגים און ביי דער ליטורגיע, וועלכע פאַרפליכטן — ווי רש"י שטעלט פעסט — אין בי־זאַנץ, אין שפּאַניע, ד. ה. — ביים בבלישן נוסח. ווי מיר ווייסן שוין, האָט זיך שוין אין X י"ה דער יידישער ישוב פון דער פראַנקישער אימפּעריע, פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד, גענומען עמאַנציפּירן פון דער בבלישער גייסטיקער העגעמאָניע און איבעררייסן מיטן נוסח פון די מזרח-יידן, שאַפנ־דיק דעם אָנהייב פון אשכנזישן יידנטום. די סלאַווישע יידן, און בתוכם די פּוילישע, האָבן זיך נאָך דעמלט געפונען אינעם קולטור-קרייז פון דעם יידישן ישוב פון בבל. ממילא ווערט פאַרשטענדלעך, אַז די עלטסטע יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער זענען ארויסגעקומען פון דער יידישער עמיגראַציע פון די איראַקיש-פּערסישע און ביזאַנטישע יידן, און אויך פון יידיש-כאַזאַרישע עמיגראַנטן, וועלכע זענען דאָך אויך ארויסגעקומען פון דעם מזרחדיק-ביזאַנטישן יידנטום.

וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישע קהלות (נישט סתם לויזע גרופּן) אין די סלאַווישע לענדער און וועגן זייערע שוין איינגעפאָרעמטע און איינגנאַרטיקע מנהגים שרייבן שוין יידישע רעליגיעזע אויטאָריטעטן פון סוף פון XI און אין אָנהייב XII י"ה. מנהגים קאָנען נישט ווערן אויס־געפאָרעמט אין א קורצן צייט-אָפּשניט, נאָר זענען א פּועל יוצא פון א לאַנ־גער אנטוויקלונג און פאַרוואָרצלונג.

די סלאַווישע שפּראַכן זענען געווען באַקאַנט די יידן שוין אין X י"ה און זיכער אַ סך פריער. עס איז אויפפאַלנדיק, אַז רבנו גרשם מאור הגולה (X י"ה) באַנוצט אין זיין טראַקטאַט צו „חולין" אַ סך סלאַווישע אויס־דרוקן, למשל וועגן געוויקסן און עסנוואַרג. די סלאַווישע גלאָסן אין רבנו גרשמס ווערק האָבן געקאָנט שטאַמען פון סלאַווישע יידן, אָדער פון די מערבדיקע יידן, די ראָדאַניטן, וואָס זייערע האַנדלס-שליאַכן אויף מזרח האָבן געפירט אויך דורך די סלאַווישע לענדער. אָבער קודם כל האָבן זיי געווים געשטאַמט פון סלאַווישע יידן.

די ערשטע יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער, וועלכע זענען לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן אנטשטאַנען אין VII י"ה, האָבן שוין געווים עקזיסטירט אין VIII י"ה. זייערע וואָרצלען שטעקן סיי אין מזרח, סיי אין מערב. לכתחילה האָט, ווייזט אויס, איבערגעוויגן דער מזרחדיקער, בבליש־ביזאַנטישער עלעמענט, וועלכער האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אונטערן איינפלוס פון דער יודאַיזירונג פון די כוזרים. די כוזרים און די כוזרישע יידן האָבן געפירט א ווירטשאַפטלעכע עקספּאַנסיע, קודם כל פון האַנדלס־

כאַראַקטער, און אַן ענערגישע מיסיאָנערישע יודאַיזיר־טעטיקייט צווישן די שכנותדיקע פעלקער און בתוכם אויך צווישן די סלאַוון. דורך פאַרשפּרייטן דעם יודאַיזם האָבן די כוזרישע הערשער, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל, געשטרעבט אריינצודרינגען פּאָליטיש ביי די דאָזיקע פעלקער און פאַרשטאַרקן זייער איינפלוס. יידן האָבן עמיגרירט פון כאַזאַרן־לאַנד אויף מערב, אין די טיפענישן פון די סלאַווישע לענדער שוין גאַנץ פרי. אין X י"ה און בפרט אין XI י"ה, ווען עס הייבט זיך אָן די שקיעה פון דער כוזרישער קראַפט, פאַרשטאַרקט זיך די עמיגראַציע פון כוזרישע יידן און אויך פון א סך יודאַיזירטע כאַזאַרן. זיי וואַנדערן איבער אין די סלאַווישע געביטן, זיי גייען וואַרשיינלעך לענגאויס די האַנדלס־שליאַכן און באַזעצן זיך אין אַלט־רייסן, דרום־פּוילן און אין דעם נישט־סלאַווישן אונגאַרישן לאַנד.

אין דער זעלביקער צייט ווערן די יונגע יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער געקרעפטיקט מיטן אָנקום פון יידן פון מערב. די ראַדאַניטן, וועלכע באַוועגן זיך מיט גרויסע סחורה־קאַראַוואַנען לענגאויס דעם האַנדלס־שליאַך, וואָס פירט דורך די סלאַווישע לענדער, שאַפן דאָ אין פאַרשידענע פונקטן זייערע פאַקטאָריעס, באַזעצנדיק אין זיי זייערע פאָרשטייער און משרתים.

דער באַוווסטער סאָוויעטישער פאָרשער, אַקאַדעמיקער גרעקאָוו, שרייבט אין זיין בוך „דאָס קיעווער רוס" (מאָסקווע 1953) אָט וואָס: „דער דאָזיקער מסחר (פון אַלט־רייסן אין VIII—X י"ה) מיטן מזרח האָט זיכער באַגינסטיקט דאָס שאַפן אויפן שטח פון אַלט־רייסן ערטער פון מאַגאַזינירן די סחורות און ערטער פון אויסטויש. שוין־זשע וואָלטן די מזרחדיקע סוחרים אַליין געקאָנט אַרומפאָרן איבער אונדזער ריזיקן לאַנד, כדי צו זוכן די נייטיקע פאַר זיי סחורות? נאַטירלעך, אַזעלכע האַנדלס־ערטער האָבן געמוזט אנטשטיין אין די סאַמע באַפעלקערטע מקומות און אויף די באַקאַנטע וועגן".

צווישן די מזרחדיקע סוחרים זענען געווען אַ סך יידן, ס'רוב כוזרישע, און זיי האָבן זיכער געשאַפן אַזעלכע פאַקטאָריעס, האַנדלס־ישובים, וועגן וועלכע עס רעדט גרעקאָוו. דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די מערב־דיקע סוחרים, די ראַדאַניטן, וועלכע האָבן אימפּאָרטירט אין אַלט־רייסן און אַנדערע סלאַווישע לענדער פראַנקישע שווערדן, מלבושים פון העכערער קוואַליטעט וכדומה און דאָ איינגעקויפט אָרטיקע פּראָדוקטן. די באַוועגונג פון די ראַדאַניטן דורך די סלאַווישע לענדער און דער ווקס פון

זייערע פּאָקסאָריעס פּאַרגרעסערן זיך זינט דער העלפט פון X י"ה, ווען די יידישע וועלט־סוחרים זענען געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון דעם מיטל־לענדישן ים דורך די אויפגעקומענע און שטאַרק געוואָרענע איטאַליענישע וועלט־האַנדלס־שטעט אַמאַלפי, באַרי, ווענעציע, פּיזאַ א.א. אונטער אויס־רייד פון רעליגיעזער קריסטלעכער קנאות שטופּן די איטאַליעניש וועלט־סוחרים אַרויס די ראָדאַניטן פון מיטללענדישן ים און ווערן פּטור פון דער יידישער קאָנקורענץ אין דעם ווייט־גרייכנדיקן לעוואַנטינישן (מזרחדיקן) האַנדל.

די יידישע וועלט־סוחרים פון שפּאַניע, דרום־פראַנקרייך און דעם ריין־געביט (לאָטאַרינגיע) רעזיגנירן נישט און טראָגן איבער זייער גאַנצן מסחר־וועג אויף די יבשהדיקע האַנדלס־שליאַכן, וועלכע שפּילן איצט פאַר זיי אַן אויסשליסלעכע ראָל. דער ערשטער עטאַפּ פון זייער וועג פון איי־ראָפּע אין טיף אַזיע אַריין איז אין X און XI י"ה דער שליאַך: מיינץ—קיעוו. דער ציטירטער גרעקאָוו שטרייכט אונטער, אַז דער הויפּט־צענטער פון דעם האַנדל צווישן אַלט־רייסן און מערב־אייראָפּע איז אין די פרי־מיטלאַלטער־צייטן געווען רעגענסבורג — דער דאָזיקער רעגענסבורג, ווו דער רוב בנין ורוב מנין פון זיין האַנדלס־עלעמענט איז באַשטאַנען פון יידן.

דער שליאַך פון דעם יידישן מערב־מזרח־האַנדל הייבט זיך אָן אין ווערדען און מיינץ און גייט דורך רעגענסבורג, ווו עס איז אַדאַנק דעם אויסגעוואַקסן אַן אָנגעזעענע יידישע קהלה, און קיין מאַגדעבורג. פון רע־גענסבורג פירט דער וועג קיין מעשכיע. אין די צאָל־סטאַטוטן פון דעם ראַפּאַלשטאַטער צאָל־קאַמער (ביים אַריבערגיין פון דייטשלאַנד קיין מעש־כיע) פון XI י"ה געפינט זיך א פּאַסוס וועגן פרעמדע לעגיטימע (געזעצ־לעך־אָנערקענטע) סוחרים, וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס „יידן און אַנ־דערע סוחרים".*

דער ווייטערדיקער וועג פירט דורך פּראָג (ווו עס איז שוין דעמלט פאַראַן אַן אָנגעזעענע יידישע קהלה), דערנאָך — מיטן דונאַי, דורך אונ־גאַרן (ווו אין די טייך־פּאָרטן זענען שוין פאַראַן יידישע ישובים), דורך דרום־פּוילן און פון דאַנען קיין רייסן, קיין טשערניגאָוו און קיעוו.

דער ווייטערדיקער עטאַפּ האָט געפירט פון רייסן אויף מזרח, דורך די געביטן פון די כאַזאַרן אַזש ביז איטיל, ביזן קאַספּישן ים — און ווייטער אין טיף אַזיע.

---

* „...legitimi mercatores, id est Judaei et caeteri mercatores".

אזוי ארום האָבן זיך אין די יידישע ישובים פון די סלאווישע לענדער באגעגנט אין פריען מיטלאלטער צוויי יידישע קולטור=עלעמענטן: פון מזרח (פערסיע, איראק, ביזאנץ, כאזאריע) און פון מערב (אראבישע און קריסט=לעכע שפאניע, שאמפאניע, לאָטארינגיע). עס האָט דערוויל פרעוואלירט דער ערשטער עלעמענט, אָבער דער איינפלוס פונעם צווייטן איז זיכער געווען א גענוג גרויסער. די ערשטע יידישע באפעלקערונג אין די סלאווישע לענדער האָט זיך אויסערלעך וויניק אונטערשיידט פון ארום, אָדער פון די פארשידענע דורכפאָרנדיקע פאָרשטייער פון אנדערע פעלקער. אין XI י״ה, למשל, האָבן די אָרמיקע יידישע פרויען געטראָגן אַן ענלעכע הלבשה ווי די סלאַווישע. סיי די, סיי יענע האָבן געטראָגן די א. ג. „פּעלענקאַ“ אָדער „אָדעזא“ (גרויסע פלאכטעס, אָדער פאטשיילעס, וואָס האָבן פאר=דעקט דעם קאָפּ און די אָרעמס) און ברייטע קליידער. אין געוויסע געגנטן האָבן די יידן געבילדעט א העכערן עלעמענט אין קולטור= און שטייגער=היגזיכט. למשל אין משעכיע, ווו מען האָט דעמלט ס׳רוב באלויכטן די שטיבער מיט שטורקאצן אָדער לייטענע אייל=לעמפלעך, האָבן די יידן בא=נוצט ליכט מיט קנויטן פון באוול. צווישן די סלאווישע יידן זענען געווען מעדיקער און רופאים, וועלכע האָבן געקאָנט די קונסט פון היילן איימער=דיקע וווּנדן, לאָזן בלוט מיט דער הילף פון אזעלכע מיטלען באנקעס, מאכן פראָטעזן פאר לאָמע וכדומה.

אין די צייטן פון פריען מיטלאלטער זענען שוין פאראן יידישע ישו=בים אין די פּאָלגנדיקע סלאווישע לענדער: אין משעכיע, בולגאריע, אינעם געביט פון די עלבע=סלאַוון,* אין פּוילן, אין אַלט=רייסן** און אויך אין דעם גישט=סלאווישן מזרח=אייראָפּעישן לאנד — אונגארן.

עס איז פאראן א השערה, אז יידן האָבן זיך געפונען אין משעכיע שוין תחילת דעם VII י״ה. די עלטסטע יידישע מצבה אויפן אלטן יידישן בית=עולם אין פּראָג זאָל שטאַמען פון יאָר 606. זיכער איז, אז א יידישע באפעלקערונג איז געווען באזעסן אין משעכיע שוין אין דער צייט פון דער גרויס=מאָראַווישער מלוכה, ד. ה. אין IX י״ה, און אין X י״ה איז שוין

---

* Słowianie połabscy

** מיר באַנוצן דעם אויסדרוק אַלט=רייסן. מיר מיינען, אַז מען קאָן זיך אויך אויסדרוקן: אַלט=רוסלאַנד, אָדער רוס. דער באַגריף רייסן נעמט ארום: רויט=רייסן (מזרח=גאַליציע), וואָלין, פּאָדאָליע און בכלל גאַנץ אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אין דייטש ווערט פאר באַנוצט דאָס וואָרט Reussen אזוי, אז אין יידיש קאָן מען באַנוצן: רייסן. אין די אַלט=העברעישע טעקסטן ווערט באַנוצט: רוסיאה.

דער יידיש־טשעכישער ישוב א לפי ערך צאָלרייכער און אָנגעזעענער. געוויסע פאָרשער נעמען אָן, אַז דער אויסדרוק „גבלים“ פון דעם בריוו פון חסדאי איבן שפרוט צום כאזארישן קיניג (X י"ה) באטייט טשעכיע. דאָס זאָל הייסן, אז עס איז דעמלט געווען א קאָנטאַקט צווישן די כוזרים און די טשעכישע יידן און צווישן די לעצטע מיט די שפּאַנישע יידן. די וויי־טערדיקע, נאָך דער פריערדיקער, עלטסטע מצבות אויפן פּראָגער בית־עלמין האָבן געשטאַמט פון 942 (פון יהושע בן יהודה) און 980 (פון „שיינדל אשת גבריאל“). פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט באשטייט דער ישוב פון בעלי־מלאכות און לאַנדווירטן, וועלכע בילדן די מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג, און פון סוחרים און א קלייגער צאָל מינצער. פון סאָציאלן שטאַנדפּונקט איז דער ישוב שטארק צעגלידערט, פון איין זייט געפינען זיך דאָ די דעמלט גרעסטע יידישע גבירים פון אלע סלאווישע לענדער (זיי האָבן אָנגעזאמלט די רייכטימער קודם כל פונעם וועלט־און טראנזיט־האנדל); פון דער צווייטער — קליינע פויערים, נישט באמיטלטע האנטווערקער און אפילו שקלאפן. פון איין זייט האָבן געוויסע יידיש־טשעכישע סוחרים געהאנדלט אויך מיט שקלאפן; פון דער צווייטער — ווי עס דרינגט אַרויס פון די שאלות־ותשובות פון דעם גרויסן רעליגיעזן אויטאָריטעט יהודה הכהן, האָט מען אין יענער צייט געהאַנדלט אויף די פּראָגער מערק אויך מיט שקלאַפן־יידן.

צווישן די יידישע בעלי־מלאכות זענען געווען מומחים אין וועבעריי, לעדער־אויסארבעטונג, שלייפעריי און בפרט אין דער פּראָדוקציע פון כלי־זיין. אין X י"ה נעמען יידן אָנטייל אין די מיליטערישע דרוזשינעס פון די טשעכישע פירשטן און באטייליקן זיך מיט געווער אין האנט אין די שלאכטן.

עס זענען אויך געווען יידן, ס'רוב געקומענע פון מזרח, דער עיקר פון בבל, וועלכע האָבן געדינט אין די דיפּלאָמאטישע מיסיעס פון די טשעכישע פירשטן אין X י"ה. די פירשטן האָבן אויסגענוצט זייער קענטעניש פון שפראכן און זיך באנוצט מיט זיי אין שליחותן אין ווייטע לענדער.

פּראָג, וווּ עס האָט זיך געפונען די גרעסטע יידישע קהלה אין לאנד, איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע האנדלס־שטעט אין צענטראל־אייראָפּע. דער רייזנדיקער דיפּלאָמאט און געלערנטער אברהם בן יעקב (איב־ראהים איבן יאקוב), א ייד פון דער אראבישער שפּאַניע, וועלכער האָט אין מיטן פון X י"ה באזוכט פּראָג, האָט איבערגעלאָזט די פאָלגנדיקע באַ־שרייבונג פון דער שטאָט:

„די שטאָט פּאראגא (פּראָג) איז געבויט פון שטיין און קאַלך. פון אלע לענדער איז זי די רייכסטע שטאָט אין סחורות. עס קומען אהין פון דער שטאָט קאראקאָ (קראָקע) רוסן און סלאוון מיט סחורות. און עס קומען אהין פון דעם טיורקן-לאנד מוזולמענער, יידן און טיורקן אויך מיט סחו-רות און האנדל-וואָגן, און זיי פירן פון דאָרטן ארויס קנעכט, צין און בלעריי מינים פּומערוווארג".

די טיורקן, וועלכע אברהם בן יעקב דערמאָנט אין דער באַשרייבונג, זענען ווארשיינלעך כוזרים אָדער כוזרישע יידן, וועלכע האָבן אויך געפירט א האַנדל מיט פּראָג. די יידישע סוחרים האָבן אויך געפירט מסחר-אָפּע-ראציעס צווישן פּראָג און ביזאַנץ.

פון דעם אָנטייל אין דעם ווייט-גרייכנדיקן האנדל האָבן די גרויסע יידישע סוחרים פון פּראָג אָנגעזאמלט באדייטנדיקע קאפּיטאלן.

אין דער טשעכישער טראדיציע זענען די בכורהשע טשעכישע יידן אריין ווי א פּאטריאָטישער און קעמפערישער עלעמענט. אין דער טשעכי-שער כראָניק פון XVI י"ה, פון ווענצעל האיעק, ווערט דערציילט, אז אין יאָר 955 איז געקומען ביי פּראָג צו א שלאכט צווישן קריסטן און געצנ-דינער, און — „דעמלט זאמלען די קריסטן זייער גאנצע קראפט, נעמען אויך די יידן צו הילף און באפאלן די געצנדינער. און היות די יידן האָבן אזוי ריטערלעך געהאָלפן די קריסטן קעגן די געצנדינער, איז זיי דערלויבט געוואָרן צו בויען א שול צווישן די קריסטן ביים אופער פון וואסער „מולדא" (מאָלדאַווע, וועלטאַוואַ).

אויב אפילו די באַשרייבונג שטימט נישט מיטן היסטאָרישן אמת, איז זי אָבער כאַראַקטעריסטיש ווי א טראַדיציע פון טיפער פארוואָרצלט-קייט פון די יידן אין טשעכיע.

אויך אינעם צווייטן לאנד פון די מערב-סלאוון, אינעם לאנד פון די עלבע-סלאוון, אָדער לוזשיצער סערבן, וואָס איז שוין געווען פארכאפּט דורך די דייטשישע פעאָדאלן, האָט זיך אין X י"ה געפונען א יידישער ישוב, וועלכער האָט שוין עקזיסטירט אפשר א סך פריער.

אין מאגדעבורג איז שוין געווען אן אָנגעזעענער יידישער ישוב אין דער צווייטער העלפט פון X יאָרהונדערט. דער יידישער ישוב אין דעם לאַנד איז אויפגעקומען אַדאַנק דער באַלעבטקייט פון דעם האַנדלס-שליאַך: מיינץ—גרויספּוילן, און פון דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון דעם צפונ-דיקן סלאווישן שבט, די וועלעטן, קיין פּראָג.

דער ערשטער דאָקומענט וועגן די ייִדן אויפֿן רעכטן ברעג פֿון דער לאַבע (עלבע) איז אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דעם דײַטשישן קייזער אָטאָ I (936—973), לויט וועלכער די ייִדן און אַנדערע מאַגדעבורגער סוחרים דאַרפֿן פֿון איצט אָן אונטערליגן דעם ערצבישאָף (אַרציביסקופּ). אויך אין דאָקומענטן פֿון די יאָרן 973 און 979 איז פֿאַראַן אַ רייד וועגן דער ייִדי־שער באַפֿעלקערונג פֿון דעם דאָזיקן געביט. די ייִדן ווערן באַטראַכט ווי אַן אײַנגנטום פֿונעם קייזער, פֿון דעם קייזערס אוצר („סערווי קאַמערע").

דער ציטירטער רייזנדיקער אַבֿרהם בן יעקבֿ (איבראַהים איבן יאַ־קוב), וועלכער האָט באַזוכט אין יאָר 965—966 די געגנטן פֿון לאַבע־סלאַוון, שרײַבט צוו. אַנד. אַט וואָס:

„אויפֿן האַנדלס־שליאַך, וואָס פֿאַרבינדט פּראָג מיט מאַגדעבורג, אַ ביסל אויף צפֿון פֿון דער טשעכישער גרענעץ, ליגט בײַם טײַך סלאַוואַ אַ ייִדישער ישובֿ, וואָס ווערט אָנגערופֿן מאַללאַהאַ אַל־יאַהוד" (אַ ייִדישער ווײַן־ראַיאָן).

אין XII י"ה איז אין מאַגדעבורג פֿאַראַן אַ פֿאָרשטאָט מיטן נאָמען יודענדאָרף.

די ייִדן פֿון דעם לאַנד פֿון די לאַבע־סלאַוון האָבן זיך פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט, מלאכה און מסחר. צווישן די סוחרים זענען געווען אַ סך ענערגישע אונטערנעמער, בפֿרט אין מאַגדעבורג, וועלכע האָבן אָפּגעשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָל אינעם וועלט־ און טראַנזיט־מסחר.

אין די ווײַטערדיקע דורות האָט זיך דער האַרטיקער ייִדישער ישובֿ אַרײַנגעגאָסן אין דײַטשישן ייִדנטום און האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן אַ זעלבשטענדיקע ראָל. די שפּעטערדיקע רדיפֿות אויף ייִדן אין דײַטש־לאַנד האָבן צוגעיאָגט דעם פּראָצעס פֿון אײַנשרומפּונג פֿון דעם דאָזיקן ישובֿ.

אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד איז שוין אויך פֿאַראַן אַ צאָלרײַכער ייִדישער ישובֿ אין אונגאַרן. זײַן געבורט איז אײַנגעהילט אין אַ נעפּל. אין X י"ה וואַנדערן אַרײַן אין אונגאַרן גרעסערע צאָלן ייִדן אינאיינעם מיט דעם פּיילוויז יודאַיזירטן כוזרישן שבֿט, די קאַבירן, וועלכע האָבן זיך צעבונ־טעוועט קעגן די כאַזאַרישע הערשער און זענען אַוועק אין די געביטן פֿון הײַנטיקן אונגאַרן; זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט צוזאַמען מיט די אונגאַרישע שבֿטים, וועלכע האָבן געהאַט געוויסע געמיינזאַמע אָפּשטאַם־עלעמענטן מיט די כאַזאַרן. צוזאַמען מיט די יודאַיזירטע קאַבירן האָט אײַנגעוואַנ־דערט קיין אונגאַרן נאָך איין כוזרישער שבֿט — די כוואַליסן, וועגן וועלכע

עס גייט אָן אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט א פּלוגתא, צי זיי זענען פון יידישן גלויבן, אָדער פון מוזולמעניש. דער יידישער פאָרשער פון רומעניע, מ. הלוי, האַלט, אַז זיי זענען געווען פון דער יידישער אמונה; ער פאַר־רופט זיך אויף דעם ביזאַנטישן מחבר פון XII י"ה יאן קינאַמאָס, וועל־כער האָט געשריבן, אז די כוואַליסן אין אונגאַרן האָבן געהערט צו משהם גלויבן. דאקעגן דער פּוילישער פאָרשער ט. לעווויצקי, וועלכער שטיצט זיך אויף אנדערע קוועלן, האַלט, אז זיי זענען געווען מוזולמענער.

אלנפאַלס זענען פאראן דאָקומענטן, וועלכע זאָגן עדות, אז אין דער ערשטער העלפט פון X י"ה איז שוין געווען א יידישער ישוב אין אונגאַרן. למשל אין דער שטאָט שופּרון זענען שוין אין יאָר 926 געווען יידן. א ריי נעמען פון דאָרפישע ישובים אין אונגאַרן ווייזן אָן אויף זייער כוזרישן אָפּ־שטאַם (קים־קאזאַר, קאזאַר, ראַטש־קאַזאַר).

אין X י"ה האָט זיך פאַרשטאַרקט די יידישע עמיגראַציע פון די אַמאָליקע כוזרישע געביטן קיין אונגאַרן. אין XI י"ה איז שוין פאראן אין דעם לאַנד א צאָלרייכער און שטאַרקער יידישער ישוב מיט שולן, רבנים און קהלות. די רבנים זענען שטרענג פרום און באַשטראָפן פאַר מחלל שבת זיין. דער ישוב ווייזט ארויס אַן ענערגישע מיסיאָנערישע, פּראָזעליטישע טעטיקייט, אין דער ערשטער העלפט פון XIII י"ה, אין די צייטן פון די אונגאַרישע קיניגן אַנדרע II און בעלא IV, ווערט נאָך אַלץ פאָרגעזעצט די דאָזיקע טעטיקייט.

די אונגאַרישע מושלים האָבן אין די צייטן פון פריען מיטלאַלטער זיך באַצויגן אין אלגעמיין טאָלעראַנט לגבי די יידן און אַנדערע ניש־קריסט־לעכע עלעמענטן (מוזולמענער אאַ.). אינערהאַלב דער יידישער באַפעלקע־רונג איז אָנגעגאַנגען א צונויפשמעלצונג פון די פאַרשיידענע אָפּשטאַמיקע עלעמענטן (כוזרים, מזרחדיקע און מערבדיקע יידן). דער דאָזיקער פּראָ־צעס מאַכט אדורך זיין ענדגילטיקע אויספאָרמירונג אין דער ערשטער העלפט פון XIII י"ה.

די יידן פון אונגאַרן האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, מלאכה און מסחר. אן אָנזעעוודיקער טייל פון זיי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מילי־טער־הינסט, בפרט די געקומענע פון די כוזרישע געביטן.

דער יידישער ישוב אין בולגאַריע איז דער עלטסטער פון אלע יידישע קיבוצים אין די סלאַווישע לענדער, זיינע וואָרצלען דערגרייכן אזש ביזן אַלטערטום, אויף וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן אינעם ערשטן קאַפּיטל. אין VIII און IX י"ה מאַכט דער יידישער ישוב פון בולגאַריע אדורך אַן אויפ־

שוונג. דער ישוב ווערט סיי אין זין פון צאָל, סיי אין הינזיכט פון קולטור געשטאַרקט דורך א העפטיקער אימיגראַציע פון ביזאַנטישע יידן, וועלכע ווערן אין דער געשיכטע פון די יידן אין בולגאַריע אָנגערופן „ראמעאי“ (רוימער; ביזאַנץ איז דאָך געווען די נאָכפאָלגערין פון געפאלענעם רוים). עס קומט אויך א צווייטע אימיגראַציע-כוואַליע — עס וואַנדערט אריין אין לאַנד א יידישע מאַסע צוזאמען מיט די אספארוכישע בולגאַרן.

אין דעם האָזיקן פעריאָד פילן זיך די בולגאַרישע יידן אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז זיי הייבן אָן פירן אַן ענערגישע מיסיאָנערישע יודאַיזאַציע-טעטיקייט. די איינפלוסן פון דער עקספּאַנסיע פונעם יודאַיזם דערגרייכן אפילו אין דער קיניגלעכער (צאַרישער) משפחה. דער ביישפיל פון כאַזאַריע האָט, ווייזט אויס, געווירקט אויף די בולגאַרישע יידן.

די בולגאַרישע יידן ווייזן ארויס אין דעם באהאנדלטן פעריאָד אויך ערנסטע סימנים פון אַ זעלבשטענדיקער קולטור-שאַפונג. אין XI י״ה דערשיינט אַ מדרש „לקח טוב“ פון אַ יידיש-בולגאַרישן רעליגיעזן געלערנטן טוביה בן אליעזר. די בולגאַרישע יידן געפינען זיך דעמלט אינעם קולטור-קרייז פון די ביזאַנטישע יידן. די רייכע און אונטערנעמערישע עלעמענטן פון בולגאַרישן יידנטום נעמען א טעטיקן אָנטייל אין דעם האנדל מיט משעכיע.

דער סאמע וויכטיקסטער יידישער ישוב אין די סלאווישע לענדער איז אין די צייטן פון פריען מיטלאַלטער געווען אין דרומדיקן אַלט-רוסלאַנד (רוס, רייסן). דער אַלטער יידישער געלערנטער הרכבי האָט געהאַלטן, אַז אין פריען מיטלאַלטער האָט זיך אויפן ריזיקן שטח, וואָס האָט זיך געצויגן פון די כוזרישע גרענעצן אַזש ביז טשעכיע, געפונען א גרויסער יידישער ישוב, וועלכער האָט גערעדט אויף סלאווישע שפּראַכן. אויפן ריזיקן שטח איז געלעגן אַלט-רייסן, וווּ דער דערמאָנטער צאָלרייכער יידישער ישוב האָט עקזיסטירט ווארשיינלעך זינט דעם VII י״ה און איז באַשטאַנען ס'רוב פון יידן געקומענע פון פערסיע און שפּעטער פון די כאַזארישע געביטן, בפרט פון קרים, פון יודאיזירטע כוזרים און אויך פון יידן געקומענע פון מערב, בפרט מיט די קאַראַוואַנעס פון די ראַדאַניטן.

ווי באַקאַנט, איז געווען א צייט, ווען א ריי אַלט-רייסישע פירשטנטומים האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דער כוזרישער מלוכה אָדער געצאָלט א שטענדיקן שטייער די כוזרים. מיר האָבן שוין אויך אָנגעוויזן אויף די לעבעדיקע האנדלס-קאָנטאקטן צווישן כאַזאַריע און אַלט-

רייכן. אָט די צוויי סיבות, האָבן, ווייזט אויס, גורם געווען אַ באַזעצונג פון כוזרים און כוזרישע יידן אין די געביטן פון דרום־רייסן. אין משך פון IX י״ה און נאָך שטאַרקער נאָכן X י״ה, זינט דער אָפּשוואַכונג פון דער כוזרישער מלוכה, איז אָנגעגאַנגען אַ מאַסן־עמיגראַציע פון יידן פון כאַזאַריע קיין אַלט־רייסן. עס זענען אַנטשטאַנען יידיש־כוזרישע ישובים אין די פּירש־פּנטוממס פון טשערניגאָוו, פּערעיעסלאַוו און קיעוו. אין XI י״ה האָבן די טשערניגאָווער פּירשטן געשאַפן כוזרישע מיליטערישע קאָלאָניעס אין זייער געגנט. די אַלט־רייסישע פּירשטן האָבן קאָלאָניזירט אויף זייער ערד גרויסע צאָלן פּרעמד־אָפּשטאַמיקע פּויערים, וועלכע זענען איינצייטיק געווען מחויב צו דינען אין די מיליטערישע דרוזשינעס פון די דאָזיקע קניאַזשן. צווישן אָט די קאָלאָניסטן זענען אויך געווען באַדייטנדיקע צאָלן יידן.

איינצייטיק וואַקסט די צאָל יידן אין די שטעט פון אַלט־רייסן. אין XI י״ה איז שוין באַקאַנט אַן אָנגעזעענער יידישער ישוב אין קיעוו, וווּ עס זענען דעמלט פאַראַן צוויי יידישע וווין־ראַיאָנען: פון כוזרישע יידן און פון מערבדיקע יידן (ראָדאַניטן), וועלכע קומען, ווי מיר האָבן שוין אָנגע־מערקט, קיין אַלט־רייסן, אָדער האָבן דאָ איינעם פון זייערע הויפּט־עטאַפּן, און שאַפן אויפן אָרט זייערע פאַקטאָריעס.

בכלל האָבן די יידן אַ באַדייטנדיקן חלק אין שאַפן און אַנטוויקלען די שטעט פון דעם האַלב־פּאַטריאַרכאַלן, האַלב־פעאָדאַלן אַלט־רייסן. די פאַק־טאָרן, וואָס האָבן מיטגעווירקט ביים שאַפן די עלטסטע אַלט־רייסישע שטעט, זענען געווען דריי: די אַנטוויקלונג פון דער מלאכהשער פּראָדוקציע, אין וועלכער די יידן פון אַלט־רייסן האָבן גענומען אַ טעטיקן אָנטייל; דער וווּקס פון דעם צווישנלענדישן מסחר, אין וועלכן די יידן, סיי פון מערב, סיי פון מזרח האָבן געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָל; און — די מיליטעריש־ווירטשאַפטלעכע צילן פון די פּירשטן, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן אַרום זייערע פעסטונגען אַ פּראָדוקציאָנעלן ישוב. שוין אין VII און VIII י״ה זענען אין אַלט־רייסן פאַראַן עמבריאָנען פון שטעט. אין IX, X און XI י״ה מאַכן די אַלט־רייסישע שטעט אַדורך אַ בפירושע אַנטוויקלונג. עס אַנטשטייען אָדער וואַקסן אויס אַזעלכע שטעט, ווי קיעוו, טשערניגאָוו, פּע־רעיעסלאַוו, ראָסטאָוו, סמאָלענסק, פּאָלאָצק, וויטעבסק יאַא. די דאָזיקע יאָרהונדערטער זענען איינצייטיק דער פּעריאָד פון אַ מאַסן־אימיגראַציע פון יידן אין אַלט־רייסן אַריין.

פון תחילת דעם XII י״ה שטאַמען שוין קאָנקרעטע ידיעות וועגן יידי־

שע ישובים, שוין נישט בלויז אין קיעוו, נאָר אויך אין טשערניגאָוו, אין סמאָלענסק אין וולאַדימיר-וואָלינסק; אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1151 ווערט דערמאָנט א „יידישער טויער" אין קיעוו; אין א דאָקומענט פון 1171 ווערט דערציילט, אז דער ייד בנימין פון וולאדימיר-וואָלינסק פאָרט נאָך סחורות קיין קעלן און פירט געשעפטן בשותפות מיט א פראנצויזישן ייד אברהם פון קאראנטאן.

איינגעוואנדערטע סוחרים און כוזרישע יידן בויען אוים תחילת דעם XII י"ה זייערע ישובים אין האָמלער געגנט; צווישן אַנדערע האָבן זיי געגרינדעט די שטאָט ביאַלאָוויעזש ביים אויבערשטן פלוס פונעם דניעסטער.

אין XII י"ה גייט אָן אַ מאַסן-עמיגראַציע פון יידן קיין אַלט-רייסן נישט בלויז פון די כוזרישע געביטן, נאָר אויך פון איראַק (בבל).

די קיעווער, טשערניגאָווער און אנדערע פירשטן (יאראָסלאוו, 1019—1054, איזאַסלאַוו, 1036—1074, סוויאַטאָפּעלק, 1093—1113, דאַנילאַ ראָמאַנאָוויטש אאַ.) באַגינסטיקן די קאָלאָניזירונג פון יידן, וועלכע שפּילן א וויכטיקע ראָל אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד — זיי אַנטוויקלען א טעטיקייט אויפן געביט פון מסחר און מלאכה, זיי דינען אין די פירשטלעכע דרוזשינעס, זיי ארבעטן אויף ערד, און דער עיקר: זיי פירן א ברייט-באַרצווייגטן צווישנלענדישן מסחר. א קליינער טייל יידן, בפרט אין קיעוו, פאַרנעמט זיך אויך מיט קרעדיט-אָפּעראַציעס, דער עיקר אַלס חלפנים.

אַדאַנק די ראָדאַניטן ווערט אַלט-רייסן באַקאַנט אין מערב. אינעם יידישן (העברעישן) שריפטטום פון יענע דורות איז שוין גוט באַקאַנט דער טערמין „רוסיא", אָדער „רוסיאה", וואָס באַטייט ס'רוב אַלט-רייסן, אָבער אָפט — בכלל די סלאַווישע לענדער. דער רייזנדיקער ר' פתחיה פון רעגענסבורג, וועלכער איז געפאָרן מיטן שליאַך פון די ראָדאַניטן, שרייבט אין זיינע „מסעות רבי פתחיה" צווישן אַנדערן אָט וואָס: „צוערשט איז ער אוועק פון פראָג, וואָס ליגט אין בעמען... קיין קיעוו, וואָס ליגט אין רוסיאה, אין רוסיאה איז ער געגאנגען זעקס טעג צום טייך דניעפּער".

דער צווייטער באַקאַנטער יידישער רייזנדיקער פון XII י"ה, ר' בנימין פון טאָדעלאָ, וועלכער האָט אַדורכגעמאַכט אַ נסיעה איבער אייראָפּע, אַזיע און אפריקע, גיט אין זיינע „מסעות רבי בנימין" די פאָלגנדיקע באַשרייבונג: „און ווייטער איז פאַראַן דאָס לאַנד פּיהם (בעמען, טשעכיע), און די שטאָט רופט זיך אָן פראָג, און דאָ הייבט זיך אָן דאָס לאַנד אסלאבאָניע

(פון די סלאַוון), און די יידן, וואָס וווינען דאָרטן, רופן עס אָן כנען, ווייל די דאָרטיקע איינוווינער פאַרקויפן צו אַלע פעלקער זייערע זין און טעכטער פאַר שקלאַפן. דאָס זענען די מענטשן פון רוס, און דאָס איז אַ גרויסע מלוכה, [וואָס ציט זיך] פון דער שטאָט פּראָג ביז קיעוו, אַ גרויסע שטאָט אויף די ראַנדן פון דער מלוכה... און דאָס איז אַ לאַנד פון בערג און וועלדער און עס געפינען זיך דאָרטן ווילדע חיות... און די מענטשן גייען נישט אַרויס דאָרטן ווינטער אויסערן שוועל פון הויז צוליב דעם גרויסן פראָסט. און עס זענען דאָרטן פאַראַן מענטשן, וועלכע עס פאַלט אַראָפּ די עק פון נאָז צוליבן גרויסן פראָסט".

עס איז קלאָר, אַז די יידן פון מערב-אייראָפּע איז אָנגעקומען שווער זיך צו אַקלימאַטיזירן אין דעם דאָזיקן לאַנד. די ראָדאַניטישע פאַקטאָריעס האָבן געשאַפן אַ מינדערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַלט-רייסן. דער עיקר איז דאָס געווען אַ ישוב פון יידיש-כוזרישן אָפּשטאַם. די כוזרישע מלוכה האָט, ווי געזאָגט, צוליב ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע סיבות פאָרסירט אַן עמיגראַציע פון אירע טרייע יידן קיין אַלט-רייסן. צוליב די זעלביקע סיבות האָבן די כוזרישע יידן אַנטוויקלט אין אַלט-רייסן אַ מיסיאָנערישע יודאַיזאַציע-טעטיקייט, וועגן וואָס מיר האָבן שוין געשריבן אין פריערדיקן קאַפּיטל. בכלל איז דער פריער מיטלאַלטער געווען אַ תקופה פון שפּרייטן דעם יודאיזם אין מזרח-אייראָפּע (די כוזרים, די באַמיונגען אין בולגאַריע און אין אונגאַרן, די טעטיקייט אין אַלט-רייסן). זיכער איז דאָס געווען אויך דער ליניע פון די פּאָליטישע עקספּאַנסיע-צילן, אָדער פון די פאַרטיידיקונגס-צוועקן פון דער כוזרישער מלוכה. די דאָזיקע טעטיקייט האָט אין אַלט-רייסן געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג, אָבער שאַפן דאָ אַ יודאיזירטע מלוכה, ווי דאָס איז פריער געווען דער פאַל אין כאַזאַריע, איז נישט געלונגען, ווייל דער פירשט וולאַדימיר סוויאַטאָסלאַוויטש (978—1015), וועלכער ווערט אָנגערופן „דער גרויסער", האָט אָנגענומען סוף דעם X י"ה דעם קריסטנטום (לויטן אָרטאָדאָקסישן נוסח). וועגן די באַמיונגען פון די יידיש-כוזרישע מיסיאָנערן און זייער דורכפאַל איז פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטישע לעגענדע, וועלכע ווערט (אַלס ווירקלעכקייט) איבערגעגעבן אין אַן אַלט-רוסישן ליעטאָפּיס (כראָניק) אונטער דער דאַטע פון 986; אָט וואָס מיר הערן אין דער לעגענדע:

„כוזרישע יידן זענען געקומען צו וולאַדימירן און געזאָגט צו אים:
„מיר האָבן געהערט, אַז עס זענען צו דיר געקומען בולגאַרן און קריסטן און דיר דערציילט וועגן זייער אמונה; די קריסטן גלויבן אין דעם, וועמען

מיר האָבן געקרייציקט, און מיר גלייבן אין איינציקן גאָט פון אבֿרהם, יצחק און יעקבֿ". און ס'האָט געזאָגט וולאדימיר: „און וואָס באַשטייט אייער גלויבן?" האָבן זיי געענטפערט: „אין מילה, נישט עסן חזיר און ווילד־פלייש און אָפּהיטן שבת". האָט ער צו זיי געזאָגט: „וווּ איז אייער היים?" דער ענטפער איז געווען: „אין ירושלים". און ער האָט געזאָגט: „זענט איר דאָרטן?" האָבן זיי אים געענטפערט: „גאָט האָט זיך דערצאָרנט אויף אונדזערע אבֿות און האָט זיי צעזייט איבער זיבן ימען, צוליב אונדזערע חטאים איז אונדזער לאַנד אריבער אין די הענט פון די קריסטן". האָט ער צו זיי א זאָג געטאָן: „ווי קומט איר צו לערנען אַנדערע, בעת גאָט האָט אייך פאַרטריבן און צעזייט? ווען גאָט וואָלט אייך ליב געהאַט, וואָלט ער אייך נישט צעזייט און צעשפּרייט איבער פרעמדע לענדער, ווילט איר אויך אונדז אריינשלעפּן אין דער זעלביקער צרה?".

עס איז קלאָר, אַז די מחברים פון אָט דער לעגענדע זענען קריסטלעכע גלחים אָדער מיסיאָנערן; זיי האָבן אריינגעלייגט אין מויל פון די ייִדישע מיסיאָנערן אַזעלכע ווערטער, וועלכע כוזרישע ייִדן וואָלטן נישט געזאָגט, ווייל זיי וואָלטן זיך זיכער געריסט, אַז זייער היים איז די שטאַרקע כוזרישע מלוכה; אויך וואָלטן זיי נישט דערקלערט, אַז די ייִדן האָבן געקרייציקט קריסטוסן. און דאָך איז די לעגענדע כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דעם פירשט וולאדימיר, וועלכער האָט אָנגענומען דעם קריסטנטום, א רעליגיע, וואָס האָט שוין געהערשט אין גאַנץ אייראָפּע און האָט געהאָלפן די פעאָדאַלן צו באַפעסטיקן זייער קלאַסן־ממשלה, און ער האָט אָפּגעוואָרפן די ייִדישע רעליגיע, וועלכע האָט געהערשט אין כוזרים־לאַנד, ד. ה. — אינעם לאַנד פון זיינע קעגנער.

דער סאָוויעטישער היסטאָריקער גרעקאָוו קלערט אויף דאָס איינפירן דורך דעם פירשט וולאדימיר סוויאטאָסלאַוויטש דעם קריסטנטום אָט אזוי: די הערשנדיקע קלאַסן פון אַלט־רייסן האָבן געשטרעבט פּטור צו ווערן פון דעם אַלטן פּאָגאַנישן גלויבן, וועלכער האָט אַנטשפּראָכן דעם אַלטן שבֿטים־סדר, אָבער נישט דער פאַרמיפנדיקער זיך אַלץ מער קלאַסן־געזעלשאַפט. איינפירן א נייעם גלויבן־סיסטעם, וואָס זאָל אָנערקענען און באַשטעטיקן די קלאַסן־אונטערדריקונג, איז פאַר די הערשנדיקע קלאַסן פון אַלט־רייסן געווען אַ לעבנס־פראַגע. אין יענער צייט האָט מען שוין אין אַלט־רייסן געקענט דריי רעליגיעס, אַנטשטאַנענע אויף דער באַזע פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט: די ייִדישע, די קריסטלעכע און די מוזולמענישע. דעם פירשט וולאדימיר האָבן ארומגערינגלט ייִדן, מאַכמעדאַנער, קריסטן־

אָרטאָדאָקסן און קריסטן פון מערב־אייראָפּע. די הערשער פון אַלט־רייסן האָבן פון די אַלע דריי רעליגיעס אויסגעקליבן די קריסטלעכע צוליב דער פּאָליטישער לאַגע פונעם לאַנד און צוליב דעם חשק זיך צו דערנענטערן קולטורעל צו דער מערהייט לענדער פון אייראָפּע. לאָמיר צוגעבן, אַז אָנגענומען דעם יודאַיזם וואָלט פאַר די הערשער פון אַלט־רייסן באַטייט ארונטערפאלן נאָך מער אונטער דער העגעמאָניע פון כאזאריע. און איינציטיק איז אַ פאַרבינדעטער פון אַלט־רייסן געווען ביזאַנץ, אַ פאַרבינדעטער נישט קיין געפערלעכער, ווייל ער האָט זיך געפונען פונדערווייטנס. דער אומשטאנד האָט דעצידירט, און וולאדימיר מיט זיין נאָענטסטער סביבה האָבן אָנגענומען דעם קריסטנטום לויטן ביזאנטיש־אָרטאָדאָקסאלן נוסח. אָבער די ברייטסטע פאָלקס־מאסן זענען נאָך גאנץ לאנג געבליבן צוגעבונדן צום אלטן פּאָגאנישן גלויבן, אזוי ווי דאָס איז געווען פריער אין כאזאריע, און א ביסל שפּעטער אין פּוילן.

נישט געקוקט אויפן דורכפאל אויף וולאדימירס הילף, האָבן די כוזרישע יידן קאָנטינואירט זייער טעטיקייט. די פּאָזיציע און די איינפלוס פון די יידן אין אַלט־רייסן, געשטיצט אויף דער אינערטישער קראַפט פון דער כוזרישער מלוכה, זענען געווען אין דער צווייטער העלפט פון X און אין משך פון XI י"ה אזוי גרויס, אז זייער מיסיאָנערישע יודאיזאציע־טעטיקייט איז געווען אן ערנסטע קאָנקורענץ פאר די קריסטלעכע מיסיאָנערן. דער קיעווער מעטראָפּאָליט אילאריאָן איז געצווונגען געווען צו שיצן די קריסטלעכע אמונה קעגן דער תורת משה אין ספּעציעלע שריפטן; דער איהומען (אָנפירער) פון דער פּיעטשערסקער לאווראַ טעאָדאָזיוס (1057—1074), וועלכער איז באַטיטלט געוואָרן „הייליקער", פלעגט האָבן אָפטע דיספּוטן מיט יידן און איז געווען גרייט אומצוקומען מיט א מארטירערטויט פון זייערע הענט. די אָקאָרשט צום קריסטנטום באַקערטע אַלט־רייסישע פעאָדאלן האָבן זיך נאָך א לאנגער צייט געוואקלט צווישן מאָזאיזם און קריסטנטום. אזוי ווערט למשל איבערגעגעבן, אז דער פירשט איזאסלאוו יאראָסלאוואָוויטש האָט געפּרעגט דעם דערמאָנטן הייליקן טעאָדאָזיוס, צי מעג מען שעכטן בהמות אום זונטיק. טעאָדאָזיוס האָט אים געענטפערט, אז אַדאַנק דעם אָנגענומען דעם קריסטנטום ווערט מען באַפרייט פון היטן די פאָרשריפטן פון יידישן ריטואל בנוגע דעם, אז מען טאָר אום שבת נישט קאָכן, נאָר מען מוז צוגרייטן דאָס עסן מיט א טאָג פריער, ווי דאָס איז דער מנהג ביי יידן. פון אָט דער מעשה קאָן מען דרינגען, אז די יידישע מנהגים האָבן זיך געשפּרייט אין לאנד, בפרט צווישן העכערן שיכט, און

דער קריסטלעכער קירך איז אײַנגעקומען צו פירן א שווערע ארבעט. מען קאָן, חוץ דעם, אָננעמען פאר זיכער, אז דער יודאיזם האָט געהאט אין לאַנד געוויסע איינפלוסן נאָך איידער אַלט־רייסן איז געוואָרן קריסטלעך.

פון דעם אַלעמען איז צו זען, אַז די לאַגע פון די יידן אין אַלט־רייסן אין הינזיכט פון זיכערקייט און פון צוזאַמענלעבן מיט דער אָרטי־קער ג״שט־יידישער באַפעלקערונג איז געווען א גוטע. אין משך פון דעם דאָזיקן גאַנצן פעריאָד האָט פּאַסירט בלויז איין פאַל פון ארויסטרעטונגען קעגן א געוויסן דינעם שיכט יידן, און דער דאָזיקער פאַל, וואָס איז פאָר־געקומען אין קיעוו אָנהייב דעם XII י״ה, איז אויך נישט געווענדעט ספּע־ציעל קעגן די דאָזיקע יידן, נאָר איז געווען א פראַגמענט פון אן אויפרודער פון אן אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

געשען איז דאָס אין קיעוו אין חודש אפּריל פונעם יאָר 1113, אויפ־צומאָרגנס נאָכן טויט פון דעם פירשט סוויאַטאָפּעלק איזאַסלאַוויטש, וועל־כער איז געווען פאַרהאַסט דורך דער קיעווער פאָלקס־מאַסע מחמת זיין שלעכטקייט, אכזריות און גיריקייט. זיין אָרט האָט געזאָלט פאַרנעמען דער זון מסטיסלאַוו, וועגן וועלכן מען האָט געוווּסט, אז ער איז נישט בע־סער פונעם טאַטן. די פאָלקס־מאַסע איז ארויס אין גאס מיט א בונט און זיך געוואָרפן אויפן הויף פון דעם פירשטלעכן מיליטער־פירער פוטיאַטא, באַפאַלן די הויפן פון דער אריסטאָקראַטיע און די הייזער פון די יידישע פינאַנסיסטן און חלפנס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ענגע פאַרבינדונגען מיטן פירשט און זיינע מקורבים. דער המון האָט אָנגענומען א דראָענדיקע שטעלונג אויך לגבי די מאָנאַסטירן, וועלכע האָבן געשטיצט די פירשטלעכע מאַכט און פאַרמאָגט גרויסע אוצרות. די שטאָט־פּאַטריציער, איבערגע־שראָקן צוליב דער בונט־כוואַליע, האָט זיך געווענדט צום פירשט וולאַדי־מיר מאָנאָמאַך (1053—1125), וועלכער איז געווען אן אָנהענגער פון פאַראייניקן גאַנץ אַלט־רייסן, ער זאָל פאַרנעמען קיעוו און מאַכן אַ סוף צו די פאָלקס־אומרוען. וולאַדימיר האָט לכתחילה אָפּגעזאָגט. דעמלט האָבן די שטאָט־פּאַטריציער געשיקט וולאַדימירן א צווייטע ווענדונג, אין וועלכער זיי האָבן געשריבן, לויט אַן אַלטער כראָניק, אָט וואָס:

„קום, קניאַזש, קיין קיעוו. אויב דו וועסט נישט קומען, זאָלסטו וויסן, אז עס וועט געשען א סך שלעכטס. נישט בלויז פוטיאַטאס הויף, און נישט הויף־מענטשן, נאָר אויך די יידן זענען באַרויבט געוואָרן, און אויב דו וועסט נישט קומען, וועסטו זיין פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל זיי (דאָס פאָלק) וועלן גיין ראַבירן אויך דיין אייגנטום און די באָיאַרן און די מאָנאַסטירן“.

פון די ווערטער פון דער אָקאָרשט ציטירטער אַלט־רייסישער כראָ־ניק הריגנט ארויס, אז די קיעווער ציבונגמעוועסטע פאָלקס־מאסע איז ארויס־געטראָטן נישט בלויז און נישט ספּעציעל קעגן יידן, נאָר קעגן אלע שיכטן און עלעמענטן, וועלכע זענען געווען פארבונדן מיט דער פירשטלעכער מאַכט; און אזעלכע זענען געווען אויך די יידישע ווכערער און חלפנים פון קיעוו, וועלכע האָבן געליטן בעת די אומרוען פונקט ווי די פירשטלעכע מקורבים און פונקט ווי עס וואָלטן געליטן אויך די קריסטלעכע מאָנאסטירן, ווען עס קומט נישט הילף למובת דעם שטאָט־פּאטריציאט. בכלל האָט זיך געענדיקט בלויז אויפן רויב.

אין א 11 יאָר ארום האָט דעם יידישן ישוב אין קיעוו געטראָפן א שווע־רע נעשעעניש: אין יאָר 1124 איז אין דער שטאָט אויסגעבראָכן א גרוי־סע שרפה, וועלכע האָט די רייכע יידן פארוואנדלט אין קבצנים. בעת דער שריפה זענען אויך פארברענט געוואָרן א סך צערקווען.

אָבער נישט דער פאל פון 1113, נישט די בראנד־שריפה פון 1124 האָבן נישט צעבראָכן דעם יידישן ישוב. די ווייטער־געשילדערטע געשעע־נישן ווייזן אויף דעם, אז די יידן האָבן אין משך פון XII י"ה געשפּילט א פּאָליטישע ראָל אין אַלט־רייסן. זיי האָבן זיך, נעמלעך, אַקטיוו באַ־טייליקט אין די פּאָליטישע און מיליטערישע קאמפן צווישן דעם גרויס־פירשט פון סוזדאל אנדרעי באָגאָליובסקי (1154—1175) און די קיעווער באָיארן. די יידן זענען געווען אקטיוו אויף ביידע צדדים. יידן האָבן זיך באטייליקט אין באָגאָליובסקיס מיליטער, זיי האָבן זיך געפונען צווישן זיין לייב־גוואַרדיע און הויף־לייט. בעת זיין דעראָבערן קיעוו אין יאָר 1169 האָבן יידן אָנטיילגענומען אין די קאַמפן און מסתמא אויך אין דער אויסרויבונג פון דער שטאָט אונטער קניאַזש באָגאָליובסקיס אָנפירונג. יידן זענען אָבער נישט באַשטאַנען פון קיין אייגנהייטלעכן עלעמענט. זיי האָבן זיך געפונען, ווי געזאָגט, אין ביידע לאַגערן. א טייל יידן האָט זיך באטייליקט אין דער פארשווערונג פון די קיעווער באָיארן קעגן דעם גרויספירשט און אין זיין הריגה. עס זענען באַקאַנט צוויי יידן, וואָס האָבן געשפּילט אן אָנגעזעענע ראָל אין דער פארשווערונג: אפרים בן משה (מאָיסעוויטש) און אנבאל יאסין, דער „קלוטשניק", וועלכער האָט אדמיניסטרירט מיטן גאנצן הויף פון דעם פירשט באָגאָליובסקי. טייל יידן פון דעם פירשטס דרוזשינע זאָל זיך האָבן געשמדט בעתן ארייננטרעטן אין איר; אזוי גיט איבער די „אִי־פּאַטיעווסקאיא כראָניקא", און דעריבער איז גאנץ מעגלעך, אז דאָס איז אן אויסטראכטעניש פון דעם פרומען קריסטלעכן כראָניקער.

בכלל זענען די דעמלטיקע יידן פון אַלט־רייסן געווען אַ מיליטע־ריש־פעיקער און קריגס־לוסטיקער עלעמענט. זיי נעמען אָנטייל בישט בלויז אין די אינערלעכע קאַמפן, נאָר אויך אין די פאַרטיידיקונגס־שלאַכטן קעגן די טאַטאַרישע אינוואַזאָרן. די יידן פון די דערמאָנטע קאָלאָניעס אין טשער־ניגאָווער פירשטנטום נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף קעגן די טאַ־טאַרן. יידן האָבן אָנטיילגענומען אין דער פאַרטיידיקונגס־מלחמה קעגן די מאָנגאָלן אַלס אַ באַשטאַנדטייל פון דעם מיליטער פון דעם האַליטש־וואָלי־נער פירשט דאַנילאָ ראָמאַנאָוויטש (1201—1264), וועלכער איז געווען באַקאַנט פון זיין פּאָליטישער הכמה און פון זיין ברייט־פּאַרמאָסטענער שטעט־בויונג; ער האָט געוויס באַגינסטיקט די באַזעצונג פון יידן אין זיינע שטעט.

אין די מיליטערישע הרוזשינעס פון די אַלט־רייסישע פירשטן האָבן זיך באַטייליקט קודם כל כוזרישע יידן און יודאַיזירטע כאַזאַרן. עס איז גישט אויסגעשלאָסן, אַז די אַלט־רייסישע פירשטן האָבן ביי די יודאַיזירטע כוז־רים גענומען דעם איינאָרדענונגס־סיסטעם פון מיליטער, און נעמלעך: די ביבלישע איינטיילונג אויף צענדליק־פירער, הונדערט־פירער און טויזנט־פירער.

דער יידישער ישוב פון אַלט־רייסן האָט געשאַפן — אין גייסטיקן זין — עלעהיי אַ בריק צווישן די בבלישע (מזרחדיקע, איראַקישע) און די מערב־אייראָפּעישע יידן. די יידן פון אַלט־רייסן האַלטן איין קאָנטאַקטן אויפן רעליגיע ־און קולטור־געביט, סיי מיטן בבלישן סיי מיטן אשכנזישן צענטער. זיי שטייען אין קאָנטאַקט מיטן ראש ישיבה פון באַגדאַד ר' שמואל בן עלי גאון (XII י"ה). פּאַראָרעמטע תלמידי חכמים פון בבל און עגיפּטן פאָרן קיין אַלט־רייסן, כדי צו ווערן דאָ מלמדים. זיי טראָגן אַריבער צווישן די יידן פון אַלט־רייסן די יידישע בבלישע רעליגיעזע קולטור. אָבער איינציקע פאָרן שוין יידישע תלמידים פון אַלט־רייסן אין XI י"ה קיין דרום־פראַנקרייך, קיין טרוא, כדי דאָרטן צו לערנען ביים באַרימטן רש"י. די סלאַווישע גלאָסן (ווערטער) אין רש"יס קאָמענטאַרן שטאַמען אין אַ קליינער מאָס פון די ראָדאַניטן, וועלכע פלעגן קומען צוריק פון די נסיעות פון די סלאַווישע לענדער, און אין אַ גרעסערער צאָל פון די דערמאָנטע תלמידים, וועמענס אומגאַנג־שפּראַך עס איז געווען אַלט־רייסיש. אין XII י"ה פאָרן יידישע תלמידים פון רייסן זיך לערנען אין די ישיבות פון שפּאַ־ניע און אַפילו פון ענגלאַנד.

אָבער אין דער דאָזיקער צייט הייבט אָן דער יידישער ישוב פון אַלט־

רייכן זיך צו עמאַנציפּירן פון די איינפלוסן סיי פון בבל, סיי פון די מערבדיקע יידן. עס הייבט זיך אָן אויסצופאָרמירן אַן אייגענע פיזיאָנאָמיע פון דעם דאָזיקן ישוב, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם אָנהייב פון אַן אייגענעם שטייגער, מנהגים, ריטואַל און שריפטום. דער אייגענער שטייגער פאָרעמט זיך אויס אונטערן איינפלוס פון דער אָרטיקער סביבה, פונעם לאַנד, פון זיין ווירטשאַפט, קלימאַט און אַראַנק דעם ענגן קאָנטאַקט מיט זיינע תושבים.

עס קומען אויף שריפטשטעלער און גייסטיקע אויטאָריטעטן פון רייסיש־ייהנטום. אין XI י"ה איז באַקאַנט אין דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור פון די מערבדיקע יידן אַ יידישער אויטאָריטעט יעקב בן מרדכי מרוסיאה. רש"י דערמאָנט ליטורגישע שאַפונגען, וועלכע שטאַמען פון רוסיאה. אין יאָר 1094 איז געשאַפן געוואָרן אין רוסיאה אַ קאָמענטאַר צום תנ"ך א. ט. „חידושים של תורה“.

אין XII י"ה און אין דער ערשטער העלפט פון XIII י"ה זענען באַקאַנט יידישע אויטאָריטעטן פון אַלט־רייסן: ר' משה מקיוב (פון קיעוו), וועלכן עס דערמאָנט דער מהר"ם פון ראָטענבורג, ר' איטשע פון טשערניגאָוו, שמואל פון רוסיאה, אַ מחבר פון אַ פּירוש צום חומש, און אַ יידישער קינסטלער משה פון סמאָלענסק, אַ פּיאָנער פון דער גראַווירקונסט אין אַלט־רייסן.

אין דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור און אין די אַנאָנימע סליחות פון XII און XIII י"ה זענען פאַראַן אַ סך סלאַווישע אויסדרוקן, ווי „קאָמפּאָט“, „גנוי“, „וועיש“, „יאַגאָדי“, „קלאָדאַ“, „לאָפּאַטאַ“, „ליעפּאַ“, „מאָטיקאַ“, „מיעטלאָ“, „מיסקאַ“, „פּיעטאַ“, „קוואַרטאַ“, „קאָפּיטאָ“, „קוקליקי“, „סוק“, „סטענגאַ“ אאוו. עס זענען אין די איבנדערמאָנטע ליטעראַרישע דענקמעלער פאַראַן באַשרייבונגען פון דעם לעבן־שטייגער, גלויבונגען וכדומה פון דעם פאָלק פון אַלט־רייסן און פון אַנדערע סלאַוון. די דאָרטיקע יידן האָבן גערעדט, ווי שוין געזאָגט, סלאַוויש. זייער ליטורגישע און ליטעראַרישע שפּראַך איז געווען העברעיש.

וועגן דער סאָציאַלער צעגלידערונג ביי די יידן אין אַלט־רייסן אין פריען מיטלאַלטער זענען נישט פאַראַן קיין דירעקטע מאַטעריאַלן. עס איז אָבער קלאָר — אויפן סמך פון די ידיעות וועגן זייער פּראָפעסיאָנעלער פיזיאָגנאָמיע — אַז אַזאַ צעגלידערונג איז געווען. צווישן די רייכע וועלט־סוחרים אין פינאַנסיסטן פון דעם ראָדאַניטישן ישוב אין קיעוו און די בויע־רים פון די האַלב־מיליטערישע קאָלאָניעס אין טשערניגאָווער און האַליטש־

וואָלינער געגנט איז פּאַלג מיך אַ גאַנג. צווישן די גרויסע סוחרים גופא און זייערע משרתים, שמייסער און טרעגער איז אויך פאַראַן אַ טיפער קלאַסן־אונטערשייד. צווישן יידן קרובים־למלכות, הויף־לייט פונעם גרויספירשט באָגאָליובסקי, וועלכע האָבן געשפּילט אַ פּאָליטישע און מיליטערישע ראָל, און יידן מלמדים, יידן בעלי־מלאכות, נויטליידנדיקע יידן און אריינגעוואַנ־דערטע פון ווייטע מזרח־לענדער (איראַק, עגיפּטן, געווים אויך ביזאַנץ) איז די סאָציאַלע שער זייער ברייט. עס זענען געווים אויך געווען שטייגערישע און קולטורעלע אונטערשיידן און קעגנזאַצן צווישן דעם ראָדאַניטישן ישוב און דעם יידיש־כוזרישן. וועגן קיין אָרגאַניזאַציאָנעלער אייניקייט פון דעם ישוב, וואָס איז געווען צעשפּרייט — ווי הרכבי שטעלט פעסט — פון די גרענעצן פון כאַזאַריע ביז די געביטן פון די מערב־סלאַוון, האָט, ווייזט אויס, נאָך נישט געקאָנט זיין קיין רייד. אין זיין גרעסטער מערהייט איז דער ישוב געווען אַן אָרעמער. בלויז זייער שפּיצן (גרויסע סוחרים, הויכע פירשטלעכע באַאַמטע, וווכערער) זענען געווען רייך. באַזונדערס האָט מען דעם וווילשטאַנד געקאָנט באַמערקן אין קיעוו.

דער דאָזיקער יידישער ישוב אין אַלט־רייסן פון פריען מיטלאַלטער האָט אין די שפּעטערדיקע צייטן קיין דירעקטן המשך נישט געהאַט. ער איז אונטערגעגאַנגען אין XIII י״ה אין רעזולטאַט פון דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן. דעמלט צעפאַלט ער זיך, דער רוב יידן עמיגרירט, לאָזט זיך דער עיקר אויף מערב, אַ טייל גייט אַוועק פון יידישקייט און מישט זיך אויס מיט דער קריסטלעכער, אָדער מוזולמענישער באַפעלקערונג. דער ישוב ווערט אָפּגעווישט, און אין אַלט־רייסן איז מער קיין יידישער קיבוץ נישטאָ, ביז עס הייבט זיך אָן די קאָלאָניזאַציע פון די פּוילישע פעאָדאַלן, אין דער צווייטער העלפט פון XV י״ה. דעמלט קומט אויף אַ נייער יידישער ישוב אין אוקראַינע, וועלכער האָט מיטן בכורהשן, פון פריען מיטלאַלטער, אַ גאַנץ קליינע שייכות. דאָס איז נישט קיין קאָנטינואַציע פון דעם ערשטן ישוב, נאָר אינגאַנצן אַ נייער, אַן אָפּצווייג פון פּוילישן יידנטום.

* * *

סימירנדיק און אונטערציענדיק די אונטערשטע שורה פון דעם אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז אין דעם פעריאָד פון VII אָדער VIII י״ה ביז דער העלפט פון XIII י״ה זענען אויפגעשטאַנען און האָבן זיך אַנטוויקלט ערנסטע און

גרויסע אין דער צאָל יידישע ישובים אין די סלאַווישע און אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. די דאָזיקע ישובים האָבן אָפּגעשפּילט א ווײכטיקע ראָל אין דעם פּראָצעס פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויונג פון די דערמאָנטע סלאַווישע לענדער. זיי האָבן קודם כל געהאָלפן צו שטויסן פאָרויס די גייע סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט, צו אַנטוויקלען מלאכה, מסחר און קרעדיט. אָנגעזעענע צאָלן יידן האָבן געאַרבעט אויף ערד. שוין אין יענעם פּעריאָד האָט די יידישע סביבה געטראָגן אַ קלאַסן־צעגלידערטן כאַראַקטער. און שוין אין יענער תקופה הייבט זיך אָן אויסצופאָרמען אַן אייגענע פיזיאָגנאָמיע פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן, הגם עס שטייט נאָך אין וועג דער געמיש פון עטניש פאַרשיידענע יידישע באַפעלקערונגס־גרופּן. אין געוויסע לענדער און צייטן שפּילן די שפּיצן פון דער יידישער געזעל־שאַפט אָפּ א געוויסע פּאָליטישע ראָל אין זייערע לענדער.

אַזוי אַרום איז אין פריען מיטלאַלטער פאָרגעקומען די אַנטשטייונג פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום. און אויב דער געשיכטלעכער פּראָצעס פון אָנגעזעענע ישובים, ווי דער כוזרישער און אַלט־רייסישער, איז איבערגעריסן געוואָרן ביים אָפּשלוס פון דער תקופה, איז אָבער פון דאָרטן געקומען אַ גרויסער מענטשן־רעזערוואַר, וואָס האָט ביים סוף פון דער דאָזיקער און ביים אָנהייב פון דער ווייטערדיקער תקופה אַריינגעגאָסן אַ סך פריש בלוט און געקרעפטיקט צאָלמעסיק די אַנדערע עקזיסטירנדיקע יידישע ישובים פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, בתוכם — דעם יידישן ישוב אין פּוילן, וועלכער וועט מיט דער צייט איבערנעמען דעם פּרימאַט אין די יידישע קי־בוצים פון מזרח־אייראָפּע.

ערשטער טייל

# די יידן אין פוילן
# ביז דער העלפט פון XIII י"ה

קאַפּיטל איינס

# דער היסטאָרישער פּראָצעס פון פּוילן אין דער ערשטער תקופה פון פעאָדאַליזם

אויפן גרויסן שטח צווישן די טייכן אָדרע און ניסע אויף מערב און דעם בוג אויף מזרח, און צווישן די ברעג־געגנטן פון באַלטישן ים אויף צפון ביז טיף אין די קאַרפּאַטן אויף דרום — האָבן זיך מקדמונים געפונען די ישובים פון די יענע מערב־סלאַווישע שבטים, פון וועלכע עס איז אַנטשטאַנען די פּוילישע מלוכה און עס האָט זיך אויסגעפאָרעמט די פּוילישע נאַציאָנאַליטעט. די דאָזיקע טעריטאָריע ליגט אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע און דורך איר קרייצן זיך פאַרשידענע קלימאַטישע איינפלוסן, קאָמוניקאַציע־ליניעס, האַנדלס־וועגן, קולטור־השפּעות פון מזרח און מערב, דרום און צפון.

די נייעסטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, קודם כל אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער אַרכעאָלאָגיע בפרט אין די לעצטע יאָרן, נעגירן די אַלטע איינשטעלונגען, אַז ערשט אין IX אָדער X י"ה האָט זיך באַוויזן אויף די שטחים פון די פּראַפּוילישע שבטים א געזעלשאַפטלעך לעבן. די נייעסטע פאָרשונגען ווייזן אויף, אַז אַ סך הונדערטער יאָרן פאַר דער נייער צייט־רעכענונג, נאָך אין אַלטערטום, זענען די אַלט־סלאַווישע תושבים פון די דאָזיקע געביטן שוין ניט געווען קיין נאָמאַדן, נאָר סטאַביל באַזעסן אין דאָרפישע ישובים און זיך פאַרנומען מיט באַאַרבעטן די ערד, פי־צוכט און געווירע פּראָדוקציע־צווייגן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די אַרומיקע אורוועלדער, ווי למשל בינען־צוכט. שוין דעמלט איז די טעריטאָריע פון היינטיקן פּוילן געווען דורכגעשניטן דורך עטלעכע גרויסע האַנדלס־וועגן,

און די אָרטיקע אייגנווייגער זענען שוין געווען באַקאַנט נישט בלויז מיט א גע־וויסן אינערלעכן אויסטויש, נאָר אויך מיט א צווישנלענדישן. אין די צייטן פון דער אַנטיקער רוימישער וועלט, אין משך פון IV ביזן I י"ה פאַר דער נייער צייט, איז אָנגעגאַנגען אַ מסחר צווישן דעם אייראָפּעישן צענטער פון דער רוימישער אימפּעריע און די אַלט־סלאַווישע שבטים פון היינטיקן פּוי־לישן שטח; די הויפּט־קעגנשטאַנדן פון אָט דעם מסחר, וועלכער האָט בדרך כלל געטראָגן דעם כאַראַקטער פון נאַטירלעכן אויסטויש, זענען געווען: פּוטערוואַרג און בורשטין, וואָס מען פלעגט עקספּאָרטירן קיין מערב־איי־ראָפּע, בפרט קיין איטאַליע. די סוחרים פון חוים האָבן די ערשטע אַריינ־געבראַכט קיין פּוילן רוימישע מטבעות — אַ געוויסע צאָל מטבעות פון די רוימישע צייטן האָט מען פאַר דער מלחמה געפונען בעת פאַרשידענע אויס־גראָבונגען אין פּוילן.

היות דעם צווישנלענדישן מסחר פון קייסערלעכן רוים האָבן געפירט דער עיקר סירער, סוחרים פון קליין־אַזיע און יידן, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן די סוחרים, וואָס פלעגן פון די רוימישע געביטן אָנקומען קיין פּוילן אין די צייטן פון אַלטערטום, האָבן זיך אויך געפונען ייִדן.

אין II י"ה פ.נ.צ. האָט מען אויף די אַלט־פּוילישע טעריטאָריעס שוין באַנוצט אייזערנע מכשירים, בתוכם אייזערנע סערפּן, און מען האָט שוין אפילו געשמאָלצן אייזן פון אָרטיקן רוי־מאַטעריאַל; אייזן האָט מען אויך אריינגעפירט פון אויסן. אין דער זעלביקער תקופה האָט זיך שטאַרק אַנט־וויקלט אויף די דאָזיקע געביטן די טעפּערײ־מלאכה, עס האָבן שוין עקזיס־טירט לפי ערך פאַר יענער צייט אויסגעצייכנטע טעפּ־אויוונס. עס האָבן זיך אַנטוויקלט אויך אַנדערע צווייגן פון מלאכה, וועלכע זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אינערלעכע, דעמלט פּרימיטיווע באַדערפענישן פון דער משפחה. די מלאכה איז נאָך אָבער געווען א באַשטאַנדטייל פון דער אָפּגע־שלאָסענער משפחה־פּראָדוקציע, איז נאָך נישט געווען אָפּגעטיילט פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אין II און I י"ה פ.נ.צ. קומט שוין פאָר ביי די שבטים, וואָס האָבן באַוווינט די טעריטאָריע פון היינטיקן פּוילן, דער פּראָצעס פון אַ געוויסער קלאַסן־דיפערענציאַציע, וועלכער פאַרטיפט זיך אַלץ מער ווי אַ פּועל יוצא פון דער פאַרהעלטנישמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, און פון די דעמלטיקע (פּרימיטיווע) פּראָדוקטיווע כוחות.

ביזן VI־טן י"ה פון אונדזער צייט העט ערשט ביי די אַלט־פּוילישע

שבטים די אָרדענונג פון דער אורשפּרינגלעכער געמיינשאַפט,* באַזירט אויף דער משפּחה־קרובהשאַפט.

אין משך פון VI און VII י"ה קומט פאָר אַ שאַרפער קריזיס פון אָט דער אָרדענונג, וועלכע מאַכט אדורך א ירידה. די דאָזיקע ירידה קומט ווי א רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון דער נייער טעכניק אין דער ערד־באַאַרבעטונג, פונעם אויפקום פון דער פּערדשלעפּ־קראַפט און פון דעם אָנהייב פון אַרבעטס־פאַרטיילונג, און קודם כל — פון דעם צעטייל אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער און מלאכהשער אַרבעט. די לעצטע טיילט זיך אָפּ אין א באַדייטנדיקער מאָס פון דער ערשטער, הגם נאָך נישט פולשטענדיק.

נאָכן פאַלן פון דעם אַלטן געמיינשאַפט־סדר קומט אָבער נישט אויף אין די אַלט־פּוילישע געביטן קיין שקלאַפן־באַזיצערישער סיסטעם. דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון פּוילן פאַרמאָגט די ספּעציפיק, וואָס זי האָט נישט געקאָנט קיין שקלאַפן־פאָרמאַציע; אַזוי איז געווען אין דער געשיכטע אויך פון אַנדערע סלאַווישע און צום טייל גערמאַנישע פעלקער. אַזוי האָבן מיר, למשל, געזען אין אַלט־רייסן, אַז אינעם דאָזיקן לאַנד איז נאָך דעם פאַרשווינדנדיקן אורשפּרינגלעכן געמיינדע־סדר איז געקומען אַן איבערגאַנג־פאָרמאַציע, וועלכע מען כאַראַקטעריזירט אין דער סאָוויעטישער היסטאָ־ריאָגראַפיע ווי א האַלב־פאַטריאַרכאַלע האַלב־פעאָדאַלע. ענלעך, הגם מיט געוויסע אָרטיקע ניואַנסן, האָט זיך די זאַך פאַרגעשטעלט אין אַלט־פּוילן. דאָס הייסט נישט, אַז אויף די אַלט־פּוילישע געביטן זענען נישט געווען קיין שקלאַפן. עס האָט דאָרט גאַנץ לאַנג עקזיסטירט א שקלאַפן־שיכט, פּונקט ווי אין אַלט־רייסן, אַלט־אונגאַרן און אַלט־טשעכיע. אָבער קיין שקלאַפן־פאָרמאַציע איז אין פּוילן נישט געווען, פּונקט ווי זי איז נישט געווען אין די אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע לענדער.

זינט דעם VI י"ה הייבט זיך אָן פאָרמירן אין די אַלט־פּוילישע געביטן אַן איבערגאַנג־סדר — א האַלב־פאַטריאַרכאַלער און א האַלב־פעאָ־דאַלער. דער ערשטער היסטאָרישער פּעריאָד פון פּוילנס געשיכטע, וועל־כער נעמט אַרום די צייט פון דעם VI ביז דער העלפט פון XII י"ה, איז די תקופה פון דער אַנטשטייונג און באַפעסטיקונג פונעם פעאָדאַליזם. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער פעאָדאַליזם האָט זיך אין פּוילן פאַרשפּעטיקט. אין פּוילן האָט ער פאַקטיש געגומען העכערן זינט דער העלפט פון IX י"ה

* Ustrój wspólnoty pierwotnej.

— ד. ה. אין דער צייט, ווען אין מערב-אייראָפּע האָט זיך שוין דער פעאָדאַליזיר-פּראָצעס געהאַלטן ביים פאַרענדיקן.

אין דער צייט, ווען אין מערב-אייראָפּע האָט שוין די סחורה- און געלט-ווירטשאַפט ענדגילטיק אַרויסגעשטויסן די אַלטע נאַטוראַלע אויסטויש-ווירטשאַפט און די איזאָלירטע משפחה-באַלעבאַטישקייט (X י"ה), האָבן נאָך די דאָזיקע פאָרמען געהערשט אין פוילן כמעט פולשטענדיק. און בעת אין מערב- און מזרח-אייראָפּע האָבן שוין עקזיסטירט פון לאַנג פעסטע מלוכהשע אָרגאַניזמען, האָט זיך אויף דעם געביט פון פוילן ערשט אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון קאָנצענטרירן די פאַרשידענע שבטים-טעריטאָריעס און שאַפן א מלוכה. דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט קאָנטיק ערשט אין דער צווייטער העלפט פון X י"ה. אין דער דאָזיקער צייט האָט איינער פון די וויכטיקסטע מערב-סלאַווישע שבטים, דער שבט פון די פּאָלאַנער, אונטערגענומען די מיסיע פון טעריטאָריעלער און פּאָליטישער פאַראייניקונג פון די שבטים, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שטח צווישן דער אָדרע און דער ווייסל. דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן אָנגעהויבן די פאָרגייער פון דעם פּאָלאַנישן פירשט מיעשקאָ, און דער דאָזיקער פירשט, וועלכער איז אריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען מיעשקאָ אָדער מיעטשיסלאַוו I (963—992), האָט די דאָזיקע היסטאָרישע טענדענץ ענדגילטיק רעאַליזירט און געשאַפן די ערשטע היסטאָרישע פּוילישע מלוכה.

עס איז אָבער כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין אין VIII י"ה זענען געווען פרוּוון פון שאַפן מלוכה-עמבריאָנען אויפן שטח פון היינטיקן גרויס-פּוילן און פון די לאַבע-סלאַווען (די לוזשיצער סערבן), דורך די פירשטן פון דער משפחה ליעשעק. די דאָזיקע עמבריאָנען זענען זיך אָבער צעפאַלן, און דער רוב פון דעם דאָזיקן שבט האָט אויסגעוואַנדערט קיין היינטיקער סערביע. אָבער די משפחה ליעשעק איז פאַרבליבן, און עס קאָן זיין, אַז פון איר האָבן געשטאַמט די אבות פון מיעשקאָ I. צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, ווייל ער האָט א שייכות מיט דער גענעזע פון דעם יידישן ישוב אין פּוילן.

די אַנטשטייונג פון דער פּוילישער מלוכה איז געווען פון איין זייט דיקטירט דורך דער נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזירן א פאַרטיידיקונג קעגן דער אַגרעסיווער עקספּאַנסיע מצד די דייטשישע פעאָדאַלן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די סלאַווישע געביטן צווישן דער לאַבע און אָדרע און געשטרעבט צו ווייטערדיקע פאַרכאַפּונגען פון די סלאַוון; פון דער צווייטער זייט האָט

די אנטשטייענדיקע מלוכה געהאט א בולטן קלאסן־ציל צו פארזיכערן די גרויסע אין אלץ וואקסנדיקע ערד־שטחים און רייכטימער פון דער שבט־אריסטאָקראטיע קעגן דעם ווידערשטאַנד פון די ברייטע מאסן פון דער באַפעלקערונג, וואָס איר רוב בנין ומנין איז באַשטאַנען פון לאַנדווירטן, פאַראייניקטע אין משפחות און משפחה־געמיינשאַפטן.* '

די קלאַסן־דיפערענציאַציע אין די ראַמען פון די משפחה־געמיינשאַפטן, וועלכע האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון א מיליטערישער דעמאָקראַטיע, האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרטיפן: אין די הענט פון דער שבט־אַריסטאָקראַטיע האָט זיך קאָנצענטרירט נישט בלויז די גרעסטע צאָל קריגס־געפאַנגענע און הלוואה־שקלאַבן, נאָר אויך אַלץ מער זריעה, געציג און בהמות. אַדאַנק דעם אויסבאָרגן די דאָזיקע זאַכן צו די וויניקער באַמיטלטע שכנים ווערן די לעצטע אָפּהענגיק פון דער רייכער אריסטאָקראַטיע. פאַר די דאָזיקע הלוואות מוזן די עקאָנאָמיש־שוואַכערע שכנים פון דער מעריטאָריעלער געמיינשאַפט אָפּגעבן די אריסטאָקראַטן א טייל פון דער גערעטעניש אָדער אָפּאַרבעטן אומזיסט אויף זייערע פעלדער, אָדער ביים אויסקאָרטשעווען די אור־וועלדער, כדי זיי צו פאַרוואַנדלען אין נייע שטחים פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. אזוי אַרום האָט דער עמבריאָן פון די שפּעטערדיקע פעאָדאַלע באַציונגען געשטעקט שוין אין דעם געמיינשאַפט־סדר. די אַנטשטאַנענע פעאָדאַלע מלוכה האָט געשטרעבט צו באַגינסטיקן און היטן די אינטערעסן פון דער משפּחה־אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט פון א פּאַטריאַרכאַלער אריסטאָקראַטיע אין דער קינפטיקן פעאָדאַלן שיכט. אין שייכות דערמיט און אויך מיטן ציל צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד שאַפט דער פירשט א מיליטערישע דרוזשינע. ער באַגינסטיקט דאָס גרינדן שטעט־פעסטונגען,** וואָס זייער אָנהייב שטעקט טיף אין VII און VIII י״ה. אַרום די פעסטונגען אַנטשטייען קליינע האַנטווערקערישע ישובים. די פירשטלעכע פעסטונגען און אַרומיקע ישובים אַנטוויקלען זיך און פאַרוואַנדלען זיך דערנאָך אין שטעט.

אין יאָר 966 נעמט אָן דער פירשט מיעשקאָ I דעם קריסטנטום לויטן רוימיש־קאַטוילישן נוסח; עס הייבט זיך אָן די קריסטיאַניזאַציע פון דער באַפעלקערונג. דאָס אריינפירן דעם קריסטנטום איז געווען די פעאָדאַלן נייטיק ווי אַ מעכטיקער אידעאָלאָגישער מיטל צו באַהערשן די פויערים,

---

* Rody.

** Grody.

צוצויאָגן דעם פעאָדאַליזיר=פּראָצעס, וואָרעם די אַלטע געצנדינערישע רעליגיע, ווי א גלויבן באזירט אויף נאטור=כוחות, האָט נישט פארמאָגט קיין אנטוויקלטע היעראַרכיע און אויך נישט קיין באגריפן=סיסטעם, וואָס זאָל אנטשפּרעכן די נייע געזעלשאפטלעכע פאָרמען פונעם פעאָדאַליזם. אין דער זעלביקער צייט האָט דאָס קריסטנטום באשטעטיקט די פעאָדאַלע קלאסן=ממשלה און באווירקט אידעאָלאָגיש די מאסן אין דער ריכטונג פון פאסיוויטעט, פון מסכים זיין אויף די נייע פאָרמען פון אויסנוצונג און געזעלשאפטלעכער היעראַרכיע. אגב, זענען שוין די ערשטע קירך=הויפּטן און קלויסטערס אין פוילן אַליין געווען גרויסע פעאָדאַלע באַזיצערס, זיי זענען דורך די מושלים באשאָנקען געוואָרן מיט אלע פעאָדאַלע רעכט און עקספּלאָאַטירט די שווערע מי פונעם פויערטום.

אָבער איינצייטיק האָט דאָס איינפירן דעם קריסטנטום געדאַרפט דינען ווי א מיטל צו פארשטארקן פוילנס פּאָזיציע לגבי די דייטשישע און טשעכישע פעאָדאַלן, וועלכע האָבן געפירט אן עקספּאנסיע אויף די געביטן פון פוילן אונטערן דעק=מאנטל פון אויסראָט=קאמף קעגן געצנדינעריי, אונטערן שלייער פון קריסטלעכער מיסיאָנערישקייט, פון שפּרייטן דעם קריסטנטום. מיטן איינפירן דעם קריסטנטום האָבן די פוילישע הערשער געצילט ארויסצונעמען פון די הענט פון די אגרעסאָרן דעם ארגומענט פון קאמף קעגן געצנדינעריי אויף די פוילישע געביטן און ממילא דעמאסקירן זייער רויב=עקספּאנסיע אויף מזרח.

אין משך פון דעם גאנצן פעריאָד פונעם פריען מיטלאלטער (פון X ביזן סוף XV י"ה) לאָזן זיך באַמערקן אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון פוילן די פאָלגנדיקע לאַנגדויערנדיקע דערשיינונגען:

1. אין משך פון דעם אָנגעוויזענעם פעריאָד וואַקסט אומאויפהערלעך און אַלץ ברייטער דער גרויסער ערד=באזיץ, וועלכער ווערט אַלץ מער קאָנצענטרירט אין די הענט פון די וועלטלעכע און קירכלעכע פעאָדאַלן. טראָט נאָך טראָט רעאַליזירן די פעאָדאַלן בראש מיט די פירשטן אָדער קיניגן די שטרעבונג אונטערצוטאָכן און מאכן פון זיך אָפּהענגיק די פויערים=מאסע. די זעלבשטענדיקע לאנדווירטן ווערן אַלץ מער באגרענעצט. מיט דער צייט האָט זיך אויספאָרמירט א גרונטיקע קאטעגאָריע פון קליינע פערזענלעך פרייע לאנדווירטן, וועלכע האָבן פארמאָגט אויף זייערע ערד=חלקים אייביקע נוץ=רעכט, וואָס איז איבערגעגאנגען בירושה אויף זייערע קינדער; דאקעגן דאָס אייגנטום=רעכט האָט געהערט צום פעאָדאַל, וועלכן דער פויער האָט געצאָלט א רענטע אין דער פאָרם פון געלט אָדער פּראָדוקטן.

די פּעאָדאַלן שטרעבן צו פאַרשטמעלעכן דעם באַזיץ און רעכט פון אַט דער גרונטיקער לאַנדווירט־מאַסע. די פּויערים שטעלן אַ האַרטנעקיקן ווי־דערשטאַנד. אין דער ערשטער העלפט פון XI יאָרהונדערט ברעכט אויס אַ גרויסער פּאָלקס־אויפשטאַנד, וועלכער איז געווענדעט קעגן דעם פעאָדאַ־ליז־ר־פּראָצעס און קעגן דער נייער אידעאָלאָגיע און קולט, וואָס דינט דעם פעאָדאַליזם — דעם קריסטנטום. דער ציל פון די אויפשטענדלער איז צו רעסטאַווּרירן די אַלטע משפּחה־געמיינשאַפט. די צייט, די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות אַנטשפּרעכן שוין אָבער נישט דעם ציל פון די פּאָלקס־אויפשטענדלער, וועלכע פאַרשפּילן נאָך אַ פאַרביסענעם ווידער־שטאַנד, און דער פעאָדאַליזיר־פּראָצעס גייט ווייטער אָן. אין דער צווייטער העלפט פון XI י"ה, אין דער צייט פון דעם קיניג באָלעסלאַוו דעם דריסטן (שמיאַלי) (1058—1077), קומט אויף אַ נייע כוואַליע פון פּויערישן ווידער־שטאַנד, וועלכער ווערט ווידער דערשטיקט. די פּויערים נוצן אויס די גע־לעגנהייט, וואָס די ריטער געפינען זיך ווייט פון לאַנד, אויף אַ קריגס־עקס־פּעדיציע קעגן קיעווער פירשטנטום, און זענען מבטל די פעאָדאַלע געזעצן, פאַרלאָפן צוריק די קאָנפיסקירטע ערד, צעברעכן די שטאַנד־מחיצות און צווינגען די מעכטיקער פון די ריטער חתונה צו האָבן מיט זיי, מיט די אונ־טערדריקטע פּויערים. ווי נאָר די ריטער קומען צוריק פון מזרח, דערשטיקן זיי אויף אַ בלוטיקן אופן די פּויערישע אויפשטאַנד־באַוועגונג און שטעלן איין צוריק דעם פעאָדאַלן רעזשים.

אין XIV און XV י"ה שפּרייט זיך אַ ברייטע אַנטיפעאָדאַלע פּויערי־שע באַוועגונג, וועלכע פלעכט זיך אָפט מיט די כופרישע אַנטיקירכלעכע שטרעמונגען. אויך די באַוועגונג ווערט דערשטיקט אין בלוט דורך דער פעאָדאַלער מלוכה און דער קירך.

די פּאָליטיק פון די פעאָדאַלן לגבי דעם פּויערטום מוז ווערן מילדער אין דער צווייטער העלפט פון XIII י"ה, נאָך דער אינוואַזיע פון די מאָנ־גאָלן (טאַטאַרן) אויף פּוילן. די אָנפאַלער, וועלכע האָבן זיך דורכגעטראָגן ווי אַ בייזער ווינטער איבערן לאַנד, האָבן חרוב געמאַכט שטעט און דער־פער, און די פעאָדאַלן — שטרעבנדיק אויפצושטעלן צוריק זייערע גיטער און די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע — זענען מסכים אויף ווייטגייענ־דיקע הנחות לגבי די פּויערים. זיי פירן איין אַ ברייט־פאַרמאָסטענע קאָלאָ־ניזאַציע לויטן אַ. ג. מאַגדעבורגער סיסטעם, וועלכער איז אויסגעקעמפט געוואָרן בשעתו דורך די פּאָלקס־מאַסן אין דייטשלאַנד. די קאָלאָניסטן — סיי די אויסלענדישע (דייטשן, טשעכן, יידן, אאַ.), סיי די אינערלעכע, די

פּוילישע — באַקומען ערד־חלקים מיט נוץ־רעכט און מיט דער פרייער מעגלעכקייטן צו פּאַרלאָזן דעם געביט נאָכן אויספירן די אָפּמאַך־התחייבות; די קאָלאָניסטן ווערן באַפרייט פון דער פּויליש־פעאָדאַלער יוסטיץ. זיי זענען נאָר מחויב צו צאָלן דעם פעאָדאַל אַ צינש. אַדאַנק דעם ווערט אינטענסי־פיצירט די פּוילישע לאַנדווירטשאַפט, עס וואַקסט איר פּראָדוקטיוויטעט, עס קומט אַן אויפשוואונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות, עס שטייגט פאַר־העלטנישמעסיק דער ווילשטאַנד פונעם פּויער, ער האָט אַ מעגלעכקייט צו פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן אויפן פרייען שטאָטישן מאַרק, און דאָס באַגינסטיקט צו אַנטוויקלען דעם מאַרק און הייבט ממילא די פּראָדוקציאָ־נעלע אַקטיוויטעט פון די בעלי מלאכות און די טעטיקייט פון די סוחרים אין די שטעט. אויך אין די שטעט קומט אַ ראַשע אַנטוויקלונג פון די פּראָ־דוקטיווע כוחות.

דער וווקס פון דער תבואות־פּראָדוקציע ווירקט אָבער איינזייטיק אויף באַגינסטיקן אַ דאָרפישע סחורה־ווירטשאַפט ביים פעאָדאַלן שיכט. שוין אין XV י"ה קומען אויף די ערשטע פּאָלוואַרקן — די קאָנצענטרירטע פּראָדוקציע פון תבואה פאַרן מאַרק, פאַרן מסחר. אין שייכות דערמיט שפּראָצט ווידער אויף די רויבערישע און פאַרכאַפּערישע טענדענץ ביי די פעאָדאַלן, וועלכע דאַרפן צום פאַרקויפן מער תבואה און אַנדערע אַגראַרע און וואַלד־אַרטיקלען. די דאָזיקע טענדענץ לאָזט זיך שוין באַמערקן אין די צייטן פון דעם קיניג קאַזשימיעזש (קאַזימיר) III (דעם גרויסן) (1310—1370). די פעאָדאַלן דאַרפן בחינמדיקע אַרבעטס־קראַפט. עס הייבט זיך אָן די פּאָליטיק פון פאַרמערן די געלט־ און פּראָדוקטן־רענטע פון די פּויערים אויף אַן אַרבעטס־רענטע, די פּאָליטיק פון צווינגען די פּויערים צו בחינמדיקן באַאַרבעטן די ערד פון די פעאָדאַלן, ד. ה. — פון פּאַנש־טשיזנע. שוין אין די געזעצן (סטאַטוטן) פון קאַזשימיעזש III געפינען מיר די ערשטע גזירות פון באַרויבן די פּויערים פון זייער רעכט אויף פרייער באַוועגונג און פערזענלעכער פרייהייט. אין הסכם מיטן ווישליצער סטאַ־טוט (1347), וואָס איז געווען דער ערשטער קאָדיפיקאַציע־פּרווו אין פּוילן, לויט דער איניציאַטיוו פון קאַזשימיעזש III, האָבן אָן דער דערלויבעניש פונעם פעאָדאַלן האָר געמעגט אַוועקגיין פון דאָרף העכסטנס צוויי פּויערים אין משך פון יאָר. לויט די נייע געזעצן פון קאַזשימיעזש III האָט פאַר־הרגענען אַ ריטער דורך אַ ריטער געדראָט די שטראָף פון 60 גזשיוונעס (1 גזשיוונע איז געווען לפי ערך 37 דעמלטיקע זלאָטעס), אָבער פאַר טויטן אַ פּויער — בלויז 10 גזשיוונעס, און דערפון איז געקומען 4 גזשיוונעס

דעם באַלעבאָס פונעם דערהרגעטן. פאַר פאַרגוואַלטיקן אַ רימער־פרוי האָט אַ פויער באַצאָלט מיטן קאָפּ, און פאַר מאַגס זיין אַ פויערטע איז דער פעאָדאַל אָפּגעקומען מיט 4 גזשיוונעס שטראָף. אין דער ערשטער העלפט פון XV י"ה זענען שוין פאַראַן די ערשטע דערשיינונגען פון פאַנשטשיזנע, דערווייל אין דער פאָרם פון אומזיסטער אַרבעט פונעם פויער אויפן באָדן פון פעאָדאַל איין טאָג אין וואָך. די ערשטע, וואָס האָבן איינגעפירט די פאַנשטשיזנע אין פוילן, זענען געווען די קירכלעכע פעאָדאַלן, די אַרציבים־קופּן, בישקופּן און די קלויסטערס. די פאַנשטשיזנע ביי די וועלטלעכע פעאָ־דאַלן האָט זיך אָנגעהויבן אין מאַזאָוויע (מאַזאָוושע) דורך דעם געזעץ פון פירשט יאַנוש אין יאָר 1421, און אין דער שפּעטערדיקער תקופה האָט ז־ זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ פוילן.

כדי צו באַרויבן די פויערים פון זייערע רעכט, וועלכע זיי האָבן דע־ראָבערט זינט דער צווייטער העלפט פון XIII י"ה אַדאַנק דעם איינפירן דעם קאָלאָניזיר־סיסטעם לויטן מאַגדעבורגער רעכט, זענען די פעאָדאַלן צוגעטראָטן שוין אין XIV י"ה צו צעברעכן די אַדמיניסטראַטיווע און יורידישע זעלבשטענדיקייט פון דאָרף, קודם־כל דורך אויסקויפן (זינט דער ערשטער העלפט פון XV י"ה) און קאָנצענטרירן אין די אייגענע הענט די אַמטן פון די סאָלטיסן (די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען פון די דערפער). די יורידיקציע אויפן יסוד פון מאַגדעבורגער רעכט, וועלכע האָט געגעבן דעם פויער די מעגלעכקייט אויסצומיידן די פויליש־פעאָדאַלע יוסטיץ און צו אַפּעלירן צו אַ לפי ערך אָביעקטיוון און מער פאַרגעשריטענעם געריכט אַפילו קיין מאַגדעבורג גופא, איז פאַרביטן געוואָרן אויף דעם אַ. נ. פאַט־רימאָניעלן רעכט, ווו דער ריכטער איז געווען דער פעאָדאַל אַליין, ד. ה. — דער פאַראינטערעסירטער אַנטיפויערישער צד.

אַזוי אַרום איז דאָס פוילישע פויערטום ביים סוף פון XV י"ה גע־בליבן שטיין פאַר אַ טרויעריקער פּערספּעקטיוו פון פאַרלירן די איינציקע פאַרהעלטענישמעסיקע זעלבשטענדיקייט און פערזענלעכע פרייהייט און פון פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַנשטשיזנע־שקלאַף. איינצייטיק איז דער גרויסער פעאָדאַלער באַזיץ געשטיגן נאָך מער און זיך פאַרוואַנדלט אין ריזיקע לאַטיפונדיעס, קאָנצענטרירטע אין די הענט פון אַ הייפל פעאָדאַלע מאַגנאַטן און פון דער קירך. דורך דעם פאַקט פון פאַראייניקן דאָס ליטווי־שע גרויספירשטנטום און זיינע גרויסע דעראָבערטע שטחים אויף די ווייסרוסישע און אוקראַינישע געביטן מיט דער פוילישער פעאָדאַלער מלו־כה — זענען די מאַגנאַטישע לאַטיפונדיעס געוואָרן נאָך גרעסער. די מענ־

דענץ פון די פעאָדאַלן און טייל שטאַטישן פּאַטריציאַט פון קליינפּוילן* איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַן עקספּאַנסיע אויף מזרח. די דאָזיקע טענדענץ לאָזט זיך באמערקן שוין אין די צייטן פון באָלעסלאַוו דעם שטארקן (כראָברי) (992—1025), אין סוף פון X און תחילת דעם XI י"ה. זי ווערט קאָנטינואירט דורך באָלעסלאַוו שמיאַלי (XI י"ה) און קומט צום אויסדרוק אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון קאזשימיעזש III (XIV י"ה). זי טריומפירט אין די צייטן פון דער יאַגעלאָנישער דינאַסטיע (XV און XVI י"ה), ווען עס גייט אָן אן אינטענסיווע לאַטיפונדישע קאָלאָניזירונג פון די אוקראַינישע און אויך ווייסרוסישע שטחים.

2. די דאָזיקע ריכטונג אין דער אויסערן־פּאָליטיק, די טעריטאָריעל־קאָלאָניזאַטאָרישע עקספּאַנסיע אויף מזרח, וועלכע איז געווען דיקטירט דורכן קלאסן־אינטערעס פון די ערד־מאַגנאַטן און טייל גרויסע סוחרים, האָט אָפּגעשוואַכט די וואַכזאַמקייט פון דער פּוילישער פעאָדאַלער מלוכה לגבי דער אויסערלעכער הויפּט־געפאַר פאַרן סאַמע עקזיסטענץ פון דער מלוכה, לגבי דער געפאַר פונעם דייטשיש־פעאָדאַלן עקספּאַנסיאָניזם אויף מזרח, און אין דער ערשטער ריי אויף פּוילן.

אין משך פון דעם גאַנצן ערשטן פּעריאָד פון דער פעאָדאַלער תקופה אין פּוילן גייט אָן א געראַנגל קעגן דער גערמאַניש־אַגרעסיווער געפאַר. נאָכן באַהערשן און פאַרשקלאַפן די אויפן סאַמע מערב אַרויסגערוקטע סלאַוון, וועלכע האָבן באַוווינט די שטחים צווישן דער לאַבע און דער אָדרע, האָבן די דייטשישע פעאָדאַלן אָנגעהויבן אן עקספּאַנסיע טיפער אויף מזרח, און קודם כל אויף די פּוילישע געביטן. זינט דער העלפט פון X י"ה האָט זיך דער דראַנג פון די דייטשישע פעאָדאַלן „נאַך אָסטען" (אויף מזרח) פאַרשטאַרקט. מיט דער דאָזיקער געפאַר האָט זיך אָנגעטראָפן די יונגע פּוילישע מלוכה גלייך ביי איר אנטשטיין. מיעשקאָ I האָט זיך באַמיט אָפּ־צוטעמפּן די דייטש־פעאָדאַלע עקספּאַנסיע דורך דיפּלאָמאַטישע ריקצוגן.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון באָלעסלאַוו כראָברי (992—1025) איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט דעם קעגנאָנגריף פון דער יונ־גער פּוילישער מלוכה קעגן דער אַגרעסיע פון די דייטשישע פעאָדאַלן. די גאַנצע פּאָליטיק פון באָלעסלאַוו שמיאַלי, וועלכער האָט געהערשט זינט דעם יאָר 1058, איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אנגאַזשירן זיך אומע־טום, וווּ עס האָט נאָר עקזיסטירט א מעגלעכקייט אָפּצושוואַכן די קראַפט

* Małopolska.

פון דייטשישן קייזערטום, אָדער פון שטיצן די קעגנער פונעם קייזער. דער־מיט דערקלערט זיך דער פאקט, וואָס באָלעסלאוו שמיאלי האָט געשטיצט דעם פויפסט גרעגאָר VII אין קאמף קעגן דעם קייזער הייגריך IV (צווייטע העלפט פון XI י״ה) — אין דעם בארימטן קאמף וועגן דער אינוועס־טיטור, ד. ה. וועגן דעם, ווער עס זאָל אויסקלייבן די סאַמע העכסטע — אין דער קריסטלעכער וועלט: יעזוסעס ממלא מקום אין רוים (דעם פויפסט), אָדער דעם א. ג. דייטשישן קייזערטום פון דער הייליקער רוימישער מלוכה. עס איז דאָ כדאי צו דערמאָנען דאָס, וואָס מיר האָבן שוין באמערקט אינעם קאפיטל דריי פונעם ארייננפיר־טייל, אז די יידן פון די מערב־דייטשישע שטעט, ווי בכלל די דייטשישע שטעט, האָבן געשטיצט דעם קייזער היינ־ריך IV אין זיין קאמף סיי קעגן דעם פויפסט, סיי קעגן די אייגענע פעאָ־דאלן, וועלכע זענען געווען פאראינטערעסירט אין אָפשוואכן די מאכט פו־נעם קייזער. אין דער צייט, ווען דער קייזער היינריך IV איז געגאנגען קיין קאנאָסע און זיך געוואלגערט ביי די פיס פונעם פויפסט, בעטנדיק סליחה ומחילה, האָט זיך באָלעסלאוו שמיאלי געקרוינט פארן קיניג פון פוילן, אויסנוצנדיק דעם שוואכקייט־מאָמענט פון דעם דייטשישן קייזער.

א דערפאָלגרייכע מלחמה קעגן די דייטשישע פעאָדאלן האָט געפירט באָלעסלאוו דער קרוממויליקער* (1102—1139). ער האָט אָפגעהאלטן דעם בארימטן נצחון איבער די דייטשן אין הונטפעלד (פשיע פאָליע, נישט ווייט פון וורצלאוו), אדאנק דער אקטיווער הילף פון די פוילישע פאָלקס־מאסן. דער האָזיקער נצחון — פונקט ווי באָלעסלאוו כראָבריס מלחמה קעגן דעם דייטשישן קייזערטום מיט הונדערט יאָר פריער — איז פארבליבן אין דער געשיכטע פון פוילן און פון מזרח־אייראָפּע בכלל ווי א גלענצנדיקער היסטאָרישער אויפטו אין קאמף קעגן דער געפאר פון דער דייטשישער אגרעסיע.

דער ווידערשטאנד קעגן דעם דייטש־פעאָדאלן עקספּאנסיאָניזם, וועל־כער האָט געשטרעבט צו פארטיליקן די פוילישע מלוכהשאפט, אָדער פאר־וואנדלען זי אין א וואסאל, איז געווען דער סאַמע ברענענדיקסטער לעבנ־אינטערעס פון פוילן. יעדער אָפנויג פון דער וואכזאמקייט לגבי דער לאגע אויף די מערב־גרענעצן האָט אָפגעשוואכט דאָס לאנד און געשטעלט אין קאָן זיין צוקונפט. די פּאָליטיק פון צונויפזאמלען אלע כוחות אין קאמף קעגן

---

* Bolesław Krzywousty.

דער נייער געפאַר, דעם קרייץ־ריטער־אָרדן*, אָט דעם פאָרפּאָסטן פונעם אגרעסיוון דייטשישן פעאָדאליזם, האָט דערפירט צום גרויסן היסטאָרישן נצחון הינטער גרונוואלד אין יאָר 1410. עס איז געלונגען אין דער מלחמה קעגן דעם שונא פון דעם סלאַוונטום אויפצושטעלן אַ קאָאַליציע פון די פּאָליאקן, ליטווינער, טשעכן, רוסן (די הילף פון סמאָלענסקער פולק). די מלחמה פון דער פויליש־ליטווישער ארמיי קעגן דעם דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן איז אין א באדייטנדיקער מאָס פינאנסירט געוואָרן דורך יידישע געלט־מאגנאטן. דער מיליטערישער נצחון איז אָבער דורך דעם פוילישן קיניג וולאדיסלאוו יאגעללאָ (1386—1434) נישט דיסקאָנטירט און נישט דערפירט געוואָרן ביזן סוף צוליב דער שארפער קעגנערשאפט און די אינטריגעס מצד דעם וואטיקאן. דער זיג איז ענדגילטיק פארענדיקט, איינגעפונדעוועט און דיסקאָנטירט געוואָרן אין דער צייט פון קאזשימיעזש IV יאַגעללאָנטשיק (1427—1492), ווען פוילן האָט סוף כל סוף ליקווידירט דעם פּאָליטישן כוח און באַטייט פון דעם קרייץ־ריטער־אָרדן און צוריקגעוואונען דעם צוטריט צום באלטישן ים. אין XV י״ה האָט פוילן, אדאנק די נצחונות איבער דייטשלאַנד און איבערן מזרח־עקספּאַנסיאָניזם פון די דייטשישע פעאָדאלן, זיך ארויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון די פּאָרויסגייענדיקע מאָנארכיעס אין אייראָפּע.

אין דעם געראנגל קעגן דער דייטשישער געפאר האָט זיך פוילן נישט איין מאָל אָנגעטראָפן אויף קאָנפליקטן מצד די טשעכישע פעאָדאלן, וועלכע האָבן זיך ס׳רוב געפונען אינעם לאגער פון דייטשישן קייזער. דאקעגן דאָס טשעכישע ריטערטום, די שטאָטישע און דאָרפישע מאסן פון טשעכיע האָבן זיך געפונען אין איין לאגער מיט פוילן בעת דער מלחמה מיטן קרייץ־ריטער־אָרדן און בפרט בשעת דער גרונוואלד־שלאכט. מיט אונגארן האָט זיך פוילן אָפט געפונען אין איין לאגער.

דער לעבן־נייטיקער געראנגל קעגן דער געפאר מצד דעם דייטשישן קייזערטום און די דייטשישע פעאָדאלן האָט פארלאנגט אין פוילן א פאראייניקונג פון אלע אינערלעכע כוחות און א קאָנצענטרירטע מלוכהש־קיניגלעכע מאכט. דער דאָזיקער פראָצעס איז אָבער געווען באשווערט צוליב דער קלאסן־עגאָיסטישער פּאָליטיק און די דעצענטראליזיר־טענדענצן פון די גרויסע פוילישע מאגנאטן, וועלכע האָבן אין יעטוועדן מין קרעפטיקן די צענטראלע מאכט געזען א פארשווערונג אויף זייערע פּארטיקולארע אינטערעסן.

---

* Zakon Krzyżacki, krzyżacy.

3. אין משך פון דעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָצעס פון דער באַהאַנדל=
טער תקופה גייט אָן ביים הערשנדיקן פעאָדאַלן קלאַס אין פוילן א כסדר=
דיקער אינערלעכער קאַמף צווישן צוויי טענדענצן: פאַראייניקונג פון גאַנצן
לאַנד, און — איינהאַלטן די צעשפּליטערטקייט אויף באַזונדערע פּראָווינצן
און פירשטנטומס; צווישן דעם דראַנג צו שאַפן אן איינהייטלעכע קיניגרייך,
א קאָנצענטרירטע קיניגלעכע מאַכט, אזוי ווי אין מערב=אייראָפּע, און —
דער שטרעבונג פון די מאַגנאַטן, די גרעסטע ערד=באַזיצער, צו באַשרענ=
קען די מאַכט פונעם קיניג אָדער פירשט, און אריינצוגעמען די מלוכה אין
די אייגענע הענט, כדי אויסצומיידן די איבערמאַכט פון מאָנאַרך און
דורכצוזעצן די פּאַרטיקולאַרע עניינים, די עגאָיסטישע קלאַסן=אינטערעס
פון די גרויסע פעאָדאַלע באַרן=אייגנטימער. פון דעם אויסגאַנג פון דעם
דאָזיקן געראַנגל איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פון דער מלוכה. אן ענ=
לעכער קאַמף צווישן דער קיניגלעכער מאַכט און די גרויסע פעאָדאַלע האַרן
לאָזט זיך באַמערקן אויך אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניע און אנדערע
אייראָפּעישע לענדער, אָבער ער האָט געהאַט אן אנדער פאַרלויף ווי אין
פוילן.

אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָט דער קיניג געזוכט אן אָנשפּאַר
אין דעם רייכן שטאָט=בירגערטום און אינעם ריטערטום. אין פוילן האָט
בלויז דער לעצטער געקאָנט בילדן אן אָנשפּאַר=באַזע פאַרן קיניג אָדער
פירשט, וואָס האָט געשטרעבט צו צענטראַליזאַציע. דאַקעגן דאָס שטאָט=
בירגערטום אין פוילן איז געווען אָן אן ערך שוואַכער ווי אין מערב=אייראָ=
פּע. קודם כל האָט דאָ געווירקט דער פאַקט, וואָס אין די ערשטע יאָרהונ=
דערטער פון דער פעאָדאַלער תקופה, אן ערך ביזן XV י"ה, איז דאָס
שטאָט=בירגערטום אין פוילן אין א גאָר באַדייטנדיקער מאָס באַשטאַנען
פון א פון דער פרעמד אָנגעקומענעם עלעמענט מיט טענדענצן צו בלייבן
אין קאָנטאַקט מיט א פיינטלעכער אויסלענדישער מלוכה; דאָס זענען גע=
ווען די דייטשישע איינוווינער פון די פוילישע שטעט. דער פּאַטריציאַט,
ביזן XIV—XV י"ה, איז אין א גאָר גרויסער מאָס געווען דייטשיש. און
דער דאָזיקער פּאַטריציאַט האָט נישט זעלטן רעוואָלטירט קעגן דעם פּוי=
לישן קיניג, ד. ה. קעגן דער פוילישער מלוכה. אויך דער פאַקט, וואָס א גרוי=
סע צאָל פון די פוילישע שטעט האָט געהערט צו פּריוואַט=מאַגנאַטישע
אָדער קירכלעכע האַרן, האָט געווירקט אָפּשוואַכנדיק אויף דעם כוח פון
דעם שטאָטישן שטאַנד, וועלכער איז, חוץ דעם, געווען צעריסן אין הינזיכט
פון רעליגיע און עטנישן כאַראַקטער; דאָס האַלטן די יידישע שטאָט=תוש=

בים אויף דער מדרגה פון נידעריקערע, כמעט רעכטלאָזע איינוווינער, האָט נאָך מער אָפּגעשוואַכט דעם שטאָטישן שטאַנד.

אין דער שוואַכקייט פון די פּוילישע שטעט ליגט איינע פון די סי־בות, וואָס דער קאַמף פאַר אַן אייגנהייטלעכער פּוילישער מלוכה האָט גע־דויערט אַזוי לאַנג און געקאָסט אַזוי פיל בלוט און צרות.

די גאַנצע באַהאַנדלטע תקופה, ביזן אויפטריט פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן (XIV י"ה), איז פול מיט מאַגנאַטיש־קירכלעכע אינטריגעס, מיט בלוטיקע פאַרשווערונגען, פּאַלאַץ־איבערקערענישן און אינערלעכע מאָרדן. צום בולטסטן איז די אינטריגאַנטיש־פאַרשווערערישע פּאָליטיק פון די מאַגנאַטן געקומען צום אויסדרוק אין דער צייט פון דעם קיניג באָלעסלאַוו שמיאַלי. צו די הויפּט־אינטריגאַנטן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם ענערגישן קיניג אין אַ שפּילצייג אין זייערע אייגענע הענט, האָט גע־הערט דער פּעאָדאַלער האַר סטאַניסלאַוו שטשעפּאַנאָווסקי, דער קראָקע־ווער בּיסקופּ, וואָס ווערט אין די דעמלטיקע כראָניקעס באַצייכנט ווי אַ פאַ־רעטער. דער קיניג האָט געהייסן טויטן דעם בוגד אין בּיסקופּישן טראַכט. די מאַגנאַטישע פאַרשווערער האָבן געענטפערט מיט אַ בירגער־קריג, דער־הייבן דעם פאַרעטערישן בּיסקופּ צו אַ מאַרטירער און אַ קדוש, פאַרטריבן דעם גישט באַקוועמען קיניג, אויסגעוויילט אויף זיין אָרט זיין ברודער וולאַ־דיסלאַוו הערמאַן (1040—1102), וועלכער האָט די מאַכט איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם מאַגנאַט שעטשעך. אָבער ווי נאָר דער לעצטער איז געוואָרן צו איינפלוסרייך, האָבן די זעלביקע פּעאָדאַלע האַרן אויך אים אָפּ־געראַמט. די מאַגנאַטן האָבן געשטיצט דעם מאָנאַרך באָלעסלאַוו קשיוואָ־אוסטי (1102—1139) אַזוי לאַנג, כל זמן ער האָט דורך די זיגערישע מל־חמות פאַרגרעסערט זייערע ערד־באַזיצן, אָבער ווי נאָר עס האָט גענומען פון זיין זייט דראָען די געפאַר פון אַ קאָנצענטרירטער מלוכה־מאַכט, האָבן די פּעאָדאַלן גענומען וועבן אינטריגעס קעגן אָט דעם אין אַלגעמיין פאַר־דינסטפולן הערשער.

דער פּעאָדאַלער קלאַס איז אָבער גישט באַשטאַנען פון קיין אייגנהייט־לעכן עלעמענט. די ברייטע ריטער־מאַסע, וועלכע האָט אויסגעטראָגן אויף זיך די קאָנקרעטע מלחמה־לאַסטן, איז געווען ווייניק באַמיטלט, אָדער אָרעם. אויב מען קאָן פעסטשטעלן, אַז אין משך פון דעם גרויסן צייט־מהלך, פונעם XII ביזן XV י"ה, האָט געדויערט דער פּראָצעס פון ענד־גילטיקן אויספאָרמירן זיך פון פיר שטאַנדן: די שליאַכטע (פּעאָדאַלן), קלער, מיעשטשאַנעס (שטאָט־איינוווינער) און פּויערים — דאַרף מען איינ־

צייטיק זאָגן, אז דער פעאָדאל-שליאכטישער קלאס איז באשטאנען אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן זין פון אַ זייער פאַרשידנאַרטיקן עלעמענט: פון א הייפל גרויסע פעאָדאלן און א ריזיקער מאסע מיטעלע און קליינע ערד-באזיצער; די גרויסע פעאָדאלן האָבן פארמאָגט ריזיקע צאָלן לייב-אייגענע פויערים, בעת די קליינע שליאכטע-לייט האָבן געהאט זייער ווייניק פויערים אָדער אפילו אינגאנצן נישט. אויף אָט דעם מאסן-שיכט פון דער מיטעלער און קליינער שליאכטע, וועלכע איז ארויסגעקומען פונעם פריערדיקן ריטערטום, האָט זיך אָנגעשפּאַרט דער פירשט וולאדיסלאוו לאָקעטעק (1260—1333), ווען ער האָט געפירט אַ קאַמף פאַר פאַראייניקן די פאַרשידענע באזונדערע פראָווינצן און פאַר ליקווידירן די טעריטאָריעלע צעדרויבלטקייט, וועלכע איז געבליבן בירושה נאָך דער צוואה פון באָלעסלאַוו דעם קרוממויליקן, וואָס אויף איר סמך איז די אייגהייטלעכע מלוכה זיך צעפאלן אויף פיר באזונדערע מלוכהלעך.

נאָך אַ לאַנגן פעריאָד פון צעריסנקייט איז אין XV י"ה ענדלעך געשאפן געוואָרן אן אייגנהייטלעך-פוילישע קיניגרייך, וועלכע איז געשאפן געוואָרן אין שווערע און ביטערע קאמפן דורך וולאדיסלאוו לאָקעטעק און איז דערפירט געוואָרן צו אַ גלאַנץ-צייט בעת דעם קיניגן פון זיין זון און נאָכפאָלגער קאזשימיעזש III (דעם גרויסן) (1333—1370), וועלכער ווערט געהאלטן פארן שעפער פון דער פוילישער שטאנדן-מלוכה. אָבער סיי די פאַראייניקונג פון דער פוילישער פעאָדאַלער מלוכה, סיי איר אויפשוונג, איז געקויפט געוואָרן פאַרן פרייז פון קאָמפּראָמיס מיט דער וועלטלעכער און קירכלעכער מאַגנאַטעריע, וועלכע נעמט איבער אַלע העכסטע אמטן אין דער מלוכה און ווערט אלץ מער א דעצידירנדיקער פאקטאָר אין איר אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק. די מאגנאטעריע הייבט אָן ריוואליזירן מיטן קיניג וועגן די איינפלוסן אויף דער ברייטער שליאכטישער מאַסע, וועלכע נוצט דערוויל אויס די לאַגע און קעמפט אויס ביי קאַזשימיעזש III-טנס נאָכפאָלגער, לודוויק אַנזשו פון אונגאַרן (1370—1382), דעם באַוווסטן פאַקט אין קאָשיצע, לויט וועלכן דער גאַנצער שליאַכטישער שטאנד אָן אונטערשיד באקומט די זעלביקע גלייכע עקאָנאָמישע פריווילעגיעס אין דער פאָרם פון א געוואלדיק פארקלענערטן באָדן-שטייער.

אָבער די גרעסטע מאטעריעלע פראָפיטן קאסירט איין פאָרט די מאגנאטעריע. מיט דער פויליש-ליטווישער אוניע (אין די 80-ער יאָרן פון XIV י"ה) עפענען זיך פאַר איר נייע ריזיקע רווחים- און רויב-מעגלעכקייטן אויף די ברייטע שטחים פון אוקראינע און ווייסרוסלאנד. די מאגנאטעריע שלעפט

מיט זיך זייער אָפט דעם קיניג און ציט אים אויף מזרח, אָפּרייסנדיק זיין אויפמערקזאַמקייט פון דער באַדראָטער מערב-זייט.

דער קאַמף צווישן דעם קיניג מיט זיין צענטראַליזאַציע-שטרעבונג און דער מאַגנאַטעריע מיט איר דעצענטראַליזיר-צוועקן פלאַקערט אויף באַזונדערס שטאַרק מיטן מאָמענט, ווען אויפן טראָן טרעט ארויף דער קלוגער פּאָליטיקער מיט א פעסטן כאַראַקטער קאַזשימיעזש IV יאַגעללאָנטשיק (1427—1492). אין די שפּעטערדיקע דורות גייט דער קאַמף ווייטער אָן. אין XV י"ה נעמט שוין אַקטיוו אַ וואָרט אין דעם דאָזיקן קאַמף די מיטעלע און אָרעמע שליאַכטע — די דאָזיקע דערשיינונג טויכט ארויס אויף דער כוואַליע פון חער הוסיטישער באַוועגונג, וועלכע האָט אַקטיוויזירט פאַרשיידענע שיכטן פון דער פעאָדאַלער וועלט.

אין XIII און XIV י"ה ווייזן ארויס א געוויסע פּאָליטישע אַקטיווקייט די שטעט, וועלכע טרעטן אין א ריי פאַלן ארויס מיט אן אָפענעם ווידערשטאַנד קעגן די גרויסע פעאָדאַלע הארן. דעם קאַמף פון די שטעט בראש מיט די פּאַטריציער קאָן מען אָבער בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיטן געראַנגל פונעם פויערטום פאַר זיין עקאָנאָמישער עצם-עקזיסטענץ און מענטשלעכע רעכט. דער שטאָטישער פּאַטריציאַט האָט פון סאַמע אָנהייב אָן געזאַמלט גרויסע געלט-אוצרות און איז מיט דער צייט נאָך מער רייכער געוואָרן. דער שטאָטישער פּאַטריציאַט איז געווען פאַראינטערעסירט אין א שטאַרקער צענטראַלער מאָנאַרכישער מאַכט. אָבער אין די ארויסטריטן פון די שטעט אונטער דער אָנפירונג פונעם פּאַטריציאַט קומט נישט זעלטן צום אויסדרוק — ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — דער פרעמד ציענדיקער דייטשישער עלעמענט. און אָט דער פאַקט האָט אָפּגעשוואַכט און פאַרמינערט דעם באַטייט פון די פּאָליטישע ארויסטריטן פון די שטעט.

די אַלע קאַמפן אין די ראַמען פון דעם פעאָדאַלן קלאַס, וועלכער האָט ארומגענומען דעם מאָנאַרך, מאַגנאַטעריע, שליאַכטע, קלער, און צום טייל אויך דעם שטאָטישן פּאַטריציאַט, זענען געווען גרעסערע אָדער קלענערע קאָנפליקטן, אָפטמאָל בלוטיקע, וועגן מאַכט- און הערש-סיסטעם, וועגן איינפלוס און רווחים, הגם נישט זעלטן האָט זיך געהאַנדלט וועגן וויכטיקע פּאָליטישע קאָנצעפּציעס, פון וועלכער עס איז געווען אָפּהענגיק דער גורל און צוקונפט פון לאַנד. אָבער אַלע די אַזוי אָפט צעקריגטע עלעמענטן און שיכטן זענען פונדעסטוועגן געווען באַשטאַנדטיילן פון איין קלאַס: דעם פעאָדאַלן. אין ענדגילטיקן סך הכל האָט זיי אַלעמען פאַרבונדן דער עקס-

פּלאָטאָטאָרישער ציל לגבי דעם פּויערטום און שטאָטישער אָרעמקייט. זיי אַלע האָבן געהערט, ווער מער, ווער ווייניקער, צום הערשנדיקן שיכט אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. זיי אַלע זענען אין לעצטן סך הכל געשטאַנען אויף איין זייט באַריקאַדע. אויף דער צווייטער האָט זיך געפונען דער איבערוועגנדיקער טייל פון פּויערטום, וואָס פון זיין פּראַצע און שווייס האָט געצויגן זייערע רווחים דער פעאָדאַלער קלאַס. דער גרונטיקער סאָציאַלער קאָנפליקט אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט איז געווען דער קאָנפליקט צווישן די גרויסע און קליינע פעאָדאַלן מיט דער ריזיקער פּויערישער מאַסע. א צווייטער קאָנפליקט האָט געהערשט אין שטאָט גופא — צווישן דעם פּאַטריציאַט און דער פאָלקס-מאַסע, וועלכע איז געווען רעפּרעזענטירט דורך די דירעקטע פּראָדוצענטן — די בעלי מלאכות. אין דער שפּעטערדיקער תקופה וועט צוקומען אין דער אויפגעשטאַנענער, זיינט דער אוניע מיט ליטע, פילנאַציאָנאַלער פּוילישער פעאָדאַלער מלוכה א דריטער קאָנפליקט: צווישן די הערשנדיקע פּוילישע פעאָדאַלן און די נאַציאָנאַל- און סאָציאַל-אונטערדריקטע מאַסן פון דער פּאַריאָכטער אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

* * *

די ערשטע תקופה פון דער עקזיסטענץ פון דער יונג-פעאָדאַלער פּוילישער מלוכה, די תקופה, וועלכע כאַפּט אַרום די צייט פון X ביז טיף אין XV י"ה אַריין, איז אין אַלגעמיין, פון שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן פּראָצעס, א באַרגאַרויפיקע. אין משך פון אָט דער תקופה זענען אַנטשטאַנען און האָבן זיך אַנטוויקלט די שטעט, האָט זיך אויסגעבעסערט די אַגריקולטורישע טעכניק, זענען געוואַקסן די פּראָדוקטיווע כוחות, האָט זיך פאַרטיפט די ספּעציאַליזאַציע און טעכניק פונעם האַנטווערק, זענען אויפגעקומען לאָקאַלע מערק און האָט זיך אַנטוויקלט דער צווישנלענדישער סחורות-אויסטויש, איז געוואַקסן די סחורה- און געלט-ווירטשאַפט, וועלכע האָט אַלץ מער אַרויסגעשטויסן דעם פאַרעלטערטן נאַטירלעכן אויסטויש און די איזאָלירטע דאָרפיש-משפּחהדיקע ווירטשאַפט. עס איז און אָט דער תקופה אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע ליקווידירונג פון הוי-ערדן און אורוועלדער, און אויף זייערע ערטער האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט די אינערלעכע קאָלאָניזאַציע. אויף די נייע באָדנס זענען באַזעצט געוואָרן קרינס-געפאַנגענע, אייגענע פּוילישע פּויערים, איינגעוואַנדערטע קאָלאָניסטן, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען א באַדייטנדיקער פּראָצענט יידן.

עס האָט געהאלטן אין שטייגן די צאָל באפעלקערונג פון לאנד. אין דער העלפט פון XIV י"ה האָט די באפעלקערונג באטראָפן ארום איין מי־ליאָן מיט ניין הונדערט טויזנט נפשות; און דער העלפט פון XV י"ה האָט שוין פוילן געציילט א באפעלקערונג פון צוויי מיט א האלבן מיליאָן.

אינעם פראָצעס פון קאָלאָניזירן און אנטוויקלען דאָס לאנד האָבן אן ערנסטן צושטייער געגעבן די יידן. זייער ראָל און זייער לאגע קאָן ווערן פארשטענדלעך גאָר אויפן פאָן פון פוילנס היסטאָרישן פראָצעס אין דער ערשטער פעאָדאלער תקופה, אויפן פאָן פון די דערשיינונגען און אנטוויק־לונגען, וועלכע מיר האָבן געפרווט אָנצייכענען אין דעם דאָזיקן קאפיטל.

קאַפּיטל צוויי

# דער באַגין פונעם יידישן ישוב אין פוילן

ווי לאַנג לעבן שוין די יידן אין פוילן? — אויף אָט דער גרונט־פראַגע פון דער געגעזע פונעם יידישן ישוב אין פוילן זענען די פאָרשער נישט אימשטאַנד צו געבן קיין געגוויען ענטפער. די פארצייטיקע פוילישע מע־מואריסטן און געשיכטע־שרייבער האָבן זיך קיין סך נישט געחקרנט איבער דעם דאָזיקן פּראָבלעם. זיי האָבן אָנגענומען, אַז די יידן לעבן אין פוילן מקדמונים, פון די סאַמע וווייטסטע פארנעפּלטע צייטן. דער זכרונות־שריי־בער, יענדזשעי קיטאָוויטש, דער פאַרפאַסער פון דעם חיבור „די באַשריי־בונג פון די מנהגים אין דער הערשאפט־צייט פון אויגוסט III"*, שרייבט, אַז די יידן וווינען אין פוילן פון אוראַלטע צייטן. דער עלטסטער פוילישער היסטאָריקער, נאַרושעוויטש, פאַרנעמט אַן ענלעכע שטעלונג, ער גענעמט פאַקטיש אָן קיטאָוויטשעס מיינונג. דאָס איז, אַפּנים, געווען די מיינונג פון דער דעמלטיקער פויליש־פעאָדאַלער געזעלשאַפט. הגם עס האָט דעמלט עקזיסטירט אויך א צווייטע מיינונג, אַז יידן זענען א פרעמדער, אָנגעלאָ־פענער עלעמענט, איז אָבער די איבערצייגונג וועגן דער קדמונישקייט פון יידן אין פוילן געווען א גענוג פארצווייגטע. אויך דער ערשטער היסטאָרי־קער פון יידישן ישוב אין פוילן, דער אויפגעקלערטער פּאָליאַק טאַדעוש טשאַצקי, האַלט זיך אין זיין ווערק „אַן אָפּהאַנדלונג וועגן יידן און קאַ־ראימער"** ביי דער זעלבער מיינונג. דער גרויסער דעמאָקראַטישער

---

* Jędrzej Kitowicz: „Opis obyczajów za panowania Augusta III", Wrocław, 1951, s. 5.

** Tadeusz Czacki: „Rozprawa o Żydach i Karaitach". III wydanie 1860, s. 37.

פּוילישער היסטאָריקער פון XIX י"ה יאָכים לעלעװעל האַלט, אַז ייִדן זענען געווען באַזעסן אין פּוילן שוין אינעם IX י"ה. דער פּוילישער היסטאָ־ריקער מאַטשעיאָווסקי (צווייטע העלפט פון XIX י"ה) שטייט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז ייִדן האָבן געוווינט אין פּוילן שוין אין VIII י"ה און אויף זיכער אין IX און X י"ה. אַן ענלעכע שטעלונג פאַרנעמען די ייִדישע היסטאָ־ריקער: א. הרכבי, פּ. מאַרעק, ש. דובנאָוו, קאַסעל, מ. ווישניצער, י. ברוצ־קוס, מ, באַלאַבאַן, מ. מיזעס, י. מייזעל, י. שיפּער, ע. רינגעלבלום, ר. מאַה־לער, ב. צינור, נ. פּאָללאַק, דער גרינטלעכער פאָרשער פון דער געשיכטע פון די ליטוויש־ווייסרוסישע ייִדן, דער רוס בערשאַדסקי אאַ.

דאָס הייסט נישט, גאַמירלעך, אַז עס איז אויסגעשלאָסן, אַז פאַרן IX י"ה האָבן זיך נישט געקאָנט געפינען אויפן שטח פון די פּרא־פּוילישע שבטים קיין ייִדישע ישובים. היות די געשיכטע פון ערב־פּוילן פאַרן IX י"ה איז ביז איצט זייער שוואַך אויסגעפאָרשט, אַחוץ די יענע געביטן פון לעבן, וועלכע מען קאָן לפי ערך אָפּשאַצן אויפן סמך פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען (מכשירים, ווין־באַדינגונגען, געוויסע פּראָדוקציע־צווייגן, שפּייגוער, קברים, וכדומה), איז אויך נישט מעגלעך זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן שפּורן פון ייִדישן קיום אין דעם דאָזיקן לאַנד אין דער תקופה פאַר דער אַנטשטייונג פון דער פאַראייניקטער יונג־פּוילישער מלוכה. אין ייִדישע מקורים פון יענער צייט געפינט מען נישט קיין ידיעות וועגן אַ ייִדישן ישוב אין די געביטן פון ערב־פּוילן. עס איז נאָר פאַראַן איין אַלטער העברעישער דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון VIII י"ה, און געמלעך אַ נאָטיץ פון אַן אומבאַקאַנטן סליחה־מחבר, ווו מיר לייענען צוו. אנד., אַז נאָכן אויפקום פון „פאַלשן נביא" מאַכמעד איז די מערהייט ייִדן פון פּערסיע אַנטלאָפן און איז אַוועק קיין „רוסיאה, אשכנז וססבונניא" צו די אָרטיקע ייִדן. די זעלביקע ידיעה חזרט איבער אין זיין כראָניק „עמק הבכא" יוסף הכהן, וועלכער שרייבט, אַז לערך אין יאָר 690 נאָכן אָנפאַל פון די מאַכמעדאַנער אויף פּערסיע זענען אַ סך ייִדן אַנטלאָפן פון דאַנען און אָנגעקומען קיין „רוסיאה, אשכנז ושויציאה", בתוכם אין דער שטאָט האַל און דאָרטן געפונען אַ סך ייִדן. די הוריי לענדער, וווהין עס האָבן עמיגרירט מאַסן ייִדן פון פּערסיע סוף דעם VII י"ה, זענען, הייסט עס, אַלט־רייסן, דייטשלאַנד און „ססבונניא", וועלכע יוסף הכהן נעמט אָן פאַר שווייצאַריע אָדער שוועדן; דאַקעגן היינטיקע געלערנטע מיינען, אַז „ססבוננִיא" איז דאָס לאַנד פון די זאַקסן און „האַל" זאָל זיין די שטאָט האַללע. אַנדערע פאָרשער מיינען, אַז „ססבונניא" איז דער טייטש „סקלאַבאָניע", אָדער — דאָס לאַנד פון די

סלאַוון. ווי עס זאָל נישט זיין, קאָן מען דערינגען, אַז אויפֿן וועג פֿון קיעווער רייסן קיין דייטשלאַנד האָבן די פּערסישע יידן געוויס געמוזט גיין דורך פּוילן און זיך צום טייל דאָ פֿאַרהאַלטן און באַזעצט. דער מחבר פֿון די הערות צו „עמק הבכא“, דער יידישער געלערנטער פֿון XIX י"ה ש. ד. לוצאַטי (שד"ל), גיט צו צו דעם אויבן אָנגעוויזענעם ציטאַט די פֿאָלגנדיקע באַמערקונג: „עס איז צו זען, אַז דער מחבר (יוסף הכהן) האָט געזען אַלטע זכרונות־ביכער, וואָס זענען נישט דערגאַנגען צו אונדז, און ער האָט געקירצט זייערע ווערטער צו פֿיל... און דער דאָזיקער ענין אַליין וועגן דעם פֿאָרן פֿון מאַסן יידן פֿון פּערסן־לאַנד קיין רייסן זעט מיר אויס צו זיין אַ גרויסע נייעס, ווייל אַראַנק דעם ווערט פֿאַרשטענדלעך די ריזיקע צאָל יידן, וואָס געפֿינען זיך אין די צפֿון־לענדער און וואָס איז גרעסער פֿון אַלע לענדער פֿון אייראָפּע, און עס ווערט אויך פֿאַרשטענדלעך דאָס געפֿינען זיך פֿון קראָים אין רייסן און פּוילן“.

אַזוי אַרום איז פֿאַראַן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער יסוד צו דער השערה, אַז שוין סוף דעם VII־טן י"ה זענען אין געוויסע געביטן פֿון אַלט־פּוילן אָנגעקומען פֿון מזרח באַדייטנדיקע צאָלן יידן. וועגן דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון אָט דעם בכורהשן יידישן ישוב אין פּוילן קאָן מען אורטיילן, נעמענדיק אין אַכט דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן די יידן פֿון בבל און פּערסיע. אַלנפֿאַלס איז מסתמא צווישן זיי געווען אַן אָנזעעוודיקער שיכט לאַנדווירטן.

אַזוי אַרום לאָזט זיך די געשיכטע פֿון דעם יידישן ישוב אין פּוילן אָנהייבן מיטן VIII־טן י"ה. פֿון דעם דערינגט אַרויס, אַז צוזאַמען מיט פּוילנס אַרויסטריט אויף דער פּאָליטישער אַרענע, ווי אַן אָרגאַניזירטע יונגע מלוכה, מיט איר פֿאָרמירונג ווי אַ מלוכהשער אָרגאַניזם, און איינעם מיטן אַריינדרינגען פֿון דעם נייעם פֿעאָדאַלן סדר אין דעם לאַנד — פּרעט שוין אויך אויף אַ יידישער ישוב, וועלכער פֿאַרמאָגט נאָך נישט לעת עתה קיין קלאָרן פּנים, אָבער וועגן וועלכן מען קאָן שוין נישט בלויז פֿעסטשטעלן, אַז ער האָט עקזיסטירט, נאָר אפֿילו — אָנמערקן אין די סאַמע אַלגעמיינסטע שטריכן זיין עקאָנאָמישן כאַראַקטער און זיין עטנישן אָפּשטאַם.

עס איז זייער אינטערעסאַנט, אַז דער ערשטער רייזנדיקער, וואָס האָט מבשר געווען דער מערבֿדיקער וועלט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון דער אָקאָרשט אָרגאַניזירטער, פֿאַראייניקטער פּוילישער מלוכה, איז געווען אַ ייד פֿון דער אַראַבישער שפּאַניע, פֿון דער שטאָט טאָרטאָסע—אבֿרהם

בן יעקב (איבראַהים איבן יאַקוב). דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייִ־טער קענטעניש פון שפּראַכן, אַ דיפּלאָמאַט פון דעם קאָרדאָווער קאַליפאַט. אין יאָר 966 איז אברהם בן יעקב ארויסגעפאָרן מיט אַ דיפּלאָמאַטיש־ווירטשאַפטלעכער מיסיע פונעם קאַליפאַט צום דייטשישן קייִזערטום. ער האָט באַזוכט דעם קייזערלעכן הויף און די צענטראַלע קאָמוניקאַציע־ און האַנדל־שטעט מאַגדעבורג און פּראָג און געזאַמלט ידיעות אויך וועגן דער יונגער פּוילישער מלוכה פון מיעשקאָ I, וועגן איר כאַראַקטער און מיליטערישער קראַפט. ער האָט אָנגעשריבן אַ רעלאַציע פון זיין נסיעה אין העברעיש, אָבער דער טעקסט איז פאַרלוירן געגאַנגען. דעם טעקסט האָט, ווייזט אויס, געקענט דער אַראַבישער געאָגראַף אַל־באַקרי, וועלכער האָט אַריינגענומען אַ פראַגמענט פון אברהם בן יעקבס באַשרייבונג אין זיין ווערק „כיתאב אַל־מאַסאַליק ואַל־מאַמאַליק", ד. ה. — די באַשרייבונג פון לענדער און מלוכות (ארום 1067 — 1068). דערנאָך האָט די באַשרייבונג געוואַנדערט איבער פאַרשידענע אַראַבישע ווערק. ווי געוויסע פאָרשער זיינען זיך משער, איז אברהם בן יעקבס רעלאַציע געווען באַשטימט ווי אַ ראַפּאָרט פאַרן קאָרדאָווער קאַליף אַל־האַקאַם II. אברהם בן יעקב איז געווען אַ מיטצייטלער פון אַ צווייטן יידישן מלוכה־מאַן פונעם אַראַביש־שפּאַנישן קאָרדאָווער קאַליפאַט, חסדאי בן שפרוט (915—970), וועלכער איז באַקאַנט פון זיין קאָרעספּאָנדענץ מיטן כוזרישן מלך יוסף און וועלכער באַמערקט אין זיין בריוו, אַז קיין קאָרדאָווע זענען אָנגעקומען צוויי שליחים פון דעם מלך פון גבלים, די יידן מר שאול און מר יוסף. די געלערנטע האָבן לאַנג דעבאַטירט, ווער איז עס דער מלך פון גבלים. איינע האַלטן, אַז דאָס איז אַ פּוילישער פּירשט, אַנדערע — אַז דאָס איז דער הערשער פון טשעכיע.* אַלנפאַלס זענען וויכטיק די צוויי יידן, וועלכע האָבן זיכער געשטאַמט פון דער בבליש־פּערסישער עמיגראַציע, אַזוי וואָס עס ווייזן אָן זייערע טיטולן „מר", און אָט די טיטולן זענען ביי יידן געווען נאָר אין בבל; דער טיטול „מר" (און אויך „מרת" — פאַר פרויען) שטאַמט פון סיריש (אַראַמיש), און אויך קריסטלעכע סירייער האָבן אים באַנוצט.

דער קעגנוואַרטיקער פּוילישער אָריענטאַליסט פּראָפ. טאַדעוש לעוויצקי שאַצט אָפּ אברהם בן יעקבס רעלאַציע ווי די סאַמע ווערטפולסטע באַשרייבונג פון די מערב־סלאַווישע לענדער, און בפרט פון פּוילן, אין X

* זע: אַריינפיר טייל, קאַפּיטל זיבן.

י״ה. אַן ענלעכע הויכע מיינונג האָט וועגן דעם יידישן רייזנדיקן אויך דער היינטצייטיקער פּוילישער פאָרשער פון יענער תקופה פּראָפ. אַלעקסאַנדער געישטאָר.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין אַ פריערדיקן טייל, אַז אַבֿרהם בן יעקבֿ דערמאָנט אין זיין באַשרייבונג פון פּראָג אויך יידישע און יידיש־כּוזרישע צווישנלענדישע סוחרים און אַ יידישן ישוב אין דעם געביט פון די לאַבע־סלאַוון.

אַבֿרהם בן יעקבֿ שאַצט אָפּ די מלוכה פון מיעשקאָ I, דעם „מלך פון צפון“, ווי די גרעסטע אין שטח מדינה פון די אים באַקאַנטע סלאַווישע לענדער. פּוילן פאַרמאָגט — לויט דעם יידישן רייזנדיקן — אַ שפע פון שפּייז, פלייש, האָניק, פיש אאַו. מיעשקאָ I איז אויך — ווי עס שרייבט איבראַהים איבן יאַקוב — אַ מעכטיקער הערשער; עס ווערט באַשריבן זיין מיליטערישע דרוזשינע, זיינע הכנסות וכדומה. איינצייטיק באַמערקט דער יידישער רייזנדיקער, אַז די סלאַוון זענען געצווּנגען צו אינערלעכע קריגערייען, און ווען נישט דאָס, ווען נישט זייער צעשפּליטערטקייט אויף אַ סך שבֿטים, וואָלט קיין שום פאָלק נישט געווען אימשטאַנד זיך זיי אַקעגנצושטעלן.

דאָס זענען אָבסערוואַציעס פון יאָר 966 — סך הכּל דריי יאָר נאָכדעם ווי מיעשקאָ I האָט אָרגאַניזירט די ערשטע פּוילישע מלוכה.

וועגן יידן אין דעמאָלטיקן פּוילן געפינט מען נישט קיין אינפאָרמאַציעס ביי אַבֿרהם בן יעקבֿ, הגם — ווי מיר האָבן געזען — מיט יידן אינעם לאַבע־געביט און אין פּראָג האָט ער זיך יאָ אינטערעסירט. קודם כּל איז ער אין פּוילן גופֿא נישט געווען, נאָר בלויז אויף די ראַנדן, און צווייטנס — איז אַ גרויסער טייל פון זיין אויטענטישער באַשרייבונג פאַרלוירן געגאַנגען.

די ידיעות וועגן דער מלוכה פון מיעשקאָ I האָט ער, ווייזט אויס, געהערט פון סוחרים, וועלכע זענען געקומען פון פּוילן, דערונטער פון קראָקע; און צווישן אָט די סוחרים זענען אויך געווען יידן. ווי מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט, איז וואַרשיינלעך אַ יידישער ישוב געווען אין פּוילן שוין אין די פריערדיקע דורות.

דער אָנהייב פון יידישן ישוב אין פּוילן איז אַרומגעוועבט מיט פאַרשידענע לעגענדעס. הגם געוויסע פאָרשער טראָגן איבער די פאָרמוליר־צייט פון אָט די לעגענדעס אויף שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, זענען זיי פונדעסטוועגן כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם באַוווּסטזיין פון דער טיפער פאַרוואָרצלטקייט פון יידן אין פּוילן און טראָגן אין זיך אַ געוויסן קערנדל און אַן עכאָ פון געשיכטלעכער ווירקלעכקייט.

איין לעגענדע בינדט אָן צו די צייטן נאָכן טויט פון דעם לעגענדאַרן אַלט־פּוילישן פירשט פּאָפּיעל. די פאָלקס־פאַרזאַמלונג („וויעצע"),* וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין קרושוויצא מיטן ציל אויסצווויילן אַ נייעם הער־שער, האָט באַשלאָסן, אַז דער, וואָס וועט אַריינקומען דער ערשטער פאַר־טאָג אין שטאָט אַריין, וועט געזאַלבט ווערן פאַר אַ מלך. על פי צופאַל האָט זיך ביי די שטאָט־טויערן דער ערשטער געוויזן דער ייד אברהם, וועלכן מען האָט גערופן פּראָכאָווניק, און ער איז געבליבן שטיין ביי דער אָזיערע גאָפּלאָ. די פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט אים באַגריסט און געוואָלט זאַלבן פאַר אַ קיניג. דער ייד האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און אָנגעוויזן אויף דער פּערזאָן פון פּיאַסט. דער לעצטער איז טאַקע געוואָרן אויסגעקליבן, און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די פּיאַסטישע דינאַסטיע אין פוילן.

לויט געוויסע אויסטייטשונגען זאָל מען אברהמען האָבן אָנגערופן פּראָכאָווניק, ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט „פּראָך", מיט פּולווער.

ווי עס איז צו זען, איז די לעגענדע ענדגילטיק אויסקריסטאַליזירט גע־וואָרן אַ סך שפּעטער ווי די ערב־מלוכה־צייט אין פוילן. עס איז באַוויזן, אַז פּולווער האָט מען נאָך דעמאָלט אין פוילן נישט געקאָנט, און ערשט די מאָנגאָלישע אַגרעסיע סוף דער ערשטער העלפט פון XIII י"ה האָט אַנט־פּלעקט פאַר פוילנס איינוווינער דעם אויפרייס־כוח פון פּולווער, הגם עס קאָן זיין, אַז אין דעם טערמין „פּראָכאָווניק" קאָן שטעקן אַן אָפּהילך פון די קינסטלעכע פייערן, וועלכע מען האָט באַנוצט אין ביזאַנץ, און אפשר איז די לעגענדאַרע געשטאַלט פון אברהם פּראָכאָווניק אַ שטיקל עכאָ פון דער איינוואַנדערונג פון ביזאַנטישע יידן אין די סלאַווישע לענדער און בתוכם אין פוילן.

בכלל איז דאָס אַ לעגענדע בתוך לעגענדע, ווייל די גאַנצע מעשה מיט פּיאַסטן איז אויך נישט מער ווי אַ פאָלקס־מסורה. אָבער ווי געזאָגט, איז די יידיש־פּוילישע לעגענדע כאַראַקטעריסטיש פאַרן געפיל פון יידישער פאַר־וואָרצלטקייט אין פוילן.

די לעגענדע וועגן אברהם פּראָכאָווניק ווערט געבראַכט ביים פאַרפאַ־סער זאַמאָיסקי אין זיינע „היימישע דערינערונגען"** און ביים היסטאָ־ריקער לעלעוועל אין זיין געשיכטע־בוך א.נ. „פּוילן אין מיטלאַלטער".***

* Wiece.

** „Domowe wspomnienia".

*** Joachim Lelewel: „Polska wieków średnich", t. II, s. 417.

דער יידישער פאָרשער מתתיהו מיזיש האַלט, אַז אין דער לעגענדע און אינעם געשטאַלט פון אַברהם פּראָכאָווניק איז פאַראַן אַ ווידערקול וועגן די יונגע יידן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די מיליטערישע דרוזשינעס פון די אַלט-פּוילישע פירשטן ביז באָלעסלאַוו כראָברי איינגעשלאָסן.

מער היסטאָרישע רעמיניסצענץ און מער געשיכטלעכע עלעמענט: פאַרמאָגט אַ צווייטע לעגענדע, וועלכע עס ברענגט אין איינעם פון זיינע גרונט-ווערק „פּוילן פון מיטלאַלטער" דער שוין דערמאָנטער דעמאָקראַטישער היסטאָריקער פון XIX י"ה און פריינד פון די פּוילישע יידן יאָאַכים לעלעוועל. די לעגענדע איז געווען פאַרצייטנס פאַרשפּרייט צווישן די פּויזנער יידן און איז צום ערשטן מאָל געוואָרן אָפּגעדרוקט אין אַ ווערק פון אָנהייב XIX י"ה אין דייטשלאַנד.

אָט וואָס מיר לייענען ביי לעלעוועלן:

...אין X י"ה האָבן זיך די בני ישראל געפונען אויפן שטח פון רעגענסבורג איבער כראָבאַציע (מערב-קליינפּוילן) און לויצק ביז קיעוו, זיי האָבן געוווינט ביי דער ווייסל. אָן אַ ספק זענען זיי אויך געווען ביים טייך וואַרטאַ און פּאָלאָניאַ; וועגן דעם דערציילט אויך זייערס אַ לעגענדע.

קיין אַשכנז (דייטשלאַנד) זענען זיי (די יידן) געקומען פון שפּאַניע שוין זייער לאַנג און (דאָרט) איז זיי גוט געווען, זיי זענען נתעשר געוואָרן, ביז ס'איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די פראַנקן און די אָנהענגער פון וואָדאַן (וואָטאַן — אַן אַלט-גערמאַנישער גאָט פון דונערן) — די זאַקסן. די יידן האָבן זיך פאַרהאַלטן נייטראַל, דאָס האָט (זיי) אָבער נישט געהאָלפן. די קריסטן און די אָנהענגער פון וואָדאַן האָבן ביי זיי צוגענומען דאָס פאַרמעגן און זיי אונטערדריקט. ס'איז געוואָרן זייער שלעכט. הגם קאַרל (שאַרל) דער גרויסער האָט באַקערט די זאַקסן צום קריסטנטום און ס'איז מער נישט געבליבן קיין אָנהענגער פון דעם וואָדאַנישן גלויבן, האָט זיך די לאַגע פון די יידן כלל נישט פאַרבעסערט. אין זייער שווערער לאַגע האָבן זיי שוין געהאַט בדעה אויסצוזוכן זיך אַן אַנדער לאַנד פאַר אַ מקום מקלט, זיי האָבן שוין אין זינען געהאַט ארויסציען זיך פון אַשכנז און פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אינעם יאָר 893 האָבן זיי אַרויסגעשיקט אַ פייערלעכע שליחות צום יונגן פּוילישן קיניג מיט אַ בקשה, ער זאָל זיי געבן ערד אויף באַזעצן זיך. אלס שליחים האָט מען אויסגעקליבן עקיבא פון עסטראַמאַדוראַ (שפּאַניע), תזקיהו דעם ספרדי, פון צפורי אין א"י, דעם מאַטעמאַטיקער עמאַנועל פון אַשקלון, ארץ-ישראל, דעם רעטאָריקער (שיינרעדנער) לוי באַקקאַרי פון באַדאַר, אינדיע, צום סוף — נתנאל דעם באַרצעלאָנער, שפּאַניע.

ווערנדיק צוגעלאָזט צום טראָן, האָט דער שיינרעדנער לוי פאַרבוקט זיך ביז צו דער ערד און דערציילט אין אַ קורץ-געפאַסטער לאַטייניש רעדע וועגן דעם עלנט פון ישראל זינט דעם חורבן פון בית ראשון ביז צו די רדיפות פון די דייטשן און האָט געבעטן אַ שוץ-אָרט. לעשעק (דער פּוילישער פירשט) איז פאַרחידושט געוואָרן און געווען טיף גערירט פון דער דאָזיקער דערציילונג. דעמלט האָט (לוי)

געבעטן אַ דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין פּוילן, רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה און ערד צו באַאַרבעטן.

איידער מען האָט געענטפערט אויף די פאָדערונגען, האָט לעשעק געשטעלט די שליחים פּראָגן; די תשובות האָבן אים אינגאַנצן באַפרידיקט... דאָס אַלץ איז לעשעקן שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיך אין טעמפּל באַראַטן מיט זיינע כהנים און וועט זיי געבן אַן ענטפער. דעם דריטן טאָג זענען זיי (די יידן) געררופן געוואָרן פאַרן טראָן, דער קיניג לעשעק האָט זיי מבטיח געווען, אַז ער האָט ליב באַקומען דאָס פאָלק ישראל און זעט עס גערן אין זיין מלוכה. צוליב געוויסע טעמים קאָן ער זיי נישט אויסטיילן אַ שטיק ערד אויף אַ באַזונדערן יישוב, ער גיט זיי אָבער פרייהייט צו באַזעצן זיך אין זיין גאַנצן קיניגרייך, צו באַאַרבעטן די ערד, צו כאָוועען בהמות און באַשעפטיקן זיך מיט מלאכה. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיך די שליחים געוואָרפן דעם קיניג צו די פיס, אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט און אומגעקערט זיך צו די אייגענע. און אין די הייזער פון ישראל אין אַשכנז האָבן זיך צעקלונגען קול ששון ושמחה. אינעם צווייטן יאָר, 894, האָט אַ גרויסע צאָל יידן אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד קיין פּוילן.

מען האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס וווּנדער, ווי אויף ברואים פון אַן אַנדער וועלט. זייער פריינדלעך באַנעמען זיך האָט אַרויסגערופן די גאַסטפריינדלעכקייט (מצד דער באַפעלקערונג). אין 11 יאָר שפּעטער, אין יאָר 905, האָבן זיי באַקומען אַ פּריווילעגיע, וועלכע גיט זיי דאָס רעכט צו באַזעצן זיך און אָפּהיטן זייער רעליגיע, אַן אייגן געריכטס-וועזן, פרייהייט פון האַנדל און מלאכה, אומאָפּהענגיקייט פון די רימער און שוין אַנטקעגן דעם שלעכטן ווילן פון אָנפאַלער.

די דאָזיקע פּריווילעגיע האָט געזאָלט פאַרפאַלן ווערן בעת דער פּויליש-דייטשישער מלחמה אין די צייטן פונעם קיניג באָלעסלאַוו כראָברי.

עד כאן — די לעגענדע לויט נוסח לעלעוועל.

ווען די דאָזיקע לעגענדע איז געבוירן געוואָרן, איז שווער פעסטצושטעלן. די מחברים פון דער לעגענדע האָבן געצילט צו באַווייזן סיי דעם יחוס פון די ערשטע פּוילישע יידן (אַז זיי שטאַמען צוו. אַנד. פון ישראל און שפּאַניע), סיי דעם פאַקט, אַז זיי האָבן זיך לכתחילה נישט פאַרנומען מיט מסחר און וווּכער, נאָר מיט מלאכה און ערד-אַרבעט. אַז אין דעם איז פאַראַן אַ שטיק אמת, איז אויסער יעדן ספק. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז בעת די מלחמה-צוגן פון שאַרל דעם גרויסן אויף די זאַקסן אין די יאָרן 722—804 האָט זיך איינעם זאַקסן-לאַנד, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם ריין ביז דער עלבע, געפונען אַ יידישער ישוב, וועלכער האָט געליטן פון דער מלחמה און מיגלעך אויסגעוואַנדערט קיין פּוילן, הגם אין יוסף הכהנס כראָניק „עמק הבכא“ ווערט געררעדט וועגן זייער אויסוואַנדערונג אין יאָר 810 קיין שפּאַניע און ענגלאַנד. אָבער מיט יאָרן שפּעטער האָבן זיי געקאָנט

וואַנדערן קיין פּוילן. עס איז אויך באַוווּסט, אַז באָלעסלאַוו כראָברי, וועל־כער האָט שפּעטער געפירט אַ מלחמה קעגן דײַטשישן קייזערטום, האָט קאָ־לאָניזירט אין זײַן לאַנד גרויסע צאָלן קריגס־געפאַנגענע, פאַרשלעפּטע ציוויליע באַפעלקערונג און אויך פריוויליקע אײַנוואַנדערער. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן זיי זענען אויך געווען ייִדן. צוריקקערנדיק זיך צו דער צײַט פון דעם פראַנקיש־זאַקסישן קריג, דאַרף מען געדענקען, אַז דער פירשט לעשעק (אָדער ווי ער ווערט אָנגערופן אין אַלטע כראָניקעס — לסטעק)* דער זון פון סיעמאָוויט, אָדער זיעמאָוויט, ווערט דורך די הײַנט־צײַטיקע פאָרשער באַהאַנדלט ווי אַ היסטאָרישע פיגור. דאָס איז געווען דער זיידע פון מיעשקאָ I. חערפון קאָן אַרויסדרינגען, אַז פאַר לעשעקס צײַט, אין IX י״ה, האָבן מאַקע אײַנגעוואַנדערט גרופן ייִדן פון דעם זאַקסן־לאַנד (הײַנטיקס דײַטשלאַנד) אין די געגנטן פון דעם פּאָלאַנישן שבט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער צענטער פון דעם פּאָרמיר־פּראָצעס פון דער פּויליש־ער מלוכה.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז דער באַוווּסטער ייִדישער היסטאָריקער יצחק בער (פון ירושלימער אוניווערסיטעט), אַ ספּעציאַליסט פון דער געשיכטע פון ייִדן אין דער קריסטלעכער שפּאַניע, איז געקומען צום אויספיר, אַז ייִדן פון שפּאַניע פלעגן עמיגרירן אויך קיין דײַטשלאַנד און אין די סלאַווישע לענדער. אַזוי אַרום איז גאַנץ וואַרשײַנלעך, אַז די דאָזיקע ספרדים האָבן זיך אויך באַזעצט אין פּוילן פון מיעשקאָ I־טנס צײַטעס. דאָס זעלביקע קאָן אָנגעווענדעט ווערן אויך לגבי ישראל־ייִדן, וועלכע פלעגן עמיגרירן — ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אינעם פריערדיקן טייל (קאַפּיטל פינף) — פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, בתוכם פון פּאַלעסטינע, אין די סלאַווישע לענדער און זיער מעגלעך אויך קיין פּוילן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אָט די לעגענדע וועגן דעם צווייטן בכורהשן ישוב (נאָכן VII י״ה) פון די ייִדן אין פּוילן, וועלכער ווערט פאַרבונדן מיטן יאָר 894, פאַלט זיך צונויף מיט דער מיינונג פון געוויסע ייִדישע פאָרשער וועגן דער אַנטשטייונג אין דער זעלביקער צײַט פון דעם ייִדישן ישוב אין אונגאַרן — דורך דער אײַנוואַנדערונג פון דעם דערמאָנטן אין ערשטן טייל (קאַפּיטל זעקס) כוזרישן שבט פון די קאַבאַרן.

אַזוי אַרום איז אויסער יעדן ספק, אַז אַ קערנדל פון היסטאָרישן אמת איז אין דער דאָזיקער לעגענדע פאַראַן.

---

* Lstek.

פון וועלכן עטנישן אָפּשטאַם זענען געווען די יידישע קיבוצים אין פוילן אין IX און X י"ה? ווי שטעלט זיך פאַר זייער ווירטשאַפטלעך־סאָציאַלער כאַראַקטער? אין וואָס פאר א יידישן קולטור־קרייז האָבן זיי זיך געפונען? עס איז שווער צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער אויף אָט די פראַגן, אָבער איינס איז קלאָר, אַז עס האָבן זיך ביי זיי געקרייציקט צוויי עטנישע און קולטור־שטראָמען: פון די מזרחדיקע און מערבדיקע יידן. די אָרטיקע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אויף די פראַ־פוילישע געביטן מקדמונים און וועגן וועלכע מיר ווייסן אַזוי ווייניק, האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אַ מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח, אַ שטאַרקן עלעמענט פון מערב, דערנאָך די שארית־הפליטה פון אַלט־רייסן, פון כוזרישן לאַנד, שפּעטער פון דעם ישוב ביי דער לאַבע, דערנאָך פון טשעכיע און ווידער פון דייטשלאַנד. די אַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן לכתחילה געלעבט אָפּגעזונדערט מיט זייער אייגענעם אַלטן שטייגער, האָבן זיך דערנאָך קעגנזייטיק דערנענטערט, זיך צונויפגעגאָסן אין איין עטנישער גרופּע און זיך איבערגעקאָכט אין א לאַנגדויערנדיקן פּראָצעס אין דער ריכטונג פון אַן אייגנאַרטיקן יידישן ישוב, וועלכער האָט זיך געפאָרעמט אונטערן איינפלוס פון די לאַנד־באַדינגונגען, און איז אויסגעוואַקסן ביים סוף פון דער ערשטער תקופה פונעם פעאָדאַליזם און אויפן שוועל פון דער צווייטער תקופה (סוף XV און אָנהייב XVI י"ה) צו א גרויסן יידישן ישוב, כדי אין אַ צייט אַרום (סוף XVI און תחילת XVII י"ה) צו ווערן דער גרעסטער און וויכטיקסטער יידישער קיבוץ אין אייראָפּע און ממילא העמולט אין דער וועלט.

כמעט אַלע יידישע פאָרשער זענען מסכים, אַז אין די פאָרמיר־ און אָנהייב־צייטן פון דעם יידישן ישוב אין פוילן, אין IX און X י"ה, איז דער ישוב געוואַקסן אַדאַנק צוויי איינוואַנדערונגס־ און באַזעצונגס־קוואַליעס: פון כוזרישע און אנדערע מזרחדיקע יידן און פון מערבדיקע, פראַנקיש־שפּאַנישע יידן. אויך א טייל פוילישע פאָרשער איז אין דער מיינונג, אַז אינעם פּראָצעס פון קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, בפרט אין X י"ה, פאַלט צו א וויכטיקער חלק די כוזרישע יידן, וועלכע האָבן אימיגרירט קיין פוילן דורך אַלט־רייסן און געשאַפן, בפרט אין די דרום־מזרחדיקע טיילן פון לאַנד, אָרעמע לאַנדווירטשאַפטלעך־בעלי־מלאכהשע ישובים. געוויסע יידישע פאָרשער האַלטן, אַז די אימיגראַציע־קוואַליע פון כוזרישע יידן איז געגאַנגען קודם כל דורך אונגאַרן, ווו עס איז שוין געווען אין X י"ה אַ שטאַרקע קאָלאָניע, און אַנטשטאַנענע ס'רוב אין שייכות מיטן באַזעצן זיך פון די אָפּגעריסענע כוזרישע שבטים, די קאַבאַרן און אפשר אויך כוואַליסן אין דעם ראָזיקן

לאַנד. פּאַראַלעל מיט דער אימיגראַציע־כוואַליע פון כוזרישע יידן, און שפּעטער מסתּמא אויך פון יודהאַיזירטע כאַזאַרן, האָבן אין X י"ה זיך באַזעצט אין פּוילן אויך יידישע עמיגראַנטן פון ביזאַנץ.

די צוזאַמענרעכענען קאָנצענטרירטע יידישע ישובים פון בבליש־פּערסישן, כוזרישן און ביזאַנטישן אָפּשטאַם האָבן זיך געפונען אין מזרח־דרום פּוילן, ביי די קאַרפּאַטן־בערג, ביי קראָקע און צווישן (סאַנדאָמיעזש). די יידישע ישובים פון כוזריש־אונגאַרישן אָפּשטאַם זענען אַנטשטאַנען אויפן שליאַך, וואָס האָט געפירט פון אונגאַרן קיין כאַזאַריע, מיילווייז דורך דרום־פּוילן. דער היסטאָריקער מאַקסימיליאַן גומפּלאָוויטש (צווייטע העלפט פון XIX־טן י"ה) איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט אַרויסגערוקט די מיינונג, אַז די קאָלאָניזירונג פון כוזרישע יידן און יודהאַיזירטע כאַזאַרן האָט דערגרייכט קיין צענטראַל־ און מערב־פּוילן און דאָס זאָל האָבן געשען שוין אין דער צווייטער העלפט פון IX־טן י"ה; די לעגענדע וועגן אברהם פּראָכאָווניק זאָל האָבן — לויט אָט דעם היסטאָריקער — אַ שייכות מיט דער שפּעטער אַריינדרינגונג פון די כוזרישע יידן, וואָס זייער אָנפירער זאָל האָבן געווען טאַקע אַברהם פּראָכאָווניק. דער רוב היסטאָריקער וואַרפט אָפּ די דאָזיקע מיינונג פון מאַקסימיליאַן גומפּלאָוויטש.

איינצייטיק, און אפשר נאָך פון פריערדיקע צייטן, פון די צייטן פון שאַרל דעם גרויסן, גייט אָן אַן איינוואַנדערונג פון מערב־יידן קיין פּוילן. די דאָזיקע איינוואַנדערונג טראָגט אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי די כוזריש־יידישע. זי איז פאַרבונדן מיטן וועלט־מסחר פון די ראָדאַניטן און מיט די וועגן, דורך וועלכע עס זענען געגאַנגען פון מערב אויף מזרח און צוריק זייערע האַנדלס־קאַראַוואַנען. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך יידן פון זאַקסן־לאַנד האָבן זיך, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, באַזעצט אין פּוילן.

מיר האָבן שוין אין פריערדיקן טייל עטלעכע מאָל דערמאָנט די יידישע וועלט־סוחרים פון שפּאַניע, דרום־פראַנקרייך און פון דעם ריין־געביט, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען די א. ג. ראָדאַניטן, וועלכע האָבן געפירט זייערע קאַראַוואַנען פון מערב העט ווייט אויף מזרח און דורכגעשניטן אַ טייל סלאַווישע לענדער. מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז דער האַנדלס־שליאַך פון די ראָדאַניטן און בכלל פון די יידישע וועלט־סוחרים פון מערב האָט געפירט פון די דרום־פראַנצויזישע שטעט און פון די ריין־שטעט וואָרמס און מיינץ קיין בייערן, קיין מאַגדעבורג, מערציעג־

בורג און רעגענסבורג, פון דאַנען קיין פּראָג און ווייטער — קיין קיעוו, אָדער קיין אונגאַרן; פון די צוויי ערטער האָבן זיך די שליאַכן געצויגן קיין כוזרים=לאַנד און פון דאַנען דורך דעם קאַספּישן ים אָדער דורך דעם מזרחדיקן יבשה=וועג אין טיף אַזיע אַריין קיין מיטל=אַזיע, אין די שטעט באַלך, מאַשקענט, סאַמאַרקאַנד אא.; און ווייטער — קיין כינע, יאַפּאַן, אינדיע און איינצייטיק קיין איראַק, סיריע, פּאַלעסטינע.

אויפן גרויסן האַנדלס=שליאַך צווישן בייערן=משעכיע און רייסן=אונגאַרן האָבן די האַנדלס=קאַראַוואַנען פון די מערב=אייראָפּעישע יידישע וועלט=סוחרים דורכגעשניטן דרום=פּוילן, און בפרט די ליניע קראָקע — אַלט=סאָנטש — פּשעמישל. אַ געוויסן אָפּצווייג פון דעם דאָזיקן הויפּט=שליאַך האָט געשאַפן דער וועג, וואָס איז געגאַנגען דורך לובלין. דער געפונענער אין לובלין אוצר מיט אַלטע מוזולמענישע=אַזיאַטישע און אַראַביש=שפּאַנישע מטבעות, וואָס שטאַמען פון IX=טן און X י"ה, און נאָך אַנדערע באַווייזן, זאָגן עדות, אַז דורך דאַנען האָט זיך געצויגן אַ וויכטיקער האַנדלס=וועג, וואָס האָט געפירט פון די ברעגעס פון שוואַרצן ים אין צוויי ריכטונגען: קיין מערב=אייראָפּע און צום באַלטישן ים.

די האַנדלס=וועגן פון די יידישע וועלט=סוחרים האָבן געפירט דורכן וויסל, סאַן און בוג און דורך די שטעט: קראָקע, אַלט=סאָנטש, צווימיר (סאַנדאָמיערזש), לובלין, פּשעמישל, דורך דעם דרום=טייל פון דער ראַדאָמער פּושטע און אויך דורך גרויספּוילן. דער באַקאַנטער פּוילישער היסטאָריקער שעלענגאָווסקי האַלט, אַז די הויפּט=פּאַרמיטלער אין דעם האַנדל, וואָס איז געגאַנגען דורך פּוילן אין IX און X י"ה סיי פון מזרח, סיי פון מערב, סיי פון דרום, סיי פון צפון, זיינען געווען יידן.

בעת פאַרשידענע אויסגראָבונגען אין פּוילן, אין די אויסגערעכנטע געגנטן, האָט מען געפונען אַ סך מטבעות, וואָס שטאַמען פון ווערדען, טרואַ, קעלן, מיינץ, רעגענסבורג און, ווי געזאָגט, פון מוזולמעניש=אַזיאַטישע און אַראַביש=שפּאַנישע לענדער. לאָמיר צוגעבן, אַז דורך די יידן זענען אויך אָנגעקניפּט געוואָרן האַנדלס=באַציונגען צווישן פּוילן און צפון=איטאַליע.

לענגאויס זייער שליאַך האָבן די ראַדאַניטן און אַנדערע יידישע סוחרים געגרינדעט פאַקטאָריעס, ווו זיי האָבן געהאַט זייערע מאַגאַזינען, פאַרשטייער, טויש=ערטער און טראַנספּאָרט=סטאַנציעס. די אָנגעוויזענע

מקומות פון פוילן האָבן געדינט די יידישע וועלט־סוחרים נישט בלויז ווי א טראַנזיט, נאָר צום טייל אויך ווי אַן ענדציל, ווי א געביט פון סחורות־אויסטויש און אַלס באַזאַרן. פאַקטאָריעס פון ראָדאַניטן אין דרום־פוילן האָבן שוין עקזיסטירט וואָרשיינלעך אין $IX$־טן י"ה און וואַקסן נאָך מער אין $X$־טן י"ה. דאָס איז א מין האַנדלס־קאָלאָניזאַציע. שוין לעלעוועל האָט אָנגעוויזן, אַז אין $X$־טן י"ה האָבן זיך יידישע יישובים געפונען אויפן גאַנצן שליאַך, וואָס האָט געפירט פון רעגענסבורג ביז די מזרח־ראַנדן פון קליינ־פוילן. ווען מיר ווילן נאָך נעמען אין אַכט, אַז די אַלט־פוילישע הערשער האָבן באַגינסטיקט און געשטיצט א קאָלאָניזאַציע פון די ערטער, וואָס זענען געלעגן ביי די האַנדלס־שליאַכן, וועט ווערן פאַרשטענדלעך, אַז טאַקע דאָ — אין די געגנטן פון קראָקע, אַלט־סאָנטש, צווזמיר, לובלין, פשעמישל — איז אַנטשטאַנען דער יידישער ישוב פון פוילן, און דער עיקר: דער טייל פונעם בבורהשן ישוב, וועלכער האָט געשטאַמט פון די האַנדלס־קאָלאָניעס פון די מערבדיקע, שפּאַנישע, דרום־פראַנצויזישע און מערב־דייטשישע יידן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די ראָדאַניטן האָבן געקאָנט פויליש (ווי עס שטעלן פעסט די יידישע פאָרשער הרכבי און מיזיש). עס איז קלאָר, אַז פון בלויז אדורכמאַכן א נסיעה איבער א לאַנד איז שווער צו באַהערשן די אָרטיקע שפּראַך. דאָס האָט געקאָנט געשען אַדאַנק א לענגערן פאַרברענגען אין לאַנד, אָדער אַדאַנק דעם באַזעצן זיך אין די גייע פוילישע מקומות.

דער יידישער האַנדלס־קאָלאָניזאַציע־שטראָם, וואָס איז געגאַנגען פון מערב, האָט זיך אין דרום־פוילן געטראָפן מיט א צווייטן ענלעכן שטראָם, וואָס איז אָנגעפלאָסן פון מזרח. פון דעם ווייטן כאַזאַרן־לאַנד זענען אָנגעקומען קיין פוילן — דורך רייסן און אונגאַרן — נישט בלויז די דער־מאָנטע יידיש־כּזרישע לאַנדהווירטן און בעלי מלאכות, נאָר אויך סוחרים. דאָס זענען געווען כוזריישע יידן, אָדער אָריענטאַלישע און ביזאַנטישע יידי באַזעסענע אין כאַזאַריע. זיי האָבן אויך געפירט צווישנלענדישע מסחרים, וועלכע האָבן דערגרייכט אַזש ביז דער רעזידענץ פון דעם דייטשישן קייזער (מען האַלט, למשל, אַז זיי האָבן געבראַכט אויפן קייזערלעכן הויף קעמלען). זיי האָבן אויך געפירט דורך פוילן א טראַנזיט־האַנדל און איינ־ציימיק געהאַנדלט אין פוילן גופא. זייער האַנדלס־שליאַך האָט געפירט פון מזרח דורך אונגאַרן, מיטן מאָל פונעם טייך פּאָפּראַד און פונעם טייך

דונאַיעץ דורך אַלט־סאָנטש קיין קראָקע. אַזאַ עקספּעדיציע פון אונגאַרן ביז קראָקע האָט געדויערט לויט ערך אַכט וואָכן.

אין די טראַנזיט־ און האַנדלס־צענטערן פון דרום־פּוילן, אין די פּאַקטאָריעס פון די יידישע וועלט־סוחרים, האָבן זיך באַגעגנט די ראַדאַניטן און כוזרישע יידן.

אין XI־טן י"ה ווערט פּוילן פאַר די יידישע סוחרים פון מערב־אייראָפּע, פון כוזרים־לאַנד און אונגאַרן אַליין מער אַן ענדציל איידער אַ טראַנזיט. די אָפטע מלחמות אויפן שליאַך פּוילן—רייסן און די שקיעה פון דער כוזרישער קראַפט האָבן באַשווערט די ווייטע נסיעות. פון דער צווייטער זייט אָן אַ העפטיקער פּעאָדאַליזיר־פּראָצעס אין פּוילן, עס וואַקסט דער נאָכפרעג פון די אויפוואַקסנדיקע פעאָדאַלן קלאַס אויף פּאַרשידענע לוקסוס־אַרטיקלען, עס שאַפן זיך שטעט און מערק — דאָס אַלץ עפנט פאַר די יידישע סוחרים נייע פּערספּעקטיוון.

פון XI־טן י"ה זענען שוין פאַראַן מער גענויע ידיעות וועגן אַ יידישן ישוב אין פּשעמישל, וווּ עס קרייצן זיך צוויי וויכטיקע האַנדלס־וועגן: פּשעמישל — קליינפּוילן — רייסן און אונגאַרן — רייסן. פון אַ פריערדיקער צייט, וואָרעם פון X־טן י"ה, שטאַמען ידיעות וועגן דעם, אַז אין לובלין איז שוין פאַראַן אַ מאַרק, געוויסע פאָרשער נעמען אָן, אַז שוין דעמאָלט, און געוויס אין XI־טן י"ה, האָט שוין עקזיסטירט אין אָט דער שטאָט אַ יידישער ישוב. עס זענען פאַראַן שפּורן וועגן יידישע ישובים אין אָט דער צייט אין סאַנאָק, יאַראָסלאַוו, צווזמיר. וועגן צענדליקער און צענדליקער קלענערע יידישע ישובים אין מזרח־דרומדיקן טייל פון פּוילן, ישובים פון כוזרישן אָפּשטאַם מיט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, וועלכע האָבן געווים עקזיסטירט שוין זינט דעם IX־טן און X־טן י"ה, האָבן מיר נישט קיין ממשותדיקע ידיעות, פּונקט ווי געוואַלדיק קאַרג און מטושטשדיק עס זענען די ידיעות פון דער קאָלאָניזאַציע און באַזעצנקייט אין דעמאָלטיקן פּוילן בכלל. דאָס זעלבע איז גילטיק גרויספּוילן, ווו עס גייט שוין אָן אַ יידישע קאָלאָניזאַציע, צום טייל אויך אַ דאָרפישע.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, קאָן מען פולשטענדיק פעסטשטעלן, אַז אין דער צווייטער העלפט פון XI י'ה האָט שוין עקזיסטירט אין פּוילן אַ יידישער מאַסן־ישוב פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן אָפּשטאַם. זיין חוט השדרה האָט זיך געפונען אין דרום־פּוילן.

סוף דעם XI י"ה גיסט זיך אַריין אינעם יידישן ישוב אין פּוילן אַ פרישער שטראָם פון יידישער איינוואַנדערונג. די דאָזיקע פערטע אימיגראַציע־

כוואַליע — נאָך דער בבליש־פּערסישער (VII־טער י״ה), יידיש־כוזרישער (X—IX י״ה) און ראָדאַניטישער (X—IX י״ה) — איז שוין נישט פאַר־בונדן מיט פּרייוויליקייט, מיט ווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, ווי אין די לעצטע צוויי פאַלן; דער דריטער שטראָם איז אַ פּועל יוצא פון די שרעקלעכע רדיפות און יסורים פון די מערב־דייטשישע און צום טייל אויך טשעכישע יידן אין שייכות מיטן ערשטן קרייץ־צוג.

קאַפּיטל דריי

# די קרייצצוגן אין מערב־אייראָפּע און די יידישע איינוואַנדערונג קיין פּוילן

דער ערשטער קרייצצוג — ד. ה. דער גרויסער קריסטלעכער מאַסנ=
וויזער באַוואָפנטער מאַרש פון מערב=אייראָפּע אויף מזרח, מיטן לאָזונג
צו באַפרייען די „הייליקע ערד" פון ישו הנוצרים (יעזוס קריסטוסעס)
קבר אין פּאַלעסטינע און פון די „אומרייניע" מוזולמענישע הענט — איז אויפ=
געקומען אין די באַדינגונגען פון פולשטענדיקן זיג פון דעם נייעם פעאָדאַלן
סדר, וואָס האָט אייגנצייטיק געבראַכט מיט זיך אַ געוואַלדיקע פאַראָרעמונג
און נויט פון די ברייטסטע פאָלקס=מאַסן. סוף דעם XI=טן י"ה האָט זיך
שוין אין מערב=אייראָפּע פאַרענדיקט דער פּראָצעס פון דעם איבערגאַנג
פון דער נאַטירלעכער ווירטשאַפט צו דער געלט= און סחורה=ווירטשאַפט;
פון איזאָלירטער ווירטשאַפט צו דער שאַפונג פון אַ מאַרק; פון מלאכה,
וואָס איז פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט, צו אַ זעלבשטענדיקער מלאכה=
פּראָדוקציע. מיט די דאָזיקע טיפע ענדערונגען איז אָבער די נויט פון די
מאַסן נישט געלינדערט געוואָרן. און אינעם געזעץ נאָך רווחים האָבן די
פעאָדאַלן שאַרפער עקספּלאָאַטירט די פּויערים, געדריקט זיי מיט
אַלץ גרעסערע שטייערן. אויף דעם באָדן האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט
די סאָציאַלע יוירונג ביי די מאַסן, און די הערשנדיקע קלאַסן האָבן גע=
זוכט בליי=אָפּלייטערס פאַר אָט דעם פערמענט, וואָס האָט געקאָנט ווערן
געפערלעך און אויסברעכן. דער רעליגיעז=פאַנאַטישער לאָזונג פון אויס=
ליזן ישוס קבר, וועלכן עס האָבן געוואָרפן די הויפּט=אָנפירער פון דער
קאַטוילישער קירך, איז אַזוי אַרום געווען בלויז אַ מיטל צו מאָביליזירן
די מאַסן אין אַ פאַלשער ריכטונג, אָפּצורייסן זיי פון דעם ווירקלעכן
אָביעקט פון זייער צאָרן. היגמער דעם דאָזיקן פרומען לאָזונג האָבן גע=

שמעקט גאַנץ פּראַקטישע, מאַטעריעלע און פּאָליטישע צילן פון פּאַרשי־דענע פּעאָדאַלע שיכטן.

איינער פון די הויפּט־צוועקן פון דעם הערשנדיקן — וועלטלעכן און קירכלעכן — פּעאָדאַלן שיכט איז געווען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אויסצונוצן דעם סאָציאַלן פערמענט פון די נויט־ליידנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף, ביי וועלכע עס האָט אַלץ מער אָנגעוויירט דער קלאַסן־בונט קעגן די מעכטיקע פון דער וועלט, אין דער ריכטונג פון וואַרפן זיי אויף דעם רעליגיעזן שונא, אויף די מוזולמענישע הערשער פון דער „היי־ליקער ערד", ווו עס רוען כלומרשט די ביינער פון דעם געקרייציקטן. אַזוי אַרום האָבן די פּעאָדאַלע שפּיצן אָפּגעווענדט דעם אָנגעזאַמלטן פאָלקס־צאָרן פון זיך און אויפגעהויבן אַ מאַסן־פּסיכאָז, לאָקנדיק די אָרעמע מאַסן נישט בלויז מיט דעם שימער פון רייכטום און רויב אויפן אָריענט, נאָר אויך מיטן צוזאָג, אַז די קרייצטרעגער וועלן פאַרגעבן ווערן די באַגאַנגענע זינד.

דאָס איז געווען דער סאָציאַל־דיווערסאַנטישער זין פון די קרייצצוגן.

עס האָבן אויך עקזיסטירט גאַנץ ממשותדיקע מאַטעריעלע צוועקן.

די קייסאָרים, די קיניגן, די סעניאָרן, אַלע גרויסע פּעאָדאַלן האָבן גע־לאָקט די ריזיקע אוצרות פון מזרח, די ריזיקע אוצרות, וועלכע זענען אויס־געוואַקסן אַזש ביז לעגענדעס און מיראַזשן.

דער בריימער שיכט פון די מיטעלע און אָרעמע ריטער, וועלכע האָבן קיים געקאָנט אויסקומען פון דער האָרעוואַניע פון די אויסגעמוטשעטע פּוי־ערים, האָבן געחלומט צו ווערן אין די דעראָבערטע אָריענט־לענדער פירשטן, זעלבשטענדיקע רייכע פּעאָדאַלן.

דערביי האָבן סיי די קאַטוילישע מאָנאַרכן, סיי די ריטער פון מערב־אייראָפּע אין דעם חשבון פון דעם קינפטיקן רויבערישן רייד־ווערן אַריינ־גענומען נישט בלויז די לענדער פון די „אומגלויביקע" מאַכטטראַגער, נאָר אויך דאָס רייכע קריסטלעכע ביזאַנץ, וועלכע איז געלעגן אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע.

ביזאַנץ, ווידער, איז — נישט געקוקט אויף די השדים, וועלכע עס האָבן ביי איר געוועקט די רויב־גיריקע רויב־צוגן, — דאָך געווען פאַראינ־טערעסירט אין די מאַרשן קעגן די מוזולמענער, ווייל אין דעם דאָזיקן פּע־ריאָד איז די לאַגע פון דער ביזאַנטישער מלוכה געווען זייער שווער, זי איז כסדר באַדראָט געווען פון אַלע זייטן: דורך די סעלדזשוקן, פּיטשענעגן און אַנדערע. ביזאַנץ האָט געהאָפט אַריינצונעמען די קרייצטרעגער אין אירע

אייגענע הענט, פאַרוואַנדלען זיי אין אירע אייגענע פרייע דינער, אין אירער אַן אייגענער שוץ־אַרמיי און אַזוי אַרום ראַטעווען איר עקזיסטענץ.

ביזאַנץ האָט איינצייטיק מורא געהאַט פאַר דער מסחר־קאָנקורענץ מצד די גרויסע איטאַליענישע האַנדלס־שטעט, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון דעם האַנדל מיטן אָריענט. און די איטאַליע־נישע שטעט, דער עיקר ווענעציע און גענוע, אין זייער ריוואַליזאַציע אי מיט די אַראַבישע, אי מיט די ביזאַנטישע סוחרים, האָבן געוואָלט ליקווידירן ביידע. דעריבער האָבן זיי אויך געשטויסן צו די קרייצצוגן, כדי אָפּצו־שוואַכן סיי ביזאַנץ, סיי די מוזולמענער, און פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מזרחדיקן האַנדל אין די אייגענע הענט. דערביי זענען געווען שאַרפע קאָנפליקטן אויך צווישן ווענעציע און גענוע.

אַזוי אַרום האָבן זיך הינטער די קריסטלעך־פאַנאַטישע לאָזונגען פון אויסלייזן דעם געקרייציקטנס קבר געפונען זייער גראָבע מאַטעריעלע, עגאָיסטישע קלאַסן־אינטערעסן, וועלפישע אַפּעטיטן פון רויב און פאַרכאַ־פּונג, גיריקע שטרעבונגען צו ווערן באַרייכערט און צו פאַרכאַפּן די מזרח־דיקע האַנדלס־שליאַכן.

איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געשטויסן צו דער בלוטיקער אוואַנטורע פונעם קרייצצוג, איז געווען די רוימישע רעזידענץ פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך מיט די פּויפּסטן בראש — דער וואַטי־קאַן. די פּויפּסטלעכע פּאָליטיקער איז גיכער געגאַנגען אין דערשטיקן די אָפּגעשפּאָלטענע ביזאַנטישע אָרטאָדאָקסאַל־קריסטלעכע קירך, איידער אין נעם זיג איבער די מוזולמענישע הערשער פון פּאַלעסטינע.

ווי מיר זעען, האָבן זיך די אַלע פאַרשידענע פּאָליטישע, עקאָנאָמיש־עקספּאַנסיווע און רעליגיעזע אינטערעסן אָפּט סותר געווען.

די לאַגע פאַר אַן אָנגרייפערישן מאַרש קעגן מוזולמענישן אָריענט איז סוף דעם XI י״ה געווען אַ גינסטיקע. דער באַגדאַדער קאַליפאַט איז זיך צעפאַלן אונטער די קלעפּ פון די נייע אַגרעסאָרן — די טערקן־סעלדזשוקן, וועלכע האָבן טאַקע אָנגענומען דעם איסלאַם, אָבער צעבראָכן דעם באַגדאַ־דער קאַליפאַט. דערנאָך זענען זיך די סעלדזשוקן אַליין צעפאַלן אויף אַ ריי קליינע פירשטנטומס, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין זיך אַרומרייסן.

דער ערשטער קרייצצוג האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1096. דאָס איז לכתחילה געווען אַ מאַסן־מאַרש פון אַ לומפּנפּראָלעטאַרישן המון, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פשוטע רויב־אָנפאַלן. דער דאָזיקער ערשטער שטראָם פונעם קרייצצוג איז געוואָרן דעמאָראַליזירט און איז אומגעקומען,

איידער ער האָט דערגרייכט דעם ציל — פּאַלעסטינע. ערשט אין יאָר 1097 איז דער רוקנביין פונעם צווייטן קרייצצוג־שטראָם באַשטאַנען פון ריטער, וועלכע האָבן נאָך שווערע קאַמפן דעראָבערט אַנטיאָכיע, אַ מוזולמענישע פעסטונג ביי די גרענעצן פון ליבאַן (לבנון) און פּאַלעסטינע. אין יאָר 1099 — נאָך אַ פּאַרביסענעם ווידערשטאַנד מצד די מוזולמענער — איז דורך די קרייצטרעגער פאַרנומען געוואָרן ירושלים.

צוזאַמען מיט די מוזולמענער האָבן אין דער פאַרטיידיקונג פון פּאַ־לעסטינע קעגן די קרייצטרעגער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל די אָרטיקע יידן. זיי האָבן געקעמפט קעגן די קריסטלעכע אגרעסאָרן אין חיפהער פעסטונג. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין באַשיצן ירושלים קעגן דער באַלאַגערונג פון די קרייצטרעגער (אין יולי 1099). זיי האָבן געהאַט צו פאַרטיידיקן אַ באַ־שטימטן אָפּשניט: אַ טייל פון די צפון־מזרחדיקע גאַסן פון דער שטאָט. נאָכן דעראָבערן ירושלים האָבן די קרייצטרעגער איין טייל יידן אויסגע־שאָכטן און אַ צווייטן טייל פאַרקויפט פאַר שקלאַפן; אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן מיט די מוזולמענער.

די קרייצצוגן האָבן געבראַכט מיט זיך אַ קאַטאַסטראָפע פאַר די יידי־שע ישובים הן אין מערב־אייראָפּע, הן אין פּאַלעסטינע.

דער אָנהייב פונעם ערשטן קרייצצוג, אינעם יאָר 1096, איז פאַרבונדן מיט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם פון די יידישע ישובים אינעם ריין־געביט, דורך וואַנען די קרייצטרעגער האָבן דורכגעמאַכט זייער ערשטן וועג אויף מזרח.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער פּלוצים אַזוי אויפגעריסענער ווילַ־דער האַס צו די אָרטיקע יידן, וועלכע זענען — נישט מיט זייער ווירט־שאַפטלעכער טעטיקייט, נישט מיט זייער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג — נישט געווען קיין געפאַר פאַר די קריסטלעכע מאַסן?

מיר האָבן שוין אינעם פריערדיקן טייל (אין קאַפּיטל חרוי) אָנגעוויזן אויף די בכלל געעמען גומע צווישנבאַציונגען פון דער יידישער און קריסט־לעכער באַפעלקערונג אין מערבדיקן און מזרחדיקן טייל פון פראַנקן־לאַנד (פראַנקרייך און דייטשלאַנד) אין דער ערשטער תקופה פון פעאָדאַליזם. אין אָט דער צייט פונעם אויפקום און וווקס פון פעאָדאַליזם, פון דעם שטייגן פון די פּראָדוקטיווע כוחות, פון דער אַנטוויקלונג פון די שטעט, פונעם האַנטווערק און מסחר, פון באַפעסטיקן זיך פון דער סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט — איז די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אָנגעגאַנגען אין פאַרהעלטנישמעסיק רואיקע באַדינגונגען און זייער לאַגע איז געווען

בכלל געגומען אַ גוטע. די איינציקע צרה איז געווען די אַנטי-יידישע שטימונג פון אַ געוויסן טייל פון די קירך-פּאָרשטייער, וועלכע האָבן אָבער קנאַפּ וואָס געקאָנט גובר זיין דאָס לעבן גופא.

די יידן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד (אין דייטשלאַנד האָבן יידן דעמאָלט געלעבט דער עיקר אין די ראַנד-געביטן, ביים ריין, און אין דרום-טייל, אין בייערן און אויפן מזרח — אין מאַגדעבורג און אומגעגנט; אין צענטראַלן דייטשלאַנד זענען אין יענע צייטן קיין יידישע קיבוצים נישט געווען) האָבן זיך אין דער באַהאַנדלטער תקופה אין זייער אַ קנאַפּער מאָס פאַרנומען מיט וואוכער. עס האָט עקזיסטירט א דיינער שיכט גרויסע און קליינע קרעדיטאָרן, וועלכע זענען מיט דער ברייטער מאַסע פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג געקומען אין אַ שוואַכן קאָנטאַקט. דער רוב יידן האָט געווייכט פון וואוכער, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ציען חיונה פון אַנדערע פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס: פון האַנדל, האַנטווערק און לאַנדווירטשאַפט. למשל ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין קעלן זענען אין XI י"ה געווען שטאַרק פאַרטראָטן אַזעלכע פאַכן, ווי שמידן און שלאָסער. אין דער דאָזיקער שטאָט זענען אויך געווען יידישע פויערים. אין די שטעט, וואָס זענען געלעגן ביים ריין, איז אויך געווען אַן אָנזעעוודיקע גרופּע יידישע שיפער.

אין דער פּריווילעגיע פאַר די יידן פון דער שטאָט שפּייער, פון 19 פעברואַר 1090 יאָר (ד. ה. סך הכל זעקס יאָר פאַרן אויסברוך פון די געשעענישן בעתן ערשטן קרייצצוג), האָט דער קייזער היינריך דער פערטער געשריבן אָט וואָס:

„נישט רירן זייערע (די יידישע) הייזער, באַטעס, האַנטווערקערישע אונטערנעמונגען, וויינגערטנער, פעלדער". אין דער פּריווילעגיע איז אַפילו פאַראַן אַ רייד וועגן יידן שקלאַפן. די פּריווילעגיע גיט די יידישע סוחרים די פרייהייט זיך צו באַוועגן אויפן גאַנצן שטח פון דער מלוכה. פון דער פּריווילעגיע הדינגט אַרויס, אַז די יידן פונעם ריין-געביט זענען געווען בעל-מלאכות, וויין-צוסטלער, ערד-אַרבעטער; זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט מסחר. דאַקעגן איז אין דער פּריווילעגיע נישטאָ קיין וואָרט וועגן יידישע וואוכערער.

ענלעך איז געווען דער ווירטשאַפטלעך-פּראָפעסיאָנעלער כאַראַקטער פון די יידישע ישובים אין גאַנצן ריין-געביט.

אַזוי אַרום קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן דעם, אַז די ערשטע קרייצצוגלער, וועלכע זענען באַשטאַנען ס'רוב פון אַ לומפּן-פּראָלעטאַרישן עלע-

מענט, און אויך פון פויערים, זענען געשטויסן געוואָרן קעגן די יידן צוליב אַזאַ מין ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די לעצטע, וואָס זאָל האָבן גע-שלאָגן אין די לעבן-אינטערעסן פון די קריסטלעכע אָרעמשאַפט-מאַסן.

דער איינציקער קריסטלעכער עלעמענט, ביי וועלכן עס האָט געקאָנט אויפקומען אַ שנאה צו די יידישע סוחרים און האַנטווערקער אויפן באָדן פון קאָנקורענץ, איז געווען דער דעמלט אויפקומענדיקער קריסטלעכער שטאָטישער בירגערטום.

אָבער דער עיקר האָט געווירקט אַן אַנדער סיבה. אַרום דעם יאָר 1000, און נאָך מער אין דער ערשטער העלפט פון XI י"ה, קומט צוזאַמען מיטן ענדגילטיקן פאַרענדיקן דעם פּראָצעס פון באַפעסטיקן זיך פון דער פעאָדאַ-לער פאָרמאַציע אין מערב-אייראָפּע — דער ערשטער טיפער, אויפטרייס-לענדיקער קריזיס פון דער דאָרטיקער פעאָדאַלער ווירטשאַפט. די נויט פון די ברייטע מאַסן איז זינט דעם אָנהייב פון מיטלאַלטער ביז דעמלט קיינ-מאָל נישט דערגאַנגען אַזוי ווייט, ווי אין דער ערשטער העלפט פון XI י"ה. אַ טייל פון די פעאָדאַלע הערשער מיט דער הילף פון דעם סאַמע פאַ-נאַטישן טייל פון קלער האָט, זוכנדיק אַן אויסוועג און דיווערסיע-מיטל, אויפגעהעצט די נויטלייַדנדיקע מאַסן נישט בלויז קעגן דעם „אויסערלעכן שונא", די מוזולמענער, נאָר אויך קעגן דעם „אינערלעכן שונא", די יידן. דער הינטערגרונד פון די בלוטיקע אַנטי-יידישע געשעענישן אין מערב- און צענטראַל-אייראָפּע אין דער צייט פונעם ערשטן קרייצצוג איז געווען כמעט אויסשליסלעך אַ דיווערסאַנטישער. אינעם בלוט פון די אומשולדיקע יידן האָט מען געוואָלט דערשטיקן די וווּנדיקע אומצופרידנקייט און דעם רע-וואָלט-פערמענט פון די נויט-לייַדנדיקע מאַסן. אַ געוויסע ראָל האָט אויך געשפילט, ווי געזאָגט, די קנאה-שנאה פון דעם אויפקומענדיקן קריסטלעכן סוחריש-האַנטווערקערישן בירגערטום.

דעם אָנקום פונעם קריזיס און די געפאַרן, וועלכע ער האָט געטראָגן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן די אָנפירער פון די קהלות פונעם ריין-געביט פאָרויסגעפילט מיט עטלעכע דורות פריער. עס איז כאַראַקטע-ריסטיש, אַז אין יאָר 960 האָבן זיך די קהלות פונעם ריין-געביט אָנגע-פרעגט ביי די יידן אין ארץ-ישראל, צי זענען דאָרטן נישט פאַראַן קיין סי-מנים פון ביאת משיח. לפי ערך אין דער זעלביקער צייט האָט זיך משולם בן קלונימוס פון מיינץ אין אַ בריוו צו שמעון בן יצחק געקלאָגט, אַז עס קומט אויף אַ שלעכטע באַציונג צו יידן. דאָס זענען געווען די ערשטע „שוואַלבן" פון דער קעגנערישער באַציונג פונעם אויפקומענדיקן קריסטלע-

כן בירגערמײַסטער צו די ייִדן. אַזוי אַרום איז דער פּאָגראָם־אויסברוך סוף דעם XI י"ה אין מערב־דײַטשלאַנד נישט געווען קיין איינגאַנצן אומגעריכ־טע דערשײַנונג. דערמיט קלערט זיך אפשר אויף דער פאַקט, וואָס די ייִדן פונעם ריין־געביט זענען אין יענער טראַגישער צײַט געווען באַוואָפנט, זיי האָבן זיך וואַרשײַנלעך געגרייט צו זעלבשוץ.

די בלוטדורשטיקע אַגיטאַציע צו פּאָגראָמירן ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1095, ערב דעם קרייצצוג. אויף דער גרויסער אַסיפה אין קלערמאָן האָט דער קירכלעכער אַגיטאַטאָר פּיער (פּעטער) פון אַמיען, געוואָרפן דעם פּאָלגנדיקן לאָזונג: „מיר גייען אין ווײַטע לענדער שלאָגן די מוזולמענער, און דאָ וווינען רואיק ייִדן, וועלכע האָבן דערהרגעט קריסטוס. לאָמיר נע־מען נקמה!".

און גלײַך איז געקומען דער צוזאָג פון פאַרגעבן די מאָרד־חטאים: „ווער עס וועט אומברענגען אַ ייִד, דעם איז מען מוחל אַלע זינד".

דעם ערשטן בײַשפּיל האָבן געגעבן די פּעאָדאַלע האַרן. דער שררה ריטמאַר, איינער פון די אָנפירער פונעם ערשטן קרייצצוג, האָט פּייערלעך דערקלערט, אַז ער וועט נישט אָפּפאָרן פון לאַנד, ביז ער וועט נישט דער־הרגענען ווינציקסטנס איין ייִד.

אין יאָר 1096, אין די חדשים מאַי און יוני, אין דער צײַט צווישן פּסח און שבועות, האָט אַ פּלייץ געטאָן די בלוטיקע כוואַליע פון די קרייצ־צוגלער־אָנפאַלן אויף די ייִדישע קהלות אין די ריין־שטעט: וואָרמס (וואָרמייזא), קעלן, מיינץ (מאַגענצאַ), שפּעיער (שפּירא), מעץ, טריער (טריברש). פאַר די ייִדן איז געשטעלט געוואָרן איין ברירה: שמד אָדער טויט.

דער ווײַטגרעסטער טייל פון די דאָרטיקע ייִדן האָט אָפּגעוואָרפן דעם אויפגעצוווּנגענעם שמד און אויסגעקליבן דעם טויט, וועלכער איז אַרײַן אין דער ייִדישער טראַדיציע אונטערן נאָמען: „קדוש השם".

זייער אַ קליינער טייל האָט געראַטעוועט די אייגענע הויט דורך אָננע־מען דעם קריסטנטום.

צווישן דער ייִדישער מאַסע, וועלכע האָט אין איר הויכן אידעאַליזם און טיפער טרײַקייט צום אייגענעם פאָלק, זײַן קולטור און גלויבן, אויסגע־קליבן דעם מאַרטירער־וועג און דעם טויט, האָבן געהערשט צוויי איינשטע־לונגען: אַ פּאַסיווער און אַן אַקטיווער ווידערשטאַנד.

דאָס קען מען אַרויסלייענען פון דער ליטעראַרישער שאַפונג, אין העב־רעיש, פון יענער צײַט, פון די סאַמע לעצטע יאָרן פון XI י"ה און אויך

פון XII י"ה, פון די קינות, סליחות און כראָניקעס; צווישן די לעצטע טיילט זיך אוים מיט זיין פאַרהעלטנישמעסיק פּינקטלעכן מאַטעריאַל און מיט זיין פּאָזיטיווער באַציונג צו די דערשיינונגען פון אַקטיוון ווידער־שטאַנד — די כראָניק פון שלמה בן שמשון פון מיינץ.

אין מיינץ האָט זיך געפונען די גרעסטע יידישע קהלה פון דייטשלאַנד. דער ערציבישאָף, וועלכער האָט געוווינט אין מיינץ, האָט לכתחילה געלאָזט די יידן זיך באַהאַלטן אין זיין שלאָס. דער אָנפירער פון די קרייצצוגלער, גראַף עמעריך פאָן לינינגען, איז געווען א קרוב פונעם ערציבישאָף, און דער לעצטער האָט סוף כל סוף פאַראַטן די יידן. די יידן האָבן אָבער צוערשט געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. אָט וואָס מיר לייענען וועגן דעם אין דער באַשרייבונג, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט דער כראָניקער שלמה בן שמשון.

און עס איז געווען אין מיטן טאָג, ווען דער רשע אימרו (עמעריך) האָט זיך אריינגעריסן מיט זיין גאנצן חייל אין שטאָט. די בירגער האָבן פאר אים געעפנט דעם טויער און זיי, גאָטס פיינט (די קרייצצוגלער), האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: זעט, זיי האָבן פאר אונדז געעפנט דעם טויער, איצט וועלן מיר נקמה נעמען פאַרן בלוט פון געקרייציקטן. און ווען די קינדער פון ברית הקדושה (די יידן) האָבן דערזען דעם גרויסן המון פון חיילות וו־זאַמד אויפן ברעג ים, האָבן זיי זיך באַהעפט מיט זייער באשעפער. און דעמלט האָבן זיי (די יידן) אָנגעטאָן זייערע פאנצערס און אָנגעגורט זייערע קריגס־וואפן פון גרויס ביז קליין, און רב קלונימוס בן בר משולם הפרנס איז געשטאַנען בראש, און די יידן, וועלכע זענען געווען אין אינערלעכן הויף פון בישאָף, האָבן אַלע זיך באוואָפנט מיט זייער כלי־זיין און האָבן זיך דער־נענטערט צום טויער, בכדי מלחמה צו האלטן מיט די „פארפירטע" (מיט די קרייצטרעגער) און מיט די בירגער. און די מיט די האָבן געקעמפט אין טויער, און די זינד האָבן גורם געווען, און די שונאים האָבן גובר געווען און האָבן איינגענומען דעם טויער. און עס זענען שוואך געוואָרן די הענט פון אונדזער פאָלק, ווען מען האָט געזען, אַז די רשעותדיקע האַנט פון אדומי איז שטאַרק. אויך די קנעכט פון בישאָף, וועלכע האָבן זיי צוגעזאָגט צו שיצן, זענען אנטלאָפן נאָך אין אָנפאַנג, בכדי זיי (די יידן) ארויסגעבן אין די הענט פון די שונאים.

ווייטער גייט אַ באַשרייבונג, ווי אזוי די יידן האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון שמד און זיך ליבערשט גענומען דאָס לעבן.

אָבער דער כראָניקער שלמה בן שמשון דערציילט ווייטער אין געהויבענעם וואָרטער וועגן נייע פאַקטן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד:

און געווען איז אויך דאָרטן א בחור מיטן נאָמען ר׳ שלמה הכהן, דער זון פון מורינו יצחק הכהן, און זיי (די קרייצטרעגער) האָבן געפּאָדערט פון אים, ער זאָל זיך לאָזן פארשמוצן מיט זייער פארעיפּושט וואסער, זאָגנדיק צו אים אַזוי: זע, אַלע זענען שוין אויסגעהרגעט געוואָרן און זיי ליגן נאקעט. — האָט געענטפערט דעם בחור מיט קלוגשאַפט: איך וועל דערפילן אייער באַגער, אָבער פירט מיך צום בישאָף. — און זיי האָבן אים גענומען און אוועקגעפירט אין בישאָפס צימער, ווו עס איז געווען דער ברודער־זון פונעם בישאָף. זיי האָבן זיך ווידער געווענדט אין נאָמען פון געקרייציקטן, איבערלאָזנדיק אים אין צימער, און דעמלט האָט דער בחור ארויסגעצויגן זיין מעסער און קריצנדיק מיט די ציין ווי אַ לייב אויף זיין רויב, האָט ער זיך געוואָרפן אויפן שר, דעם בישאָפס קרוב, און אים אַריינגעשטאָכן דעם מעסער אין בויך אריין. יענער איז געפאלן טויט; און באלד האָט ער זיך געוואָרפן מיטן מעסער אויף נאָך צוויי אַנדערע און זיי געטויט, און דאָס מעסער איז אים צעבראָכן געוואָרן אין האנט. אַלע זענען אין שרעק פאַר אים אנטלאָפן; אָבער ווען זיי האָבן באַמערקט, אז דאָס מעסער איז צעבראָכן, זענען זיי אַלע אים באַפאַלן און דערהרגעט.

אַזוי איז דאָרטן אומגעקומען דער בחור על קידוש השם (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ב. מ.) און ער האָט באוויזן דאָס, וואָס דער גאַנצער קהל איז נישט געווען אימשטאַנד צו טאָן: ער האָט אומגעבראכט דריי ערלים מיט זיין מעסער...

אָט אַזוי שרייבט דער בעל הפנקס אונטער באַוואוסטזיניק און ספּעציעל, אַז דער אַקטיווער ווידערשטאַנד איז אַ קאַמף „על קידוש השם“. פון דער גאַנצער כראָניק דרינגט אַרויס, אַז דער יידישער ישוב אין מיינץ איז געווען גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס אייגענע לעבן און כבוד מיט געווער אין האַנט און ער האָט אַזוי געטאָן. די יידישע בעלי מלאכות, לאַנדווירטן, סוחרים און זייערע משרתים האָבן מיט גרויס העלדישקייט געקעמפט קעגן די אָנפאַלער. זיי זענען באַזיגט געוואָרן דורך די איבערוועגנדיקע כוחות פונעם שונא און דורך דעם פאַראַט פון די פון־קאָנקורענץ־פאַרפירטע, פאַנאַטישע און פאַרבלענדטע קריסטלעכע שטאָט־בירגער.

ביי די יידן פון די שטעט פונעם ריין־געביט איז נישט געווען קיין נייעס דאָס באַגיין זיך מיט געווער. די דאָזיקע יידן זענען ביז דעמלט געווען באַוואָפנט. אין דעם לאָקאַציע־אַקט פון דעם בישאָף פון שפּעיער פאַר די

האָרטיקע ייִדן, פון יאָר 1081, ווערט בפירוש באַטאָנט, אַז די ייִדן קאָנען זיך באַזעצן אין שטאָט אונטערן באַדינג, אַז זיי וועלן האַלטן וואַך אויף די שטאָט־מויערן און פאַרטיידיקן די שטאָט־פעסטונג אינאיינעם מיט זייערע דינער קעגן דעם אָנפאַל פון שונא.

די רבנים האָבן אַפילו אין די ריין־שטעט, למשל אין וואָרמס, מתיר געווען די ייִדישע יונגעלייט צו טראָגן כלי־זיין אום שבת, כדי צו קאָנען פאַרטיידיקן די שטאָט. אַזוי אַרום איז דער פאַקט פון אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די קרייצצוגלער נישט געווען קיין אומגעריכטע דערשיי־נונג אין דער געשיכטע פון די ייִדן פונעם ריין־געביט. חוץ אין מיינץ האָבן אַ ווידערשטאַנד געשטעלט אויך די ייִדן פון שפּייער און מלחמה געהאַלטן מיט די קרייצצוגלער. אין אַנדערע שטעט, למשל אין וואָרמס, איז קיין אַק־טיווער ווידערשטאַנד נישט געווען; 800 ייִדן זענען דאָ אומגעקומען על קידוש השם, גענומען זיך דאָס לעבן און נישט געוואָלט אָנגענעמען דעם קריס־טנטום. אין וואָרמס האָט אַזוי אַרום געזיגט די אידעע פון פאַסיוון ווידער־שטאַנד.

עס איז דעמלט בכלל גענומען פרעמד געווען די ייִדן פונעם ריין־גע־ביט סיי דער געדאַנק פון פאַראַט פון אייגענעם שטאַם פאַרן פרייז פון גע־ווינען דאָס לעבן, סיי די מיסטישע הכנעה צום גורל. אַפילו אין די רעליגיע־זע פיוטים פון יענער צייט קלינגען אָפט שטאַרקע טענער פון נקמה און פון טענות צו גאָט. אַ שטאַרקער טאָן פון נקמה־רוף קומט אַרויס אין דעם פיוט פון דעם העמלטיקן רעליגיעזן לירישן דיכטער הוד בן משולם:

גאָט דער אַלמעכטיקער!
נישט פאַרשוויגן זאָל ווערן מיין פאַרגאָסן בלוט!
פאַרגעס עס נישט מיינע מערדער, פאָדער עס פון מיינע פאַרוויסטער!
זאָל די ערד נישט צודעקן דאָס בלוט פון מיינע קינדער,
זאָל עס רינען און שפּריצן און זידן פאַר דיינע אויגן,
דאָס בלוט פון דיינע אומגעקומענע, ווי שעפסן געשאָכטענע!
און דער דיכטער שלאָגט אָן אין אַ שלום־אַקאָרד פון טענה און פראָטעסט:
און דו זעסט דאָס און שווייגסט?
דו גרויסער, דו שטאַרקער,
דו גאָט פון נקמה!

בכלל דאַרף מען זאָגן, אַז די פראַגע פון אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די קרייצטרעגער און בכלל אָנפאַלער איז אין יענער צייט געשטאַנען זייער שאַרף און גאַנץ ברייט פאַר די ייִדישע ישובים. אויסדרוקספולע מאָמענטן

וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד געפינט מען אַפילו אין דער ייִדישער רעליגיעזער ליטעראַטור פון יענע תּקופות. עס וועגן דאָ און דאָרט פאַראַן אין דער דאָזיקער ליטעראַטור קאָנקרעטע אָנווייזונגען, אין וועלכע אומשטענדן מען דאַרף זיך קעגנשטעלן מיט געווער אין האַנט. אין „ספר חסידים" (סוף XII, תחילת XIII י"ה) ווערט בפירוש געזאָגט: „זאָלסט איר נישט מורא האָבן פאַר זיי (פאַר די אָנפאַלער)... און קעמפט אין שוץ פון אייערע ברידער, זין און טעכטער, פרויען און הייזער... אויב אָבער עס וועלן אָנפאַלן צען אויף איינעם, אָדער אַ באַוואָפנטער ריטער אויף איינעם אָן אומבאַוואָפנטן, זאָל ער נישט קעמפן". ווי מיר זעען, נעמט דער מחבר דעם ענין גאַנץ קאָנקרעט. ער סוגערירט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד נאָר אין דעם פאַל, ווען עס זענען פאַראַן אויסזיכטן אויף אַ געוויסן דערפאָלג. דאַקעגן זשע וואָרנט ער קעגן אַ פאַרצווייפלונגס-אַקט אָן אַ שום אויסזיכט.

דער זעלבער „ספר חסידים" האַלט, אַז די ייִדן דאַרפן זיך באַמיען צו ווינען אין שטעט אַרומגערינגלט מיט באַפעסטיקטע מויערן. דער ספר גיט אויך אָנווייזונגען, ווי אַזוי אונטערצוהאַלטן דעם קאַמף-גייסט ביי די ייִדישע וועלבשוץ-לייט: „אויב אַ ייד גייט אין קאַמף, און עס איז דערהרגעט געוואָרן איינער פון זיינע פריינד, מאָר מען עס אים נישט זאָגן אין גאַנג פונעם קאַמף, ווייל עס קאָן ווייך ווערן זיין האַרץ, און מען וועט אים הרגענען".*

דער „ספר חסידים" שלאָגט אויך אָן אין אַ מאָן פון ריינער גבורה און וויל אַרויסרופן ביי די ייִדישע גבורים אַ גייסט פון העכסטן מסירת-נפש. אָט לייענען מיר אין דעם ספר:

„קעמפער, וואָס גייען אין שלאַכט, כדי צו דערווייזן זייער העלדישקייט, דאַרפן זיך שעמען צו אַנטלויפן פאַר דער שווערד און געמען פאַר ליב בעסער ווונדן און אויך דעם טויט. אבי נישט קיין בושה, הגם נאָכן טויט וואַרט נישט אויף זיי קיין שום שכר, ווען זיי לאָזן זיך אויסהרגענען פאַרן אייגענעם כבוד וועגן. אָבער נאָך מער דאַרף אַ קעמפער אַזוי האַנדלען, ווען ער גייט אין שלאַכט פאַרן כבוד פון בורא עולם" (ד. ה. — פאַר זיין גלויבן, פאַרן כבוד פון פאָלק, פאַר אַן אידעע).

אין דער זעלבער ווינטשיקסטער געבאַט, וועלכן עס ברענגט דער „ספר חסידים": „אויב די קריסטן וועלן זאָגן: גיט אונדז אַרויס איין מענטש פון

---

* יהודי שהלך למלחמה ונהרג אחד מאוהביו, אין להגיד לו בתוך המלחמה, פן ירך לבבו ויהרגוהו.

אייך, און מיר ווען אים הרגענען, און אויב נישט — הרגענען מיר אייך אַלע, זאָלן אַלע אומקומען און נישט אַרויסגעבן קיין איין ייד".* אַזוי אַרום ווערט קלאָר, אַז דער נוסח, וואָס הערשט אין דער אַלטער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, דער מאַרטיראָלאָגישער נוסח פון קידוש השם, פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אַנטשפּרעכט נישט אינגאַנצן דעם היסטאָרישן אמת. פּאַקטיש האָבן די יידן פונעם ריין-געביט, אומעטום, וווּ זיי האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. דאָס דרינגט אַרויס נישט בלויז פון יידישע היסטאָרישע מקורים, נאָר אויך פון קריסטלעכע. אַזוי גיט איבער דער קריסטלעכער כראָניקער, אַלבערטוס, אַז די קרייצצוגלער האָבן אויף די יידן פון מיינץ אויסגעשאָסן אַ סך פיילן און לאַנצן, און די יידן האָבן טראָץ אַלעמען זיך פאַרטיידיקט מיט גרויס העלדישקייט, אַ סך פון זיי זענען געפאַלן פון די פיילן און שפּיזן, און אין דער זעלבער צייט איז די צאָל פון די באַלאַגערער, פון די קרייצצוגלער געשטיגן, ווייל עס זענען צו זיי צוגעקומען נייע גרופּן. ערשט נאָך אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד, ווען עס זענען שיטער געוואָרן זייערע אייגענע רייען, האָבן די יידן באַשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן, איידער זיך שמדן.

ווי עס דרינגט אַרויס פונעם ציטירטן „ספר חסידים“, זענען אויך געווען פאַלן פון געמיינזאַמע זעלבשוץ-אַרויסטריטן פון יידן און קריסטן קעגן די אָנפאַלער. אַט לייענען מיר בפירוש: „אויב יידן און קריסטן מאַכן צווישן זיך אַן אָפּמאַך צו העלפן זיך קעגנזייטיק, און די קריסטן העלפן מיטן גאַנצן האַרצן די יידן, דאַרפן די יידן פונקט אַזוי האַנדלען לגבי די קריסטן“.**

נישט אַלע יידישע ישובים אויפן בלוטיקן שליאַך פונעם קרייצצוג האָבן אָבער אַרויסגעוויזן אַזאַ גייסטיקע פעסטקייט און אַזאַ ווידערשטאַנד-גרייטקייט ווי די יידן פון מיינץ, שפּייער און וואָרמס. די קרייצטרעגער זענען אַוועק פונעם ריין-געביט ווייטער אויף מזרח. נאָכן חרוב מאַכן די אַלט-געזעסענע יידישע ישובים פון די ריין-שטעט, נאָכן אויסשעכטן די דאָרטיקע יידישע קהלות, האָבן זיי געזייט פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג איבער די יידישע קהלות אין בייערן. די יידן פון דער רייכער, סוחרישער קהלה אין רעגענסבורג זענען אין זייער מערהייט נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון. די דאָרטיקע יידן, וועלכע האָבן זינט לאַנגע יאָרצענדליקער אָנגעזאַמלט גרויסע

---

* אם הגויים אומרים: תנו לנו נפש אחד מכם ונהרגהו, ואם לא נהרוג כולכם — יהרגו ואל ימסרו נפש אחת מישראל.

** יהודים וגויים שעשו תנאי ביניהם לעמוד אלה לאלה, והנה עוזרים הגויים בכל לב ליהודים, כן יעשו היהודים לגויים.

רייכטימער פון דעם טראַנזיט־האַנדל, האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם שמד, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן און פאַרמעגן. בלויז אַ קלענער טייל האָט אַרויסגעוויזן פאַרזאַכטונג צום טויט.

פון די באַהראַטע קהלות אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַנטלויפן אויף מזרח, קיין פוילן, וווּ זיי זענען גינסטיק אויפגענומען געוואָרן און באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן און צו אַנטוויקלען אַ ווירט־שאַפטלעכע טעטיקייט. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ טייל פון די פליטים האָבן זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד נאָכדעם ווי דער דייטשישער קייזער האָט אין יאָר 1103 פּראָקלאַמירט אַ לאַנד־פריד פאַר דער גאַנצער מלוכה און צוריקגעקערט די ייִדן די מעגלעכקייטן צו לעבן און פירן אַ טעטיקייט.

די ייִדן, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע היים־ערטער אין דייטשלאַנד, זענען, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען מאָראַליש העכער פון די יעניקע, ווי למשל פון רעגענסבורג, וועלכע האָבן זיך געשמדט, כדי צו קאָנען פאַרבלייבן אויפן אָרט. די פליטים זענען געווען די, וואָס האָבן נישט געוואָלט אײַנגײן אויף פּשרות מיטן אייגענעם געוויסן. זיי האָבן ליבערשט גענומען דעם וואַנדער־שטעקן.

אַזוי אַרום איז דער ייִדישער ישוב אין פוילן באַרייכערט געוואָרן מיט אַ ניי־צוגעקומענעם שטראָם אײַנוואַנדערער פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן מיט זיך געבראַכט נישט בלויז הויכע מלאכה־קוואַליפיקאַציעס, מסחר־באַהאַוונטקייט און וועלט־קענטעניש, נאָר אויך אַ שטאַרק־מאָראַלישן רוקנביין.

מסתמא אין שייכות מיטן אויפנעמען דורך די פוילישע פעאָדאַלע הערשער די ייִדישע פליטים פון דייטשלאַנד איז אויפגעקומען די לעגענדע פון „פה לין", וועלכע דערציילט, אַז אַ ייִד, אַן אַנטלאָפענער פאַר די בלוטיקע רדיפות אין דייטשלאַנד, איז אָנגעקומען אויף דער פוילישער ערד, און דאָ האָט ער געהערט אַ בת־קול: „פה לין" (דאָ זאָלסטו נעכטיקן). דאָס איז אַ וואָרט־שפּיל: „פה לין" (באַטייט אין העברעיש: „דאָ נעכטיק") — „פוי־לין" (באַטייט אין העברעיש: פוילן).

אין דעם יאָר פונעם ערשטן קרייצצוג 1096 איז אָנגעקומען קיין פוילן נאָך איין שטראָם פון געצווונגענער ייִדישער אײַנוואַנדערונג — פון טשעכיע.

איין גרופּע פון די ערשטע קרייצטרעגער — אין דער צאָל פון 12 טויזנט מאַן — אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן פאָלכער (פאָלקמאַר) האָט

זיך געלאָזט פּוגעם ריין־געביט קיין זאַקסן און פון דאַנען קיין בעמען (טשעכיע) און אונגאַרן. אין די לעצטע טעג פון מאַי 1096 האָבן זיך פאַלעכערס באַנדעס געוואַלדעט אין פּראָג. א טייל יידן איז געצוואונגען געוואָרן זיך צו שמדן, א צווייטער טייל איז אַנטלאָפן קיין פּוילן און אונגאַרן און א דריטער איז אַרוים מיט אַן אַקטיוון, באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

דער יידישער ישוב אין טשעכיע, וואָס האָט העמלט שוין עקזיסטירט לכל הפחות צוויי הונדערט יאָר, האָט אין XI י״ה אַדורכגעמאַכט א שטאַרקן אויפבלי. בפרט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט די יידישע עדה אין פּראָג, וועלכע איז פאַררעכנט געוואָרן צו די גרויסע יידישע קהלות; וועגן דעם שרייבט דער טשעכישער כראָניקער פון מיטלאַלטער קאָסמאַס.

אין XI י״ה הייבט זיך אָן דער עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס פון די טשעכישע יידן — פון דעם דייטשישן יידנטום, מיט וועלכן ער איז ביז העמלט געווען פאַרבונדן ווי אַן אָקאָרשט געבוירן קינד מיטן נאָפּל פון זיין מאַמען. טשעכישע יידן האָבן גערעדט טשעכיש.* פּראָג הייבט אָן ווערן א צענטער פון יידיש־רעליגיעזער קולטור. אין XII י״ה לעבט אין פּראָג איינער פון די דערמלטיקע גרעסטע יידיש־רעליגיעזע אויטאָריטעטן — רבי יצחק בן יעקב הלבן, צו וועלכן יידן פון פאַרשידענע לענדער ווענדן זיך מיט שאלות. די טשעכישע יידן האָבן געקאָנט זיך באַגיין מיט געווער און געהאַט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אינעם פריערדיקן טייל (קאַפּיטל זיבן), א געוויסע קאַמפּס־טראַדיציע אין לאַנד.

ווי עס דערציילט די טשעכישע כראָניק פון דאַלימיל, געשריבן אין יאָר 1310, זענען די יידן — אין דעם מאָמענט, ווען די קרייצטרעגער האָבן זיך דערנענטערט צו פּראָג, — דערמוטיקט געוואָרן דורכן קיניג, זיי זאָלן שטעלן א ווידערשטאַנד. די יידן האָבן זיך באַוואָפנט, גענומען צו הילף אָרטיקע, טשעכישע קריגסלייט, און אין א שלאַכט מיט די אָנפאַלער זיי באַ־

---

* אזוי למשל געפינט מען אין דעם ווערק „ערוגת הבשם“ פון דעם יידיש־רעליגיעזן געלערנטן פון טשעכיע, פון דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י״ה, אברהם בן עזריאל, א שלל מיט טשעכישע ווערטער און אויסדרוקן. ביים פאַרטייטשן די העברעישע טעקסטן פון חומש און תלמוד האָבן זיך די טשעכישע יידן אין יענער צייט באַנוצט אַ סך עפטער מיט טשעכיש איידער מיט דייטש. למשל אזעלכע ווערטער ווי „אסלנא“ („אָסלאָנאַ“, א שלייער), „וזנאַק“ („ווזנאַק“ א סימן), „לופּטא“ („לאָפּאַטאַ“) אאַוו. א יידישער תלמוד־געלערנטער פון טשעכיע, פון דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י״ה, האָט געהייסן — אברהם הלאַדיק.

זינגט.* עס איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס זעלביקע ווערט דערמאָנט אויך דורך דעם ציטירטן יידישן כראָניקער שלמה בן שמשון פון מיינץ, וועלכער האָט געלעבט נאָענטער צו די געשעענישן און האָט פאַרנאָטירט אַ פאַקט, אַז אַ פירשט (שר, דוכוס) האָט געשיקט צו הילף די יידן, וואָס זענען באַפאַלן געוואָרן דורך די קרייצטרעגער, טויזנט רייטער. די יידן האָבן אַרויסגעשטעלט 500 יונגעלייט, „באַוואָפנטע מיט בלאַנקע שווערדן, קריגסלייט, וועלכע אַנטלויפן נישט פאַר דעם שונא“.** די יידן און דעם פירשטס רייטער האָבן צוזאַמען צעשלאָגן דעם שונא, וועלכער איז באַשטאַנען פון קרייצטרעגער און קריסטלעכע שטאָט־בירגער. מצד די יידן זענען געפאַלן בלויז זעקס מאַן. געשען איז דאָס — לויט דעם כראָניקער — אין דער שטאָט „שלא“. דער יידיש־טשעכישער היסטאָריקער שטיינהערץ ווייזט אויף, אַז דאָס איז אַ גרייז פונעם איבערשרייבער און אַז דאָס איז וואַרשיינלעך פראָג.

די ווידערשטאַנד־טראַדיציע האָט נאָך אָנגעהאַלטן ביי די טשעכישע יידן גאַנץ לאַנג. אין XII און אין XIII י"ה זענען די טשעכישע יידן גוט אָרגאַניזירט און באַוואָפנט, גרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד יעדן שונא. אַזוי למשל דערוויסט מען זיך פון אַ תשובה פון דעם רעליגיעזן אויטאָריטעט פון XII י"ה ר' יצחק בר משה מוינא (פון ווין), דעם מחבר פונעם ווערק „אור זרוע“, אַז געוויסע טשעכישע יידן טוען נישט אויס די פאַנצערס און שווערדן אפילו אום שבת: „אונדזערע ברידער אין טשעכיע — לייענען מיר אין „אור זרוע“ — טוען נישט גוט, וואָס זיי טראָגן מיט זיך (אום שבת) זייערע שווערדן און פאַנצערס, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן ערב שבת. דאַקעגן אין געוויסע פאַלן, ווען עס איז פאַראַן אַ מורא (פון אַן איבערפאַל) און זיי היטן די שטאָט, קאָן מען דאָס מתיר זיין“.

פון אָט דער ר' יצחק בר משהס תשובה דרינגט אַרויס, אַז די טשעכי־

---

* דער יידיש־טשעכישער היסטאָריקער שמואל שטיינהערץ, וועלכער אַנאַליזירט דעם דאָזיקן ענין און שטייט אויפן שטאַנדפונקט, אַז דאָס איז אַ ריכטיקער פאַקט, פרעגט אָפּ די ספקות פון ש. דובנאָוו אין זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק“ (דייטש), ב. V, ז. 179, בכן דער פאַקט איז נוגע דער צייט פון טשעכישן קיניג ווענצעל פון XIII־טן י"ה.

** ושלח להם השר דוכס אחד ועמו אלף פרשים אוחזי הרב, וגם מבני יהודה הגרים בעיר שלא (ווייזט אויס: פראָג) חמש מאות איש בחור שלופי חרב אנשי מלחמה אשר לא יסובו פניהם אחור מפני אויב, ויבואו על העיר בשת, ויכו בהם מכה גדולה מן התועים ובני עירים.

שע יידן זענען נישט בלויז געווען באַוואָפנט מיטן ציל זיך צו פאַרטיידיקן,
נאָר זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט אין באַוואַכן און באַשיצן די שטעט פון
לאַנד. עס קאָן אויך זיין, אַז דער „אור זרוע“ איז דאָ אויסן די באַפעסטיק=
טע מויערן, מיט וועלכע די יידן פלעגן אַרומרינגלען די אייגענע וווין=ראַ=
יאָנען, כדי זיך צו קאָנען באַשיצן בעת אַן איבערפאַל (ווי דאָס רעקאָמענ=
דירט אויך דער אויבן=ציטירטער „ספר חסידים“). אין XII און XIII
י“ה איז מאַקע וואַרשיינלעך געווען אין פראָג אַ יידישער וווין=ראַיאָן אַ באַ=
פעסטיקטער מיט מויערן. אין די העברעישע קוועלן פון יענער צייט ווערט
דער דאָזיקער ראַיאָן אָנגערופן „מיאַסטאָ“.

דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, גיט נאָך מער אַ גרונד צו גלייבן
דער משעבישער כראָניק פון דאַלימיל און די אומדירעקטע ידיעות פון
שלמה בן שמשון וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון די משעבישע יידן
קעגן די קרייצטרעגער. אין דעם דאָזיקן קאַמף זענען זיי נישט געווען איזאָ=
לירט, נאָר געגאַנגען פון דער באַוואָפנטער הילף פון אָרטיקע קריסטלעכע
קריגסלייט.

פון וואָס פאַר אַ סאָציאַלע שיכטן האָבן זיך געקאָנט רעקרוטירן די
יידישע ווידערשטאַנדלער אין משעכיע? עס איז קלאָר, אַז היות דער רייכע=
רער טייל יידן איז אַנטלאָפן, איז אויפן אָרט געבליבן דער אָרעמער און
ווייניק באַמיטלטער: די ווייניק=באַזיצנדיקע יידישע בעלי מלאכות, טאָג=אַר=
בעטער, קליינהענדלער וכדומה. אָט דער דאָזיקער יידישער פּלעבעישער
עלעמענט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שונא.

די רייכע יידן פון משעכיע זענען אַנטלאָפן קיין אונגאַרן און פוילן צו=
זאַמען מיט זייער פאַרמעגן. אויך טייל יידישע בעלי מלאכות פון פראָג איז
אַוועק קיין פוילן.

עס איז אָנצונעמען, אַז צווישן די צוויי פרישע יידישע אימיגראַציע=
שטראָמען קיין פוילן פון דעם טראַגישן יאָר 1096 — צווישן די פּליטים
פון דייטשלאַנד און די פון משעכיע — איז געווען אַן אונטערשייד נישט
בלויז אין שפּראַך און שטייגער=הינזיכט, נאָר אויך אין סאָציאַלן פּרט. די
אַנטלאָפענע יידן פון דייטשלאַנד זענען וואַרשיינלעך געווען ס'רוב פאַרמעגנ=
לאָזע; האַקעגן וועגן די איינגעוואַנדערטע משעכישע יידן, אַלנפאַלס וועגן
דער מערהייט פון זיי, ווערט בפירוש געזאָגט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן מיט=
נעמענדיק מיט זיך זייער פאַרמעגן. און וואָס קאָן מען מיטנעמען אין אַ
בהלהדיקן, פּלוצלימדיקן און ווייטן וועג? פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין
סחורות, נאָר געלט, אָדער צירונג. באַזעצנדיק זיך אין פוילן, האָבן טאַקע

די רייכע משעכישע יידן אין משך פון א געוויסער צייט געשפּילט די ראָל פון תקיפים און אויסגעמיטן זיך צו מישן מיט די אָרמיקע, פּוילישע יידן. בנוגע די פּליטים פון דייטשלאַנד הערט מען נישט וועגן אַזאַ אויפפירונג.

אין צוויי יאָר נאָכן קרייצצוג־אומגליק זענען די משעכישע יידן גע־טראָפן געוואָרן פון א צווייטער צרה. אין יאָר 1098 האָט דער משעכישער קיניג בזשעטיסלאַוו באַרויבט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון זיין מדי־נה, צונעמענדיק ביי זיי זייער פאַרמעגן, זייער גאָלד, זילבער און צירונג. דער דאָזיקער פאַקט האָט געווים נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי די משעכישע יידן דעם חשק צו עמיגרירן, און דאָס דער עיקר קיין פּוילן.

עס איז כדאַי נאָך צו באַמערקן, אז די קרייצטרעגער האָבן פּאָגראָ־מירט און באַרויבט נישט בלויז די יידישע באַפעלקערונג. ווען זיי זענען אַריין קיין אונגאַרן, בולגאַריע און סערביע, האָבן זיי זיך מיט דער גאַנצער רציחה געוואָרפן אויף דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די קריסט־לעכע באַפעלקערונג, בפרט אין אונגאַרן, איז אַרויס מיט א העפטיקן ווי־דערשטאַנד קעגן די רויבער און מערדער מיטן צייכן פון צלם אויף זייערע בגדים.

אין יאָר 1147 הייבט זיך אָן דער צווייטער קרייצצוג; אין יאָר 1189 קומט פאָר דער דריטער קרייצצוג. ביידע קרייצצוגן ברענגען פרישע צרות און יסורים פאַר די יידן אין דייטשלאַנד, משעכיע, פראַנקרייך און ענגלאַנד, הגם די רעזולטאַטן זענען שוין נישט אַזעלכע בלוטיקע ווי אין יאָר 1096. די יידן באַהאַלטן זיך ס׳רוב אין פעסטונגען און באַוואָפענען זיך בעסער ווי פריער.

בעתן צווייטן קרייצצוג דערגרייכן די רויבער און מערדער מיטן צלם־צייכן אויך קיין שלעזיע, און אַ געוויסע צאָל שלעזישע יידן קומט אום אויף קידוש השם. עס קומט ווידער אַ יידיש מאַסן־אַנטלויפן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך. און באַנייס ווערט פּוילן איינס פון די לענדער, וווהין עס שטראָמט אַ יידישע איינוואַנדערונג פון מערב־אייראָפּע, איבער וועלכער עס טראָגט זיך דאָס געשריי פון די קרייצצוגלער: שמד אָדער טויט!

אין דער צווייטער העלפט פון XII י״ה וואַנדערט אַריין קיין פּוילן אויך אַ פרישע גרופּע משעכישע יידן; עס איז אָבער נישט באַוווּסט, צי די סיבה איז דער קרייצצוג, אָדער אַ מגיפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין זייער געבוירן־לאַנד.

קאַפּיטל פיר

# די לאַגע פון די פּוילישע ייִדן אין דעם צעשפּליטער־פּעריאָד — אין XII־טן און אָנהייב XIII־טן יאָרהונדערט

אַדאַנק דער אימיגראַציע־כוואַליע פון דייטשלאַנד און טשעכיע, מחמת די בלוטיקע רדיפות אויף ייִדן, זענען צוגעקומען צום ייִדישן ישוב אין פּוילן נייע כוחות. דער ישוב איז ווייטער געוואַקסן — סיי אַדאַנק דעם נאַטירלעכן צוּוווּקס, סיי צוליב די ניי־אייַנגעוואַנדערטע ייִדן — אין משך פון XII י"ה. דעם וווּקס האָט אָבער דער ישוב געהאַט צו פאַרדאַנקען נישט בלויז דעם אָנקום פון די פּליטים פון מערב־אייראָפּע, נאָר אויך אַדאַנק אַ פרייוויליקן באַזעצן זיך פון נייע טרופּן ייִדן פון איטאַליע און פון דרום־מזרח־אייראָפּע. דאָס זענען געווען ס׳רוב סוחרים און מלאכה־ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן געזען אין פּוילן אַ לאַנד מיט ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן.

אין שייכות מיטן אַרייַנלאָזן קיין פּוילן די מאַסן ייִדישע פּליטים פון די לענדער, איבער וועלכע עס איז געהאַנגען דער חלף פון די קרייצצוגן, טויכט אויף די פראַגע: וואָס האָט געשטימט די הערשנדיקע באַפעלקערונג פון די קריסטלעכן פּוילן צו אויפצונעמען אין לאַנד, אין זייערע פירשטנטומס, די נעהרוּפטע ייִדן, וואָס האָבן — לויט דער פאַנאַטישער אייַנשטעלונג פון דער קירך — „געקרייציקט קריסטוסן"?

עס וואָלט געווען נאַאיוו צו מיינען, אַז זיי האָבן אַזוי געהאַנדלט צוליב הומאַניטאַרע טעמים, מחמת מיטלייד צו די געיאָגטע און געפּלאָגטע ייִדן. די סיבה פון עפּענען פּוילנס טויערן פאַר די פּליטים קאָן מען אויפקלערן נאָר דערמיט, וואָס פּוילן האָט זיך אין XI און XII י"ה געפונען אין דער סטאַדיע פון אויפגייענדיקן פעאָדאַליזם; אין דער האַזיקער תקופה האָט זיך ערשט האָס פּוילישע לאַנד, די פּוילישע ווירטשאַפט, שטעט און מלאכה גענומען בויען; האָס לאַנד האָט, פראַוון אַלע שווערקייטן, אַדורכגעמאַכט, ווי

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַ וועג באַרג אַרויף, און עס איז קודם כל אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אינערלעכע קאָלאָניזירונג. דאָס לאַנד איז נאָך געווען זייער שיטער באַפעלקערט, און יעדע נייע גרופּע מענטשן, בפרט באַהאַוונטע אין מלאכה, מסחר און קרעדיט, איז געווען נייטיק און נוצלעך. אין דער זעלביקער צייט זענען די מערב-אייראָפּעישע לענדער שוין אַריין אינעם ערשטן עטאַפּ פון טיפן קריזיס פון דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט. איינע פון די ערשטע קרבנות פון דעם קריזיס זענען געפאַלן די ייִדן, די זעלבע, וואָס האָבן געהאָלפן בויען די נייע סחורה- און געלט-ווירטשאַפט. די אַרויסגעשטויסענע פון דאָרטן ייִדן זענען אויפגענומען געוואָרן דורך די הערשער פון פוילן, פון דעם לאַנד, וואָס האָט אין דעם באַהאַנדלטן פעריאָד אָנגעהויבן אַרויפגיין אויפן שליאַך פון די נייע פאָרמען פון אויסטויש, פון די פאָרמען פון דער סחורה- און געלט-ווירטשאַפט.

דער וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פוילן אין XII און XIII י"ה ווערט באַגינסטיקט נאָך מער אַדאַנק די טענדענצן פון פאַראייניקן די צעשפּליטערטע, נאָך באָלעסלאַוו דעם קרוממויליקנס טויט, פּראָווינצן. די פאַראייניקונגס- און צענטראַליזאַציע-טענדענצן, וועלכע קומען צום אויסדרוק ביי באָלעסלאַוו קשיוואָוסטי (1107—1138) און אינעם צייטפּעריאָד — ביי מיעטשיסלאַוו III, דעם אַ. ג. אַלטן, „סטאַרי" (1173—1209), שאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַרן האַנדל בכלל און פאַרן ייִדישן בפרט. פון דער צווייטער זייט איז די גאַנצע פּאָליטיק פון אינערלעכער קאָלאָניזאַציע, וועלכע ווערט פאַרסירט דורך די פירשטן, און בפרט פון די יענע, וואָס האָבן געשטרעבט צו דער מלוכהשער פאַראייניקונג פון לאַנד, באַקוועם און גינסטיק פאַר דער באַזעצונג אויך פון ייִדן. אַ ריי פירשטן נעמען די ייִדן אונטער זייער ספּעציעלער שוץ, זעענדיק אין זיי אַ נייטיקן ווירטשאַפטלעכן עלעמענט אין לאַנד. למשל מיעטשיסלאַוו III באַשטימט פאַר הרגענען אַ ייִד די הויכע שטראָף פון „זיבעציק", פּונקט ווי פאַר באַליידיקן דעם מאַיעסטעט פון מאָנאַרך, אָדער פאַר אַ פאַרברעכן קעגן דער קאַטוילישער רעליגיע. די באַשטימונג פון מיעטשיסלאַוו III זעט פאָר אַן ענלעכע שטראָף פאַר פאַרמשעפּן אַ ייִד דורך קריסטלעכע שילער. אין פאַל, ווען די עלטערן פון די שילער זענען נישט אימשטאַנד צו באַצאָלן די שטראָף, ווערן זיי פאַרשיקט אויף אַרבעט אין די גרובנס; און דאָס איז געווען אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז די אויספירונג פון דער שטראָף פון „זיבעציק" האָט געקאָנט זיין אַ פאַרשידנאַרטיקע. אָנשטאָט זיבעציק מטבעות האָט מען געקאָנט צאָלן מיט זיבעציק ווערקע-פעלעכלער, וועלכע זענען

געווען זייער ביליק. מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז פון די שטראָף־דראָונגען איז צו זען, אַז עס זענען שוין דעמלט, סוף XII י״ה, אין פּוילן געווען סמ־נים פון יידן־האַס, און דאָס ביים רימער־שטאַנד, וועלכער איז געוואָרן פאַר־אָרעמט און איז עקאָנאָמיש אָפּהייגנעפּאַלן און די הענט פון דעם פּירשט, און דער האָט זיך באַדינט מיט יידן אַלס געזעץ־קענער, עקזעקוטאָרן און פינאַנ־סיסטן. דער כּראָניקער פון יענער צייט, ווינצענטי קאַדלובעק, גיט איבער, אַז אין יאָר 1176 האָבן קריסטלעכע שילער דערהרגעט אַ ייד. עס זעט אָבער אויס, אַז דאָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל.

באַטירלער, קאָן מען נישט פעסטשטעלן, צי די דאָזיקע געלט־שטראָף, די „זיבעציק", איז געווען חל לגבי אַנפאַלער אויף יעדן ייד פון וועלכן שיכט ער זאָל נישט זיין. עס ליגט זיך אויפן שכל, אַז די דערמאָנטע פּירשטן האָבן גענומען אין שוץ קודם כל די יידן, וואָס זענען זיי געווען נייטיק, ד. ה. די, וואָס האָבן זיי באַדינט. צי איז דאָס חל געווען אויף אַלע יידן, דאָס איז נישט באַוויסט, והגם אין דער באַשטימונג רעדט זיך וועגן יידן בכלל. עס קאָן זיין, אַז דער חילוק: מזומן־געלט, אָדער וועוועריצע־פעלעכלער איז געווען אָפּהענגיק פון דעם סאָציאַלן מעמד פון באַפאַלענעם ייד.

מיעשקאָ III, וועלכער האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ גרעסערע טערי־טאָריעלע קאָנצענטראַציע, האָט גענאָסן אין אָט דער פּאָליטיק פון דער אונטערשטיצונג פון די גרויסע יידישע סוחרים, וועלכע זענען געווען פאַר־אינטערעסירט אין אַן אייגנהייטלעכער קאָנצענטרירטער מלוכה, כדי צו קאָ־נען פירן אָן שטער, אָן קליין־פירשטלעכע באַריערעס, געשעפטן איבערן גאַנצן לאַנד. מיעשקאָ III האָט קענען זיך געהאַט די קראָקעווער מאַגנאַטן בראש מיטן ביסקופ גדעון (גערעאָן) און דעם קאַשטעלאַן סטעפאַן. מיעש־קאָ III איז דורך זיי פאַרטריבן געוואָרן פון קראָקע, און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער ייגנסטער זון פון באָלעסלאַוו דעם קרוממויליקן — דער צווזמירער פּירשט קאַזשימיעזש, וועלכן מען האָט אָנגערופן דער גערעכטי־קער, ספּראַוויעדליווי, וועלכער האָט לגבי די יידן קאָנטינואירט זיין פאָר־גייערס באַגינסטיקנדיקע פּאָליטיק. ער האָט גענומען די יידן פון זיין פּראָ־ווינץ אין שוץ קעגן דעם דרוק פון ריטערטום. קאַזשימיעזש דער גערעכטי־קער האָט דער ערשטער געפּרוווט שאַפן אַ סטאַטוט פאַר די יידן; אין יאָר 1180 האָט ער אין לענטשיץ געלייגט דעם פאַקטישן גרונטשטיין פאַרן שפּע־טערדיקן סטאַטוט פון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער (1264).

קאַזשימיעזש דער גערעכטיקער איז געשטאָרבן אין יאָר 1191. זיין פּאָליטיק לגבי די יידן האָט קאָנטינואירט דער פּירשט לעשעק דער ווייַ־סער, ביאַלי.

אין XII י"ה האָבן יידן געוווינט (און געמוענט וווינען) אין גאַנץ פּוילן, אַחוץ דער מאַזאָווער פּראָווינץ. מאַזאָווער איז געווען פאַרמאַכט פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. די סיבה האָט וואַרשיינלעך געשטעקט אין דעם, וואָס די דאָזיקע פּראָווינץ האָט זיך שטאַרק אָפּגעטיילט פון גאַנץ פּוילן און איירע פירשטן האָבן אויסגעמיטן אַזאַ קאָלאָניסטן-עלעמענט, וואָס איז געווען אַ פּאָטענציעלער כוח אַ פאַראייניגטערס-רמער אין דער קאָנצענטראַציע פון גאַנצן לאַנד אין אַן איינהייטלעכער מלוכה. און אַזאַ עלעמענט זענען געווען די יידן, און קודם כל די יידישע סוחרים.

אין XII י"ה זענען שוין, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געווען יידישע שטאָטישע ישובים אין קראָקע, גנעזנאָ, קאַליש, פּויזן, לובלין. די ערשטע דאָקומענטירטע ידיעות וועגן יידישן ישוב אין קאַליש שטאַמען פון יאָר 1287, (ווען זיי האָבן געקויפט אַ פּלאַץ אויף אַ בית-עלמין), וועגן יידן אין קראָקע — פון יאָר 1304. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז יידן האָבן דאָרטן נישט געוווינט פריער. פון XIII י"ה שטאַמט די ערשטע ידיעה וועגן די יידן אין פּלאָצק (וועגן אַ „יידישן בריגעס", וואָס רופט אַרויס אַ געדאַנק, אַז די יידן האָבן שוין געלעבט אין דער שטאָט לאַנג פאַר דער אָנגעגעבענער דאַטע).

אין XIII י"ה קומען צו צו די יידישע ישובים אין די אויבן אויסגערעכנטע שטעט — די פּאָלגנדיקע: פּיזדראָ, קאָשמינאַן, קאַפּאַשעוו און אין אנדערע ערטער אין גרויספּוילן, קליינפּוילן און קויאַוויע.

אין לובלין וווינען די יידן אין XIII י"ה אויפן צפון פון דעם שלאָס. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, עקזיסטירט וואַרשיינלעך אַ יידישער ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט שוין זינט דעם X י"ה.

חוץ אין שטעט וווינען יידן אויך אין דערפער. געוויסע ידיעות וועגן יידישע דערפער שטאַמען פון XII און XIII י"ה.

אַט אַזוי איז אין משך פון איבער פיר הונדערט יאָר אויפגעקומען און אויסגעוואַקסן אַ יידישער ישוב אין פּוילן. אין דעם באַרימטן חבנישן ווערק פון XII י"ה „איר זרוע" ווערט אָנגעוויזן, אַז אויפן שטח פון פּוילן (און אויך פון אַלט-רייסן און אונגאַרן) געפינען זיך אַ סך קליינע יידישע ישובים. מיר זענען נישט אימשטאַנד אָנצוגעבן די צאָל פון די יידן אין פּוילן ביז די סוף דרייסיקער יאָרן פון XIII י"ה, ד. ה. ביז דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן. פון דעם אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, דרינגט אַרויס, אַז די צאָל יידן איז שוין דעמולט אין פּוילן געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ גרויסע.

די לאגע פון די יידן אין פוילן אינעם באהאנדלטן פעריאָד — אין זין פון זיכערקייט — איז געווען לפי ערך אַ גוטע. עס איז דאָ בלויז איין ידיעה, דעם פאַקט, וועלכן עס ברענגט ווינצענטי קאַדלובעק, וועגן אַנפאַל אויף יידן. הגם א טייל ריטער האָט געקוקט מיט קנאה אויף די רייכע יידן, איז בכלל אָפּגעשאַצט געוואָרן די פּאָזיטיווע ראָל פון די לעצטע. דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס האָט דעמאלט געשטויסן די פוילישע הערשער צו דיסקרימינירן די יידן, האָט זיך געפונען אין אויסלאנד — דאָס איז געווען דער פויפסט. עס זענען פאַראַן ידיעות וועגן א בריוו פונעם פויפסט, פון מיטן XIII י"ה, מיט פאָרווורפן אויפן אדרעס פון פויליש-קריסטלעכן קלער, אז דאָס צוזאמענלעבן פון דער קריסטלעכער און יידישער באפעלקערונג אין דעם לאַנד איז אַ גוטע. אָבער ווען אַפילו דער קלער וואָלט דעמאלט געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן יידן, וואָלט דאָס אויף די מאַסן קנאַפּ וואָס געווירקט, ווייל דאָס פאָלק האָט זיך נאָך דעמאלט אזוי שנעל נישט איבערגענומען מיט דער נייער, קריסטלעכער רעליגיע. עס האָבן נאָך טיף געשטעקט די אלטע מנהגים פון דעם געצנדינערישן קולט פון נאטור-כוחות. די קריסטלעכע פרינציפן זענען נישט אזוי שנעל אריין אינעם בלוט פון פאָלק, אַפילו פון זיין העכערן פעאָדאַלן שיכט. דער קלער האָט געמוזט אָנקומען צו שווערע שטראָפן פאר עובר זיין אויף די פאָרשריפטן פון קריסטלעכן גלויבן. למשל פאר עסן פלייש בעת א תענית („פאָסט") פלעגט מען שטראָפן מיט אויסרייסן די ציין.

אזוי ארום האָט דער גיפט פון דער אנטי-יידישער אגיטאציע, וואָס איז געקומען פון דער פויפסטלעכער רעזידענץ, נאָך נישט געקאָנט אזוי לייכט פארסמען די הערצער און מוחות פון פאָלק. צו די יידן האָט מען קיין שנאה נישט געשפירט. זיי האָבן זיך אין לאנד, אין אלגעמיין גענומען, גוט געפילט. אַ גרויסער טייל פון די יידן איז געווען טרעגער פון העכערע מאטעריעלע און קולטורעלע ווערטן.

קאַפּיטל פינף

# די ערשטע יידישע ישובים אין שלעזיע

ענג פאַרבונדן מיטן געשיכטלעכן גאַנג פון פוילן, האָט זיך איינעם באַהאַנדלטן פעריאָד אַנטוויקלט דער היסטאָרישער פּראָצעס פון שלעזיע, וואָס איז געווען איינער פון די געביטן, אין וועלכע עס איז אויפגעקומען די יונגע פוילישע מלוכהשאַפט. שלעזיע טרעט אויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע ווי א דורכווים פויליש לאַנד. דער פוילישער כאַראַקטער פון שלעזיע האָט בולט און פעסט אָנגעהאַלטן סיי אין דער צייט, ווען זי איז געווען א באַשטאַנדטייל פון דער גאַנצער, פאַראייניקטער פוילישער מדינה, סיי בשעת זי איז זיך צעפאַלן אין א ריי באַזונדערע פירשטנטומס. אפילו נאָך דעם, ווי קאַזשימיעזש III (דער גרויסער) האָט אָפּגעטראָטן דאָס לאַנד צו די לוקסעמבורגן, איז דער רוב בנין ומנין פון דער באַפעלקערונג געווען און נאָך אויף לאַנגע דורות געבליבן פויליש, באַזונדערס דאָס פויערטום און די שטאָטישע פלעבעישע מאַסן.

אין באַהאַנדלטן פעריאָד, און בפרט אין XII־טן י"ה, שטעלט שלעזיע מיט זיך פאָר א פאַרהעלטנישמעסיק גוט פאַרוויִרטשאַפטלעכט לאַנד, וואָס איז — אין היגזיכט פון אזעלכע פּראָדוקציע־צווייגן ווי גרובנס, מילן, שטאָטישע מלאכה־וואַרשטאַטן און אויך אין פרט פון האַנדל — געשטאַנען העכער פון די אַנדערע פוילישע פּראָווינצן. אין XII־טן י"ה האָט אין שלעזיע, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע געגנטן פון פוילן, געבליט די מלאכה און דער מסחר. א גרויסער קוואַל פון עשירות פאַר די פעאָדאַלן און רייכע פאַטריציִער אין שלעזיע האָט געשטאַמט פון דער עקספּלאָאַטאַציע, שוין אין XII־טן י"ה, פון גאָלד־ און זילבער־גרובנס (אין דער געגנט פון ביטאָם, זלאָטאָריע, לווועק, מיקאָלאַיאָוויעץ, כאָזשוו א. א.). די צאָל פון שטעט האָט אין יענעם יאָרהונדערט אין שלעזיע באַטראָפן 66 — פאַר=

העלטנישמעסיק זייער א הויכער ציפער. דער שטאָט־שטאַנד איז געשטאַנען נישט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש העכער ווי אין די אַנדערע פּוי־לישע פּראָווינצן. די שטאָטישע באַפעלקערונג אין שלעזיע האָט געהאַט א שטאַרקערע זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווי אין אַנדערע געגנטן פון פּוילן. אין די הויך־אַנטוויקלטע שטעט איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער קלאַסן־קאַמף.

די גרעסטע און צומערסטן אַנטוויקלטע פון אַלע שטעט איז געווען וראָצלאַוו, וועגן וועלכן דער אַראַבישער געאָגראַף עדריסי האָט אין יאָר 1154 געשריבן אָט וואָס: „דאָס איז אַ באַרימטע רעזידענץ און אַ שטאַרקער צענטער, אין וועלכן עס זענען געזאַמלט אוצרות פון אַנדערע לענדער. די שטאָט ווערט הויך געשעצט, ווייל עס ווינען דאָרטן געלערנטע אין וויסנ־שאַפט און רעליגיע".

אין XII־טן י"ה ציילט וראָצלאַוו ארום 17 טויזנט איינוווינער, א צי־פער, וועלכע עס האָט אין יענער צייט נאָך נישט דערגרייכט קיין שום אנדערע פּוילישע שטאָט.

וראָצלאַוו איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע צענטערן פון פעאָדאַ־ליזאַציע. דאָס איז געווען דאָס זיץ־אָרט סיי פונעם וועלטלעכן פעאָדאַלן הויפּט־האַר, דעם פירשט, סיי פון דעם קירכלעכן — דעם ביסקופ.

שטאַרקע צענטערן פון פעאָדאַליזאַציע זענען אויך געווען די שטעט שווידניץ, ליגניץ, ביטאָם, אָפּאָלע א. א.

יידן האָבן שוין דעמאָלט געלעבט אין שלעזיע פון זייער לאַנג. אין באַ־האַנדלטן פעריאָד מאַכט דער יידישער ישוב אין שלעזיע אדורך א שטאַרקע אַנטוויקלונג פּאָרויס. דער היסטאָריקער פון די שלעזישע יידן לודוויג עלסנער (סוף XIX י"ה) שרייבט וועגן דער טיפער, דורותדיקער פאַר־וואָרצלטקייט פון די יידן איןביידע שלעזיעס, אין נידער־ און אויבער־שלעזיע, אָט וואָס:

„לאַנג, איידער די דייטשישע קאָלאָניסטן זענען אָנגעפלאָסן קיין שלע־זיע און דאָ געוואָרן שטופנווייז ערד־אייגנטימער, האָבן שוין געלעבט אין אָט דעם נאָך דורך און דורך סלאַווישן לאַנד — יידן, וועלכע האָבן דאָרטן פּאַרמאָגט ערד־גיטער און זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט".

א צווייטער היסטאָריקער פון די יידן אין שלעזיע, בראַן, שרייבט:

„די שלעזישע יידן זענען (דעמאָלט) געווען ערד־אַרבעטער און אייגנ־טימער פון ערד־גיטער; אויף דער פראַגע, צי ביז דעם מאָנגאָלישן אָנפאַל האָבן זיי געפירט א וועלכן נישט איז מסחר, איז שווער צו ענטפערן אויפן סמך פון די מקורים".

די שלעזישע יידן האָבן געוווינט אין שטעט און דערפער. געננוי פון ווען די יידן האָבן געלעבט אין שלעזיע, איז שווער פעסטצושטעלן. יידן פון שלע־זישע דערפער ווערן דערמאָנט אין דאָקומענטן פון די יאָרן 1150 און 1250. די ערשטע דאָקומענטירטע ידיעות וועגן א יידישן ישוב אין בונצלאו שטאַ־מען פון יאָר 1190, אין וורצלאַוו — פון יאָר 1200, אין בימאָם — פון יאָר 1227, אין גלאָגוו — פון יאָר 1228. דאָס הייסט נישט, אַז ערשט דעמלט האָבן זיך די יידן באַוויזן אין די דאָזיקע שטעט. געוויס האָבן זיי שוין דאָ געוווינט פון לאַנג. אין שווידניץ, ליגניץ, דזשערזשאָניוו און אנדערע שטעט האָבן די יידן געלעבט שוין פריער. אין XIII־טן י״ה איז געווען א יידישער קיבוץ אויך אין לוווועק.

אין וורצלאַוו איז א יידישער ישוב געווען שוין אין XII־טן י״ה און אפשר פריער. אָנהייב דעם XIII־טן י״ה האָבן שוין די וורצלאַווער יידן אַן אייגענעם בית־עולם. אין יאָר 1917 האָט מען אין וורצלאַוו געפונען א מצבה פון א ייד דוד בן שר־שלום, מיט דער דאַטע פון יאָר 1203. עס זענען געפונען געוואָרן יידישע מצבות פון יאָר 1270 אין שווידניץ, פון 1280 — אין גלאָגוו, פון 1281 — אין אָפּאָלע, פון 1285 — אין מינסטער־בערג, פון יאָר 1301 — אין ליגניץ.

לויט אַלע שפּורן און סמנים איז די אומגאַנג־שפּראַך פון די שלעזישע יידן געווען סלאַוויש (פּויליש און טשעכיש).

די שלעזישע יידן האָבן אין XI—XIII־טן י״ה געבילדעט אַ באַ־שטאַנדטייל פון דעם יידיש־פּוילישן ישוב. היות שלעזיע איז געווען א באַ־זונדערס באַלעבטער טראַנזיט־געביט פאַרן צווישנלענדישן האַנדל צווישן דייטשלאַנד, טשעכיע און פּוילן, האָבן די קולטור־השפּעות פון די דייטשישע און טשעכישע יידן ביים אָרטיקן יידישן ישוב אויך געמוזט זיין גענוג באַדייטנדיק.

דער אָפּשטאַם פון די שלעזישע יידן איז גענויער נישט באַקאַנט. מען קאָן אָננעמען, אז זיי האָבן געשטאַמט פונקט ווי די יידן פון דרום־פּוילן און פון טשעכיע -- ס'רוב פון מזרח און צום טייל פון מערב.

נאָכן ערשטן קרייצצוג איז די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שלעזיע געשטיגן. דאַקעגן נאָכן צווייטן קרייצצוג איז זי וואַרשיינלעך געפאַלן — לטובת דער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אנדערע פּוילישע פּראָווינצן.

די שלעזישע פּעאָדאַלע האַרן האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון

אזאַווירטשאַפטלעך־אַקטיוון עלעמענט, ווי די יידן, פאַר דער אַנטוויקלונג פון די שטעט, פון מלאכה און האַנדל. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז די שלעזישע פירשטן מאַכן נישט קיין אונטערשיד צווישן יידישע און נישט־יידישע סוחרים ביים געמען גרענעץ־צאָלן. דערמיט ווילן זיי, ווייזט אויס, אויסמיידן, אז די יידישע סוחרים זאָלן ווערן אַנטמוטיקט ביים פירן זייער ווירטשאַפטלעכע מעטיקייט. אָט האָט למשל דער פירשט פון אָפּאָלע קאַזשימיעזש ארויסגעגעבן אין יאָר 1226 א באַשטימונג וועגן די גרענעץ־צאָלן פאַר סחורות, וועלכע ווערן געפירט הורך שלעזיע; אין דער באַשטימונג לייענט מען אָט וואָס:

„פרעמדע רייטער אָדער פוסגייער מיט סחורות צאָלן, פון וואַנען זיי זאָלן נישט קומען און אומאָפּהענגיק פון מין, סיי קריסטן, סיי יידן, צוויי אָבּאָלער גראָשן. דאַקעגן אָרטיקע רייזנדיקע צאָלן גאָרנישט. דאָס זעלבע איז שייך רייטער און פוסגייער, קריסטן און יידן אין סיעוויערזש“.

אין דעם זעלביקן יאָר 1226 גיט דער ווראָצלאַווער ביסקופ וואַווזשי־ניעץ (לאָרענץ) די יידן, וואָס ברענגען סחורות פון משעביע און פירן זיי קיין קויאַוויע (פוילן), די זעלביקע צאָל־רעכט ווי די קריסטלעכע סוחרים. דערביי איז אָבער פאַראַן איין אונטערשייד. דער ביסקופ גיט צו, אז אויב די יידן וועלן אריבערגיין די גרענעץ אָן סחורות, וועלן זיי מוזן צאָלן „פון זייערע אייגענע קערפּערס פונקט ווי זיי וואָלטן אליין געווען סחורות“. דאָס איז חל נאָר אויף יידן, אויף קריסטן — נישט.

נישט געקוקט אויף אזעלכע קליינע באַשוערונגען, וואָס זייער מחבר איז, ווי מיר זעען, געווען א ביסקופ, איז די לאַגע פון די יידן אין שלעזיע אין באַהאַנדלטן פעריאָד געווען פאַרהעלטענישמעסיק א גוטע. דאָס ווערט פאַרשטענדלעך אויפן פאָן פון דעם אלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן אויפ־שטייג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם ערשטן, באַרג־ארויפיקן פעריאָד פונעם פעאָדאַליזם אין שלעזיע. די דאָרטיקע יידן זענען געווען טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן: לאַנדווירטשאַפט, מלאכה, מסחר און קאָמוניקאַציע. זיי האָבן געקאָנט פריי זיך אויסלעבן רעליגיעז. אין ווראָצלאַוו און שווידניץ, און מסתמא אויך אין אַנדערע שטעט, זענען געווען בתי כנסת, ארום וועלכע עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס געזעל־שאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון די יידן. עס איז קלאָר, אז צווישן די אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן פון דער יידישער געזעלשאַפט, צווישן די רייכע ערד־באַזיצער און קליינע ערד־ארבעטער, צווישן די גרויסע סוחרים און די וויניק־באַמיטלטע בעלי מלאכות איז דער פאַרמעגנס־שער געווען גרויס, און

דאָס איז זיכער געווען אַ באַדן פאַר אינערלעכע קאָנפליקטן פון סאָציאַלן כאַראַקטער, הגם קיין דאָקומענטן וועגן דעם האָבן מיר נישט.

אָנהייב דעם XIII י"ה האָבן זיך די הימלען איבערן יידישן ישוב אין וורעצלאַוו פאַרוואָלקנט. אין יאָר 1319 זענען געקומען די ערשטע רדיפות אויף די דאָרטיקע יידן. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן א ריזיקע שריפה, וועלכע האָט געלאָזט מיטן רויך דעם גרעסטן טייל שטאָט און האָט צווישן אַנדערע פאַרצוקט אויך יידישע הייזער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ד' יידן האָבן אויך געליטן, האָט א טייל פונעם קאַטוילישן קלער געשפּרייט צווישן די קריסטלעכע איינוווינער פאַרדאַכטן קעגן די יידן, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט. די יידן זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון וורעצלאַוו. דאָס איז געווען דער ערשטער גירוש אין דער געשיכטע פון ד' וורעצלאַווער יידן.

דער דאָזיקער גירוש איז נישט געווען קיין אומגעריכט געשעעניש. ער איז געווען א רעזולטאַט פון דער קרייצצוג-אַגיטאַציע, וועלכע עס האָט אין דעם דאָזיקן יאָר געפירט דער דייטשישער בּיסקופּ כריסטיאַנס. פּונקט ווי מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, בעת דעם ערשטן קרייצצוג, אַזוי האָט אויך איצט דער פאַנאַטישער קאַטוילישער קלער גערופן אומצובריינגען אויך דעם „אינערלעכן שונא", די, וואָס האָבן „געקרייציקט קריסטוסן". היות אין דעם וורעצלאַווער פּאַטריציאַט איז שוין דעמלט דער פּראָצענט פון אריינגעפאָרענע דייטשן געווען גענוג גרויס, און דער דאָזיקער פּאַטריציאַט האָט אין די יידישע סוחרים געזען אן ערנסטן קאָנקורענט, האָט ער אויסגענוצט די לאַגע און דורכגעפירט דעם גירוש פון די יידן, פּטור ווערנ-דיק אַזוי ארום פון דער קאָנקורענץ. אַזוי אַרום זענען די יידן, די עלטערע תושבים ווי די דייטשן אין דער שטאָט, אַרויסגעשטויסן און פאַרטריבן געוואָרן דורך די ניי-אָנגעקומענע דייטשישע סוחרים.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די יידישע סוחרים, פּונקט ווי דאָס גאַנצע פּוילישע סוחרטום, זענען געווען פאַראינטערעסירט אין אן איינהייטלעכער פּוילישער מלוכה, ווייל נאָר אין א מלוכהש-פאַראייניקטער טעריטאָריע, אָן אינערלעכע גרענעצן און צאָל-באַריערעס, האָבן זיי זיך געקאָנט פריי באַ-וועגן און נישט געמוזט אָפּצאָלן שטייערן יעדן פעאָדאַל באַזונדער. אָבער פון דער צווייטער זייט איז אין געוויסע פאַלן די צעשפּליטערטקייט פון לאַנד אויף באַזונדערע זעלבשטענדיקע פירשטנטומס געווען א רעטונג פאַר די יידן, וואָס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון א באַשטימטער פּראָווינץ; זיי האָבן, נעמלעך, געקאָנט ווערן אריינגעלאָזט אין א צווייטער פּראָווינץ, ווו

דער גירוש איז נישט געווען הל. אַזוי איז אויך געווען אין יאָר 1219 אין שלעזיע. די יידן, וואָס זענען פארטריבן געוואָרן פון ווראָצלאוו, ווו די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָנגעפירט דורך דעם דייטשישן פּאַטריציאַט, און די השפעות פונעם קאַטוילישן קלער זענען געווען נישט שוואַכער פין דער מאַכט פונעם פירשט, זענען איינגעלאדן געוואָרן אין א צווייטער שלעזישער פראָווינץ, אין דער גראפשאפט פון שווידניץ. דאָס איז געווען א צייט, ווען די פעאָדאַלן פון שווידניץ און אומגעגנט האָבן פאָרסירט די אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, וועלכע איז תחילת דעם XIII י"ה געווען א קלייגער ישוב, כדי זי צו פארוואנדלען אין א צענטער פון האנדל און מלאכה. אדאנק דעם צופלוס פון די ווראָצלאַווער יידן אין יאָר 1219 האָט שווידניץ געגומען שנעל וואקסן סיי אין זין פון צוגעקומענע, ניי־אויפגעבויטע ווין־ראַיאָנען, סיי אין היגזיכט פון מסחר און מלאכה.

אין א צייט אַרום זענען יידן צוריק ארייגגעלאָזט געוואָרן קיין ווראָצלאַוו, וועלכער האָט ווייטער דורכגעמאכט א ווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג, און עס זענען בייטיק געווען נייע כוחות אין דעם פראָצעס פון דעם אויפשטייג פון דער סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט.

פון אַלע שלעזישע שטעט איז פונדעסטוועגן ווראָצלאוו ווייטער געבליבן דער סאמע אומרואיקסטער און נישט־זיכערסטער געביט פאר דער יידישער באַפעלקערונג.

## קאַפּיטל זעקס

# די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע סטרוקטור פון דעם יידישן ישוב אין פּוילן ביז דער העלפט פון XIII י"ה

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו באַטראַכטן די פּראָפעסיאָנעל-ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע סטרוקטור פון דעם יידישן ישוב אין פּוילן פון זיין היסטאָרישן באַגין ביז דעם סוף פון דרייסיקער יאָרן פון XIII י"ה (ביז דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן), וועלן מיר פּרוּוון לשם פאַרגלייך צו שילדערן אין זייער קורצע שטריכן די סטרוקטור פון די יידן אין דעם שכנותדיקן מערב-לאַנד, אין דייטשלאַנד. דער דאָזיקער פאַרגלייך וועט אונדז העלפן בולטער ארויסצוברענגען און צו אקצענטירן די אַנדערשקייט פון דער סטרוקטור פון די דעמלטיקע פּוילישע יידן. דער פאַרגלייך וועט אויך העלפן צו דערוויזן דעם אונטערשייד, אין הינזיכט פון פאָרמירונג און ענדערונג פון דער ווירטשאַפטלעך-סאָציאַלער סטרוקטור ביי יידן, צווישן באַשווערנדיקע באַדינגונגען אין אַ לאַנד, וווּ דער פעאָדאַליזיר-פּראָצעס האָט זיך פאַרענדיקט, ווו עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טיפע אינערלעכע קריזיסן און עס האָבן זיך פארשאַרפט די אינערלעכע קלאַסן-קאָנפליקטן, און צווישן די באַגינסטיקנדיקע אומשטענדן אין אַ לאַנד, אין וועלכן דער פאָרויסגייענדיקער פעאָדאַליזיר-פּראָצעס איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען און צוזאַמען מיט דעם איז אָנגעגאַנגען אן אויפשטייג פון די פּראָדוקטיווע כוחות און דער אָנוווקס פון די עלעמענטן פון דער סחורה- און געלט-ווירטשאַפט.

דער טיפער קריזיס אינעם דייטשישן פעאָדאַליזם, וואָס איינער פון זיינע סימנים איז געווען די אויפטרייסלונג אין שייכות מיט די ערשטע קרייצצוגן, האָט ארויסגערופן ערנסטע ענדערונגען פון נעגאטיוון כאַראַקטער אין דער פּראָפעסיאָנעל-ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידן אין דייטש-

לאַנד, וועלכע זענען מחמת דעם געוואָרן אָפּגעריסן פון זייערע פריערדיקע פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען. דאָס איז געווען א רעזולטאַט נישט בלויז פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס, נאָר נאָך מער אַ פועל יוצא פון אן אויסער־עקאָנאָמישן צוואַנג, פון דער פּאָליטיק פון די שפּיצן פונעם קריסטלעכן שטאָט־שטאַנד און פון קאַטוילישן קלער. די דייטשישע יידן האָבן זיך גע־קלאַמערט אין די אַלטע פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, אָבער זיי זענען שטופנווייז פון זיי געוואָרן אַרויסגעשטויסן.

ביזן XII י"ה זענען די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די יידן אין דייטש־לאַנד געווען: לאַנדווירטשאַפט, וויין־גערטנעריי, מלאכה, אויסערלעכער און אינערלעכער מסחר. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — אויפן סמך פון דער פּריווי־לעגיע פון דעם קייזער הייגריך IV, פון יאָר 1090, — אַז וווכער איז נאָך דעמלט נישט געווען קיין באַשעפטיקונג ביי די יידן אין דייטשלאַנד.

אַפילו ביזן XIII י"ה פאַרמאָגן נאָך די דייטשישע יידן ביי די טויערן פון די שטעט אייגענע אַקער־פעלדער און וויין־גערטנער.

פון דעם אָנהייב פון XII י"ה ביז סוף אין XIII י"ה אריין גייט אָן אַ פּראָצעס פון ארויסשטויסן די יידן פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון דער מלאכה און פונעם האנדל. די דאָזיקע ארויסשטויס־פּאָליטיק פירט דער דייטשיש־קאַטוילישער קלער, אַ טייל דייטשישע פעאָדאַלן, דער דייטשישער כוהרישער פּאַטריציאַט און אויך די שטאָטישע צער־מייסטערס. די לעצטע צוויי עלעמענטן, אָרגאַניזירט אין פעסטע, געשלאָסענע קאָרפּאָראַציעס, אין גילדיעס און צעכן, זענען בכוח צו פארשמעלערן אַלץ מער דעם פאַרנעם פון יידישן האנדל און מלאכה; דערביי נוצן זיי גאַנץ געשיקט אויס דעם רעליגיעזן מאָמענט. די יידישע מלאכה ווערט ארויסגעשטויסן פון ברייטערן מארק און אריינגעשטופּט אין די ענגע ד' אמות פון די יענע פאַכן פון קליי־נעם פארנעם, וועלכע זענען פארבונדן מיטן יידישן ריטואַל און זענען אויס־געשטעלט בלויז אויפן יידישן קונד (שניידעריי — מחמת שעטנז, פליישע־ריי — מחמת כשרות וכדומה).

די גרעסטע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אין דייטשלאַנד אַראָפּגעלאָזט אויף די יידישע לאַנדווירטן. זייער גרעסטער און סאמע פארביסענער שונא איז געווען די קירך, וועלכע דערקלערט אַ פאַרטיליקונגס־קאַמף דעם יידישן ערד־באַזיץ, אַזוי דעם קליינעם ווי דעם גרויסן.

די יידישע פּויערים ראַנגלען זיך, לאָזן זיך נישט אַרויסשטויסן. די ערנסטערע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער פאַרשטייען די סכנה. אין דער ערשטער העלפט פון XIII י"ה שרייבט דער רעליגיעזער אויטאָריטעט

ר' יהודה פון רעגענסבורג, אַז יידן זאָלן זיך נישט פאַרנעמען מיט ליכווע, כל זמן מען קאָן נאָך האָבן פרנסה פון ערד־ארבעט. אָבער אין דער דאָזיקער צייט איז דאָס שוין געווען דער לעצטער אויפבליץ פון יידישן ערד־באַזיץ אין דייטשלאַנד, וואָרעם שוין מיט א לאנגער צייט פריער, אין דער צווייטער העלפט פון XII י"ה, האָט אן אנדער אויטאָריטעט, ר' אליעזר בן נתן פון מייניץ, געשריבן, אז יידן ווערן געצוווּנגען זיך צו פארנעמען מיט ווּכער, ווייל — „אין אונדזערע צייטן האָבן די יידן נישט מער קיין פעלדער אָדער וויינגערטנער, פון וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט ציען חיונה". עס איז אָבער כדאי צוצוגעבן, אז נאָך אין XIV י"ה פאַרמאָגן געוויסע יידן אין מערב־דייטשלאַנד דאָ און דאָרטן וויינגערטנער און ארבעטן אויף זיי, אָבער דאָס זענען שוין ספּאָראַדישע פאלן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין דעם ריין־געביט, ווו עס איז געלעגן מייניץ, איז די עקאָנאָמישע אויפטרייסלונג ביי די יידן פאָרגעקומען פריער, אין רעזולטאַט פון די בלוטיקע געשעענישן פונעם ערשטן קרייצצוג, איידער אין דער געגנט פון רעגענסבורג.

דער יידישער האַנדל אין דייטשלאַנד, באַקעמפט און באַגרענעצט דורך די קריסטלעכע גילדיעס, איז ארייגעשטופּט געוואָרן אין א קריפּל־פאָרם פון האַנדל מיט שמאַטעס און אַלטע בגדים. אין די מזרח־געגנטן פון דייטש־לאַנד האָבן די יידישע סוחרים זיך נאָך געקלאמערט אין זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס, וועלכע זענען אָבער געוואָרן אַלץ מער ארונטערגעשוואַנקט.

די רייכערע יידישע סוחרים, ארויסגעשטויסענע פונעם האנדל, האָבן אָנגעהויבן ארייגלייגן זייערע אָנגעזאמלטע קאפּיטאַלן אַלץ מער אין קרעדיט־אָפּעראַציעס, אין וועלכע — פון דער צווייטער זייט — דאָס לאַנד, בעיקר די פעאָדאַלן, האָבן זיך געניטיקט. די קליינע יידישע ערד־באזיצער, נאָכן פאַרקויפן זייערע נחלות און נישט האָבנדיק קיין אנדערע מעגלעכקייטן (ווייל די יידישע מלאכה ווערט אַלץ מער און מער באַשרענקט), וואַרפן זיך באין ברירה אויפן קליין־קרעדיט, אויפן ווּכער, האָבנדיק צו טאָן נישט ווי ד גרויסע יידישע קרעדיטאָרן מיט די גרויסע הארן, נאָר ס'רוב מיט קריסט־לעכע האַנטווערקערישע קליין־פּראָדוצירער און וויניק־באַמיטלטע רימער. אויף דעם באָדן קומט אויף צווישן אָט די צוויי קריסטלעכע שיכטן א שנאה צו די יידן ווּכערער, און די שנאה ווערט אָפט אריבערגעטראָגן אויפן יידישן כלל.

אָבער אויך דאָ איז נייטיק צו באַמערקן, אז די מיינונג, אז אין דייטש־לאַנד (און פראנקרייך) איז אין יענער צייט דער ווּכער געלעגן אויסשליס־

לעך אין יידישע הענט, איז אַן אויסטראכטעניש. פּאַראַלעל מיט די יידישע וווכערער אַנטוויקלען א ברייטע ווכער-טעטיקייט אויך קריסטן, דייטשן און פראַנצויזן. דער קריסטלעכער מחבר בערנאַר דע קלערוואָ האָט אין יאָר 1146 געשריבן, אז די קריסטלעכע וווכערער טרייבן א פיל ערגערע ליכווע ווי די יידישע.

צוליב די אויבן אָנגעמערקטע סיבות קומט אריין, אין משך פון XII און אָנהייב פון XIII י"ה, א טיפע ענדערונג אין דער פּראָפעסיאָנעל-ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידן אין דייטשלאַנד. פון א באַפעלקערונג פון לאנדווירטן, בעלי-מלאכות, סוחרים, זענען זיי פאַרוואנדלט געוואָרן אין א מאסע פון אלטוואַרג-הענדלער און קליינע וווכערער מיט א קליינעם פּראָצענט באַשרענקטע אין זייער טעטיקייט און פארנעם דלותדיקע בעלי-מלאכות.

די מער שטאַרקע אין הינזיכט פון קאַפּיטאַל-אייגנטום, אויבערשטע דינע שיכטן פון די דייטשישע יידן זענען ס׳רוב פון וועלט-סוחרים געוואָרן גרויסע ליכווע-לייט, מיט זייער א קליינעם פּראָצענט פון אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס פאַרבונדן מיט מסחר.

די פּראָדוקטיווע עלעמענטן פון דעם יידישן ישוב און דייטשלאנד זענען געוואָרן אַלץ מער איינגעדאַרט. די עקאָנאָמישע פונקציע פון די יידן אין לאַנד ווערט אַלץ מער פאַרקריפּלט און איזאָלירט. די יידישע מלאכה און דער יידישער מסחר ווערן געצוואונגען אַלץ זעלטענער און ווייניקער צו באַדינען דעם ברייטערן מארק. דאָס דערפירט צו אַן איזאָלירונג פונעם גרעסטן טייל יידן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די קאָנטאַקטן צווישן יידן און קריסטן ווערן — מחמת דעם וווכער — אויס קאָנטאַקטן פון אויסטויש און מלאכהשער באַציונג, נאָר זיי נעמען אָן די פאָרם פון באַציונגען צווישן אַ יידישן וווכער-אויסנוצער און א קריסטלעכן אויסגענוצטן, וואָס דאַרף צאָלן פּראָצענט. אזא מין באַציונג קאָן נישט טראָגן קיין פריינדשאַפטכאַראַקטער, ווי למשל אַ באַציונג צווישן א בעל-מלאכה און א קונה, אָדער אַ סוחר, וואָס פירט אַריין וויכטיקע אַרטיקלען, און זיין אָפּנעמער.

אויפן פאָן פון אָט די ענדערונגען אין א נעגאַטיווער ריכטונג וועט ווערן פארשטענדלעך די גייסטיקע ירידה פון די דייטשישע יידן ביים סוף פון באַהאַנדלטן פּעריאָד. די אויבערהאַנט באַקומען אַלץ מער די רעליגיעזפאַנאַטישע עלעמענטן. דער פאַרשערישער געדאנק ביי די דאָרטיקע יידן ווערט טאָרמאָזירט אויף לאנגע צייטן. אין א באדייטנדיקער מאָס האָבן דערצו געווירקט די כסדרדיקע רדיפות און אין אָנהייב פון שפּעטערדיקן פּעריאָד — די אָפטע גירושים.

צוזאמען דערמיט פאַלט אויך דער קאַמפּס־גייסט פון די דייטשישע ייִדן. אין מיטן פון XIII י״ה זענען נאָך די ייִדן פון די דייטשישע שטעט מחויב אָנטיילצונעמען אין די פּאַרטיציפּיר־אַרבעטן און אין דער באַוואַכונג פון די שטעט קעגן עווענטועלע אָנפאַלן פון דרויסן; די ייִדן באַקומען אַפילו צוגעטיילט געוויסע שטאָטישע טורעמס צו פאַרטיידיקן (רעגענסבורג, שטראַסבורג); אין יאָר 1252 פאַרטיידיקן די ייִדן פון קעלן מיט געווער אי, האַנט די שטאָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג. דאָ און דאָרט טרעפט מען נאָך ייִדן אין דער וואַך פון א פעאָדאַלן האַר (למשל 500 באַוואָפנטע ייִדן אין דער וואַך פונעם ערצבישאָף פון מיינץ, די טווינגטער ייד אין דער אַרמיי פון דייטשישן קייזער אַדאָלף). אַפילו אין דער קריסטלעך־דייטשישער גראַפיק פון דער ערשטער העלפט פון XIII י״ה געפינט מען צייכענונגען פון באַוואָפנטע ייִדן. אין דעם היידעלבערגער „זאַקסענשפּיגל“ ווערן געוויזן באַוואָפנטע ייִדן (אין יאָר 1220). אַפילו די רבנים האָבן אין יענעם פעריאָד פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון קענען זיך באַגיין מיט געווער. אין יאָר 1201 האָט דער רב פון וואָרמייזאָ (וואָרמס) געגעבן די ייִדן פון זיין קהלה אַ רשות צו טראָגן געווער אום שבת, בעת די שטאָט איז געווען באַלאַגערט. אָבער וואָס נענטער צום סוף פון XIII י״ה ווערט אַלץ זעלטענער די דאָזיקע דערשיינונג. אָפּגעריסן פון ערד־אַרבעט, איזאָלירט ביצוואַנג ווירטשאַפטלעך און געזעלשאַפטלעך פון אַרום, פאַרלירן די דייטשישע ייִדן שטופנווייז אויך זייער קאַמפּס־גייסט און פאַלן אַלץ מער אַריין אין א שטימונג פון יאוש און פון רעליגיעזער דבקות.

אינגאַנצן אַנדערש שטעלט זיך פאַר אינעם זעלביקן פעריאָד די פּראָפעסיאָנעל־ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור, די עקאָנאָמישע פונקציע און די געזעלשאַפטלעכע שטעלונג פון די ייִדן אין פּוילן.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די ייִדן אין פּוילן, אין דעם פעריאָד פון X ביז דער העלפט פון XIII י״ה זענען געווען: לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און מסחר און די באַדינונגס־ און געהילף־פּראָפעסיעס, וואָס זענען מיט מסחר פאַרבונדן (למשל: טראַנספּאָרט).

הגם עס עקזיסטירן זייער ווייניק דאָקומענטן וועגן ייִדישער לאַנדווירטשאַפט אין פּוילן אין יענעם קרוב 300־יאָריקן פעריאָד, זענען אָבער פאַראַן אַנדערע באַווייזן, אומדירעקטע, וועלכע באַשטעטיקן, אז איינער פון די עמלטיקע גרונטיקע הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די פּוילישע ייִדן איז געווען ערד־אַרבעט, און אז ערד־באַזיין איז געווען ביי זיי א ברייטע דערשיינונג.

די ייִדישע איינוואַנדערונגס־כוואַליע פון כוזרים לאַנד האָט געטראָגן

דער עיקר אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. יידישע דאָרף־ישובים זענען געווען צעשפּרייט איבער קליינפּוילן און גרויספּוילן, בתוכם אין דער צווישן־רער, קראָקעווער, גניעזנער, קאַלישער, קויאַווער און שאַמאָטולער געגנט. אין די פּוילישע געאָגראַפישע ווערטער־ביכער ווערן אונטערן אות „זש“* — אָנגערופן נישט ווייניקער פון 90 מקומות אין פּאַרצייטיקן קרוין־פּוילן (דערפער, בערגלעך, טייכן און אנדערע וואַסערן) מיט נעמען, וועלכע הייסן נאָך יידן; און דאָס איז אַ בפירושער באַווייז, אַז דאָ זענען געווען יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, אָדער זיי האָבן געהערט צו יידן. בלויז אין גרויספּוילן זענען אין דעם פּעריאָד ביזן מיטן XIII י"ה געווען נישט ווייניקער ווי 13 דערפער אָדער וואַסערן מיט אַזעלכע נעמען: זשידאָוואָ, סידאָוואָ, זשידי, זשידאָוו, זשידאָווסקאַ וואָליאַ, זשידאָטיטשע, זשידאָווסקע בלאָטאָ, זשידאָווסקע יעזשאָראָ, זשידאָווסקאַ סטרוגאַ וכדומה. אין קויאַוויע** זענען געווען אַזוינע דאָרפישע מקומות: זשידינעק, זשידווו, זשידאָוויצע, זשידאָווסקיע דזבאַנקי (אפשר איז דאָס געווען אַ ישוב פון יידישע טעפּער). אין קראָקעווער געגנט, נישט ווייט פון יאַסלאָ, זענען געבליבן היסטאָרישע נעמען: זשידאָווסקאַ וויעש (יידיש דאָרף) און זשידאָווסקאַ גוראַ (יידישער באַרג). אין רויט־רוסלאַנד:*** די דערפער זשידאָווטשיק און זשידאָוואָ, און אויך אַ טייכל אונטערן נאָמען זשידאָווסקי פּאָטאָק. אין האַליטשער רייסן**** פיר טייכלעך מיטן נאָמען זשידאָווסקי פּאָטאָק און אַ בערגל — נישט ווייט פונעם טייך סאַן — זשידאָווסקי בעסקיד. אין מזרח־דרומדיקן טייל פון פּוילן זענען פאַרבליבן אַ ריי דאָרפישע נעמען, וואָס דערמאָנען ד כוזרישע קאָלאָניזירונג, למשל: כאַזאַר, קאָזאַר, קאַזאַר, קאָזארי. די איינוואַנדערער פון כוזרים־לאַנד פלעגן פון די אַלט־פּוילישע פירשטן באַקומען ערד אויף קאָלאָניזירונג, און זיי האָבן געשאַפן אַ סך לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. די גרעסטע קאָנצענטראַציעס פון יידישע דאָרפישע ישובים אַנהייב דעם XIII י"ה זענען געווען אין גרויספּוילן, אין דעם מזרח־דרומדיקן טייל פון פּוילן און אין שלעזיע. דאָס איז געווען אַן אייגענער יידישער ערד־באַזיץ (גרויסער און קליינער), אָדער קאָלאָניעס אויף דער ערד פון די פירשטן.

---

* Ż.

** Kujawy.

*** Ruś Czerwona.

**** Ruś Halicka.

די פרווון פון געוויסע יידישע היסטאָריקער צו באַגאַטעליזירן דעם אינהאַלט, וואָס שטעקט הינטער די אָקאָרשט אָנגעוויזענע נעמען, זענען נישט קיין געלונגענע. אין דעמלטיקן פוילן פלעגט מען דערפער אָנרופן אָדער אויפן נאָמען פון זייערע איינוווינער, גרינדער, באַלעבאַטים, אָדער לויט דער באַשעפטיקונג פון זייערע פויערים: למשל, דאָס דאָרף גלעמבאָוויצע אין שלעזיע האָט זיך אָנגערופן לויטן נאָמען פון איינעם פון זיינע ערשטע פויערים — גלאָמב; די נעמען פון אזעלכע דערפער, ווי קוכארי, סאָקאָלניקי וכדומה, האָבן באַטייט לכתחילה די פראָפעסיעס פון געוויסע זייערע איינ־וווינער. עס איז קלאָר, אז קיין שום קריסט וואָלט נישט א נאָמען געגעבן זיין היים־אָרט אָדער אייגנטום — „זשידאָווסקי". שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט פון XIII־טן י"ה, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשישע קאָלאָניזאַציע אין פוילן, זענען אַנטשטאַנען דערפער מיט אַזעלכע נעמען: ניעמצי, ניעמצאָוואָ, ניעמצאָוויזנאַ, ניעמטשין, שוואַבי. די קאָלאָניזאַציע פון וואלאכן אין דרום־פוילן האָט געבראַכט מיט זיך אַזוינע נעמען: וואָלאָכי, וואָלאָכוווקאַ אדגל. פון אָט דעם פאַרגלייך ווערט קלאָר, אַז די יידישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניסטן האָבן זייער אָפט זייערע ישובים אָנגערופן לויט זייער יידישן אָפּשטאַם, און אַז אַזוי האָבן אויך די קריסטלעכע שכנים באַטיטלט די יידישע דערפער און אַנדערע לאַנד־מקומות פון די יידן.

אַ גרויסער פּראָצענט פויערים און ערד־אייגנטימער איז געווען ביי די יידן אין שלעזיע. דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן נישט מיט אומדירעקטע באַ־ווייז, נאָר מיט דירעקטע דאָקומענטן, למשל אַ דאָקומענט פון יאָר 1150, וועגן יידישע לאַנדווירטן אין דאָרף מאַלי טיניעץ (13 קילאָמעטער פון ווראָצ־לאַוו), אַ דאָקומענט פון יאָר 1203 וועגן די יידישע אייגנטימער פונעם דאָרף סאָקאָלניצע ביי ווראָצלאַוו, דוד, יוסף און כאַצקל. יידישע פויערים אין שלע־זיע זענען אַפילו געווען מחוייב צו צאָלן דעם מעשר* פאַרן פויפסט פונקט ווי אַלע קריסטלעכע פויערים. וועגן דעם רעדט זיך אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1227. דאָס איז אַ באַשטימונג פון דעם שלעזישן פירשט הענריק I, אין וועלכן מען לייענט צווישן אַנד. אָט וואָס: „דער פירשט האָט באַשטימט דעם מעשר אין זיינע בורגגראַפשאַפטן, דהיינו אין קראָסנאָ — מעשר צו דריי מאָס פון אַ מאָרג; די פּאָליאַקן דאַרפן צאָלן לויטן ביז־איצטיקן מנהג; אין ביטאָם — דאַרפן די מענטשן פונעם פירשט צאָלן מעשר אין האָניק

---

* Dziesięcina.

אַזוי ווי ביז איצט; די פרייע און די יידן, וואָס אַקערן די ערד אין דער דאָ־זיקער בורגגראַפשאַפט, דאַרפן צאָלן אַ פולן מעשר."*

דער דאָזיקער דאָקומענט האָט זייער אַ וויכטיקן באַטייט, ווייל עס רעדט זיך אין אים וועגן די יידן, וואָס אַקערן די ערד. ובכן האָבן מיר דאָ צו טאָן נישט סתם מיט יידישן ערד־באַזיץ, נאָר מיט בפירושער יידישער ערד־אַרבעט. דער דאָקומענט איז נוגע דער געגנט פון ביטאָם. דעם מעשר דאַרפן די יידישע פויערים צאָלן דעם ביסקופּ אַזוי ווי די קריסט־לעכע פויערים. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נישט געווען בלויז קיין לאָקאַלע דערשיינונג.

אין דעם באַהאַנדלטן פעריאָד איז נאָך נישט געווען דאָס פוילישע פוי־ערטום אינגאַנצן פאַרשקלאַפט און זין פון לייבאייגנטום. צווישן דעם פוי־לישן פויערטום האָט מען דעמלט אונטערשיידט פאַרשידענע קאַטעגאָריעס: פון „צוגעשריבענע צו דער ערד" (אָן פרייהייט־באַוועגונג), דורך קאָלאָנען, און א. ג. געסט, ביז פרייע, וועלכע זענען געזעסן אויף אייגענע נחלות. די יידישע פויערים האָבן ס'רוב געהערט בלי שום ספק צו דער לעצטער קאַ־טעגאָריע — ווי עס דרינגט אַרויס פון דעם אָקאָרשט ציטירטן דאָקומענט פונעם פירשט הענריק I.

ווי געזאָגט, איז אַ טייל יידישע פויערים געזעסן ווי קאָלאָניסטן אויף דער ערד פון די פירשטן. אונטער דער אַגיטאַציע פונעם קאַטוילישן קלער, וועלכער פאַרשטאַרקט זיך אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון XIII־טן י"ה, הייבן אָן די פירשטן אַוועקצוגעבן די ערד־חלקים, אויף וועלכע עס זע־נען געזעסן יידישע קאָלאָניסטן, די קלויסטערס. למשל אין יאָר 1227 האָט דער פירשט הענריק בראָדאַטי (דער בערדיקער) אַוועקגעשענקט אַ ריי דער־פער, וווּ עס זענען געזעסן יידן, דעם קלויסטער פון הייליקן ווינצענטי. נאָך פריער, אינעם יאָר 1213, האָט אַ פירשט אַוועקגעגעבן דאָס דאָרף זשידווו דער פּאַראַפיע פון קעלצער געגנט. אַזוי איז עס אויך געווען אין דייטשלאַנד, ווו די דאָזיקע דערשיינונג הייבט זיך אָן אין XII־טן י"ה. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן לכתחילה אין דייטשלאַנד און דערנאָך אין פוילן דאָס אַרויס־שטויסן די יידן פון ערד. אָבער אין פוילן איז דערווייל דער פּראָצעס אָנ־געגאַנגען פּאַמעלעך. ערשט אין XV־טן י"ה ווערט ער דאָ שאַרפער און מאַסנהאַפטיקער.

---

* Liberi vire et Judei ubicumque in dieta Bytomiensi Castellatura araverint, decimam selvant ex integro.

די צווייטע מאַסן־באַשעפטיקונג ביי די פּוילישע ייִדן איז יענער צייט איז געווען מלאכה. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אינײנעם מיט די מערבֿדיקע ייִדישע וועלט־סוחרים, וועלכע האָבן געשאַפֿן אין פּוילן, קודם כּל אויפֿן דרום, האַנדלס־קאָלאָניעס און פֿאַקטאָריעס, זענען אָנגעקומען אויך ייִדישע בעלי־מלאכות. נאָך מער זענען אָנגעקומען מיט דער איינוואַנדערונגס־כוואַליע פֿון כּוזרים־לאַנד. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין פֿריערדיקן טייל, אַז צווישן די כּוזרישע ייִדן זענען געווען גרויסע צאָלן גאַרבער, וועבער און טעפּער. צווישן די כּוזריש־ביזאַנטישע ייִדן זענען געווען בעלי־מלאכות ספּעציאַליסטן פֿון זייד־וועבעריי, גלאָז־אויסאַרבעטונגען, גאָלדשמידן. צווישן די שלעזישע ייִדן האָבן זיך געפֿונען באַדייטנדיקע צאָלן קירזשנער, וועבער, מעש־באַאַרבע־טער, טעפּער, מויערער, בויער, קצבים, בעקער, שניידער. די ייִדישע בעלי־מלאכות האָבן באַדינט נישט בלויז די ייִדישע קהלות, וועלכע האָבן זיך צו־ליב רעליגיעזע טעמים געניטיקט אין ייִדישע שניידער (צוליב שעטנז) קצבים (כּשר פֿלייש), וויין־קוועטשער, בעקער וכדומה. ייִדישע בעלי מלא־כות האָבן באַדינט אויך די פּעאָדאַלן. זיי פֿלעגן זיך באַזעצן אין די באַצירקן אַרום דעם פֿירשטס פֿעסטונג צוגלייך מיט די קריסטלעכע האַנטווערקער. זיי אַרבעטן שוין אויך פֿאַרן סוחר, פֿאַר די ערשטע מערק. די ישובֿים, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך די כּוזרישע ייִדן, האָבן בכלל ס'רובֿ געטראָגן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעך־בעלי־מלאכהשן כאַראַקטער. דער ייִדישער סבֿיבֿה איז אויך נישט פֿרעמד געווען אַזאַ אַלגעמיין לאַנד־דערשייַנונג, ווי דאָס געמיינזאַמקייט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט מיט מלאכה.

סיי אויפֿן געביט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, סיי אין דער מלאכה האָבן די ייִדן אַרייַנגעבראַכט אין לאַנד אַ סך נייעס. געוויסע פֿאַרשער האַלטן, למשל, אַז די כּוזרישע ייִדן האָבן אַרייַנגעפֿירט אין פּוילן אַ הויכע סעדעריי־ און גערטנערייַ־קולטור. וועגן אַזעלכע ספּעציאַליסטן, ווי זייד־וועבעריי, גלאָז־אויסאַרבעטערייַ, הויכער קוואַליטעט פֿון קירזשנערייַ און ענלעכע, האָבן מיר שוין גערעדט.

גאָר גרויס זענען געווען די פֿאַרדינסטן פֿון דעם ייִדישן האַנדל פֿאַרן פּוילישן לאַנד, וואָס האָט נאָך געשטעקט טיף אין אַלטע פֿאָרמען פֿון נאַטירלעכן אויסטויש.

לכתּחילה, אין IX־טן און נאָך אויך אָנהייב X־טן י"ה האָבן די ייִדישע סוחרים פֿון מערבֿ און מזרח, וואָס פֿלעגן קומען קיין פּוילן, געפֿירט, ווילנ־ווילנדיק נישט ווילנדיק, מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג אַ האַנדל אויפֿן סמך פֿון אויסטויש; למשל: געווער אויף פֿעל. מיט דער צייט איז געוואָרן

איינגעפירט אין לאַנד — גישט אָן דער מיטווירקונג פון די יידישע סוחרים — אַ טויש־מיטל; דאָס זענען אין דער ערשטער צייט געווען שטיקלעך ליין אָדער קליינע פעלעכלעך. אין XI־טן י"ה האָבן די יידישע סוחרים אַריינגעפירט אַ נייעם באַצאָל־מיטל, וואָס איז שוין געווען נאָענטער צו געלט — און געמלעך: פאַרשידענע קליינע גאָלד־צירונגען, למשל רינגלעך, קייטעלעך וכדומה. היות דער הויפט־אָפּנעמער פון די גרויסע יידישע וועלט־סוחרים איז אין פוילן געווען דער פעאָדאַלער שיכט, איז דער דאָזיקער באַצאָל־מיטל געוואָרן שנעל אָנגענומען. מיט דער צייט ווערט דער דאָזיקער באַצאָל־מיטל פאַרטוישט אויף מטבעות. צו ערשט זענען דאָס געווען אויסלענדישע מטבעות, און אין XII־טן י"ה ווערן שוין אַליין מער פאַרשפּרייט אָרטיקע, פוילישע מטבעות, וואָס ביי זייער שאַפן האָבן יידן אויך אָפּגעשפּילט אַ געוויסע ראָל, נאָר ווענן דעם אַ ביסל שפּעטער.

אַזוי אַרום קאָן מען מיט דער פולער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז ד יידישע סוחרים, און צום טייל אויך בעלי מלאכות, האָבן באַדייטנדיק מיטגעווירקט ביים אַריינפירן אין פוילן די ערשטע עלעמענטן פון דער סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט.

זייער צווייטער פאַרדינסט באַשטייט אין פאַרביגדן פוילן מיט דער ברייטער און ווייטער אויסערלעכער וועלט. אָנגעהויבן האָבן עס די ראָדאַניטן און קאָנטינואירט האָבן דאָס די שפּעטערדיקע יידישע סוחרים סיי פון כוזרים־לאַנד, אַלט־רייסן און אונגאַרן, סיי פון די מערב־לענדער. דער ערשטער פוילישער כראָניקער גאַללוס שטעלט פעסט, אַז ביז עס האָבן זיך געיאַוועט די סוחרים, וואָס פלעגן גיין (דורך פוילן) קיין אַלט־רייסן, איז פוילן געווען אָפּגעריסן פון דער וועלט, עס האָט דאָ נישט עקזיסטירט קיין האַנדל. און ווער זענען עס געווען די „סוחרים, וואָס פלעגן גיין קיין אַלט־רייסן“? אויף דעם ווייזן אָן די העברעישע טעקסטן פון יענעם פעריאָד: די יידישע סוחרים פון די מערב־לענדער, וועלכע האָבן געפירט זייערע האַנדלס־קאַראַוואַנעס קיין מזרח־אייראָפּע, האָט מען גערופן „הולכי רוסיה“ — די, וואָס גייען קיין רייסן.

די יידישע סוחרים זענען געווען דער וויכטיקסטער עלעמענט ביים אַנטוויקלען דעם צווישנלענדישן און טראַנזיט־האַנדל פון פוילן. זיי האָבן אויך שטאַרק מיטגעווירקט ביים אַנטוויקלען דעם אינערלעכן האַנדל און די אָרטיקע מערק.

די יידישע סוחרים האָבן פאַרבונדן — דורך זייערע האַנדלס־אָפּעראַציעס — פוילן מיטן ריין־לאַנד, בייערן, פראַנקרייך, אַפילו מיט שפּאַניע,

מיט טשעכיע (פּראָג), רייסן (קיעוו) און אונגאַרן. זיי זענען אויך געווען די פּיאָנערן פון פּוילישן האַנדל מיט איטאַליע.* די שלעזיש=יידישע סוחרים האָבן געפירט אַ האַנדל מיט טשעכיע פון איין זייט און קויאַוויע (פּוילן) פון דער צווייטער.

די יידישע סוחרים האָבן געפירט פון מערבֿ=אייראָפּע קיין מזרח (דורך פּוילן און קיעוו): געווער, זאָטלען, וואָל= און ליין=שטאָפּן, אויסאַרבעטונגען פון האָלץ, אויבער=מלבושים, דער עיקר מיט באַגילדטע קאָלנערס און פּוטערוואַרג. און זיי פלעגן ברענגען צוריק פון קיעוו דורך פּוילן: זייד=שטאָפּן, פּורפּורענע שטאָפּן, אָריענטאַלע בשמים, שקלאַפן, סריסים, בורשטין און מעל. זיי האָבן אויך געהאַנדלט מיט זאַלץ, מיט פערד און אַנדערע בהמות און חיות.

יידישע סוחרים פון פראַנקנלאַנד פלעגן שמוגלען קיין פּוילן געווער (שווערדן וכדומה), נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון די פראַנקישע קיניגן ובפרט פון שאַרל דעם גרויסן. יידיש=כוזרישע סוחרים פלעגן ברענגען עקזאָטישע זאַכן און חיות; אַזוי האָט מען, למשל, אַז זיי האָבן עס געברענגט אַ מתנה אויפן הויף פונעם דייטשישן קייזער אָטאָ III (אַרום 985) אַ קעמל, און דעם מין חיה האָט מען דאָ דערזען צום ערשטן מאָל.

די גרויסע יידישע סוחרים — און אויך אַ טייל הויך=קוואַליפיצירטע יידישע בעלי מלאכות — האָבן אין פּוילן ס׳רוב באַדינט דעם פעאָדאַלן שיכט. פאַר אים פלעגן זיי אימפּאָרטירן די טייערע סחורות און לוקסוס=אַרטיקלען, און ביי אים פלעגן זיי איינקויפן אָרטיקע אַרטיקלען צום עקספּאָרט, און בתוכם שקלאַפן פון צווישן די קריגס=געפאַנגענע.

אָבער דער האַנדל פון די יידישע סוחרים מיט שקלאַפן איז אַ היבש ביסל איבערגעטריבן געוואָרן אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור. אין די פּוילישע כראָניקעס ווערט (ביי גאַללוסן) סך הכל דערמאָנט איין מאָל וועגן דעם, אַז די פרומע קריסטין יודיטאַ, די פרוי פונעם מאָנאַרך וולאַדיסלאַוו הערמאַן, האָט אויסגעלייזט אין יאָר 1085 פאַר איר טויט קריסטלעכע שקלאַפן פון די הענט פון יידישע סוחרים פאַר גרויסע געלט=סומען. אויף אָט דעם סמך האָט מען אויסגעבויט גאַנצע טעאָריעס, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז ראשית איז דאָס געווען אַ נעבן=סחורה ביי די יידישע סוחרים, און צווייטנס — האָבן אַלע, און אויך די קריסטלעכע וועלט, דעמלט געהאַנדלט

---

* אין אַ שאלה ותשובה פון פאַרן יאָר 1210 לייענען מיר וועגן אַ ייד פון וויעראָנע (איטאַליע), וואָס איז אוועק אין לאַנד פּוליה (פּוילן) אין האַנדלספּראַגן.

מיט קנעכט. די קריסטלעך־ביזאַנטישע מלוכה ווי אַזעלכע האָט געפירט אַ גרויסן שקלאַפן־האַנדל און אָרגאַניזירט דעם דאָזיקן האַנדל אין מלוכה־מאַסשטאַב, און קריסטן האָבן געהאַנדלט אויך מיט שקלאַפן — יידן.

אַ טייל יידישע סוחרים, פון קלענערן פאַרנעם, האָבן אין דעם זעלביקן פּעריאָד באַדינט די אָרעמערע פּוילישע שיכטן. אַ יידישער רייזנדיקער און שרייבער פון דער צווייטער העלפט פון XII י"ה יצחק בן דורבאַלאָ פון מיינץ, וועלכער האָט באַזוכט פּוילן, װאָרשײנלעך אין די צייטן פון מיעשקאָ III, דערקלערט אין איינעם פון זיינע חיבורים אָט וואָס: „און איך, יצחק בן רב דורבאַלאָ, זאָג... מיר דאַרפן זיך אַליין באַגרענעצן, כדי נישט צונע־ווינען צו נאַכלעסיקייטן און פאַרלייכטערונגען פאַר זיך, ווי איך האָב דאָס געזען אין מלכות פּוילן ביי די סוחרים, וואָס וואַנדערן איבער די וועגן".

דער יידישער האַנדל איז אין יענע צייטן געווען אַ וואַנדערנדיקער — סיי דער טראַנזיט־האַנדל, סיי דער מסחר אויפן אָרט. אָנהייב דעם XIII־טן י"ה, ווען די וועגן אויף מזרח ווערן אַלץ אָפטער געשטערט און ווען מחמת דער שקיעה פון דער כוזרישער מלוכהשער קראַפט ווערן באַשווערט די ייִדי־שע האַנדלס שליאַכן אויף מזרח, ווערט פּוילן אַלץ מער אַן ענהציל פאַר די יידישע סוחרים און ווייניקער אַ טראַנזיט־וועג.

די יידישע סוחרים פאַרמאָגן שוין דעמלט א געגנוג הויכע מדרגה פון אָרגאַניזאַציע פון האנדל. די געשעפטן ווערן ס'רוב געפירט בשותפות דורך גאנצע קאמפּאניעס פון יידישע סוחרים, וועלכע לייגן צונויף דעם נייטיקן גרויסן קאַפּיטאַל. שותפים האָבן געקאָנט זיין יידישע סוחרים פון פאַרשי־דענע לענדער. די שותפים ווערן אין די דעמלטיקע רבנישע דאָקומענטן אָנגערופן „חברים".

זיי האַנדלען נישט בלויז אויף מזומן, נאָר אויך אויף קרעדיט. זיי זענען די פּיאָנערן פונעם קרעדיט־מסחר אין פּוילן.

אָפטמאָל טיילן זיי נישט די בשותפות איינגעקויפטע סחורות לויט דעם סכום אריינגעלייגטן קאַפּיטאל, נאָר לויט א גורל.

זייער א כאַראַקטעריסטישן אָפּזאָג מכוח דעם האַנדל צווישן מערב־אייראָפּעישע און סלאַווישע יידן געפינט מען אין די שאלות ותשובות פון רבי אלעזר בן נתן (צווייטע העלפט פון XIII י"ה): „...און אין דעם איז באַשטאַנען (די ארבעט) פון די ערשטע רייזנדיקע, וואָס גייען קיין לאַנד רוס (ההולכים לארץ רוסיאה), כדי צו נעמען דאָרטן מלבושים און סחורות, וואָס זייער פּרייז איז נישט פעסטגעשטעלט... די ערשטע סוחרים האָבן גע־נומען דאָס געלט לויט די פּרייזן אין רייסן. דער פאַרקויפער האָט געטראָגן

די פּאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן וועג, פאַר דעם שטייגן און ירידה פון די פּרייזן, ביז ער האָט דאָרטן פאַרקויפט די סחורות".

די סחורות־קאַראַוואַנעס פון די יידישע סוחרים, מיט וועלכע עס זענען פול געווען די האַנדלס וועגן, האָבן געהאַט זייערע כללים. ווען דער קאַראַוואַן האָט געדאַרפט בלייבן שטיין צוליב אַ געוויסן אָפּהאַלט, אָדער צוליב ערב שבת, האָט מען די פורן איינגעשטעלט אין אַ קוואַדראַט, כדי זיך צו קאָנען באַשיצן בעת אַן איבערפאַל, און די מענטשן זענען געזעסן אינעוויניק, אין אַן אימפּראָוויזירטן לאַגער. דער דאָזיקער אופן דערמאַנט שטאַרק דעם פאַרטיידיקונגס־סיסטעם פון די כוזרים און נאָך פריער — פון די הונען. אַזוי אַרום האָט אַ געוויסע באַגרינדונג די טעזע פונעם כוזרים־פאָרשער ד"ר ג. פאָללאַק (פון ישראל) וועגן דעם, אז די יידישע כוזרישע איינוואַנדערונג קיין פּוילן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אויך דעם וואַנדער־האַנדל פון כאַזאַריע און די טראַדיציע פון באַדינען דורך קליין־האַנדל די פּשוטע אָרטיקע באַפעלקערונג מיט די געוויינלעכע זאַכן פון טאָג־טעגלעכן געברויך ווי שפּייז, פאַרטיקע מלבושים, קליינע געצייג וכדומה.

די אַנטוויקלונג פון מסחר ביי די יידן אין פּוילן האָט געמוזט ווירקן אויף דעם וווקס פון דער יידישער האַנדל־דינערשאַפט און משרתים. דער וואַנדער־האַנדל, בפרט דער גרויסער, האָט געמוזט באַגינסטיקן אַ וווקס פון דעם טראַנספּאָרט־ און משרתים־פּראָפעסיע ביי יידן. אין אַ רבנישן דאָקומענט פון XI י"ה רעדט זיך בפירוש וועגן לוין־אַרבעטער, יידן און נישט־יידן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די גרויסע יידישע האַנדלס־קאַראַוואַנעס. דאָס זענען געווען משרתים, טרעגער, פור־פירער, פערד־טרייבער. אקעגן־זשע דער יידישער וואַנדער־דיקער קליינהענדלער איז אליין געווען אי סוחר, אי פורמאַן.

אין XII י"ה ווערט שוין גרעסער די צאָל יידישע סוחרים, וואָס זיצן אויף אַן אָרט און פירן דאָ אויס זייער האַנדל טעטיקייט. אָנגעהויבן האָט זיך די דערשיינונג שוין מיטן אויפקום פון די פאַקטאָריעס פון די ראַדאַניטן, מסתמא אין IX און X י"ה. שטופנווייז ווערט אַן אָנזעעוודיקער טייל פון דעם יידישן מסחר באַזעסן און סטאַביליזירט.

חוץ די דריי הויפט־געביטן פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט (לאַנד־ווירטשאַפט, מלאכה און מסחר און די קלענערע מיטן האַנדל־פאַרבונדענע באַשעפטיקונגען, ווי טראַנספּאָרט און באַדינונג), איז אַ דינער שיכט רייכע יידן געווען פאַרטראָטן, אין דער צווייטער העלפט פון XII און אָנהייב XIII י"ה, אויך אינעם געביט פון מינצעריי. אין אָט דער טעטיקייט האָבן

זיך צוזאמענגעפלאָכטן פיר עלעמענטן: אינוועסטיציע פון קאַפּיטאל, מלוכה־אָרענדע, הויך־קוואליפיצירטע מלאכהשע ספּעציאליטעט און גוטע קענטעניש פון געלט־פאַרהעלטענישן. מינצעריי איז שוין זינט דעם XI י"ה געווען א וויכטיקער געביט פון באַשעפטיקונג ביי די רייכע טשעכישע יידן, וועלכע זענען איינגעלאדן געוואָרן, אַלס פאַך־קענער, קיין פּוילן דורך די פּוילישע פירשטן. אַזוי אַרום זענען יידן געווען צווישן די פּיאָנערן פון געלט־פּראָדוקציע אין פּוילן. די פירשטן באָלעסלאַוו דער גערעכטיקער, ספּראַוויע־דליווי, (1177—1194), באָלעסלאוו דער געקרייזלטער, קענדזשעזשאַווי. (1173—1201), לעשעק דער ווייסער, ביאלי (1194—1227), מיעשקאָ III דער אלטער, סטאַרי — די אַלע פּוילישע פירשטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַראייניקן דאָס לאַנד און צענטראַליזירן די מאָנאַרכישע מאכט, — האָבן איינגעפירט געלט־מטבעות און איבערגעגעבן די איינגעלאדענע יידישע ספּעציאַליסטן אין אָרענדע די מינץ און אויך די פאַרוואלטונג מיט א סך פון זייערע גיטער.

אין דער צווייטער העלפט פון XIX י"ה האָט מען אין פאַרשידענע געגנטן פון פּוילן (אין גלאָגוו, ליגניץ, פּויזן, פּעלטשיסק, וויעניעץ, גלעמ־באָקיע) געפונען בערך 3000 שטיק מטבעות, ס'רוב פון XII־טן י"ה, פון 640 טיפּן, און בתוכם 25 טיפּן פּוילישע מטבעות מיט העברעישע אויפשריפטן. די דאָזיקע מטבעות האָבן דעם שטעמפּל בלויז אויף איין זייט, ווייל זיי זענען זייער דין. אַזעלכע איינזייטיקע מטבעות רופט מען בראַקטעאַטן.

די העברעישע אויפשריפטן אויף די מטבעות זענען פון דריי מינים:

1. אַזעלכע, וווּ מיט העברעישע אותיות זענען אָפּגעדרוקט פּוילישע ווערטער און בפרט נעמען פון פּוילישע פירשטן, וועגנטוועל מיט א צו־שריפט פון פּוילישע אויסדרוקן אין העברעישע אותיות, למשל: „משקא קרל פלסקי", „משקא קרל פולסקי" (מיעשקא קרול פּאָלסקי, דאָס איז שייך מיעשקאָ III), „משקא", „מישקא", „משקה דוכום" (מיעשקאָ דער פירשט), „משקה מלך שלום" (מיעשקא דער קיניג פון פרידן), „לישקום קרל" (דער קיניג לעשעק, געמיינט: לעשעק ביאַלי), „ברכה משקו" (אַ ברכה מיעשקאָן), „ברכה קהשי" (אַ ברכה קאַזשימיעזשן). פאַראַן אויך מטבעות מיטן נאָמען באָלעסלאַוו.

2. מטבעות מיט העברעישע ווערטער אָן דעם פירשטס נאָמען, למשל: „מזל טוב", „ברכה", „ברכות", „ברכה והשמחה", „ברכה טובה", „כהמלך", „קצין ומלך", אָדער נאָר נעמען פון שטעט „כרכה" (קראָקע), „כרכוב" (קראַקוו), „גנזדן" (גנעזדן, גניעזנאָ).

3. מטבעות מיט נעמען פון יידן, מסתמא פון די יידישע מינצער: „רבי אברהם בר יצחק הנגיד“, „אברהם בן יעקב דוכס“ (דוכס, דוכוס באַטייט אָדער אַ פירשט, אָדער אַ מיליטער־פירער), „פנחס הכהן“, „יוסף קליש“ (קאַליש), „אַברהם יוסף“, „יוסף“, „אברהם“ אא.

דער באַטייט פון איינפירן מטבעות, ווי אַ צאָל־מיטל, איז זייער גרויס, אָבער איינצייטיק פאַרמאָגט די זאַך אויך אַ נעגאַטיווע זייט. די פירשטן, און בפרט מיעשקאָ III, יאָגנדיק זיך נאָך געלט, האָבן געצילט צו פאַרקלענערן די פאַקטישע ווערט פון די מטבעות, זייער וואָג, איינ־האַלטנדיק איינצייטיק זייער נאָמינעלע צאָל־ווערט. צוליב דעם האָבן זיי געהייסן אַרויסלאָזן אַלץ דינערע און דינערע מטבעות, וועלכע האָבן פאַר־מאָגט אַלץ ווינציקער זילבער, און אַזוי אַרום זענען אַנטשטאַנען די בראַקטעאַטן, וועלכע זענען שוין געווען אַזוי דין, אַז מען האָט דעם שטעמפּל געקאָנט געבן נאָר אויף איין זייט. געליטן האָבן פון דעם קודם כל די אָרעמע און ווייניק־באַמיטלטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, בעת דעם קיניגס אָדער פירשטס אוצר האָט פון דעם געצויגן גרויסע רווחים. אין אָט דער נעגאַטיווער מינץ־טעטיקייט, וואָס האָט געשלאָגן אין די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן, האָבן די יידישע מינ־צער געהאָלפן דעם מאָנאַרך. אַליין זענען זיי דערביי גוט רייך געוואָרן.

ווי געזאָגט, האָט זיך די אַרענדע פון מינץ אָפט געבונדן מיט אַרענ־דעס פון די גיטער פון דעם מאָנאַרך, און אויך פון דעם האָט דער דער־מאָנטער דינער שיכט רייכע יידן, ס'רוב געקומענע פון טשעכיע, אָנגע־זאַמלט גרויס עשירות סיי אין מזומן, סיי אין ערד־באַזיץ.

רייכע יידן האָבן אָבער אין באַהאַנדלטן פעריאָד געבילדעט נאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. און נישט נאָר אין פוילן. אויך אין אַלט־רוסלאַנד און אונגאַרן איז דער ווייט־גרעס־טער טייל יידן געווען אָרעם און געלעבט אין דחקות. פאַרהעלטנישמעסיק פאַרמעגלעכער איז געווען די יידישע באַפעלקערונג פון טשעכיע; די רייכע עלעמענטן פון די טשעכישע יידן האָבן אין יענעם פעריאָד אָנגע־זאַמלט גרויסע קאַפּיטאַלן.

אין אַ בריוו פון דעם געלערנטן אליעזר בן יצחק פון טשעכיע (צווייטער העלפט פון XII־טן י"ה) צום רעליגיעזן אויטאָריטעט ר' יהודה חסיד, קלאָגט ער זיך, אַז אין דער מערהייט ערטער פון פוילן, אַלט־רוסלאַנד און אונגאַרן איז די נויט ביי די יידן אַזוי גרויס, אַז זיי קאָנען זיך נישט דער־לויבן מער ווי דינגען איין מענטש, וועלכער איז איינצייטיק חזן, דיין און

מלמד, און אויך אים קאָנען זיי נישט אויסהאַלטן און מוזן אים לאָזן זיך מפרנס זיין פון דעם, וואָס ער זאַמלט נדבות פורים, שמחת תורה און אויף חתונות; צוליב דער הערשנדיקער נויט — שרייבט ווייטער ר' יהודה חסיד — גיבן זיך נישט אָפּ די דאָרטיקע יידן מיט לערנען תורה.

הער דאָזיקער בריוו איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן ספר „אור זרוע“ און אין די שאלות וחשובות פון ר' מאיר מראָטענבורג (מהרם, 1230 — 1293).

דער יידישער ישוב אין פוילן איז שוין אין יענעם פעריאָד געווען שטאַרק צעגלידערט און דיפערענצירט אין סאָציאַלן זין. פון איין זייט — גרויסע סוחרים־אונטערנעמער, פון דער צווייטער — משרתים, טרעגער, שמייסער. פון איין זייט — די שלעזיש־יידישע גוט־איינגנטימער און די משעכיש־יידישע אַרענדאַרן פון פירשטלעכע גיטער, און פון דער צווייטער — קליינע פויערים, וואָס האָבן אַליין געאַקערט זייער שטיקל ערד. פון איין זייט — בעלי מלאכות, פון דער צווייטער — גזלנים. פון איין זייט — פרייע, פון דער צווייטער — שקלאַפן, וואָרעם אַ געוויסע, הגם קליינע, קאַטעגאָריע יידן פלעגן אַריינפאַלן אין קנעכטשאַפט אין רעזולטאַט פון די מלחמות. אין XI־טן י'ה זענען געווען — ווי עס דרינגט אַרויס פון די שאלות ותשובות פון ר' יהודה הכהן — יידן שקלאַפן אין די הענט פון קריסטלעכע שקלאַפן־הענדלער. נאַטירלעך, איז דאָס נישט געווען קיין סטאַבילע סאָציאַלע דערשיינונג, וואָרעם די יידישע קהלות פלעגן ס'רוב די יידישע שקלאַפן אויסקויפן.

וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן ישוב אין פוילן אין יענער צייט ווייסן מיר זייער ווייניק. קיין צענטראַליזירטער ישוב — אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין — איז דאָס נאָך נישט געווען. די מאַכט אין די קליינע קהלות איז זיכער געלעגן אין די הענט פון די עקאָנאָמיש סאַמע רייכסטע עלעמענטן, אין די הענט פון די וואָס האָבן געטראָגן טיטולן „נגיד“ און „דוכס“. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער אַזוי גערופענער נגיד איז געווען דער נשיא פון די פוילישע יידן. עס קאָן זיין, אַז דער מינצער אברהם בן יצחק הנגיד איז אין XII־טן י'ה געווען דער נשיא פון די יידן אין פוילן און אפשר בלויז פון די משעכישע יידן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין פוילן.

שוין אין דעם פעריאָד, נאַטירלעך — אין זיינע לעצטערע צייטן, — האָבן זיך אין דעם יידישן ישוב געפונען אָנגעזעענע קולטור־עלעמענטן, און עס האָט זיך שוין אויך גענומען אויספיקן אַ געוויסער איינגאַרטיקער שטייגער פון די פוילישע יידן.

קאַפּיטל זיבן

# קולטור און שטייגער פון דעם פריסטן יידישן ישוב אין פוילן

דער יידישער היסטאָריקער מתתיהו מיזיש, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער, האָט אין זיינע פאַר־מלחמהדיקע אַרבעטן אַרויסגערוקט די מיינונג, אַז שוין אין די גאָר אַלטע צייטן, איידער עס איז אויפגעקומען די פוילישע מלוכהשאַפט, האָט שוין עקזיסטירט אין פוילן אַ יידישע קולטור, צוגלייך מיט דער געצנדינע־רישער קולטור פון דער אָרטיקער נישט יידישער באַפעלקערונג. מיזיש מיינט, אַז די גאָר עלטסטע יידישע ישובים אין פוילן האָבן געהאַט זייער קולטור און אפשר אויך זייער שריפטום, וועלכע זענען דערנאָך פאַרגעסן און פאַרווישט געוואָרן סיי דורך דער אָנגרייפערישער קריסטלעכער קול־טור, סיי דורך דער קולטור פון די דייטשישע און טשעכישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פוילן. ווי דער היסטאָריקער דריקט זיך אויס, האָט די זיגערישע קאַטוילישע קירך אַרויפגעוואָרפן אַ שלייער אויף די אַלטע קולטורן פון לאַנד און פאַרריבן יעדן שפּור נאָך זיי. מיזיש האַלט, אַז אין X־טן און XI־טן י"ה איז געווען שוין אין פוילן אַן אָרטיקע, אין העב־רעיש געשריבענע ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן אָפּגעווישט דורך דער אשכנזיישער קולטור, וועלכע עס האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט די אימי־גראַציע־כוואַליע פון די מערבדיקע יידן.

אין דעם עלטסטן יידישן ישוב אין פוילן האָבן זיך געקרייציקט צוויי קולטור־השפּעות: פון בבל און אשכנז, פון איראַקישן און כוזריש־ביזאַנ־טישן מזרח און פון די יידישע ישובים אין דייטשלאַנד — פראַנקרייך. די השפּעה פון בבלישן צענטער איז געווען געווים אַ פריערדיקע. אָבער פון בבל איז אַריינגעדרונגען צו די יידן פון פוילן נישט בלויז דער קאָנ־

פּערוואַטיווער, פּאַרגליווערטער, תּלמודישער יודאַיזם, נאָר אויך דער אָפּ־פּרישנדיקער ווינט פון אָפּאָזיציאָנעלע שטראָמען אין דער יידישער קול־טור. פון בבל פלעגט מען ברענגען דורך קיעוו קיין פוילן יידישע ווערק, און פון דאַנען פלעגט מען זיי שיקן ווייטער קיין דייטשלאַנד. עס איז באַוווסט אַ פאַקט, אַז אין דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י"ה האָט מען גע־בראַכט פון בבל דורך קיעוו קיין פוילן אַ כתב־יד, וועלכן די קאָנסער־וואַטיווע רבנישע עלעמענטן האָבן אָנגערופן — „אַ פאַרקריפּלטער ספר". פון פוילן האָט מען דעם כתב־יד געפירט ווייטער, קיין רעגענסבורג און פון דאַנען קיין פראַנקרייך. דאָס איז געווען אַ מין אַגיטאַציע פאַר „פאַר־קריפּלטע" אידעען. די היינטצייטיקע פאָרשער, בתוכם פּראָפ. לעוויצק און א. קופּפער, האַלטן, אַז דער דאָזיקער כתב־יד האָט ניששט קיין שייכות מיט דער קאַראַימישער ליטעראַטור, ווי מען האָט פריער געמיינט, נאָר דאָס איז מסתמא דאָס ווערק פון דעם יידישן אינטעלעקטועלן אָפּאָזיציאָ־נער פון מיטל־אַזיע חיוי הבלכי (חיוי פון באַלך).* וואָרעם אין אַלט־רייסן און אין פוילן זענען נאָך דעמלט ניט געווען קיין שום השפּעות פון די קראים. רבי אברהם בן דוד הלוי פון טאָלעדאָ, איינער פון די גרויסע יידי־שע אויטאָריטעטן פון יענער צייט (1110—1180) האָט פאַררעכנט צו די פעסטונגען פון ראַביניזם אין אייראָפּע — דייטשלאַנד, פראַנקרייך און פוילן (פולניה).

אגב, פון אָט די ווערטער פון ראב"ד דרינגט אַרויס, אַז אין XII־טן י"ה איז שוין דער יידישער ישוב אין פוילן פאַררעכנט געוואָרן צו די וויכ־טיקסטע אין אייראָפּע און איז געשטעלט געוואָרן אין איין ריי מיט די דעמלט באַרימטע יידישע קיבוצים פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

דער עלטסטער יידישער ישוב אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריי געלערנטע, וועלכע זענען געווען באַקאַנט אויך ווייט מחוץ די גרענעצן פון פוילן. ידיעות וועגן זיי האָבן מיר פון דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י"ה.

דער רעליגיעזער געלערנטער פון קאַטאַלאָניע, רבינו משה בן נחמן (1194 — 1270), האָט אין זיין קאָמענטאַר צו „גיטין" געשריבן: „און דער חכם (געלערנטער) ר' משה בר חסדאי פון פוילן (מפולניא), זאָל ער לאַנג לעבן, האָט געשריבן" — אאוו. דאָס הייסט, אז אזא גרויסער גע־לערנטער אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, ווי משה בן נחמן, פאַררופט

---

* זע: אריינפיר־טייל, קאַפּיטל פיר.

זיך אויף דער מיינונג פון א יידישן געלערנטן פון פוילן. ווי עס דערינגט אַרויס פון משה בן נחמנס טעקסט, איז משה בר חסדאי פון פוילן געווען אַ געלערנטער מיט אַ קריטישן חוש, וועלכער האָט נישט מורא געהאַט צו אַנאַליזירן קריטיש די טעקסטן פון תלמוד, און נעמלעך: ער האָט גע־האַלטן, אַז נישט אַלע ערטער אין תלמוד דאַרף מען נעמען ווערטלעך און אויטענטיש, ווייל ביים איבערשרייבן האָבן געקאָנט זיך אַריינכאַפּן גרייזן*.

איינער פון ר׳ יהודה חסידס תלמידים, פון XIII־טן י״ה, דערמאָנט אין זיינע קאָמענטאַרן צום חומש א געוויסן געלערנטן רבי יצחק פון פוילן.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס זענען שוין געווען יידישע גע־לערנטע אין פוילן פריער, אַזוי ווי עס מיינט מיזיש, אָבער זיכערע ידיעות, מיט קאָנקרעטע נעמען און מיט די מיינונגען פון די געלערנטע, האָבן מיר זינט דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י״ה.

ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין די מיינונגען, אַרויסגעזאָגטע דורך די דאָזיקע געלערנטע, זעען מיר, אַז די יידישע געלערנטע פון פוילן פון דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י״ה האָבן רעפּרעזענטירט אַ מער טאָ־לעראַנטע און מער ליבעראַלע שיטה אין דעם דעמלטיקן רעליגיעזן אַרט דענקען: ר׳ משה בן חסדאי פון פוילן דערלויבט זיך אויף אַ קריטישן אַנאַליז פון תלמוד, און א ווערק פון א פרייען גייסט, וואַרשיינלעך פון חיוי הבלכי, איז באַקאַנט ביי די יידן פון פוילן.

אַזאַ ווייניק דאָגמאַטישער נוסח האָט געקאָנט אויפשפּראָצן א׳ן פוילנס דעמלטיקער יידישער סביבה, אין וועלכער עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פאַר א מער ליבעראַלן טראַקטירן די שטרענגע יידיש־רעלי־גיעזע דינים, וואָרעם דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן איז אין יענעם פּעריאָד געווען געווען ווייט פון פאַנאַטישקייט.

די יידישע סוחרים, וועלכע פלעגן זיך ס׳רוב געפינען אונטערוועגס, האָבן ממילא נישט געקאָנט שטרענג היטן אַלע דינים; זייער ענגער און אָפטער קאָנטאַקט מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקער, רעליגיעס און לענ־דער, זייער ברייטער האָריזאָנט מחמת די ווייטע נסיעות — דאָס אַלץ האָט זיי געמאַכט ווייניקער דאָגמאַטיש. לאָמיר דערמאָנען נאָכאַמאָל ד׳ ווערטער פון ר׳ יצחק בן דורבאלא וועגן דעם, אַז די סוחרים, וואָס וואַנ־

---

* מיזיש פרעגט אָפּ אויף אן איבערציייגעוודיקן אופן גרעצס מיינונג, אז משה בן חסדאי איז נישט פון פוילן, נאָר פון וואַלענציע.

דערן איבער די וועגן, פאַרנאַכלעסיקן און פאַרלייכטערן זיך די דינים. עס זענען באַקאַנט פאַקטן, ווען די יידישע סוחרים מיט זייערע קאַראַוואַנעס פלעגן „אַריינשטעכן אין שבת“, אַרויסרופנדיק דערמיט אַ כעס מצד די פאַנאַטישע יידישע עלעמענטן.

ממילא זענען אויך די רעליגיעזע אויטאָריטעטן פון דעמאָלטיקן יידישן ישוב, וועלכע זענען געווען קודם כל פאַרבונדן מיט די יידישע סוחרים, געווען מער ליבעראַל, צופּאַסנדיק זיך צו די געשאַפענע באַדינגונגען.

אמת, שוין אין יענעם פּעריאָד האָט גענומען אַריינדרינגען קיין פּוילן אויך אַ קאָנסערוואַטיווער, שטרענג־רעליגיעזער עלעמענט, דערהויפּט מיט דער אימיגראַציע־כוואַליע פון דייטשלאַנד אין שייכות מיט די דאָר־טיקע בלוטיקע רדיפות אויף יידן. אָבער דער הערשנדיקער נוסח איז גע־בליבן דער פון די דערמאָנטע לפי ערך פאָרגעשריטענע יידיש־פּוילישע געלערנטע.

זייער רום איז שוין דעמאָלט, ווי געזאָגט, געווען גענוג ברייט. פון אַ רייע מערב־לענדער און שטעט, בתוכם פון דער רייכער און באַקאַנטער יידישער קהלה אין מאַגדענבורג, פלעגט מען זיך ווענדן צו די יידישע גע־לערנטע פון פּוילן, בפרט פון קראָקע, מיט שאלות.

דער פאָרשער מתתיהו מיזיש כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע דערשיי־נונג מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „די יידישע געלערנטע אין פּוילן זענען שוין געווען אין XIII־טן י'ה שטאַרק באַרימט אין דער גאַנצער יידישער וועלט, אַזש ביז די ווייטסטע ראַנדן, און מען האָט זיי דערמאָנט אין די „שאלות ותשובות“.

די אָנגעקומענע יידן האָבן געבראַכט מיט זיך אין די נייע פּוילישע באַזעץ־ערטער זייער אַלטן שטייגער. מיט דער צייט האָט זיך זייער שטיי־גער צונויפגעשמאָלצן מיטן שטייגער פון די אַלט־געזעסענע פּוילישע יידן, הגם דער דאָזיקער פּראָצעס האָט לאַנג געדויערט און איז געווען פול מיט שטערונגען און קאָנפליקטן. ווי עס מיינט דער פאָרשער פון דער כוזרים־געשיכטע א. נ. פּאָלאַק, האָט דער עיקר־שטייגער פון די אַלט־געזעסענע פּוילישע יידן געשטאַמט פון יידיש־כוזרישן, מיט געוויסע עלעמענטן פון בבלישע און יידיש־ביזאַנטישע מנהגים. אַ שטאַרקן איינפלוס האָט געהאַט, פאַרשטייט זיך, דאָס לאַנד גופא, פּוילן מיט זיינע קלימאַטישע, נאַטירלעכע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. די סביבה פונעם פּוילישן באַפעלקע־רונג־אַרום האָט אויך אויסגעאיבט אַ השפעה.

פוילן איז אין יענער צייט שוין געווען גוט באַקאַנט אין דער יידיש=העברעישער רייזע= און שאלות ותשובות=ליטעראַטור. פוילן ווערט אָנגערופן „פולין“ (אין „אור זרוע“, ביים וועלט=רייזנדיקן פּתחיה פון רעגענסבורג, אין די שאלות=ותשובות פון ישראל פון ברנא); „פולניה“ (אין „ספר קבלה“ פון רב אברהם בן דוד הלוי, ביי ר׳ משה בן נחמן, אין „שבלי לקט“ פון XI י״ה); „פולניו“ (אין „אור זרוע“); „פוליה“, „פּאָלאַנדען“ אא.

די פוילישע יידן האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה גערעדט אין אַ געמישטן סלאַווישן לשון און מיט דער צייט — פויליש, אָפטמאָל געמישט מיט אַלט=רייסיש און טשעכיש. די דייטשישע יידן האָבן געבראַכט זייער לשון, אָבער זיי זענען געווען אַ מינדערהייט אין דעם ישוב און אין דעמלטיקן פעריאָד האָבן זיי סוף כל סוף אָנגענומען די לאַנד=שפּראַך. בפרט אַז די ווירטשאַפטלעכע און אויך פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט דע־אָרטיקער באַפעלקערונג זענען דעמלט אין אלגעמיין געווען קאָרעקטע און לעבעדיקע.

אין דעם אַרט קליידן זיך פירן זיך דעמלט די פוילישע יידן אַזוי ווי די גאַנצע אַרומיקע באַפעלקערונג. עס איז נישטאָ קיין ספּעציעלע הלבשה, וואָס זאָל אויסטיילן די יידן פון דעם אַרום. נאַטירלעך, איז די קליידונג אַן אַנדערע ביים פויליש=פעאָדאַלן קלאַס, און פולשטענדיק אַן אַנדערע ביים פויערטום. און אַזאַ אונטערשייד איז אויך פאַראַן ביי די יידן. דער רוב פון די יידן אין דערפער און קליינע שטעטלעך קליידט זיך אָדער ווי די אַרומיקע פוילישע באַפעלקערונג, אָדער לויט דער הלבשה פון די כוזריש=רייסישע יידן. פּאָלאַק האַלט, אַז די הויכע פוטערנע קאָלפּאַקן האָבן די יידן געבראַכט מיט זיך פון כאַזאַריע. אַנדערש טוען זיך אָן די רייכע יידן, די מינצערס, די אַרענדאַרן פון פירשטלעכע גיטער, די גאַר רייכע סוחרים. זיי טראָגן, אַזוי ווי די לאַנד=אַריסטאָקראַטיע, הויזן, אַריינגעשטעקטע אין פלאַכע שיך, און קיטלען מיט ברייטע אַרבל, קאַפּטנס און אויבער=מלבושים. די רייכע מערבדיקע יידן טראָגן מלבושים לויט דער דאָרטיקער מאָדע. די פאַרמעגלעכערע יידישע פרויען טראָגן אַזוי ווי די פרויען פון די פויליש=באַזיצנדיקע קלאַסן לאַנגע קליידער, אַרומגענומען אין דער טאַליע מיט ברייטע פּאַסן. די רייכע יידן טראָגן אויף זיך — פונקט ווי די לאַנד=אַריסטאָקראַטיע — אַ סך צירונג, גאָלדענע קייטן, פינגערלעך וכדומה. די דאָזיקע יידן טראָגן שווערדן, אַזוי ווי די פוילישע

פעאָראָלן.* די יידן טראָגן, נאַטירלעך, אויך די זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן יידישן ריטואַל, ווי ציצית און ביים דאַווענען טליתים און תפילין.

די איינגעוואַנדערטע יידן האָבן געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע מינים מאכלים פון זייערע אַלטע היימען. מען האַלט, למשל, אַז דער אַמאָליקער משאָלנט (געמאַכט פון קאַשע, פלייש און פעטס) זאָל מען האָבן אַריינגעבראַכט פון מערב.

דאָס וואָרט „משאָלנט" זאָל שטאַמען, ווי עס האַלט דער פאָרשער מאַקס וויינרייך, פון דעם יידישן רייד־אָרט אין פראַנקרייך. אַנדערע מיינען, אַז דאָס שטאַמט פון שפּאַניע און איטאַליע. אָבער אין פוילן גופא פאַסן זיך צו די יידן צו נייע מאכלים. ערשט דאָ, און אויך אין רייסן, האָבן זיך די יידן אויסגעלערנט למשל צו קאָכן האָניק און מאַכן מעד.

די דערנענטערונג מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג און דאָס באַנוצן זיך אין דער אומגאַנג־שפּראַך מיט פויליש האָט געווירקט אויך אויף דעם שאַפן זיך פון סלאַווישע נעמען ביי די דעמלטיקע פוילישע יידן. נעבן די אַלטע יידישע ביבלישע נעמען, ווי יצחק, יעקב, משה, אָדער פאַרדרייטע — כאַסקל (פון יחזקאל), טראָגט מען ביי די יידן אַזעלכע סלאַווישע נעמען, וועלכע זענען פאַרסלאַוועטע יידישע נעמען, אָדער ריין־סלאַווישע, ווי: סאָמיל (פון שמואל), דאָבחעסקא, סוואַנקא, קאַשיצאַ; און ביי די שלעזישע יידן: קאָשמאַ, דאָברוסקאַ, שמאָלקאַ (אפשר פון שמואל), סאַרגיל, ווילטשקאַ, סלאַמקא אדגל.

דער רעאַלער טיפּ פונעם פוילישן ייד אין יענעם פעריאָד איז הימל־ווייט פון דער פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אויפן סמך פון דער מיסטישער יידישער טראַדיציע און פון דער פויליש־פּריצישער ליטעראַטור. דער דעמלטיקער פוילישער ייד איז נישט הכנעהדיק און נישט פּחדנותדיק, נישט געבויגן און נישט מיסטיש. אין דער אמתן זענען דאָס געווען געזונטע יידן, און בתוכם אַ סך גבורים. זיי האָבן געקאָנט זיך באַגיין מיט געווער, רייטן אויף פערד, האַלטן מלחמה און נישט זעלטן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַנדערע. די כוזרישע און רייסישע יידן האָבן גע־

---

* דער כראָניקער גאללוס דערציילט, אז אין די צייטן פון באָלעסלאַוו כראָברי האָבן די הויף־דאַמען געטראָגן אויף זיך אַזוי פיל שווערע צירונג פון גאָלד, אַז ווען מען האַלט זיי נישט אונטער, וואָלטן זיי קוים געקאָנט טראָגן די גאָלדענע משאות.

בראַכט מיט זיך אַ טראַדיציע פון באַוואָפנטן קאַמף, פון אָנטיילנעמע;
אין מיליטערישע דרוזשינעס און מלחמה=מאַרשן. די יידישע וועלט=סוחרים
זענען, שוין צוליב זייער באַשעפטיקונג, געווען דרייסטע מענטשן, גרייט
יעדע רגע צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אָנפאַלן אויף ווייטע וועגן. מיר האָבן
שוין אָנגעוויזן אויפן אופן פון אויפשטעלן די סוחרישע לאַגערן ביינאַכט
אָדער ערב שבת — אַן אופן פון קריגס=פאַרטיידיקונג. עס זענען פאַראַ;
שפורן וועגן יידישן אָנטייל אין פירשטלעכע מיליטערישע דרוזשינעס אי;
יענער צייט אויך אין פוילן. מען האַלט, אַז דער טיטל דוכס, אָדער דוכוס,
פון דעם ייד אברהם בן יעקב, וואָס פיגורירט אויף א פוילישער מטבע,
אַ בראַקטעאַט פון XII=טן י"ה, באַטייט, אַז דער דאָזיקער ייד איז געווען
אַ מיליטער=פירער, ווייל דאָס איז טאַקע דער טייטש פונעם אָנגעוויזענעם
טיטל.

אָט אזוי האָט זיך שטופנווייז פאָרמירט די כאַראַקטעריסטישע פיזיאָ=
נאָמיע פון דעם עלטסטן יידישן ישוב אין פוילן, ביז דער העלפט פון XIII
י"ה. דאָס איז שוין געווען אַ צאָלרייכער ישוב, וואָס איז פאַררעכנט געוואָרן
אין דער שורה פון די גרעסטע יידישע קיבוצים אין אייראָפע און ווערט
דערמאָנט צוגלייך מיטן דייטשישן און פראַנצויזישן. דאָס איז געווען א פראָ=
דוקטיווער ישוב, וואָס האָט געשפילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אַנטוויקלע:
מלאכה, מסחר און ערד=אַרבעט און ביים שאַפן די ערשטע עלעמענטן פו:
דער סחורה= און געלט=ווירטשאַפט פון לאַנד, א ישוב אַ צעגלידערטער אי:
סאָציאַלן זין, מיט שפּראָצונגען פון אַן אייגענער קולטור, וועלכע האָט גע=
טראָגן סימנים פון פאַרהעלטנישמעסיקער פאָרגעשריטנקייט. דער כאַהאַנדל=
טער פּעריאָד איז א צייט פון צונויפשמעלצן די פאַרשיידן=אָפּשטאַמיקע
טיילן פון די פוילישע יידן אין איין אָרטיקן, נייעם יידיש=פוילישן שטייגער,
מיט א כאַראַקטעריסטישן טיפּ ייד, אַ רעליגיעז נישט דאָגמאַטישן, א גע=
זונטן און לעבן=אַקטיוון.

צווייטער טייל

# דער פאָרמירונגס-פּעריאָד
# פון באַנייטן יידישן ישוב אין פּוילן

(פון XIII ביזן סוף XV י"ה)

קאפיטל איינס

# די מאָנגאָלישע אינוואזיע, די רדיפות און גירושים אין די מערב־לענדער — און די נייע יידישע איינוואַנדערונג קיין פוילן

די אינוואזיע פון די מאָנגאָלן (טאַטאַרן, טאָטערן) אויף רייסן און פוילן אין די יאָרן 1240—1241 און דערנאָך אין יאָר 1278 אויף די מזרח־שטעט פון פוילן האָט געמאכט אַ גרויסן חורבן אין די דאָזיקע לענדער. צום שטאַרקסטן האָט געליטן דאָס קיעווער רייסן. די מאָנגאָלישע אינוואזיע האָט פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון אַלט־רוסלאַנד אויף לאַנגע דורות און פאַר־שקלאַפט דאָס לאַנד אויף קנאַפע צוויי הונדערט יאָר. קיעווער רייסן איז גע־וואָרן א יורד. גאַנצענע ישובים זענען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. די ראָל פון קיעוו אלס האַנדלס־צענטער האָט זיך געענדיקט אויף א גאַנצער תקופה. דאָס לאַנד איז געוואָרן אויסגעפּעלקערט, א ריזיקע צאָל איינוויינער איז דורך די אָנפאַלער פאַרשלעפּט געוואָרן אין „יאסיר“ (שקלאַפישע גע־פאַנגענשאַפט). און צוזאמען מיטן פאַלן פון די רייסישע פירשטנטומס איז אויך געקומען די ירידה פון דעם דאָרטיקן יידישן ישוב. אמת, איינעם מיט די מאָנגאָלן איז אָנגעקומען קיין רייסן אויך א ביסל יידן, אָבער פון די אַלטע בלייענדיקע יידישע ישובים איז נישט געבליבן קיין שפור. עס איז אויף לאַנגע יאָרהונדערטער פאַרשוווּנדן געוואָרן דער יידישער ישוב אין קיעוו, אין טשערניגאָוו, אין וולאַדימיר (וואָלין). דאָ און דאָרטן איז געבליבן פליען א יידיש לעבן, אָבער דאָס זענען שוין געווען ראַכיטישע, שוואכע ישובים, אָפּגעריסענע פון דער וועלט, פון די אַמאָל לעבהאַפטע האַנדלס־שליאכן. דער יידישער ישוב אין פאַרשקלאַפטן רייסן האָט פאַקטיש אויפגע־הערט צו עקזיסטירן.

די מאַנגאָלישע אינוואַזיע האָט נישט אויסגעמיטן אויך פּוילן. אַ סך פּוילישע שטעט און דערפֿער זענען פֿאַרשוווּנדן אונטער די פֿאַרניכטנדיקע אָנגריפֿן פֿון די טאַטאַרן. דער עיקר האָבן געליטן די מזרח־געגנטן פֿון לאַנד, צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג האָבן אויך שטאַרק געליטן די פּוילישע ייִדן. דער גרעסטער טייל פֿון די געדיכטע ייִדישע ישובֿים אין מזרח־ און דרום־פּוילן, סיי די שטאָטישע, סיי די דאָרפֿישע זענען חרובֿ געוואָרן. אין אַ דייטש־לאַטייניש קוואַל פֿון יענער צייט ווערט געזאָגט, אַז נישט בלויז קריסטן, נאָר אויך געצנדינער און ייִדן זענען פֿאַרטיליקט געוואָרן דורך די טאַטאַרן,* וועלכע האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשייד נישט ביים הרגע־נען, נישט ביים פֿאַרשלעפּן אין „יאַסיר" צווישן די, וואָס האָבן געגלייבט אין צלם, אָדער די, וואָס האָבן געהאַלטן פֿון תּורת משה.

מיטן פֿייער זענען אַוועק אויך די ייִדישע ישובֿים פֿון מזרח־פּוילן און צום טייל פֿון דרום־פּוילן. צווישן אַנדערע האָט שטאַרק געליטן די שטאָט פּשעמישל, אָט דער וויכטיקער האַנדלס־צענטער, און די פּשעמישלער ייִדי־שע קהילה איז אָפּגעווישט געוואָרן אויף אַ לאַנגער צייט.

די ייִדן, וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם טויט אָדער שקלאַפֿעריי, זענען אַנטלאָפֿן פֿון דער בראַנד־שׂרפֿה אויף מערבֿ. אין רעזולטאַט פֿון דעם טאַטאַ־רישן אָנפֿאַל האָבן זיך די קיבוצים פֿון די פּוילישע ייִדן אַ ריק געטאָן פֿון מזרח אויף מערבֿ. דער צענטער פֿון ייִדישן לעבן אין פּוילן איז פֿון איצט אָן געוואָרן גרויספּוילן, מערבֿ־קליינפּוילן און צום טייל אויך מאַזאָוויע. דאָס אָרט פֿון די פֿריערדיקע יחסנישע קהילות פֿון קיעוו, וולאַדימיר און פּשעמישל פֿאַרנעמען איצט די ייִדישע ישובֿים פֿון אַזעלכע צענטראַל־ און מערבֿ־פּוי־לישע שטעט, ווי קאַליש, פּויזן, קראָקע אאַ. אין רעזולטאַט פֿון דעם חורבן, וועלכן עס האָבן געבראַכט מיט זיך די מאָנגאָלישע מחנות, איז אויך באַ־דייטנדיק קלענער געוואָרן די צאָל ייִדישע לאַנדווירטן, וואָס זייערע סאַמע קאָמפּאַקטע צענטערס האָבן זיך פֿאַר דער אינוואַזיע געפֿונען אין די מזרח־ און דרום־פּראָווינצן פֿון פּוילן, וועלכע זענען אַצינד אַוועק מיטן רויך.

די מאָנגאָלן האָבן אין פּוילן אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד. די שטאָט קראָקע האָט זיך פֿאַרטיידיקט, און די טאַטאַרן זענען פֿון דאָרטן אָפּגעטראָטן. בכלל האָבן אַ ווידערשטאַנד געשטעלט די שטעט,

---

* Non solum Christianos, immo Poganos, Judaeos, nemini in-diferentur mortem inferentes (Monumenta Germaniae Scriptorum, XVIII, s. 207).

אין דער זעלביקער צייט, ווען די פוילישע ריטער און אַריסטאָקראַטן בראש מיטן פירשט לעשעק דעם שוואַרצן (טשאַרני), זענען עוקר געווען פון לאַנד, ס'רוב קיין אונגאַרן. פון צווישן די פוילישע פירשטן האָט זיך אויסגע־צייכנט אין קאַמף קעגן די מאָנגאָלן דער שלעזישער פירשט העינריק דער פרומער (פּאָבאָזשני), וועלכער האָט פאַרהאַלטן דעם אָנגריף פון דעם שונא, אָבער בעת דער שלאַכט ביי ליגניץ אין יאָר 1241 איז ער געפאַלן. מיט זיין טויט ענדיקט זיך די הערשאַפט פון די שלעזישע פירשטן פון דער העינריק־דינאַסטיע.

אין דעם ווידערשטאַנד, וועלכן די שטעט האָבן געשטעלט די מאָנגאָלן, האָבן אויך אָנטיילגענומען די יידישע שטאָט־איינוווינער, בפרט אין שלע־זיע. די יידן פון שווידניץ, וורעצלאַוו און אַנדערע שלעזישע שטעט, זענען מחויב געווען, ווי באַוווסט, אָנטיילצונעמען אין באַשיצן די שטעט־מויערן קעגן די איבערפאַלן פון שונאים. די דאָזיקע פליכט פון די יידן ווערט איבערגעחזרט אין דאָקומענטן אפילו פון דער ערשטער העלפט פון XIV־טן י"ה.* עס איז קלאָר, אַז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע תושבים פון די אָנגע־גריפענע שלעזישע שטעט האָבן אויך די דאָרטיקע יידן פאַרטיידיקט מיט געווער אין האַנט די שטאָט־מויערן קעגן די מאָנגאָלן.

אַדאַנק דעם מסירת־נפשדיקן פאַרטיידיקונגס־קאַמף קעגן די אָנגריי־פער, וועלכע האָבן געטראָגן חורבן און פאַרשקלאַפונג, איז פאַרהאַלטן גע־וואָרן דער ווייטערדיקער פאָרויסמאַרש פון די מאָנגאָלן אויף מערב, און צענטראַל און מערב־אייראָפּע האָבן אויסגעמיטן דעם גורל פון קיעווער רייסן. די טאַטאַרן האָבן פאַרלאָזט פוילן און דורך אונגאַרן אַוועק צוריק אויף מזרח. אָבער פוילן איז סיי ווי געבליבן חרוב, מיט אָפּגעברענטע שטעט, אַ רואינירטער לאַנדווירטשאַפט, אַ טראַגיש־רעדוצירטער באַפעלקערונג און צעבראָכענער עקאָנאָמיק.

די לאַגע איז נאָך קריטישער געווען צוליב דעם, וואָס דאָס לאַנד איז געווען צעריסן אויף אַ ריי באַזונדערע פירשטנטומס. דעם שווערן מצב פון

* אזוי לייענען מיר אין א דאָקומענט פון יאָר 1328, וואָס באַשטעטיקט די פריווילעגיעס פון די יידן אין שווידניץ, אז: „יעדער ייד, וואָס פאַרמאָגט א באַזיץ אין שטאָט, איז מחויב צו שיסן צוזאמען מיט אלע שטאָט־וווינער און האַלטן וואַך און העלפן לטובת דער שטאָט ווי די (קריסטלעכע) שטאָט־בירגער".

Ein itzlich Jude der da geerbirt in der Stadt, der sal mit den Burgern schozzen und wachen, czu anderen Nutzen der Stadt helfen als Burger.

רעם רואינירטן, בלוט־אָפּגעגאַנגענעם און צעריסענעם לאַנד האָבן אויס־געניצט די שכנותדיקע שבטים — די פּאָמאָזשאַנער, פּרייסן,* ליטווי־נער — וועלכע האָבן געמאַכט אָפטע רויב־אָנפאַלן אויף די ראַנד־געביטן פון פּוילן. אַזוי אַרום איז דער חורבן און צעמישונג אין לאַנד געוואָרן נאָך גרעסער.

נאָכן אָפּטראָגן זיך פון די מאָנגאָלן, זענען די פּוילישע פּעאָדאַלן, שטרעבנדיק צו באַפעלקערן די וויסט־געוואָרענע געגנטן און ווידער אויפ־צובויען די רואינירטע לאַנדווירטשאַפט און אָפּגעשוואַכטע שטעט, צוגע־טראָטן צו אַ ברייט־פּאַרמאָסטענער אַקציע פון אַריינציען אין לאַנד אויס־לענדישע קאָלאָניסטן, בפרט פון די שכנותדיקע לענדער: דייטשלאַנד און טשעכיע. אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אין פּוילן די א. ג. דייטשישע קאָלאָ־ניזאַציע און בכלל די איגערלעכע קאָלאָניזאַציע אויפן יסוד פון דייטשישן רעכט. גרויסע מאַסן דייטשישע און אַנדערע קאָלאָניסטן וואַנדערן אריין אין לאַנד. די קאָלאָניסטן באַקומען די מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אויף ערד, צו בויען דערפער און גרינדן שטאָטישע ישובים; אויף די קאָלאָניזיר־טע שטחים באַקומען זיי נויז־רעכט און זענען דערפאַר מחויב צו צאָלן די פּעאָדאַלע באַלעבאַטים אַ צינש אין געלט און אין נאַטור.

צווישן די מאַסן איינגעוואַנדערטע קאָלאָניסטן זענען אויך געווען אָנ־געזעענע צאָלן יידן פון דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ פרייווויליקע איינ־וואַנדערונג, וואָס איר שטויס־קראַפט זענען אין יענער צייט נאָך נישט גע־ווען רדיפות אין די אַלטע היים־לענדער פון די יידן, נאָר האָט געטראָגן אַ ריין־ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. פון איין זייט איז שווער געווען אין דייטשלאַנד אויסצוהאַלטן דעם שטייגנדיקן שטייער־לאַסט און די קאָנקו־רענץ; פון דער צווייטער — האָבן געלאָקט די פּרנסה־מעגלעכקייטן אין דער פּוילישער מדינה, וועלכע האָט געזוכט מענטשן צו דער גרויסער ווידער־אויפבוי־אַרבעט. די יידן פון דייטשלאַנד פלעגן סוף XIII־טן י״ה, ד. ה. נאָך דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע, אָנקומען קיין פּוילן גרופּנווייז, מיט די משפחות און פאַרמעגנס. די צאָל פון דער יידישער אימיגראַציע פון דייטש־לאַנד האָט אין יענעם פּעריאָד געהאַלטן אין איין שטייגן, וואָרעם די פּוי־לישע פּעאָדאַלן האָבן אויפגענומען די יידן זייער גערן, און דאָס מחמת צוויי טעמים: ראשית — ווייל די יידן זענען געווען ס׳רוב אַ שטאָטישער עלע־

* פּרייסן — אַן אַלטער באַלטישער שבט, וואָס איז דערנאָך אויסגעראָטן גע־וואָרן דורך דעם גערמאַנישן קרייץ־ריטער־אָרדן. נישט צונויפמישן מיט די שפּע־טערדיקע גערמאַנישע פּרוסאַקעס.

מענטש און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע דערפאַרונג אין מסחר, מלאכה און בפרט אין קרעדיט־וועזן, וואָס איז געווען אין דעמאָלטיקן פּוילן אַ נייער, ווייניק־באַקאַנטער און נייטיקער ווירטשאַפטלעכער פאַקטאָר; צווייטנס — זיינען די יידישע קאָלאָניסטן און אייינוואַנדערער געווען פאַר די פּוילישע הערשער אַ סך באַקוועמער פון די דייטשישע, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פּאָליטיש־עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, זיי האָבן נישט געבראַכט מיט זיך קיין אַנטאַגאָניסטישע פון דער דייטשישער מלוכה, וועלכע איז בכלל געווען פיינטלעך לגבי פּוילן, נאָר פאַרקערט — זיי זיינען געווען קעגנעריש געשטימט צו דייטשלאַנד, ווו זיי האָבן געהאַט אין די פאַר־גאַנגענע צייטן טראַגישע איבערלעבענישן און ווו עס האָבן כסדר געדראָט טרויעריקע פערספּעקטיוון פון דער מעגלעכקייט פון באַנייטע צרות און רדיפות.

די יידישע אייינוואַנדערונג פון יענעם פּעריאָד איז באַשטאַנען נישט בלויז פון די דייטשישע און (אין אַ קלענערער מאָס) טשעכישע יידן. אַנט־לויפנדיק פאַרן מאָנגאָלישן פייער האָבן זיך באַזעצט אין גרויספּוילן און קליינפּוילן מאַסן יידן פון די רייסישע געביטן. אין דער זעלבער צייט זע־נען נאָך אַלץ אָנגעקומען קיין פּוילן געוויסע צאָלן יידן פון די כוזרישע גע־ביטן און פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, צווישן זיי אַ סך יידישע משפּ־חות, וועלכע האָבן געזוכט אין פּוילן נישט קיין מקום־מקלט פאַר רדיפות, נאָר אַ געביט פון גרויסע פערספּעקטיוון פאַר ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. וואָרעם דער פּעריאָד פון די לעצטע יאָרצענד־ליקער פון XIII־טן י״ה ביז סוף נאָך דער העלפט פון XV־טן י״ה איז געווען אין פּוילנס געשיכטע אַ צייט פון ראַשיקער אַנטוויקלונג פון די שטעט, פון האַנדל און מלאכה, פון אַן אַנטוויקלטן פראָצעס פון דער סחורה־ און געלט־ווירטשאַפט. און אָט דער זעלביקער גרויסער צייט־אָפּשניט איז גע־ווען אַן איבערברוך־פּעריאָד אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן, דער פּעריאָד פונעם אויפקום פון אַ באַנייטן יידישן ישוב, נאָכן חורבן פון דער פּאַטאַרישער איגוואַזיע. דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם יידישן ישוב אין פּוילן, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב די מאָנגאָלישע אָנפאַלן, האָט זיך איצט אָנגעהויבן אויפסניי און איז אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד געוואָרן אַ נייער אָנהייב פאַר אַ נישט־איבערגעריסענער קאָנטינואַציע אין משך פון די ווייטערדיקע דורות, אַ נייער גרונד־שטיין פאַרן סטאַבילן און שוין אומאויפהערלעך זיך אַנטוויקלדיקן יידיש־פּוילישן ישוב.

דער באַנייטער ישוב, וואָס זיין רוקן־ביין זיינען געווען די אַלטע יידישע

קהלות, איז געשטיגן אין צאָל נישט בלויז אַדאַנק די אויבנדערמאָנטע פרייוויליקע אייַנוואַנדער-כוואַליעס, און בפרט אַדאַנק די יידישע קאָלאָניסטן פון דייטשלאַנד, נאָר שפּעטער אויך אין רעזולטאַט פון אַ צווייטן מין אימיגראַציע, פון אַ געצוווּנגענער אייַנוואַנדערונג פון די יידן פון מערב, ווו עס האָבן זיך פון XIII-טן י״ה און נאָך מער אין XIV-טן י״ה אַ טראָג געטאָן נייע כוואַליעס פון בלוטיקע רדיפות און גירושים פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די בלוטיקע כוואַליע פון רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד איז אויפסנייַ אויפגעקומען אין יאָר 1298, אין דער צייַט, ווען אין דעם דאָזיקן לאַנד איז אָנגעגאַנגען אַ רעוואָלוציע און אַ מלחמה צווישן די צוויי קאַנדידאַטן צו דער קרוין: אַדאָלף פון נאַסוי און אַלבערט פון האַבסבורג. אין לאַנד האָט געהוליעט מאָרד און חורבן. עס האָט געהערשט אַן עקאָנאָמישער און פּאָליטישער תוהו ובוהו, און דער גאַנצער קריזיס האָט זיך געלייגט מיטן שווערסטן עול אויף די ברייטע פאָלקס-מאַסן. מורא-האָבנדיק פאַרן אויפברויז פון די פויערישע מאַסן און פון דער שטאָטישער אָרעמקייט, האָבן געוויסע פעאָדאַלן אָנגעווענדעט דאָס אַנטי-יידישע דיווערסיע-מיטל, אָנגערייצט און געוואָרפן די צו נויט און הונגער דערפירטע קריסטלעכע אָרעמקייט קעגן די יידן. דער אָנפירער פון דער אַנטי-יידישער פּאָגראָם-באַוועגונג איז געווען דער פאַראָרעמטער דייטשישער אַדלמאַן רינטפלייש; די בלוטיקע כוואַליע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פרילינג 1298, איז טאַקע אַרייַן אין דער יידישער געשיכטע אונטערן נאָמען: „גזירת רינטפלייש“.

אין פרילינג 1298 האָבן פינצטערע עלעמענטן גענומען פאַרשפרייטן אַ קלאַנג, אַז די יידן האָבן געשענדעט די האָסטיע, צעשטויסן אין אַ מערזשל דאָס „הייליקע ברויט“ פון דער קירך-קאָמוניע, און ענלעכע בבא-מעשיות. אונטער רינטפליישס אָנפירונג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן רויבערישע און רוצחישע באַנדעס איבער די שטעט פון בייערן, פראַנקאָניע און עסטרייך און אומעטום געשאָכטן די יידישע באַפעלקערונג. אין אַ גאַנצער ריי שטעט האָבן די דייטשישע יידן געשטעלט אַ מוטיקן און פאַרביטערטן ווידערשטאַנד, צווינגענדיק אין געוויסע פאַלן דעם אויפגעהעצטן המון צו אַנטלויפן. אָבער צו הילף די פּאָגראָם-עלעמענטן פלעגן קומען די ריטער, און דעמלט איז דער ווידערשטאַנד פון די יידן געבראָכן געוואָרן. אזוי האָבן, למשל, זיך געהאַלטן די יידן אין דער ראָטענבורגער פעסטונג אין משך פון דריי טעג; צום סוף האָבן רינטפליישס באַנדעס געזיגט, און די יידן זענען לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן. אויך די יידן פון נירענבערג האָבן זיך פארטיידיקט הינטער די מויערן פון דער פעסטונג, וועלכע איז סוף כל סוף

אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די אָנפּאַלער, און די יידן זענען באַגאַנגען קאָלעקטיוו זעלבסטמאָרד, וואַרפנדיק זיך לעבעדיקערהייט אין די פלאַמען פון דער ברענענדיקער פעסטונג.

סוף כל סוף איז אַרויסגעטראָטן דער קעניג אַלבערט און דערשטיקט די רשעותדיקע כוואַליע, מורא האָבנדיק, ווייזט אויס, אַז די אויפגעפּענטע סטיכיע פון מאָרד און צעשטערונג קאָן זיך נאָך ווענדן קעגן די פעאָדאַלן און דער מאָנאַרכיע גופא.

ווי עס טיילט מיט דער טשעכישער כראָניקער פּעטער זשיטאַווסקי, זענען פון פייער און שווערד אומגעקומען דעמלט אין דייטשלאַנד קרוב 10 טויזנט יידן.

די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן האָבן געצוווּנגען די פּליטים פון רינט-פליישס רוצחישער שווערד צו זוכן אַ מקום-מקלט פאַר דער פאַרניכטנדיקער כוואַליע. אָנהייב דעם XIV-טן י"ה הייבט זיך אָן אַ פרישער יידישער עמיגראַציע-שטראָם פון דייטשלאַנד קיין פּוילן, וווּ די פּליטים ווערן אויפגענומען גערן און באַקומען מעגלעכקייטן פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק רואיקן לעבן און פון פירן אַ ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. די עמיגראַציע ציט זיך פון ווייטן וואָרמס דורך רעגענסבורג קיין קראָקע און אַנדערע שטעט פון קליינפּוילן, גרויספּוילן און שלעזיע. אין מאַטעריעלער הינזיכט איז דער דאָזיקער שטראָם אָרעמער איידער די יידיש-דייטשישע קאָלאָניסטן פון סוף XIII-טן י"ה. די איצטיקע אימיגראַנטן זענען געווען פּליטים און געלאָזט אויף הפקר אין זייער אַלטן היימלאַנד אַ גרויסן טייל פון זייער האָב און גוטס.

אין דער זעלביקער צייט גייט מיטן זעלביקן שליאַך קיין פּוילן אַן אימיגראַציע-כוואַליע אויך פון פראַנקרייך, ווו די יידן האָבן אין משך פון XIII-טן י"ה דורכגעמאַכט שווערע און פּייַנלעכע צייטן און אַ גאַנצע רייי גירושים. אין משך פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט איז אין זייער אַ שטאַרקער מאָס אָפּגעשוואַכט און באַשרענקט געוואָרן די יידישע מלאכה און דער יידישער האַנדל אין פראַנקרייך. די יידן זענען געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון לאַנדווירטשאַפט און וויין-צוכטלעריי. די פּאָליטיק פון די פעאָדאַלע הערשער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו פאַרוואַנדלען די אָרעמע פּראָדוקטיווע יידן אין בעטלער און די רייכע יידן אין וווכערער, וועלכע האָבן געדאַרפט שפּילן די ראָל פון אַ „שוואָם": איינזאַפּן אין זיך, אָנזאַמלען דורך הויכע וווכער-פּראָצענטער באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, כדי דער פעאָדאַלער הערשער זאָל דערנאָך דורך אַ גירוש

פון די יידן און דורך קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס קאָנען געווינען אָן שום אָנשטרענג (און אָן שום רעכט) ריזיקע קאַפּיטאַלן און אַנדערע מינים רייכטום, וועלכע זענען אים נייטיק געווען צו פירן מלחמות און בכלל אויסצופילן זיינע ליידיקע קאַסעס. און מיט אַ צייט שפּעטער פלעגט דער פעאָדאַלער הערשער אַריינלאָזן די וואָגלענדיקע און אויסזיכטלאָזע יידן צוריק, כדי זיי זאָלן ווידער איבערנעמען די ראָל פון אַ „שוואָם“. דער „קלאַסישער“ דורכפירער פון אָט דער פּאָליטיק לגבי די יידן איז געווען דער פראַנצויזישער קיניג פיליפ דער שיינער (1285—1314), וועלכער האָט זיך כסדר גענייטיקט אין ריזיקע סומען געלט צוליב דער לאַנגדויערנדיקער מלחמה, וואָס ער האָט געפירט מיטן פּויפּסט. אין יאָר 1306 האָט ער פאַרטריבן די יידן פון לאַנד, בארויבנדיק זיי פון זייערע פאַרמעגנס; אין אַ צייט אַרום האָט ער זיי צוריק אַריינגעלאָזט, כדי נאָך אַ געוויסער צייט זיי נאָכאַמאָל אַרויסצוטרייבן און אויספילן אַזוי אַרום זיין ליידיקע קאַסע. אין 36 יאָר נאָך דעם דאָזיקן גירוש האָבן די יידן באַניים געמעגט קומען קיין פראַנקרייך. אַזוי אַרום זענען די פראַנצויזישע יידן אין משך פון גאַנצן XIV י״ה געווען נע ונד, און מחמת דעם האָט זייער מערהייט געמוזט זיך צופּאַסן צו אַזאַ אומרואיק לעבן פון „ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט“; די אומאויפהערלעכער גירוש-באַדראָטע יידן האָבן אַזוי אַרום געמוזט מיט זיך שטענדיק האָבן גרייט דאָס, וואָס מען קאָן מיט זיך נעמען אין פאַל פון ווערן פלוצים אַרויסגעטריבן פון לאַנד, ד. ה. — געלט, גאָלד, צירונג וכדומה.

עס איז אָבער קלאָר, אַז מחמת די כסדרדיקע קאָנפיסקאַטעס און גירושים זענען די פראַנצויזישע יידן שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן און זיי האָבן גענומען פאַרשעלטן דאָס לאַנד, פאַר וועלכן זיי האָבן אַ סך געלייטעט אין די פאַרגאַנגענע צייטן. די כראָניק „עמק הבכא“ שרייבט: „ויצאו היהודים בשבעה דרכים מן הארץ הארורה ההיא, וידל ישראל מאד“. (און זענען אַרויס די יידן דורך זיבן וועגן פון אָט דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד. און די יידן זענען זייער פאַראָרעמט געוואָרן).

אַ טייל פון די פראַנצויזישע יידן האָט זיך געראַטעוועט פון אייביק; אומרו און שטענדיקער אומזיכערקייט דורך איבערוואַנדערן קיין פוילן און שלעזיע. די לאַגע פון די יידן אין מערב-אייראָפּע איז אין יענעם פעריאָד געוואָרן נאָך מער פאַרשאַרפט צוליב דעם ענדגילטיקן גירוש פון די יידן פון ענגלאַנד, אין דער צייט פונעם קיניג עדואַרד דעם ערשטן אין יאָר 1290. לויטן קיניגלעכן באַפעל האָבן די יידן געמוזט אין משך פון דריי חדשים

ליקווידירן זייערע ענינים און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן געוווינט זינט די רוימישע צייטן אָדער לכל הפּחות זינט דער אַריינדרינגונג פון די נאָר־מאַנער. פאַקטיש זענען זיי אַרויסגעיאָגט געוואָרן פאַרן פאַרלויף פון דעם טערמין, און זייערע פאַרמעגנס זענען צוגערויבט געוואָרן דורך די ענגלישע קיניגן. ביזן מיטן פון XVII י"ה, ביז דער רעוואָלוציע פון אָליווער קראָמ־וועל, איז קיין עפנטלעך און לעגאַל יידיש לעבן אין ענגלאַנד נישט געווען. אַזוי אַרום איז די געשיכטע פון יידן אין ענגלאַנד איבערגעריסן געוואָרן אין סוף פון XIII י"ה אויף אַ ריזיקן צייט־אָפּשניט פון קרוב 400 יאָר.

אינמיטן דעם XIV י"ה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שווער־געפּרוווטער יידישער באַפעלקערונג פון דייטשלאַנד אַ פּריש אומגליק. אין יאָר 1347 איז אויסגעבראָכן אין אייראָפּע אַ שרעקלעכע מגיפה פון פּעסט, וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן: „דער שוואַרצער טויט". די צאָל קרבנות איז געווען אַ ריזיקע. אין אַ ריי לענדער איז אומגעקומען צוויי דריטל פון דער באַפעלקערונג. די גרעסטע צאָל קרבנות איז געווען אין ענגלאַנד. די מגפה איז קיין דייטשלאַנד געקומען פון איטאַליע, ווו זי איז פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די איטאַליענישע מסחר־קאָלאָניסטן פון קרים, און אהער איז זי געבראַכט געוואָרן פון ווייטן כינע. עס איז קלאָר, אַז דעם גרעסטן שניט האָט די מגפה געמאַכט צווישן די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די אומצופרידנקייט און די בונט־שטימונגען ביי אָט די שיכטן זענען אָנגע־וואַקסן אין אַ שנעלן טעמפּ. האָבן די פעאָדאַלע און קירכלעכע עלעמענטן ווידער אַרויסגעצויגן פונעם אַרסענאַל דאָס אַלטע דיווערסיע־מיטל — געגנו־מען איבערוועקסלען די אומצופרידנקייט פון די מאַסן קעגן דעם „שונא פון קריסטנטום", די שוצלאָזע יידן. עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די מגפה נעמט זיך דערפון, וואָס די יידן פאַרסמען די ברונעמס, כדי אויסצוראָטן די קריסטן. תיכף נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן אין דייטש־לאַנד בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן. דאָס יאָר 1348 איז געווען דאָס שווידער־לעכסטע אין דער געשיכטע פון די דייטשישע יידן (נאַטירלעך — ביז דער היטלער־תקופה). גאַנצע יידישע קהלות זענען געוואָרן אויסגערויבט און אויסגעשאָכטן. און דער קייזער קאַרל IV (1346—1378) האָט נישט בלויז נישט געגעבן די יידן די מינדסטע שוץ, נאָר אַכטונג געגעבן, עס זאָל אים ווערן אויסגעצאָלט זיין חלק פונעם רויב. אין אַ ריי ערטער האָבן די יידן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. למשל אין מיינץ האָבן זיך 300 יידישע יונגע־לייט אָרגאַניזירט און באַוואָפנט און זיך קעגנגעשטעלט די פּאָגראָם־לייט.

אין קאַמף זענען לכתחילה געפאַלן אַרום 200 רוצחים.* דעמלט זענען קעגן די יידן אַרויסגעטראָטן שטאַרקערע כוחות פון דעם אונטערגעהעצטן, קריסט־לעכן פינצטערן המון. און אומגלייכן קאַמף זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן קרוב 6000 יידן — קינד און קייט, מענער, פרויען און זקנים. די גרעסטע יידישע קהלה אין דייטשלאַנד, די באַריממטע מאַגונצאָ (מיינץ), האָט אויפ־געהערט צו עקזיסטירן.

אויך די יידן פון קעלן האָבן זיך פאַרטיידיקט אין משך פון עטלעכע טעג, ביז די רוצחים האָבן אונטערגעצונדן דעם יידישן קוואַרטאַל, און די יידן זענען אומגעקומען אין די פלאַמען.

מיט אַ העלדישן טויט זענען געפאַלן די יידן פון וואָרמס (וואָרמייזא). די אַרטיקע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויפגעפאָדערט די יידן, זיי זאָלן זיך שמדן אין משך פון דריי טעג. די וואָרמייזער יידן האָבן געענטפערט מיט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין ראָטהויז און אומגעבראַכט די ראַטמענער, דערקלערנדיק — ווי עס גייט איבער די מסורה: „צום ערשטן מוזן מיר נקמה נעמען אין אונדזערע שונאים, און דערנאָך װעלן מיר שטאַרבן על קידוש השם". אין דער זעלבער צייט האָבן יידישע פרויען אונטערגעצונדן די שטאָט פון אַלע פיר עקן. די יידן פון וואָרמס זענען אומגעקומען, אָבער אויך אַ סך פון די רוצחים האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן.

נישט בעסער איז געווען דער גורל פון די יידן פון ווין, אָפּענהיים און אַנדערע שטעט. אומעטום זענען די יידן אומגעקומען אין פלאַמען, אָדער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן.

די בלוטיקע אָנפאַלן אויף די יידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן זיך געצויגן אין משך פון די יאָרן 1349—1352.

באַדייטנדיקע צאָלן פליטים פון אָט דער בלוטיקער זאַוויערוכע האָבן זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק קיין פוילן, וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט און זענען שוין פאַרבליבן.

נאָך איין אימיגראַציע־שטראָם, אַ קלענערער, האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דעם יידיש־פוילישן ישוב אין יאָר 1360, ווען אַ געוויסע צאָל אונגאַרישע

---

* די יידן פון מיינץ האָבן געהאַט אַ טראַדיציע פון קריגסלייט. אין יאָר 1288 האָבן 500 באַוואָפנטע יידן געדינט אין דער לייב־וואַך פון דעם אָרטיקן ערצבישאָף און מיט אַנטבלויזטע שווערדן געווען גרייט אָפּצושלאָגן יעדע אַטאַקע. אַזוי גייט איבער די כראָניק פון קאָלמאַר.

יידן, וועלכע האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוליבן גירוש, זענען אַוועק קיין פוילן און זיך באַזעצט אין די קליינפוילישע שטעט.

דער XV־טער י״ה האָט פאַרענדיקט דעם דראַזיקן טראַגישן ציקל פון דער יידישער מאַרטירערישער געשיכטע אין מערב־אייראָפּע. דער XV־טער י״ה איז דאָ געווען דער יאָרהונדערט פון גרויסע און ענדגילטיקע טאָטאַלע גירושים. אין משך פון דער ערשטער העלפט פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט זענען פולשטענדיק אַרויסגעטריבן געוואָרן די יידן פונעם ריין־געביט. אין מיטן פון XV י״ה איז געקומען דער גירוש פון די יידן פון דרום־דייטש־לאַנד (פון שוואַביע און בייערן). אין סוף פון דעם דאָזיקן גירושים־יאָרהונ־דערט זענען אַרויסגעיאָגט געוואָרן די יידן פון דער רעשט דייטשלאַנד און עסטרייך.

אין דעם זעלביקן פעריאָד פאַרשאַרפן זיך די רדיפות אויף דער יידי־שער באַפעלקערונג אין טשעכיע, וווּ עס זענען אין משך פון XIV י״ה פאָרגעקומען אָפטע אָנפאַלן, באַרויבונגען און גירושים פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי איז אין דער ערשטער העלפט פון XIV י״ה באַרויבט געוואָרן די פּראָגער שול. אינמיטן פון אָט דעם יאָרהונדערט, בעת דעם „שוואַרצן טויט“, האָט דער קייזער קאַרל דער פערטער קאָנפיסקירט ביי די פּראַגער יידן זייערע הייזער און זיי אַוועקגעשענקט צו קריסטלעכע סטו־דענטן; אין יאָר 1388 האָט מען אַ גרויסע צאָל יידן אין פּראָג לעבעדיקער־הייט פאַרברענט צוזאַמען מיט זייערע הייזער. אין דער צווייטער העלפט פון XV י״ה האָבן זיך ווידער באַנייט די רדיפות אויף די טשעכישע יידן, אין שייכות מיט דער מפּלה פון די טאַבאָריטן. אין XV י״ה ברעכן אויס נייע רדיפות אויף די יידן אין אונגאַרן.

צו דער קאַטאַסטראָפע פון דעם גרויסן יידישן ישוב אין שפּאַניע, וועל־כע האָט אָנגעצויגן ווי אַ געשוויר אין משך פון XV י״ה און זיך פאַר־ענדיקט מיטן טאָטאַלן גירוש ביים סוף פון אָט דעם יאָרהונדערט, וועלן מיר זיך אומקערן אין ווייטערדיקן בוך פון אונדזער אַרבעט.

דאָס בילד פון יידישן לעבן אין מערב־ און מיטל־אייראָפּע איז געווען אומהיימלעך און פינצטער. וווּהין האָבן זיך געקאָנט ווענדן די פאַרטריבענע יידן פון די גרויסע לענדער פראַנקרייך, דייטשלאַנד און עסטרייך און די בלוטיק געררודפטע יידן פון טשעכיע און אונגאַרן? קיין ענגלאַנד איז דער אַריינקום פאַר יידן געווען פאַרבאָטן; ענגלאַנד איז שוין געווען „יידן־ריין“. איבערן גרויסן שפּאַנישן יידנטום איז געהאָנגען דער דאַמאָקלעס־שווערד פון שמד, אינקוויזיציע און גירוש. איטאַליע האָט נאָר אין אַ מינימאַלער

מאָס אויפגענומען די פליטים. בלויז פוילן האָט געהאַט אָפענע גרענעצן פאַר די לעבן־געבליבענע יידישע מאַסן, אויף וועלכע עס האָט אומעטום ערגעץ אַנדערש געלויערט דער טויט אָדער דער צוואַנג־שמד. די פוילישע פעאָדאַלע הערשער האָבן דאָס געטאָן נישט מחמת זייער גוטהאַרציקייט, נאָר ווייל דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אויפבלי, און מענטשן מיט כלערליי ווירטשאַפטלעכע דערפאַרונגען און קוואַליפיקאַציעס זענען געווען אַ געווונטשענער עלעמענט. אַזוי אַרום איז אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן צווייהונדערטיעריקן פעריאָד, וואָס כאַפּט אַרום די צייט פון דער העלפט XIII ביזן סוף פון XV י"ה, פאָרגעקומען דער אונטערגאַנג פון די גרויסע יידישע ישובים אין דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, די פאַרשווינדונג פון יידישן ישוב אינעם ריין־געביט און אין ענגלאַנד, די אָפּשוואַכונג פון די יידישע קיבוצים אין שפּאַניע און אין טשעכיע. בכלל — אַ גסיסה פון יידישן לעבן אין מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע (אַ חוץ איטאַליע און דעם באַלקאַן). און אין דער זעלביקער צייט איז דער יידישער ישוב אין פוילן געוואַקסן קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו, איינזאַפּנדיק אין זיך די פליטים־מאַסע פון די דאָזיקע לענדער, איבער וועלכע עס זענען אַדורך די קאַטאַסטראָפעס פון מאָנגאָלישער אַגרעסיע, פון דער רינטפלייש־גזירה, פון „שוואַרצן טויט“, פון באַגרענעצונגען און גירושים. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז ווען נישט די עקזיסטענץ פון דער פוילישער מלוכה און ווען נישט איר באַרג־אַרויף אין יענעם פעריאָד, וואָלט אַ גרויסער טייל, אויב נישט דער גרעסטער פון די אָפּגעראַטעוועטע און פאַרטריבענע יידן פון די לענדער, וווּ עס האָבן געבושעוועט פאַרניכטונג, רדיפות און גירושים, אומגעקומען און פאַרשוווּנדן, און איינציטיק וואָלטן פאַרגאַנגען יידישע קולטור־אוצרות. אין אָט דעם באַשטייט דער אָביעקטיווער היסטאָרישער באַטייט פון דעמלטיקן פוילן פאַרן יידישן קיום.

די גרויסע יידישע איינוואַנדערונג פון די מערב־לענדער האָט אויך געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויפן גייסטיקן כאַראַקטער פון דעם וואַקסנדיקן יידישן ישוב אין פוילן. אויב אין דער פריערדיקער תקופה, פאַר דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע, איז דער רוקן־ביין פונעם ישוב געווען אַ מזרחדיקער (אַ כוזריש־ביזאַנטיש־רייסישער), האָבן איצט די גרונד־השפעות געשטאַמט פון דייטש־פראַנצויזישן, ד. ה. — פונעם אַשכנזישן יידנטום. דאָס פוילישע יידנטום האָט זיך אין משך פון דעם באַהאַנדלטן פעריאָד גענומען פאָרמירן ווי אַן אשכנזישער און איז געוואָרן שטאַרק פאַרבונדן מיטן נוסח און מיט דער טעאָלאָגיע פונעם דייטש־פראַנצויזישן יידנטום.

דער דאָזיקער צושטאַנד פון כמעט אַבסאָלוטער פאַרבונדנקייט מיט דער אשכנזישער קולטור און קולט לויטן נוסח פון די דייטשישע יידן וועט דויערן ביז דער צייט פונעם רענעסאַנס, ביז די אָנהייבן פון XVI י״ה, ווען עס וועט זיך נעמען בולט פאָרמירן אַ זעלבשטענדיקער נוסח פון יידיש־פוילן און עס וועט קומען די גייסטיקע קאָנסטיטואירונג פון פוילישן יידנטום, וואָס וועט זיך מאַכן זעלבשטענדיק פונעם דייטשישן.

די איינגעוואַנדערטע יידן פון מערב האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע אונטערנעמערישע ענערגיע. זיי זענען געווען קודם כל — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט — שטאָטישע און (אין אַ פיל קלענערער מאָס) דאָרפישע קאָלאָניסטן. זיי האָבן זיך באַזעצט אין שטעט און צום טייל אויך אין דערפער, און געשאַפן צוזאַמען מיט דער אַלטער אָרטגעזעסענער יידישער באַפעלקערונג אַ באַנייטן און ענערגיע־שפּרודלדיקן יידישן ישוב.

## קאַפּיטל צוויי

# די שטאָטישע און דאָרפישע קאָלאָניזאַציע און די אויס־שפּרייטונג פון די ייִדן אין פּוילן ביזן סוף פון XV י״ה

דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער באַהאַנדלטער תקופה אין פּוילן איז די ראַשיקע בויונג פון נייע שטעט און שטעטלעך און די פאַנאַנדערבוויונג און וווּקס פון די עקזיסטירנדיקע באַדייטנדיקע שטאָטישע ישובים. די סאַמע וויכטיקסטע פּוילישע שטעט פון XIII־טן י״ה זענען געווען: קראָקע, פּלאָצק, גדאַנסק און די שלעזישע — ווראָצלאַוו, גלאָגווו, אָפּאָלע, שווידניץ אאַ. דער XIV־טער י״ה באַטייט אין דער געשיכטע פון די פּוילישע שטעט אַן איבערברוך־צייט. זייער צאָל וואַקסט אין משך פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט זייער שנעל. בלויז אין דער צייט פון קאַזשימיעזש דעם גרויסנס הערשאַפט (XIV־טער י״ה) שטייען אויף אַרום 65 נייע שטעט, וואָס אַ העלפט פון זיי האָט געגרינדעט מיט דער הילף פון די אָנגעקומענע און פון אינלענדישע קאָלאָניסטן דער קיניג אַליין, אַ פּערטחלק — די גרעסערע און מיטעלע פעאָדאַלן און אַ פערט־חלק — די קירך. צווישן די ניי־געגרינדעטע שטעט געפינען זיך אַזעלכע, ווי: נאָווי־טאַרג, קוזמיר (קאַזשימיעזש) ביי דער ווייסל, פּיוונימשנאַ, קראָשטשענקאָ, בענדין, ראָפּטשיץ, לאַנצקאָראָנאַ, טורעק, בידגאָשטש, ווישניאַ, קויל (קאָלאָ), וושעשניא, פּאַקאָשטש, וואָרקע, משערסק, טאַרטשין אאַ. אין XIV־טן י״ה מאַכט אַדורך א גרויסע אַנטוויקלונג די רייסישע שטאָט לוואָוו, וועלכע געהערט שוין דעמלט צו פּוילן. די גרויס און די צאָל איינוווינער פון אַלטע און נייע שטעט איז א פאַרשידענע. אין XIV־טן י״ה וואַקלט זיך די איינוווינער־צאָל פון זעקס־זיבן הונדערט נפשות ביז 17 טויזנט, למשל ווראָצלאַוו ציילט דעמלט 17 טויזנט איינוווינער, די הויפּטשטאָט פון פּוילישן קיניגרייך קראָקע — אַרום 14 טויזנט, גלאָגווו — 11 טויזנט, ניסאַ — 6

טויזנט, סאַנדאָמיעזש (צויזמיר) — 2470, ביטאָם — 1440, ניי-סאָנטש — 1240, אָפּאַטאָוו (אַפּט) — 870 און אָשוויענטשים (אושפּיצין) — 640.

צו די גרעסטע שטעט זענען אין יענע צייטן פאַררעכנט געוואָרן אויך שטשעטשין, גדאַנסק, טאָרון, כעלמנאָ. אין XV-טן י"ה ציילט שוין ווראָצלאַוו אַרום 20 טויזנט איינוווינער, גדאַנסק און קראָקע — צו 15 טויזנט, פּויזן געהערט צו די מיטעלע שטעט און פאַרמאָגט לפּי ערך 4000 באַוווינער, צויזמיר (סאַנדאָמיעזש) האַלט איין איר פריערדיקע צאָל; באָכניע ציילט ווייניקער איינוווינער — 2000.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינטענסיווע קאָלאָניזאַציע פון די חרובע און ליידיקע געגנטן נאָך דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע, זענען די פּוילישע שטעט געבויט געוואָרן מיט אַ באַדייטנדיקן אָנטייל פון אַריינגעוואַנדערטע דייטשן, טשעכן, פלעמער, איטאַליענער, אַרמענער. אין דער בויונג פון נייע שטעט און שטעטלעך און אין דער אַנטוויקלונג פון די עקזיסטירנדיקע האָבן אַן אָנגעזעענעם אָנטייל גענומען אויך די איינגעוואַנדערטע און די אָרט-געזעסענע יידן. אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד פון דער בויונג און וווּקס פון די פּוילישע שטעט איז גלייכצייטיק פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון דער אַנטשטייונג פון אַ סך נייע יידישע שטאָטישע ישובים און פון אַ גרויסער אַנטוויקלונג פון די אַלטע יידישע קיבוצים אין די שטעט.

גרעסערע און קלענערע יידישע שטאָטישע ישובים זענען, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, שוין געווען אין פּוילן אין די פריערדיקע דורות, לאַנג פאַר דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן, שוין אין די צייטן פון די ראָדאַגיטן און פון דער כוזריש-יידישער איינוואַנדערונג. אַ יידישער ישוב האָט עקזיסטירט אין פּשעמישל שוין אין XI-טן י"ה, אָבער ער איז אָפּגעווישט געוואָרן דורך דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע. דער יידישער ישוב אין קאַליש האָט שוין עקזיסטירט אין דער ערשטער העלפט פון XII-טן י"ה. דער יידישער ישוב אין פּלאָצק — שוין אין אָנהייב פון XIII-טן י"ה. אויך אין לובלין, קראָקע, פּויזן זענען זיכער געווען נאָך פאַר דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע יידישע קיבוצים. אין משך פון דער צייט, וועלכע כאַפּט אַרום די צווייטע העלפט פון XIII-טן און דעם גאַנצן XIV-טן י"ה, ד. ה. — אין דער צייט פון דער אינטענסיווער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע אין פּוילן, קומען אויף נייע יידישע ישובים אין קליינפּוילן, גרויספּוילן, רויטרייסן* און מאַזאָוויע. צווישן אַנדערע אַנטשטייען יידישע קיבוצים אין צויז-

* Ruś czerwona.

מיר (די ערשטע ידיעות שטאַמען פון יאָר 1367), פּיזדרי, קאָשטשאַן, קאָפּאַטשעוו, בידגאָשטש, אינאָווראָצלאַוו, לובאָמיל (אַרום יאָר 1370), קאָנין. געווים זענען אין יענער צייט אַנטשטאַנען אַ סך מער יידישע שטאָט־ישובים. ווען, למשל, אין גרויספּוילן וואָלט אין דער צווייטער העלפט פון XIII י"ה עקזיסטירט בלויז אַ יידישער ישוב אין קאַליש, וואָלט דאָך דער פירשט פון גרויספּוילן באָלעסלאַוו דער פרומער זיך נישט אויסגעדריקט אין דעם קאַלישער סטאַטוט, וועלכן ער האָט געשענקט די גרויספּוילישע יידן אין יאָר 1264, אַז ער גיט די פּריווילעגיע פאַרן גאַנצן שטח פון זיין הערשאַפט; עס וואָלט געווען גענוג, ווען ער דערמאָנט בלויז די קאַלישער יידן. ווי באַלד ער רעדט בפירוש וועגן דעם גאַנצן שטח פון זיין ממשלה, הייסט דאָך עס, אַז אויפן גאַנצן שטח, און נישט בלויז אין קאַליש, האָבן דעמלט געוווינט יידן אין די שטעט. איבעריקנס האָט דער קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער, פון XIV־טן י"ה, אין דער יידן־פּריווילעגיע פון יאָר 1367, אונטערגעשטראָכן אָט וואָס: „און מיר, קאַזימירוס, באַנייען, ראַטיפיצירן און באַשטעטיקן די פאַרשריבענע רעכט פאַר די יידן אין קראָקע, סאַנדאָמיר, לעמבערג (לוואָוו) און פון גאַנץ רייסן און פון די לובלינער און סאַנדאָמירער געגנטן".* אין אַ צווייטער יידן־פּריווילעגיע באַטאָנט קאַזשימיעזש דער גרויסער, אַז די פּריווילעגיע איז חל אויף די יידן פון גאַנץ גרויספּוילן. אַזוי אַרום זענען אין XIV־טן י"ה שוין געווען — אַ חוץ די אויבן־אויסגערעכנטע — צאָלרייכע יידישע שטאָט־ און שטעטל־ישובים אין גרויספּוילן, לובלינער און צווזמירער געגנטן און אין רויטרייסן. מען קאָן נישט אָננעמען, אַז בלויז אין די שטעט, ווו עס ווערט אין אַ דאָקומענט אָדער לויט דער דאַטע פון בית־עולם פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון אַ יידישן ישוב, האָבן שוין אין XIV־טן י"ה געוווינט געוויסע צאָלן יידן. נישט אַלע יידישע שטאָטישע ישובים ווערן דערמאָנט פון זייערע פריסטע צייטן אָן אין דאָקומענטן. אַזוי אַרום קאָן מען דרייסט אָננעמען, אַז דער XIV־טער י"ה איז געווען אַ גרויסער קוואַנטיטאַטיווער שפּרונג אין הינזיכט פון יידישער שטאָטישער באַזעצונג אין פּוילן.

אין XIII־טן י"ה באַווייזן זיך יידן צום ערשטן מאָל אויך אין וואַרשע, וועלכע איז פון אַ פישער־ישוב, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען ריבאַקי (פישער), זיך אַנטוויקלט און פאַרוואַנדלט, אַדאַנק איר געאָגראַפישער

---

* Et nos Casimirus Judaeis in Cracovia, Sandomiria, Leopoli et aliis Russie ac Lubliniensium et Sandecensium terrarum... jura descripta... innovamus, ratificamus et confirmamus.

לאַנג, אין דער ערשטער העלפט פון XIII־טן י״ה פון אַ דאָרף אין אַ שטאָט, און דאָס אין אַ וויכטיקער שטאָט, ווייל זי איז געוואָרן די רעזידענץ פון דעם מאַזאָווישער פירשט קאָנראַד (1207—1247); דער דאָזיקער פירשט האָט אויסגעבוימט אַ שלאָס אין יאַזדאָוו.* די ערשטע אָפיציעלע ידיעה וועגן יידן אין וואַרשע שטאַמט אָבער ערשט פון יאָר 1414.

אין XIII־טן י״ה עקזיסטירט שוין אַ יידישער ישוב אין לוואָוו. אָבער די עלטסטע אָפיציעלע ידיעה וועגן דעם לוואָווער יידישן קיבוץ שטאַמט ערשט פון יאָר 1356, ווען די דאָרטיקע יידן האָבן צוגלייך מיט אַלע איינ־וווינער פון דער שטאָט באַקומען פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן מאַגדעבור־גער רעכט אויף גלייכע יסודות מיט אַלעמען, און ממילא האָבן זיי אויך באַקומען אַן אויטאָנאָמיע אין זייערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. אַלע היס־טאָריקער זענען אָבער אין דער מיינונג, אַז אַ יידישער ישוב האָט אין לוואָוו שוין עקזיסטירט אַ סך פריער. אין דער דאָזיקער שטאָט איז אין XIV־טן י״ה געווען נעבן אַזעלכע גאַסן, ווי רוסקאַ, טאַטאַרסקאַ, אָרמיאַנסקאַ, אויך אַ גאַס — זשידאָווסקאַ. אין דער שטאָט האָט, הייסט עס, געוווינט אַ פּיל־נאַציאָנאַלע באַפעלקערונג, און בתוכם אַ לפי ערך אָנזעעוודיקער יידישער ישוב.

אין XIV־טן י״ה שטייט ווידער אויף א יידישער ישוב אין פּשעמישל. עס אַנטוויקלט זיך ווייטער דער יידישער קיבוץ אין לובלין.

צו די וויכטיקסטע יידישע שטאָטישע צענטערס געהערן דעמלט: קראָקע, קאַליש, פּלאָצק, צווזמיר, פּויזן און צום טייל אויך לוואָוו. צווישן די קהלות פון קראָקע און קאַליש גייט אָן אַ קאָנקורענץ וועגן דער בכורה־שאַפט אינעם יידישן לעבן פון לאַנד. דעם גרעסטן באַטייט האָט פונדעסט־וועגן קראָקע. דער יידישער ישוב קאָנצענטרירט זיך דאָ אַרום דער א. ג. יידישער גאַס (הייסט: די גאַס פון דער הייליקער אַנגאַ) מיט די אַרומיקע געסלעך. דער יידישער ווין־ראַיאָן האָט זיך געצויגן פון דער דערמאָנטער יידישער גאַס ביז די שטאָטישע מויערן; נישט ווייט פון די הייניקע פּלאַנטן האָט זיך געפונען דער א. ג. יידישער טויער. אַ סך קראָקעווער יידן האָבן פאַרמאָגט אייגענע גערטנער. הינטער די שטאָט־מויערן, ווו עס האָבן זיך שוין געצויגן לאָנקעס און וואַסערן, איז געלעגן דער בית־עולם. תחילת דער צווייטער העלפט פון XIV־טן י״ה האָט שוין עקזיסטירט די אַלטע קראָקעווער שול, וועלכע איז געשטאַנען אויפן אָרט, ווו עס געפינט זיך הייגט די יאַגעללאָנער ביבליאָטעק.

* Ujazdowo.

אין דעם יידישן ווין-ראַיאָן אין קראָקע האָבן געוווינט נישט בלויז יידן, נאָר אויך קריסטלעכע שכנים, דערהויפּט בעלי-מלאכות. יידן האָבן געהאַט הייזער אויך אין די קריסטלעכע גאַסן; אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן די קריסטלעכע מיעשטשאַנעס און דער קאַטוילישער קלער גענומען מאַכן שוועריקייטן דעם יידישן הייזער-באַזיץ אין די קריסטלעכע געגנטן.

אויך אין קאַליש איז שוין זינט תחילת העם XIV-טן י"ה באַקאַנט אַ יידישע גאַס, וועלכע איז געלעגן דאָרטן, וווּ עס ציט זיך איצט די זלאָטעגאַס. דער יידישער ווין-ראַיאָן אין קאַליש האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער שול און זיך געצויגן פון דעם מאַרק (היינט: דער הויפּט-מאַרק) ביז די שטאָטישע מויערן, נישט הערגרייכנדיק אינגאַנצן צו זיי. אַ ריי קאַלישער יידן האָבן שוין סוף דעם XIV-טן און אָנהייב דעם XV-טן י"ה געהאַט אייגענע הייזער (למשל: נחמה, דניאל, פלטיאל, מרדכי). עס איז פאַראַן אַ ידיעה פון 1410 וועגן דעם, אַז יידן בויען אין קאַליש הייזער. די קאַלישער יידן האָבן געהאַט אַן אייגענעם בית-עולם, פּונקט ווי די קראָקעווער. דעם דאָזיקן מאָמענט איז כדאי אונטערצושטרייכן, ווייל אין XIII און XIV-טן און צום טייל אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער האָט נישט יעדע קהלה אין פּוילן פאַרמאָגט אַן אייגענעם בית-החיים, נאָר בלויז די גרעסערע; די יידן פון די קלענערע און אָרעמערע קהלות פלעגן באַגראָבן זייערע מתים אין אַנדערע שטעט, וווּ עס זענען געווען בית-עולמס.

צו די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין XIV-טן י"ה געהערט סאַנדאָמיעזש (צוויזמיר). אָפּטמאָל האָבן די צוויזמירער יידן רעפּרעזענטירט די יידישע אינטערעסן פון לאַנד צוזאַמען מיט די קראָקעווער. לויט אַ געוויסער מסורה זאָלן די צוויזמירער יידן שוין אין יאָר 1255 געהאַט אויפגעבויט אַן אייגענע שול. די נייערע פאָרשער האַלטן דאָס אָבער פאַר אַ גוזמא און מיינען, אַז די צוויזמירער שול איז אַנטשטאַנען ערשט אין XVI-טן י"ה. ווי עס זאָל נישט זיין, איז די מסורה וועגן דער אַלטקייט פון דער שול כאַראַקטעריסטיש געווען פאַרן זעלבסטגעפיל פון די צוויזמירער יידן פון זייער פאַרוואָרצלטקייט אין דער שטאָט.

אין די אויסגערעכנטע און בכלל כמעט אין אַלע שטעט האָבן זיך די וווינונגען, וואַרשטאַטן און קראָמען פון די יידישע בעלי מלאכות און סוחרים קאָנצענטרירט אַרום דעם מאַרק און אין די געסלעך, וועלכע זענען געלעגן נעבן מאַרק. דער דאָזיקער פאַקט זאָגט צווישן אַנדערן עדות דערויף, אַז די יידן האָבן נישט געבילדעט אין ווירטשאַפטלעכן זין קיין איזאָלירטן עלע-

מענט, נאָר באַדינט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג; דעם מאָמענט וועט נאָך אויסקומען צו באַרירן אין נאָענטסטן קאַפּיטל.

אין XIV-טן י"ה וואַקסט ווייטער די יידישע באַזעצונג אין די שטעט און די אויסשפּרייטונג פון יידן אויפן שטח פון דער פּוילישער מלוכה. עס אַנטוויקלען זיך, אָדער עס אַנטשטייען דעמלט אַזעלכע יידישע ישובים ווי אין קויאַווער בריסק, וווישאָגראָד, פּלאָנסק, ראַווע, מישענסטאָכאָוו, בלוינע, פּולטוסק, זאַקראָטשים, כעלם, יאַסלאָ, סאָנטש, יאַראָסלאַוו, דראָהאָביטש, בוטשאַטש, קאַמעניעץ, מעזשיבאָזש, אָסטראָה, לוצק; עס שטייט ווידער אויף אַ ישוב אין וולאַדימיר-וואָלינסק; עס קומט אויף דער יידישער ישוב אין ליטע.

ווי מיר זעען, זענען די יידישע שטאָטישע ישובים אין XV-טן י"ה געוואַקסן אין מאַזאָוויע, קויאַוויע, קליינפּוילן, וואָלין און ליטע. די יידישע שטאָטישע קאָלאָניסטן האָבן געזוכט נייע געביטן. זיי דרינגען אַריין אין אַזעלכע געגנטן, וועלכע זענען פריער געווען ווייניק באַפעלקערט, אָדער אינ-גאַנצן נישט באַפעלקערט דורך יידן.

אין משך פון דעם באַהאַנדלטן היסטאָרישן פעריאָד שטייגט אויך די צאָל יידן אין שלעזיע. עס זענען פאַראַן ידיעות וועגן דער אַנטשטייונג פון נייע יידישע שטאָט-ישובים און וועגן דער אַנטוויקלונג פון די אַלטע, עקזיס-טירנדיקע, אין שלעזיע. דער צענטער פון יידיש לעבן אין שלעזיע ווערט אַלץ מער וראָצלאַוו, טראָץ די רדיפות און גירושים פון פריערדיקן פעריאָד. עס אַנטוויקלען זיך אין דער צווייטער העלפט פון XIII-טן און אין XIV-טן י"ה די יידישע ישובים אין שווידניץ, גלאָגוו, טראָפּאָוואָ, מינסטערבערג (וויסטרוטש), קלאָדזקאָ. אין XIV-טן און אין דער ערשטער העלפט פון XV י"ה עקזיסטירט אין דזשערזשאָניוו אַ יידישער ישוב, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער א. ג. יידישער גאַס (היינט: מיאָדאָוואַ גאַס). אין יאָר 1453 איז אָבער געקומען אַ סוף צום דעמלטיקן יידישן ישוב אין דזשערזשאָניוו. די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון שטאָט. בכלל האָט זיך דער גורל פון די שלעזישע יידן פאַרמירט אין דעם צווייטן טייל פון באַהאַנדלטן פעריאָד אינגאַנצן אַנדערש, טראַגישער ווי אין גאַנץ פּוילן. נאָר וועגן דעם וועט נאָך זיין אַ רייד אין לויף פון אונדזער אַרבעט.

דאָס באַזעצן זיך פון די אָנגעקומענע יידן, אָדער די קאָלאָניזיר- און בוי-אַרבעט פון די פּוילישע יידן בכלל איז נישט געווען אָפּהענגיק בלויז פון זייער אייגענעם ווילן, פון זייער אייגענער גרייטקייט און אונטערנעמו-

רישקייט. די דאָזיקע זאַך איז געווען קודם כל אָפּהענגיק פון דער דערלוי־
בעניש מצד דעם פעאָדאַלן האַר, צו וועלכן די געגעבענע ערד האָט געהערט.
דער פעאָדאַלער האַר האָט געדאַרפט געבן דעם קאָלאָניסט אַ לאָקאַציע־
(באַזעטונגס־) אַקט. אַ מוסטער פון אַזאַ דאָקומענט שטעלט מיט זיך פאָר
דער אַקט פון קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ, וועלכער האָט אין יאָר 1425 גע־
געבן דאָס ווייסטע אָרט וויערביזש אין דרוט־רייסן דעם לוואָווער ציינש־פּאַכ־
טער וואָלטשקאָ (וואָלף), כדי דער לעצטער זאָל דעם דאָזיקן געביט קאָלאָ־
ניזירן. דער דאָזיקער שריט פונעם קיניג איז געווען אין די ראַמען פון דער
ברייטער קאָלאָניזאַציע פון די מזרח־געביטן, וועלכע די פוילישע פעאָדאַלן
האָבן אָנגעהויבן צום טייל אין דער צווייטער העלפט פון XIV־טן י"ה
און אַלץ שטאַרקער אין XV־טן י"ה. אין דעם דערמאָנטן אַקט פון וולאַ־
דיסלאַוו יאַגעללאָ לייענען מיר אָט וואָס:

„...היות מיר האָבן בדעה געוויסע פוסטע און פאַרלאָזטע מקומות
פון אונדזער מלוכה צו ברענגען צו אַ בעסערן מעמד און באַפעלקערן זיי
מיט קאָלאָניסטן, כדי אונדזער אוצר זאָל פון דעם פאַרגרעסערט ווערן; און
היות מיר האָבן שטאַרק צוטרוי צו דער שפּאָרזאַמקייט, מיושבדיקייט און
פאָרויסזעעוודיקייט פון אונדזער לוואָווער צינזש־פּאַכטער, דעם ייד וואָל־
טשקאָ, האָבן מיר אים געגעבן, געשאָנקען און פאַרשריבן מיטן איצטיקן
געשריפטס אונדזער ווייסטעניש גערופן ווערבעזשאַ, ביים וואַסערל שטשער־
זשעץ, צווישן דער סאַזשקעלע גערופן לאזארטשיצע ביז צום אָרט, ווו זי
פאַלט אַריין אין דניעסטער, און פון דעם דאָזיקן טייל פונעם פּאָטיק
שטשערזשעץ ביז צום טייך מאָקזשעק. וואָלטשקאָ מעג אויסמעסטן די לאַ־
נעס און באַזעצן דאָרטן, לויט די מעגלעכקייטן, מענטשן פון כלערליי
שטאַנדן, מין, לעבן־מדרגה און אָפּשטאַמונג, ווייטער אויפשטעלן און
אויסבויען אַ ניי דאָרף. נאָכדעם ווי דער ייד וואָלטשקאָ וועט די אויסגע־
רעכנטע ווייסטעניש פאַרוואַנדלען אין אַ מענטשלעכן ישוב און אין אַ
דאָרף, וועט ער זי האַלטן, האָבן און רואיק באַזיצן ביז זיין טויט, אין די
דאָזיקע גרענעצן, וואָס זענען אין דער לענג און ברייט גענוי באַשטימט.
וואָלטשקאָ וועט קאָנען געניסן פון אַלע אייגנטום־רעכט, ווי אויך פון אַלע
אָפּצאָלן, פּירות, הכנסות און איינקונפטן פון אַקער־ערד, לאָנקעס, פעל־
דער, וועלדער, וועלדלעך, געדיכטעניש, סאַזשעלקעס, מילן, אָזיערעס,
טייכן, וואַסערלעך, וואַסערן און זייערע אָפּצווייגונגען אָן אַ חילוק ווי
לאַנג זיי באַלאַנגען אַהער".

ווי עס דרינגט אַרויס פון דעם אָקאָרשט ציטירטן טעקסט, האָט וואָל־

משקאָ געדאַרפֿט קאָלאָניזירן אויף די געביטן, וואָס זענען אים געגעבן געוואָרן, מענטשן פֿון כלערליי שטאַנדן, לעבן־מדרגות און אָפּשטאַמונג; הייסט עס, אַז ייִדן אויך. וואָלמשקאָ האָט באמת געגרינדעט אַ ריי דערפֿער, און בתוכם אַ דאָרף קאַרטש (אין יאָר 1427), וווּ ער האָט וואַרשיינלעך באַזעצט אויך ייִדישע פּויערים.

וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ האָט זיך ברייט באַנוצט מיט ייִדישע אונטערנעמער אַלס קאָלאָניסטן, אַלס אָרגאַניזאַטאָרן פֿון נייע ישובים. חוץ דעם פֿאַל מיט וואָלמשקאָן האָט ער אויך, למשל, דערלויבט די ייִדן נחמיה און אליעזר פֿון שלעזיע זיך צו באַזעצן אין קראָסנאָ (קליינפּוילן) אויף שטענדיק מיט זייערע משפּחות און זיי באַפֿולמעכטיקט איינצולאַדן און באַזעצן דאָרטן אַנדערע ייִדן. נחמיה און אליעזר האָבן געשפּילט אַן ענלעכע ראָל ווי די וואָיטן אָדער סאָלטיסן, מיט וועלכע דער פֿעאָדאַל פֿלעגט שליסן אַן אָפּמאַך וועגן קאָלאָניזירן זייַנע שטחים און באַזעצן דאָרטן איינוווינער. די ייִדן נחמיה און אליעזר זענען דורכן קיניג באַפֿרייט געוואָרן אויף אַ צייט פֿון דריי יאָר פֿון אַלע שטייערן, אָפּצאָלן, געשאַנקען און אַנדערע התחייבותן, וועלכע עס פֿלעגן מוזן צאָלן אַלע אַנדערע ייִדן אין פּוילישע שטעט. אַזוי אַרום האָט זיי דער קיניג געוואָלט פֿאַרלייכטערן זייער אַרבעט — ווי דאָס פֿלעגט געשען אין אַנדערע פֿאַלן פֿון קאָלאָניזירן אויף די געביטן פֿון די פּוילישע פֿעאָדאַלן.

אין משך פֿון XIV־טן און דער ערשטער העלפֿט פֿון XV־טן י"ה זענען דורך אַזעלכע לאָקאַציע־אַקטן מצד פּוילישע פֿעאָדאַלן פֿאַר ייִדן אונטערנעמער אויפֿגעשטאַנען אַ סך ייִדישע שטעטלעך אין פֿאַרשידענע געגנטן פֿון פּוילן. עס האָט זיך אין יענעם פּעריאָד אויסגעפֿאָרעמט דער פּראָטאָטיפּ פֿון שפּעטערדיקן ייִדישן שטעטל. די שטעטלעך אין פּוילן זענען אַזוי אַרום נישט אַזוי ווייט קינדער פֿון די אַרומיקע דערפֿער, ווי ישובים געשאַפֿענע דורך ייִדישע קאָלאָניסטן. דער אייגנטימער פֿון אַנטשפּרעכיקן באָדן פֿלעגט קומען צו אַ הסכם מיט רייכע ייִדן אונטערנעמער, געבן זיי אַ לאָקאַציע־אַקט, נאָמירלעך, פֿאַר אַ הויכן אָפּצאָל, און די דאָזיקע ייִדן האָבן אויפֿן וויסטן, אָדער האַלב־וויסטן באָדן זיך באַזעצט אַליין מיט זייערע משפּחות און דערנאָך אַריינגעצויגן לויטן אייגענעם איינזען און אויף אייגענער אחריות אויך אַנדערע ייִדן קאָלאָניסטן. ס'רוב האָבן די ייִדן אויסגעקליבן אויף בויען שטעטלעך אַזעלכע מקומות, וואָס זענען געווען נאָענט צו האַנדלס־וועגן, צווישן געדיכטע דאָרפֿישע ישובים, נישט ווייט פֿון גרויסע שטעט, ביי וואַסערן און וועלדער, אָדער אין שכנות מיטן פּריצישן הויף, מיט דעם פֿעאָ־

האַלס רעזידענץ. אַזעלכע שטעטלעך האָבן געטראָגן אַ סוחריש־מלאכהשע־לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער.

דער ווייט גרעסטער טייל פון די פוילישע פעאָדאַלן האָט פאַרשטאַנען דעם ווירטשאַפטלעכן באַטייט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. עס זענען אָבער אויך געווען אויסנאַמען אין נעגאַטיוון זין, בפרט אין דער ערשטער צייט פון דער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין פוילן, אָנהייב דער צווייטער העלפט פון XIII־טן י״ה. אין קליינפוילן האָט דעמלט געווירקט אַ קלויסטער־אָרדן, די ציסטערסן, וועלכע האָבן זיך אין זייער אַ ברייטן פאַרנעם געווידמעט דער ווירטשאַפטלעכער בוי־אַרבעט.* זיי האָבן אויך געוואָלט קאָלאָניזירן אויף זייערע געביטן יידן. קעגן דעם איז אַרויסגעטראָטן דער פירשט באָ־לעסלאַוו דער שעמעוודיקער, ווסטידליווי (1227—1279), וועלכער האָט אין סעפּטעמבער 1262 פאַרבאָטן די ציסטערסן צו באַזעצן אין זייערע גיטער יידן. עס קאָן זיין, אַז עס דאַרפן דאָ קומען אין באַטראַכט געוויסע קאָנקו־רענץ־מאָטיוון. אין זיינעם אַ דעקרעט האָט דער פירשט געשריבן: „...אַ חוץ דעם דערלויבן מיר דעם אַבאַט און די הערמאָנטע ברידערלעך אַראָפּצו־ברענגען אין די הערמאָנטע מקומות מענטשן פון כלערליי אָפּשטאַמונג און באַשעפטיקונג, אַחוץ יידן“...

דאָס איז, אמת, געווען דער איינציקער אונדז באַקאַנטער פאַל, ווען אַ פירשט האָט זיך אַריינגעמישט אין נעגאַטיוון זין און אָפּן באַגרענעצט די קאָלאָניזיר־רעכט און מעגלעכקייטן פון די יידן. צום יורידישן באַטייט פון אָט דעם אַקט וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. אין דעם פאַל איז כדאי אונ־טערצושטרייכן דעם מאָמענט, אַז אַפילו געוויסע קלויסטערס, ווי למשל די ציסטערסן, האָבן פאַרשטאַנען דעם ווירטשאַפטלעכן באַטייט פון דער יידי־שער אונטערנעמערישקייט און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

* דער ציסטערסן־אָרדן איז אנטשטאַנען אין XI־טן י״ה אין פראַנקרייך ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט געהערשט אין די קלויסטערס. די ציסטערסן האָבן געלעבט פון זייער אייגענער מי און אַזוי אַרום נישט עקס־פּלאָאַטירט די אַרבעט פון די ליבאייגענע פויערים. אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך דערנענטערט צום פויפּסט און גענומען פירן אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַגראַר־ און האַנדל־ווירטשאַפט אויפן יסוד פון עקספּלאָאַטירן פויערים. אין פוילן זענען זיי אויך צוגעטראָטן צו אַן אַגראַר־ווירטשאַפט אויף האַנדל־יסודות און געוואָלט צוו. אַנד. אויסנוצן אין אָט דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אויך יידן. אגב, האָבן אויך געוויסע קלויסטערס אין שפּאַניע, וואָס האָבן געפירט אַ האַנדל־ און עקספּאָרט־טעטיקייט, זיך באַנוצט מיט יידן אלס מסחר־פאַרמיטלער אין וועלט־מאַסשטאַב.

פאַרן רעכט זיך צו באַזעצן אויפן באָדן פון דעם קיניג, פירשט, פעאָדאַל אָדער קלויסטער האָבן די יידן געגעבן גאַנץ הויכע אָפּצאָלן. פאַרן רעכט זיך צו באַזעצן, וווינען און פירן אַ ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אין די שטעט האָבן די יידן געמוזט צאָלן אַ גרויסן צינס, אָדער דעם פעאָדאַל־באַלעבאָס, אָדער דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. למשל אין װראָצלאַװ, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג, האָבן די יידן אין יאָר 1324 געצאָלט דער שטאָט 22 גזשיוונעס אין מזומן און חוץ דעם נאָך אַנדערע לאַסטן (ווי: „וויאַדרונעק“). אַזוי איז אויך געווען אין אַנדערע שטעט.

ווי מיר זעען פון דעם אַלעמען, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, איז די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן אין XIV־טן און אין דער ערשטער העלפט פון XV־טן י“ה באַשטאַנען פון צוויי גרונד־עלעמענטן: פון דער אַלטער אָרטגעזעסענער און פון דער ניי־איינגעוואַנדערטער. די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן אין יענער צייט און דער פראָצענט פון איר וווקס איז געווען נישט באַוווסט. דער היסטאָריקער יצחק שיפער האַלט, אַז אין XIV־טן י“ה האָבן אין פוילן געוווינט סך הכל אַן 18 טויזנט יידן. היות די אַלגעמיינע צאָל באַפעלקערונג אין פוילן אין דער צווייטער העלפט פון XIV־טן י“ה ווערט דורך די פוילישע היסטאָריקער אָפּגעשאַצט אויף לערך איין מיליאָן מיט 360 טויזנט (אין דעם גייען אַריין: קליינפוילן, גרויספוילן, מאַזאָוויע, פאָמערן און שלעזיע), קומט אויס, אַז די יידן האָבן דעמלט געבילדעט סך הכל $1^1/_3$ פראָצענט פון פוילנס גאַנצער באַפעלקערונג.

ווי עס שאַצן אָפּ די פוילישע היסטאָריקער, האָבן אין XV־טן י“ה זיך געפונען אין פוילן לערך 30 טויזנט יידן — אויף 2 מיט אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער פון לאַנד. לויט דעם קומט אויס, אַז יידן האָבן אין XV־טן י“ה געבילדעט אַ קלענערן, ווי פריער, פראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונגס־צאָל, און נעמלעך — $1^1/_5$ פראָצענט.

צי איז טאַקע אַזאַ געווען די צאָל יידן אין פוילן אין יענעם פעריאָד און צי האָט זיך ווירקלעך אַזוי פאָרגעשטעלט דער פראָצענט יידן אין פאַרהעלטעניש צו דער גאַנצער באַפעלקערונג? עס איז פאַראַן אַ גאַנץ גרויסער גרונט צו צווייפלען אין די אויבנדערמאָנטע ציפערן. אויב מען זאָל אָננעמען די דאָזיקע ציפערן פאַר ריכטיקע, וועט מאָדנע אויסזען די דערשיינונג, אַז פון XIV־טן ביזן XV־טן י“ה איז די צאָל געשטיגן פון אַרום 18 טויזנט ביז לערך 30 טויזנט, ד. ה. אויף אַרום 12 טויזנט נפשות; און ווען

מען פאַרגלייכט די צאָל ייִדן פון XV־טן י"ה מיט דער אָנגענומענער צאָל ייִדן אין פּוילן פון XVI־טן י"ה, זעט מען אַ פּלוצימדיקן געוואַלדיקן שפּרונג פון 30 טויזנט אויף 150 טויזנט! און היות די צאָל 150 טויזנט פון XVI־טן י"ה איז מער נאָענט צום אמת, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז סיי אין XIV־טן, סיי אין XV־טן י"ה האָבן אין פּוילן געלעבט אַ סך מער ייִדן ווי עס זענען זיך משער שיפּער און געוויסע פּוילישע היסטאָריקער.

קאפיטל דריי

# די באַשעפטיקונגען פון די יידן אין פוילן אין XIV און ערשטער העלפט פון XV י"ה

אין דעם פעריאָד פון סוף XIV־טן ביזן מיטן XV י"ה האָבן זיך די יידישע באַשעפטיקונגען אין פוילן, אין גרונט גענומען, פאַרגעשטעלט אַזוי ווי אין די פריערדיקע צייטן. די ענדערונגען, וואָס זענען פונ־עסטיוענן אריינגעקומען, זענען נוגע געווען דעם אויפקום פון א נייער פרנסה ביי רייכע יידן — פונעם וווכער. אָבער פאַלש איז די מיינונג פון געוויסע היס־טאָריקער, בפרט פוילישע, פון אלטן דור, בכן די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן אין פוילן אין XIV־טן און XV־טן י"ה איז געווען וווכער. דער הויפּט־אַרגומענט פון די דאָזיקע היסטאָריקער באַשטייט אין דעם, אַז אין די געריכטלעכע אקטן פון דעם אָנגעוויזענעם פעריאָד פיגורירן יידן קודם כל אַלס פראָצענטניקעס און אין א סך אַ קלענערער מאָס אַלס סוחרים און אינגאַנצן נישט אַלס בעלי מלאכות. עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער ארגו־מענט האָט נישט קיין גרעסערן באַטייט, וואָרעם אין די געריכטס־אקטן פלעגן רעגיסטרירן זייערע טראנזאקציעס קודם כל קרעדיטאָרן און זייערע קונדן, און בעלי מלאכות זענען בכלל נישט געגאנגען אין געריכט פאר־שרייבן אַ באַשטעלטן מלבוש. אויף דעם דאָזיקן מאָמענט האָט שוין אָנ־געוויזן דער באַקאַנטער היסטאָריקער פון די יידן אין ליטע בערשאַדסקי (אַליין אַ רוס). אין זיין פונדאמענטאַלן ווערק וועגן דער געשיכטע פון די ליטווישע יידן* ווייזט אָן בערשאַדסקי, אַז די געריכטס־אַקטן זענען א קרו־מער שפּיגל פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן־ליטע; אין אָט די אַקטן

* ס. א. בערשאַדסקי: „די ליטווישע יידן" (רוסיש), 1883.

זענען פאראן ידיעות בלויז וועגן די שטיין־רייכע יידן, וועגן זייערע קרעדיט־אָפּעראַציעס און זעלטענער וועגן זייערע מסחר־אונטערנעמונגען. און אַזעל־כע — שטעלט פעסט בערשאַדסקי — זענען ביי יידן געווען אין א קליינער־מינדערהייט. פאַקטיש איז די צאָל יידן וווכערניקעס אינעם באַהאַנדלטי פעריאָד געווען אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַ מינימאַלע — וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אויספירלעך. אין דעם אָרט זענען מיר אויסן בלויז צו סיגנאַליזירן, אַז אויב אין XIV־טן און XV־טן י״ה האָבן די יידן אין פוילן, אין גרונט גענומען, זיך פאַרנומען מיט ענלעכע באַשעפטיקונגען, ווי פריער, ד. ה. — מיט לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און האנדל, איז פונדעסטוועגן איצט אַריין אין דער ווירטשאַפטלע־כער סטרוקטור פון די פוילישע יידן דער אונטערשייד, וואָס א טייל רייכע שטאָטישע יידן האָט זיך אָפּגעגעבן אויך מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס. עס איז איינציייטיק געוואקסן דער באַטייט פון מלוכה־אַרענדעס ביי די רייכע יידן. אין דער זעלביקער צייט איז אויפגעקומען דער טיפּ יידישער קאָלאָניזאַטאָר־אונטערנעמער. אַזוי אַרום שטעלן זיך פאָר די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די יידן אין פוילן אין דעם ברייטן צייט־אָפּשניט, אָנהייבנדיק פון די לעצטע יאָרצענדליקער פון XIII־טן ביזן סוף XV־טן י״ה פאָלגנדיק: לאַנדווירט־שאַפט, מלאכה, מסחר, מלוכה־אַרענדעס און וווכער. צו דעם קומען צו אַזעלכע פרנסות, ווי טראַנספּאָרט און די באַשעפטיקונגען, וואָס זענען פאַר־בונדן מיטן יידישן רעליגיעזן קולט, אָדער ווי מען רופט עס אָן אין דעם אַלטן יידישן נוסח: כלי קודש.

לאָמיר באַטראַכטן איטלעכע פון די אויסגערעכנטע באַשעפטיקונגען באַזונדער.

## א. יידן אין לאַנדווירטשאַפט

עס איז שווער צו אורטיילן, צי די צאָל יידן, באַשעפטיקטע אין לאַנד־ווירטשאַפט, האָט זיך אין XIV־טן און XV־טן י״ה געענדערט — אין מינוס, אָדער אין פּלוס — אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע צייטן. די פראַגע שטייט, אייגנטלעך, צי האָט זיך די צאָל יידישע לאַנדווירטן פאַר־קלענערט. אין רעזולטאַט פון דעם מאָנגאָלישן אָנפאַל און פון דעם איבער־רוקן זיך, אין דער צווייטער העלפט פון XIII־טן י״ה, פון די געדיכטע יידישע ישובים פון די מזרח־דרומדיקע טיילן פון פוילן מער־אויף מערב, האָט זיך די צאָל יידישע פויערים און ערד־אייגנטימער

לכתחילה געווים פאַרקלענערט. אָבער דערנאָך, אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער דאָרף־קאָלאָניזאַציע, האָט ווידער גענומען שטייגן די צאָל יידי־שע לאַנדווירטן. חוץ דעם איז — מיטן אויפקום פונעם יידישן ישוב אין ליטע — ווידער פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל יידן פויערים (ווי מיר וועלן דאָס געניער זען אינעם קאַפּיטל וועגן יידן אין ליטע). די קאָלאָניזאַציע אויף ערד און בכלל די ערד־אַרבעט איז נאָך אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד נישט געווען פאַרבונדן מיט פאַנשטשיזנע און לייב־אייגנטום, נאָר איז געווען באַזירט אויף צינס־ווירטשאַפט, אין דער מאָמענט האָט באַגינסטיקט דאָס בלייבן פון יידן אויף ערד־אַרבעט און זייער באַזעצן זיך אויף ערד.

פון דער צווייטער זייט דאַרף מען אָבער באַמערקן, אַז אין דעם פּעריאָד פון די לעצטע יאָרצענדליקער פון XIII־טן י"ה ביז סוף אין דער צווייטער העלפט פון XV־טן י"ה, ווען עס איז פאָרגעקומען די ראַשיקע בוויונג פון שטעט, האָבן אָנגעזעענע צאָלן יידן — נישט בלויז פון די ניי־איינגעוואַנ־דערטע, נאָר אויך פון צווישן די אָרטגעזעסענע דאָרפישע — זיך איבער־געטראָגן אין די שטעט, ווו דאָס לעבן איז געווען באַקוועמער און די מע־לעכקייטן זענען געווען גרעסער. אַזוי אַרום איז שווער צו געבן אַן ענטפער אויף דער אויבנגעשטעלטער פראַגע: האָט זיך די צאָל יידישע לאַנדווירטן פאַרקלענערט? אָבער איינס איז זיכער, אַז אַן אָנגעזעענער טייל פון די פּוילישע יידן האָט דעמלט געוווינט אויפן דאָרף און זיך פאַרנומען דירעקט מיט ערד־אַרבעט, אָדער האָט געצויגן פּרנסה פון לאַנדווירטשאַפט. וואָרעם קרעטשמעריי און שענקעריי איז נאָך אין יענע צייטן נישט געווען קיין כאַ־ראַקטעריסטישע באַשעפטיקונג ביי די דאָרפישע יידן (די דאָזיקע פּרנסות זענען אויפגעקומען אין דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד). יידן אין די דערפער זענען געווען כ'רוב קליינע ערד־באַזיצער אָדער באָדן־אַרענדאַרן, און אין אַ פיל קלענערער מאָס — גרויסע ערד־באַזיצער, וועלכע האָבן געפירט אַן אַנט־וויקלטע לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. אַזוי צי אַזוי — לאַנדווירטשאַפט איז ווייטער געווען איינע פון די הויפּט־באַשעפטיקונגען ביי די פּוילישע יידן, און אַ גרויסער טייל יידן האָט געוווינט אין דאָרף. לויט שיפּערן האָט אין XIII—XV־טן י"ה אַ פערטלק פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן געוווינט אין דאָרף און זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. לויט אַ צוויי־טן היסטאָריקער, מארק ווישניצער, האָט אינעם באַהאַנדלטן פּעריאָד אַ פינפטחלק פון די פּוילישע יידן געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט.

פון וועמען עס איז באַשטאַנען די פּשוטע מאַסע יידישע פויערים אין דעמלטיקן פּוילן — ווייסן מיר נישט גענוי, וואָרעם אין די אָפיציעלע אקטן

זענען זייערע נעמען נישט פאַרשריבן. דאָקעגן פיגורירן דאָ און דאָרטן אין די אַקטן די נעמען פון גרויסע יידישע לאַנדווירטן, פּריצים, באַדייטנדיקע דאָרף־קאָלאָניזאַטאָרן, למשל דער דערמאָנטער לוואָוער רייכער ייד וואָלטשקאָ, אין די צייטן פונעם קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ. וואָלטשקאָ האָט אין רויט־רייסן געגרינדעט אַ ריי דערפער, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן אויף זיין נאָמען, און געמלעך. וואָלטשקיוו, וואָלטשקאָוויצע, וואָלקאָווע, וואָלקווו, אין וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען יידישע פויערים.

אין נאָך צוויי דאָקומענטן פון דער ערשטער העלפט פון XV־טן י״ה טרעטן ארויס יידן אין שייכות מיט לאַנדווירטשאַפט און גערטנעריי. אין יאָר 1432 האָט דער ייד אַלעקסאַנדער פון וואַרשע פאַרקויפט זיין פאַראַקערט פעלד אַ פוילישן פּריץ. לאָמיר דערביי געדענקען, אַז אין יענע צייטן האָבן די שטעט, בפרט די נישט גרויסע, און אזא איז דעמלט געווען וואַרשע, נאָך געטראָגן אַ האַלב לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. דער וואַרשעווער ייד אַלעקסאַנדער האָט געקאָנט אַליין זיין אַ פויער, געקאָנט אַליין האָבן פאַראַקערט זיין פעלד, אָדער ער האָט אויך געקאָנט זיין בלויז אַן ערד־באַזיצער. דער צווייטער דאָקומענט שטאַמט פון צען יאָר פריער, פונעם יאָר 1422, און איז נוגע אַ ייד מאי (מאיר? מאַרעק־מרדכי?) פון ווישעגראָד, וועלכן דער פירשט שענקט אַ ווייגאָרטן הינטער דער שטאָט; דער וויינגאָרטן בלייבט דאָס אייגנטום פונעם ייד און וועט בירושה אַריבערגיין צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער. אויך אין דעם פאַל ווייסן מיר נישט גענוי, צי דער ייד מאי איז אַליין געווען אַ גערטנער, אָדער דאָס איז געווען אַ מתנה פונעם פירשט פאַר אַ וויכטיקער טובה פונעם ייד פאַר אים. אַלנפאַלס זענען ביידע פאַלן כאַראַקטעריסטיש פונעם שטאַנדפּונקט, אַז יידן האָבן זיך פאַרנומען סיי מיט אַקער־פעלד, סיי מיט גערטנעריי.

די פשוטע יידישע פויערים־מאַסע האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק געהאַלטן ביי אירע קליינע ערד־באַזיצן און ממש זיך געקלאַמערט אין לאַנדווירטשאַפט, וואָרעם זי האָט אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף פונעם קאַטוילישן קלער, וועלכער האָט אויך אין פוילן געשטרעבט צו פאַרטרייבן די יידן פון ערד.

יידישע לאַנדווירטשאַפט איז אין XIII—XV י״ה פאַראַן אין רויט־רייסן, קויאַווער געגנט, קליינפוילן, גרויספוילן און אין אַ קלענערער מאָס אויך אין מאַזאָוויע. אין שלעזיע קומט פאָר ביים סוף פון אַט דעם פעריאָד די פאַרענדיקונג פונעם פראָצעס פון ארויסשטויסן די יידן פון לאַנדווירטשאַפט.

אַ געוויסע קאָנצענטראַציע פון יידישע דאָרפישע ישובים איז פאַראַן אין XIV־טן י"ה אין דער קאַלישער געגנט. אויך אין דער שטאָט קאַליש פאַרנעמט זיך אַ טייל יידן מיט ערד־אַרבעט און גערטנעריי. די דאָרטיקע יידן האָבן ערד־חלקים און פירן אויף זיי אַן אַגראַרע פראָדוקציע. אין XV־טן י"ה איז דאָרטן פאַראַן אַ צאָל יידישע דאָרף־אייגנטימער; עס קאָן זיין, אַז דאָס שטאַמט פון די וואוכער־משכנות, וועלכע זענען אריבערגעגאַנגען צו רייכע יידישע קרעדיטאָרן.

בכלל טרעפט מען אין דעם באַהאַנדלטן פעריאָד אין גרויספוילן ווידער אַזעלכע דערפער, ווי זשידווו, זשידאָוואַ, זשידאָווא וואָליאַ, זשידאָווסקאַ וואָליאַ, זשידאָוואָ ווילאַ, זשידאָוויצע, יודי וכדומה. וואָליאַ — האָט באַטייט אַ דאָרף, וואָס איז פריי פון פעאָדאַלע אָפּצאָלן און התחייבותן אויף אַ געוויסער צייט.

געוויסע פון אָט אַזעלכע יידישע נעמען פון דאָרפישע ישובים באַגעגנט מען אין דעם זעלביקן פעריאָד אויך אין קראָקעווער, צווזמירער, קויאַווער און רויט־רייסישער געגנט. אין די געריכט־אַקטן פון דער ערשטער העלפט פון XV־טן י"ה פון דער בריסק־קויאַווער געגנט באַגעגנט מען אַזעלכע דאָרף־נעמען: שידאָוואָ, זשידאָוואָ, זשידאָוואָוואָ.

מיר האָבן שוין אינעם פריערדיקן טייל אויפגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען אמאָל יידישע דאָרפישע ישובים. אין דער ערשטער העלפט פון XV־טן י"ה גייען אַ סך פון זיי אריבער צו קריסטלעכע אייגנטימער. אַזוי ארום לאָזט זיך פון איין זייט אָבסערווירן א טענדענץ פון איבערנעמען הורך יידן קריסטלעכן ערד־באַזיץ, און פון דער צווייטער — דאָס איבערגיין פון יידישע דערפער אין קריסטלעך־שליאַכטישע אָדער קלויסטערישע הענט.

אָבער איינצייטיק נעמען יידן אויך אָנטייל אין דעם גרויסן קאָלאָניזיר־פראָצעס אויפן לאַנד, און דאָס נישט בלויז ווי אונטערנעמער, נאָר אויך ווי דירעקטע פראָדוצענטן, ווי פשוטע פויערים. אַזאַ דערשיינונג לאָזט זיך אָבסערווירן אין מיט פון XIV־טן י"ה אין קויאַווער און קראָקעווער געגנט, און אויך אין רויטרייסן און גרויספוילן. די יידישע דאָרפישע ישובים קאָנצענטרירן זיך ס'רוב אַרום די שטעט. אין אַלגעמיין פאַרלאָזן די יידישע פויערים נישט גערן זייערע ערד־חלקים, וועלכע גייען ס'רוב אריבער פון טאַטע צום זון. אין XIV און XV־טן י"ה פאַרנעמען זיך די דאָרפישע יידן אין פוילן מיט אַקערן פעלדער, מיט פלעגן לאָנקעס, מיט גערטנעריי, סעדעריי און מילך־ווירטשאַפט. דאָס זענען פשוטע האָרעפאַשנע פויערים. אין די שאלות־ותשובות פון פוילישע רבנים פון די שפּעטערדיקע צייטן

זענען פאראַן באַשרייבונגען פון ערד־אַרבעטן, עס טרעטן אין זיי ארויס אַזעלכע צונעמענישן פון יידן, ווי: כלאַפּ, כלאַפּקאַ, כלאַפּסקי, כלאַפּקאַ. עס איז קלאָר, אַז דאָס מיינט מען יידישע פויערים. די מאַטעריאַלן פון אָט די שאלות־ותשובות זענען געווים נוגע אויך דעם פריערדיקן פעריאָד, ד. ה. די צייטן, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ.

אין דער צווייטער העלפט פון דעם באַהאַנדלטן פעריאָד איז פאָרגעקו־מען דאָס וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש פון פאראייניקן דאָס ליטווישע גרויס־פירשטנטום מיט דער פוילישער קרוין. עס האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון די יידן אין ליטע. צוזאמען מיטן עטנישן ליטע זענען צוגע־קומען די רחבותדיקע שטחים פון ווייסרוסלאַנד און אוקראינע. און אויך דאָ באַגעגנט מען אַזעלכע דאָרפישע נעמען, ווי: זשידאָווטשין, זשידאָווסקי, זשידאָוואָ, זשידאָווצע, זשידאָווטשיק, זשידאָוויעצקא און ענלעכע (אַלע אין אוקראינע), זשידזשע, זשידאָווסקא סלאָבאָדאַ, זשידאָוויטשע, זשידוווקא, זשידוואָ, סובאָטי (אַלע אין ווייסרוסלאַנד); אין ליטע האָט מען אָנגעציילט 23 יידיש־קלינגענדיקע נעמען פון דערפער, א שטייגער: זשידעיקאני, זשי־דוקישקי, זשידצושקי, זשידיצקי וכדומה. מען האָט אויך פארצייכנט ענלע־כע נעמען פון טייכלעך און אָזיערעס. ווי מיר וועלן זען ווייטער, ווען עס וועט זיין ברייטער א רייד וועגן די יידן אין ליטע, איז טאַקע אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון א דאָרפישן עלעמענט, פון לאַנדווירטן.

אין סך הכל קאָן מען זאָגן, אַז די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין פוילן האָט אין XIV־טן און אין דער ערשטער העלפט פון XV־טן י"ה קאָנ־טינואירט איר עקזיסטענץ. דער קליינער יידישער ערד־באַזיץ האָט גע־שטאַמט סיי פון דער פריערדיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער טראַדיציע פון די אָרטגעזעסענע פוילישע יידן, סיי פון דער איצטיקער קאָלאָניזאַציע. דער גרויסער יידישער ערד־באַזיץ האָט זיך גענומען סיי פון דער קאָלאָניזאַטאָ־רישער אונטערנעמערישקייט, סיי פון קרעדיט־משכנות פון לאַנד־גיטער פונעם פוילישן אַדל.

אַ געוויסע קאַטעגאָריע פון די דאָרפישע יידן האָט זיך אייגנצייטיק פאַרנומען אויך מיט מלאכה. אָבער דער עיקר האָט זיך די מלאכה אַנט־וויקלט ביי די שטאָטישע יידן.

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט אין פריערדיקן טייל, איז מלאכה געווען אַ גרונד־באַשעפטיקונג ביי די יידן אין פוילן שוין פון זייער באַגינען־נעשיכטע אין דעם דאָזיקן לאַנד. אין דעם פעריאָד, וואָס שליסט איין אין זיך די קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר זינט די לעצטע יאָרצענדליק פון XIII־טן ביז דעם סוף פון XV־טן י"ה, האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט דער פּראָצעס פון אַריבערגיין פון דער יידישער מלאכה פון אינערלעך־יידישע פאַכן, פון באַדינען בלויז די יידישע סביבה און דעם פעאָדאַלן קלאַס, צו אַ ברייטערער גאַמע פון פאַכן און צום באַדינען דעם ברייטן, אַנאָנימען אָפּנעמער פונעם מאַרק. די דאָזיקע דערשיינונג ווערט נאָך גרעסער אַראַנק דעם פאַקט, וואָס די יידישע אימיגראַציע־כוואַליע האָט געבראַכט מיט זיך אויך אַ וויכטיקן און הויך־קוואַליפיצירטן, ווי פאַר יענע צייטן, בעל־מלאכהשן עלעמענט.

בכלל איז דער באַהאַנדלטער פעריאָד אַ צייט פון וווקס און אַנטוויקלונג פון דער מלאכה אין פוילן. די פוילישע מלאכה רייסט זיך אַלץ מער אָפּ פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון דאָרף, עמאַנציפּירט זיך אַלץ מער ווי אַ באַזונדערער פּראָדוקציע־צווייג און טראָגט אַריבער איר צענטער אין שטאָט. עס הייבט זיך שוין אָן די דורותלאַנגע דערשיינונג פונעם קאַמף צווישן דעם בעל־מלאכה און דעם סוחר, וועלכער רייסט זיך אַריין צווישן דעם פּראָדוצענט און דעם אָפּנעמער און וויל צונעמען ביים האַנטווערקער זיין רעכט אויף דעטאַל־האַנדל מיט זיין אייגענעם פּראָדוקט. אין שוץ קעגן דער דאָזיקער אַגרעסיווקייט פון די סוחרים הייבן אָן די פוילישע בעלי־מלאכות זיך צו אָרגאַניזירן. ביים סוף פון XIII־טן און תחילת דעם XIV־טן י"ה אַנטשטייען די ערשטע פוילישע האַנטווערקערישע צעכן אין אַ ריי גרויסע שטעט, למשל, אין קראָקע, פּויזן, ווראָצלאַוו, ליגניץ, שווידניץ.

ביי די יידישע בעלי מלאכות אין פוילן איז נאָך דעמלט קיין צעכן־אָרגאַניזאַציע נישטאָ. דער יידישער בעל מלאכה איז נאָך דערווייל ס'רוב סיי אַ פּראָדוצענט, סיי אַ סוחר. אָבער געוויס איז אויך אין דער יידישער מלאכה שוין פאַראַן אַ סאָציאַלע דיפערענצירונג, הגם קיין דאָקומענטן וועגן דעם פאַרמאָגן מיר נישט.

די יידישע מלאכה אין פוילן פונעם באַהאַנדלטן פעריאָד באַשטייט פון צוויי קאַטעגאָריעס:

אין קאַטעגאָריע, וואָס באַדינט בלויז די יידישע סביבה. האָט זענען

די מלאכה־צווייגן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די פאָרשריפטן פון דער יידישער אמונה, למשל: קצבים (צוליב כשר פלייש), שניידער (צוליב שעטנז), וויין־קוועטשער, טיילוויז בעקער און בפרט טליתים־, ציצית־ און תפילין־מאַכער, מצבות־קריצער, קברנים, סופרים, מזוזות־מאַכער, ספר־תורה־באַפוצער וכדומה.

די צווייטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון בעלי מלאכות, וועלכע באַדינען אלעמען — סיי יידן, סיי די אַרומיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג. מען דאַרף צו איר פאַררעכענען אויך געוויסע פאַכן, וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן אין דער ערשטער קאַטעגאָריע, ווי: שניידער, קצבים און בעקער; ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט דער קאַלישער סטאַטוט פון יאָר 1264 און אויך די שפּעטערדיקע באַשטעטיקטע יידישע פּריווילעגיעס פון XIV־טן י"ה דערלויבט די פּוילישע יידן צו האַנדלען מיט שפּייז־אַרטיקלען און אָנצו־רירן די דאָזיקע אַרטיקלען. האָבן יידישע קצבים געווים געהאַקט פלייש און יידישע בעקער האָבן געבאַקן ברויט און געבעקס אויך פאַרן ברייטערן, נישט בלויז יידישן, געברויך.

אָבער קודם כל געהערן צו דער צווייטער קאַטעגאָריע אַזעלכע יידישע מלאכה־פאַכן, וועלכע מיר טרעפן אין XIV־טן און XV י"ה, ווי: גאָלד־שמידן (אין XIV־טן י"ה אין קאַליש), בירברייער (אין XV־טן י"ה אין קראָקע), רויטגאַרבער, גלעזער, זייד־פאַרוצענטן (אין XV י"ה אין לוואָוו), קירזשנער (אין XV־טן י"ה אין בלוינע), שטריקער (אין XV־טן י"ה אין וואַרשע), וועבער (אין XV־טן י"ה אין פּויזן). צוזאַמען מיט דער יידישער אימיגראַציע פון טשעכיע זענען קיין פּוילן אָנגעקומען וויכטיקע און הויך־קוואַליפיצירטע יידישע בויער, שמידן, בלעכער, שוסטער, גלעזער, איינבינדער, גאָלדשמידן א. א.

אַ וויכטיקער צענטער פון יידישער מלאכה איז געוואָרן ליטע, שוין אין די לעצטע צייטן פון XIV־טן י"ה.

וויכטיקע יידישע מלאכה־צענטערס זענען אין XIV־טן און XV־טן י"ה געווען: קאַליש, קראָקע, לוואָוו, פּויזן און אַ ריי יידישע שטעטלעך. אַלנפאַלס זענען אומעטום געווען יידישע שניידער, קצבים, בעקער. די יידי־שע רויט־גאַרבער און גלעזער זענען געווען זייער געשעצט אין דער פּוילי־שער געזעלשאַפט; אַ ראיה, אַז די יידישע מלאכה האָט זיך בשום אופן נישט באַגרענעצט בלויז צום יידישן אָפּנעמער.

מיר האָבן שוין דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל, אז אין די שטעט האָבן זיך די קראָמען, וואַרשטאַטן און דירות פון יידישע סוחרים און בעלי

מלאכות קאָנצענטרירט ברדך כלל אין און אַרום דעם מאַרק. איז דאָס נאָכ־אַמאָל אַ ראיה, אַז זיי האָבן באַדינט און געאַרבעט פאַרן ברייטן, אַלגע־מיינעם קאָנסומענט.

צוליבן מאַנגל אין מקורים זענען מיר נישט אימשטאַנד צו שילדערן אַ לערך גענוי בילד פון דער יידישער מלאכה אין פּוילן אין יענער צייט. אָבער אַפילו פון דעם ביסל קאַרגע ידיעות, וואָס זענען פאַראַן, דרינגט אַרויס, אַז מלאכה איז געווען ביי די דעמלטיקע פּוילישע יידן, און בפרט אין די שטעט, איינע פון די עיקרדיקע באַשעפטיקונגען. ווען קאָנקורענץ־קאַמפן צווישן קריסטלעכע און יידישע בעלי מלאכות ביז דער ערשטער העלפט פון XV־טן י"ה הערט מען ווייניק. די דאָזיקע דערשיינונג וועט אַרויסטרעטן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט ערשט אין ווייטערדיקן פּעריאָד. די יידישע מלאכה האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון די פּוילישע שטעט. אין אַ ריי פאַכן, ווי רויטגאַרבעריי, גלעזערײַ, זייד־פּראָדוקציע, האָבן יידישע בעלי מלאכות שוין אין יענער צייט געשפּילט ממש אַ פּיאָנערישע ראָל.

אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס האָט זיך דעמלט מלאכה געבונדן מיט מסחר, ווייל עס האָט אָבער געהאַט אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם.

## ג. יידן אין מסחר.

צוזאַמען מיט דעם וווקס און מיט דער אַנטוויקלונג פון די שטעט גייט אָן אין פּוילן פון סוף XIII־טן און אין XIV־טן און XV י"ה אן אויפ־שטייג פון האַנדל. עס מאַכט אדורך א בפירושע אַנטוויקלונג סיי דער אינ־לענדישער, סיי דער אויסלענדישער מסחר פון פּוילן. די וויכטיקסטע האַנדלס־צענטערס אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זענען די שטעט: ווראָצלאַוו, פּויזן, טאָרון, גדאַנסק, קראָקע, צוויזמיר, קאַליש און דערנאָך אויך לוואָוו; עס שטייט אויף אן אינערלעכער און בפרט אן אויסלענדישער האַנדל אין ליטע. די צווישנלענדישע מסחר־שליאַכן פון פּוילן פירן קיין אונגאַרן, דייטשלאַנד, צום באַלטישן ים און אויף מזרח, אין די געביטן פון רייסן און ווייטער אַזש קיין קרים און אויף דרום קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מען האַנדלט מיט היימישע, פּוילישע פּראָדוקטן, מען אימפּאָרטירט געוויסע אַרטיקלען פון אויסלאַנד, פּוילן דינט אויך ווייטער ווי א טראַנזיט־געביט.

יידישע סוחרים שפּילן אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד אַן אַלין גרעסערע

ראָל אי אין דעם אינלענדישן, אי אין דעם אויסלענדישן האַנדל. די יידן ביקרן גישט, נאַטירלעך, דעם אויסשליסלעכן האַנדלס־עלעמענט פון לאַנד. דער מסחר אַנטוויקלט זיך אויך ביי נישט־יידן — ביי פּאָליאַקן, דייטשן, אַרמענער און איטאַליענער, וועלכע וווינען אין די פּוילישע שטעט. נישט בלויז אין קראָקע, ווראָצלאַוו, גדאַנסק, טאָרון, לוואָוו, נאָר אויך אין דעם בריסק־קויאַווער און אַנדערע געגנטן באַגעגנט מען אַ סך קריסטלעכע סוחרים. נישט ווייניק פון צווישן די לעצטע פירן מסחר בשותפות מיט יידן. אַזעלכע גאַנץ אָפטע פאַלן באַגעגנט מען אין יענעם פּעריאָד אין שלעזיע, פּויזן, וואַרשע, לוואָוו, אין דער בריסק־קויאַווער געגנט. עס זענען באַקאַנט פאַלן, ווען סוחרים פּאָליאַקן און יידן קויפן בשותפות רוי־שטאָף, גיבן עס אויסצואַרבעטן און צעשיקן דערנאָך די פאַרטיקע סחורה אין פאַרשידענע פּונקטן. איינציייטיק לאָזן זיך שוין אין דעם דאָזיקן פּעריאָד באַמערקן ביי אַ טייל קריסטלעכע סוחרים די ערשטע סימנים פון אַנטי־יידישע טענדענצן, וועלכע אַנטשטייען אויפן באָדן פון קאָנקורענץ און פון אויסנוצן אין דער דאָזיקער קאָנקורענץ די אַנטי־יידישע רעליגיעז־פאַנאַטישע פאָראורטיילן פון פינצטערן המון.

נישט געקוקט אָבער אויף די דאָזיקע טענדענצן, וועלכע טרעטן דאָ און דאָרטן ארויס, פילט נישט דער יידישער מסחר אין די באַהאַנדלטע דאָ ציימן (ביז דער לעצטער סטאַדיע פון דעם דאָזיקן פּעריאָד) קיין שטער־רונגען אין זיין אַנטוויקלונג. דער יידישער האַנדל אַנטוויקלט זיך דערמלט אָן באַגרעניצונגען און שוועריקייטן מצד דער מלוכהשער (פירשטלעכער און קיניגלעכער) מאַכט און מצד די פּוילישע פעאָדאַלן בכלל. די פירשטן און קיניגן פאַרשטייען דעם באַטייט פון דער יידישער האנדלס־אונטערנע־מערישקייט און ענערגיע. שוין אין דעם קאַלישער סטאַטוט פון יאָר 1264, וועגן וועלכן עס וועט נאָך אויסקומען ברייטער צו רעדן, ווערט פאַרזיכערט די יידן די פולסטע פרייהייט פון מסחר סיי אין פּרט פון טעריטאָריעלן פאַרנעם, סיי אין זין פון די קעגנשטאַנדן פונעם מסחר. דעם באַטייט פון די יידן אין האַנדל האָבן גוט פאַרשטאַנען די פאָרדינסטפולע פאַרן פאַר־אייניקן פוילן קיניגן וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק (דער קורצפיסיקער) און קאַ־זשימיעזש דער גרויסער. וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק האָט אין יאָר 1327 ארויס־געגעבן אַ פּריווילעגיע פאַר דער שטאָט סאָנטש (נייַ־סאָנטש), וועלכע איז געלעגן אויפן וויכטיקן האנדלס־שליאַך אונגאַרן—פּוילן; אין דער דאָ־זיקער פּריווילעגיע ווערן אַלע סוחרים, אָן אונטערשייד — קריסטן און יידן. — וועלכע פאָרן אויפן נייַ־סאָנטשער מאַרק פון קראָקע אָדער פון אונגאַרן,

באַפרייט פון וועלכע נישט איז געלט־אָפּצאָלן. אין דער דאָזיקער פּריווילע־גיע לייענט מען צוו. אנד. אָט וואָס: „בכדי אונדזערע בירגער (פון ניי־סאָנטש) זאָלן בעסער און דערפאָלגרייכער קאָנען אויסנוצן זייער יערלעכן יאַריד, באַפרייען מיר גנעדיק אויף אייביק פון יעדן מין צאָל און אָפּצאָל אַלע געסט און סוחרים פון יעדן שטאַנד און מעמד, הן קריסטן, הן יידן, וועלכע פאָרן אַדורך דורך משווידאָוו (א שטאָט אויף צפון ניי־סאָנטש, אויפן וועג קיין קראָקע), אָדער די, וועלכע קערן זיך אום פון קראָקע צי פון אַנדערע וועלכע־נישט־איז מקומות".

וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק האָט, ווי מיר זעען, בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז פון דער פּריווילעגיע געניסן אויך די יידישע סוחרים. אין דער זעלביקער ריכטונג איז געגאַנגען די פּאָליטיק פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, פון דער קיניגין יאַדוויגאַ און פונעם קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ. די לעצטע האָבן אין דעם לאָקאַציע־אַקט פאר לוואָוו אין יאָר 1356 אויך געגעבן די דאָרטיקע יידן די מעגלעכקייט פון פרייען פארקויפן מסחרים.

די אַנטוויקלונג פון יידישן מסחר האָט באַגינסטיקט דער פאַקט, וואָס די יידישע ישובים זענען שוין דעמלט געווען צעשפּרייט כמעט איבער אַלע פּראָווינצן פון פּוילן און וואָס זיי זענען געשטאַנען אין פארבינדונגען מיט אַ ריי יידישע קהלות אין אויסלאַנד.

ווי געזאָגט, איז דער יידישער מסחר אין יענער צייט נישט געווען באַגרענעצט נישט טעריטאָריעל, נישט אין זין פון די קעגנשטאַנדן פונעם האַנדל.

צו די צענטערס פון יידישן מסחר, וועלכע זענען אונדז באַקאַנט, האָבן געהערט: קראָקע, קאַליש, פּויזן, צוויזמיר, וואַרשע, גנאָמבין, טאָרנע, ניי־סאָנטש, פּשעמישל, וורא‏צלאַוו, לוואָוו, לוצק, וולאַדימיר־וואָלינסק. דער יידישער מסחר האָט ארומגעכאַפּט קליינפּוילן, גרויספּוילן, קויאַווער געגנט, רויטרייסן, שלעזיע, ליטע, צום טייל מאַזאָוויע. זיינע ווייטגרייכנדיקע שליאַכן זענען געגאַנגען קיין רייסן, אונגארן, דייטשלאַנד, אין דער ריכטונג צום באַלטישן ים, קיין קרים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איטאַליע. אין XIV־טן י"ה איז איינער פון די וויכטיקסטע יידישע האַנדלס־צענטערס אין פּוילן געווען קאַליש. די קאַלישער יידישע סוחרים האָבן געהאַט כמעט אַ מאָנאָ־פּאָל אויפן מסחר מיט מזרחדיקע ארטיקלען, בפרט מיט געווירצן. אין XV־טן י"ה איז קאַליש דיסטאַנסירט געוואָרן דורך אַנדערע שטעט, דער עיקר דורך לוואָוו און קראָקע. אָבער אויך דעמלט האָבן נאָך די יידישע סוחרים פון קאַליש איינגעהאַלטן די בכורה אינעם תבואה־האַנדל. איינער

פון די וויכטיקסטע פאַרדינסטן פון די קאַלישער ייִדן פאַרן פּוילישן מסחר זענען געווען זייערע לעבעדיקע האַנדלס-קאָנטאַקטן מיט ווראָצלאַוו און בכלל מיט שלעזיע אין XIV-טן און XV-טן י"ה. בפרט האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט, אין דער צווייטער העלפט פון XIV י"ה, דער ייִדישער סוחר פון קאַליש דוד.

אין XV י"ה פאַרנעמט אין קרוין-פּוילן, אויב עס גייט אינעם ייִדישן מסחר, דאָס אָרט פון קאַליש — קראָקע. די גרויסע ייִדישע סוחרים פון קראָקע האָבן פאַרן פּוילישן האַנדל דעם פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן אָנגעבונדן האַנדלס-באַציונגען מיט קרים (קאַפאַ), בפרט מיט די דאָרטיקע איטאַליענישע קאָלאָניעס אויף די ברעגעס פון שוואַרצן ים, און אויך מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די האָזיקע געוואַגטע האַנדלס-אונטערנעמונגען האָבן די גרויסע ייִדישע סוחרים פון קראָקע רעאַליזירט, אין XV י"ה, צוזאַמען מיט די ייִדישע סוחרים פון לוואָוו און פון לוצק, אָט די צוויי האַנדלס-צענטערס, וואָס זענען געלעגן אויפן שליאַך קיין מזרח. אַזוי אַרום האָבן די קראָקעווער, לוואָווער און לוצקער ייִדישע סוחרים געגעבן א גרויסן צושטייער צו צעמענטירן דעם קעגנזייטיקן האַנדל פון קליינפּוילן מיט רויטרייסן און נאָך ווייטער. איינער פון די גרעסטע ייִדישע סוחרים פון XV י"ה אין לוצק, יעקב סלאָמקאָוויטש (שלמהס זון), איז געשטאַנען אין ענגע מסחר-באַציונגען מיטן גרויסן האַנדל און קרעדיט-הויז פונעם ייִד לעווקאָ (לייב) אין קראָקע. יעקב סלאָמקאָוויטש האָט אין קראָקע געהאַט זיינעם אַ שטענדיקן פאָרשטייער — מרדכי. אין XV י"ה זענען אָנגעקומען קיין קראָקע אין מסחר-אָנגעלעגנהייטן דער ייִד שכנא פון לוואָוו און דער ייִד כלב פון קאפפא (קרים). די קראָקעווער און לוואָווער ייִדישע סוחרים האָבן צוזיקגעשטעלט דעם מסחר פון פּוילן מיט די רייסישע שטעט און פּאָדאָליע, בתוכם מיט קאמעניעץ, דעם מסחר, וואָס איז בשעתו צעשטערט געוואָרן דורך די אָנפאַלן פון די מאָנגאָלן. די דאָזיקע סוחרים האָבן געהאַנדלט סיי אויפן אייגענעם חשבון, סיי אַלס באַפולמעכטיקטע פון געוויסע פּוילישע גרעסערע און מיטעלע פעאָדאַלן, און אין זייער נאָמען געמאַכט ווייטע האַנדל-נסיעות סיי אויף מזרח, סיי אויף מערב. למשל דער סוחר פון קוזמיר ביי קראָקע יצחק דער זון פון יעקב האָט אין יאָר 1428 געמאַכט אַזעלכע נסיעות אויף מזרח. די ייִדישע סוחרים פלעגן נעמען ביי די פּוילישע פעאָדאַלן געוויסע געלטסומעס עד לחשבון און טיילווייז אַליין אינוועסטירן קאַפּיטאַלן אין דעם דאָזיקן ריזיקאַלישן מסחר. אַזוי אַרום זענען די פעאָדאַלן אָפּטמאָל געווען שותפים צום ייִדישן מסחר; דערמיט קלערט זיך טיילווייז אויף דער פאַקט,

וואָס די פּוילישע פירשטן און קיניגן האָבן געגעבן זייער פּראָטעקציע און שוץ דעם יידישן מסחר. די פּוילישע הערשער האָבן זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו די גרויסע יידישע סוחרים. אין אָפיציעלע קיניגלעכע דאָקומענטן ווערן זיי אָנגערופן „אונדזערע באַאַמטע" * און נישט סתם „סוחרים" ** אָדער „אומגלויביקע" *** ווי דאָס פלעגט זיין די מאָדע לגבי יידן. די גרויסע יידישע סוחרים האָבן פאַרמאָגט וויכטיקע, פאַר יענער צייט, האַנדלס־קוואַליפיקאַציעס. זיי זענען אָנגעגאַנגען פאַר אויסגעצייכנטע קענער פון די מערק סיי אויפן מזרח, סיי אויפן מערב. מיט אָט די קוואַליפיקאַציעס האָט זיך געבונדן זייער שטאַרקע רירעוודיקייט און געוואַגטקייט אין ענינים פון מסחר און פון ווייטע נסיעות, וועלכע זענען אין יענע צייטן געווען פול מיט פאַרשיידענע געפאַרן.

וויכטיקע יידישע האַנדלס־צענטערס זענען געווען אויף די מערב־רייסישע געביטן, וועלכע זענען אין דעם באַהאַנדלטן פעריאָד געווען שוין באַהערשט דורך דעם פעאָדאַלן פּוילישן קיניגרייך: אין לוואָוו, לוצק און וולאַדימיר־וואָלינסק. די לוצקער יידישע סוחרים האָבן שטאַרק בייגעשטייערט ביים צוזאַמענטיין דעם האַנדל מיט לוואָוו, מיט צענטראַל־פּוילן און מיטן מזרח. יידישע סוחרים פלעגן שליסן מסחרים נישט בלויז מיט איינצלנע קריסטן, נאָר אויך מיט דעם לוואָווער שטאָט־ראַט, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון די קריסטלעכע פּאַטריציישע סוחרים אין דער שטאָט.

די גרויסע יידישע סוחרים פון וואַרשע און בריסק דליטא האָבן געהאַט פאַרדינסטן ביים אַנטוויקלען דעם מסחר פּוילן — ליטע, פּוילן — שלעזיע, פּוילן — אונגאַרן און אפילו פּוילן — ווענעציע. פון מזרח פלעגן יידישע סוחרים פירן סחורות קיין לאָמזשע (מאַזאָוושע). יידישע סוחרים פון ליטע און וואַרשע פלעגן פירן מסחר מיט גדאַנסק (דאַנציק) און שטשעטשין דורך טאָרון. אָבער דער יידישער מסחר אין די אָקאָרשט אויסגערעכנטע געביטן איז געשטערט געוואָרן דורך דעם קרייץ־ריטער־אָרדן,**** ווייל דער איבערלעבער האַנדל, וועלכן עס האָבן געפירט די פּוילישע יידן, איז אין תוך געווען אַ פּוילישער מסחר, און דער דייטשישער קרייץ־ריטער־אָרדן

---

* Officiales nostri.

** Mercatores.

*** Infidelis.

**** Zakon Krzyżacki.

האָט אַלץ געטאָן צו לייגן שטיינער אויפן וועג פונעם פּוילישן מסחר. דער דייטשישער אָרדן האָט געצילט אין די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון פּוילן און דירעקט געטראָפן מיט זיינע פּיילן אין דעם יידישן מסחר. אין יאָר 1309 האָט דער גרויס־מייסטער פונעם קרייץ־ריטער־אָרדן זיגפריד פאָן פויכטוואַנגען פאַרבאָטן די יידן צו וווינען אין דעם קרייץ־ריטערישן פּרייסן. ממילא איז געוואָרן אָפּגעטויט דער יידישער האנדל פון פּוילן־ליטע מיט די פּוילישע מערב־ און ים־געביטן, איבער וועלכע עס האָט דעמלט געוועלטיקט דער האַזיקער פאַרפאָסטן פון דער דייטש־פעאָדאַלער אגרעסאָרייש־קייט.

אין שלעזיע האָט דער יידישער מסחר אדורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרצענדליקס פון XIII י"ה אַ באַדייטנדיקן אויפשוונג. די שלעזישע פירשטן האָבן, פּונקט ווי די גרויספּוילישע הערשער, געגעבן די יידישע סוחרים פולשטענדיקע באַוועגונגס־ און מעטיקייט־פרייהייט. די אנטוויקלונג פונעם יידישן מסחר אין שלעזיע סוף דעם XIII י"ה האָט אָבער אָנגע־טראָפן אויף ערנסטע שטערונגען סיי מצד די קריסטלעך־דייטשישע סוחרים, סיי מצד דעם קאַטוילישן קלער. אין יאָר 1286 איז אַרויסגעטראָטן דער ווראָצלאַווער בישוף טאָמאַס II מיט אַן עפנטלעכן אָנקלאָג אויפן אדרעס פון הענריך IV, פירשט פון יענעם ביקן, בכן די יידן לעבט זיך בעסער ווי דעם קאַ־טוילישן קלער, ווייל די יידן קאָנען אַלץ טאָן אין לאַנד און לעבן גוט פון זייערע געשעפטן, בעת דער קלער מוז לעבן אין איין שרעק פאַרן טויט. לאָמיר באַמערקן, אַז דאָס איז געווען די צייט פון אַן אויפשטייג פון די אָפּאָזיציאָנעלע, אנטיקירכלעכע באַוועגונגען אין שלעזיע. די אויפגעבראַכ־טע מאַסע האָט דורכגעפירט אָנפאַלן אויף די קלויסטערס, וועלכע זענען געווען פעסטונגען פון דער סאמע ווילקירלעכער פעאָדאַלער אונטערדריקונג. דער ארויסטריט פונעם ווראָצלאַווער בישוף האָט נישט געווירקט אויפן פירשט, ער זאָל באַגרענעצן דעם מעטיקייטס־געביט פון די יידישע סוחרים. אָבער דער פירשט איז געווען אָנמעכטיק לגבי דער ווראָצלאַווער שטאָטפאַרוואַלטונג, וועלכע איז געווען אויטאָנאָם און האָט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון די אָרטיקע פּאטריצישע קריסטלעכע סוחרים. די ווראצלאַווער שטאָט־פאַרוואַלטונג טרעט צו צו א ברייטער אַקציע פון באַ־שרענקען די מעגלעכקייטן פון די יידישע סוחרים. אין יאָר 1301 האָט דער ווראָצלאַווער שטאָט־ראַט פאַרווערט די דאָרטיקע יידן צו האַנדלען מיט געוועבן, מיט טעקסטיל־אויסארבעטונגען. אזוי ארום זענען די ווראָצלאַווער יידישע סוחרים געוואָרן ארויסגעשטויסן פון דעם וויכטיקסטן צווייג פון

שלעזישן האַנדל. דער אָנגריף פון די קריסטלעכע, און פאַקטיש רייטשישע, סוחרים פון שלעזיע קעגן זייערע יידישע קאָנקורענטן האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגעשטעלט. אין לויף פון XIV י״ה ווערן די שלעזישע יידן, פונקט ווי די יידן פון דייטשלאַנד, אַרויסגעשטופּט דורך די הערשנדיקע אין די שטעט דייטשישע סוחרים פון אַלץ מער און מער האַנדלס־צווייגן, ווערנדיק אַזוי אַרום געשטויסן זיך צו פאַרנעמען אַלץ אָפטער מיט וווכער. מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט זיך פאַרנעמען בלויז די מער באַמיטלטע יידן פון שלעזיע, דאַקעגן די ווייניקער באַמיטלטע שלעזישע יידן ווערן אַריינגעשטויסן אין די ענגע, דלותדיקע ראַמען פון האַנדל מיט אַלטוואַרג, אָדער אין מעקלערייַ און פאַרמיטלערייַ. זיי זענען אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָרעמע קלייןהענדלער אָדער אין באַרגלאָזע לופט־מענטשן, פאַרמשפּטע אויף כאַפּן אַ פאַרדינסטל פון צופעליקער מעקלערייַ.

אין דער זעלביקער צייט, ווען דער יידישער מסחר ווערט אַלץ מער באַגרענעצט, דעפאָרמירט און אפילו אָפּגעטויט אין די יענע פוילישע געביטן, ווו עס הערשט דער פעאָדאַלער אָדער פאַטריצישער דייטשישער עלעמענט, ד. ה. — אין פאָמערן און שלעזיע, — אַנטוויקלט ער זיך אָן שטערונגען אין די ניי־צוגעקומענע געביטן צו דער פוילישער מלוכה: אין די געביטן פון דעם ליטווישן גרויספירשטנטום. די יידן שפּילן אין ליטע די ראָל פון פּיאָנערן פונעם לאַנד־מסחר. צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אינעם קאַפּיטל, וואָס וועט זיין געווידמעט די יידן אין ליטע.

ווי געזאָגט, האָט אין פוילן (חוץ שלעזיע) דער יידישער מסחר נישט אָנגעטראָפן ביז די לעצטע צייטן פון באַהאַנדלטן פעריאָד קיין שטערונגען אין הינזיכט פון די קעגנשטאַנדן פונעם האַנדל. די גרויסע יידישע סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט די פאָלגנדיקע אַרטיקלען: בהמות, פערד, עופות, וואָל, טוך, תבואה, פעל, פוטערוואַרג, וואַקס, האָניק, פעטס, סמאָלע, האָלץ, אַש, פיש, פאַרבן, טעקסטיל־סחורות, זייד, צירונג, טייערע שטיינער, געווער (פאַנצערס, שווערדן, ספּעציעלע שיס־וואָפן), האַנטווערקער־געצייג, וויין, מעטאַלן, זאַלץ. זיי פלעגן ברענגען פון מזרח פעפער, שאַפראַן, בשמים, ציטרינען, זייד, וויין; פון אונגאַרן — מעטאַלן, וויין, איילבירהטן, וואַקס, פעל; זיי פלעגן עקספּאָרטירן קיין אונגאַרן זאַלץ. פון די מערב־לענדער פלעגן זיי ברענגען פלאַנדרישע (בעלגישע) און ענגלישע שניט־סחורות. אַש, סמאָלע, האָלץ, תבואה וכדומה פלעגן זיי עקספּאָרטירן קיין אויס־לאַנד. וואָס שייך דעם גרויסן אינערלעכן מסחר, האָבן זיי אויך געהאַנדלט

מיט בוי־פלעצער און הייזער. דאָס זענען געווען די גרויסע יידישע סוחרים, און נאָר זיי פיגורירן פון פאַל צו פאַל אין אָפיציעלע דאָקומענטן. אָבער אַזעלכע גרויסע יידישע אימפּאָרטערן און עקספּאָרטערן ווי יעקב סלאָמקאָ־ווימש פון לוצק, ווי דוד פון קאַליש, ווי שלמה און יעקב, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט דער לוואָווער שטאָט־פּאַרוואַלטונג, ווי יקותיאל, אלעזר און נחום, וועלכע האָבן (געווים פאַר געלט) באַקומען שוץ־בריוו פון דעם קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ — האָבן געבילדעט א קליינע מינדערהייט צווישן דער צאָלרייכער יידישער האַנדלס־מאַסע, וועלכע פיגורירט נישט אין די געריכטלעכע אַקטן און האָט נישט באַקומען קיין קיניגלעכע שוץ־בריוו. די דאָזיקע האַנדלס־מאַסע איז באַשטאַנען פון קליינהענדלער און האָט איר טעטיקייט באַגרענעצט צו די ראַמען פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך. אָבער אויך איר צושטייער איז געווען א וויכטיקער, ווייל די דאָזיקע יידישע קליינהענדלער האָבן אַנטוויקלט די אויסטויש־קאָנטאַקטן צווישן שטאָט און שטעטל און צווישן שטאָט און דאָרף. זיי האָבן צוגע־שטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון די אינערלעכע יאַרידים און מערק. די יידישע קליינהענדלער, וועלכע האָבן געשאַפן דעם רוב בנין ומנין פונעם יידישן מסחר־עלעמענט, האָבן געהאַנדלט דער עיקר מיט שפּייז־אַרטיקלען (פלייש, ברויט און געבעקס, מילכוואַרג, וויין אין א קליינעם פאַרנעם, באַ־קלייד וכדומה) און זיך פאַרנומען בכלל מיט כלערליי דעמאָל־מסחרים. זיי האָבן באַדינט נישט בלויז דעם יידישן עולם, נאָר אויך דעם קריסטלעכן קונה.

אַראַנק דער אַנטוויקלונג פון מסחר ביי די פּוילישע יידן אין XIV י״ה איז געשטיגן ביי זיי אַלץ מער דער עלעמענט פון האַנדלס־דינסט (משרתים, משולחים, שיק־יינגלעך, פאַרשטייער, חשבונות־פירער אאַוו). איינציייטיק וואַקסן די רייען פון יידן באַשעפטיקטע אין טראַנספּאָרט (פורמאַנעס, שמייסער, טרעגער). עס אַנטשטייט אויך אַ גרופּע מעקלער און פאַרמיטלער. אויפן באָדן פון דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן מסחר וואַקסן אויס די גע־ריכטלעכע קאָמפּעטענצן פון די כלי־קודש. עס אַנטשטייט, נעבן די דיינים, אַ גרופּע בוררים, און עס אַנטוויקלט זיך דער יורידישער סעקטאָר פון דער רבנישער ליטעראַטור.

דער קליינער מסחר בינדט זיך ביי די פּוילישע יידן אָפט מיט מלאכה און קליינער לאַנדווירטשאַפט, דער גרויסער מסחר — מיט געלט־האַנדל און מיט אַרענדעס. אָבער אַרענדעס טרעטן אַרויס, אין גרונט גענומען, ווי אַ זעלבשטענדיקער פּרנסה־צווייג.

## ד. יידן אין אַרענדעס

יידן אַרענדאַרן פון דער מלוכהשער מינץ טרעטן ארויס, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אין פריערדיקן טייל, שוין אין XII י״ה. אין דעם דאָ באַהאַנדלטן פעריאָד איז דאָס שוין נישט אַ באַשעפטיקונג פון איינצלנע יידן, נאָר פון אַ באַדייטנדיקער צאָל יידישע גוטס־באַמיטלטע אונטערנעמער, און עס האַנדלט זיך שוין נישט מער בלויז אין מינץ. די באַשעפטיקונג פון אַרענ־דירן מלוכה־הכנסות נעמט שוין איצט אַרום אַ גאַנצע רײַ געביטן. רײַכע יידן אַרענדירן די מינץ, צאָלן, מויטן, די זאַלץ־גרובנס און דעם מאָנאָפּאָל אויף פּאַרקויפן זאַלץ. אין אַט דער טעטיקייט בינדט זיך דער עלעמענט פון אַרענדע מיטן עלעמענט פון מלוכה־אָנגעשטעלטקייט. די יידן, וועלכע אַרענדירן דאָס איינמאָנען די גרענעץ־צאָלן, די וועגן־אָפּצאָלן, שטייערן וכדומה, רעפּרעזענטירן דערמיט די קיניגלעכע (מלוכהשע) מאַכט. די דאָזיקע אַרענדעס, וועלכע זענען אָפטמאָל ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, דינען נישט בלויז אויף אויסצופילן די קאַסע פון דעם מאָנאַרך, נאָר זענען אַ קוואַל פון באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן־אַקומולאַציע ביי די גרויסע יידישע אַרענדאַרן פון מלוכה־הכנסות. זייער אָביעקטיווע ראָל איז אַ צווייערליי־איקע: זיי העלפן מיט זייער טעטיקייט אונטערצוהאַלטן פינאַנסיעל און צום טייל אַדמיניסטראַטיוו די מלוכה, אָבער פון דער צווייטער זייט זענען זיי אַ געצייג אין די הענט פון די הערשער אַרויסצוקוועטשן פון פאָלק וואָס מער שטייערן און אָפּצאָלן. זיי דינען אייגנצייטיק סיי דער מלוכה ווי אַזעל־כער, סיי די שפּיצן פון דער פעאָדאַלער פּוילישער געזעלשאַפט.

שוין אין דער צווייטער העלפט פון XIII, און אין משך פון XIV און ערשטער העלפט פון XV י״ה ווערן די מלוכה־אַרענדעס אַן אָנגעזעענע באַשעפטיקונג ביי די רײַכע יידן אין פּוילן. עס זאָגן וועגן דעם עדות די באַשלוסן פון די סינאָדן פונעם קאַטוילישן קלער אין די יאָרן 1267, 1279, 1285 און 1420. דער קלער שטורעמט קעגן געבן די יידן אַזעלכע וויכטיקע און רווחדיקע מלוכהשע שטעלעס. עס האָבן געטראָפן פאַלן, ווען קריסטלע־כע מלוכה־אַרענדאַרן זענען באַזייטיקט געוואָרן צוליב זייערע חסרונות אָדער שלימזלדיקייט און אויף זייער אָרט זענען דורכן קיניג באַשטימט געוואָרן יידן. עס האָט דאָ אויך געקאָנט דעצידירן די אַרענדע־סומע, וואָס דער קאַנ־דידאַט האָט פאָרגעשלאָגן דעם קיניג. למשל אין יאָר 1368 האָט דער קראָקעווער יידישער עושר לעווקאָ באַקומען די אַרענדע פון די זאַלץ־גרובנס אין באָכניע און וויעליטשקע; ער האָט אויך געקריגן די פּאַכט פון מינץ.

זיינע קאָנקורענטן זענען געווען די קריסטן באַרטקאָ, טרוקלא, הענסעלבורג, וועלקער. באַרטקאָ, וועלכער האָט פריער געהאַט די מינץ, איז דורכן קיניג באַזייטיקט געוואָרן, ווייל ער האָט אַרויסגעלאָזט אַלין געמיינערע מטבעות און דורך דעם אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט אין לאַנד. דורך דעם באַזייטיקן באַרטקאָן האָט דער קיניג אָפּגעווענדט די אומצופרידנקייט פון זיך און זי אויסגעקערעוועט קעגן דעם מינצער. קעגן דעם ייד לעווקאָ האָט מען נישט אַרויסגערוקט אַזעלכע פאָרווורפן ווי קעגן באַרטקאָן. יידן פלעגן אָפט נעמען אַרענדעס בשותפות מיט קריסטן. למשל לעווקאָס שותף איז במשך אַ געוויסער צייט געווען דער קריסט יעליטקאָוויטש.

אין XV י״ה ברייטערט זיך אויס אין טעריטאָריאַלער הינזיכט דער פאַרנעם פון די יידישע אַרענדעס, דער עיקר אין דער ריכטונג פון די מזרח־דיקע טעריטאָריעס, פון די מזרח־פוילישע און רייסישע געגנטן. יידן אַרענ־דירן אין XV י״ה די מויטן אין הרוביעשאָוו, כעלם, לובאַשוו, בוסק, פשעמישל, לוואָוו, לוצק, גריידעק (גרודעק), האַליטש, סאַמבאָר, קאַמיאָנ־קע, יאַראָסלאַוו, קאַמיעניעץ, בעלז, גליניאַני. אין דעם זעלביקן יאָרהונדערט געפינען זיך אין יידישע הענט די זאַלץ־זשופּן אין דראָהאָביטש, יאַשיניעץ, קאָלאָמיי, דאָלינאַ, זשידאַטשוו. אין די אָנגערופענע געביטן ליגן די אַרענ־דעס פון מלוכה־הכנסות כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט, דאַקעגן אין אַנדערע געגנטן פון פוילן פאַרנעמען זיך מיט דעם קריסטן, בתוכם אויך פוילישע פעאָדאַלן.

די אַרענדאַרן פון מלוכה־הכנסות ריזיקירן אָפטמאָל זייער אַ סך. לא די וואָס זיי דאַרפן איינצאָלן תיכף די גרויסע אַרענדע־סומע אין דעם קיניגלעכן אוצר, ליגט נאָך אויף זיי דער חוב אויסצורעמאָנטירן די גרובנס און אַמאָל אויך בכלל אויסצובויען די אָביעקטן. למשל פון יאָר 1452 שטאַמט אַן אַקט, וואָס אויף זיין סמך האָט דער ייד נאַטקאָ (נתן) באַקומען די פּאַכט פון די דראָהאָביטשער זאַלץ־זשופּן און די הכנסה פון די מלוכה־צאָלן אין גריידעק; אין דעם דאָזיקן קיניגלעכן אַקט לייענען מיר אָט וואָס: „דעם פאָרזיכטיקן יידן נאַטקאָ רעקאָמענדירן אונדז זיין ספּעציעלע פלינקייט, טיכ־טיקייט און קלוגשאַפט, כדי מיר זאָלן אַדאַנק זיינע פעיקייטן און פלייס זיין ביכולת אַריינצוברענגען וואָס מער הכנסות אין אונדזער אוצר... ער דאַרף דאָס ערשטע יאָר אויפן אייגענעם חשבון פאַרריכטן און פאַרבעסערן די איינגעפאַלענע און באַשעדיקטע ערטער אין אונדזערע זשופּן, די פענצטער, דורך וועלכע מען באַקומט אַרויס זאַלץ אינדרויסן, און די וועגן.“ דער ייד נאַטקאָ האָט איבערגענומען די אונטערנעמונג נאָכדעם, ווי דער

אדלמאן מיקאָליי קאַליאַסקי, דער פריערדיקער פּאַכטער, האָט זיך אָפּגע־זאָגט, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער שווערער אויפגאבע.

אַרום די אַרענדעס פון די גרובנס, מינץ און מלוכה־הכנסות האָט זיך קאָנצענטרירט אַן אָנגעזעענע צאָל יידן — נישט בלויז די ארענדארן, נאָר אויך זייערע אונטער־אַרענדאַרן, השבוגית־פירער, אָנגעשטעלטע, משרתים, געהילפן, שומרים, אינקאסענטן וכדומה. אזוי ארום איז אויך ארום אָט די באַשעפטיקונגען אויפגעשטאַנען אין געוויסע יידישע קרייזן א קלאסן־דיפערענציאציע.

ווי מיר האָבן געזען אויפן סמך פון דעם אקט מכוח נאטקאָס אַרענדע, האָבן די יידן פּאַכטער פון מלוכה־הכנסות א טייל פון זייערע קאפּיטאַל, אינוועסטירט אין די זשופּן גופא, העלפנדיק אזוי ארום אויסצובעסערן דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס.

## ח. יידן אין וווכער

מיר האָבן שוין באַמערקט אין דעם אריינפיר צו דעם דאָזיקן קאַפּיטל, אַז אין דער אַלטער פוילישער און טיילווייז אויך יידישער היסטאָריאָגראפיע הערשט אַ פאַלשע גוזמאדיקע מיינונג וועגן דער גרויס און פארנעם פון דער וווכער־באשעפטיקונג ביי די יידן אין פוילן אין די לעצטע יאָרצענדליק פונעם XIII און אין XIV און XV י״ה. לויט אָט דער פאַלשער מיינונג איז דער כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון דעם פוילישן ייד אין דער אָנגעוויזע־נער צייט געווען דער פּראָצענטניק. ווי ווייט פאַלש עס איז די דאָזיקע מיינונג, קאָן מען דרינגען שוין פון דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם אָנטייל פון די פוילישע יידן אין לאנדווירטשאפט, מלאכה, מסחר, טראנספּאָרט און ארענדעס פון מלוכה־אייגנקונפטן. די פוילישע היסטאָרי־קער פון די אַלטע שולן האָבן זייער מיינונג באַזירט אויף דעם, וואָס אין דעם קאַלישער סטאטוט (1264) זענען אַזש 13 פּאַראַגראַפן געווידמעט דעם יידישן קרעדיט און צוויי דעם האנדל און וואָס אין די געריכטס־ביכער פון גרויספוילן פיגורירן יידן ס׳רוב אלס קרעדיטאָרן. די דאָזיקע ארגומענטן קאָן מען זייער לייכט צעקלאַפּן; דער קאַלישער סטאַטוט רעדט מער וועגן קרעדיט, איידער וועגן אנדערע יידישע באַשעפטיקונגען, ווייל קרעדיט־אָפּעראציעס זענען געווען א נייעס אין דעמלטיקן פוילן, און דער פירשט,

ווי בכלל די פעאָדאַלן און מסחר־אונטערנעמער, האָבן זיך געניימיקט גאָר באַזונדערס אין קרעדיט. וועגן דער סיבה, הלמאי יידישע סוחרים פיגורירן ווינציקער אין די געריכטס־אַקטן, און יידישע בעלי מלאכות פיגורירן אין זיי אינגאנצן נישט (אין באהאַנדלטן פעריאָד), איז שוין געווען א רייד. פאַקטיש איז די צאָל יידן אין פוילן, וואָס האָט זיך אין XIV און XV י"ה פאַרנומען מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס, מיט געלט־האַנדל, געווען אין פארגלייך צו דער יידישער באַפעלקערונג זייער א קליינער. למשל אין קראָקע האָבן — לויט די פאראנגענע דאָקומענטן — זיך פארנומען מיט קרעדיט־אָפּעראַציעס בסך הכל 20 יידן; אין גרויספוילן האָט די צאָל יידן וווכערניקעס באטראָפן 50 (אָנהייב XV י"ה); זייער מערהייט האָט זיך קאָנצענטרירט אין פוזן; אין וואַרשע זענען אין דער זעלביקער צייט געווען 6 יידישע וווכערער (אַלעקסאַנדער, לאַזאַרוס־אלעזר, שפּרינצע, יצחק, אברהם און אשר); אין לוואָוו — דריי (שכנא אאא.); אין זשידאַטשוו — איינער (שמעון), אין בעלז — איינער (שכנא); אין הרוביעשוו — איינער (יאָסקאָ־יאָסל). אין XIV י"ה קאָן מען — אויפן סמך פון די פאראַנגענע דאָקו־מענטן — אָנציילן בסך הכל 73 יידישע וווכערער. אין XV י"ה איז צו־זאמען מיטן אלגעמיינעם וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן און מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די קרעדיט־באַציונגען אין לאנד אויך געשטיגן די צאָל יידישע קרעדיטאָרן (ביז 400). אויב אַפילו זייער צאָל איז געווען גרעסער, איז זי פונדעסטוועגן א מינימאלע אין פארגלייך מיט די 18 טויזנט יידן (לויט שיפּערן) אין XIV י"ה (וואַרשיינלעך איז די צאָל יידן אין פוילן געווען גרעסער, ווי מיר האָבן עס שוין באַמערקט) און אין פארגלייך מיט די לכל הפּחות 30 טויזנט יידן אין פוילן אין XV י"ה. אין וואַרשע זענען, ווי געזאָגט, תחילת דעם XV י"ה געווען זעקס יידישע פּראָצענטניקעס אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 120 יידן אין דער דאָזיקער שטאָט.

אמת איז, אַז די יידישע וווכערניקעס, וועלכע זענען געווען קליין אין צאָל, האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט זייער גרויסע קאפּיטאלן. זייע־רע קרעדיט־אָפּעראַציעס זענען אָפט געווען פון א ברייטן פארנעם, און וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן באַזונדער. אזוי ארום איז דער ספּעציפישער געוויכט פונעם יידישן קרעדיט־וועזן אין דעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון דעמאָלטיקן פוילן געווען זייער גרוים. אָבער אויך צווישן די יידן, באַשעפ־טיקטע מיט באָרגן געלט אויף פּראָצענט, זענען געווען גראָבע קאַרפּן און די־נע העכטלעך. אויב למשל די הלוואות פון גרויסע יידישע קרעדיטאָרן אין

קראָקע פאַר העכערע פּעאָדאַלן האָבן אין דורכשניט באַטראָפן 1000 — 1450 מאַרק,* האָבן זיך די הלוואות פון די מיטעלע יידישע ווכערער אין פּויזן געוואַקלט צווישן 40—50 און 500 מאַרק, און אין אַזעלכע שטעט, ווי זשידאַטשוו, בעלז, הרוביעשוו, פּשעמישל איז דער יידישער געלט=האַנדל געווען גאָר אַ קליינער.

פון דעם, וואָס איז אָקאָרשט געזאָגט געוואָרן, דרינגט קודם כל בפירוש אַרויס, אַז די צאָל יידן, באַשעפטיקטע מיט ווכער, איז געווען אַ מינימאַלע און אַז פון דעם XIV ביזן XV י"ה איז די דאָזיקע צאָל, אין פאַרהעלטנישמעסיקן זין, נאָך מער געפאַלן; אויב אין XIV י"ה האָבן זיך מיט ווכער פאַרנומען וואַרשיינלעך 2,5 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן (אויב מיר וועלן אָננעמען פאַר ריכטיק די צאָל פון 18 טויזנט יידן דעמלט אין פּוילן), האָט די צאָל יידן ווכערער אין XV י"ה באַטראָפן מער ווייניקער 1,3 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. צווייטנס — איז דער גרויסער ווכער=קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט געוואָרן אין די הענט פון אַ הייפל גרויסע יידישע קרעדיט=מאַגנאַטן, און די מערהייט יידישע ווכערער איז באַשטאַנען פון מיטעלע אָדער קליינע געלט=באַזיצער. דערביי האָרף מען נאָך נעמען אין אכט, אַז אָפט האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּשוטער מסחר=טראַנזאַקציע צווישן אַ יידישן פאַרקויפער און אַ קריסטלעכן קונה, וועלכער האָט געקויפט סחורה אויף קרעדיט, און אין פאַל פון נישט באַצאָלן צו דער צייט האָט ער געמוזט צוצאָלן אַ געוויסן פּראָצענט; די געריכט=אַקטן קאָנען אין אַזאַ פאַל פאַרפירן און אַרויסרופן דעם איינדרוק, אַז עס גייט וועגן ליכווע, בעת פאַקטיש איז עס געווען אַ מסחר=עָפּמאַך. און צולעצט רוקט זיך אַרויס דער פּראָבלעם: צי זענען די דאָזיקע יידן געווען דער אויסשליסלעכער ווכער=פאַקטאָר אין לאַנד? אויף דעם קאָן מען ענטפערן — אויפן סמך פון די פאַראַנענע דאָקומענטן — אַז די יידישע ווכערניקעס זענען געווען אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט פון דעם כלל ווכערער אין לאַנד. אַזוי לייענען מיר אין דעם האַנטבוך „די געשיכטע פון פּוילן" פון דער פּוילישער וויסנשאַפט=אַקאַדעמיע אָט וואָס: „אין די הענט פון דעם (קריסטלעכן) האַנדלס=פּאַטריציאַט און פון די שטאָטישע גע=

* די מטבע „מאַרק" האָט מער ווייניק אַנטשפּראָכן דער מטבע „גזשיוונע". אַ גזשיוונע האָט לפי ערך געהאַט 48 גראָשן. איין גזשיוונע האָט אַנטהאַלטן לפי ערך 42 גראַם ריינעם זילבער. אין יענע צייטן איז אַ גראָשן (גראָש=גראָס=גרויס) געווען אַ הויכע מטבע.

מיינדעם האָבן זיך אָנגעזאַמלט גרויסע געלט־מיטלען; אין די טראַנזאַקציעס, וועלכע עס פּלעגן דורכפירן די (קריסטלעכע) מיעשטשאַנעס, האָט זיך געהאַנדלט אין פיל הונדערטער גזשיוונעס, און אַזעלכע טראַנזאַקציעס זענען געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג. מיקאָלאַי וויעזשינעק האָט בשותפות מיט אַ צווייטן קראָקעווער תושב געבאָרגט (דעם קייזער) קאַראָל IV 1760 גזשיוונעס. אין יאָר 1440 האָט למשל יאַן טעשנער, אַ „קעניגלעכער בירגער און ראַטמאַן", געבאָרגט דעם קיניג אויף זיין קאָראָנאַציע־נסיעה קיין אונגאַרן די סומע פון 2200 פלאָרין*; אַן ענלעכע סומע האָט אויס־געבאָרגט אַ צווייטער שטאָט־בירגער יאַן גראָסאַר. אַ געוויסע אַקומולאַציע פון עשירות זעען מיר אויך אין אַנדערע שטעט. למשל אין אָנהייב פון XV י"ה האָט אין פּויזן ברייטע ליכווע־געשעפטן געפירט דער אָרטיקער סוחר וואָיטעק „באַגאַטי", און אין יאָר 1404 האָט אַן אַנדער פּויזנער פּאַטריציער, פּיאָטר שטראָסבערג, אָפּגענומען 40 גזשיוונעס אַלס יערלעכן פּראָצענט פון אַ סומע, וואָס ער האָט געבאָרגט דער שטאָט וראָצלאַוו. דער קאַטויליִ־שער קלער אין די שטעט איז געווען אַ פּאַראַזיטישער עלעמענט. דער קלער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט ליכווע."**

אין XV י"ה זענען אין פּוילן פאָרגעקומען אַ סך פּראָצעסן, אין וועל־כע דער קאַטוילישער קלער איז ארויסגעטראָטן אַלס וווכערער, נישט גע־קוקט דערויף, וואָס די קריסטלעכע אמונה האָט פאָרמעל פאַרווערט קריסטן צו נעמען פּראָצענט. אין מאַזאָוויע זענען וווכערער — אין XIV און XV י"ה — געווען בלויז און אויסשליסלעך קריסטן. דער פּלאָצקער ביסקופּ, יאקוב פון קורדאַנאָוו, האָט דערקלערט, אַז אַ סך קריסטן פון זיין דיעצעזיע פאַרנעמען זיך מיט ליכווע טראָץ די פאַרבאָטן פון דער קירך. דאָס זעלבע האָבן פעסטגעשטעלט: דער קראָקעווער ביסקופּ נאַנקער אין יאָר 1320, דער וראָצלאַווער ביסקופּ מיקאָלאַי קוראַווסקי אין יאָר 1402 און דער אַרכיביסקופּ מיקאָלאַי טראָמבאַ אין יאָר 1420.

כדי צו זען דעם פאַרגלייך צווישן דער צאָל וווכערער און דער גרויס פון די הלוואות פון קריסטן און יידן אין דער פּוילישער פּראָווינץ, וועלן מיר ברענגען אַנטשפּרעכנדיקע ציפערן פון דער פּשעמישלער געגנט אין XV־טן י"ה.

---

* אַ פלאָרין, אָדער אַ דוקאַט האָט געהאַט אין פאַרשיידענע צייטן פון 13 ביז 36 גראָשן.

** Historia Polski, wyd. P.A.N., t. I, Warszawa 1955 (makieta), s. 477.

אין די יאָרן 1450—1436 זענען אין דער דאָזיקער געגנט געמאַכט געוואָרן וווכער־טראַנזאַקציעס דורך קרעדיטאָרן פון די פאָלגנדיקע שטאַנדן:

שליאַכטע־לייט — 1395
קאַטוילישער קלער — 29
פראַוואָסלאַווער קלער — 9
קריסטלעכע שטאָט־וווינער — 117
זעלבשטענדיקע פויערים — 17
יידן — 9

אין דעם זעלביקן צייט־אָפּשניט טרעטן אַרויס אין די אַקטן אַלס לווים:

| | |
|---|---|
| שליאַכטע־לייט | 1 436 — |
| קאַטוילישער קלער | 13 — |
| פראַוואָסלאַווער קלער | 3 — |
| קריסטלעכע שטאָט־לייט | 16 — |
| זעלבשטענדיקע פויערים | 38 — |
| יידן | 3 — |

פון די טאַבעלעס איז צו זען, אַז די גרעסטע צאָל וווכערניקעס אין דער פּשעמישלער געגנט זענען געווען שליאַכטע־לייט, אָבער איינצייטיק האָט דער דאָזיקער שיכט אויך געגעבן די גרעסטע צאָל לווים. ביי די קריסטלעכע שטאָט־וווינער שטייגט די צאָל וווכערניקעס איבער די צאָל לווים אַרום 7 מאָל אַזוי פיל. דער קריסטלעכער קלער האָט זיך אויך געשמאַק פאַרנומען מיט ליכווע. בנוגע די יידן, ווען מען פאַרגלייכט דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט מיט אַ שפּעטערדיקן (1468—1460), זעט מען, אַז די צאָל וווכערער פאַלט ביי זיי פון 9 אויף דריי. דער פאָרשער פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם (דער פּאָליאַק מאַריאַן אונגעהויער) שטעלט פעסט, אַז די יידן האָבן אין דער פּשעמישלער געגנט געשפּילט אַ מינימאַלע ראָל אין דאָרטיקן קרעדיט־וועזן; זיי האָבן געבילדעט סך הכל אַ האַלבן פּראָצענט אין פאַרהעלטעניש צו די קרעדיט־אָפּעראַציעס פון דער שליאַכטע און 0,2 פּראָצענט פון דעם גאַנצן סכום פון די קרעדיט־אָפּעראַציעס אין דער געגנט.

איצט לאָמיר זען דעם פאַרנעם פון די קרעדיט־אָפּעראַציעס אין פּשעמישלער געגנט: דער גרויסער פעאָדאַל, פירשט וואַצלאַוו אָפּאָלסקי, באָרגט עמיצן אויף פּראָצענט די ריזיקע סומע פון 2 000 גזשיוונעס; די הלוואות פון שליאַכטישע קרעדיטאָרן וואַקלען זיך צווישן 200 און 800 גזשיוונעס; פונעם קלער — פון 10 ביז 200 גזשיוונעס; אין דער זעלביקער צייט טרעטן

אויף די יידן ווי די קלענסטע וווכערער. אין משך פון 14 יאָר האָבן דוד און שמעון געגעבן סך הכל צוויי מאָל הלוואות צו דריי גזשיוונעס, יצחק — איין מאָל אַ הלוואה פון 5 גזשיוונעס, רבקה פון יאַראָסלאַוו — צוויי מאָל צו דריי גזשיוונעס; די גרעסטע יידישע וווכערער אין דער געגנט זענען געווען: די אַלמנה מנוחה, וועלכע האָט געגעבן צוויי הלוואות אויף 151 גזשיוונעס, און דער צאָל־פּאַכטער פון יאַראָסלאַוו יאָרדאַן (יוחנן) — איין הלוואה פון 34 גזשיוונעס.

אָט ווי עס שטעלט זיך פאָר אין דער ווירקלעכקייט די לעגענדע וועגן דער „מעכטיקייט", „אויסשליסלעכקייט" און „ברייטן פאַרנעם" פון דער וווכער־באַשעפטיקונג ביי די יידן אין פוילן אין XIV־טן און XV־טן י"ה.

דערביי איז כדאי צו באַטאָנען, אַז אין די געריכט־אַקטן באַגעגנט מען אַ סך יידן לוים. למשל אין די אַקטן פון פשעמישלער געגנט פיגורירן צוויי יידישע לוים: שמעון (אויף אַ סומע פון 78 גזשיוונעס) און דער צאָל־פּאַכטער פון פשעמישל דוד (צווייטמאָל צו 72 גזשיוונעס). ווי מיר זעען פון דעם לעצטן פאַל, האָט דוד געבאָרגט געלט מסתמא כדי עס צו אינוועסטירן אין דער אַרענדע. אין דער ערשטער העלפט פון XIV־טן י"ה האָט דער ייד עקהאַרד (עקיבא) געבאָרגט אַ גרעסערע סומע געלט ביים וראָצלאַווער שטאָט־ראַט; דער דאָזיקער פאַקט סוגערירט אַ געדאַנק, אַז די הלוואה האָט געהאַט אינוועסטיציע־צוועקן. אין יאָר 1489 איז דער ייד ביעניאַזש (ביינוש) פון וואַרשע געווען פאַרשולדיקט ביי קריסטן. בכלל זענען אין XIV־טן און XV־טן י"ה מאַזאָווישער יידן אָפט געווען פאַרשולדיקט ביי קריסטלעכע פּראַצענטניקעס און אַפילו ביי קאַטוילישע גלחים.

אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם האָט דער וווכער אין באַהאַנדלטן פּעריאָד געהאַט ביי די שלעזישע יידן. געווירקט האָבן אויף דעם צוויי מאָמענטן: פון איין זייט — דער דרוק און די ווירטשאַפטלעכע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק מצד דעם קריסטלעך־דייטשישן פּאַטריציאַט, פון דער צווייטער — דער געייעג נאָך רווחים. זינט דעם אָנהייב פון XIV־טן י"ה ווערן די שלעזישע, און בפרט די וראָצלאַווער יידן אַלץ מער און העפטיקער אַרויסגעשטויסן פון דעם מסחר, דערהויפּט פון דעם דעטאַל־האַנדל מיט שטאָף. דער אַרויסגעשטופּטער יידישער האַנדל־עלעמענט נעמט זיך באַיין ברירה צו דעם, וואָס איז מעגלעך געווען, צו ליכווע. אָבער איינצייטיק לאָקט דער וווכער די גרויסע עשירים פון צווישן די שלעזישע יידן מיט זיינע מעגלעכקייטן פון אָנזאַמלען גרויסע קאַפּיטאַלן, בפרט אַז די פעאָדאַלן און אויך ד שטאָט־פאַרוואַלטונג באַגינסטיקן די אַנטוויקלונג פונעם קרעדיט־וועזן. דער

גרויסער יידישער קרעדיט אין שלעזיע גייט אָפּטמאָל אויף גרויסע נייטיקע אינוועסטיציעס, למשל אויף בויען שטעט. פונעם גרויסן יידישן קרעדיט גענוסן די שלעזישע פירשטן סיי צוליב אינוועסטיציע־צוועקן, סיי צוליב מלחמה־הוצאות. אַזוי האָט, למשל, דער טשעכישער קיניג יאַן לוקסעמבורג, זייענדיק אין וראָצלאַוו און זאַמלענדיק געלט צו דער מלחמה קעגן שוויד־ניצער פירשט באָלקאָ, זיך פאַרבאָרגט ביי יידישע קרעדיטאָרן. ביי יידישע קרעדיטאָרן זענען אויך געווען פאַרבאָרגט די שטעט באָלעסלאַוויעץ, באָר־שטין (אין יאָר 1329), זלאָטאָגוריאַ (אין 1320), יאַוואָר (אין 1330), לווו־וועק (אין 1341), שווידניץ. די שטעט זענען אַפילו אין משך פון אַ געווי־סער צייט געווען פאַרזעצט אַלס משכנות ביי יידישע געלט־מאַגנאַטן. די גרויסע שלעזישע פעאָדאַלן פלעגן פאַרזעצן ביי די יידישע קרעדיטאָרן פערד־ און בהמות־סטאַדעס, שטעטלעך, גיטער. אויף אַזאַ אופן זענען נישט זעלטן לאַנדגיטער אַריבער אַלס אייגנטום צו יידישע קרעדיטאָרן. אַזעלכע טראַנזאַקציעס פלעגן ווערן דורכגעפירט געריכטלעך. אָט לייענען מיר, למשל, אין די עלטסטע אַמטס־ביכער פון קלאָדזקאָ אַז אָפּמאַך פון 17־טן יאַנואַר 1347 ווענן דעם, אַז ביים ייד סמאָיעל (שמואל) פון קלאָדזקאָ איז פאַרזעצט די שטאָט נאָוואַ רודאַ און דער גאַנצער ערד־באַזיץ פון הער האַנ־נעס וווּשטהוב פאַר דער סומע פון 1530 גראָשן; דער לוה איז שולדיק דעם ייד שמואל די סומע שוין זינט דריי יאָר. אין ענלעכע דערשיינונג, אַז פאַר־משכנטע גיטער זענען אַריבער צו יידישע קרעדיטאָרן, האָבן מיר אויך אין אַנדערע פּראָווינצן פון פוילן. עס טרעפט אַפילו, אַז אַ פריץ פאַרזעצט ביי אַ יידישן גביר אַ דאָרף צוזאַמען מיט די פויערים. למשל דער קראָקעווער ייד יקותיאל, אַ באַקאַנטער וווּכערער, האָט אין יאָר 1403 באַקומען אַזעלכע לעבעדיקע משכנות פון זיינעם אַ קונה.

אין גאַנץ פוילן האָט אָבער דער וווּכער ביי יידן נישט געהאַט אַזאַ פאַרנעם ווי אין שלעזיע. אין גאַנץ פוילן האָט ער אַרומגענומען, ווי מיר האָבן געזען, אַ מינימאַלן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער איינצייטיק האָבן מיר אָנגעוויזן אויף זיין ספּעציפישער וואָג אין דעם אַל־געמיין פוילישן קרעדיט־וועזן.

דער קרעדיט האָט אין באַהאַנדלטן פּעריאָד געהאַט צוויי זייטן פון דער מטבע. פון איין זייט איז ער געווען אומבאַדינגט נייטיק דעם לאַנד, אומבאַדינגט נייטיק פאַר דעם אויפשטייג־ און אַנטוויקלונג־פּראָצעס פון דער געלט־ווירטשאַפט. די רייכע יידן, וואָס האָבן נישט פאַרגליווערט זייערע קאַפּיטאַלן, למשל אין הייזער, נאָר זיי געלאָזט אין גאַנג, האָבן דערמיט

באַלעבט די ווירטשאַפטלעכע באַציונגען און צוגעאײלט דעם פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער געלט־ווירטשאַפט. פון דער צווייטער זייט איז דאָס פּאָרט געוועזן אַ פּאַראַזיטישע באַשעפטיקונג און דורך דעם הויכן פּראָ־צענט זיך געלייגט ווי אַ שווערע לאַסט אויף די לוים. ניט זעלטן האָט די גאַנצע יידישע עדה געליטן צוליב דער רווחים־גיריקייט און אומברחמנות־דיקייט פון געוויסע יידישע וווכערער.

די פּוילישע מאָנאַרכן האָבן אין אַלגעמיין באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פון יידישן קרעדיט, און דאָס קודם כל צוליב ריין עגאָיסטישע צוועקן. די פּוילישע מאָנאַרכן האָבן זיך באַמיט צו האָבן אַ פעטן חלק אין די רווחים פון די יידישע קרעדיטאָרן — אַ זאַך, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט באַווייזן אין באַצוג צום קריסטלעכן קרעדיט. למשל אין יאָר 1430 האָט דער קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ, וויילנדיק אין קאָנין, באַשטראָפט די קאַלישער יידן פּאַלטאָן (פּלטיאל), יוסף און כנען (חנא) מיט דער ריזיקער סומע פון 1 500 גזשיוונעס פאַר זייער ניט פאַסיקן פירן קרעדיט־אָפּעראַציעס. אַזוי אַרום האָט אין דער קעשענע פון די יידישע קרעדיטאָרן געשטעקט די גירי־קע האַנט פונעם קיניג, און די יידישע וווכערער האָבן געמוזט רייסן אַ הויכן פּראָצענט, כדי צו קאָנען באַפרידיקן דעם וועלפישן אַפּעטיט פון דעם מלך און אַליין אויך בלייבן ביי גוטע רווחים. דער קיניג פלעגט אויספּאַמפּעווען גרויסע געלט־סכומים ביי יידן אויך אויף אַנדערע וועגן. עס פלעגט טרעפן אין XV־טן י״ה, אַז אַ ייד איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר ווירקלעכע אָדער כלומרשטע קרימינעלע חטאים, און דער יידישער כלל האָט געמוזט צאָלן אַ הויכן פּדיון שבויים. אפשר האָט זיך פון דעם גענומען דער קלאַנג, אַז די יידן האָבן איינמאָל אַריינגעטראָגן אין דעם קיניגס אוצר די לעגענדאַרע סומע פון 300 טויזנט פלאָרין (דוקאַטן), וועלכע איינער פון דעם מלכס הויפלייט זאָל האָבן צוגעגנבעט. וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ האָט אָפּטמאָל זיך אַריינגעמישט אין די יידישע קרעדיט־אָפּעראַציעס, דערטיילט מאָראַטאָ־ריומס הויכגעשטעלטע לוים, באַפרייט זיי פון צאָלן צו די יידישע קרעדיטאָרן פּראָצענטער וכדומה. אמת איז, אַז עס פלעגן טרעפן פאַלן, ווען דער אָנ־געוואַקסענער פּראָצענט האָט פילפאַכיק איבערגעשטיגן די געבאָרגטע סומע. למשל ביים גרויסן יידישן וווכערער פון קראָקע יאָסמאַן (יוסף) האָט פּאַ־סירט, אַז דער פּראָצענט פון אַ סומע, וועלכן ער האָט עמיצן געליען, האָט באַטראָפן 60 גזשיוונעס, בעת די סומע גופא האָט באַטראָפן 30 גזשיוונעס. עס האָט פאַרפּליכטעט אי פּראָצענט, אי פּראָצענט דע פּראָצענט (פּראָ־צענט פון דער פּראָצענט־סומע).

די וויכטיקסטע צענטערס פון גרויסן יידישן קרעדיט האָבן זיך אין באַהאַנדלטן פעריאָד געפונען אין קראָקע, פויזן און קאַליש; וועגן שלעזיע האָבן מיר שוין גערעדט פריער.

צו די גרעסטע יידישע קרעדיטאָרן אין קראָקע האָבן אין XIV־טן און XV־טן י"ה געהערט: יאָסמאַן (יוסף) און זיינע זין יקותיאל, שמואל, אליהו (העליאַס) און שמחה (סימכאַי), וועלכע זענען געווען די באַנקירן פון גרויסע פוילישע פעאָדאַלן (למשל, פון פויזנער וואָיעוואָדע, פון מאַזאָווי־שער פירשט זשעמאָוויט, פון אַ ריי קאַשטעלאַנען); דער שוין דערמאָנטער אַרענדאַר פון מלוכה־הכנסות לעווקאָ, וואָס איז געווען דער אייגנטימער פון אַ גרויסער צאָל הייזער און בוי־פּלעצער אין קראָקע און איז געווען דער באַנ־קיר פון קאַזשימיעזש III, לודוויק אַנזשו (פון אונגאַרן), יאַדוויגאַ און יאַ־געללאָ, וועלכן ער האָט, ווי עס טיילט מיט דער היסטאָריקער־מאַרקסיסט יוליאַן מאַרכלעווסקי, פינאַנסירט זיין באַרימטן מלחמה־צוג קעגן דעם קרייץ־ריטער־אָרדן; נאָך לעווקאָס טויט האָבן זיין ממש לעגענדאַרן פאַר־מעגן און זיינע געלט־מסחרים איבערגענומען די זין ישראל, חנא און אב־רהם; מען דאַרף אויך אויסרעכענען די וווכערער: סמערלין (שמערל), וועל־כער האָט, ווייזט אויס, סוף כל סוף אַוועקגעוואָרפן די ליכוווע און זיך באַ־זעצט אויף ערד, און די קלענערע וווכערער — כאַצקל, נפתלי, עוזר, משה און אַנדערע. מיט וווכער האָט זיך אויך פאַרנומען דער קראָקעווער רב שמואל (אינעם דאָקומענט פיגורירט ער אַלס „ביסקופ יודעאָרום" — „יידישער ביסקופ"). עס זענען אין קראָקע אויך געווען יידישע פרויען ווו־כערינס: סווענקאַ, גאָלדע, כאַסקלאָווא (כאַסקלס ווייב). די הלוואות פון די גרויסע יידישע קרעדיטאָרן פון קראָקע פלעגן דערגרייכן ביז 30 טויזנט פלאָרין (דעם קעניג לודוויג אַנזשו). זייערע קרעדיט־אָפּעראַציעס האָבן זיך נישט באַגרענעצט צו קראָקע, נאָר דערגרייכט אין אַ ריי אַנדערע גרויסע שטעט פון פוילן.

ביי דער נאַנצער געלט־קראַפט און איינפלוס פון די גרויסע יידישע קרעדיטאָרן זענען זיי פונדעסטוועגן אין אַ געוויסער הינזיכט געווען הפקר. מיר האָבן שוין באַמערקט וועגן דער אינגערענץ פונעם קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ ביים בטל מאַכן פראָצענטער אַאַוו. ווען ס'איז אַנטשטאַנען די קראָ־קעווער אַקאַדעמיע, אין יאָר 1364, בעת דער ממשלה פון קאַזשימיעזש III, האָט דער קיניג באַשטימט אַ ייד, ער זאָל זיין דער „קאַמפּסאָר", ד. ה. — דער חלפן און באַנקיר פאַר די סטודענטן; אָט לייענען מיר וועגן דעם אינעם גרינדונגס־אַקט פון דער אַקאַדעמיע: „...אַחוץ דעם האָבן מיר

באַשטימט פאַר די דערמאָנטע סטודענטן אַ קאָמפּסאָר, ד. ה. אַ ייִד אין דער שטאָט קראָקע, וועלכער האָט האָבן געגוג געלט אויף צו לייען עס אין נייטיקע פאַלן די סטודענטן אויף גוטע משכנות, און ער זאָל מערער נישט פאַרלאַנגען פאַר זיין דינסט ווי 1 גראָשן פון אַ גזשיוונע פאַר אַ חודש". דאָס איז געווען דער סאַמע נידעריקסטער פּראָצענט. אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. ערגער איז געווען דאָס, וואָס די סטודענטן האָבן בכלל נישט געצאָלט און געגאַנגען פון דעם ייִדן אָדער אים מביש געווען. די ייִדישע קאָמפּסאָרן פלעגן זיך אָפּזאָגן און אַנטלויפן פון דאָזיקן „כבוד"; פלעגט דעמלט דער קיניג עס אויפצווינגען אַ צווייטן. פאַקטיש איז דאָס געווען אַ מין נייע פינאַנסיעלע לאַסט אויף די קראָקעווער ייִדן.

די פּויזנער ייִדישע קרעדיטאָרן משה, אלעזר, אברהם, דניאל, יאָרדאַן א.א. זענען פינאַנסיעל געשטאַנען שוואַכער ווי די קראָקעווער; זייערע אָפּעראַציעס זענען געווען נישט מיט גרויסע פּעאָדאַלן, נאָר מיט דער שליאַכטע. אַ ריי שליאַכטישע דערפער זענען אַלס משכנות אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. דער גרעסטער און סאַמע רירעוודיקער וווכערער אין פּויזן איז געווען אַהרן, וועלכער האָט צוו. אַנד. דורכגעפירט אַ קרעדיט־אָפּעראַציע פון 1000 מאַרק. אויך אַ פּויזנער „ייִדישער ביסקופּ" האָט זיך פאַרנומען מיט וווכער, אָבער פון קליינעם פאַרנעם. צווישן די ייִדישע וווכערניקעס פון פּויזן זענען אויך געווען פרויען.

אין קאַליש האָבן זיך געפונען מיטעלע און קליינע ייִדישע וווכערער (היטשאַק־יצחק, דוד, דניאל, ביעניאַש־בייניש), וועלכע זענען געשטאַנען אין קרעדיט־באַציונגען מיט דער מיטעלער און קליינער שליאַכטע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די קיניגן האָבן באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן קרעדיט, און וואָס ער איז געווען נייטיק דעם פּעאָדאַלן שיכט, האָט ער אָבער אָנגעטראָפן וואָס ווייטער אויף אַלץ גרעסערע שוועריקייטן און שטערונגען. די יענע עלעמענטן פון צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וועלכע זענען געווען פאַרשולדיקט ביי ייִדן און אָפט נישט געווען אימשטאַנד אומצוקערן דאָס געלט, זענען געווען פאַראינטערעסירט צו פאַרניכטן די סקריפּטן פון זייערע התחייבותן (די וועקסל־בריוו). טיילווייז אויף דעם באָדן זענען אויסגעבראָכן די אַנטי־ייִדישע עקסצעסן אין קראָקע אין יאָר 1407. זינט די דאָזיקע געשעענישן, בעת וועלכע אַ ריי ייִדישע קרעדיטאָרן האָבן פאַרלאָרן זייער פאַרמעגן, איז די קרעדיט־טעטיקייט ביי די קראָקעווער ייִדן געוואָרן באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. אין יאָר 1410 איז אויסגעבראָכן איגעם ייִדישן וווין־ראַיאָן אין קאַליש אַ שׂרפה;

אין די פלאַמען זענען פאַרברענט געוואָרן די סקריפּטן פון די הלוואות. צוליב דעם איז געקומען אַ ירידה אויך פון דער קרעדיט־טעטיקייט ביי די קאַלישער יידן. עס פלעגן טרעפן פאַלן, ווען למשל אַ גלח האָט זיך מיט זיינע משרתים אַריינגעריסן אין דער דירה פונעם יידישן קרעדיטאָר און צוגענומען מיט כוח די משכנות. שאַרף איז אַרויסגעטראָטן פאַר באַגרע־נעצן דעם יידישן קרעדיט די שליאַכטע, וועלכע האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַרבלייבן שוין די פאַרזעצטע לאַנד־גיטער אין די הענט פון די יידישע וווכערער. אויפן שליאַכטישן צוזאַמענפאָר אין וואַרטע, אין יאָר 1423, איז אין דעם „וואַרטער סטאַטוט"* באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרווערן אומבאַוועג־לעכע משכנות פאַר יידישע קרעדיטאָרן און איבערצולאָזן זיי דאָס רעכט בלויז אויף האַנט־משכנות. אמת, די דאָזיקע באַגרענעצונג האָט קיין גרויס׳ פּראַקטישן באַטייט אין לעבן נישט געהאַט, אָבער די נעפּאַרן פון רעאַלי־זירן די דאָזיקע באַשרענקונג איז כּסדר געשטאַנען פאַר די אויגן פון די יידי־שע קרעדיטאָרן. די אַלע אָנגעוויזענע אומשטענדן האָבן אַרויסגערופן ביי די יידישע געלט־באַזיצער אַ טענדענץ אַוועקצוגיין פון דער נישט זיכערער וווכער־פּרנסה. שוין אין דער ערשטער העלפט פון XV־טן י"ה מערקט זיך אַ דערשיינונג, אַז דער יידישער וווכער־קאַפּיטאַל הייבט אָן זיך אַרויסצו־ציען פון די קרעדיט־אָפּעראַציעס און שטרעבט צו לאָקירן זיך אין מסחר און אַרענדע.

ביים סוף פונעם באַהאַנדלטן פּעריאָד ווערט די דאָזיקע טענדענץ אַלץ בולטער.

* * *

אין דעם פריערדיקן פּעריאָד, ביז דער העלפט פון XIII־טן י"ה, האָט זיך דער יידישער ישוב אין פּוילן, בכלל גענומען, נישט אויסגעצייכנט מיט מאַטעריעלער עשירות; פאַרקערט — דאָס איז געווען, אין אַלגעמיין גענומען, אַן אָרעמער ישוב, און דאָס קאָן מען אַרויסדרינגען פון דער דערמלטצייטיקער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז שוין דעמלט געווען אַ רייכער שיכט (די מינצער, די גרויסע וועלט־סוחרים, די גוטבאַזיצער), אָבער ער איז געווען אַ גאַנץ דינער. אינעם XIV און XV י"ה שטייגט דער מאַטעריעלער ווילזיין פון די באַזיצנדיקע עלע־

* Statut Warcki.

מענטן פונעם יידיש־פּויליש ישוב. עס וואַקסט זיין שעפערישע ענערגיע — אויף דער פאָן פון דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן אויפשטייג פון לאַנד. די ווירטשאַפטלעכע מעטיקייט פון יידן אין פוילן אין דעמלטיקן פעריאָד איז בדרך כלל למובת דעם לאַנד. ניט בלויז דער מסחר און די מלאכה, נאָר אַפילו דער קרעדיט, ביי אַלע זיינע שאָטן־זייטן, איז נייטיק פאַר פוילנס ווירטשאַפט און איבט אויס אַ באַשטימטן איינפלוס אויף דער פאָרמירונג פון די פאַרהעלטענישן אין די שטעט, אינעם אינערלעכן מאַרק, אין דער באַלעבונג פון דער געלט־צירקולאַציע וכדומה.

אין XIV־טן און XV־טן י״ה קומט פאָר אַ באַדייטנדיקער וווּקס פון אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל און אַנדערע עשירות־מיטלען ביי דעם הייפל גרויסע יידישע קרעדיטאָרן, גרויסע סוחרים און אַרענדאַרן פון גוט־רווחים־דיקע מלוכה־הכנסות. אָבער איינצייטיק פאַרטיפט זיך די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע דיפערענציאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס וואַקסן אויס די רייען פון די ניט־באַזיצנדיקע און האָרעפּאַשנע עלעמענטן ביי די פּויליש יידן. אין דעם יידישן עהד־באַזיץ טרעטן אַרויס פון איין זייט גרויסע אייגנטימער, פון דער צווייטער — קליינע פּויערים און באַדינער. אין דעם יידישן מסחר און מלאכה זענען פאַראַן נעבן די גרויסע אונטערנעמער — קליינהענדלער, אַלטוואַרג־הענדלער, מעקלער, משרתים, בעלי־מלאכות, פורמאַנעס, טרעגער וכדומה. אַ דיפערענציאַציע טרעט אַרויס אויך אין די נעבימן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די אַרענדעס פון די מלוכה־הכנסות. הגם מיר פאַרמאָגן ניט קיין בפירושע דאָקומענטן, איז אָבער פאַרשטענד־לעך, אַז אויך אין דער יידישער געזעלשאַפט גייט אָן אַ קלאַסן־געראַנגל, וואָרעם עס עקזיסטירן אויך דאָ קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען צווישן אָרעם און רייך, צווישן אויסנוצער און אויסגענוצטע.

# די פּאָליטיק פון די מאָנאַרכן און פון דער שליאַכטע לגבי די יידן. דער קאַלישער סטאַטוט און די געזעצגעבונג פון קאַזשימיעזש III. די לאַגע פון די יידן אין שלעזיע.

די באַזונדערס וויכטיקע פונקציע, וואָס די רייכע יידן, אָנגאַזשירטע אינעם קרעדיט=וועזן, אַרענדע און מסחר, האָבן אויסגעפירט אין דער אויפשטייגנדיקער פּויליש=פעאָדאַלער ווירטשאַפט אין משך פון דער צייט — פון די 60=ער יאָרן פון XIII=טן ביז טיף אין XV=טן י"ה, האָט געפאָדערט אַ געוויסע געזעצלעכע סאַנקציאָנירונג, כדי די דאָזיקע פונקציע זאָל קאָנען ווערן אויסגעפירט נאָרמאַל און קודם כל לטובת די העכסטע פעאָדאַלע שפּיצן פון לאַנד. די געזעצגעבונג פון די פּוילישע פירשטן און קיניגן לגבי די יידן איז געגאַנגען קודם כל אין דער ריכטונג פון שטיצן, באַגינסטיקן און פאַרזיכערן דעם יידישן קרעדיט און אין אַ פיל קלענערער מאָס — אויך דעם יידישן מסחר און אַרענדע. ממילא האָט זיך אויך געהאַנדלט וועגן פאַרזיכערן, לכל הפחות יורידיש, די זיכערקייט פון די יידן בכלל. אין דער פירשטלעך=קיניגלעכער געזעצגעבונג פון דער באַהאַנדלטער צייט איז נישטאָ קיין שפּור, וואָס זאָל עדות זאָגן וועגן דער זאָרג פון די מאָנאַרכן פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישער מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. די יידישע מלאכה איז דערמלט די פּוילישע הערשער קנאַפּער אָנגעגאַנגען, און לגבי דער יידישער טעטיקייט אין דער לאַנדווירטשאַפט איז געווען קעגנעריש געשטימט דער פּוילישער אַדל און אויך די פּוילישע קירך. אַזוי אַז די מאָנאַרכן האָבן, ווי מיר האָבן שוין געזען, געמוזט דער יידישער אַגראַרער קאָלאָניזאַציע ווידמען ספּעציעלע אינדיווידועלע אַקטן (למשל יאַגעללאָס פאַר וואָלטשקאָן). אין סך הכל האָבן זיך פּוילישע פעאָדאַלע הערשער אין זייערע געזעצגעבערישע אַקטן, אין די א. ג. סטאַטוטן אָדער גענעראַלע (אַל=

געמיינע) פּריווילעגיעס, אינטערעסירט צוממייסטן מיטן יידישן קרעדיט (ווייל ער איז געווען באַזונדערס נייטיק און בכלל איז דער קרעדיט געווען אַ שפּאָגל נייע, ביז איצט אומבאַקאַנטע דערשיינונג אין לאַנד) און אויך מיטן יידישן מסחר און אַרענדעס פון מלוכה־הכנסות. די באַשעפטיקונג פון די ברייטערע יידישן מאַסן — די מלאכה, האָט פון קיין געזעצלעכער שוץ נישט גענאָסן, און במילא האָט זיך די יידישע מלאכה אַנטוויקלט מחוץ די ראַמען פון געזעץ, אָבער אין הסכם מיט די וואַקסנדיקע ווירטשאַפטלעכע נויטן פון לאַנד.

ביזן יאָר 1264 זענען אין פּוילן קיין געזעצגעבערישע אַקטן, וואָס זאָלן רעגולירן די פאַרהעלטענישן מיט דער יידישער באַפעלקערונג, נישט געווען. די פּראַקטיק פון די פירשטן איז אָבער געווען גינסטיק פאַר די יידן. עס איז באַקאַנט, ביז דער אָנגעוויזענער דאַטע, בלויז איין פאַל פון עפנטלעכן דיסקרימינירן און באַגרענעצן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן; דאָס איז געווען דער אונדזן שוין באַקאַנטער פאַל מיט דעם פירשט פון קראָקע און סאַנדאָמיערזש באָלעסלאַוו דעם שעמעוודיקן, ווסטידליווי (1227—1279), וועלכער האָט אין סעפּטעמבער 1262 פאַרווערט דעם ציסטערסן־אָרדן אין קאָפּשיוווניצע צו קאָלאָניזירן אויף זיינע גיטער יידן. געשען איז דאָס אין קליינפּוילן. אין צוויי יאָר אַרום האָבן די יידן פון גרויספּוילן באַקומען דעם א. ג. קאַלישער סטאַטוט — דאָס איז געווען אין דער געשיכטע פון פּוילן דער ערשטער עפנטלעכער געזעצגעבערישער אַקט לגבי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דעם דאָזיקן אַקט האָט ארויסגעגעבן דעם 8־טן סעפּטעמבער 1264 * אין זיין רעזידענץ קאַליש איינער פון די דערמאָנטיקע גרעסטע פּוילישע פּאָ־דאַלע הערשער, דער פירשט פון אַ טייל פון גרויספּוילן באָלעסלאַוו דער פרומער, פּאָבאָזשני (באָלעסלאַוו פּיוס), אַן אורא־איניקל פון מיעשקאָ III **. דער דאָזיקער אַקט ווערט אָנגערופן „קאַלישער סטאַטוט“, ער איז געגעבן געוואָרן די יידן פון קאַליש און איז חל געווען אויף דער יידי־

* ביים סוף פונעם „קאַלישער סטאַטוט“ איז געווען אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע דאַטע: „דאָס איז געשען אין קאַליש, אויפן צווייטן טאָג פון ארויפנעמען אין הימל די געבענטשטע בתולה מאַריאַ, אינעם יאָר פון פאַר 1264, דעם 8־טן טאָג אין סעפּטעמבער“.

** זינט דעם יאָר 1247 איז זיך גרויספּוילן צעפאַלן אין צוויי טיילן: דאָס פּויזנער פירשטנטום, מיטן פירשט פּשעמיסלאַוו און דאָס קאַלישער־גנעזנער פירשטנטום, וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע אין דעמאָלטיקן פּוילן.

שער באַפעלקערונג פון גאַנץ גרויספּוילן. דער באַטייט פון קאַלישער סטאַטוט" אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן — אַלס אַ יורידישער אַקט — איז זייער גרויס. ער האָט געדינט (אין פאַרשידענע וואַריאַנטן) ווי אַ יורידישער יסוד פאַר די יידן אין פּוילן ביז לעצטן פּוילישן קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי (צווייטע העלפט פון XVIII-טן י"ה). דער ראַזיקער סטאַטוט פלעגט — אין פאַרשידענע נוסחאות — באַשטעטיקט ווערן כמעט דורך אַלע פּוילישע קיניגן בעת זייער אַרויפשטייגן אויפן טראָן. ווי מיר וועלן ווייטער זען, שפּיגלט דער סטאַטוט נישט אָפּ אַלע צווייגן פון דער יידישער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין פּוילן און דינט קודם כל דער ווירטשאַפט-פּאָליטיק פון דעם מאַגנאַרד און פון די פּעאָדאַלע שפּיצן.

דער קאַלישער סטאַטוט איז נישט אינגאַנצן קיין פועל יוצא פון אַן אָריגינעלן פּאָליטישן געדאַנק פון דעם גרויספּוילישן פּירשט. ער איז צונויפגעשטעלט לויטן מוסטער פון פריערדיקע ענלעכע יידישע סטאַטוטן אין אַנדערע לענדער. אין יאָר 1244 האָט דער עסטרייכישער הערשער פרידריך דער מוטיקער אַרויסגעגעבן אַ סטאַטוט פאַר די עסטרייכישע יידן (אַ. נ. פרידריציאַנישע פּריווילעגיע). אין די יאָרן 1251 און 1256 האָט דער אונגאַרישער קיניג בעלאַ IV אַרויסגעגעבן אַן ענלעכן סטאַטוט פאַר די יידן אין אונגאַרן. אין די יאָרן 1254 און 1255 האָט דער קיניג אָטאָקאַר III געגעבן די טשעכישע יידן אַ סטאַטוט, וואָס איז כמעט אַ קאָפּיע פון דער עסטרייכישער פּריווילעגיע. די אַלע יידישע סטאַטוטן ציען זייער „יחוס" פון די יידישע פּריווילעגיעס פון XI-טן און XII-טן י"ה: פון דעם בישקופּ פון שפּעיער (1084), פון דעם דייטשישן מאַגנאַרד הייגריך IV (1090), פון דעם דייטשישן קייזער פרידריך באַרבאַראָסאַ (דעם רויטבערדיקן) פון יאָר 1182. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז בעת למשל הייגריך IV האָט אין זיין יידישער פּריווילעגיע געערדט וועגן יידישער לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און מסחר און בכלל נישט אויסגערעכנט וווכער, האָבן זיך די סטאַטוטן פון XIII-טן י"ה אין עסטרייך, אונגאַרן און טשעכיע פאַרנומען דער עיקר מיטן יידישן קרעדיט — צוליב ענלעכע סיבות, ווי אין פּוילן.

דער קאַלישער סטאַטוט, וועלכער האָט גענומען פאַר אַ מוסטער דעם טשעכישן און עסטרייכישן (מיט געוויסע אונטערשיידן, וועגן וועלכע עס וועט באַלד זיין אַ רייד), איז — ווייזט אויס — געגעבן געוואָרן נישט צוליב די אָרטגעזעסענע פּוילישע יידן, נאָר אויפן פאַרלאַנג פון אַ טייל איינגעוואַנדערטע יידן פון דייטשלאַנד, טשעכיע און אונגאַרן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט קרעדיט און מסחר און געפאָדערט אַ יורידישע

פאַרזיכערונג פאַר זייער טעטיקייט און עקזיסטענץ. וואַרשיינלעך זענען דאָס נישט געווען די יענע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר רדיפות, נאָר פרייע איינוואַנדערער, אויף דער כוואַליע פון דער גרויסער אימיגראַציע, אָדער אַפילו ספּעציעל איינגעלאַדענע קרעדיט-ספּעציאַליסטן פון אויסלאַנד. וואָרעם פּליטים, וועלכע זענען דאַנקבאַר פאַרן בלויזן דערטיילן זיי אַ מקום מקלט, גיט מען נישט אַזוינע ברייטע רעכט. דער פאַקט, וואָס דער קאַלישער סטאַטוט גיט די יידן נאָך בעסערע רעכט און גאַראַנטיעס, ווי די טשעכיש-עסטרייכישע, זאָגט אויך עדות, אַז דער גרויספּוילישער פירשט האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט פרייוויליקע איינוואַנדערער, וואָס האָבן געהאַט דעם באַוווסטזיין פון זייער ווערט און מסתמא געשטעלט פאָדערונגען. די יידישע אימיגראַציע פון מערב איז אין יענע צייטן קודם כל געגאַנגען אין דער ריכטונג פון גרויספּוילן.

אין אונטערשיד צו די טשעכיש-עסטרייכישע יידישע סטאַטוטן אַנטהאַלט דער קאַלישער סטאַטוט די פאָלגנדיקע דריי פּאַראַגראַפן, וועלכע שטעלן אַוועק דעם סטאַטוס פון די יידן אין פּוילן אויף אַ העכערער מדרגה. דער פּאַראַגראַף 33 פונעם קאַלישער סטאַטוט רעדט וועגן דעם, אַז נעמען אַ פערד אַלס משכון פאַר אַ הלוואה מעג מען נאָר בייטאָג (כדי אויסצומיידן די באַשולדיקונגען וועגן נעמען פאַר משכנות געגנבעטע פערד). דער פּאַראַגראַף 34 שטרעבט צו שיצן די יידישע מינצער קעגן די בילבולים, אַז זיי פּראָדוצירן פאַלשע מטבעות. דער פּאַראַגראַף 35 איז דער סאַמע וויכטיקסטער; ער לייגט אַרויף אויף די קריסטלעכע שכנים די פליכט צו קומען צו הילף אַ באַפאַלענעם ייד ביינאַכט אויף דעם רוף (אָדער געשריי) פון דעם לעצטן; אין קעגנפאַל צאָלן די קריסטלעכע שכנים 30 גילדן שטראָף. עס איז קלאָר, אַז דער פּוילישער פירשט באָלעסלאַוו דער פרומער האָט נישט פון זיין אייגענער איניציאַטיוו און גוטהאַרציקייט צוגעגעבן אָט די פּאַראַגראַפן, נאָר זיי זענען געוויס געוואָרן אַריינגעשטעלט אויף דער פאָדערונג פון די יידן. אַזוי אַרום איז דער קאַלישער סטאַטוט נישט קיין געשאַנק פון ווייכהאַרציקע פעאָדאַלן, נאָר אַ רעזולטאַט פון פּאָסטולאַטן און פאָדערונגען פון די יענע יידן, וואָס אין זייער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט איז די מלוכה (דאָס פירשטנטום) געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט. נאָך מער וועלן מיר זיך וועגן דער ריכטיקייט פון אָט דער טעזע איבערצייגן, ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט די אַנדערע פּאַראַגראַפן פון דעם סטאַטוט. דער קאַלישער סטאַטוט, הגם ער טראָגט דעם נאָמען פון דעם פירשט באָלעסלאַוו דעם פרומען, איז נישט קיין אַקט פון דעם דאָזיקן מאָנאַרך פער-

זענלער, נאָר פון דעם גאַנצן הערשנדיקן גרויס־פּעאָדאַלן פּוילישן שיכט אין באַלעסלאַווס מדינה. אונטערן סטאַטוט זענען געווען געחתמעט ווי עדות, ד. ה. ווי באַשטעטיקער — די גרויסע פּוילישע פּעאָדאַלן: דער קאַל־ שער וואָיעוואָדע גראַף אַלווערט, דער קאַשטעלאַן פון גנעזן (גניעזנאָ) גראַף יאַנקאַל, דער קאַשטעלאַן פון לאַנד גחאַף מאַטשעי, דער קאַשטעלאַן פון קאַליש גראַף סגאָזשאַני, גראַף דערסלאַוו און אַנדערע גרויסע האַרן.

פּאַרצייטנס האָט זיך דער קאַלישער סטאַטוט געפונען אינעם אַרכיוו פון יידישן קהל אין קראָקע און ביי איטלעכער קאָראָנאַציע האָט מען גע־ מאַכט אַ צוגאָב־אָפּשריפט און דערלאַנגט דעם נייעם קיניג צו באַשטעטיקן. דאָס איז שוין נישט געווען דער סטאַטוט גופא פון באָלעסלאַוו דעם פרומען, ווייל דער דאָזיקער אָריגינאַל איז שוין גאָר לאַנג געלם געוואָרן. דעם קאַלישער סטאַטוט קאָן מען בלויז פון אָפּשריפטן. דער עלטסטער באַקאַנ־ טער אָפּשריפט פונעם סטאַטוט איז געמאַכט געוואָרן אויפן באַפעל פונעם קיניג אַלעקסאַנדער (ליטווישער גרויס־פירשט 1492—1501, פּוילישער קיניג 1501—1526) דורך דעם קאַנצלער יאַן לאַסקי, וועלכער האָט צונויפ־ געזאַמלט אַלע געזעצגעבערישע אַקטן און — נאָך זייער באַשטעטיקונג — דורכן סיים אין יאָר 1506 — זיי פאַרעפנטלעכט,* און בתוכם אויך דעם קאַלישער סטאַטוט. אין די פאַרשיידענע אָפּשריפטן פונעם סטאַטוט איז ער אָפט געענדערט געוואָרן לרעה פון די יידן. אין דעם קראָקעווער קהל־ אַרכיוו האָט זיך אויך געפונען אַן אָפּשריפט פונעם קאַלישער סטאַטוט. וואַרשיינלעך אין דער צייט פון דער שוועדישער אינוואַזיע אין יאָר 1655 איז דער דאָזיקער סטאַטוט־אָפּשריפט פאַרלוירן געגאַנגען צוזאַמען מיטן גאַנצן קהל־אַרכיוו. דערנאָך איז פאַרבליבן בלויז אַ ווייטערדיקער קאָפּיע־ עקזעמפּליאַר פון די צייטן פון די מלכים יאַן סאָביעסקי (1678), אויגוסט III סאַס (1735) און סטאַניסלאַוו־אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי (1765). ווען קאַזשימיעזש III האָט איבערגענומען די קרוין, דעם 9־טן אָקטאָבער 1334, האָט ער באַשטעטיקט דעם קאַלישער סטאַטוט שוין נישט לויט זיין אָרי־ גינאַל, נאָר לויט זיין קאָפּיע.

13 פּאַראַגראַפן פון דעם קאַלישער סטאַטוט זענען געווידמעט פראַגן און פאַרשידענע פאַלן פון קרעדיט־אָפּעראַציעס, בתוכם פראַגן פון משכנות. די גרויסע צאָל פּאַראַגראַפן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט יידישן וווכער, באַ־

---

* אין:
„Commune regni Poloniae privilegium“. 1506.

טייט נישט, אַז געלט־האַנדל איז געווען די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן
אין פּוילן; דער גרויסער אינטערעס פון די אויטאָרן פון דעם סטאַטוט פאַר
די קרעדיט־ענינים נעמט זיך פון דעם, וואָס דער דאָזיקער ווירטשאַפט־
צווייג איז אי געווען אַ נייעס אין לאַנד, אי קאָמפּליצירט. דעריבער האָט
מען געמוזט זיך אָפּשטעלן גענוי אויף פאַרשיידענע מעגלעכע פאַלן פון די
קרעדיט־אָפּעראַציעס. צוויי פּאַראַגראַפן פונעם סטאַטוט פאַרנעמען זיך
מיט יידישן מסחר: די פּאַראַגראַפן 12 און 36. די דאָזיקע פּאַראַגראַפן
האָבן אַ גרונטיקן באַטייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן האַנדל
אין דעמלטיקן פּוילן. דער פּאַראַגראַף 12 קלינגט פאָלגנדיק: „ווו אַ ייד
זאָל נישט אַדורכפאָרן דורך אונדזער מדינה, זאָל אים קיינער נישט מאַכן
קיין שום שטערונגען, נישט מאַכן קיין שום מניעה אָדער שוועריקייט. אויב
דער ייד וועט אַדורכפירן וועלכע נישט איז סחורות אָדער קעגנשטאַנדן,
פון וועלכע עס קומט אַ צאָל (אַן אָפּצאָל), זאָל דער ייד אַריינטראָגן אין
אַלע צאָל־שטעלעס בלויז די געהעריקע צאָל, וועלכן עס צאָלט יעדער ביר־
גער פון דער שטאָט, אין וועלכער דער דאָזיקער ייד וווינט". מיט אַנדערע
ווערטער: די יידן האָבן באַקומען די פולסטע פרייהייט פון באַוועגונג אין
האַנדל אָן שום טעריטאָריעלע באַגרעניצונגען און זיי זענען געוואָרן אויס־
געגלייכט, אויך אין הינזיכט פון מלוכה־אָפּצאָלן, מיט אַלע קריסטלעכע
שטאָט־ווינער. פון פּאַראַגראַף 36 דרינגען אַרויס די רעכט פון די יידן צו
האַנדלען מיט אַלע מעגלעכע קעגנשטאַנדן און סחורות אָן שום באַשרענ־
קונגען, און בפרט מיט שפּייז־אַרטיקלען. אינעם דאָזיקן פּאַראַגראַף לייענען
מיר אָט וואָס: „מיר באַשטימען אויך, אַז יידן זאָלן אויך אַלץ פריי קויפן
און פאַרקויפן, ברויט זאָלן זיי אָנרירן גלייך מיט קריסטן, און די, וואָס
וועלן דאָס פאַרווערן, דאַרפן באַצאָלן אַ שטראָף אונדזער (דעם פירשטלעכן)
וואָיעוואָדע". דער בפירושער טאָן פון דעם פּאַראַגראַף 36 נעמט זיך פון
דעם, וואָס אין מיטלאַלטער האָבן קריסטלעכע פאַנאַטיקער, אָדער קריסט־
לעכע סוחרים לשם קאָנקורענץ פאַרשפּרייט אַ בבא מעשה, אַז צוליב אָנ־
רירן שפּייז דורך אַ ייד ווערט דאָס דאָזיקע שפּייז אָנגעשטעקט אָדער פאַר־
כישופט. דער קאַלישער סטאַטוט גיט די יידישע סוחרים אַ מעגלעכקייט צו
האַנדלען מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ נויט־
וועדיקע זאָרג, כדי דער מסחר אין פּוילן זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען.

איין פּאַראַגראַף האָט געשיצט די אינטערעסן און זיכערקייט פון די
יידישע מינצער.

דער קאַלישער סטאַטוט, הגם זיין אינטענץ איז געווען קודם כל צו

שיצן די ייִדן, וואָס זייערע קרעדיט-, האַנדל- און מיניץ-באַשעפטיקונגען זע-
נען געווען נייטיק פאַרן לאַנד, פאַרמאָגט איינצייטיק אַ גאַנצע ריי פּאַראַ-
גראַפן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ יורידישע גאַראַנטיע פאַר דער זיכערקייט
פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג. דער ערשטער פּאַראַגראַף דער-
קלערט, אַז אַן אָנקלאַגע פון אַ קריסט קעגן אַ ייִד קאָן נאָר דעמלט ווערן
גענומען אין אַכט, ווען צוגלייך מיטן קריסטלעכן עדות טרעט אויך אַרויס
אַ ייִדישער עדות. דער נײַנטער פּאַראַגראַף זאָגט פאָר, אַז פאַר פאַרוווּנדן
אַ ייִד איז מחויב דער שולדיקער (קריסט) צו באַצאָלן אַ געוויסע סומע
שטראָף-געלט דעם פירשט, אָדער דעם וואָיעוואָדע און אומקערן דעם גע-
ליטענעם ייִד די הוצאות פון דער היילונג. לויטן פּאַראַגראַף 10 קומט אַ
קריסט פאַר הרגענען אַ ייִד אַ שטראָף „לויט אַ גערעכטן משפּט“, און איינ-
צייטיק גייען אַריבער אַלע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער פונעם
שולדיקן צום פירשט. אינעם פּאַראַגראַף 11 לייענען מיר, אַז ווען די וווּנד
פון דעם באַפאַלענעם (דורך אַ קריסט) ייִד איז נישט קיין בלוטיקע, גע-
הערט דאָס שטראָף-געלט צום וואָיעוואָדע, און „דעם צעשלאָגענעם אָדער
פאַרוווּנדעטן (ייִד) דאַרף מען צופרידנשטעלן לויט דעם, ווי מען איז זיך
נוהג אין אונדזער לאַנד“. פאַרן חרוב מאַכן אַ ייִדישן בית-עלמין גייען אַלע
חפצים פון די אָנפאַלער אַריבער אינעם פירשטס אוצר (פּאַראַגראַף 14).
פאַר וואַרפן שטיינער אין אַ ייִדישער שול דאַרף דער שולדיקער אַריינ-
טראָגן צוויי שטיינער פעפער* דעם וואָיעוואָדע (פּאַר. 15). ווי מיר זעען,
האָבן דער פירשט און דער וואָיעוואָדע זיך פאַרזיכערט אַ נייעם קוואַל פון
הכנסה פאַר הרגענען אָדער פאַרוווּנדן אַ ייִד. איין פּאַראַגראַף פאַרזיכערט,
אַז פאַר אַריבערפירן מתים זענען די ייִדן נישט מחויב צו געבן וועלכע-
נישט-איז אָפּצאָלן (פּאַר. 13); ווי באַקאַנט, האָבן נישט אַלע שטעט גע-
האַט ייִדישע בית-עלמינס, און מען פלעגט אָפט פירן צו קבורה אין ווייט-
ליגנדיקע שטעט. אויב איין ייִד פאַרוווּנדעט אַ צווייטן, מאָר דער שולדיקער
זיך נישט אָפּזאָגן צו באַצאָלן דעם ריכטער שטראָף לויטן מנהג פון לאַנד
(פּאַר. 18). דער סטאַטוט זאָגט אויך פאָר די פאָרם פון דער ייִדישע־
שבועה: אין אַ קליינעם ענין פאַר דער טיר פון דער שול, אין אַ גרויסן —
פאַר אַ ספר תורה (פּאַר. 19). פאַר פאַרגוואַלטיקן אַ ייִדישע פרוי וועט
דער שולדיקער (קריסט) ווערן באַשטראָפט לויט די געזעצן פון לאַנד
(פּאַר. 21). פאַר צורויבן אַ ייִדיש קינד מיטן צוועק עס אָפּצושמדן דראָט

---

* אַזאַ וואָג פון יענער צייט.

דעם שולדיקן אַזאַ שטראָף ווי פאַר אַ גנבה (פאַר. 26); די שטראָפן פאַר גנבות זענען העמלט געווען זייער שאַרפע. די ייִדן האָבן אין דער ערשטער אינסטאַנץ אַ געריכט ביי זיך, אויפן פלאַץ פאַר דער שול (פאַר. 22); בלויז דער פירשט אָדער דער וואָיעוואָדע האָבן רעכט אַרויסצורופן דעם אָנגעקלאָגטן ייִד צו זיך (פאַר. 30). וועגן דער פּליכט, אונטער דער סאַנקציע פון אַ שטראָף, פון די קריסטלעכע שכנים צו קומען ביינאַכט צו הילף אַ באַפאַלענעם ייִד האָבן מיר שוין גערעדט. און צום סוף איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פאַראַגראַפן, דער 31-טער, וועלכער פאַרווערט צו וואַרפן בלוט-בילבולים אויף ייִדן; אָט איז דער טעקסט פון דעם פאַראַגראַף:

„לויט די פאַראָרדענונגען פון פויפּסט, דעם פאַרטרעטער פונעם הייליקן פּיאָטר, פאַרבאָטן מיר צום שטרענגסטן צווישן אַנדערע צו באַשולדיקן ייִדן, אַז זיי געברויכן מענטשלעך בלוט, ווייל לויט די תקנות פון (זייער) געזעץ האַלטן זיי זיך אַלע אָפּ פון געברויכן יעדן מין בלוט. טאָמער וועט אָבער אַ ייִד יאָ ווערן באַשולדיקט אין דערהרגענען אַ קריסטלעך קינד, דאַרף זיין שולד ווערן באַוויזן דורך דריי קריסטן און אַזוי פיל ייִדן אַלס עדות. אויב זיין שולד וועט אַזוי אַרום דערוויזן ווערן, זאָל דער דערמאָנטער ייִד לייַדן נאָר אַזאַ שטראָף, מיט וועלכער מען באַשטראָפט בכלל דאָס באַגיין אַזאַ פאַרברעך. און אויב די דערמאָנטע עדות וועלן אים נישט דערווייזן זיין שולד און ער וועט מיט אַ שבועה דערווייזן זיין אומשולד, דעמלט פאַרלאַנגט די גערעכטיקייט, אַז דער קריסט זאָל לייַדן די שטראָף, וועלכע דער ייִד וואָלט געדאַרפט לייַדן צוליב אַזאַ רכילות“.

אַזוי זעען אויס, אין אַ קיצור, די וויכטיקסטע באַשטימונגען פונעם סטאַטוט.

צי איז אָבער דער קאַלישער סטאַטוט געוואָרן פאַרווירקלעכט אין לעבן? אויף דעם מוז מען געבן אַן ענטפער, אַז בלויז טיילווייז איז ער רעאַליזירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק. קודם כל איז בכלל אַ פראַגע, צי אַלע פּירשטלעכע באַאַמטע און די ריכטער פון אַלע מקומות פון דעם פירשטנטום זענען געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון דעם סטאַטוט. די קונסט פון שרייבן און קאָפּירן איז נאָך דעמלט אין פּוילן נישט געווען אַזוי ווייט פאַרשפּרייט, אַז עס זאָל סטאַיען אַ סך קאָפּיעס. צווייטנס איז דער קריסטלעכער קלער בפירוש אַרויסגעטראָטן קעגן די פאָרשריפטן פונעם סטאַטוט. פונדעסטוועגן האָט דער קאַלישער סטאַטוט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, און ראשית כל ווי אַ יורידיש כלי זין אין די הענט פון די ייִדן. דער קאַלישער סטאַטוט שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן מקור פאַר דערקענען דאָס

לעבן פון די ייִדן אין דעמלטיקן פּוילן — הגם אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס, ווייל דער סטאַטוט האָט נישט אָפּגעשפּיגלט די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון די ייִדן אין פּוילן, אַרויסלאָזנדיק פון זיין זע־פעלד די מלאכה און די לאַנדווירטשאַפט און געבנדיק זייער אַ באַשרענקט בילד פון ייִדישן מסחר און ייִדישע אַרענדעס. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דורך דעם אינהאַלט פונעם סטאַטוט האָבן די פעאָדאַלע הערשער פון גרויספּוילן געשטרעבט צו פלעגן ביי די ייִדן די נייטיקע קרעדיט־באַשעפטיקונג. אָבער דאָס לעבן איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. נישט געקוקט אויף אַזעלכע סטאַטוטן, האָט זיך ביים סוף פון באַהאַנדלטן פּעריאָד דער וווכער ביי ייִדן איינגעקאָרטשעט.

ווי עס האָט אויסגעזען די לאַגע פון די ייִדן אין פּוילן אין דער צייט פונעם קאַלישער סטאַטוט (1264) ביז דער הערשאַפט פון וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק, דעם קורצפיסיקן (1306—1333), ווייסט מען נישט גענוי, אָבער עס איז זיכער, אַז אין משך פון אָט די פערציק יאָר זענען קיין וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער פּאָליטיק לגבי די ייִדן נישט אַריינגעקומען. וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק גופא, וועלכן עס איז געלונגען אין שווערע קאַמפן צוריק צו פאַראייניקן די פּוילישע מלוכה, האָט קאָנטינואירט די פּאָליטיק פון גלייכן טראַקטירן די ייִדישע סוחרים פּונקט ווי די קריסטלעכע. דער גרויסער פּוילישער היסטאָריקער לעלעוועל און די אַלטע ייִדיש־פּוילישע געשיכטלער שטערנבערג, קראַוסהאַר און נוסבוים זענען אין דער מיינונג, אַז וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק האָט געפירט אַ גינסטיקע פּאָליטיק לגבי די ייִדן און באַשטעטיקט דעם קאַלישער סטאַטוט. עס איז אַפילו פאַראַן אַ מיינונג, אַז וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק האָט אַריינגעצויגן די ייִדן אין מיליטער־דינסט, און דאָס קאָן זיין אמתדיק, ווייל ער האָט זיך גענייטיקט אין מיליטערישע רעזערוון צוליב די קאַמפן פאַר דעם פאַראייניקן דאָס לאַנד. האָבנדיק קעגן זיך דעם קראָקעווער פאַרדייטשטן פּאַטריציאַט, האָט לאָקעטעק געמוזט זוכן אַן אָנשפּאַר אין אַן אַנדער, מער געטרייען שטאָטישן עלעמענט, און דעריבער האָט ער, קאָן זיין, געוואָלט זיך אָנשפּאַרן צווישן אַנדערע אויך אויף די ייִדן. חוץ אַלעמען, זענען די ייִדן, ביי וועמען דער סוחרישער עלעמענט איז געווען שטאַרק פאַרטראָטן, געווען פאַראינטערעסירט אין אַן איינהייטלעכער פּוילישער מלוכה, אָן אינערלעכע צאָל־באַריערעס, מיט אַ שטאַרקער צענטראַל־זירטער קיניגלעכער מאַכט, וועלכע זאָל פאַרזיכערן די רעאַלקייט פון דעם קאַלישער סטאַטוט און רו אויף די וועגן. שוין ביים באַהאַנדלען דעם פּראָבלעם פונעם קאַלישער סטאַטוט האָבן מיר באַמערקט,

אַז די ייִדן זענען געווען נישט בלויז אַן אָביעקט, נאָר אויך אַ סוביעקט, אַן אַקטיווער, פּאָסטולירנדיקער צד ביים רעדאַגירן דעם סטאַטוס. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אויך אין די פּאָליטישע באַציונגען פון לאָקעטעקס צייטן האָבן די אויבערשטע סוחרישע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געפירט אַ פּאָליטישע טעטיקייט, און דאָס קודם כל אין די אייגענע אינטערעסן, וועלכע זענען זיך אין דעם פאַל צונויפגעפאַלן מיט די דינאַסטישע אינטערעסן פון לאָקעטעקן און מיט די מלוכהשע לעבן-אינטערעסן פון לאַנד. מען מוז אָבער באַמערקן, אַז קיין דאָקומענטאַלישע באַשטעטיקונג פון דעם אָקאָרשט געזאָגטן איז נישט פאַראַן.

נאָכן טויט פון וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק איז אויפן פּוילישן טראָן אַרויף זיין זון קאַזשימיעזש (קאַזימיר) III, אָדער ווי מען רופט אים אין דער אַלטער היסטאָריאָגראַפיע — דער גרויסער (1333—1370). קאַזשימיעזש III איז דער פּאַקטישער שעפער פון דער פּוילישער שטאַנדן-מלוכה. זיין אינערלעכע פּאָליטיק איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שטיצן אין דער פולער ברייטקייט די ווייטערדיקע בויונג פון שטעט, די אַנטוויקלונג פון מסחר, מלאכה, וויסן און קונסט. אָבער איינציייטיק ווי אַ פאָרשטייער פון די גרויס-פעאָדאַלע שיכטן און ווי דער העכסטער פּאַטראָן פון דעם מיטעלן ריטער-שטאַנד, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין זיין צייט אין דער שליאַכטע, ד. ה. אין פּריצים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ווירטשאַפט אויף זייערע ערד-באַזיצן, האָט קאַזשימיעזש III מיט זיין געזעצגעבונג באַגינסטיקט סיי אַ גרעסערע עקספּלאָאַטאַציע פון פּויערים, סיי אַ באַגרענעצונג פון די פּאָליטיש-מיליטערישע רעכט פונעם שטאָטישן שטאַנד. די שפּעטערדיקע פאַנשטשיזנע האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע אין די צייטן פון דער בולטער קלאַסן-פּאָליטיק פון קאַזשימיעזש III. און ביי די מיעשטשאַנעס איז צוגענומען געוואָרן דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אין מיליטער. אַזוי אַרום פאַרמאָגט די אינערלעכע פּאָליטיק פון קאַזשימיעזש III צוויי זייטן פון דער מטבע: פון איין זייט — אַ בפירוש פּאָזיטיווער שטריך, דאָס דערפירן דעם פאָטערס פּאָליטישן געדאַנק צו אַ קאָנסעקווענטן סוף, די פאַראייניקונג פון דער מלוכה, דאָס שאַפן די גרויסע פּוילישע שטאַנדן-מלוכה, דאָס אונטערשטיצן די אַנטוויקלונג פון די שטעט, פונעם האַנדל, מלאכה אאַזוו.; און פון דער צווייטער — דאָס באַריקזיכטיקן שטאַרקער נאָך ווי פריער די עגאָיסטישע קלאַסן-אינטערעסן פון די גרויסע און מיטעלע פעאָדאַלן, דאָס באַשרענקען די פּאָליטישע רעכט פון די שטעט און די טיפערע עקספּלאָאַטאַציע פון פּויערטום. קאַזשימיעזש III האָט געוואָלט זען אין דעם

האַנדל=עלעמענט פון די שטעט בלויז גוטע סוחרים און נישט מער. אויך אין דער אויסערן=פּאָליטיק אנטפּלעקן זיך ענלעכע צוויי שטריכן — א פּאָזיטיווער און א נעגאַטיווער. פון איין זייט — די בולטע שטרעבונג צו שלום, צו פרידלעכער אנטוויקלונג; פון דער צווייטער — דאָס טיילווייזע רעזיגנירן פון די פּוילישע מלוכהשע אינטערעסן אויף מערב און די עקספּאַנסיאָניסטישע פּאָליטיק אויף מזרח, לגבי רייסן.

בלויז אויף דער פאָן פון דער אויבן אָנגעצייכנטער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער פּוילישער שטאַנדן=מלוכה אין די ציימן פון קאַזשימיעזש III ווערט פארשטענדלעך זיין פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פּאָליטיק איז דיקטירט געוואָרן דורך די אינטערעסן פון דער וואקסנדיקער שטאַנדן=מלוכה. די מיינונג, אז קאַזשימיעזש III איז געווען ספּעציעל גוט געשטימט און האָט פּאוואָריזירט די יידן, איז פּונקט אזוי פאלש, ווי די לעגענדע, אַז ער איז געווען א „קיניג פון די פּויערימלעך". דער פּוילישער כראָניקער פון XV י"ה יאן דלוגאָש האָט, מסתמא צוליב פּאָליטישע טעמים (ער איז געווען אן אָנהענגער פון דער אַנטיייִדישער פּאָליטיק פון זיין פּאַטראָן, דעם קאַנצלער קאַרדינאַל אָלעשניצקי), געשאַפן אָדער פארשפּרייט די לעגענדע וועגן דעם, אַז קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט געהאט א יידישע געליבטע אסתרקע, א טאָכטער פון אן אָרעמען שניידער פון אָפּאָטשנאָ, און מחמת אָט דער ליבע האָט דער מלך זיך באַזונדערס גוט באַצויגן צו יידן, ד. ה. צו אסתרקעס גלויבנסברידער. עס איז גערעכט דער יידישער היסטאָריקער, וועלכער שרייבט אין שייכות מיט דעם אָט וואָס: „צי איז קאזשימיעזש געווען צוגעבונדן צו דער לעגענדאַרער אסתרקע, ווייסן מיר נישט, אָבער אַז ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין הויף=באַנקיר לייבקע (לעווקאָ), דאָס איז זיכער." דער פּוילישער היסטאָריקער קאַטשמאַרטשיק, דער מחבר פון א מאָנאָגראַפיע וועגן קאַזשימיעזש דעם גרויסן, איז אויך ביי דער מיינונג, אַז דער איינציקער ייד, וואָס האָט גענאָסן פון דעם קיניגס ספּעציעלער סימפּאַטיע, איז געווען דער גרויסער קרעדיטאָר לעווקאָ פון קראָקע. קאַזשימיעזש III איז נאָך מער ווי זיינע פאָרגייער געווען פאראינטערעסירט אין דעם, אַז אין די הענט פון איינצלנע יידישע קרעדיטאָרן זאָלן ווערן קאָנצענטרירט ריזיקע געלט=סומעס, כדי ער, דער מלך, זאָל קאָנען גניסן פון גרויסע קרעדיטן, ווען ער וועט זיך נאָר נייטיקן אין דעם. און מחמת דער ברייט=פארמאָסטענער בוי=ארבעט און אויך צוליב דער עקספּאַנסיאָניסטישער פּאָליטיק לגבי רייסן האָט זיך דער קיניג תמיד גענייטיקט אין גרויסע קרעדיטן. דעריבער

האָט ער געשטיצט און אַפילו פּאַוואָריזירט אַזעלכע ייִדן ווי דער שטיינרײ=
כער לעווקאָ. אין באַצוג צום יידישן כלל האָט זיך קאַזשימיעזש III געקע=
רעוועט מיט זיינע מלוכה=אינטערעסן, און אַדאַנק דעם האָבן די יידן באַקו=
מען פון איין זייט נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן פוןווירטשאַפטלעכער טע=
טיקייט ווי פריער, און פון דער צווייטער — האָבן זיי אין אַ געוויסער חינ=
זיכט פארלאָרן און זענען באגרענעצט געוואָרן.

אַ יאָר נאָכן איבערנעמען די קיניגלעכע קרוין, דעם 9=טן אָקטאָבער
1334, האָט קאַזשימיעזש III באַשטעטיקט דעם קאלישער סטאַטוט. היות
אָבער עס האָט זיך אין די פערציקער און אָנהייב זעכציקער יאָרן אַרויסגע=
וויזן, אַז אַ ריי גרונטיקע פּאַראַגראַפן פונעם סטאַטוט זענען געבליבן בלויז
אויפן פּאַפּיר, ווייל עס זענען אויסגעבראָכן דאָ און דאָרט אַנטי=יידישע
אומרוען (צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך געפֿינען אומקערן), און די קיניגלעכע
ריכטער האָבן נישט באוויזן צו באשיצן די אָנגעגריפענע יידן, האָבן די
פאָרשטייער פון די יידן וואַרשיינלעך פאַרלאַנגט פונעם קיניג אַ נייע באַ=
שטעטיקונג פונעם סטאַטוט. רעכענענדיק זיך מיט דער ווירטשאַפטלעכער
ראָל פון די יידן אין לאַנד, האָט דער קיניג דעם 15=טן יולי 1364 אַרויסגע=
געבן צום צווייטן מאָל אַ באַשטעטיקונג פון דעם סטאַטוט. די יידישע
באַפעלקערונג איז דעמלט געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם ייד פאַלק פון
קאליש. דער אַקט איז פאָרגעקומען אין קראָקע. אויפן סמך פון אָט דער
באַשטעטיקונג זענען די באשטימונגען פונעם סטאַטוט חל געוואָרן אויף
די יידן פון גאַנץ פוילן* (און נישט בלויז פון גרויספוילן, ווי דאָס איז גע=
ווען פריער). דעם 25=טן אפּריל 1367 האָט קאַזשימיעזש III אַרויסגעגעבן
צום דריטן מאָל אַ טעקסט פון דעם סטאַטוט (מיט געוויסע ענדערונגען).
דאָס איז געשען צוליב דער פּאָליטיק פון דער פוילישער שטאַנדן=מלוכה
לגבי רייסן. וואָרעם אין דער צווישנצייט איז רויטרייסן מיט לוואָוו אינ=
קאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער פוילישער מלוכה און עס האָט זיך געפאָ=
דערט אַן אינטענסיווע טעטיקייט צו פארבינדן ווירטשאפטלעך, דער עיקר
דורך מסחר, די ניי=צוגעקומענע פּראָווינץ מיטן לאַנד און דער עיקר מיטן

* „Totias Regni Poloniae".

דער כתב יד פון דעם צום צווייטן מאָל באַשטעטיקטן דורך קאַזשימיעזש דעם
דריטן סטאַטוט האָט זיך ביז דער צווייטער וועלט=מלחמה געפונען אין דער בי=
בליאָטעק פון די גראַפן קראַשינסקי אין וואַרשע, און ער איז פארברענט געוואָרן
צוזאַמען מיט די אַנדערע ווערטפולע מאַנוסקריפּטן פון דער ביבליאָטעק בעת דער
מלחמה.

שכנותדיקן קליינפוילן. דער באַנייטער סטאַטוט איז דורך דעם קיניג דער־ציילט געוואָרן פאַר די יידן פון קראָקע, צווזמיר און לוואָוו, מיט אַ באַזונ־דערער אַקצענטירונג פון אַט דער לעצטער שטאָט. דער קאַזשימיעזש־סטאַטוט פון יאָר 1367 איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די שפּעטערדיקע פּוילישע קיניגן (קאַזשימיעזש IV, זיגמונט I, זיגמונט־אויגוסט אאַוו.). באַזונדערס איז קאַזשימיעזש דעם גרויסן געגאַנגען אין לוואָוו און אין די לוואָווער גרויסע יידישע סוחרים. ער האָט שוין פריער, אין יאָר 1356, דערטיילנדיק לוואָוו דאָס מאַגדעבורגער רעכט (אויטאָנאָמע רעכט), אונטערגעשטראָכן דאָס גלייכע רעכט פון אַלע פעלקער־גרופּן, וואָס האָבן געוווינט אין דער שטאָט, צו אייגענער אינערלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג: „די אַרמענער, יידן, סאַראַצענער,* טאָטערן, רוטענער און אנדערע, וואָס וועלן זיך דאָרט געפינען, וועלן דאַרפן דערליידיקן און באַשליסן וועגן אַלע ענינים לויט זייער אייגענעם געזעץ אָדער אונטער דער אָנפירונג פונעם שטאָטישן וואָיט".

היות לפי ערך אין דער זעלביקער צייט, אין יאָר 1367, זענען ווידער פאָרגעקומען אַנטי־יידישע געשעענישן אין פּויזן, האָבן די יידן, ווייזט אויס, ווידער געפאָדערט אַן עפנטלעכן אקט — אַ באַשטעטיקונג פון זייער יורי־דישן סטאַטוט. וואַרשיינלעך אין שייכות מיט דעם האָט קאַזשימיעזש III אַרויסגעלאָזט פאַר די יידן פון גרויספּוילן דעם א. ג. באָלעסלאַוו־קאַזשי־מיעזש־סטאַטוט, וואָס איז אַן אויסברייטערונג פונעם קאַלישער סטאַטוט. דער באָלעסלאַוו־קאַזשימיעזש־סטאַטוט איז אָן אַ דאַטע, ער פאַרמאָגט 46 פּאַראַגראַפן, בעת דער קאַלישער סטאַטוט האָט געהאַט 36.

אין די באַשטעטיקטע יידן־סטאַטוטן, און בפרט אין דעם לעצטן, האָט קאַזשימיעזש III אויסגעברייטערט א ריי פריערדיקע באַשטימונגען — אין דער ריכטונג פון פאַרזיכערן א גרעסערע שוץ פאַר די יידן, פון מער באַ־גינסטיקן זייער קאָלאָניזאַטאָרישע און בוי־טעטיקייט. ער האָט פאַרגרע־סערט די שטראָפן פאַר הערהרגענען אָדער פאַרוווּנדן אַ ייד, ער האָט דער־לויבט די יידן צו קויפן הייזער און בוי־פּלעצער אין די שטעט און באָדן אין די דערפער (דאָס האָבן געטאָן די יידן פריער אויך, אָבער סיי די קירך, סיי די מיטעלע פּעאָדאַלן האָבן דערין זיי געשטערט). ער האָט נאָך בולטער

---

* סאַראַצענער — אזוי ווערן אין די פּוילישע דאָקומענטן פון יענער צייט באַצייכנט מוזולמענער. עס איז פאַראַן א השערה, אז סאַראַצענער זאָל באַטייטן — די קאַראַימער; מיר האַלטן דאָס אָבער פאַר נישט ריכטיק.

ווי באָלעסלאַוו דער פּרומער אַקצענטירט דעם פּולשטענדיקן פּרייען האַנדל פון די יידן אויפן שטח פון לאַנד. ער האָט פאַרשאַרפט די שטראָפן פאַר די, וואָס שטערן דעם יידישן מסחר אויף מערק און יאַריידים. ער האָט מתרה געווען די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס, זיי זאָלן נישט אונטערדריקן די יידן — „ווייל מיר רעזערווירן די דאָזיקע יידן פאַר אונדזער אוצר“. ער האָט פאַרקלענערט די יוריסדיקציע פון די קריסטלעכע שופטים איבער יידן. ער האָט באַשטימט, אַז יידן מעגן געניסן פון די שטאָטישע בעדער פונקט ווי די קריסטן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז יידן האָבן רעכט אויף אַ כשרער שחיטה, און דאָס טריפה פלייש מעגן זיי פאַרקויפן יעדן איינעם. די וואָיע־וואָדעס און סטאַראָסטעס זענען מחויב צו היטן, מען זאָל די יידן נישט שטעלן פאַר קריסטלעך־קירכלעכע געריכטן.

ווי מיר זעען, האָט קאַזשימיעזש III געגעבן די יידן נאָך מער יורידי־שע שוץ ווי באָלעסלאַוו דער פרומער. געוויסע זיינע באַשטימונגען זענען בפירוש געווענדט קעגן דער אָפן אַנטי־יידישער פּאָליטיק פונעם פּויליש־קאַטוילישן קלער. אָבער איינצייטיק פאַרגעסט נישט דער קיניג זיינע אייגענע אינטערעסן. עטלעכע מאָל אונטערשטרייכט ער, אַז די יידן געהערן צום מלוכה־אוצר: „די דאָזיקע יידן זענען פון אונדזער אוצר“.* אַזוי אַרום טרעט אַרויס אין קאַזשימיעזש דעם III־טנס יידן־סטאַטוטן די כוונה פונעם קיניג, אַז די יידן דאַרף מען באַשיצן נישט ווייל זיי זענען פשוט מענטשן, נאָר ווייל זיי זענען אַ געלט־קוואַל פאַרן קיניג. צוליב דעם דאָזיקן טעם זאָרגט קאַזשימיעזש III קודם כל וועגן זיכערקייט פאַרן יידישן קרעדיט. איינצייטיק פאַרשטאַרקט ער די שוץ פון יידישן מסחר. אינעם פּאַראַגראַף 17 פון דעם באָלעסלאַוו־קאַזשימיעזש־סטאַטוט ווערט אונטערגעשטראָכן אָט וואָס: „און יעדער ייד דאַרף אין אונדזער מלוכה פריי און זיכער, אָן וועל־כער נישט איז שטערונג, פירן מיט זיך זיין האָב־און־גוטס און סחורות, ווו ער וויל און ווו ער האָט זיי, און זיי פאַרקויפן, און אַנדערע זאַכן קויפן, אויסטוישן און פאַרנוצן לויט זיין ווילן“.

אַרום דער אויטענטישקייט פון דעם באָלעסלאַוו־קאַזשימיעזש־סטאַטוט האָט זיך אויפגעהויבן אין דער היסטאָריאָגראַפיע אַ שאַרפע דיסקוסיע. דער אַלטער פּוילישער רעכט־היסטאָריקער הובע האָט געהאַלטן, אַז דער דאָ־זיקער סטאַטוט איז געפעלשט געוואָרן דורך די יידן. הובע שטיצט זיך אויף דער מיינונג פון דעם אַנטי־יידישן פּאָליטיקער קאַרדינאַל אָלעשניצקי (פון

* „ipsi judei nostri sunt thesauri (§ 36).

די צייטן פון די ערשטע מלכים פון דער יאגעללאָנישער דינאַסטיע) און אויפן פאקט, וואָס דער סטאַטוט איז נישט פאַרזען מיט קיין דאַטע. די יידישע היסטאָריקער גרעץ און בלאָך האָבן אָבער דערוויזן די אויטענטישקייט פון דעם סטאַטוט, באַמערקנדיק, אַז אויך אויף א סך אנדערע וויכטיקע אלטע דאָקומענטן זענען מיט דער צייט, אינעם פראָצעס פון קאָפּירן זיי, פארווישט אָדער פאַרלוירן געגאַנגען די דאַטעס. עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער סטאַטוט איז זייער א וויכטיקער מקור צו דער געשיכטע פון פוילן בכלל און פון די פוילישע יידן בפרט.

אין דער פּראַקטיק זענען די באַשטימונגען פון קאַזשימיעזש דעם גרויסנס סטאַטוטן זייער אָפט נישט געוואָרן אויסגעפירט. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף דער שטערונג מצד א גרויסן טייל פון דער שליאַכטע, וועלכע האָט זיך טאַקע אויך געניייטיקט אין א רירעוודיקן קרעדיט, אָבער איינצייטיק אי געקעמפט פאַר פאַרקלענערן די פּראָצענטער, אי מורא געהאַט פאַר פאַרלירן די פאַרזעצטע גיטער ביי יידישע קרעדיטאָרן. אויפן שליאַכטישן סיים * אין ווישליצע, אין מערץ 1347, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו פאַרקלענערן דעם צינז פון יידישע הלוואות און צו באַגרענעצן די משכנות בלויז צו באַוועגלעכע קעגנשטאַנדן. אויפן ווישליצער סיים, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1368, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די עלטערן דאַרפן נישט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די הובות פון זייערע קינדער ביי יידן. אַנטקעגנקומענדיק די פאָסטולאַטן פון דער שליאַכטע, האָט קאַזשימיעזש III פאַרקלענערט דעם צינז און באַשרענקט די מינים פון משכנות. דאָס האָט געשלאָגן אין די מיטעלע יידישע וווכערער, אין דער זעלביקער צייט איז דער קיניג געשטאַנען אין די בעסטע באַציונגען מיטן גרויסן יידישן געלט־פאָטענטאַט לעווקאָ, וועלכער ווערט אין די אָפיציעלע אַקטן אָנגערופן „ווייר דיסקרעטוס"** (אָרנטלעכער מאַן), בעת אַ געווינלעכער ייד ווערט באַטיטלט „אינפידוס" (נישט באַגלויבטער), "פערפידוס"*** (פאַלשער, כיטרער) וכדומה.

אין די צייטן פון קאַזשימיעזש III הייבט אָן אָפּן אַרויסצוטרעטן דער

---

* די צוזאמענפאָרן פון דער שליאַכטע, פון וועלכע עס זענען ארויסגעקומען די שפּעטערדיקע סיימיקעס און דער סיים, האָבן זיך אָנגעהויבן אין די צייטן פון וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק.

** Vir discretus.

*** Infidus, perfidus.

אָנגריף פון א טייל פון קריסטלעכן שטאָטישן שטאַנד קעגן דעם יידישן מסחר און דער יידישער מלאכה — אויפן באָדן פון עקאָנאָמישער קאָנקו־רענץ. און אויך אויף דעם געביט אַנטפּלעקט זיך א בולטער ריס צווישן דעם קיניגס געזעצגעבונג און זיין פּראַקטיק. אויף דער בקשה פון די קריסטלע־כע קיילערס אין קראָקע האָט קאַזשימיעזש III באַגרענעצט די צאָל יידישע קצבים אין דער דאָזיקער שטאָט ביז זעקס, און פאַרבאָטן די יידן צו פאַר־קויפן קריסטן פלייש אונטער דער סאַנקציע פון קאָנפיסקירן זייערע פאַר־מעגנס. צוליב דעם אַלגעמיינעם קורס פון דער שטאַנדן־מלוכה צוזונעמען ביים שטאָטישן שטאַנד די רעכט צו דינען אין מיליטער, און במילא צו באַגרענעצן זיינע פּאָליטישע רעכט, איז אויך אין דעם פּרט באַשרענקט געוואָרן די יידישע באַפעלקערונג. דער ווישליצער סטאַטוט (1347),* וואָס איז געווען א בולטער אויסדרוק פון דעם זיג פון דעם פּוילישן פעאָ־דאַלן שטאַנד, האָט ביי די מיעשטשאַנעס, און בתוכם ביי די יידן, צוגענו־מען דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אין דער „פּאָספּאָליטע רושעניע",** אינעם לאַנד־שטורעם, אין פאַל פון א מלחמה. לגבי די יידן איז אָט דער פאַרבאָט געווען נאָך שאַרפער, וואָרעם אַפילו יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט ערד־באַזיץ (און ערד־באַזיץ איז געווען דער יסוד פאַרן אָנטייל אין דער „פּאָספּאָליטע רושעניע"), זענען אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם דאָ־זיקן רעכט און פליכט. אַזוי זענען די יידן — צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג — זינט די צייטן פון קאַזשימיעזש III פאָרמעל און פּאַקטיש געוואָרן אויסגעשלאָסן פונעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אמת, אין די שפּעטערדיקע צייטן זענען געווען געוויסע אויסנאַמען, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין פאַרטרעטן ביי יידן ערד־באַזיצער (למשל ביים גרויסן יידישן קאָלאָניזאַטאָר וואָלטשקאָ, בימי וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ) דעם פערזענלעכן און אַקטיוון מיליטער־דינסט דורך דער רעכט צוצושטעלן פאַר דער קיניגלעכער אַרמיי פערד וכדומה אין פאַל פון א „פּאָספּאָליטע רושע־ניע". אָבער דאָס איז שוין געווען אינגאַנצן אַן אַנדער זאַך, און אויך אַ זעל־טענע דערשיינונג.

קאַזשימיעזש דעם III־טנס לאָזונג פאַר די שטאָט־וווינער: זייט גוטע סוחרים און מישט זיך נישט אין פּאָליטיק, דער לאָזונג, וואָס האָט אויסגעצ־דריקט די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון דעם הערשנדיקן פעאָדאַלן שיכט —

* Statut Wiślicki.

** Pospolite ruszenie.

איז אויך חל געווען אויף דער יידישער באַפעלקערונג. און נישט געקוקט אויף די שטרעבונגען פון דער שליאַכטע אריינצופירן באַגרענעצונגען פון יידישן קרעדיט, האָט זי אָבער איינצייטיק געמוזט מאָלערירן דעם דאָזיקן קרעדיט בכלל; די גרויסע פעאָדאלן מיטן קיניג בראש און אַפילו די שליאַכטע האָבן זיך געמוזט רעכענען מיטן באַטייט פון יידישן מסחר, פון דער יידישער באַדן־קאָלאָניזאַטאָרישקייט, פון די ארענדעס און צום טייל אויך פון דער יידישער מלאכה. און אַפילו אזא בפירוש פיינטלעך־געשטימ־טער צו יידן הערשער ווי לודוויק אנזשו,* דער קיניג פון אונגאַרן, וועלכער האָט איבערגענומען בירושה, נאָך קאַזשימיעזש דעם III־נס טויט, די פוילישע קרוין (ווי א פלימעניק פון דעם פאַרשטאָרבענעם פוילישן מלך), האָט נישט געקאָנט אָנטאָן די פוילישע יידן אַזוינע צרות ווי ער האָט דאָס געטאָן לגבי די יידן פון אונגארן. לודוויג אנזשו, א בלינדער קאטוילישער פאַנאַטיקער, האָט זיך געשטעלט פאר א ציל צו באַקערן די אונגארישע ייד־צום קריסטנטום. הוות די יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָט ער זיי פאַר־טריבן פון אונגארן. אין פוילן, וו ער האָט פאָרמעל געקיניגט פון יאָר 1370 ביז 1382 (פאָרמעל — ווייל ער איז ס'רוב געזעסן אין אונגארן און איבער־געלאָזט די מאכט די גרויסע פוילישע פעאָדאלן מיט זיין מוטער, דער 80־יעריקער עלזשביעטאַ, בראש), איז די דאָזיקע אלטערנאַטיוו — שמד אָדער גירוש — נישט געשטאַנען און האָט אין יענער צייט נישט געקאָנט שטיין — אַזוי שטאַרק זענען די יידן געווען געקניפט און געבונדן מיט דער פעאָ־דאלער פוילישער ווירטשאפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט ווי א באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבע צו קאָלאָניזירן די אינקאָרפּאָרירטע רייסישע געביטן. אַפילו דער צורר היהודים לודוויג אנזשו אליין, וואָס האָט דורכגעפירט דעם גירוש אונגארן, האָט איינגעהאלטן די טראדיציאָנעלע פארבינדונג מיטן הויף־באַנקיר לעווקאָ און גענומען ביי אים צוויי מאָל ריזיקע הלוואות, איינ־מאָל אויף א סומע פון 30 טויזנט פלאָרין.

לודוויג אנזשו האָט געשטרעבט אָנצושפּארן זיין קרוין אויף דער ברייט־טער שליאכטישער מאסע, און נישט בלויז אויף די פעאָדאלע שפּיצן. ער האָט מיט די פאָרשטייער פון דער שליאַכטע געשלאָסן אַן אָפּמאַך אין קאָשיצע, אין יאָר 1374; דער אָפּמאַך איז געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישן דעם קיניג און דער שליאכטע. די לעצטע האָט באַקומען א וויטגייענדיקע הנחה אין דעם באָדן־שטייער. דערפאר האָט זי גאראַנטירט די קרוין, נאָך

---

* Ludwik Węgierski.

לודוויגס טויט, זיין טאָכטער יאַדוויגאַ. די פעאָדאַלע גרויס־באַזיצער האָבן אָבער אויך נישט געשוויגן. זייער שטרעבונג איז געווען צו פאַרכאַפּן די ריזיקע ערד־שטחים אויף מזרח, אויף די געביטן פון די היינטיקע אוקראַי־נע און ווייסרוסלאַנד. דערגרייכט האָבן זיי דאָס דורך אַ אוניע מיטן ליט־ווישן גרויספירשטנטום, וואָס איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין אַן אָרגאַנישער פאַראייניקונג מיט פוילן צוליב דער טויט־געפאַר, וועלכע האָט געדראָט ליטע מצד דעם אַלץ דרייסטער אָנגרייפנדיקן דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן. אויפן סמך פון דעם אָפּמאַך אין קרעוואַ (1385) צווישן דעם ליטווישן גרויספירשט יאַגעללאָ (יאַגיילאָ) און די פוילישע פעאָדאַלע שררות האָבן די ליטווישע פעאָדאַלן אָנגענומען דעם קריסטנטום, און עס איז געקומען צו אַ פּערסאָנאַלער אוניע צווישן די צוויי לענדער, אַ דאַנק דעם הייראַט פון יאַגעללאָ מיט יאַדוויגאַ. אַזוי אַרום איז פאַר די גרויסע פּויליש־ע מאַגנאַטן געעפנט געוואָרן אַ פרייער וועג צו קאָלאָניזירן די רחבותדיקע רייסישע שטחים, וואָס זענען אַריינגעפאַלן בשעתם אונטערן יאָך פון ליטע.

דער דאָזיקער פאַקט האָט געעפנט נייע ווירטשאַפטלעכע פּערספּעקטיוון אויך פאַר געוויסע קאַטעגאָריעס פון די פוילישע יידן, אָבער לכתחילה איז דער יידישער הימל שטאַרק פאַרוואָלקנט געוואָרן, ווייל דער פויליש־קאַטוי־לישער קלער, שיכור פון דעם גרויסן נצחון פון באַקערן די ליטווינער צום קריסטנטום, האָט געשטעלט פאַר יאַגעללאָ די פראַגע פון צווינגען אויך די יידן צו שמד, אָדער זיי פאַרמשפּטן אויף אַ פולשטענדיקן גירוש. דער קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ (1387—1434), הגם ער האָט ליב געהאַט אָנצוגיין פאַר אַ פרומען קאַטוילישן נעאָפיט, האָט זיך אָבער גערעכנט מיט די ווירטשאַפטלעכע נויטן פון לאַנד און מיט דער שטעלונג פון די פוילישע וועלטלעכע פעאָדאַלן און אָפּגעוואָרפן די סוגעסטיעס פונעם קלער. גע־מאַכט האָט ער דאָס אָבער אויף אַ גענוג כיטרען אופן. ער האָט נאָך געווי־סע אָפּשלעפּעניש באַשטעטיקט די יידישע סטאַטוטן פון קאַזשימיעזש III, אָבער דערביי צוגעגעבן אַ פרומען ווונטש, דהיינו: ער האָט געווונטשן די יידן, זיי זאָלן ווערן אויפגעקלערט דורך דעם הייליקן גייסט און זיי זאָלן דערקענען זייערע (רעליגיעזע) טעותים...

סיי יאַדוויגאַ, סיי יאַגעללאָ, ווי בכלל די גרויסע פעאָדאַלע מאַגנאַטן, האָבן באַזונדערס פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון די יידן אין רייסן. דעם 8־טן מערץ 1387 האָט די קיניגין יאַדוויגאַ באַשטעטיקט די רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס קאַזשימיעזש III האָט געגעבן דער שטאָט לוואָוו, און בתוכם די לוואָווער יידן, נישט פאַרמינערנדיק אויף אַ האָר זייער ביז דעמל־

טיקע לאַגע און רעכט. ענלעך האָט געהאַנדלט דער קיניג יאַגעללאָ, באַ־שטעטיקנדיק די רעכט פון לוואָוו און בתוכם פון די דאָרטיקע יידן, דעם 18־טן אָקטאָבער 1387 אין גריידעק (גרודעק יאַגעללאָנסקי). עס איז איבע־ריק צוצוגעבן, אַז דער וויכטיקסטער פון אַלע יידן איז פאַר דער קיניגלע־כער פּאָר געווען דער גרויסער וואָכערער לעווקאָ (געשטאָרבן אין 1395).*

דאָס איז שוין נישט געווען קיין נייעס. ווי מיר האָבן געזען פון די באַשטימונגען פון די סטאַטוטן זינט די צייטן פון באָלעסלאַוו דעם פרומען, האָבן זיך די פּוילישע הערשער געזאָרגט קודם כל וועגן די גרויסע יידישע קרעדיטאָרן, וועלכע זענען געווען נייטיק פאַר דער אָפּט אויסגעליידיקטער מלוכה־קאַסע. אין שייכות דערמיט טויכט אַרויס די פראַגע, צי זענען די יידן אין פּוילן אין דעם באַהאַנדלטן פעריאָד טראַקטירט געוואָרן יורידיש אַזוי ווי, למשל, אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וווּ זיי זענען געווען „שקלאַפן פונעם קיניגלעכן אוצר“,** ד. ה. — אינגאַנצן אָפּהענגיק פונעם ווילן פון מאָנאַרך?

אין דעם יידן־סטאַטוט פון פרידריך II פאַר די יידן פון ווין (אין יאָר 1238) שטעלט פעסט באַלד דער ערשטער פּאַראַגראַף, אַז די יידן זענען שקלאַפן פון דעם מאָנאַרכס אוצר. אין די פּוילישע יידן־סטאַטוטן ווערט נישט גערעדט בפירוש וועגן די יידן אַלס שקלאַפן פון מלוכה־אוצר, אָבער דאָ און דאָרטן איז פאַראַן אַ רמז, אַז די יידן (און קאָנקרעט: די יידישע וואָכערער) באַקומען די מאָנאַרכישע שוץ, ווייל זיי זענען נייטיק פאַרן מלוכה־אוצר. למשל אין דעם פּאַראַגראַף 29 פון קאַלישער סטאַטוט ווערט דערקלערט, אַז אַ קריסט, וואָס וויל צונעמען (בכוח) ביי אַ ייד דעם משכון, ווערט באַשטראָפט ווערן ווי אַזאַ, וואָס טרעט אַרויס קעגן „אונדזער אוצר“. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אָנדייט. אַזוי אַרום זענען די פּוילישע יידן נישט טראַקטירט געוואָרן ווי די יידן אין דייטשלאַנד, וואָס מיט זייער לעבן און פאַרמעגן האָט דער דאָרטיקער מאָנאַרך געקאָנט טאָן צו יעדער צייט וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, ווייל זיי זענען געווען יורידיש זיינע שקלאַפן. אין פּוילן איז אַזאַ לאַגע נישט געווען. אָבער, ווי געזאָגט, געוויסע רמזים

---

*) נאָך זיין טויט האָט מען דערציילט פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן זיינע אוצרות. ווי עס האָט געטענהט דער פּויזנער ביסקופ מיקאָלאַי פון קורניק, זאָל דער אונטערקאַנצלער יאַנקאָ פון טשאַרנקאָוו האָבן געטראָגן לעווקאָס אַ „פּאַרכי־שופט ריגל“.

** Servi camerae.

אויף דעם זענען פאָרט געווען באַהאַלטן אין די גענעראַלע פּריווילעגיעס
פאַר די יידן אין פּוילן. און דאָס גיט אַ גרונט פעסטצושטעלן, אַז אין פאַר=
גלייך מיטן פריערדיקן פּעריאָד (ביזן מיטן פון XIII י"ה), בעת וועלכן די
יידן אין פּוילן זענען געווען פולשטענדיק פריי, האָט זיך איצט זייער יורי=
דישע לאַגע פאַרערגערט. מיטן פאַרטיפן זיך פון דער פעאָדאַלער קלאַסן=
הערשאַפט לגבי אַלע אַנדערע נישט שליאַכטישע שיכטן האָט זיך אויך
פאַרערגערט די יורידיש=פּאָליטישע לאַגע פון די יידן. עס איז דערגאַנגען
דערצו, אַז אין אַ ריי ערטער האָבן די יידן פאַרלאָרן די מעגלעכקייט פון
פרייער באַוועגונג, פון פאַרלאָזן זייער וווין=אָרט, פון עמיגראַציע. למשל
אין יאָר 1433 האָט אַ גרעסערע צאָל יידישע משפּחות פון קאַליש געוואָלט
פאַרלאָזן די שטאָט — האָט דעם קיניגס באַאַמטער, דער סטאַראָסטע,
אויף דעם נישט דערלויבט. ער האָט געצוווּנגען די מער פאַרמעגלעכע קאַ=
לישער יידן, אונטער אַ שטראָף ביז 600 גזשיוונעס, זיי זאָלן געבן אַ גאַראַנ=
טיע, אַז קיין שום ייד וועט נישט אויסוואַנדערן פון דער שטאָט. עס האָט
זיך געהאַנדלט אין דעם, אַז די יידן זאָלן נישט אַרויספירן פון קאַליש זייע=
רע פאַרמעגנס. דער קיניג האָט זיך געהאַלטן פאַרן באַלעבאָס פון די יידן
און פון זייער האָב און גוטס. דער קיניג האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פאַקטישן
שותף פון די חוּוחים פון די יידן, און חוץ דעם, איז אים אַ שאָד געווען צו
פאַרלירן די שטייערן, וועלכע זיי האָבן געמוזט צאָלן. אין יאָר 1440 ווילן
ווידער אַ סך יידן פאַרלאָזן קאַליש — און די קיניגלעכע מאַכט גיט ווייטער
נישט קיין דערלויבעניש. אַזוי אַרום אַנטפּלעקן זיך ביי די יידן=סטאַטוטן
ביידע זייטן פון דער מטבע: פון איין זייט האָבן די סטאַטוטן פאַר די פּוי=
לישע יידן אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו געבן די יידן זיכערקייט און צו באַ=
גינסטיקן זייערע קרעדיט=אָפּעראַציעס, זייער האַנדל און מינץ=אַרענדעס;
אָבער פון דער צווייטער — זענען די יידן אַראָפּגעניִדעריקט געוואָרן צו
דער מדרגה פון נישט אינגאַנצן פרייע מענטשן, זיי זענען פאַקטיש צוגע=
שמידט געוואָרן (ווי למשל אין די פאַלן פון קאַליש) צו זייערע וווין=ערטער
און זיי האָבן נישט געקאָנט אינגאַנצן פריי דיספּאָנירן מיט זייערע פאַר=
מעגנס, איבערטראָגן זיי פון אָרט צו אָרט און אליין געניסן פון מיגראַציע=
מעגלעכקייטן.

אויסער דעם האָבן די יידן שוין אין דעם פּעריאָד געצאָלט — חוץ די
אַלגעמיינע שטייערן — אויך ספּעציעלע יידישע שטייערן. דאָס דרינגט
אַרויס פון דער ציטירטער דורך אונדז אינעם פריערדיקן קאַפּיטל באַשטי=
מונג פון וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ פאַר די צוויי יידישע משפּחות אין קראָסנאָ

(קליינפוילן), וועלכע זענען באפרייט געוואָרן פון אַלע שטייערן, קאָנטרי-בוציעס, אָפּצאָלן און אנדערע התחייבותן, וואָס עס האָבן געמוזט צאָלן אלע אנדערע יידן אין די פוילישע שטעט. ווי מיר זעען, איז זיך די פּראַקטיק פאנאנדערגעגאנגען מיט דער געזעצגעבונג, לויט וועלכער די יידישע סוחרים, למשל, זענען מחויב געווען צו געבן בלויז אַזעלכע אָפּצאָלן ווי אַלע אַנדערע, ווי די קריסטלעכע סוחרים. אָט אַזוי האָט די באהאנדלטע תקופה גע-בראַכט פאַר די יידן אין פוילן אינגאַנצן מיט אַ גרויסן ווירטשאַפטלעכן אויפשוואונג און מיט דער געזעצלעכער פאַרזיכערונג פון זייער לעבן, פאַר-מעגן, גלויבן און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, אויך אַ ריי ווייטיקלעכע באַ-גרענעצונגען, וועלכע האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע פון לאַנד-תושבים פון אַ צווייטער מדרגה.

דער קאַלישער סטאַטוט האָט געדינט ווי אַ מוסטער פאַר די יידן-סטאַטוטן, וועלכע עס האָבן אַרויסגעגעבן די פוילישע פירשטן פון שלעזיע. אין יאָר 1295 האָט באָלקאָ I, דער פירשט פון שווידניץ און מינסטערבערג, אַרויסגעגעבן אַ סטאַטוט פאַר „זיינע יידן", ד. ה. — פאַר די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די גרענעצן פון זיין פירשטנטום. אין יאָר 1299 האָט הענריק III, דער פירשט פון גלאָגאָו, געגעבן אַ סטאַטוט פאַר „זיינע יידן". אין יאָר 1328 האָט באָלקאָ II, דער פירשט פון שווידניץ, געגעבן אַ סטאַ-טוט די יידן פון זיין פירשטנטום. ענלעך האָבן געהאַנדלט די פירשטן הענ-ריק IV און הענריק V פון ווראָצלאַוו. אויפן סמך פון די אַלע סטאַטוטן האָבן די שלעזישע יידן באַקומען אַ זיכערקייט פאַר זייער אייגנטום, די פרייהייט צו האַנדלען מיט אַלע מינים סחורות, רעכט צו פירן קרעדיט-אָפּעראַציעס אונטער כלערליי משכנות, גלייכקייט פון שטייערן און אָפּצאָלן אַזוי ווי די קריסטן, שוץ פון די רעליגיעזע הייליקטימער, שוץ קעגן בלוט-בילבולים. ביים געבן די דאָזיקע סטאַטוטן האָבן מיט די שלעזישע פירשטן געקערעוועט קודם כל זייערע פינאַנסיעלע אינטערעסן; פאַר די סטאַטוטן פלעגן די יידן צאָלן די פירשטן הויכע שוץ-געלטער, למשל דער שווידניצער פירשט באָלקאָ I (דער לעצטער פערטל פון XIII י"ה) האָט זיינע הכנסות באַזירט קודם כל אויף דעם באָרן-שטייער, אויף די אָפּצאָלן פאַרן רעכט צו יאָגד און פיש-פאַנג, פאַר האַלטן קראָמען און אויף די גרויסע סומען, וואָס זענען אַריינגעפלאָסן פונעם יידישן שוץ-געלט. פאַר אַ הויכן שוץ-אָפּצאָל האָט באָלקאָ I נישט בלויז געגעבן די יידן דעם אויבן דערמאָנטן סטאַטוט, נאָר זיי אויך באַפרייט פון די אָפּצאָלן לטובת דעם שטאָט-ראַט, אחוץ אַזעלכע שטייערן און פערזענלעכע התחייבותן, וואָס האָבן געהאַט

אַ שייכות מיט דער שטאָט-פּאַרטיידיקונג (האַלטן וואַך, באַפעסטיקן און באַשיצן די מויערן). בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין שווידניצער פירשטנ-טום איז די לאַגע פון די יידן געווען בעסער ווי, למשל, אינעם וראָצלאַווער, וו — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט — דער דייטש-פּאַטריציִשער שטאָט-ראַט האָט אָנגעווענדעט לגבי די יידן עקאָנאָמישע רדיפות און זיי עטלעכע מאָל פאַרטריבן פון שטאָט. די ארויסגעטריבענע יידן זענען שוין צום צווייטן מאָל אויפגענומען געוואָרן אין שווידניץ דורך דעם דאָרטיקן פירשט הענ-ריק III, וועלכער האָט באַזעצט די איינגעוואַנדערטע יידן אין אַ באַשטימטן שטאָט-קוואַרטאַל.

אין דער ערשטער העלפט פון XIV י"ה איז — צוליב דער קורצזיכ-טיקער פּאָליטיק פון דעם פּוילישן קיניגרייך, וואָס האָט פאַרנאַכלעסיקט די פּוילישע מלוכה-אינטערעסן אין שלעזיע, וועגנדיק די גאַנצע אויפמערק-זאַמקייט דער עקספּאַנסיע אויף מזרח, — שלעזיע אַרונטערגעפאַלן אונטער דער העגעמאָניע פון די לוקסעמבורגער, די מלכים פון דייטשישער אָפּשטאַ-מונג, וואָס האָבן געהערשט אין טשעכיע. אין יאָר 1329 האָט יאַן לוקסעמ-בורג געצוווּנגען די פּוילישע פירשטן פון שלעזיע צו ווערן זיינע וואַסאַלן. יאַן לוקסעמבורג האָט איבערגעלאָזט די שלעזישע פירשטן געוויסע קאָמ-פּעטענצן, און בתוכם די השגחה און יורידיקציע איבער דער יידישער באַ-פעלקערונג. אַדאַנק דעם איז דער סטאַטוס פון די יידן אין שלעזיע לעת עתה געבליבן אַזוי ווי פריער. און דאָס האָט באַטייט פון איין זייט — די מעגלעכקייט צו פירן אַ ברייטע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, אָבער פון דער צווייטער — אַלץ גרעסערע שוין-געלטער לטובת דעם פירשטס אוצר. אין דער הינזיכט איז די לאַגע פון די שלעזישע יידן געווען שווערער ווי ביי די יידן אין פּוילישן קיניגרייך. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער באַשווערנדיקער מאָמענט פון די שאַרפערע — ווי אין פּוילישן קיניגרייך — אָנגריפן אויף די יידן מצד דעם שלעזיש-דייטשישן סוחרישן פּאַטריציאַט.

קאַפּיטל פינף

## דער דייטשישער פּאַטריציאַט און דער קאַטוילישער קלער און זייער קאַמף קעגן יידן. די כופרישע סעקטעס און זייער באַציונג צו יידן. די ערשטע בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן אין פוילן.

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, אַז די פּוילישע מאָנאַרכן, גרויסע פעאָדאַלן און די שליאַכטע זענען נישט געווען געשטימט פייגטלער צו די יידן. אמת, זיי האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף אַ קוואַל פון הכנסה, און די שליאַכטע האָט געשטרעבט צו באַגרענעצן דעם יידישן וווכער, אָבער דאָך האָבן זיי זיך באַצויגן צו די יידן ווי צו אַ נייטיקן און נוצלעכן עלע־מענט. קיין שנאה לגבי יידן לאָזט זיך אין יענעם פעריאָד נישט באַ־מערקן נישט ביים פויערטום און בכלל געגומען אויך נישט ביי דעם שטאָ־טישן שטאַנד. אָבער ביים לעצטן זענען שוין אין XIV און XV י"ה גע־ווען אין דער הינזיכט געוויסע אויסנאַמען, פונקט ווי זיי זענען געווען ביי דער שליאַכטע. בנוגע די גרויסע שטעט האָט געוויסע באַקצילן פון שנאה צו יידן פאַרשפּרייט דער דייטשישער פּאַטריציאַט, וועלכער איז אין XV י"ה -- נישט געקוקט אויף דעם פּאָלאָניזיר־פּראָצעס פון דעם דייטשישן עלעמענט — נאָך אַלץ געווען גרויס אין צאָל; למשל אין קראָקע איז 80 פּראָצענט פונעם פּאַטריציאַט באַשטאַנען פון דייטשן, אין קאַליש — 60 פּראָצענט, אין וואַרשע — לערך 50 פּראָצענט. די קראָקעווער ראַטמענער, וועלכע זענען אין זייער רוב באַשטאַנען פון דייטשישע פּאַטריציער, זענען אָפּט ארויסגעטראָטן מיט אָנקלאַגן אויף די יידן (און אויך אויף דער פּוי־לישער שליאַכטע). שטרעבנדיק צו ליקווידירן די קאָנקורענץ פון די יידישע סוחרים און קרעדיטאָרן, האָבן די דייטשישע פּאַטריציער אָנגעווענדט דאָס

מיטל, וואָס איז צו זיי דערגאַנגען פון דייטשלאַנד: אויסגענוצט אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף דעם קריסטלעך־רעליגיעזן פאַנאַטיזם קעגן יידן. אויך דער אויבערשטער שיכט פון דעם דייטשישן פלעבעיער־עלעמענט, די האַנט־ווערקער־מייסטער, זענען געווען געשטימט קעגן די יידן, און דאָס אויך קודם כל צוליב קאָנקורענץ־טעמים און מיט אַ צומיש פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

דעם זעלביקן מיטל פון שפּילן אויף די פינצטערע געפילן פון רעלי־גיעזן פאַנאַטיזם האָבן אָנגעווענדעט אויך געוויסע שליאַכטע־לייט, וועלכע זענען געווען פאַרשולדיקט ביי יידן און געוואָלט פטור ווערן פון זייערע שולד־בריוו, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון יידישע ווּכערער. וועגן אַט דעם אופן פטור צו ווערן פון זייערע חובות לגבי יידישע קרעדי־טאָרן האָבן אויך געטרוימט שטאָטישע קריסטן.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן דעם עקאָנאָמישן באָדן פון דער אַנטי־יידישער אַגיטאַציע אין באַהאַנדלטן פעריאָד.

עס איז אָבער געווען נאָך איין מאָמענט, אַ מער וואָגיקער. דאָס איז געווען א ציל, וואָס איז געלעגן אויף דער ליניע פון די גרונטיקע קלאַסן־אינטערעסן פון פוילישן פעאָדאַליזם: דער ציל אַרויסצורופן רעליגיעז־פאַ־נאַטישע פאַראורטיילן ביי די פינצטערע עלעמענטן פון קריסטלעכן המון לגבי די יידן און אויסצונוצן אָט די פאָראורטיילן ווי א דיווערסיע־מיטל אויסצוקערעווען די אומצופרידנקייט און דעם סאָציאַלן פערמענט פון די מאַסן פון זייערע גאַטירלעכע קלאַסן־רעלסן אין דער ריכטונג פון שנאה צום „פרעמדן" און אנדערש־גלוביקן ייד.

אין דער ברייט־פאַרמאָסטענער אַקציע אַרויסצורופן פאָראורטיילן און שנאה צו יידן, אין דער אָקאָרשט אָנגעוויזענער דיווערסיע האָט די ערשטע פידל געשפּילט דער פויליש־קאַטוילישער קלער. די דאָזיקע דיווערסיע האָט אויך אַנטשפּראָכן די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ־אינטערעסן פונעם דיי־טשישן פאַטריציאַט און פון די דייטשישע האַנטווערקער־מייסטער און דער שטרעבונג פון די פאַרשולדיקטע ביי יידן עלעמענטן צו ליקווידירן אויף א לייכטן (און פאַרברעכערישן) אופן זייערע חובות. די דיווערסיע דורך וואָרפן די אומצופרידענע מאַסן אויף די יידן איז געווען אויף דער האַנט פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם און פון די פעאָדאַלע שפּיצן — בפרט, אַז זיי זענען שוין זינט דעם סוף XIII און נאָך מער אין XIV און XV י"ה געבליבן שטיין פנים אל פנים מיט גרויסע סאָציאַלע מאַסן־באַוועגו־גען, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע דינאַמיק און אין אַ באַדייטנדי־קער מאָס באַדראָט דעם פעאָדאַלן אונטערדריקונג־סדר. וואָס מער עס האָבן

זיך אויסגעשפּרייט און פּאַרטיפּט די אַנטיפּעאָדאַלע באַוועגונגען, אַליץ מער האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַגיטאַציע פון די שפּיצן פונעם קאַטוילישן קלער, פון אָט די „אידעאָלאָגן" פון פּוילישן פעאָדאַליזם און פון זייערע שמשים, די קלענערע גלחים, קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

אינעם באַהאַנדלטן פּעריאָד הייבט זיך ווידער אויף * אן אָפענער קאַמף פון די פּוילישע פאָלקס-מאַסן קעגן דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג. די דאָזיקע באַוועגונג קומט צום אויסדרוק שוין ביים סוף פון XIII י"ה. אין יאָר 1294 ברעכט אויס אין גרויספּוילן אַ געמיינזאַמער בונט פון דער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג; דער בונט כאַפּט ארום, חוץ די שטעט, אויך 24 דערפער און איז געווענדט קעגן דער דריקנדיקער שטייערן-פּאָליטיק פון דעם גנעזנער ארציביסקופּ יאקוב, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע ערד-מאַגנאַטן אין לאַנד, האָט פאַרמאָגט פיל צענדליקער דערפער און ריזיקע אוצרות. די לאַגע פון די פּויערים-מאַסן אין גרויספּוילן ווערט נאָך מער פאַרערגערט צוליב דעם, וואָס אין יאָר 1298 ברעכט דאָ אויס אַ גרויסע מגיפה אויף בהמות. אין יאָר 1300 ווערט דער מצב ממש א פאַרצווייפלטער — אין גאַנץ גרויספּוילן הערשט א גרויסער הונגער; די ערשטע און גרעסטע קרבנות פונעם הונגער זענען די נישט-באַמיטלטע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

די קלאַסן-קאָנפליקטן וואַקסן אָן מיט א גאַנץ שנעלן טעמפּ. אין יאָר 1302 אָרגאַניזירן זיך די שטעט פּויזן, גניעזנאָ, קאַליש און פּיזדרי אין אַ קאָנפעדעראַציע קעגן די פעאָדאַלע מאַגנאַטן. די באַוועגונג איז געווענדט קודם כל קעגן די קירכלעכע מאַגנאַטן, וועלכע בילדן דעם סאמע רייכסטן און סאַמע פּאַראַזיטישן שיכט צווישן די פּוילישע פעאָדאַלן בכלל.

אין יאָר 1307 ברעכט אויס אין פּויזנער געגנט א פּויערים-בונט אונטער דער אָנפירונג פון דעם סאָלטיס יאַן סמאַזשעוויטש — קעגן דעם ביסקופּ און פעאָדאַלן האַר אַנדזשעי.

די אַנטיפעאָדאַלע באַוועגונגען פון שטאָט און דאָרף ווערן אָן אָנשטענ-דיקער פּאַקטאָר. פון גרויספּוילן צעשפּרייטן זיי זיך איבער קליינפּוילן און שלעזיע. אין קליינפּוילן ברעכן אויס פּויערישע אומרוען. אין שלעזיע אָרגאַ-ניזירן זיך אין יאָר 1310 זיבן שטעט (גלאָגוו, זשעגאַן, שטשעגיאַוואַ, ספּראָטאַוואַ, לובין, גורא און פרישטאַט) אין אַ קאָנפעדעראַציע צום קאַמף

---

* מיר זאָגן ווידער, ווייל אין XI-טן י"ה האָבן אויך געהאַט אָן אָרט ערנסטע מרידה-ארויסטרעטונגען פון פּוילישן פּויערטום.

קעגן די רויב־ריטער, וועלכע גראַסירן אין לאַנד. אין אָט דעם פאַל טרעט אַרויס דער שטאָטישער שטאַנד ווי אַ גאַנצער קעגן דעם שוים פון דעם פעאָדאַלן שיכט — די רויב־ריטער.

אין דער שפּעטערדיקער צייט ברעכן אויס אינערלעכע קלאַסן־קאָנפליקטן אין די שלעזישע שטעט גופא. אין יאָר 1333 קומט פאָר אין ווראָצלאַוו אַן אויפשטאַנד פון די בעלי מלאכות וועבער קעגן די ראַטמענער, קעגן פּאַטריציאַט. אונטער דער אָנפירונג פון די וועבער־מייסטער קעמפן קעגן פּאַטריציאַט די געזעלן און בכלל די גאַנצע שטאָטישע אָרעמקייט. אין די יאָרן 1349 און 1362 שפּילן זיך אָפּ אין ווראָצלאַוו ביטערע קאַמפן פון דער אָרעמשאַפט קעגן די רייכע סוחרים און האַנטווערקער־מייסטערס וועגן די פּרייזן אויף ברויט. עס הייבן זיך אויך אָן די ערשטע קלאַסן־קאַמפן אינערהאַלב דער מלאכה. שוין אין יאָר 1329 טרעטן אַרויס אָרגאַניזירטערהייט די געזעלנס פון דעם פאַסן־מאַכער־פאַך קעגן זייערע מייסטערס.

די כוואַליע פון קלאַסן־קאַמפן כאַפּט אַרום, אין דער צווייטער העלפט פון XIV י״ה, כמעט אַלע שטעט פון שלעזיע. שלעזיע איז, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, מער פאַרווירטשאַפט ווי פּוילנס אַנדערע פּראָווינצן, די מלאכה איז דאָ מער אַנטוויקלט. ממילא זענען אין דער דאָזיקער פּראָווינץ די קלאַסן־קאָנפליקטן און די קלאַסן־שלאַכטן שאַרפערע און אָפטערע. אין יאָר 1361 ברעכן אויס סאָציאַלע אומרוען אין שווידניץ, אין יאָר 1365 — אין לוואָוועק, אין די יאָרן 1389—1393 — ווידער אין ווראָצלאַוו און באַנייס אין שווידניץ, אין יאָר 1390 — אין זגאָזשעלעץ, אין די יאָרן 1390, 1391, 1393 — אויפסניי אין ווראָצלאַוו. אין דעם זעלביקן פעריאָד קומען פאָר סאָציאַלע אומרוען, הגם פון אַ קלענערן פאַרנעם, אויך אין אַנדערע פּוילישע פּראָווינצן און שטעט. קראָקע ווערט אַן אָפטע אַרענע פון סאָציאַלע אויפברויזן: אין יאָר 1368, אין יאָר 1375 (עס טרעטן אַרויס די בעקער־געזעלנס), אין יאָר 1392 (דער ערשטער שטרייק פון די קראָקעווער געזעלנס), אין יאָר 1396 (עס טרעטן אַרויס די קצבים). אין דער צווייטער העלפט פון XIV־טן י״ה טראָגט זיך אַדורך אַ נייע בונט־כוואַליע פון פויערים אין דער פּויזנער ריעצעזיע.

תחילת דעם XV י״ה וואַקסט די באַוועגונג אָן אין אַזאַ מאָס, אַז עס ברעכן אויס אויפשטאַנדן פון פויערים און פון שטאָטישער אָרעמקייט. די יאָרן 1405—1408 גייען אַדורך סיי אין שלעזיע, סיי אין קליינפּוילן אונטערן צייכן פון פאָלקס־אויפשטאַנדן. אין יאָר 1406 האָט אין ווראָצלאַוו די אָרעמשאַפט־מאַסע אָנגעגריפן דאָס ראָטהויז. אין די יאָרן 1406—1408

דערגייט אין קראָקע דער אויפברויז פון דער אָרעמקייט צו אָפענע גאַסן־
אַרויסטריטן. דעם העכסטן ברויזונגס־פונקט דערגרייכט די באַוועגונג אין
יאָר 1418 אין ווראָצלאַוו. דער איבערוועגנדיקסטער טייל פון דער באַפעל־
קערונג טרעט אַרויס אין אַן אויפשטאַנד קעגן דעם פּאַטריציִשן שטאָט־
ראַט און בכלל דעם רייכן סוחרטום. אין די פּאָדערשטע רייען פון דעם
אויפשטאַנד רוקן זיך אַרויס די קצבים, מויערער, שוסטער, פורמאַנעס,
שניידערישע געזעלנס, פּאַראָבקעס א.א. עטלעכע ראַטמענער האָט מען
אַראָפּגעהאַקט די קעפּ. דער ביישפּיל פון די ווראָצלאַווער אויפשטענדלער
ווערט אָנשטעקנדיק. ווען די קראָקעווער בעלי־מלאכות ווילן אויסקעמפן
יושר ביים דאָרטיקן פּאַטריציִאַט, דראָען זיי מיט איבערטראָגן דעם ביי־
שפּיל פון ווראָצלאַוו פון יאָר 1418 קיין קראָקע.

די דאָזיקע פאַרשאַרפטע קלאַסן־קאַמפן איז די שטעט ווערן באַגלייט
דורך אַ ברייטער פויערישער באַוועגונג, וועלכע איז געווענדט קודם כל קעגן
די קירכלעכע פעאָדאַלן, וואָרעם אין די גיטער פון די קלויסטערס און גרוי־
סע קירכלעכע שררות האָט געהערשט אָן אַן ערך אַ שאַרפערע עקספּלאָאַ־
טאַציע און אונטערדריקונג ווי ערגעץ אַנדערש.

די קאַמפן פון די פויערים און פון דער שטאָטישער אָרעמשאַפט האָבן
זיך זייער אָפט געבונדן מיט די לאָזונגען און אַגיטאַציע פון די אָפּאָזיציאָ־
נעל־רעליגיעזע, א. ג. כופרישע אָדער הערעטישע שטרעמונגען און סעקטעס,
וועלכע האָבן זיך אינעם באַהאַגדלטן פעריאָד גענומען פאַרשפּרייטן אויך
אין פוילן מיט אַן אַלץ שטייגנדיקער קראַפט.

די אָפּאָזיציעס קעגן דער קריסטלעכער קירך אין מיטלאַלטער זענען
אין תוך גענומען געווען אָפּאָזיציעס קעגן דער הערשנדיקער אומגערעכטי־
קער פעאָדאַלער אָרדענונג. די קירך איז געווען אַ שומר, אַ פעסטונג פון
דער פעאָדאַלער אָרדענונג; די קירכלעכע דאָגמאַטישע לערע איז געווען די
אידעאָלאָגיע פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם, פון דער פעאָדאַלער קלאַסן־אונ־
טערדריקונג. דורך זיין כפירה אין דער קירכלעכער דאָגמאַטיק, דורך זיין
בונט קעגן דער קירך און איר היעראַרכיע, דורך זיין קריטיק פון דעם דאָג־
מאַטישן, הערשנדיקן קריסטנטום — האָט דער קריסטלעכער פויער, בעל־
מלאכה, קליינער סוחר, אָרעמאַן, קליינער גלח פון מיטלאַלטער אויסגע־
דריקט זיין פּראָטעסט און פאַראַכטונג צום גאַנצן אונטערדריקונג־סיסטעם
פון דעם פעאָדאַלן סדר, זיין פּראָטעסט קעגן דער אונטערדריקונג, גזילה,
בזיונות, דערדריקונג פון מענטש. „די טרוימערישע מיסטישע סעקטעס —
שרייבט ענגעלס אין זיין ווערק „די פויערים־מלחמה אין דייטשלאַנד“ —

ראָבן אין דער צייט פון אונטערדריקונג אינטערגעהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס".

אין די כופרישע שטרעמונגען אין מיטלאַלטער באַמערקט זיך אָבער אַ צווייִרעלסנדיקייט. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם דאָזיקן שטריך פון די אָפּאָזיציאָנעל־רעליגיעזע באַוועגונגען, ווען מיר האָבן באַטראַכט די קראַים ביי די ייִדן אין בבל. פון איין זייט — די אָפּאָזיציע קעגן דער אומ־יושרדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, פון דער צווייטער — אַ ווייטגייענדיקער אַסקעטיזם, וואָס מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ רעגרעסיווער עלעמענט. נישט אַלע כופרישע באַוועגונגען אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָבן גע־טראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. למשל די אַליינשמייסער (צווייטע העלפט פון XIII י"ה), וועלכע זענען אין צאָלרייכע גרופּן געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און זיך אַליין ווייטיקלעך געשמיסן, כדי אָפּצוקומען פאַר די זינד, האָבן זיך נישט געקאָנט באַרימען מיט רעוואָלוציאָנערע אויפטוען. פאַרקערט, זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן דורך דעם קאַטוילישן קלער און אויסגעגאָסן זייער האַס סוף כל סוף אויף די ייִדן. אמת — אויך צווישן זיי זענען געווען רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, למשל זייער אָנפירער אין שלעזיע דיאַקאָן, וועלכער האָט אָנגעגריפן די קירך און איז דערפאַר פאַרברענט גע־וואָרן אויף אַ שייטערהויפן לויט אַ באַפעל פון דעם וראָצלאַווער ביסקופּ פּשעצלאַוו. אָבער בכלל זענען די אַליינשמייסער געווען אַ פינצטערער, פאַ־נאַטיש־היסטעריזירטער עלעמענט. די רעשטלעך פון דער צעפאַלענער אַליינ־שמייסער־סעקטע, וועלכע האָט דעגענערירט אויך אויפן סעקסועלן געביט (די גרויסע צאָל מעוברתדיקע מיידלעך צווישן די אַליינשמייסערינס), האָבן שפּעטער אָנטיילגענומען אין פּאָגראָמירן ייִדן אין פוילן.

אינגאַנצן אַנדערש שטעלן זיך פאָר די אָפּאָזיציאָנעל־רעליגיעזע באַ־וועגונגען פון די וואַלדענסן און די הולטשיניאַנער. דער אַקטיווסטער עלעמענט אין די דאָזיקע באַוועגונגען האָט זיך רעקרוטירט פון צווישן די שטאָטישע בעלי מלאכות און סוחרטום און אַנטיפעאָדאַל רעוואָלוציאָנער־געשטימטע פויערים.

די וואַלדענסן־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין דער שטאָט ליאָן (פראַנק־רייך). איר גרינדער איז געווען אַ סוחר פּיער וואַלדאָ (געשטאָרבן אין יאָר 1218), וועלכער האָט זיין אַנטיפעאָדאַלע און אַנטיקירכלעכע איינשטעלונג פאַרבונדן מיטן הויכן ניוואָ פון זיין עטישער לערע. די וואַלדענסן האָבן שאַרף קריטיקירט די קריסטלעכע קירך, אָנרופנדיק זי — „דאָס הויז פון שקר". זיי האָבן גערופן דאָס פאָלק צום צוריקקער צו דער פּאַרציייטיקער

אַפּאָסטאָלישער פּשטות, צו אַן אַרבעטזאַמען, באַשיידענעם לעבן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם קולט פאַר די קריסטלעכע הייליקע און דעם גלויבן אין איבערנאַטירלעכע כוחות. די וואַלדענסן האָבן געפּרעדיקט, אַז נישט גאָט וועט העלפן די מענטשן, נאָר די מענטשן דאַרפן זיך אַליין העלפן און נישט וואַרטן אויף נסים. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס פאַרווירקלעכן זייער אידעאַל וועט ברענגען אַלע מענטשן אַן אומטערשייד פון אמונה און פון שטאַנד־אָנגעהעריקייט די אמתע פרייהייט און גלייכהייט. די וואַלדענסן־באַוועגונג איז באַשטאַנען פון בעלי מלאכות, פּויערים און סתם אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן גענומען צווייפלען אין דעם קירכלעכן אמת און געזוכט אַן אַנדערן אויסוועג פון די צרות. אין פּוילן זענען זיי אָנגעקומען צוזאַמען מיט דער גרויסער אימיגראַציע פון מערב אין דער צייט פון דער קאָלאָ־ניזאַציע פון דער צווייטער העלפט פון XIII־טן י"ה. אין XIV־טן י"ה כאַפּט זייער אַגיטאַציע אַרום אין די פּוילישע שטעט באַדייטנדיקע צאָלן מענטשן. אין זייער שפּיץ איז אין פּוילן געשטאַנען אַ פאָלקס־פּרעדיקער דיקוש. אין שלעזיע האָבן מיט די וואַלדענסן סימפּאַטיזירט אפילו געוויסע טיילן פון נידעריקן קריסטלעכן קלער.

די פּוילישע פעאָדאַלן האָבן געפילט די געפאַר. וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק האָט דערקלערט די וואַלדענסן אַ קאַמף אָן רחמנות. ער האָט איינגעפירט קעגן זיי אינקוויזיציע־טריבונאַלן. די פּויליש־קאַטוילישע קירך האָט באַ־קעמפט די וואַלדענסן דורך חרמים און שייטער־הויפנס. אין דעם אויסראָ־טונגס־קאַמף קעגן די כופרים האָט זיך אויסגעצייכנט דער פאַנאַטישער דאָמיניקאַנער־אָרדן, וועלכער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין אייפער, צביעות און אכזריות.

בקרוב נאָכן דערשיינען פון די וואַלדענסן האָט זיך אין פּוילן באַוויזן, שוין תחילת דעם XIV־טן י"ה, אַ צווייטע כופרישע באַוועגונג — די דול־טשיניאַנער. דאָס וויגעלע פון אָט דער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך רעקרו־טירט דער עיקר פון פּויערים און אויך פון שטאָטישער אָרעמקייט, איז גע־ווען אין צפון־איטאַליע. איר גרינדער איז געווען אַן איטאַליענישער פּאַס־טער דולטשינאָ. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געטראָגן אַ מער קעמפערישן כאַראַקטער. אירע אָנהענגער האָבן אָנטיילגענומען אין אַ ריי פּויערים־אויפ־שטאַנדן. די דולטשיניאַנער האָבן געפּרעדיקט, אַז דער מענטש איז אַ פריי וועזן, אַז ער מוז נישט ווערן באַהערשט און אונטערדריקט דורך אַ צווייטן מענטש. די דולטשיניאַנער האָבן געפירט אַ שאַרפע אַגיטאַציע קעגן דעם

פויפסט און די קאַרדינאַלן, פאַרגעוואָרפן זיי, אַז זיי האָבן זיך דערוויטערט פון אַמאָליקן ריינעם, עוואַנגעלישן קריסטנטום.

די אַגיטאַציע פון די דולטשיניאַנער האָט געהאַט דערפאָלג ביי אַנ־געזעענע צאָלן פון דער פוילישער באַפעלקערונג. דער היסטאָריקער פון דער פוילישער קירך גלח באַראָנטש שרייבט: „פוילן האָט אָן ווידערשטאַנד גע־עפנט אירע טויערן פאַר דולטשינאָס אָנהענגער". די דאָמיניקאַנער האָבן, מיט דער ברכה פון וולאַדיסלאַוו לאָקעטעק, גערודפט די דולטשיניאַנער מיט פייער און שווערד.

אין דער ערשטער העלפט פון XIV־טן י"ה איז צוגעקומען אין פוילן אַ דריטע כופרישע סעקטע — די בעגאַרדן און בעגינערינס, וואָס זייער וויגעלע איז געווען בעלגיע. זייער אידעאָלאָגיע איז געווען אָן ענלעכע צו די ערשטע צוויי באַוועגונגען, מיט דעם אונטערשייד, וואָס די בעגאַרדן און בע־גינערינס האָבן געפּרייזיקט קאָלעקטיוויזם און געפּרוּווט עס פאַרווירקלעכן אין זייער אייגענעם לעבן.

די אַלע באַוועגונגען האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכן פּחד אויפן קאַטוי־לישן קלער. די אינקוויזיטאָרן האָבן געלעבט אין איין שרעק פאַר נקמה־אַקטן מצד די כופרים. די כופרים האָבן זיך אָפט געשטעלט אין שפּיץ פון די אַנטיפעאָדאַלע פּויערים־אויפשטאנדן אין קראָקעווער געגנט, גרויס־פוילן, פאָמערן און שלעזיע. די צעבונטעוועטע שטאָטישע אָרעמקייט אין וורָאצלאַוו אין דער ערשטער העלפט פון XIV־טן י"ה האָט בפירוש גע־וואָרט אויפן אָנקום פון די כופרים, זיי זאָלן זיי העלפן אינעם קאַמף קעגן דעם פּאַטריציאַט. די כופרים זענען נישט געגאַנגען שוצלאָז צום טויט. זיי האָבן זיך אַקטיוו פאַרטיידיקט קעגן דער אינקוויזיציע. אין יאָר 1341 האָבן די בעגאַרדן און בעגינערינס אין וורָאצלאַוו אויסגעשאָכטן כמעט אַלע אינ־קוויזיטאָרן. מיט אַ באַזונדערער קאָמפּס־לוסטיקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט די פרויען פון אָט דער באַוועגונג. די אינקוויזיציע האָט געענטפערט מיט אַ נאָך גרעסערער צאָל שייטערהויפנס. „דעם ווידערשטאַנד פון די אומ־פאַרשעממטע פרויען — שרייבט דער שוין ציטירטער גלח באַראָנטש — האָט דער אינקוויזיטאָר וואַצלאַוו דערשטיקט אין צעפלאַקערטע שייטערהויפנס".

טריי זייער אידעאָלאָגיע, וואָס אין איר יסוד איז געלעגן די אידעע פון גלייכהייט פון אַלע מענטשן, האָבן זיך די וואַלדענסן, דולטשיניאַנער און בעגאַרדן באַצויגן מיט דער זעלבער מאָס מענטשלעכקייט אויך צו די יידן. אין דער הינזיכט (און אויך אין אַנדערע הינזיכטן) איז געווען אַ טי־פער אונטערשייד צווישן די אַליינשטייסערס און — די וואַלדענסן, דול־

טשיניאַנער און בעגאַרדן. דער לאָזונג פון די קעמפערישע כופרים איז געווען: „אַלע זענען גלייך — אַ קריסט, אַ ייד, אַ סאַראַצענער (אַ מוזולמענער) און אַ געצנדינער". די דאָזיקע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן זענען אין מיטלאַלטער געווען אין דער קריסטלעכער וועלט דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס האָט פּרינציפּיעל אַרויסגערוקט די גלייכקייט פון יידן מיט אַלע אַנדערע מענטשן. אויב די באַציונג פון די פּוילישע מאָנאַרכן און בכלל פעאָדאַלן צו די יידן האָט זיך אויסגעדריקט העכסטנס אין טאָלעראַנץ און איז אַרויסגערונגען פון אַ ציימווייליקן עקאָנאָמישן אינטערעס, איז די באַציונג פון די דערמאָנטע אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונגען לגבי די יידן אַרויסגעדרונגען פון זייער גאַנצן וועלט־באַנעם. אפילו ביי די סאַמע נינציקסטע פעאָדאַלע כוחות האָט דער ייד געקאָנט געפינען שוץ ווי אַ געיאָגטע חיה בלויז פאַר אַזאַ אָדער אַנדער כופר נפש אין געלט; דאַקעגן ביי די אַנטיקירכלעכע און אַנטיפעאָדאַלע עלעמענטן, ביי די וואַלדענסן, דולטשיניאנער און בעגאַרדן איז דער ייד אויפגענומען געוואָרן ווי אַ גלייכער, ווי אַ מענטש, ווי אַ נאַפּירלעכער מיטמענטש. אין דער אַלגעמיינער טרויעריקער ווירקלעכקייט פון מיטלאַלטער האָבן פאַר די באַדראָטע און אין בעסטן פאַל דיסקרימינירטע יידן דעם איינציקן שטראַל פון האָפענונג געטראָגן די אַנטיקירכלעכע און אַנטיפעאָדאַלע קעמפער פון די כופרישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געפּריידיקט דעם טרוים פון אַ פרייער מענטשהייט, מיט גלייכבאַרעכטיקטע יידן צווישן אַלע אַנדערע פרייע מענטשן. צי איז אין יענעם פּעריאָד געקומען צו אַ געוויסער דערנענטערונג, צו אַ קאָנטאַקט און צוזאַמענאַרבעט צווישן יידן און די דאָזיקע באַוועגונגען? — אויף דער פראַגע איז שווער צו געבן אַן ענטפער. ווי עס קאָן אַרויסדרינגען פון די געשעענישן פון דער נישט קיין סך שפּעטערדיקער צייט, פון די געשעענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער הוסיטישער באַוועגונג (ערשט העלפט פון XV י"ה), איז עפּעס שותפותדיקס, אַ געוויסער קאָנטאַקט צווישן יידן און וואַלדענסן יאָ געווען. אייגנס איז אָבער יאָ זיכער: צוזאַמען מיטן אייסראַטונגס־קאַמף קעגן די אַנטיקירכלעכע כופרים האָט זיך די דאָמיניקאַנישע אינקוויזיציע אין פּוילן אַ נעם געטאָן אַ ביסל אויך צו די יידן. שטרעבנדיק צו דעמאָראַליזירן די אָקאָרשט־אָנגעוויזענע באַוועגונגען, האָט די קירך געלאָזט אין גאַנג אויך די פּראָוואָקאַטאָרישע אַגיטאַציע קעגן יידן, וואַרפנדיק אויף זיי די אומצופרידענע און אויף דער אַגיטאַציע פון די מורדים און כופרים אויסגעשטעלטע מאַסן. „דאָס איז געווען — שטרייבן אונטער די היינטצייטיקע פּוילישע היסטאָריקער־מאַרקסיסטן — אַן אָפּטער מאַנעוור

פון דעם קלער אין מאָמענט פון באַזונדערן אויפברויז פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע פון קלאַסן=קאַמף אין די שטעט.״*

די מעטאָדע פון אויפרייצן די פינצטערע מאַסן קעגן יידן, ווי קעגן דעם קוואַל פון אַלדאָס בייז, איז קיין פוילן אימפּאָרטירט געוואָרן פון דרויסן. אָנגעקומען איז די דאָזיקע מעטאָדע פון צוויי קוואַלן: פון דייטשלאַנד (אימפּאָרטירט דורך די דייטשישע פּאַטריציער אין די פוילישע שטעט) און פון רוים — פון דער רעזידענץ פונעם פויפּסט.

די העכסטע אָנפירונג פון דער קריסטלעכער קירך האָט שוין פון לאַנג, שוין זינט דער צווייטער העלפט פון XII=טן י״ה, אָנגענומען פאַרשידענע מיטלען צו איזאָלירן, דערדריקן און דערנידעריקן מאָראַליש די נישט=קריסטלעכע טייל פון דער באַפעלקערונג, כדי אַרויסצורופן ביי די אָנהענגער פונעם קרייץ דעם באַוווסטזיין פון העכערקייט לגבי די „נישט=גלויביקע״. אין דעם דאָזיקן גייסט זענען דורכגעגאַנגען די באַראַטונגען פון די לאַטעראַנער קאָנצילן אין די יאָרן 1179 און 1215. היות די באַשלוסן פון אָט די קאָנצילן האָבן זיך נישט אָנגענומען אין לעבן, האָבן די פויפּסטן באַשלאָסן איינצופירן פאַר די יידן אויסערלעכע סמנים, כדי אַזוי אַרום אָפּצוטיילן זיי פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. עס איז איינגעפירט געוואָרן דער „יידישער צייכן״, אָדער דער „יידישער שאַנד=פלעק״; דאָס איז געווען אַ קליין קיילעכדיק שטיקל סחורה פון געלן אָדער פון רויטן קאָליר, וועלכן די יידן האָבן געדאַרפט טראָגן אויף זייערע מלבושים, אָדער אַ ספּעציעל שפּיציק „יידיש היטל״ אין דער פאָרם פון אַ טורעמל. באַפעלן וועגן איינפירן באַזונדערע צייכנס, אָדער מלבושים פאַר יידן האָבן אַרויסגעגעבן די פויפּסטן: גרעגאָר VIII אין יאָר 1187, אינאָקענטי III אין יאָר 1204, האָנאָריוס III אין 1221, גרעגאָר IX אין 1223, אַלעקסאַנדער IV אין 1257. פון דעם אָפטן איבערחזרן די גזירות דורך פינף פויפּסטן נאָכאַנאַנד קאָן מען דרינגען, אַז דאָס אַרויפצווינגען דעם „יידישן שאַנד=פלעק״ איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. אין יאָר 1314 האָט דער העכסטער סינאָד אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז די יידן זאָלן געצוווּנגען ווערן צו טראָגן אי אַ „יידיש היטל״ פון געלן קאָליר און אין געשטאַלט פון אַ האָרן, און חוץ דעם אויף דער ברוסט און אויף די פּלייצעס פון די אויבערשטע מלבושים דעם „שאַנד=צייכן״ אין דער פאָרם פון אַ קיילעכדיק שטיקל סחורה פון רויטן אָדער אמאראַנטן קאָליר. חוץ דעם האָבן די פויפּסטן געפאָדערט איינצופירן אַ

* Historia Polski, I, s. 484.

פּאָליטישע צווישן מחיצה פאָלקסטענדיקע אין קריסטן און יידן פערזענלעכן אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

די אַלע מאָסמיטלען האָבן געדאַרפט ווייזן דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג, אַז די יידן „אַנטיקריסטן" זענען שונאים פון דער מענטשהייט און טראָגן די שולד פאַר אַלע צרות און אומגליקן. אַזוי אַרום האָבן די פעאָדאַל־קירכלעכע עלעמענטן געשטרעבט אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון די אמתע סיבות פון זייער ביטער און שווער לעבן.

דעם דאָזיקן גייסט פון אָפּטיילן און דערניי־עריקן די יידן האָט דער וואַטיקאַן נעגומען אימפּאָרטירן אויך קיין פּוילן. אין יאָר 1265 האָט דער פּויפּסט קלעמענס IV אַרויסגעשיקט דעם קאַרדינאַל גווידאָן קיין דייטש־לאַנד און פּוילן מיט דער מיסיע צו אָרגאַניזירן דאָרטן דעם קריסטלעכן קלער, צו פאַרשטאַרקן דעם קריסטלעכן גלויבן און צו איזאָלירן די יידן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אין יאָר 1266 איז גווידאָן אָנגעקומען קיין פּוילן. דעם 9־טן פעברואַר 1267 איז דערעפנט געוואָרן אין וורואָצלאַוו אונ־טער גווידאָנס פאָרזיץ דער סינאָד פון דער גניעזנער דיעצעזיע (די וויכ־טיקסטע פּראָווינץ פון שטאַנדפּונקט פון דער קירכלעכער היעראַרכיע אין פּוילן). אין צענטער פון די פאַרהאַנדלונגען זענען געשטאַנען די באַציונגען צווישן דער קריסטלעכער און יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. איינער פון די צילן פונעם סינאָד איז געווען קעגנצווווירקן דעם גייסט פון קאַלישער סטאַטוט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט קנאַפּע דריי יאָר צוריק (אין 1264). אָט זענען די באַשלוסן פונעם וורואָצלאַווער סינאָד בנוגע די יידן, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם פּויפּסטס לעגאַט גווידאָן:

1. צום שאַרפסטן פאַרווערן מיר, אונטער אַ חרם, אַלע קריסטן, זיי זאָלן נישט אויפנעמען קיין יידן אָדער יידישקעס און נישט וווינען מיט זיי צוזאַמען, זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צו פּראַווען אינאיינעם מיט זיי סעודות אָדער טרינקען צוזאַמען; אויך טאָרן זיי זיך נישט אונטערנעמען צו טאַנצן אָדער האָפקען מיט זיי אויף חתונות אָדער סעודות; קריסטן זאָלן נישט קויפן ביי יידן קיין פלייש, אָדער אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, כדי די יידן זאָלן אויף אַ ביטערן אופן נישט אָפּסמען צופעליק די קריסטן, וועלכע זיי באַטראַכטן פאַר שונאים... די קריסט־לעכע אַמטן דאַרפן צווינגען די קריסטן זיך אָפּצוהאַלטן פון פירן מיט די יידן מסחרים. (קאַפּיטל 10 פון די סינאָד־באַשלוסן).

2. די יידן, וואָס וווינען אין דער פּראָווינץ פון גניעזנאָ (גרויספּוילישע דיעצעזיע), זאָלן נישט וווינען אינאיינעם מיט קריסטן; די הייזער פון די יידן דאַרפן שטיין צווישן זיך פאַראייניקט און צוזאַמען, און מוזן זיך געפינען אין די שטעט און אין די דערפער אין באַזונדערע קוואַרטאַלן; די יידישע וווין־גאַסן

זאָלן זיין אָפּגעטיילט פון די קריסטלעכע מיט אַ טויער אָדער פּאָסע (אַ ראָוו) (קאַפּיטל 12).

3. די יידן, וואָס וווינען אויפן שטח פון א קירך־באַדן, דאַרפן צאָלן דעם ביסקופּ אַ געוויסע סומע, פּונקט ווי עס וואָלטן געצאָלט קריסטן, ווען זיי וואָלטן דאָ געוווינט. עס איז די יידן פאַרווערט צו קומען אין קריסטלעכע שטובן, בעדער און גאַסט־הייזער. זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צו האַלטן אין זייערע הייזער בייטאָג צי ביינאַכט קריסטלעכע דינער אָדער דינסטן אָדער זייגערינס אָדער וועלכע נישט איז באַדינערשאַפט... זיי טאָרן נישט אָננעמען קיין צאָל־אַרענדע און קיין שום עפנטלעכן אַמט. (קאַפּיטל 14).

4. אויב אַ ייד וועט געכאַפּט ווערן ביים טרייבן זינדיקע זנות מיט אַ קריסטין איז — ביז וואַנען ער וועט נישט באַצאָלן לכל הפחות 10 מאַרק, — דאַרף ער אונטערליגן אַ שטרענגן אַרעסט, און די קריסטלעכע פרוי, וואָס איז באַגאַנגען אַזאַ זינדיקן שריט, זאָל — נאָכן באַקומען שמיץ פון דעם שטאָטישן אַמט — פאַרטריבן ווערן פון שטאָט אָן א האָפענונג פון צוריקקער. (קאַפּיטל 14).

5. ווען עס קומט פאָר אַ פּראָצעסיע אויף דער גאַס, מוזן די יידן בלייבן אין דער היים און פאַרמאַכן די טירן און פענצטער. (קאַפּיטל 12).

6. די יידן מעגן האָבן אין שטאָט בלויז איין שול. (קאַפּיטל 12).

7. די יידן דאַרפן, אין אונטערשייד צו די קריסטן, טראָגן א ספּעציעל היטל מיט אַ האָרן, א. ג. „קאָרנוטוס פּילעאוס“. (קאַפּיטל 13).

8. די יידן זענען מחויב תיכף ומיד פאַרקויפן אָדער אויסטוישן די הייזער, וואָס געפינען זיך אין די קריסטלעכע ראַיאָנען. (קאַפּיטל 10).

9. די דאָזיקע באַשלוסן דאַרף מען איבערחזרן יאָר יערלעך אויף די פּראָווינצער סינאָדן. (קאַפּיטל 11).

10. די פירשטן און ביסקופּן דאַרפן אויספירן די דאָזיקע באַשלוסן אונטער דער דראָונג פון אַ קירכלעכן חרם.

פון די אַלע באַשלוסן קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז די יידן האָבן שוין אין יענער צייט געוווינט אין גרויספּוילן אין קאָמפּאַקטע מאַסן סיי אין די שטעט, סיי אין די דערפער; אַז די באַציונגען צווישן זיי און דער אַרומיקער פּוילישער קריסטלעכער באַפעלקערונג זענען געווען זייער גוטע — מען האָט איניינעם פאַרבראַכט, געקומען צו זיך צו גאַסט, געפּראַוועט נעמיינזאַמע סעודות, געוווינט בשכנות, געהאַנדלט, און עס פלעגן אַפילו טרעפן געמישטע חתונות. די הלבשה פון די יידן האָט זיך נישט אונטערשיידט פון דער קליידונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, ווי באַלד דער סינאָד מוז אָנקומען צו די ספּעציעלע „יידישע היטלען“, כדי מען זאָל זיי קאָנען אונטערשיידן פון ארום. דער וראָצלאַווער סינאָד האָט געשטרעבט, לויט גווידאָנס איניציאַטיוו, איינצופירן פאַר יידן אַ מין געטאָ, צורייבן ביי זיי אַ ריי ווירטשאַפטלעכע צווייגן (למשל די אַרענדעס פון מלוכה־הכנסות), באַגרענעצן זייער מסחר און מלאכה, שאַפן אַרום זיי אַ שטימונג פון פאַראַכטונג. אָבער די

באַשטימונגען פון דעם סינאָד זענען געבליבן אויפן פּאַפּיר, נישט געקוקט אויף די חרם־דראָונגען אויפן אַדרעס פון די פּירשטן. קיין איין באַשלוס פון דעם ווראָצלאַווער סינאָד פון יאָר 1267 איז לעת עתה נישט פּאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן! אינעם אויפבוי־פּראָצעס פון לאַנד זענען די יידן געווען אַ נייטיקער עלעמענט, און זייערע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן זענען געווען ענג פאַרבונדן מיטן לעבן פון לאַנד. און דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם און אומ־טאָלעראַנץ איז נאָך אין יענער צייט געווען גאַנץ שוואַך ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג. דער ציל פון די סינאָד־באַשלוסן איז געווען אַרויסצורופן אָט דעם פאַנאַטיזם און די אומטאָלעראַנץ.

דער קלער האָט נישט רעזיגנירט פון זיינע אָנגריפן.

צוועלף יאָר נאָכן ווראָצלאַווער סינאָד איז זיך צונויפגעקומען, אין סעפּטעמבער 1279, אין דער אונגאַרישער שטאָט בודאַ אַ סינאָד פון די שפּיצן פון דער קאַטוילישער קירך אין אונגאַרן, פּוילן, דאַלמאַטיע, קראָאַ־טיע, סלאַוואָניע, לאָדאָמעריע, גאַליציע, אונטערן פאָרזיץ פונעם פּויפּסטלעכן לעגאַט פיליפּ. די הויפּט־טעמע פון דעם סינאָד איז געווען די פראַגע פון די נישט־קאַטוילישע איינוווינער פון די דערמאָנטע לענדער. דער סינאָד אין בודאַ איז געשטאַנען אונטערן גייסט פון דעם ווראָצלאַווער סינאָד פון 1267. דער סינאָד האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע באַשלוסן:

1. וועגן דעם ברוסטצייכן פון די יידן: די יידן פון ביידע געשלעכטער דאַרפן טראָגן אויף די אייבערשטע מלבושים אויף דער לינקער זייט פון ברוסט אַ קיילעכדיק שטיקל סחורה פון רויטן קאָליר. די אַנדערע אומגלויביקע (מאַכ־מעדאַנער א. א.) דאַרפן טראָגן אַ קיילעכדיק שטיקל סחורה פון געלן קאָליר (פּאַראַגראַף 113 פון די סינאָד־באַשלוסן).

2. וועגן נישט אָננעמען יידן אויף אַמטן: אַלע איינוווינער פון די דער־מאָנטע לענדער, וועלכע געהערן נישט צו דער רוימיש־קאַטוילישער קירך, און נעמלעך: יידן, סאַראַצענער, ישמעאלים,* סכיזמאַטיקער, ** און אַלע אַנדערע, וואָס אָנערקענען זיך נישט פאַר אַ טייל פון דער איינהייט פון דער קאַטוילישער קירך, קאָנען נישט באַקומען קיין שום אַרענדע פון מלוכה־צאָלן און קיין שום אַנדערע אַמטן. פאַר עובר זיין אויף דעם וועלן די ביסקופּן און אַנדערע קירך־שררות פאַרלירן זייערע שטעלעס (פּאַראַגראַף 114).

אַזוי אַרום האָט דער סינאָד אין בודאַ אויסגעשלאָסן די יידן און אַלע אַנדערע נישט־קאַטוילישע איינוווינער פון דער לאַנד־געזעלשאַפט. די תקנות

* אַראַבער.
** אָנהענגער פון דער אָפּגעטיילטער פּראַוואָסלאַווער קירך.

פון דעם סינאָד זענען הל׳ געווען אויף די יידן פון די דרום־פּראָווינצן פון פּוילן און פון די אַנדערע אויבנדערמאָנטע לענדער.

אָבער פּונקט ווי די באַשלוסן פונעם וראָצלאַווער סינאָד זענען אויך די גזירות פונעם סינאָד אין בודאַ געבליבן לגבי די יידן פון פּוילן אַ מויער אות; זיי זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן.

אין זעקס יאָר אַרום, אין יאַנואַר 1285, איז פאָרגעקומען אַ סינאָד אין לענטשיץ, און עס זענען ווידער אַרויסגערוקט געוואָרן פאָדערונגען צו באַגרענעצן די יידן. אין לענטשיץ איז שוין מער געווען אַ רייד וועגן עקאָנאָמישע פראַגן, אָבער אויך די לענטשיצער באַשלוסן זענען נישט רעאַליזירט געוואָרן.

עס זענען אַריבער 135 יאָר, אין משך פון וועלכע מען הערט נישט וועגן סינאָדאַלע באַשלוסן קעגן די יידן אין פּוילן. אין דעם דאָזיקן לאַנד איז קיינמאָל נישט געווען קיין שאַנדצייכן פאַר יידן. די סינאָדן איז נישט געלונגען אַרויסצושטויסן די יידן פון עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. פאַרקערט, אַ גאַנצע ריי הויכע שררות פון דער קאַטוילישער קירך אין פּוילן האָבן פאַרקניפּט עקאָנאָמישע באַציונגען מיט יידן, הגם כלפּי חוץ זענען זיי אַרויסגעטראָטן ווי פּרינציפּיעלע שונאים פון די „אומגלויביקע" יידן. אָבער דעם קלער איז יאָ געלונגען אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס איבערצורייסן די געזעלשאַפטלעכע און פריינדשאַפטלעכע באַציונגען צווישן יידן און קריסטן. און דאָך זענען די עיקרדיקע באַשלוסן פון די סינאָדן געבליבן אויפן פּאַפּיר. דאַקעגן זענען אין משך פון דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט איינגעפירט געוואָרן וווין־פאַרבאָטן פאַר יידן אין מאַזאָוויע (הגם נישט אומעטום) און אין די געביטן פונעם דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן (אין XIV־טן און ערשטער העלפט פון XV־טן י״ה, בתוכם אין טאָרון און אַנדערע שטעט), אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דער „פאַרדינסט" פון די פּוילישע קירך־שפּיצן.

ערשט אין יאָר 1420, אין אָנבליק פון דער הוסיטישער געפאַר אין פּוילן (געוויער וועגן דעם ווייטער — אין פערטן טייל), האָט זיך די קירך־אָנפירונג ווידער גענומען צו דער יידן־פראַגע און באַנייס אַרויסגערוקט די באַשלוסן פון די סינאָדן פון די יאָרן 1267 און 1279. אין יאָר 1420 איז אין קאַליש פאָרגעקומען דער וויעלון־קאַלישער סינאָד אונטער דער אָנפירונג פונעם אַרציביסקופּ מיקאָלאַי טראָמבאַ. אויף דעם דאָזיקן סינאָד איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָלגנדיקער באַשלוס: „די יידן זאָלן טראָגן אַ קליידונג, וואָס זאָל זיי אונטערשיידן פון די קריסטן, אַזוי ווי דאָס

איז געווען אַמאָל און ווי דאָס האָט זיך דערהאַלטן אין אַנדערע לענדער אָן אונטערשייד.״ די „הויכגעשטעלטע“ מחברים פון דער גזירה האָבן זיך דאָ פאַררופן אויף אַ ליגן, וואָרעם אין פּוילן איז ביז דעמלט קיינמאָל נישט חל געווען אין דער פּראַקטיק קיין ספּעציעלע יידישע קליידונג. חוץ דעם האָט דער וויעלון־קאַלישער סינאָד ווידער איבערגעחזרט די אַלטע סינאָדאַלע באַשלוסן פון פאַר 135 יאָר וועגן נישט צולאָזן יידן צו מלוכה־אַרענדעס, וועגן דעם „שאַנדצייכן“ אאַז״וו.

אָבער אויך איצט האָבן זיך די דאָזיקע אַנטי־יידישע גזירות נישט אָנגענומען. אין דער צייט פון וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ האָט נאָך דער פּויזנער סינאָד פאַרווערט צו האָבן מיט יידן אַ מגע ומשא. אָבער חוץ אַן אָפּקלאַנג פון ריין־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער (פּערזענלעכער פּאַרקער וכדומה) האָבן די אַלע סינאָדאַלע באַשלוסן קיין ממשות נישט געהאַט. דאָך האָבן זיי אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס פאַרסמט די אַטמאָספער אין לאַנד. זיי זענען טאַקע איגנאָרירט געוואָרן דורך די פירשטן און קיניגן און אויך דורך אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, אָבער געפּרייַדיקטע דורך אַ גאַנצער אַרמיי פאַנאַטישע גלחים אויף די קירך־אַמבאָנעס האָבן זיי געשאַפן אַן אַטמאָספער פאַר אַנטי־יידישע אומרועו און עקסצעסן.

ווי מיר האָבן שוין געזען, האָבן זיך די אַנטיפעאָדאַלע קאַמפן פון די פּויערים און פון דער שטאָטישער אָרעמקייט פאַרשטאַרקט אין דער ערשטער העלפט פון XIV־טן י״ה און וואָס טיפער אין XIV־טן און דערנאָך אין XV־טן י״ה אַריין זענען זיי געוואָרן אַלץ דרייסטער און מאַסנהאַפטיקער; זיי האָבן זיך אָפט געבונדן מיט די כופרישע באַוועגונגען פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

מיט די דאָזיקע געשעענישן פאַלן זיך צונויף אין פּוילן די ערשטע בלוטיקע אַרויסטרעטונגען קעגן יידן. די אונטערהעצער און פּראָוואָקאַטאָרן פון צווישן די קירך־ספּערן האָבן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, געשטרעבט צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אומשולדיקן יידישן בלוט.

דער ערשטער בלוטיקער אַרויסטריט קעגן יידן איז פאָרגעקומען אין דער גרויס־פּוילישער פּראָווינץ, וווּ די פּוילישע אַנטיפעאָדאַלע אומרועו זענען געווען באַזונדערס שטאַרק. דער ערשטער בלוטיקער אַנטי־יידישער פאַל האָט וואַרשיינלעך געהאַט אַן אָרט אין אינאָוראָצלאַוו אין יאָר 1345. וועגן דעם זאָגט עדות דער אויפשריפט אויף דער מצבה פון דעם דאָרטיקן יידישן בית־עולם — אונטער דער דאַטע פון 1345. דער אויפשריפט דערציילט וועגן „אַ שטאַרקן מאַן מיט אַ שטאַרק האַרץ“ שמעון בן ר׳ יצחק, וועלכער

האָט פאַרגאָסן זיין בלוט, אַ דערדריקטער און צעבראָכענער. אין צווײ יאָר שפּעטער, אין 1347, הערן מיר וועגן ערשטן בלוט־בלבול (עלילת דם) קעגן יידן אין קראָקע. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם זעלביקן יאָר האָט די אינקוויזיציע, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרן בשעתו דורך וולאַדי־סלאַוו לאָקעטעק צום קאַמף קעגן די דולטשיניאַנער, אינסצעניזירט פּראָצעסן קעגן די לעצטע און איינציימיק באַשולדיקט די קראָקעווער יידן, בכן זיי זאָלן האָבן דערהרגעט אַ קריסטלעך קינד.* וואָס מען האָט זיין טויטן קער־פּער געפונען הינטער דער שטאָט. און בלויז אַדאַנק די באַמיונגען פון דעם מלוכה־קאַנצלער יאַקוב פון מעלשטין און פון דעם איטאַליענישן גייסטלעכן פּראַדאָלי איז געלונגען אויפצווייזן דעם אומשולד פון די יידן. דער דאָזי־קער פאַל באַווירקט די יידן, זיי זאָלן פאַרלאַנגען פונעם קיניג קאַזשימיעזש III צו פאַרשטאַרקן די קאָנטראָל איבער דער אויספירונג פונעם קאַלישער סטאַטוט. די דאָזיקע באַמיונגען און די גינסטיקע שטעלונג פונעם קיניג צו די פאָדערונגען האָבן זיך אָבער אין צווײ יאָר אַרום אַרויסגעוויזן אָן שום ממשות אין אָנבליק פון דעם אָנציענדיקן אומגליק פון „שוואַרצן טויט“.

די שרעקלעכע בלוטיקע רדיפות אויף די יידן אין דייטשלאַנד אין די יאָרן 1348 און 1349 אין שייכות מיט דער מגיפה פון א. ג. „שוואַרצן טויט“ האָבן אויך געהאַט אַ טראַגישן אָפּקלאַנג אין פּוילן. פּוסטריט נאָך די יידן פון דייטשלאַנד, וועלכע זענען פאַר די רציחות געלאָפן קיין פּוילן (קיין שלעזיע, פּויזן, קאַליש, קראָקע), זענען נאָכגעגאַנגען די בילבולים, אַז די יידן פאַרסמען ברונעמס, שענדן האָסטיעס און ווילן אומברענגען די קריסטלעכע וועלט. דער אימפּאָרטירער פון אָט די בילבולים אין פּוילן איז געווען די גאַנגרעניזירטע סעקטע פון די אַליינשמייסער, וועלכע איז אויס־גענוצט געוואָרן דורך די אונטערהעצער פון צווישן דעם פּויליש־קאַטוילישן קלער. די אַליינשמייסער האָבן דורכגעפירט אין יאָר 1349 אָנפאַלן אויף יידן אין וורראָצלאַוו, גלאָגוו, קראָקע, קאַליש און פּשעמישל. וועגן די דאָזיקע אָנפאַלן אויף די יידן אין פּוילן דערציילט אַן איטאַליענישער כראָניקער פון יענער צייט, מאַטעאָ וויליאַני, וועלכער גיט אָן אַ גוזמאַדיקע און לחלוטין

* דער באַוט־בילבול, וועלכן קריסטלעכע פינצטערע פאַנאַטיקער פלעגן אַרויס־רוקן קעגן יידן, האָט זיין אור־קוואַל אין אַלטערטום און איז דעמאָלט אַרויסגע־רוקט געוואָרן דורך רוימער קעגן די קריסטן, בכן אין געוויסע יום־טובים לייגן זיי אַ קינד אויף אַ טיש, באַשיטן מיט מעל און דערהרגענען. וועגן דעם שרייבט דער רוימישער מחבר פּליניוס דער יינגערער. דערנאָך האָבן קריסטן איבערגע־טראָגן דעם בילבול אויף יידן.

נישט באַגרינדעטע צאָל פון 10 טויזנט אומגעבראַכטע יידן. אַ פּוילישע כראָניק פון 14טן י"ה, די א. ג. אָליווער כראָניק, גיט איבער, אַז די יידן האָט מען דערהרגעט מיט שווערדן, דערטרונקען אין טייכן און אומגע־בראַכט אין פלאַמען. די פאַרשער האַלטן די פאַקטן פאַר איבערגעטריבענע. די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז דעם פאַרנעם פון די רציחות איבער די יידן אין דייטשלאַנד האָבן די כראָניקער איבערגעטראָגן אויך אויף די יידן אין פּוילן. די צאָל פון 10 טויזנט הרוגים באַציט זיך צו די יידן אין דייטשלאַנד, און דער אומקום דורך פייער און שווערד איז נוגע די דייטשישע יידן, אויף וואָס מיר האָבן שוין אָנגעוויזן. אין אַלגעמיין זענען די רעזולטאַטן פון די דעמאָלטיקע אָנפאַלן אויף יידן אין פּוילן געווען אָן פאַרגלייך אַ קלענערע ווי אין דייטשלאַנד. די יידישע קהילות ווי אַזעלכע זענען געבליבן גאַנץ. אָבער אין פאַקט איז נישט אָפּצולייקענען: דער קיניג קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט נישט רעאַגירט גענוג ענערגיש, און יש אומרים, אַז ער האָט אַ טייל פון דעם צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן צוגעפאַסט אין דער אייגענער קע־שענע, אין דעם מלוכה־אוצר, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן דער קייזער קאַרל דער פערטער, אָבער איינציטיק האָט ער געגעבן די יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד אַ מקום־מקלט אין פּוילן.

ווי אַן אָפּקלאַנג פון די שווערע איבערלעבונגען פון יאָר 1349 איז אין דער רעליגיעזער ליריק געבליבן אַן עלעגיע, געווידמעט דער מאַרטירלאָגיע פון די יידן אין פּוילן בעת דעם „שוואַרצן טויט".

עס איז אַריבער עפּעס מער ווי 10 יאָר און אין פּוילן איז ווידער אויס־געבראָכן אַ מגיפה. צווישן דער נויטליידנדיקער שטאָטישער אָרעמקייט וואַקסט אין שייכות מיט דעם שטאַרק די אומצופרידנקייט. דאָס ווערט אויס־גענוצט דורך דעם דייטשישן פּאַטריציאַט, וועלכער העצט אויף דעם פינצ־טערן המון קעגן די יידן. דאָס יאָר 1360 איז אַ צייט פון אָנפאַלן אויף יידן אין קראָקע און אין אַ ריי שטעט פון גרויספּוילן. צוזאַמען מיטן דייטשישן פּאַטריציאַט טרעטן אַרויס אַ ריי פּוילישע גלחים, וועלכע שיטן אין זייערע קירך־דרשות פעך און שוועבל אויף יידן, אין גייסט פון די באַקאַנטע סינאָ־דאַלע באַשלוסן. עס קומען זיי צו הילף די דאָמיניקאַנער מיט זייער אינקוויזי־ציע. אין קראָקע ווערן אומשולדיקע יידן געברענט אויף שייטערהויפנס. אין דער זעלביקער צייט קומען אום אין די פלאַמען פון דער אינקוויזיציע אַ סך פּוילישע לייט, מיטגלידער פון די כופרישע סעקטעס.

פון דעמאָלט אָן ווערן פון צייט צו צייט אינספּירירט און אָרגאַניזירט דורך דעם דייטשישן פּאַטריציאַט און דייטשישע האַנטווערקער־מייסטער

בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן. די ערשטע פידל אין דער אַנטי־יידישער העצע שפּילן די דייטשישע פּאַטריציער פון קראָקע, וועלכע ווילן אַזוי אַרום פּטור ווערן פון דער קאָנקורענץ מצד די יידישע סוחרים. אין יאָר 1369 קומען פאָר אין קראָקע נייע אַנטי־יידישע אומרוען.

מיט צוויי יאָר פריער, אין 1367, איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין פּויזן. דער באַדן צו דעם פּאָגראָם איז געווען די אומצופרידנקייט פון פאַר־אָרעמטע קריסטלעכע בעלי חובות מיט די אומגעהייער אויפגעשרויפטע פּראָצענטער פון יידישע וווכערניקעס. אין דער צווייטער העלפט פון XIV־טן י"ה איז דער צינז ביי יידישע וווכערער אין פּויזן דערגאַנגען כמעט ביז 600 פּראָצענט פון דער געבאָרגטער סומע. די אומצופרידנקייט האָט זיך לייכט פאַרוואַנדלט אין אַ גרענעצלאָזער שנאה. פאַר דער רווחים־גיריקייט פון יידישע פּראָצענטניקעס האָט בלוטיק באַצאָלט די אומשולדיקע פּשוטע יידישע מאַסע. די שנאה קעגן די יידן איז נאָך מער אויפגעהעצט געוואָרן דורך די אָרטיקע מאָנאַכן פון דאָמיניקאַנישן אָרדן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן דעם „בזיון", וואָס די ניי־אויפגעבויטע יידישע שול וועט שטיין אַקעגן זייער קלויסטער. די דאָמיניקאַנער אונטער דער אָנפירונג פונעם „ברידערל" יאַן רימשיוואָל האָבן אָנגעהויבן פירן אַ געוואַלטיקע אַנטי־יידישע אַגיטאַציע און געשפּרייט קלאַנגען, בכן די יידן האָבן צוליב ריטועלע צוועקן געהרגעט אַ קריסטלעך קינד. אין יאָר 1367 איז דער אויפגעהעצטער המון באַפאַלן די יידישע שול און דערהרגעט אַ צאָל יידן. די פּויזנער יידן, שטיצנדיק זיך אויפן קאַלישער סטאַטוט, האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צום קיניג קאַזשימיעזש III, וועלכער האָט אָבער גאָרנישט גע־טאָן איינצושטילן די רוצחישע מעשים פון די פּאָגראָם־לייט. דאָס אויסקע־רעווען די אומצופרידנקייט פון דער נויטליידנדיקער קריסטלעכער מאַסע קעגן יידישן כפּרה־הינדל איז געלעגן אויך אין די קלאַסן־אינטערעסן פון דעם גרעסטן פעאָדאַל, דעם קיניג — נישט געקוקט דערויף, וואָס בדרך כלל האָט ער געפירט, ווי באַקאַנט, אַ מאָלעראַנטע פּאָליטיק לגבי דער יידי־שער באַפעלקערונג. כדי פונדעסטוועגן איינצושטילן די געליטענע יידישע באַפעלקערונג, האָט קאַזשימיעזש III אַרויסגעגעבן, ווי מיר האָבן שוין אָנ־געוויזן, אַ נייעם יידן־סטאַטוט מיט אויסגעברייטערטע יורידישע באַשטי־מונגען לטובת די יידן.

די דאָזיקע באַשטימונגען זענען אָבער אין אַן עת צרה ווידער געבליבן נישט מער ווי אַ שטיקל ווערטלאָז פּאַפּיר. די אַנטי־יידישע העצער האָבן זיך

מיט זיי קנאַפּ וואָס גערעכנט. אין יאָר 1383—1384 ברעכט אוים אַ פּרי־שער פּאָגראָם — דאָס מאָל אין קאַליש. די פּאָגראָם־לייט האָט צוגעשפּילט אויף דער האַנט דער אומשטאַנד, וואָס אין לאַנד האָט צייטווייליק, נאָכן טויט פון קיניג לודוויג אַנזשו, געהערשט אַ שטיקל כאָאָס. דער פּאָגראָם איז געווען אַזאַ שאַרפער, אַז די ראָל פון דער קאַלישער קהלה איז שטאַרק געוואָרן אונטערגעבראָכן. אין רעזולטאַט פאַרשטאַרקן זיך ביי די דאָרטיקע יידן די אַרויספאָר־שטימונגען. אויף דער טראַגישער טעמע פון דעם קאַלי־שער פּאָגראָם איז פאַרפאַסט געוואָרן אַ רעליגיעזע עלעגיע אין העברעיש.

אין יאָר 1399 שפּילן זיך ווידער אָפּ אַנטי־יידישע געשעענישן אין פּויזן. עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז מיר האָבן דאָ באַגיים צו טאָן מיטן חשק פון קריסטלעכע בעלי חובות צו פאַרניכטן זייערע שולד־בריוו, וואָס געפינען זיך ביי יידישע וווכערער. די הויפּט־פידל שפּילן אויך איצט די דאָמיניקאַנער. זיי טראַכטן אוים אַ מעשה, אַז יידן האָבן צוגערעדט אַן אָרעמע קריסטלעכע פרוי אַרויסצוגנבענען די האָסטיע פון דער דאָמיניקאַ־נער קירך, דורכגעשטאָכן די האָסטיע מיט מעסערס, און עס האָט „אַרויס־געשפּראָצט בלוט“ — דאָס „הייליקע“ בלוט פונעם געקרייציקטן ישו הנוצרי. די אינקוויזיציע האָט אַרעסטירט דעם רב און 13 סעניאָרן (פּרנסים) פון דער קהלה און זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט. די יידן — נישט באַ־קומענדיק קיין שום הילף ביים קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ — זענען אין בהלה אַנטלאָפן פון פּויזן. ערשט תחילת דעם XV י"ה זענען זיי אַהין צוריקגעקומען. דער קיניג האָט אַפילו נישט געוואָלט אויספאָרשן דעם ענין. כדי געפעלן צו ווערן די דאָמיניקאַנער, האָט ער אויפן אָרט פון דער כלומרשטער געשעעניש פאַרלייגט אַ נייעם קלויסטער.

אין די יאָרן 1406 און 1407 האָבן זיך אָפּגעשפּילט פרישע טראַגעדיעס אין דער יידישער קהלה אין קראָקע. אין יאָר 1406 האָט מען אַ קראָקעווער ייד, אַז אָנגעקלאָגט אין מאַכן פאַלשע מטבעות, פאַרברענט אויף אַ שייַ־טערהויפן. דאָס איז געווען בלית דין ולת דיין. אין אויפהעצן דעם המון קעגן די יידן זענען אין קראָקע געווען פאַראינטערעסירט פיר עלעמענטן: די קריסטלעך־דייטשישע קאָנקורענטן פון די יידישע סוחרים און בעלי מלאכות, דער פּאַנאַטישער קלער און די קריסטלעכע בעלי חובות, וועלכע האָבן גע־שטרעבט — פּונקט ווי אין פּויזן — צו פאַרניכטן זייערע שולד־בריוו, וואָס האָבן זיך געפונען אין די אַלקערס פון די יידישע וווכערער; און לסוף — דער יענער פּאַכלאָזער און רויבעריש געשטימטער שיים פון דער געזעל־שאַפט, וועלכן עס האָבן געלאָקט די לעגענדעס וועגן דער גרויסער עשירות

פון יידן און וועלכער האָט אין יעדן ייד, אַפילו אין אָרעמסטן, געזען אַ גרויסן עושר. אין יאָר 1407 פארשטאַרקט זיך אין די קראָקעווער קירכעס די העצע קעגן יידן. פון די אַמבאָנעס ווערט אָפן געדעט, אַז די יידן מאָרדן קריסט־לעכע קינדער און נוצן זייער בלוט אויף פסח צו מצות. דער אונטערגעצ־העצטער המון, און בתוכם אַ סך בעלי חובות, האָט זיך געוואָרפן קודם כל אויף די ווינונגען פון די יידישע וווכערער און גענומען רויבן די משכנות. אין די אָנפאַלן און דעם רויב נעמען אָנטייל אַ סך דייטשישע האַנטווערקער. אַז דאָס זענען געווען דייטשישע אָנפאַלער, דרינגט אַרויס פונעם פאקט, וואָס זייערע ביטעס, וועלכע זיי האָבן געשריבן שפּעטער בעת דער אויס־פאָרשונג, זענען אין דייטש. אויסערלעך האָט עס געהייסן, אַז מען גייט נקמה נעמען אין די „פרעמדגלויביקע שונאים פון קריסטנטום". אָבער פאַקטיש האָט זיך געהאנדלט אין פּשוטן רויב. אַפילו דער קאַטוילישער כראָניקער יאַן דלוגאָש האָט אין זיין ווערק אונטערגעשטראָכן, אַז „מען האָט צוגערויבט ביי די יידן זייער אַ סך עשירות און צירונג און מען איז רייך געוואָרן".* אָט אַזוי האָט דער קריסטלעכער פאַנאַטיקער דלוגאָש אליין נישט ווילנדיק דעמאַסקירט דעם אמתן רויבערישן ציל פון דעם רעליגיעזן אייפער קעגן יידן. אין קראָקע איז אָבער געשען עפּעס נייעס: ראשית האָט די יידישע מאסע געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד; צווייטנס — זענען דער קראָקעווער סטאַראָסטע, קלעמענס מאָרקאָשאָווסקי און דער בורגגראַף מיקאָלאַי ליטאָוויעץ געקומען מיט אַ באַוואָפנטער אָפּטיילונג צו הילף די באַפאַלענע — איז דאָך קראָקע געווען די קרוין־שטאָט, און די עקסצעס האָבן זיך געקאַנט איבערוואַרפן ערגעץ אַנדערש. די יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם טורעם אין דער קירך פון דער הייליקער אַננע און געשטעלט דאָ אַ ווידערשטאַנד קעגן צעיושעטן המון. דער המון לייגט דעמלט אונטער אַ פייער און נעמט אונטערצינדן די קירך; אַ טייל יידן דערקלערן, אַז זיי נעמען אָן דאָס קריסטנטום. די אומרוען זענען דערשטיקט געוואָרן דורך דער דערמאָנטער באַוואָפנטער אָפּטיילונג.

אין רעזולטאַט פון די געשעענישן פון יאָר 1407 איז דער יידישער ישוב אין קראָקע געוואָרן עקאָנאָמיש אָפּגעשוואַכט. די יידישע ווינונגען זענען געווען באַרויבט. דער יידישער וווכער האָט דאָ פון דעמלט אָן גענומען גיין באַרג אַראָפּ. אַ טייל יידן וויל זיך מער נישט פאַרנעמען מיט קרעדיט און נעמט לאָקירן דאָס געלט אין מסחר און אַרענדעס.

---

* „Mnóstwo bogactw i kosztowności Żydów złupiono i wzbogacono się".

דער קיניג האָט פאַראָרדנט אַן אויספאָרשונג פון די געשעענישן אין קראָקע. דער קריסטלעכער פּאַטריציאַט האָט געוואָרפן די שולד אויף די האַנטווערקער און בכלל פּלעבעיער און די לעצטע — אויפן פּאַטריציאַט. עס איז געווען א סוד פאַר גאַנץ בראַד, אַז דער פּאָגראָם איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן קלער.

אַלנפאַלס אין קראָקע האָבן די יידן געפילט א געוויסע שוץ מצד דער מאַכט. און דאָס וויכטיקסטע: אין יאָר 1407 איז אין קראָקע געווען די ערשטע באַקאַנטע אַקטיווע זעלבשוץ קעגן פּאָגראָמען אין דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז עס זענען דעמלט געווען צווישן די קריסטן געוויסע עלעמענטן, וואָס האָבן מיטגעפילט די יידן און זיי געהאָלפן (אחוץ די דערמאָנטע כופרישע באַוועגונגען). למשל אין קאַליש זענען תחילת דעם XV י"ה געווען פאַלן, ווען קריסטן האָבן גאַראַנטירט פאַר יידן, וועלכע זענען באַלאַסטעט געוואָרן מיט כלערליי משונהדיקע באַשולדיקונגען.

ווען מען נעמט אָבער צונויף די אַלע פאַקטן פון אנטי־יידישע ארויסטרעטונגען אין פּוילן אין XIV און אָנהייב XV י"ה און מען פאַרגלייכט זיי מיט דעם, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט פאָרגעקומען מיט די יידן אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַפילו שפּאַניע, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די פּאָגראָמען און אַנדערע מינים אַנטי־יידישע געשעענישן אין פּוילן זענען געווען פאַרהעלטענישמעסיק פון אַ קליינעם פאַרנעם, נישט געטראָגן קיין טאָטאַלן כאַראַקטער, נישט באַצוועקט צו מאַכן דאָס לאַנד יידן־ריין און זיך באַגרענעצט צו אַ געוויסן באַשטימטן געביט, צו עטלעכע שטעט, אין וועלכע עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער עיקר דער גרויסער און מיטעלער יידישער וווכער (קראָקע, פּויזן, צום טייל קאַליש). נישט אין צענטראַל־פּוילן, נישט אין די מזרח־געביטן פון פּוילישן קיניגרייך (אפשר מיטן אויסנאַם פון איין פּשעמישל אין יאָר 1349) זענען קיין אנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען דעמלט נישט געווען. דעריבער זענען גערעכט די היסטאָריקער, וועלכע שטעלן פעסט איינשטימיק, אַז אין XIV און XV י"ה איז די לאַגע פון די יידן אין פּוילן געווען אָן אַן ערך בעסער ווי אין די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע (אחוץ איטאַליע). און אין דער זעלבער צייט, ווען דאָרטן זענען די גירושים פון יידן כסדר געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג, איז פּוילן, פאַרקערט, געווען אַ מקום־מקלט פאַר די גערודפטע און פון מערב אַרויסגעטריבענע יידן. דער האַזיקער פאַקט קלערט זיך אויף, ווי מיר האָבן

עס שוין אויפֿגעוויזן, מיט דעמלטיקן בארג-ארויפֿיקן עטאַפּ אינעם היסטאָ-רישן פּראָצעס פֿון פּוילן. אין דער רבנישער שאלות ותשובות-ליטעראַטור פֿון XV י"ה געפֿינען מיר טאַקע אַ פֿעסטשטעלונג (ביי משה מעניץ), אַז פּוילן איז אַ מקום מקלט פֿאַר די געטריבענע יידן, אַז אַדאַנק דעם דאָזיקן לאַנד זענען די יידן פֿאַרזיכערט קעגן די אָנגריפֿן פֿונעם שונא. אין פּוילן זענען נישט קיין „שאַנד-צייכן", נישט קיין גירושים אין באַהאַנדלטן פֿעריאָד נישט געווען.

אָבער איינציייטיק האָבן די אָנגעוויזענע פֿאַקטן — די עטלעכע בלוטיקע אָנפֿאַלן און פּאָגראָמען, די עטלעכע בלוט-בילבולים און שייטערהויפֿנס — סיגנאַליזירט אויך פֿאַר די פּוילישע יידן, אַז זיי זענען נישט אינגאַנצן גע-פֿאַרלאָזט, אַז אַפֿילו אונטער דעם בעסטן פֿעאָדאַלן הערשער, וועלכער נייטיקט זיך אין זיי, און ביי די שענסטע סטאַטוטן און פּריווילעגיעס קאָנען זיי אין שווערע צייטן דינען ווי א שעיר לעזאזל, ווי אַ בליץ-אָפּלייטער אין די הענט פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון פֿעאָדאַלן סיסטעם.

אַנדערש האָט זיך די לאַגע געשטאַלטיקט אין שלעזיע. דאָ איז שוין אין דער ערשטער העלפֿט פֿון XIV י"ה געווען אַקטועל די טרויעריקע דערשיינונג פֿון גירושים. למשל אין יאָר 1319, ווען דער עקאָנאָמישער מצב פֿון די דאָרטיקע קריסטלעכע מאַסן האָט זיך באַדייטנדיק פֿאַרערגערט און עס זענען אויסגעבראָכן הונגער-אומרוען, האָט דער וורעצלאַווער שטאָט-ראַט ארויסגעטריבן פֿון שטאָט די יידן, כדי די אומצופֿרידענע מאַסן זאָלן אין זיי זען די שולדיקע אין אַלדאָס בייז. אין עטלעכע יאָר אַרום זענען די יידן צוריק אַריינגעלאָזט געוואָרן אין שטאָט, כדי מען זאָל זיי אין א צייט אַרום באַרויבן און באַניים ארויסטרייבן. אין דעם פֿאַטאַלן יאָר 1349 זענען די יידן, נאָך אַ פֿריערדיקן גירוש, אַריינגעלאָזט געוואָרן אין וורעצלאַוו, נישט ווי אַ גאַנצע קהלה, ווי אַ קאָלעקטיוו, נאָר ווי יחידים, לויט אינדיווידו-עלע בקשות פֿון באַזונדערע משפּחות, און דאָס נאָר אויף אַ באַגרענעצטער צייט פֿון צוויי ביז זעקס יאָר.

דער ביישפּיל פֿון וורעצלאַוו איז געווען אָנשטעקנדיק אויך פֿאַר אַנדערע שטעט פֿון שלעזיע. צווישן אַנדערע זענען ארויסגעטריבן געוואָרן די יידן פֿון דזשערזשאָניוו. אין אָט דער שטאָט האָבן דעם פּאַטריציאַט געבילדעט דייטשן. די יידן האָבן געהערט צום אָרעמען טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג. אין יאָר 1453 האָט זיך די קאַטאַסטראָפֿע פֿון ענדגילטיקן גירוש אַראָפּגע-לאָזט אויף די קעפּ פֿון די דזשערזשאָניווער יידן.

אָט אַזוי האָט זיך אין דער פּראַקטיק ארויסגעוויזן די גאַנצע

קראפטלאָזיקייט פון די שוץ־סטאַטוטן, וועלכע עס האָבן געשענקט דער יידישער באַפעלקערונג פון שלעזיע די דאָרטיקע פירשטן פאַר הויכע געלט־אָפצאָלן.

אין דעם קאַמף צווישן די פירשטן און די פּאַטריצישע שטאָט־ראט; אין שלעזיע האָבן — בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג — געזיגט די שטאָט־ראַטן.

אין דער צייט, ווען דער יידישער ישוב פון פּוילישן קיניגרייך האָט — נישט געקוקט אויף די אָנגעוויזענע צרות און קלעפּ — געהאַט פאַר זיך די פּערספּעקטיוו פון וווּקס און עקאָנאָמישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, איז געקומען די ירידה פון דעם יידישן קיבוץ אין שלעזיע.

## קאַפּיטל זעקס

# אָרגאַניזאַציע, שטייגער, קולטור פון די יידן אין פוילן — אין דעם צווייהונדערטיאָריקן אָפּשניט פון סוף XIII ביזן סוף XV יאָרהונדערט

דער יידישער ישוב אין פוילן אין דעם איבער צווייהונדערטיאָריקן פּעריאָד פון די זעכציקער יאָרן פון XIII ביזן סוף פון XV י״ה איז שוין אין אַ געוויסער מאָס געווען אָרגאַניזירט. אמת, אויב עס גייט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד, קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן א פולשטענדיק אָרגאַניזירטן ישוב און וועגן אַ צענטראַליזירטער אָנפירונג. אָבער די יידן אין פוילן זענען דעמלט נישט געווען קיין צעשטויבטע באַפעלקערונג, סתם גרופּן צעוואָרפענע איבער שטעט, שטעטלעך און דערפער, נאָר זיי האָבן שוין געשאפן אַ ישוב מיט געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. אויב עס גייט וועגן די באַזונדערע קהילות, זענען זיי געווען אָרגאניזירט און האָבן געהאַט זייערע אָנפירונגען און פאָרשטייערשאפטן. דאקעגן אויב עס האנדלט זיך וועגן דעם יידישן לאנד־ישוב ווי א גאַנצן, איז נאָך קיין סטאַבילע אָנפירונג און רעפרעזענטאַנץ נישט געווען, אָבער פון פאל צו פאל האָט זיך אויסגעשיילט אַ פאָרשטייערשאַפט, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט אין באַשטימטע פראַגן אַ גרויסן טייל אָדער אומדירעקט דעם גאַנצן ישוב כלפּי דער מאַכט פון לאַנד. למשל אין יאָר 1264, ווען דער פירשט באָלעסלאוו דער פרומער האָט געגעבן די יידן דעם קאלישער סטאטוט, האָבן די פאָרשטייער פון די קאלישער יידן רעפּרעזענטירט אַלע יידן פון גרויספוילן, אויף וועלכע דער סטאַטוט איז געווען חל. אין יאָר 1364, ווען דער קיניג קאזשימיעזש III האָט באַשטעטיקט די געזעצגעבונג לגבי די יידן, האָט ער די דאָזיקע שריפטלעכע באשטעטיקונג איבערגעגעבן דעם פאָרשטייער פון די קאלישער יידן;

פאַלק, וועלכער האָט שוין אין דעם פאַל רעפּרעזענטירט דעם יידישן כלל. אין יאָר 1367, ווען דער זעלביקער קיניג האָט אַרויסגעגעבן דעם סטאַטוט פאַר די יידן פון קליינפּוילן, זענען די דאָזיקע יידן געווען רעפּרעזענטירט דורך די פאַרטרעטער פון די יידישע קהלות אין קראָקע און צוויזמיר, פון אָט די צוויי וויכטיקסטע יידישע צענטערס פון קליינפּוילן. דאָס איז געווען אַ פראַגע נישט סתם פון רעפּרעזענטאַנץ. די פאָרשטייער פון די קהלות פון קאַליש, קראָקע, צוויזמיר האָבן זיך געמוזט לאַנג באַמיען און פירן אונטער־האַנדלונגען וועגן אַרויסגעבן אָדער באַשטעטיקן די סטאַטוטן. זיי זענען געווען אין אַ געוויסער מאָס מיטווירקער און מיטשעפער פון די סטאַטוטן. און די דאָזיקע באַמיונגען און אונטערהאַנדלונגען זענען נישט געפירט געוואָרן לויט זייער אייגענעם איינזען. אין XIV י״ה זענען, אין שייכות מיט די באַמיונגען וועגן באַשטעטיקן די יידישע גענעראַלע פּריווילעגיעס, שוין פאָרגעקומען די ערשטע פּראָווינץ־צוזאַמענפאָרן פון די פאָרשטייער פון די יידן פון גרויספּוילן. דאָס זענען אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד געווען ספּאָ־ראַדישע צוזאַמענפאָרן, אין צוזאַמענהאַנג בלויז מיט דער יורידישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג. ערשט אין שפּעטערדיקן פּעריאָד וועלן פון זיי אַרויסוואַקסן אַלס סטאַבילע יידישע צוזאַמענפאָרן, די א. ג. וועדים אָדער „יידישע סיימיקעס“.

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע ספּאָראַדישע יידישע פאָרשטייער האָבן זיך רעקרוטירט פון די עקאָנאָמיש צום בעסטן סיטואירטע יידן, פון צווישן די גרויסע סוחרים, רייכע אַרענדאַרן פון מלוכה־הכנסות און באַדייטנדיקע קרעדיטאָרן וכדומה, אפשר אויך רבנים — פּונקט ווי די זאַך האָט אויסגע־זען ביי די קריסטלעכע שטאָט־איינוווינער, וועלכע עס האָבן רעפּרעזענטירט די פּאַטריציער, אָפטמאָל קעגן דעם ווילן פון דער ברייטער פאָלקס־מאַסע.

די יידן אין די שטעט זענען שוין דעמלט געווען אָרגאַניזירט אין קהלות. צי איז די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קהלה אין פּוילן אין יענער צייט געווען ענלעך צו דער אָרגאַניזאַציע פון די יידן אין דייטשלאַנד פון דער זעלביקער צייט? — די דאָזיקע זאַך איז נישט באַוווסט. אין דייטשלאַנד איז אין שפּיץ פון דער קהלה געשטאַנען אַ ראַט (אַ וועד) פון פיר פּערזאָן, וועלכע האָט זיך באַזירט אויף אַ ברייטערער קערפּערשאַפט פון צוועלף פאָרשטייער, וואָס זענען אויסגעוויילט געוואָרן דורך די באַלעבאַטים, ד. ה. דורך דעם באַזיצנדיקן עלעמענט פון דער קהלה. אין שפּיץ פון דעם ראַט איז געשטאַנען (לויט די דעמלטיקע דייטשישע דאָקומענטן) אַ „יידן־בישאָף“. עס איז נישט געגוי באַקאַנט, צי דער דאָזיקער טיטל האָט באַטייט

דעם רב, אָדער אַ וועלטלעכן אָנפירער. אלנפאלס האָט דער „יידן־בישאָף“ רעפּרעזענטירט די קהלה כלפּי חוץ. לויט דעם זעלביקן מוסטער האָט אויס־געזען די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע קהלות אין שלעזיע אין XIV י"ה.

צי איז אַזוי געווען אויך אין פּוילישן קיניגרייך, ווייסט מען נישט. עס איז אָבער יאָ באַוווסט (אויפן סמך פון דעמלטיקע פּוילישע דאָקו־מענטן), אַז אין שפּיץ פון די יידישע קהלות אין מדינת פּוילן זענען גע־שטאַנען: סעניאָרן (עלטסטע), שול־סעניאָרן, „יידישע בּיסקופּן“ און א. ג. יידישע דאָקטאָרס. יידישע סעניאָרן, ד. ה. עלטסטע (אָנפירער) פון דער קהלה ווערן דערמאנט אין דעם באַלעסלאַוו־קאַזשימיעזש־סטאַטוט פון די צייטן פון קאַזשימיעזש III. אינעם פּאַראַגראַף 10 פון אָט דעם סטאַטוט ווערט געזאָגט, אַז די יידישע סעניאָרן קאָנען געוויסע פּראָצעסן צווישן די יידן אנטשיידן אָן דעם אָנטייל פון דעם „יודעקס יודעאָרום“, ד. ה. — אָן דעם קיניגלעכן „יידישן ריכטער“, וועלכער איז געווען אַ קריסט. אינעם פּאַראַגראַף 11 פון דעם זעלביקן סטאַטוט ווערן פּאָרויסגעזען שווערע געלט־שטראָפן פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט לגבי די יידישע סעניאָרן. ווי מיר זעען, האָבן די עלטסטע פון די יידישע קהלות געהאַט אויך א געוויסע געריכטלעכע מאַכט, און דער קיניג האָט געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן די חשיבות פון די קהלה־אָנפירער.

די שול־סעניאָרן זענען געווען אָדער די גבאים פון די שולן, אָדער אויך די עלטסטע פון דער קהלה, וועלכע האָט זיך דאָך קאָנצענטרירט ארום דער שול.

וואָס עס האָט באַטייט דער „יידישער בּיסקופּ“ פון די יידישע קהלות אין פּוילן, איז נישט אינגאנצן קלאָר. עס קאָן זיין, אַז די סעניאָרן (די עלטסטע) זענען געווען מיטגלידער פון דעם קהלה־ראַט (פון דעם וועד הקהלה), און דער „יידישער בּיסקופּ“ איז געווען — פּונקט ווי אין דייטש־לאַנד — דער אָנפירער, דער ראש, דער רעפּרעזענטאַנט פון דער קהלה. למשל דער „עפּיסקאָפּוס יודאַיקוס“ (יידישער בּיסקופּ) פון דער יידישער קהלה אין לוואָוו איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם קהלה־ראַט. דער „יידי־שער בּיסקופּ“, אָדער דער „בּיסקופּ פון די יידן“ איז ווארשיינלעך געווען איינציייטיק אי דער וועלטלעכער, אי דער גייסטלעכער פירער פון דער קהלה, ד. ה. סיי רב, סיי דער ערשטער צווישן די סעניאָרן. „יידישע בּיסקופּן“ באַגעגענען מיר אין יענעם פּעריאָד, אַחוץ אין לוואָוו, אויך אין קראָקע (שמואל, יוסף), אין קאַליש (מיכאל), אין פּוזן (פּעכנא — פּסח —?), אין שווידניץ (אשר, ער איז שפּעטער געווען רב אין קראָקע).

דער „יידישער ביסקופ" האָט נישט געמוזט זיין א גרויסער תלמודיסט, אַ גרויסער למדן. חוץ די „יידישע ביסקופן" זענען דעמלט געווען אין פוילן גרויסע למדנים, ווי רב ישראל פאלקען (אין קראָקע). אויך דער דערמאָנטער רב אשר איז געווען א באקאנטער למדן. דאקעגן נישט איינער פון צווישן די „יידישע ביסקופן" האָט זיך אייגנצייטיק פאַרנומען מיט אַזאַ פּראָזאַישער און רווחדיקער באַשעפטיקונג ווי וווכער (למשל פעכנאָ פון פויזן, שמואל פון קראָקע).

אין XV־טן י"ה באַווייזט זיך אין די פוילישע דאָקומענטן וועגן יידן דער טיטל „דאָקטאָר", וועלכער באַדייט אַ רב. דער וואַרשעווער רב („דאָקטאָר") פון אָט דער צייט איז געווען אהרן סמאָלקאַ.* פון איצט אָן ווערט שוין בולט דער פאַנאַנדערטייל צווישן דעם טיטל „יידישער ביסקופ", וועלכער באַטייט דעם אָנפירער פון דער קהלה, און „דאָקטאָר", ד. ה. — דעם רב, דעם גייסטלעכן ראש פון דער עדה. מען מוז דערביי באַמערקן, אַז אין יענער צייט איז דער באַגריף „רב" נישט געווען דאָס זעלביקע וואָס אין אונדזער קעגנוואַרט. עס איז נאָך נישט געווען קיין רב־אַמט אין היינטיקן זין פון וואָרט, און מיט דער שטעלונג פונעם רב איז נאָך וואַרשיינלעך נישט געווען פאַרבונדן קיין געהאַלט. דאָס איז גיכער געווען אַ רעליגיעזער אויטאָריטעט, אַ קענער פון די רעליגיעזע תקנות און פונעם רעליגיעזן ריטואַל, און מסתמא אויך א ממיף.

די קהלה־אָנפירונג האָט געהאַט אויספיר־אָרגאַנען — דאָס זענען געווען די שמשים, אָדער ווי זיי ווערן אָנגערופן אין די פוילישע דאָקומענטן „סקאָלני"** (פון דער שול, בית־המדרש; סכאָלאַ, שפּעטער — שקאָלאַ), וועלכע האָבן געדינט אָדער ביי דער קהלה, אָדער ביים יידישן געריכט, ביים בית־דין.

לויט די סטאַטוטן האָבן די יידן געקאָנט האָבן אַן אייגענעם געריכט, וועלכער איז געווען די ערשטע אינסטאַנץ אין פּראָצעסן צווישן יידן און האָט געמשפּט לויטן תלמודישן דין. די לאַנד־געריכטן האָבן זיך גערעכנט מיטן תלמודישן דין, וועלכער פאַרנעמט זיך דאָך אַזויפיל מיט ענינים פון ציווילע תביעות. די צווייטע אינסטאַנץ פאַר יידן אין ציווילע פּראָצעסן זענען געווען דער קיניגלעכער „יידישער ריכטער", „יידישער אונטערריכטער" און „יידישער נאָטאַר", וועלכע זענען געווען קריסטן און האָבן זיך

* סמאָלקאַ איז געווים דער טייטש — שמואל, שמואלקע.

** Scolni.

פאַרנומען אויך מיט קרימינעלע פּראָצעסן קעגן יידן און מיט משפּטים צווישן יידן און קריסטן, און בכלל מיט אַלע געריכטלעכע ענינים, אויב די צדדים האָבן זיך צו זיי געווענדט. די העכסטע אינסטאַנץ אין פּראָצעסן צווישן יידן און קריסטן איז געווען דער וואָיעוואָדע, וועלכער האָט אין דעם פאַל רעפּרעזענטירט די העכסטע פירשטלעכע אָדער קיניגלעכע געריכט־מאַכט. די אַלגעמיינע השגחה איבער די יידן האָבן אין נאָמען פונעם פירשט אָדער קיניג געהאַט די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס. אָבער נישט זעלטן זענען די יידן געשטאַנען אַלס אָנגעקלאָגטע אויך פאַר די שטאָטישע געריכטן, למשל אין קראָקע. הגם די השגחה איבער די יידן האָבן, לויטן געזעץ, גע־האַט די הויכע קיניגלעכע באַאַמטע (די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס), האָט זיך אָבער אין דער פּראַקטיק אָפטמאָל אַרויסגעוויזן, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט זיך אוזורפּירט די פּאָליציי־אישע מאַכט איבער דער יידי־שער אָרטיקער באַפעלקערונג. אגב, האָבן די וואָיטן געהאַט רעכט דורכ־צופירן רעוויזיעס אין יידישע וווינונגען, זובנדיק פאַרברעכער, און די שטאָ־טישע מאַכט האָט געקאָנט אַרויסשיקן פון שטאָט יידן, וועלכע זענען באַ־גאַנגען קרימינעלע חטאים. די יידן האָבן נישט געבילדעט קיין אָפּגעשלאָ־סענע סביבה און נישט געהאַט קיין פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע, אַחוץ די אינערלעכע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע ענינים און אַ געוויסע געריכט־לעכע קאָמפּעטענץ פון דער ערשטער אינסטאַנץ. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז למשל אין קאַליש איז אין די יאָרן 1423—1452 געווען אַ געמישטער געריכט פאַר יידן. אין שפּיץ איז געשטאַנען דער אונטערוואָיעוואָדע (אַ קריסט) און די אַסעסאָרן זענען געווען יידן (מיכאל און פלטיאל).

אין דער געריכטלעכער פּראָצעדור האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל די שבועה. די שבועה איז געווען דער וויכטיקסטער באַווייז־מיטל אין אַ פּראָצעס. לויטן קאַלישער סטאַטוט האָט מען אַלע קאָנפליקטן צווישן יידן און קריסטן גערדאַרפט לייזן לויט אַ שבועה. אויב, למשל, אַ ייד האָט גע־שוווירן, אַז ער האָט נישט געוווּסט, אַז דער משכן איז אַ געגנבעטער, איז ער — לויטן קאַלישער סטאַטוט — אַרויס ריין און פריי. לויט די פּוילישע מנהגים האָט מען אַ באַוויז, וואָס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך אַ שבועה, נישט געקאָנט אָפּוואַרפן און צונישט מאַכן דורך אַ שבועה פונעם צד שכנגד. די יידישע שבועה אין פּוילן האָט געהאַט אָן אַן ערך אַ מער מילדערע פאָרם ווי אין די מערב־לענדער. זי האָט אין פּוילן נישט געטראָגן קיין דערנידעריקנדיקן און בזיונדיקן כאַראַקטער. עס איז גענוג געווען, אַז דער ייד זאָל שווערן ביי דער קייט פון דעם שול־טויער (אין קלענערע פּראָ־

צעסן, אין אַ תביעה ביז 50 מאַרק), אָדער פֿאַר אַן אָפּגעגעבן ספר תורה (אין גרעסערע פּראָצעסן, אין אַ קאָנפֿליקט איבער 50 מאַרק). עס זענען אויך געווען אַנדערע שבועה־פֿאָרמען: איבער תפילין, איבער דער משנה, ביים אָפֿענעם אָרון־קודש. אין הסכם מיטן תלמודישן דין האָט אַ טויבער, אַ נישט נאָרמאַלער און אַ מינדעריעריקער (חרש, שוטה וקטן) נישט געהאַט קיין רעכט צו געניסן פֿון אַ שבועה.

די תלמודישע דינים האָבן אָבער געניצט נישט בלויז אין דער יוריס־דיקציע. זיי האָבן אויך געדינט די פֿאַנאַטישע עלעמענטן, בפרט די אָנגעקו־מענע פֿון מערב, ווי אַ געווער אָפּצוטיילן די יידן פֿון דער קריסטלעכער באַ־פֿעלקערונג. דער אָנגריף קעגן געמיינזאַמע סעודות, געמישטע חתונות וכדומה איז אָנגעגאַנגען נישט בלויז מצד דעם קאַטוילישן קלער, נאָר אויך פֿון דער זייט פֿון די אייפּעריקע תלמודיסטן, וועלכע האָבן זיך אין אָט די פֿראַגן אָנ־געשפּאַרט אויף די פֿאַרבאָטן, וועלכע זענען פֿאַראַן אין די מסכתאס „חו־לין“, „קידושין“, „גיטין“, „כתובות“ און אין אַנדערע טיילן פֿונעם תלמוד.

די תלמודיסטישע קנאים האָבן גרעזן אין דער קעגנזייטיקער דער־נענטערונג צווישן יידן און קריסטן אַ געפֿאַר פֿאַר דער טרייקייט צום יידישן דת, פֿאַר די תקנות פֿון כשר און טריף, פֿון פֿליישיקס און מילכיקס, פֿאַר דער ריינקייט פֿון דער יידישער משפּחה. און ווי מיר האָבן שוין געזען אויפֿן סמך פֿון די באַשלוסן פֿון די קאַטוילישע סינאָדן, האָבן אין XIII־טן י"ה בהדרך כלל געהערשט צווישן יידן און קריסטן אין פּוילן גוטע און אָפּט־מאָל פֿריינדלעכע באַציונגען. עס זענען נאָך דעמלט נישט געווען קיין ספּע־ציעלע יידישע וווין־ראַיאָנען אין פּוילן. יידן האָבן געהאַט הייזער און גע־וווינט אויך צווישן קריסטן, און פֿאַרקערט; דער עיקר האָבן צווישן יידן געוווינט קריסטלעכע בעלי מלאכות. אין היגזיכט פֿון הלבשה האָבן זיך די יידן נישט אונטערגעשיידט פֿון די קריסטן; ווען עס וואָלט אַזוי נישט גע־ווען, וואָלטן דאָך די קירכלעכע סינאָדן נישט געפֿאָדערט איינצופֿירן דעם „יידישן שאַנד־צייכן“ און ספּעציעלע אָפּשפּאָטנדיקע „יידישע היטלען“ מיט הערנער. די יידן האָבן זיך דערנערט מיט ענלעכע שפּייזן, וואָס די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג; באַטירלעך, האָט געהערשט ביי יידן דער אונ־טערשייד צווישן כשר און טריף, און דאָס האָט גורם געווען, אַז די יידן האָבן געגעסן בלויז אַ געוויסן טייל פֿון די געשאָכטענע בהמות, און דעם אַנדערן טייל פֿלעגן יידישע קצבים פֿאַרקויפֿן צו קריסטלעכע קונים. אָבער בכלל האָבן זיך די יידן אין XIV־טן און XV־טן י"ה דערנערט, פּונקט ווי די פּאָליאַקן, מיט קאָרן־ברויט (און ווייניקער מיט ווייצענעם, סיידן אויף

שבת און יום־טוב), מיט פלייש (דער עיקר פון בהמות און זעלטענער פון עופות), פיש, הערינג, מילכוואַרג, מיט פאַרשיידענע ירקות (רעטער, ציבעלע, קנאָבל, קרויט, מערן, אַרבעס, באָב, אוגערקעס, פאַסטערנאַק, כריין) און זעלטענער מיט גרויפּן; זיי האָבן, פונקט ווי די פּאָליאַקן געטרונקען ביר, וואָס איז געווען אַ פּאָפּולערע משקה; די רייכע האָבן גענוצט וויין און מעד. נאַטירלעך, האָבן די פאַרשיידענע גרופּן יידן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין פּוילן, מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע היימישע מאכלים, וועלכע האָבן זיך דערנאָך פאַרשפּרייט צווישן אַלע פּוילישע יידן.

די אומגאַנגס־שפּראַך פון די אָרטגעזעסענע פּוילישע יידן איז געווען, פּונקט ווי אין פריערדיקן פּעריאָד, פּויליש, נאָר געווים אָן אַזאַ גרויסן צומיש־עלעמענט פון רייסיש ווי דעמלט, דאַקעגן יאָ מיט אַ געמיש פון טשעכיש (בעיקר אין שלעזיע און מערב־קליינפּוילן). פון דער צווייטער זייט ברענגען די יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד מיט זיך די דייטשישע שפּראַך*. ביי די יידן, וואָס זענען אָנגעקומען מאַסנווייז פון דייטשלאַנד, איז אין זייער דייטשישער שפּראַך שוין געווען אַ נישקשהדיקער צומיש פון העברעישע ווערטער. דאָס איז שוין געווען דאָס יידישע לשון אשכנז, דער עמבריאָן פון שפּעטערדיקן יידיש. היות דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע יידישע איינוואַנדערער האָט זיך באַזעצט אין די שטעט, אין וועלכע עס איז געווען זייער אַ סך דייטשישע איינוווינער, זענען זיי געבליבן ביי זייער ספּעציפישן, אַ ביסל שוין פאַריידישטן דייטשישן לשון, וואָרעם אינעם פאַרקער מיט די שטאָטישע סוחרים פון דייטשישן אָפּשטאַם איז זיי לייכטער געווען זיך

---

* ווי א ראיה, אז די אומגאַנג־שפּראַך פון די יידן אין דייטשלאַנד איז אין באַהאַנדלטן פּעריאָד געווען דייטש (מיט אַ צומיש פון העברעאיש) ברענגען די יידיש־דייטשישע היסטאָריקער דעם פאַקט, וואָס די יידן פון קעלן, וויימאַר, ערפורט, מאַינץ, גרייטמבערג, רעגענסבורג, ווירסבורג, און דערנאָך אין אַנדערע דייטשישע שטעט, און אויך פון ווין האָבן געטראָגן אין XIII־טן און XIV־טן י"ה דייטשישע אָדער פון דייטש שטאַמיקע נעמען, למשל: מענערישע — אכים, אַדעלקינד, אַדאָלף, ברונינג, עבערלין, ראַבליין, שאַפּטליין, שמערליין (שמערל), זיסקינד, גוטמאַן, אולריך, וועלפליין (וואָלף), אַנסעלין און אַנסעלם (אנשל), פאַלקע, פרידל, פרומאַלט, גאָטליב, גאָטעסקינד, גומפּרעכט (גימפּל), הענשעל, לעמלין (לעמל), ליפּמאַן; ווייבערישע — אַננאַ, בעלאַ, עדעלין (איידל), ריכענזא, קייזערינע, קונגא, מיננא, סאָפיא, פרוידע (פריידע), גוטהאַלדאַ (גוטע), אַדילאַ, הענדליין, שעגליין (שיינע) וכדומה. דאָס האָט געהאַט אַן איינפלוס, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אויף דער פאָרמירונג פון יידישע נעמען ביי די פּוילישע יידן.

מיט זיי צו פּאַרשטענדיקן אין ייִדיש. אָבער דער רוב פון די פּוילישע ייִדן האָט גערעדט פּויליש. אויפן מערב איז שוין אין XIII און XIV-טן י"ה פּאָרגעקומען דער עמאַנציפּיר-פּראָצעס פון ייִדיש — פון דייטש. אָבער אין פּוילן איז נאָך ביי די ייִדן אין דער דאָזיקער צייט, ווי געזאָגט, די הערשנדיקע אומגאַנג-שפּראַך געווען פּויליש, און ביי אַ טייל איינוואַנדערער פון מערב — דייטש, בעסער געזאָגט: דאָס ייִדישע לשון אשכנז. דער פּוילישער, בעסער געזאָגט — סלאַווישער עלעמענט קומט דעמלט בולט צום אויסדרוק אין די נעמען פון די פּוילישע ייִדן; מיר שטרייכן אונטער: סלאַווישער עלעמענט, ווייל די זעלביקע דערשיינונג לאָזט זיך באַמערקן אויך אין די נעמען פון די טשעכישע ייִדן אין זעלביקן פּעריאָד, און — ווי באַקאַנט — איז אָנגעגאַנגען אַ ייִדישע אימיגראַציע קיין פּוילן אויך פון טשעכיע, הגם זי איז געווען ווייט נישט אַזאַ גרויסע ווי פון דייטשלאַנד.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין XV-טן י"ה באַגעגענען מיר ספּעציעל ביי ייִדישע פרויען אין טשעכיע זייער אַ סך טשעכישע אָדער פון טשעכיש אָפּשטאַמיקע נעמען. נעבן אַזעלכע נעמען ווי די ביבלישע שרה, אָדער דייטש-קלינגעוודיקע, ווי שיינדל, טרעפן מיר ביי זיי ריין-טשעכישע נעמען, למשל: טשערנאַ, טשאַרקאַ, דאָברוזשקאַ, קראַסאַ, ליבושאַ, מאַטאַ, מאַמילאַ, סלאַוואַ, סלאַדקאַ וכדומה. אין אַ ריי פאַלן ווערן די טשעכישע נעמען פון ייִדישן פרויען פאַרייִדישט, בעסער געזאָגט — פאַרדייטשט, אַ שטייגער: קרעסל (פון קראַסאַ), ליבשע (פון ליבושאַ).

ביי די ייִדישע פרויען אין פּוילן פון XIV-טן און XV י"ה באַגעגנט מען סיי ריין-ביבלישע, סיי ביבליש-פאַרפּוילישטע אָדער פון דייטש פאַרפּוילישטע, סיי ריין-פּוילישע נעמען. מען טרעפט אַזעלכע נעמען, ווי: רחל, שרה, מנוחה, מרים, דינה, אסתר וכדומה; מען באַגעגנט אויך אַזוינע ווי: ראַשקע (פון רחל), רוכאַמאַ, גאָלדאַ (שפּעטער ווערט אויך אַנטשטיין אַן אַנטשפּרעכיקע פאַרפּוילישונג פון אָט דעם נאָמען — זלאַטאַ); אין אַ געוויסן פּויליש דאָקומענט ווערן אָנגעגעבן צוויי נעמען פון איין ייִדישער פרוי, מנוחה-מאַרטאַ. אָבער די סאַמע אָפטע נעמען פון ייִדישע פרויען אין יענעם פּעריאָד (אַלנפאַלס אין די פּוילישע דאָקומענטן) קלינגען ריין פּויליש, אָדער ריין סלאַוויש, און נעמלעך: טשאַרנאַ, טשאַרנולאַ, מלאָדקאַ, פּעלקאַ, וויכנאַ, יאַכנאַ, פּאַטשולאַ, זעלדאַ, סלאַוואַ, סלאָדקאַ, מילקאַ, מילאָשקאַ, קראַסאַ, ראַדאָכנאַ, גלאָווינאַ א. א. געוויסע פון די נעמען ווערן אין יענער צייט באַנוצט נישט סתם דורך פּוילישע פרויען, נאָר דורך פּויערטעס, למשל: פּעלקאַ, וויכנאַ, יאַכנאַ. דאָס דערווייזט, ווי נאָענט אַ טייל פון דער

יידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט מיט די פוילישע דאָרף=מענטשן. געוויסע נעמען וועלן שפּעטער, ווען עס וועט זיך פאַרשטאַרקן דער יידיש=דייטשישער עלעמענט אין דער אומגאַנג=שפּראַך פון די פוילישע יידן, פאַריידישט ווערן: למשל פון מילקאַ און מילאָשקאַ וועט ווערן ליבע, פון קראַסאַ — שיינע, שיינדל, פון ראַדאָכנאַ — פריידע, פון סלאָדקאַ — זיסל. אַזעלכע פוילישע פאָלקס=נעמען, ווי טשאַרנאַ, וויכנאַ, יאַכנאַ, זעלדאַ וועלן בלייבן אין יידישן פאָלקס=לעבן (טשאַרנע, וויכנע, יאַכנע, זעלדע), און פון פעלקאַ וועט מסתמא ווערן פערעלקאַ, אָדער פערל.

אָפּטמאָל פלעגט מען די יידישע פרויען אָנרופן לויט זייערע מענער, א שטייגער: בענעשאָוואַ (ביינושעס ווייב), יאַקובאָוואַ, קאַטשקאָוואַ (דער מאַן האָט מסתמא געהאַט אַ צונעמעניש — קאַטשקאַ, אָדער פשוט געפּיטערט, צי געהאַנדלט, מיט קאַטשקעס), יאָרדאַנאָוואַ אאוו.

אין די געריכטלעכע אַקטן פון XIV=טן און XV=טן י״ה פלעגט מען ס׳רוב פאַרפּוילישן אָדער לאַטייניזירן די מענלעכע נעמען פון יידן. למשל: מרדכי האָט פיגורירט אַלס מאַרעק אָדער מאַרקוך, אָדער גאָר מאַרכאַן (מיט אַ ווייכן „ען“), פסח — פעסאַך, עקיבא — אַקאַוויאַ אָדער קאַוויאַן, ראובן — רופּין, אָדער ריפּין, פלתיאל — פּאַלטאָן, יצחק — היטשאַק אָדער איטשאַק, חנא — קאַנאַאַן (כנען), שמואל — סמאָיל, אָדער סמאָלקאַ, אָדער גאָר שנאָל (מסתמא פאַרגרייזט פון שמואל), יהודה אָדער יוחנן — יאָרדאַן, יונה — יאָנאַס, אָדער יאַנוש, בייניש — ביעניאַש אָדער ביעניאַזש, ברוך — בענעדיקט, אפרים — פראַנטשקאַ (פון פראַנציִשעק), אָדער פרידעריק, שבתאי — סאַבאַטאַי, אָדער סאַבאַדאַי, גרשון — קערסטאַנוס, משה — מאָיזשעש, אָדער מושקאַ, צי גאָר מוסקאַ, שלמה — סאַלאָמאָן, יוסף — יאָסמאַן, אָדער גאָר האָסמאַן און אָסמאַן, אליהו, עליע — העליאַס, שמחה — סימכאַי, לייב — לעווקאָ, כאַצקל — האַסקעל. מען באַגעגנט אין דער זעלביקער צייט ביי די פוילישע יידן, חוץ די אויסגערעכנטע, אויך די פאָלגנדיקע מאַנצבילישע נעמען: דוד, אברהם, יעקב, שמעון, דניאל, אהרן; און צוזאַמען מיט די דאָזיקע ביבלישע נעמען אויך אַזוינע: קדים, הראָבני, סאָיקאַ, שמערל (שמערלין — נעמט זיך פון די דייטשישע יידן), מאלין (שטאַמט פון די טשעכישע יידן), באלאט (די שלעזישע יידן), מיקאָליי, פאלק אָדער פאלעק (אפשר פון רפאל, אָדער פון דייטש), ליבמאַן (ביי דייטשישע יידן). פּאָפּולערע נעמען ביי די פוילישע יידן זענען — שכנא און זכריה. געוויסע יידן פיגורירן אין די אקטן מיט צונעמענישן: ישראל מאָטיקא (אפשר א יידישער פויער?), יעקב ניגער

(דער שוואַרצער), יוסף שקאָלניק (דער שמש), יעקב וואַנזשין (געקומען פון אונגאַרן), אהרן מעדיקוס (א רופא), מוסקא לאַנגוס (משה דער לאַנגער), שמואל לאַמפּאָשעק, יאָנאַס דע יאסלאָ (יונה פון יאסלאָ), יעקב חזן. עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז געווּיסע העברעישע, בפרט ביבלישע נעמען ווערן דערמאָנט באַנוצט אויך דורך קריסטן אין פּוילן, למשל: אברהם, מתתיהו (מאַטיאַס), יאקיב און אַפילו אַזאַ נישט-ביבלישער נאָמען ווי פּאַלעק (פון ראַפאַל).

אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד האָבן די אַלטגעזעסענע יידן אין פּוילן געהאַט אַן אייגענעם שטייגער, וואָס איז אין א גאַנצער ריי היגזיבטן געווען אַנדערש ווי דער שטייגער פון די דייטשישע, עסטרייכישע און משעכישע יידן. למשל בעת התונה-פּייערונגען ביי די פּוילנער יידן ביזן XV י״ה איז געווען אַ מנהג, וואָס איז געווען פרעמד די דייטשישע יידן: ביי די חופּה-ברכות האָט מען איבער די קעפּ פון חתן-כלה געוואָרפן א הון מיט אַ האָן; דער און אַנדערע מנהגים זענען מיט דער צייט פאַרשוואונדן אין פּועל יוצא פון דעם מאַסן-אָנקום פון די יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, משעכיע, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע מנהגים, זייער שטייגער. אין מיטן פון XV י״ה האָבן זיך די אַלט-געזעסענע יידן פון פּוילן געוועדט קעגן די נייע מנהגים. אין קראָקע האָט די דאָזיקע דערשיינונג פון קאַמף צווישן די צוויי שטייגערס אָנגעהאַלטן לענגער.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע לעבן פון דער יידישער קהלה האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער שול. וועגן דער אַרכיטעקטור פון די גאָר אַלטע יידישע שולן אין פּוילן ביזן XV י״ה זענען קיין ידיעות נישטאָ פאַראַן. די עלטסטע יידישע שול אין פּוילן, וואָס איז פאַרבליבן (אין אַן איבערגעבויטער פאָרם) ביזן היינטיקן טאָג, איז די א. ג. אַלטע שול אין קראָקע, וועלכע שטאַמט פון מיטן פון XIV י״ה; אין XVI י״ה איז זי געוואָרן איבערגעבויט. לפי ערך פון דער זעלביקער צייט, ד. ה. פון דער צווייטער העלפט פון XIV י״ה, שטאַמט די עלטסטע באַקאַנטע שול אין פּויזן, וועלכע איז אויך געוואָרן איבערגעבויט אין XVI י״ה; זי איז צעשטערט געוואָרן אין יאָר 1908.

אין יאָר 1358 האָט קאַזשימיעזש III, בעת זיין באַזוך אין קאַליש, געגעבן די דאָרטיקע יידן א דערלויבעניש אויפצובויען א שול. בכלל האָט מען אויף אויפצושטעלן א געבוידע פאַר א יידישן בית-התפילה געדאַרפט באַקומען א דערלויבעניש פון דעם קיניג.

די שולן זענען געווים געוואָרן געבויט דורך יידישע בעלי מלאכות,

געניטע ספעציאַליסטן אין בוי־קונסט. אַזוי ארום איז זיכער, אַז עס האָבן דערמלט געלעבט אין פּוילן יידישע בוי־ספּעציאַליסטן און אויך קינסטלער אויף אויסצופּוצן אינערלעך די שולן, אויסצושניצן שיינע ארון־קודשס, אויס־צומאָלן אויף די ווענט און סופיט ביבלישע סצענעס וכדומה — פּונקט אַזוי זענען שוין דעמלט געווען ביי די פּוילישע יידן דיכטער, די שעפער פון די פּלעגיעס, פּיוטים אין סליחות, געווידמעט די בלוטיקע אָנפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג; וועגן צוויי אַזעלכע עלעגיעס איז געווען א רייד אין פריערדיקן קאַפּיטל, זיי זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין העברעיש. צו די יידי־שע פאָלקס־קינסטלער פון יענער צייט דאַרף מען פאַררעכענען אויך די סופרים, וועלכע האָבן מיט א שיינעם, גלייכן און נישט זעלטן באמת קינסט־לערישן שריפט געשריבן ספר־תורהס.

דער באַך פון קריצן און מאַכן מצבות האָט געהערט צו די בעסטע קוואַליפיצירטע מלאכות, און אויך אין זיינע רייען זענען געווען פאָלקס־מענטשן געבענטשטע מיט טאַלאַנטן.

אין איינעם בית־עולם האָט אין יענע צייטן פאַרמאָגט בלויז א רייכע קהלה, וואָרעם דער באָדן איז געווען טייער. די גרעסטע צאָל בית־עולמס איז געווען אין שלעזיע. די יידן פון די קלענערע קהלות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם בית־עולם, האָבן געפירט זייערע מתים אין די גרע־סערע קהלות פון די שטעט, ווו עס זענען יאָ געווען בית־עלמינס. מען האָט אָפט געפירט מתים קיין שלעזיע. וועגן דעם פירן מתים אין אַנדערע שטעט (מיט בית־עלמינס) ווערט גערעדט אינעם קאַלישער סטאַטוט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד האָבן שוין געהאַט אן אָרט בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן, איז אָבער דער דורכשניטלע־כער טיפּ פון דעמלטיקן פּוילישן ייד געווען ווייט פון געבראָכנקייט, מרה־שחורהדיקייט און פּחדנות. צווישן דער יידישער פאָלקס־מאַסע האָט דאָמי־נירט דער טיפּ פון א יידן אָן מורא, פון אַ ייד, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן און קאָן דערלאַנגען קלעפּ. אין דער ערשטער העלפט פון XV י״ה זענען, למשל, אין קאַליש געווען באַקאַנט דריי יידישע שמשים, אברהם, שמואל און ישראל, וועלכע זענען געווען דרייסטע, קאַמפּסלוסטיקע מענטשן, מיט געזונטע ידים אין האָבן זיך קונה שם געווען צווישן אַנדערן מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך אקטיוו אנטקעגנגעשטעלט אפילו פּוילישע אדלליים און גע־פירט מיט זיי געשלעגן. אין אַ געוויסן פּוילישן דאָקומענט פון XV י״ה ווערט איבערגעגעבן, אַז צוויי יידישע שטריקער פון וואַרשע, שמעון און יצחק, זענען איינגעזעצט געוואָרן אין דער הויף־תפיסה פּונעם פּירשט

קאָנראַד; אַ רעלעגאַציע פון די וואַרשעווער יידישע פני (דער רב, דער זון פון פאַרשטאָרבענעם רב, הער בערער א.א.) איז אַוועק צום פירשט און אים פאַרזיכערט, אַז די צוויי פאַרמשפטע יידן וועלן זיך פאַרהאַלטן רואיק. הייסט עס, אַז די דערמאָנטע צוויי יידישע שטריקער האָבן זיך עפּעס אַנטקעגנגעשטעלט, האָבן זיך אין אַ געוויסן ענין אַרויסגעוויזן אַקטיוו.

נישט געקוקט אויפן אָנקום פון אַ סך יידן, אַנטלאָפענע פון די צרות און רדיפות אין דייטשלאַנד און מחמת דעם פאַראומערטע און אין אַ געוויסער מאָס פאַרפרומטע, האָט דער כלל פּוילישע יידן אַרויסגעוויזן אַ לעבנסלוסטיקייט. נישט בחינם רעדן די סינאָדאַלע סטאַטוטן וועגן געמיינזאַמע סעודות און פאַרוויילונגען פון יידן און קריסטן. דאָס יידישע עפנטלעכע און משפחה־לעבן איז דעמלט אין פוילן נישט געווען פאַראומערט און פאַרמרה־שחורהט — מיטן אויסנאַם פון די צייטן און ערטער, ווו עס זענען פאָרגעקומען בלוטיקע געשעענישן און רויב־אָנפאַלן. אָבער באַלד נאָך די ביטערע געשעענישן האָבן זיך די יידן צוריקגעשטעלט אויף די פיס, הגם דער מאַטעריעלער שאָדן איז אָפט געווען זייער גרויס. די פּוילישע יידן פון יענער צייט כאַראַקטעריזירט אַ שפרודלדיקע ענערגיע, און אונטערנעמערישער גייסט און ממילא אַ לעבן־אָפּטימיזם. אַ באַדייטנדיקער טייל פון די פּוילישע יידן איז געווען אַ פּיאָנערישער עלעמענט אין הינזיכט פון קאָלאָניזירן נייע געביטן, פון בויען שטעט און דערפער, פון אויסשפּרייטן האַנדל־וועגן; מיט אָט דער טעטיקייט האָבן זיך טאַקע געבונדן און האַרמאָניזירט די שטריכן פון אונטערנעמערישקייט און ענערגיע. ביי די יידן, וואָס זענען געזעסן, אָדער האָבן זיך באַזעצט אין דערפער, אָדער געשטעקט אין געוויסע מלאכה־פאַכן, האָט זיך איינגעהאַלטן דער שטריך פון פאָלקסטימלעכער פשטות. די אַלע דערשיינונגען וועלן אין נאָך אַ גרעסערער מאָס קומען צום אויסדרוק ביי דעם טייל פון די פּוילישע יידן, וואָס האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף מזרח און זיך באַזעצט אין די נייע פאַר זיי געביטן פון דעם גרויס־פירשטנטום ליטע.

דריטער טייל

# דער אָנהייב פון די יידן אין ליטע

## קאַפּיטל איינס

# די אַנטשטייונג פון דער ליטווישער מלוכה און איר פאַראייניקונג מיט פוילן

צווישן פוילן, ווייסרוסלאַנד, לעטלאַנד און פּרייסן, ביי אַ קליינעם צוטריט צום ים, איז געלעגן ווי אריינגעקוועטשט דאָס לאַנד פון די ליטווישע, זשמוידזשישע און יאַדזשווינגישע שבטים. דער רוב פון די יאַדזשווינגער (אָדער יאַטשווינגער) * איז אין משך פון מיטלאַלטער געוואָרן אויסגעראָטן דורך דעם דייטשישן אָרדן פון די קרייץ־ריטער, אַ טייל פון זיי איז אומגעקומען אין די שלאַכטן מיט די מאַזאָוויער, אַ גרויסער טייל איז אויסגעגאַנגען פון הונגער (די יאַדזשווינגער האָבן שוואַך באַהערשט די טעכניק פון באַאַרבעטן די ערד), און די רעשטלעך פון אָט דעם שבט זענען איינגעשלונגען געוואָרן דורך די דייטשן, פּאָליאַקן אָדער ליטווינער, צווישן וועלכע זיי האָבן זיך פולשטענדיק אַסימילירט.

די אַנדערע צוויי שבטים, די ליטווינער און זשמוידזשינער, האָבן געהאַט מער מזל אין דער געשיכטע אדאנק די געאָגראַפישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען זייער לאַנד. דאָס ליטווישע לאַנד איז באַשטאַנען פון צוויי הויפּט־פּראָווינצן: אויקשטאָטא און זשמוידזש.** אויקשטאָטאַ

---

* Jadźwingowie, Jaćwingowie.

** אין געוויסע יידישע געגנטן האָט מען זשמוידזש Żmudź אָנגערופן זשאַמעד. עס איז פאַראַן אַ יידיש פאָלקס־ליד, אין וועלכן עס זאָגט זיך:

„און די ווערבע וועט דערציילן,<br>
„צי מיין חתן קומט פון פוילן,<br>
„צי פון ליטע, צי פון זשאַמעד,<br>
„אַ באַנקיר, צי אַ מלמד״.

ביי פּרצן („מאָניש״) ווערט זשמוידזש אָנגערופן זאַמוט.

נעמט אַרום דעם מערבדיקן און דרומדיקן טייל פון ליטע. דער צענטער פון אָט דער פּראָווינץ איז געווען די שטאַרקע פעסטונג קאונאס (קאָוונע). אויקשטאָטא איז דאָס אייגנטלעכע ליטע. די צווייטע פּראָווינץ, זשמוידזש, איז ארויסגערוקט אויף צפון און מזרח. די זשמוידזשינער האָבן אין ליטוויש אַן אייגנעם דיאַלעקט, וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג איינגעוואָרצלט אין די טיפענישן פון די פאָלקס־מאַסן.

ביידע פּראָווינצן, סיי אויקשטאָטא, סיי זשמוידזש, זענען געווען ארומ־געריגלט מיט גישט־דורכדרינגלעכע, געדיכטע, אוראַלטע וועלדער, וועלכע האָבן געשאַפן אַ שוץ־מויער ארום די ליטוויש־זשמוידזשישע שבטים קעגן דעם אריינהדרינגען פון אויסערלעכע שונאים. אַדאַנק דעם האָבן די איינ־וווינער פון די צווישן־וואלדיקע ישובים פון אויקשטאָטא און זשמוידזש אויסגעמיטן דעם גורל פון זייערע קרובים, די יאַדזשווינגער. אחוץ די וועל־דער האָבן אַ גאַנצע רייע שוין־באַזע געשאַפן די ריזיקע זומפּן און אָזיערעס אַרום און אין דעם ליטווישן לאַנד.

אויקשטאָטא און זשמוידזש זענען געווען באַוווינט זינט לאַנגע דורות דורך אַן אַלט פאָלק, הורך די ליטווינער (היות די זשמוידזשינער זענען, איי־גנטלעך, געווען אַ ליטווישער שבט, וועלן מיר באַנוצן פאַר ביידע שבטים, די אויקשטאָטער און זשמוידזשינער, איין באַגריף — ליטווינער). דער אַלטער פּוילישער פאָרשער אַלעקסאַנדער בריקנער האָט געהאלטן, אַז די ליטווינער — וועלכע שטאַמען פון באַלטישן גזע צוזאַמען מיט די אלט־פּרייסן און לעטן — באַוווינען זייער לאַנד שוין העכער צוויי טויזנט יאָר. זינט לאַנגע דורות, ביזן XII י"ה, האָבן די ליטווינער געלעבט אין איזאָלירט לעבן פון די אַרומיקע לענדער פון אייראָפּע. אמת, אין X י"ה האָט אַהין דערגרייכט אַ קליינע קאָלאָניזאציע און מסחר־עקספּאַנסיע פון די סקאַנדינאַוון, אָבער דאָס האָט געדויערט זייער אַ קורצע צייט. עס קאָן זיין, אַז צוליב די שווערע געאָגראַפישע באַדינגונגען האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט די סקאַנדינאַווישע קאָלאָניזאציע. אַלנפאַלס נאָך דער דערמאָנטער קורצער צייט זענען די קאָנ־טאַקטן פון די ליטווישע שבטים מיט דער אויסערלעכער וועלט ווידער גע־וואָרן איבערגעריסן. אַזוי אַרום הייבט זיך אין דער היינטיקער היסטאָריאָ־גראַפיע אָן דער היסטאָרישער פּראָצעס פון ליטע ערשט פונעם לעצטן פערטל פון XII י"ה, ווען עס האָט נאָך געדויערט אין דעם לאַנד דער פּעריאָד פון שבט־אָרדענונג און פון דער נאַטירלעכער ווירטשאַפט. ווי מיר זעען, איז ליטע אין איר ווירטשאַפטלעכער אנטוויקלונג געווען שטאַרק פאַרשפּעטיקט אין פאַרגלייך, למשל, מיט איר שכן — פּוילן.

די גרונט־באַשעפטיקונגען פון ליטעס באַפעלקערונג אין יענער צייט זענען געווען: יאגד, פיש־פאַנג, בינען־צוכט, פי־צוכט און לאַנדווירטשאַפט. די באַלעבאַטישקייט פונעם לאַנד איז געווען אן איזאָלירטע. די פרימיטיווע טעכניק האָט נישט דערלויבט אויסצונוצן די קאָלאָסאַלע נאַטירלעכע מעג־לעכקייטן. ממילא האָט די לאַנדווירטשאַפט נישט געקאָנט שטילן די באַ־דערפענישן פון דער באַפעלקערונג. עס האָבן געפעלט מעטאַלענע געצייגן, כלים, מלבושים, אַפילו פערד. אויך עסן האָט נישט געקלעקט גענוג פאַר אַלעמען.

היות עס זענען נישט געווען קיין האַנדלס־וועגן, האָט זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען קיין סחורות־אויסטויש מיט אַנדערע לענדער. די ליטווינער, אַרומגערינגלט, מהוין דעם וואַלד־ און זומפּן־מויער, מיט אַ ריי עקספּאַנ־סיאָניסטיש געשטימטע שכנים, האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן צו שאַפן האַנדלס־טראַקטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין מלחמה־שליאַכן, דורך וועלכע די שונאים וואָלטן אַריינגעדרונגען אין לאַנד. חוץ דעם וואָלטן אין אַ מסחר־אויסטויש די ליטווינער נישט געהאַט מיט וואָס צו קומען, ווייל צוליב זייער פרימיטיווער טעכניק זענען די געדערטענישן און פאַנג תמיד ביי זיי געווען אָרעמע.

דעם אויסוועג פון דער מעגלעכקייט פון אַ צווישנלענדישן מסחר האָבן די ליטווינער פאַרטראָטן מיט אַן אַנדער וועג — מיטן וועג פון רויב־עקספּעדיציעס קעגן זייערע שוואַכערע שכנים.

קריגערישע רויב־עקספּעדיציעס אויף די שכנישע פעלקער זענען געווען איינע פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער ליטווישער ווירטשאַפט. מלחמה־רויב איז געוואָרן דער הויפּט־מקור פון אָנגעזאַמלטע ריזיקע רייכטימער — אָבער נישט פון גאַנצן ליטווישן פאָלק, נאָר פון די אָנפירער מיט די מלחמה־עקספּעדיציעס און פון זייערע אָנטיילנעמער. אַזוי ארום האָט זיך געגומען אויסטיילן אַ רייכער, עשירות־באַזיצנדיקער און מאַכט־האָבנדיקער שיכט, וועלכער האָט גענומען הערשן איבער דער מאַסע ערד־אַרבעטער, יעגער און פישער.

לכתחילה פלעגן זיך אָרגאַניזירן גרופּן קריגסלייט און אָנפאַלן אויף די שכנים, אין די צייטן, ווען עס פלעגט אָנהייבן שטאַרק באַדראָען דער הונגער, אָדער ווען די נויטווענדיקייט צו דעראָבערן געוויסע מכשירים און בהמות איז געוואָרן ברענענדיק. שפּעטער האָבן די קריגערישע עלעמענטן פון די ליטווישע שבטים גענומען אָרגאַניזירן רויב־עקספּעדיציעס שוין לשם באַ־רייכערן זיך און לשם פאַרכאַפּן נייע ערד־שטחים. גרופּן קריגסלייט פלעגן

זיך צונויפקומען, אויסקלייבן אַן עלטסטן און אָרגאַניזירן איבערפאַלן, ברענגענדיק דערנאָך מיט זיך אַהיים אַ סך רויב — זילבער, מלבושים, פערד, שקלאַפן ובדומה. אַזוי אַרום איז שוין אַנטשטאַנען אַן אומגלייכהייט אין עקאָנאָמישן זין אינעם שבט־גופא. עס האָט זיך איינגעבילדעט אַ שיכט, וואָס האָט פאַרמאָגט גרויסע פערד־סטאַדעס, שקלאַפן, שענערע מלבושים, זילבער און גאָלד. איבער די אַלע רייך־געוואָרענע אָנטיילנעמער אין די רויב־עקספּעדיציעס איז געשטאַנען דער עלטסטער. אויב די עקספּעדיציע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, האָט זיך בעסער איינגעגעבן, איז ממילא געוואקסן זיין חשיבות, און ער איז שוין אויף תמיד געבליבן דער מיליטע־רישער פירער פון דער גרופּע קריגסלייט־רויבער. פריער האָט דער שבט נישט געוווסט, וואָס דאָס איז אַזוינס מאַכט און קלאַסן־צוואַנג. אַלע מיט־גלידער פונעם שבט זענען געווען פריי און גלייך. „די ליטווינער זענען געווען אַ פאָלק, וואָס איז ביזן XIII י״ה געווען פריי און אין א ג ל י י כ ע ר מ אָ ס אָ ר ע ם“, — שרייבט דער פּוילישער היסטאָריקער פון XIX י״ה יאָאַכים לעלעוועל. די קריגערישע רויב־עקספּעדיציעס האָבן איינגעפירט אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש אין די ביז איצטיקע באַציונגען אינעם שבט, זיי האָבן צעשטערט די גזעלשאַפטלעכע גלייכקייט. זיי האָבן אריינגעבראַכט די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי. די שקלאַפן זענען מאַקע געווען פרעמדע, קריגס־געפאַנגענע, אָבער די דאָזיקע קלאַסן־אינסטיטוציע האָט זיך שוין איינגעבירגערט אין לאַנד. די עקאָנאָמישע אומגלייכקייט האָט ארויסגע־רופן ממילא אַ סאָציאַלע אומגלייכקייט. די רייך־געוואָרענע עקספּעדיציע־מיטגלידער זענען געוואָרן די הערשער אינעם שבט. מיט דער צייט האָט זיך אויך א טרייסל געטאָן די נאַטירלעכעווירטשאַפט. אַראַנק דעם קאָנ־טאַקט מיטן אַרום, אַדאַנק די אריינגעפירטע עשירותן באַווייזן זיך די ער־שטע סימנים פון געלט־ווירטשאַפט. אַ סך פון די שטאַרקערע און רייכערע קריגסלייט פאַרלאָזן גרויסע ערד־שטחים פון דעם געמיינזאַמען שבט־באַזיץ. עס הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון צעזעצן די קאָלעקטיווע שבט־און משפּחה־ווירטשאַפט פון אינעווייניק.

די אַלע פּראָצעסן זענען, פאַרשטייט זיך, נישט פאָרגעקומען אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד מיט איין מאָל און מיט דער זעלבער קראַפט. די רויב־עקספּעדיציעס ווערן אָרגאַניזירט דורך פאַרשידענע משפּחה־גרופּן און שבטים. היות דער פאַרגעם פון די אָנפאַלן וואַקסט, הייבן זיך אָן די באַזונ־דערע קריגסלייט־גרופּן צו פאַראייניקן; אין שפּיץ פון די פאַראייניקונגען ריקן זיך אַרויס די סאַמע רייכסטע און דערפאַרנסטע עקספּעדיציע־פירער,

וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין קניאַזשן (פירשטן). ביי דער אַנטשטאַנענער שבטים=אַריסטאָקראַטיע קומט אויף דער געדאַנק פון פאַראייניקן אַלע מחנות אין איין גרויסן כוח, אי כדי צו אַנטוויקלען נאָך מער ריזיקע עקספּעדיציעס, אי מיטן ציל זיך אַן עצה צו געבן מיטן ווידערשטאַנד פון די באַפאַלענע און אויך כדי צו דערשטיקן די אומצופרידנקייט, וועלכע האָט געווירט ביי דער אייגענער פויערישער באַפעלקערונג.

דעם דאָזיקן פאַראייניקונגס=געדאַנק האָט רעאַליזירט דער פירשט מענדאָג, אָדער מינדאָווע, וועלכן די אַלטע ליטווישע היסטאָריאָגראַפיע האָט באַטיטלט -- דער קלוגער. מענדאָג האָט אויפן אָרט פון די צופעליקע קריגסלייט=מחנות, וועלכע פלעגן זיך צונויפנעמען בלויז פון פאַל צו פאַל, כדי דורכצופירן אַ באַשטימטן רויב=אָנפאַל, געשאַפן אַ סטאַבילע מיליטערישע דרוזשינע, און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איר, האָט ער נישט בלויז פאַראייניקט גאַנץ ליטע אין איין מלוכה, נאָר זיך שוין נישט באַפרידיקט מיט ספּאָראַדישע רויב=אָנפאַלן. מענדאָג האָט גענומען טראַכטן וועגן סטאַבילע טעריטאָריעלע דעראָבערונגען, אין די אינטערעסן פון דער שבטים=אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך גענומען פאַרוואַנדלען אין אַ שיכט פון גרויסע ערד=באַזיצער. די געדונגענע זעלנער פון דער פירשטלעכער דרוזשינע האָבן אויך באַקומען ערד; פון זיי האָט זיך גענומען אויספיקן דאָס מיטעלע און קליינע באַאָרנטום (שליאַכטע) פון ליטע.

ליטע האָט אַריבערגעשפּרונגען אַ גאַנצן עטאַפּ אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס און איז פון דער צעפאַלענער שבט=אָרדענונג, מיט זייער קליינע עלעמענטן פון שקלאַפנטום, אַריינגעטראָטן אין דעם אויפקום=פּראָצעס פון פעאָדאַליזם.

די רויב=אָפענסיווע פון די ליטווינער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די ריזיקע ווייסרוסישע שטחים, וועלכע זענען געלעגן האַרט נעבן דער ליטווישער גרענעץ. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די ליטווישע עקספּאַנסיע האָט געהאַט גרויסע סוקצעסן, אַריינשניידנדיק זיך אין דער טעריטאָריע פון היינטיקן ווייסרוסלאַנד און דערנאָך ווייטער — אין דער טיפעניש פון מערב=רוסלאַנד און דרום=רייסן (היינטיקע אוקראַינע). פלוצלינגדיקע ליטווישע איבערפאַלן האָבן זיך געלאָזט פילן אויך אין די ראַנד=געביטן פון פוילן און אין אַלט=פּרייסן. אָבער דאָס זענען געווען ספּאָראַדישע רויב=צוגן, וועלכע זענען ס'רוב געוואָרן אָפּגעשטויסן און האָבן אָפט געהאַט אַזאַ רעזולטאַט, אַז דאָס מיליטער פונעם באַפאַלענעם שכן האָט, פאַרקערט, באַדראָט דאָס לאַנד פון די ליטווינער. אַנדערש דאַקעגן האָט זיך פאַרגעשטעלט

די לאַגע אין די שטעט אין פֿירשטנטומס פֿון רייסן, ווו עס האָט דעמלט געהערשט אַן אינערלעכע צעריסנקייט, וואָס האָט געגרענעצט מיט אַנאַרכיע. צוליב דעם איז די ווידערשטאַנדפֿעיקייט פֿון רייסן געווען אַ מינימאַלע, בפֿרט נאָך, אַז פֿון דער מזרח=זייט איז נאָך אַלץ געווען אַקטועל די טאַטאַרישע קראַפֿט.

שוין אין XII=טן י״ה האָבן זיך אָנגעהויבן די רויב=עקספּעדיציעס פֿון די ליטווינער אויף די געביטן פֿון הייַנטיקן ווייסרוסלאַנד און מיטעל=רוסלאַנד. און באַלד די ערשטע אָנפֿאַלן האָבן אַריינגעפֿירט אַן אומבאַשרייבלעכע צעמישונג און פּאַניק אין די דאָזיקע אינערלעך צעריסענע לענדער. די ערשטע איז אונטעריאָכט און צעראַבירט געוואָרן די פּאָלאָצקער פּראָווינץ. די פּאָלאָצקער האָבן אָנערקענט די העגעמאָניע פֿון ליטע און געצוווּנגען געוואָרן צו שליסן מיט איר אַ בונד קעגן די שטאָטיש=סוחרישע רעפּובליקן פֿון פּסקאָוו און נאָווגאָראָד. פֿון דעמלט אָן ווערט די ליטווישע אָפּענסיווע אויף די מערב=רוסישע געביטן אַלץ האַפּעדיקער און דרייסטער. די געביטן פֿון הייַנטיקן ווייסרוסלאַנד ווערן פֿולשטענדיק באַהערשט דורך די ליטווינער. די גאַנצע פֿאָרטיפֿיצירטע ליניע פֿון ווייסרוסלאַנד לענגאויס דער ליטווישער גרענעץ — די ליניע: וואָלקאָוויסק, סלאָנים, נאָוואָגרודעק, מינסק, זאַסלאַוו, לאָהאָיסק — ווערט צעשמעטערט און אָפּגעווישט דורך די ליטווישע מחנות. גאַנץ רייסן אַזש ביזן דרום שטייט איצט אָפֿן פֿאַר דער ליטווישער האַסטיקער עקספּאַנסיע. איין רייסישע שטאָט נאָך דער צווייטער קאַפּיטולירט פֿאַר די אַריינדרינגער. אָט די טרויעריקע תקופֿה אין דער געשיכטע פֿון אַלט=רוסלאַנד ווערט בילדעריש איבערגעגעבן דורך די אַלט=רוסישע כראָניק=באַשרייבונגען: „און עס איז אַנטלאָפֿן רייסן — שרייבט איינער פֿון די דעמלטיקע רייסישע כראָניקער — איבער וועלדער און דערפֿער פֿאַרן געזיכט פֿון דעם קליינעם ליטע, אַזוי ווי עס אַנטלויפֿן האָזן, ווו עס באַווייזן זיך שיסער, און די ליוון און לאַטוויע זענען געוואָרן דער פּרעס און די דערנערונג פֿון ליטע, פּונקט ווי שעפּסן אין די ציין פֿון וועלף, ווען זיי זענען אָן אַ פּאַסטעך“.

ווי עס דרינגט אַרויס פֿון די אָקאָרשט ציטירטע ווערטער, האָבן די ליטווינער אַנטוויקלט אויך אַן אָפּענסיווע קעגן די לעטן. די ליטווישע אָנפֿאַלן זענען געווען געווענדט נישט בלויז קעגן שטעט און לענדער; געוויסע מחנות פֿלעגן באַפֿאַלן אַפֿילו געווינטלעכע האַנדלס=קאַראַוואַנען, בלאָקירן די האַנדלס=שליאַכן און נעמען פֿאַרן פֿריילאָזן די סוחרים און די טראַקטן גרויסע אויסקויף=געלטער.

אין די פערציקער יאָרן פון XIII⸗טן י"ה איז ליטע פאַרטיק געווען מיט די געביטן פון היינטיקן ווייסרוסלאַנד. אין די פופציקער יאָרן פונעם זעלביקן י"ה רייסט זיך די ליטווישע אָפענסיווע אַריין אין די היינטקע אוקראַינישע געביטן. די צייט שפּילט צו די ליטווישע מחנות, וואָרעם קיעוו, די מעטראָפּאָליע פון דרום⸗רייסן, מאַכט אין יענער צייט אַדורך אַ ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע און מיליטערישע ירידה. די פּאָזיציע פון קיעוו ווילן פאַרנעמען די פירשטנטומס פון האַליטש און וואָלין. דער ראש פון די פאַראייניקטע ליטווישע מחנות מענדאָג פּרווט אויסצונוצן די אינערלעכע ווידעראַנאַנדן צווישן די רייסישע פירשטן און אוועקשטעלן דאָרטן די העגעמאָניע פון ליטע. מענדאָג איז שוין נישט סתם אַ מיליטערישער פירער פון רויב⸗צוגן, ער איז קודם כל אַ פּאָליטיקער. דערווייל פּרווון די פירשטן פון האַליטש און וואָלין צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע קאָאַליציע קעגן ליטע; עס דאַרפן אין איר אַריינגיין רייסן, פּוילן, דייטשלאַנד און די באַלטישע לענדער. מענדאָגס פּאָליטישער טאַלאַנט שלעפּט אַרויס ליטע פון דער שווערער לאַגע. עס געלינגט דעם ליטווישן פירשט צו צעקריגן צווישן זיך די קאָאַליציע⸗שותפים, און אַ דאַנק דעם גייט אָן די ליטווישע טעריטאָריעלע עקספּאַנסיע ווייטער.

אין מענדאָגס צייטן קומט אויף אין ליטע גופא דער פעאָדאַלער סיסטעם. מענדאָג שטיצט די אַנטוויקלונג פונעם באָיאַרנטום און בפרט דעם וווקס פון גרויסן ערד⸗באַזיץ. אויף דעם באָדן הייבט זיך אויף אַ גרויסע פּויערים⸗באַוועגונג. הוץ דעם טרעטן אַרויס אינערלעכע קעגנזאַצן און קאָנפליקטן צווישן די צוויי פּראָווינצן: אויקשטאַטא און זשמוידזש. מענדאָג, וועלכער געפינט זיך אין סאַמע פייער פון פּאָליטישן און מיליטערישן קאַמף אין דרום⸗רייסן, קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיטן אינערלעכן פערמענט און מאַכט אַ קער אין דער ריכטונג פון דערנענטערונג צום דייטש⸗קאַטוילישן קרייץ⸗ריטער⸗אָרדן, וועלכער וואַרט נאָר אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט און רייסט זיך אַריין אין זשמוידזש. דער אָרדן ווערט אָבער צעקלאַפּט דורך דער זשמוידזשישער פאָלקס⸗אַרמיי. פון איצט אָן הייבט זיך אָן אַ לאַנגיעריקער מלחמה⸗צושטאַנד צווישן ליטע און דעם פאָרפּאָסטן פון אַגרעסיוון דייטשישן פעאָדאַליזם, דעם אָרדן פון די קרייץ⸗ריטער, וועלכער נוצט אויס נישט בלויז יעדע מיליטערישע שוועריקייט פון ליטע, נאָר אויך די אינערלעכע קאָנפליקטן צווישן אירע פירשטן און שבטים⸗פירער. ביים סוף פון מענדאָגס צייטן הערשט אין ליטע אַ שטיקל כאַאָס, פון וועלכן עס פירט אַרויס דאָס לאַנד געדימין, אַ זון פון דעם מאַיאָרדאָמוס פון איינעם פון

מענדאָגס יורשים. געדימין איז געווען דער שעפער פון דער געדימינאָוויטש⸗דינאַסטיע, פון וועלכער עס זענען אויך ארויסגעקומען די יאַגעללאָנער, וועלכע האָבן געקיניגט פון כוף XIV⸗טן ביזן סוף XVI⸗טן י״ה אין פוילן.

געדימין האָט איבערגענומען אין ליטע די מאַכט אין יאָר 1316. אין משך פון די נאָענטסטע אַכציק יאָר האָבן געדימין און זיינע נאָכפאָלגער (זיינע זין אָלגערד און קייסטוט און זייערע זין יאַגייללאָ⸗יאַגעללאָ און וויטאָוט⸗וויטאָלד) פולשטענדיק רעאַליזירט מענדאָגס אויסערלעכן און אינערלעכן פראָגראַם. עס האָט זיך באַפעסטיקט דער מאָנאַרכיש⸗באָיאַרישער סדר, און עס איז געשאַפן געוואָרן די ליטווישע גרויסמאַכטישע פילנאַציאָנאַלע מלוכה, וועלכע האָט אַרומגעכאַפט אַ ריזיקע טעריטאָריע פון באַלטישן ים ביז קרים און פון די קאַרפאַטן ביז די קוואַלן פון דער וואָלגע. אונטער דער ממשלה פון די געדימינאָוויטשעס האָבן זיך געפונען: רייסן, אַ טייל פוילישע פראָווינצן, ווי למשל פאָדלאַסיע, אַ טייל לעטלאַנד; צווישן אַנדערע זענען אין דער ריזיקער מלוכה געוואָרן איינגעגלידערט אַזעלכע וויכטיקע האַנדלס⸗שטעט ווי: פּאָלאָצק, וויטעבסק, סמאָלענסק, קיעוו, מאָהילעוו. די דעראָבערונגען פון די געדימינאָוויטשעס זענען דערגאַנגען אַזש ביז קרים.

צוגלייך מיט דעם רויב און אונטעריאָכונג האָבן אָבער די ליטווינער געבראַכט די מזרח⸗אייראָפעישע פעלקער, און בפרט פאַר רייסן, אַ געוויסן וויכטיקן פאָזיטיוון אויפטו, און נעמלעך: זיי האָבן טיילווייז צעקלאַפּט די קראַפט פון די טאַטאַרן און ביי־געשטייערט צו באַזייטיקן זייער הערשאַפט פון מזרח⸗אייראָפּע.

תחילת דעם XV⸗טן י״ה האָבן די ליטווינער געהאַט נאָך איין היסטאָרישן פאַרדינסט: דעם וואָגיקן אָנטייל אין צעשמעטערן דעם מיליטערישן כוח פון דעם דייטש⸗פּעאָדאַלן קרייץ⸗ריטער⸗אָרדן.

דאָס איז געווען אַן אויפטו פון ליטע בשותפות מיט פוילן.

מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם, אַז די עקספּאַנסיע אויפן דרום⸗מערבדיקן טייל פון רייסן איז געווען אַ וואָגיקער באַשטאַנדטייל פון דער אויסערן⸗פּאָליטיק פון פעאָדאַלן פוילן שוין זינט באָלעסלאַוו כראָברי, ד. ה. פון XI⸗טן י״ה אָן. די דאָזיקע עקספּאַנסיע האָט אָנגענומען אַ מער אינטענסיוון כאַראַקטער, קודם כל אין ווירטשאַפטלעכן זין, אין די צייטן פון קאַזשימיעזש III.

אין אָט דער עקספּאַנסיווער פּאָליטיק אויפן דרום⸗מזרח האָט דאָב

פּעאָדאַלע פּוילן אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטאַרקן מיליטערישן קאָנקורענט; דאָס איז געווען ליטע.

די געפֿאַר און די קראַפֿט פֿון ליטע פֿאַר די אינטערעסן פֿון די פּוילישע פּעאָדאַלן אין דרום־מערב־רייסן האָט תּופֿס געווען דער דערפֿאַרענער פּאָלי־טיקער קאַזשימיעזש III. דאָס האָט אים געשטויסן אַרייַנצוטרעטן אין אַן אַנטי־ליטווישער קאָאַליציע אינייַנעם מיט די דרום־רייסישע פֿירשטן און מיטן אָרדן פֿון די קרייץ־ריטער. אָבער די דאָזיקע קאָאַליציע איז נישט גע־ווען קיין נאַטירלעכער בונד, זי האָט געטראָגן אין זיך גרויסע פּאָליטישע אוןווירטשאַפֿטלעכע קעגנזייטיקע סתירות. דער נישט וויניקער דורכגע־טריבענער פּאָליטיקער מענדאָג האָט אויסגענוצט די דאָזיקע קעגנזאַצן און זיך דערנענטערט אין משך פֿון אַ געוויסער צייט צו אייַנעם פֿון די קאָאַ־ליציע־שותּפֿים, דעם קרייץ־ריטער־אָרדן. די אַנטי־ליטווישע קאָאַליציע האָט געפּלאַצט נאָך איידער זי האָט באַוויזן אָנצורירן דעם מיליטערישן כּוח און די טעריטאָריעלע גאַנצקייט פֿון ליטע.

דעמלט האָבן די פּוילישע פּעאָדאַלן מיט קאַזשימיעזש דעם III־טן בראָש געמאַכט אַ ראַדיקאַלן קער און אָנגעווענדט אַ פּאָליטיק פֿון דערנע־טערונג מיט ליטע מיטן ציל זיך קעגנצושטעלן דעם פֿאַרפֿאָסטן פֿון דייַ־טשישן פּעאָדאַליזם, דעם קרייץ־ריטער־אָרדן.

די פּאָליטיק פֿון די ליטווישע פֿירשטן, מורא האָבנדיק נישט צו ווערן אייַנגעשלונגען דורך דער פֿיל העכערער פּוילישער מלוכה, איז פֿון איצט אָן געווען אַ מאַנעווריר־נדיקע און וואַקלדיקע; ליטע האָט אָפֿט שאַרירט די צוויי קרעפֿטן — פּוילן און דעם קרייץ־ריטער־אָרדן, מאַנעווורירט צווישן זיי, אויסגענוצט די קעגנזאַצן און אַזוי אַרום אייַנגעהאַלטן צייטווייליק איר פּאָ־זיציע און די דעראָבערטע טעריטאָריעס. אָבער אַזאַ פּאָליטיק האָט געקאָנט דויערן און אָנהאַלטן כּל זמן עס האָבן זיך נישט פֿאַרשפּיצט אין זייער אַ שאַרפֿער מאָס די אינערלעכע סתּירות אין דער ברייט־שטחימדיקער, פֿיל־נאַציאָנאַלער און פֿאַקטיש קינסטלעכער ליטווישער מלוכה.

אינעם לעצטן פֿערטל פֿון XIV־טן י"ה איז די ריזיקע ליטווישע מלוכה געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיט דער געפֿאַר פֿון אַ גרויסער אינערלעכער קאַטאַסטראָפֿע. די טעריטאָריעלע דעראָבערונגען האָבן דעם העכסטן שפּיץ דערגרייכט בעת דעם פֿירשט געדימין. פֿון דעמלט אָן הייבט זיך אָן דאָס באַהערשן ווירטשאַפֿטלעך און דאָס פֿאַרבאַלעבאַטעווען די ריזיקע רייסישע שטחים דורך די ליטווישע באַיאַרן, וועלכע פֿאָרן מאַסנווייַז אַוועק פֿון זייער ליטווישן היימלאַנד און באַזעצן זיך אין די דעראָבערטע רייסישע געגנטן.

דאָ הייבט זיך אָן אַן אַסימיליר־פּראָצעס — די ליטווישע באָיאַרן מיט זייער שוואַכער קולטור פאַלן אַרונטער אונטער דער רייסישער קולטור, נעמען אפילו אָן די אַלט־ווייסרוסישע שפּראַך, ווערן אָפּגעריסן פון זייער ליטווישן נאַפאָל. צוליבן אויסוואַנדערן פון אַ טייל באָיאַרנטום איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די מיליטערישע באַזע פון די ליטווישע פירשטן. מיטן אָפּשטעלן די מלחמה־עקספּעדיציעס האָט זיך אויך אויסגעטריקנט איינער פון די וויכטיקסטע קוואַלן פון די הכנסות פון די ליטווישע פירשטן און אויפן אָרט פאַרבליבענע באָיאַרן. דאָס אַריבערוואַרפן די גאַנצע לאַסט אויפן אייגענעם פויערטום האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד מצד דעם לעצטן, וועלכער ענטפערט מיט אַ ריי מאַסן־אויפשטאַנדן. דאָס אַרויפוואַרפן ווידער די לאַסט אויף די אונטעריאָכטע רייסישע פעלקער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרשטאַרקונג פון די איינפלוסן פון דעם מאָסקווער (מאָסקאָוויטישער) גרויס־פירשטנטום ביי די ברייטע רייסישע מאַסן, וועלכע האָבן אין דעם אויפוואַקסנדיקן כוח פון מאָסקווער גרויס־פירשטנטום געזען דעם צענטער פון זייערע חלומות אין קאַמף וועגן צוריקגעווינען די אומאָפּהענגיקייט פון רייסן. די קריגס־עקספּעדיציעס, וועלכע די ליטווישע באָיאַרן האָבן איינגעאָרדנט קעגן מאָסקווע — אין די יאָרן 1368, 1370 און 1372 — האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער מפּלה פון די ליטווינער. די דאָזיקע מפּלה האָבן ווידער פאַרשטאַרקט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אייגענעם און פון רייסישן פויערטום.

און אין דער זעלביקער צייט איז געשטיגן אַלץ מער די קראַפט און די אַגרעסיווקייט פונעם דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן, וועלכער האָט אונטערן שלייער פון דער שטרעבונג צו קריסטיאַניזירן דאָס געצנדינערישע ליטע פאַרשטאַרקט די מיליטערישע אָנגריפן און איבערפאַלן אויף די ליטווישע ישובים.

אָט אַזוי איז די ליטווישע מלוכה געבליבן שטיין פאַר אַן אינערלעכן און אויסערלעכן קראַך.

די דאָזיקע טויט־געפאַר האָט פאַרשטאַרקט ביי די ליטווישע פירשטן און באָיאַרן די אָריענטאַציע אויף אַ בונד מיט פּוילן, וועלכע האָט אויך געפילט די גרויסע סכנות, וואָס דראָען איר מלוכהשער עקזיסטענץ מצד אַ מעכטיקן קרייץ־ריטער־אָרדן, ד. ה. — מצד אַ מיליטעריש שטאַרקן און טעריטאָריעל אויסגעברייטערטן פאַרפאָסטן פונעם דייטשישן פעאָדאַליזם אין מזרח־אייראָפּע און אין די ביי־באַלטישע לענדער.

די שטרעבונג צו אַ בונד אָדער פאַראייניקונג מיט ליטע איז ביי ד״

פוילישע פעאָדאַלן געגאַנגען געפּאַרט מיט זייער קלאַסן־טרוים צו ווערן אַ מיטשותף און אַ מיטבאַלעבאָס איינינעם מיט די ליטווישע פעאָדאַלן איבער די ריזיקע רייסישע שטחים. דער פּוילישער סוהרישער פּאַטריציאַט האָט גע־חלומט צו דעראָבערן דורכן זעלביקן וועג די לאָקנדיקע מזרחדיקע האַנדלס־שליאַכן און מערק. די פּוילישע קירך האָט געטראַכט וועגן שטאַרקן איר פּאָזיציע דורך קריסטיאַניזירן ליטע לויטן קאַטוילישן נוסח.

אויפן באָדן פון די אַלע מאָמענטן איז רעאַליזירט געוואָרן די אוניע צווישן פּוילן און ליטע, צוערשט אַ פּערסאָנעלע (ד. ה., אַזביידע מלוכות זענען געבליבן זעלבשטענדיק און פאַרבונדן בלויז דורך דער פּערזאָן פון אַ בשותפותדיקן קיניג) און דערנאָך אַ רעאַלע (ד. ה. — אַ פולשטענדיקע פאַראייניקונג אין איין מלוכה).

מיטן פאַרווירקלעכן די אוניע צווישן פּוילן און ליטע זענען נישט באַ־זייטיקט געוואָרן אַלע קעגנזאצן צווישן די הערשנדיקע קלאַסן פון ביידע לענדער. אין ליטע איז די סעפּאַראַטיסטישע טענדענץ פון אַ טייל פונעם העכערן באַיאַרנטום געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם גרויספירשט וויטאָלד, וועלכער איז דאָ געבליבן דער איינציקער הערשער נאָכדעם ווי יאַגעללאָ האָט באַקומען די פּוילישע קרוין. פון דער צווייטער זייט איז דאָס מיטעלע ליטווישע באָיאַרנטום געווען פאַראינטערעסירט אין אַ פולשטענדיקער פאַר־אייניקונג מיט פּוילן, ווייל עס האָט די באָיאַרן געלאָקט די פּערספּעקטיוו צו ווערן אויסגעגליכן מיט דער פּוילישער שליאַכטע און די דאָזיקע שליאַכ־טע האָט, זינט דעם קאָשיצער פּאַקט, באַקומען אַלץ מער רעכט און הנחות אין דעם פעאָדאַלן פּוילן.

די פאַראייניקונג פון פּוילן מיט ליטע האָט געהאַט פּאָזיטיווע און נעגאַ־טיווע רעזולטאַטן: פון איין זייט איז אַדאַנק דער פאַראייניקטער קראַפט צעשמעטערט געוואָרן מיליטעריש אין יאָר 1410 הינטער גרונוואַלד דער געפאַרפולער קרייץ־ריטער־אָרדן, און דער דאָזיקער היסטאָרישער אויפטו איז געווען לטובת דער גאַנצער סלאַווישער וועלט, וועלכע איז באַפרייט גע־וואָרן, הגם לעת עתה נאָך נישט פולשטענדיק (צוליב דער אַריינמישונג פו־נעם פּויפּסט לטובת די צעקלאַפּטע קרייץ־ריטער), פון דער געפאַר מצד דער דייטש־פעאָדאַלער עקספּאַנסיע.

אָבער פון דער צווייטער זייט האָט די פּויליש־ליטווישע אוניע פאַר־וויקלט פּוילן אין אַ ריי ערנסטע קאָנפליקטן אויפן מזרח, קודם כל אין אַ דו־רותלאַנגן קאָנפליקט מיט די מזרחדיקע סלאַוון, מיט די אוקראַאינער, ווייס־רוסן און מיט דער מאָסקווער מלוכה; און וואָס מער די פּוילישע מאַגנאַטן,

די שפּיצן פון קאַטוילישן קלער און אַ טייל פון גרויס־סוחרישן פּאַטרי־ציאַט האָבן געשטויסן פוילנס פּאָליטיק אויף מזרח, אַלץ מער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט פוילנס פּאָזיציע אויפן מערב, לגבי דייטשלאַנד און שפּעטער שוועדן, אַלץ שווערער זענען געוואָרן די פּוילישע פּאָזיציעס אין שלעזיע, פּאָמערן און ביים באַלטישן ים.

אָבער דערווייל, אין דעם היסטאָרישן עטאַפּ, וואָס האָט אַרומגענומען די ערשטע העלפט פון XV־טן י״ה, האָט די פּויליש־ליטווישע אוניע גע־בראַכט גרויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. די פאַראייניקטע פּויליש־ליטווישע מלוכה האָט אָפּגעשטעלט די דייטשישע עקספּאַנסיע, און פאַר די ווירט־שאַפטלעך־אַקטיווע כוחות פונעם לאַנד האָבן זיך געעפנט ברייטע פּערס־פּעקטיוון פון וווּקס. פאַר די יידן האָבן זיך אַנטפּלעקט נייע רחבותדיקע טע־ריטאָריעס, וווּ עס האָט אינעם איצטיקן פּעריאָד אויף זיי געוואַרט זיכער־קייט און מעגלעכקייט פון ווירטשאַפטלעכער אַקטיווקייט און פּרנסה.

קאַפּיטל צוויי

# דער אויפקום פונעם יידישן ישוב אין ליטע און זיין ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור

פון ווען האָבן זיך געפונען די יידן אין ליטע? — אויף דער פראַגע גיט דער יידיש-רוסישער היסטאָריקער מ. קרעפּניק אַן ענטפער, אַז די יידן האָבן זיך אין אָט דעם לאַנד געפונען ווי שטענדיקע איינוווינער שוין אינעם XII-טן י"ה. דער אַלטער פּוילישער היסטאָריקער פון ליטע נאַרבוט האַלט, אַז די יידן האָבן דאָ געוווינט זינט די צייטן פון דעם פירשט געדימין (1315—1340). אַ צווייטער אַלטער פּוילישער היסטאָריקער, באַלינסקי, מיינט, אַז די יידן האָבן זיך געפונען אין ליטע זינט דער צייט פון געדימינס זין — אָלגערד (1345—1377) און קייסטוט. אַן ענלעכן שטאַנדפּונקט פאַרטרעט דער פּוילישער היסטאָריקער און שריפטשטעלער קראַשעווסקי. דער יידישער היסטאָריקער מאַרק ווישניצער איז מסכים מיט נאַרבוטן, ד. ה. — אַז די געשיכטע פון די יידן אין ליטע דאַרף מען אָנהייבן אין געדימינס צייטן, אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון XIV-טן י"ה. דער יידישער היסטאָריקער און פאָרשער פון דער כוזרים-געשיכטע פּאָלאַק איז אין דער מיינונג, אַז די יידישע אימיגראַציע פון כוזרים-לאַנד און פון דרום-רייסן קיין ליטע האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין XI און XII-טן י"ה. געוויסע פאָרשער פאַרבינדן דעם אָנקום פון יידן קיין ליטע מיטן אויפקום פון די ערשטע שטעט, וועלכע זענען געבויט געוואָרן דורך די ליטווישע הערשער. גראָדנע, וועלכע איז אויפגעשטעלט דורך די ליטווינער, ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין היסטאָרישע קוואַלן שוין אין יאָר 1128, און יידן זאָלן שוין דעמלט האָבן דאָרטן געוווינט.

דער ערשטער ליטווישער הערשער, וואָס האָט גענומען בויען אין ליטע און אין די דעראָבערטע געביטן שטעט אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב, איז

געווען געדימין. געדימין איז געווען נישט בלויז אַ פעיקער מיליטער־פירער און אַ קלוגער פּאָליטיקער, נאָר אויך אַ בויער און קאָלאָניזאַטאָר, בפרט פון שטאָטישע ישובים. זיין אינערלעכע און בוי־פּאָליטיק האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט טאָלעראַנץ לגבי אַלע רעליגיעס און פעלקער. די דאָזיקע טאָלע־ראַנץ האָט אים געדינט ווי אַ מיטל אַריינצוציען אין אָפּגעשטאַנענעם לאַנד קאָלאָניסטן, בויער, בעלי מלאכות, סוחרים פון אויסלאַנד אָן אונטערשייד פון זייער גלויבן — קאַטויילן (פּאָליאַקן און דייטשן), פּראַוואָסלאַוונע (פון רייסן), יידן. ער האָט זיי אַלעמען געגעבן די פולסטע פרייהייט זיך אויס־צולעבן אין זייער קולטור און אמונה. אין דער זעלביקער צייט האָבן די ליט־ווינער געהאַט זייער אייגענעם היידענישן קולט פון נאַטור־כוחות, פּערזאָ־ניפיצירטע אין פאַרשידענע געטער. איינצייטיק איז באַקאַנט געדימינס אויסדרוק: „מיר האָבן אַלע איין גאָט", ד. ה. — מיר זענען אַלע גלייך אין היגזיכט פון גלויבן.

פאַר געדימינס צייטן זענען אַנטשטאַנען די ליטווישע שטעט: טעלז, ווילנע (ווילניוס), טראָק, די מערב־ווייסרוסישע שטאָט לידע, וועלכע האָט געהערט צו ליטע, און אַנדערע. פאַר געדימינס צייטן זענען די ליטווישע און דורך ליטע באַהערשטע טעריטאָריעס ברייט געעפנט געוואָרן פאַר אַן אימי־גראַציע. די גייסטע היסטאָריאָגראַפיע נעמט אָן, אַז אין דער דאָזיקער צייט האָט געגומען שטראָמען קיין ליטע אויך אַ מאַסן־אימיגראַציע פון יידן, וועלכע זענען אַהער אָנגעקומען דער עיקר פון פוילן.

אין די צייטן פון געדימינס זין, אָלגערד און קייסטוט, האָבן זיך די טעריטאָריעלע דעראָבערונגען פון ליטע אויסגעשפּרייט פון איין זייט ביז שוואַרצן און פון דער צווייטער — ביזן באַלטישן ים. די ישובים פון די איינוואַנדערער האָבן זיך אויך אויסגעשפּרייט. אינגיכן האָט זיך אָבער דער טעריטאָריעלער פאַרנעם פון דער ליטווישער מלוכה איינגעקאָרטשעט, בפרט אויפן מזרחדיקן דרום.

די אויפשטייג־ און וווקס־צייט פונעם יידישן ישוב אין ליטע פאַלט אויס אין די יאָרן, ווען דער גרויספירשט פון דער דאָזיקער מלוכה איז געווען וויטאָלד (וויטאָווט, דער קריסטלעכער נאָמען — אַלעקסאַנדער; 1386—1430), וועלכער האָט געהערשט אין דער זעלביקער צייט, ווען דער קיניג פון דער פאַראייניקטער פויליש־ליטווישער מדינה איז געווען וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ. אין וויטאָלדס צייטן האָט זיך די יידישע אימיגראַציע קיין ליטע באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט. זי שטראָמט פון דריי זייטן: פון קרים, פון די

געביטן פון דער טאַטאַרישער „גאָלדענער אָרדע", וועלכע געפינט זיך שוין אין אַ צושטאַנד פון צעפאַלונג; פון פוילן; און פון די מערב־לענדער — דורך פוילן. דאָס איז געווען בדרך כלל אַ פּרייוויליקע אימיגראַציע, אַ באַגינסטיקטע דורכן ליטווישן גרויספירשט. איינצייטיק פירט וויטאָלד אַ צוואַנגס־קאָלאָניזאַציע פון דער באַפעלקערונג, וועלכע ער נעמט געפאַנגען אין די טאַטאַרישע מקומות און באַזעצט זי אין ליטע אויף ערד אָדער אין די אויפשטייענדיקע שטעט. צווישן אַנדערע האָט וויטאָלד געבראַכט קיין ליטע אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע יידן און קאַראַימער פון קרים, פון די ברעגעס פון שוואַרצן ים און אַפילו פון די ברעגעס פון קאַספּישן ים, וווהין עס האָבן דערגרייכט די קריגס־עקספּעדיציעס פון דעם ליטווישן גרויספירשט. דער דעמלטיקער דייטשישער כראָניקער דיטמאַר שרייבט אין אַ נאָטיץ פון יאָר 1410, אַז דער ליטווישער גרויספירשט וויטאָלד האָט אָנגעגריפן די לענדער ביים קאַספּישן ים — „אינעם אָרט, וו עס וווינען, ווי באַוווסט, די רויטע יידן". דאָס זענען, ווייזט אויס, געווען רעשטלעך פון דער יידיש־כוזרישער באַפעלקערונג. מען קאָן זיך משער זיין, אַז אויך אַ געוויסע צאָל פון די ראָזיקע יידן האָט וויטאָלד אַריבערגעפירט קיין ליטע ווי קריגס־געפאַנגענע און זיי דאָ באַזעצט.

די איינגעוואַנדערטע און ביצוואַנג אַריינגעפירטע יידן זענען באַזעצט געוואָרן אין שטעט און דערפער. צווישן זיי איז געווען אַ צאָלרייכער קאָלאָניזאַטאָרישער עלעמענט, וואָס האָט — לויטן רשות פונעם גרויספירשט, — אויפגעבויט נייע שטעט און דערפער. יידישע קאָלאָניסטן־אונטערנעמער באַקומען פון די ליטווישע פירשטן באַדן און אָפטמאָל אַפילו מיט אונטערטעניקע פויערים און זענען דערפאַר מחויב צו טראָגן כלערליי פעאָדאַלע התחייבותן לטובת דעם פירשט.

אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פאַר דער קאָלאָניזירונג פון די יידן אין ליטע איז דאָס גרינגן דורך זיי א גרויסע צאָל שטעטלעך, וועלכע שאַפן אַ געמישטן ישוב־טיפּ פון האַלב־שטאָטיש, האַלב־דאָרפיש כאַראַקטער. אין ליטע איז נישט פאַראַן די דערשיינונג פון באַזונדערע יידישע גאַס; אָדער קוואַרטאַלן. דער גרעסטער טייל פון די ניי־אויפגעשטאַנענע ליטווישע שטעט און בעיקר שטעטלעך פאַרמאָגן שוין דעמלט אַ מערהייט פון אַ יידישער באַפעלקערונג, אָדער זענען אויסשליסלעך יידישע ישובים. די שטעט און שטעטלעך געהערן צום גרויספירשט אָדער צו רייכע באָיאַרן, די באַפעלקערונג איז ס'רוב א יידישע: די יידן, וואָס זייער באַשעפטיקונג איז געווען ערד־אַרבעט, האָבן נישט גערן געוווינט אָדער געגרינדעט דערפער, וויל

די פּויערים פון די ליטווישע דערפער זענען שוין דעמלט שטופנווייז אַריינ־געפאַלן אין דער לאַגע פון לייבאייגענע. די יידן האָבן דעריבער זיך באַזעצט אָדער געגרינדעט שטעטלעך און דאָ געפירט זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. שוין אין יענער צייט האָט די שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג אין ליטע זיך פאַרנומען איינצייטיק מיט ערד־אַרבעט און מלאכה. דער שטאָטישער ייד אין דעמלטיקן ליטע איז אָפט געווען אַ סעדער און אַ הענד־לער אינאיינעם, אַ בעל מלאכה און אַ פּויער, וואָרעם פון בלויז מלאכה אָדער פון בלויז ערד־אַרבעט איז געווען שווער אויסצוקומען אין דעם נאָך אַליין אָפּגעשטאַנענעם לאַנד.

וויטאָלד האָט באַגינסטיקט סיי אַ שטאָטישע, סיי אַ דאָרפישע קאָלאָני־זאַציע. די געבראַכטע קריגס־געפאַנגענע יידן פון קרים האָט ער געשענקט נישט בלויז הייזקעס און פּרוכטן־גערטנער, נאָר אויך ערד, און דאָס נישט בלויז אין די דערפער. אויך אין די שטעט און שטעטלעך גיט דער גרויס־פירשט אָפט די באַזעסענע יידן ערד און סעדער. אין טראָק, למשל, האָט וויטאָלד אויפגעשטעלט פאַר די יידן אַ גאַנץ שטעטל — ניי־טראָק — און זיי געגעבן קליינע ערד־חלקים ביי די הייזקעס. ענלעך איז געווען אין גראָדנע.

יידן האָבן שוין דעמלט — חוץ טראָק און גראָדנע — געוווינט אין די ליטווישע, ליטוויש־ווייסרוסישע און ליטוויש־אוקראַינישע שטעט: פּאָנייוועזש, קיידאַן, קראַסנאַ, לוצק, האַליטש, באָלשאָוויעץ, זדובאָוויעץ, בריסק, וולאַדימיר און אַ ריי אַנדערע. אויך קאַראַימער האָבן געוווינט אין די דאָזיקע שטעט. זיי זענען נאָך דעמלט באַטראַכט געוואָרן און זיך געהאַלטן פאַר אַ טייל פון די יידן, פאַר אַ יידישע סעקטע.

שוין אין אָנהייב פון XV־טן י״ה האָבן די יידן געבילדעט אַ צאָלרייכן און גרונטיקן מאַסן־עלעמענט פון ליטעס באַפעלקערונג.

אין יאָר 1414 האָט באַזוכט ליטע אַ פראַנצויזישער רייזנדיקער גיל־בערט דע לאַננואַ,* וועלכער האָט צווישן אַנדערע איינדרוקן געשריבן אָט וואָס: „אין טראָק וווינען דייטשן, ליטווינער און אַ גרויסע צאָל יידן, און זיי האָבן אַלע באַזונדערע שפּראַכן... די יידן רעדן אין אַ שפּראַך, וואָס איז אַנ־דערש פון די דייטשן, ליטווינער און רוסן“.

די טראָקער יידן האָבן, הייסט עס, גערעדט נישט דייטש, נישט ליט־וויש און נישט רייסיש. עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן גערעדט טאַטאַריש־כוזריש

*Guillbert de Lannoy.

(די געבראַכטע פון קרים און פון די קאַספּישע געביטן); עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן גערעדט פּויליש, אָדער אַ געמישטן לשון.

עס איז ניכער אָנצונעמען, אַז אין XIV־טן און XV־טן י"ה האָבן די יידן אין ליטע און אין די שכנותדיקע ווייסרוסישע געביטן באַנוצט עטלעכע שפּראַכן, אַנטשפּרעכנדיק צו זייער אָפּשטאַם און געווים אויך מיט אַ סך צומישן פון אָרטיקע לשונות — ליטוויש און ווייסרוסיש.

די יידישע באַפעלקערונג אין ליטע האָט זיך אין XIV־טן און XV־טן י"ה באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, סעדעריי, גערטנעריי, בהמות־צוכט, מלאכה, מסחר, אַרענדעס פון מלוכה־הכנסות און אין אַ גאַנץ קליינער מאָס מיט וווכער. די גרונט־מאַסע פון דעם ניי־אַנטשטאַנענעם ליטוויש־ווייסרוסישן יידישן ישוב איז געווען אַן אָרעמע. די צאָל רייכע יידן איז געווען אַ מינימאַלע; זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אין די דריי וויכטיקסטע שטעט, בריסק, גראָדנע און טראָק. די סאַמע רייכסטע זענען געווען די יידן אַרענדאַרן פון מלוכה־הכנסות, אָדער פון די שטייערן פון די יידן. אויך צווישן די סוחרים איז געווען אַ רייכער עלעמענט, בפרט דער, וואָס האָט געפירט א ברייט־פאַרמאָסטענעם האַנדל מיט שטעט מחוץ דער ליטווישער מדינה. וויטאָלד שטיצט שטאַרק די אַנטוויקלונג פונעם יידיש־ליטווישן מסחר, בפרט דעם אויסערלעכן. יידישע סוחרים זענען געווען צווישן די פּיאָנערן פון דעם האַנדל ליטע—פּוילן, ליטע—פּרייסן און ליטע—שלעזיע. צוזאַמענסטן שטערונגען זענען געלעגן אויפן וועג פון דעם מסחר ליטע—פּרייסן. דער קרייץ־ריטער־אָרדן, הגם ער איז נאָך דער גרונוואַלדער מפּלה אַרוים מיליטעריש מיט אַ צעבראָכענעם רוקן־ביין, איז נאָך אָבער נישט געווען אינגאַנצן צעשמעטערט און האָט גערודפט דעם יידיש־ליטווישן האַנדל. וויטאָלד האָט תיכף אָנגעווענדט רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די פּרייסיש־דייטשישע סוחרים, וואָס פלעגן קומען האַנדלען אין ליטע. וויטאָלד איז נישט אויסן געווען צו העלפן ספּעציעל די יידן, נאָר ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין שיצן מיט כוח דעם אויסערלעכן מסחר פון ליטע, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך ליטווישע יידן. אין אָנגעזיכט פון וויטאָלדס דעצידירטער שטעלונג האָט דער קרייץ־ריטער־אָרדן דערוויייל אויפגעהערט זיינע שטערונגען פאַר די יידישע סוחרים פון ליטע.

די יידישע סוחרים האָבן פאַרקניפּט די ערשטע האַנדלס־באַציונגען צווישן ליטע און שלעזיע. אין יאָר 1390, למשל, איז קיין קאַמעניעץ אין פּאָדאָליע, וואָס האָט געהערט צו דער ליטווישער מדינה, געקומען אַ יידישער סוחר פון ווראָצלאַוו מיטן נאָמען קלעמענס (אַזוי פיגורירט ער אין

די אַקטן). באַזונדערס גרויס איז געווען ביי די יידיש-ליטווישע סוחרים דער האַלץ-מסחר, בפרט דער האָלץ-עקספּאָרט.

וועגן דעם פאַרנעם פון דער יידישער מלאכה אין ליטע וועט נאָך זיין א רייד שפּעטער.

די יידן זענען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם גרויסן היסטאָרישן נצחון פון פוילן—ליטע איבערן דייטשישן קרייץ-ריטער-אָרדן אין יאָר 1410, הינטער גרונוואַלד. דער עווענטועלער זיג פון דעם אָרדן וואָלט באַטייט פאַר די יידן אַ שוואַרצע צייט, אַ זיג פון דער דייטש-פעאָדאַלער פּאָליטיק פון גזירות, רדיפות און גירושים. אדאנק דעם גרונוואַלד-נצחון האָט א פרישע מאַסע דייטשישע יידן געקאָנט מיט אַ זיכערקייט-באַוווסטזיין זיך באַזעצן אין ליטע אָן דער מורא טאָמער דעריאָגט זיי די שווערד פון די צוררי היהודים פון דייטשלאַנד.

ביזן מיטן פון XIV-טן י"ה זענען די יידן אין ליטע נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט. דערנאָך טרעטן שוין דאָ אויף די יידישע קהלות ווי אָרגאַני-זירטע קאָלעקטיוון. אין שפּיץ פון יעדער קהלה איז געשטאַנען אַ סעניאָר (אַ ראש), וועלכער איז געווען רעפּרעזענטאַנט כלפּי חוץ און האָט צעלייגט די שטייערן צווישן די יידן. אין די קהלות זענען אויך געווען רבנים.

שוין אין וויטאָלדס צייטן הייבט זיך אָן אויסצופּיקן אַ געוויסע קאָנ-צענטראַציע פון אַלע קהלות אין מדינת ליטע. דאָס איז געשען אַדאַנק דעם, וואָס דער דאָזיקער גרויספירשט האָט אַוועקגעגעבן די אַרענדע פון די שטיי-ערן פון דער יידישער באַפעלקערונג דעם ייד שכנא (שאַניע). אַזוי אַרום איז דאָס איינמאָנען די שטייערן פון די יידן קאָנצענטרירט געוואָרן אין די הענט פון איין פּערזאָן, פון איין ייד, וועלכער באַקומט אַ גרויסע פיסקאַלע און ממילא פּאָליטישע מאַכט איבער דער יידישער באַפעלקערונג און אין וועלכן דער גרויספירשט זעט נישט בלויז אַ נוצלעכן מאַן פאַר זיך, פאַרן מלוכה-אוצר, נאָר אויך אין אַ געוויסן זין אַ פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג; דער דאָזיקער פאָרשטייער איז, פאַרשטייט זיך, אַן אָנגע-וואָרפענער און נאָמינירטער פון אויבן. וויטאָלד האָט דעם שטייערן-אַרענ-דאַר שכנא געשענקט צוויי דערפער אין וולאַדימירער קרייז.

אין דער לעצטער צייט פון וויטאָלדס הערשאַפט פאַרגרעסערט זיך די צאָל יידן באַשעפטיקטע אין כלערליי אַרענדעס. יידן אַרענדירן די שטעלעס פון גרענעץ-צאָלן, פאַרשידענע שטייערן און אָפּצאָלן, ספּירט-ברענערייען און קרעטשמעס (סיי ביי דער מלוכה, ד. ה. ביים גרויספירשט, סיי ביי די גרעסערע פעאָדאַלן). אַזוי אַרום אַנגאַזשירט זיך דער אַרענדע-קאַפּיטאַל

אויך אין אינוועסטיציעס און בווּגג פון אינדוסטריעלע אָביעקטן (ברוי‑ רייען, ספּירט‑ברענערייען, מילן, בריקן וכדומה).

די יידישע גענעראַלע שטייערן‑אַרענדאַרן הייבן אָן מיט דער צייט צו שפּילן אַ פּאָליטישע ראָל נישט בלויז אין די ד׳ אמות פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך אין דער ליטווישער מדינה בכלל. למשל ווען שוויד‑ ריגאַיללאָ (דער קריסטלעכער נאָמען — זיגמונט), וויטאָלדס נאָכפאָלגער אלס ליטווישער גרויספירשט (1430—1440), שטעלט זיך אקעגן דער איינ‑ שלינג‑פּאָליטיק פון די פּוילישע פעאָדאַלן און דער אינקאָרפּאָרירונג פון וואָלין און פּאָדאָליע אין פּוילן, זוכט ער צווישן אַנדערע אַן אָנשפּאַר אויך ביי די צוויי יידישע שטייערן‑אַרענדאַרן אין מדינת ליטע — שכנא פון וואָ‑ לאָדימיר און יוסף (יאָסעק) פון בוסק. די יידישע שטייערן‑אַרענדאַרן פאַרנע‑ מען אין דער יידישער געזעלשאַפט און ליטע אין יענער עפּאָכע פּאָזיציע, ווי די גרויסע קריסטלעכע מאַגנאַטן אין פּוילן און ליטע בכלל.

אָבער די ברייטסטע מאַסן יידן לאַנדווירטן, בעלי מלאכות, סוחרים, זענען צום פּאָליטישן לעבן פון לאַנד נישט צוגעלאָזט געוואָרן. דערפאַר האָט זיך די לאַגע אין דער ליטווישער מדינה אין יענער צייט אויסגעצייכנט דער‑ מיט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג, הגם זי האָט אין איר רוב בנין ומנין געפירט אַן אָרעם לעבן, האָט זי אָבער גענאָסן פון פולער זיכערקייט און פון ברייטע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען אַ ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אין אַלע געביטן. די פּאָליטיק און די געזעצגעבונג פון דעם וויכטיקסטן ליטווישן הערשער פון יענעם פעריאָד, פון וויטאָלדן, איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו באַגינסטיקן די זיכערקייט און אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעל‑ קערונג אינעם לאַנד.

קאַפּיטל דריי

# די געזעגענונג פונעם גרויספירשט וויטאָלד פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע

לויטן מוסטער פון אַנדערע פעאָדאַלע לאַנד=הערשער פון מיטלאַלטער האָט אויך דער גרויספירשט פון ליטע וויטאָלד אַרויסגעגעבן סטאַטוטן פאַר די יידן פון זיין מדינה. וויטאָלדס סטאַטוטן זענען פון איין זייט געווען אַ דערמוטיקונג, אַז די יידן זאָלן זיך באַזעצן אין זיין לאַנד און אַנטוויקלען אַנטשפּרעכיקעווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן; און פון דער צווייטער — שאַפן זיי אין אַ געוויסן זין אַ בילד פון דעם ווירטשאַפטלעך=פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מדינת ליטע. אַז די ליטווישע סטאַטוטן האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו דערמוטיקן די יידן צו באַזעצן זיך אין ליטע און צו פאַרנעמען זיך מיט באַשטימטע נייטיקע פאַרן לאַנד פּראָצעסיעס, זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס די סטאַטוטן האָט וויטאָלד אַרויסגעגעבן באַלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט. זיין ממשלה הייבט זיך אָן אין יאָר 1386, און שוין אין די יאָרן 1388 און 1389 זענען אַרויס זיינע פּריווילעגיעס פאַר די יידן אין ליטע.

וויטאָלדס סטאַטוטן זענען נישט קיין גענעראַלע, קיין אַלגעמיינע פאַרן גאַנצן לאַנד, אָדער פאַר אַ גאַנצער פּראָווינץ, ווי דאָס איז דער פאַל, למשל, מיטן קאַלישער סטאַטוט, אָדער מיט דעם באָלעסלאַוו=קאַזשימיעזש=סטאַטוט. דער ליטווישער גרויספירשט האָט די יידן=פּריווילעגיעס באַשטימט פאַר באַזונדערע שטעט: פאַר די יידן פון טראָק (דעם 24=טן יוני 1388), פאַר די יידן פון בריסק* (דעם 2=טן יולי 1388) און פאַר די יידן פון גראָדנע

* לויט דער מיינונג פון געוויסע נייע פאָרשער (למשל: שמואל עטינגער) איז די בריסקער פּריווילעגיע געווען באַשטימט פאַר אַלע יידן אין ליטע.

(דעם 16־טן יוני 1389). צווישן דער טראָקער און בריסקער יידן־פּריווילע־גיע פון איין זייט און דער גראָדנער פון דער צווייטער איז פאַראַן אַן אונ־טערשייד. די ערשטע געפינען זיך אונטערן איינפלוס פון די פּוילישע יידן־סטאַטוטן און שפּיגלען ווייניקער אָפּ די פּאַקטישע ווירטשאַפטלעך־פּראָפע־סיאָנעלע סטרוקטור פון די ליטוויש־רייסישע יידן. דער גראָדנער יידן־סטאַ־טוט איז איינגאַנצן עפּעס נייעס, אַן איינציק וואָגיקע דערשיינונג אין דער גאַנצער געזעצגעבונג לגבי יידן אין ליטע און אין פּוילן.

אָבער הגם וויטאָלדס יידן־סטאַטוטן זענען געווען באַשטימט פאַר קאָנ־קרעטע שטעט, האָבן זיי אָבער פּאַקטיש געדינט ווי א פּראַקטישע ווע־ווייזונג פאַר גאַנץ מדינת ליטע.

די ליטווישע סטאַטוטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען דער אויסדרוק נישט בלויז פון וויטאָלדס פּאָליטיק, נאָר פון דער פּאָליטיק פון דער גאַנצער ליטווישער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע. למשל אין דער גראָדנער יידן־פּריווילעגיע ווערט בפירוש באַטאָנט די אָנוועזנהייט פון די גרויסע שררות פון ליטע: דער לוצקער וואָיעוואָדע פירשט פיאָדאָר, די מי־ליטער־פירער רימאַן און זשיקמאָנט און אַנדערע „עדות, וואָס פאַרדינען צוטרוי".

פאַרעפנטלעכט זענען די ליטווישע יידן־סטאַטוטן געוואָרן אין פּויליש און ווייסרוסיש (דער אָריגינאַל פון דער טראָקער פּריווילעגיע איז געווען אין פּויליש, און עס איז אויך געווען א ווייסרוסישע איבערזעצונג; די גראָדנער איז לכתחילה געווען אין ווייסרוסיש). מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז די אָפיציעלע מלוכה־שפּראַך פון דער ליטווישער מדינה איז געווען ווייסרוסיש. אַלע קאָדעקסן זענען געווען אין דער ווייסרוסישער שפּראַך. בכלל איז דאָס מיליטעריש זיגערישע ליטע פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער העכערער ווייס־רוסישער קולטור. שפּעטער וועט די הערשנדיקע קולטור פון די פעאָדאַלע שיכטן אין ליטע ווערן די פּוילישע.

וויטאָלדס סטאַטוט פאַר די טראָקער יידן האָט זיי גאַראַנטירט פּער־זענלעכע זיכערקייט און שוץ, פרייע באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד, פולע רעכט פון מסחר און קרעדיט־אָפּעראַציעס, באַשיצונג פון יידישן גלויבן און פון דעם עפנטלעכן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די יידישע סוחרים ווערט פאַרזיכערט, אַז זיי זאָלן צאָלן דעם זעלביקן אָפּצאָל פאַר זייערע סחורות ווי נישט־יידן. אַ קריסטלעכער שכן, וואָס רעאַ־גירט נישט מיט גלייך קומען צו הילף אויפן רוף פון אַ יידן ביינאַכט, ווערט באַשטראָפט פונקט ווי פאַר גנבה. אַ קריסט, וואָס נעמט צו ביגוואַלט אַ מש־

כון, אַ פֿאַרזעצטן ביי אַ יידישן קרעדיטאָר, ווערט טראַקטירט ווי אַ פֿאַר־ברעכער, וואָס רייסט זיך אַריין אין דעם מלוכה־אוצר. יידן ווערן באַשיצט קעגן דעם בלבול פֿון פֿראָדוצירן פֿאַלשע מטבעות. פֿאַר דערהרגענען אַ ייד ווערט אַ קריסט פֿאַרמשפּט לויט די געזעצן פֿון לאַנד, און זיין גאַנץ פֿאַר־מעגן ווערט קאָנפֿיסקירט לטובת דעם פֿירשטס אוצר. שטרענגע שטראָפֿן ווערן פֿאָרויסגעזען פֿאַר פֿאַרגוואַלטיקן יידישע פֿרויען. דער פּאַראַגראַף 32 פֿונעם סטאַטוט באַוואָרנט די יידן קעגן אַ בלוט־בלבול. דער סטאַטוט שטייט אויפֿן פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, אַז די באַשולדיקונג, בכן יידן באַנוצן מענטשלעך בלוט, איז אַ בבא מעשה. אָבער אויב אַ ייד וועט דאָך ווערן אָנ־געקלאָגט אין דערהרגענען אַ קריסטלעך קינד, מוז אַזאַ באַשולדיקונג ווערן באַוויזן דורך 6 עדות, דריי קריסטן און דריי יידן. אין פֿאַל, ווען די באַשול־דיקונג וועט זיך אַרויסווייזן פֿאַר אַ ליגן, דאַרף דער קריסטלעכער בלבול־וואַרפֿער באַקומען די זעלבע שטראָף, וועלכע עס וואָלט באַקומען דער ייד, ווען זיין שולד וואָלט יאָ דערוויזן געוואָרן.

די ווייטערדיקע פּאַראַגראַפֿן פֿונעם טראָקער סטאַטוט באַשיצן די יידי־שע בית־עלמינס. פֿאַר שעדיקן אַ יידישן בית־עולם באַקומט אַ קריסט אַ שטראָף לויט די לאַנד־געזעצן, און חוץ דעם ווערט קאָנפֿיסקירט זיין פֿאַר־מעגן. אויך די יידישע שולן ווערן געשיצט לויטן געזעץ. ווייטער ווערט באַ־טאָנט די וויכטיקייט פֿון דער יידישער שבועה ווי אַ באַווייז־מיטל. אָבער נישט יעדער יידישער עדות איז באַגלויבט. אָנגעמבאַר איז יענער יידישער עדות, וואָס איז טריי דעם יידישן דת (אין ווייסרוסיש: „קאַטאָרי האָברע כאָוואַל זאַקאָנע סוואָיע").

דער טראָקער סטאַטוט גיט די יידן אַ באַדייטנדיקע אויטאָנאָמיע אין דער יורידיקציע — אין שטרייט־ענינים צווישן איין ייד און אַ צווייטן. אינעם פּאַראַגראַף 19 פֿונעם סטאַטוט ווערט געזאָגט: „אויב אַ ייד געפֿינט זיך אונטער אַ חשד, אַז ער איז באַגאַנגען פֿאַרברעכערישע מעשים און ער האָט זיך נישט געקאָנט ריינוואַשן פֿאַר די מיטגלידער פֿון זיין קהלה, און אויב די יידן האַלטן אים אויפֿן גרונד פֿון נאָך אַן אַנדער געשעעניש פֿאַר אַ פּאַרשוין פֿון אַ צווייפֿלהאַפֿטיקער ערלעכקייט, דערלויבן מיר (דער גרויס־פֿירשט) די יידן צו באַהאַנדלען אים אַזוי ווי זייער רעכט פֿאָדערט."

פֿון דעם יידישן געריכט איז פֿאַראַן אַן אַפּעלאַציע צום פֿאָרשטייער פֿונעם גרויספֿירשט, דעם סטאַראָסטע.

ענלעכע באַשטימונגען ווי דער טראָקער סטאַטוט פֿאַרמאָגט אויך ווי־טאָלדס פּריווילעגיע פֿאַר די יידן פֿון בריסק.

ווי מיר זעען, זענען די באַשטימונגען פון די טראָקער און בריסקער סטאַטוטן אין זייער מערהייט אַן איבערהזרונג פון די אונגרז שוין באַקאַנטע סטאַטוטן פון די פּוילישע מאָנאַרכן פאַר די יידן פון גרויספּוילן און קליינ־פּוילן — נאַטירלעך, מיט געוויסע קליינע ניואַנסן (למשל בנוגע דער ערלעכ־קייט און פּרומקייט פון יידישע עדות און אָנגעקלאָגטע). די טראָקער און בריסקער סטאַטוטן לייגן דעם טראָפּ אויפן יידישן מסחר און קרעדיט. דער מסחר איז באַזונדערס וויכטיק געווען פאַר דער יונגער ליטווישער מלוכה, און דער קרעדיט האָט זיך דאָ ערשט געפונען אין די וויקעלעך. און מחמת אָט דער באַגרענעצטקייט שפּיגלען נישט אָפּ די טראָקער און בריסקער סטאַטוטן דיווירקלעכע ווירטשאַפטלער־פּראָפעסיאָנעלע פאַרהעלטענישן ביי די ליטווישע יידן. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט שטייט אָן אַן ערך העכער ווי־טאָלדס סטאַטוט פאַר די גראָדנער יידן פון יאָר 1389.

דער גראָדנער סטאַטוט גיט אַ בונט און פאַרביק בילד פון יידישע פּראָ־פעסיעס אין דעמלטיקן ליטע. ווכער ווי אַ יידישע באַשעפטיקונג ווערט אין דעם דאָזיקן דאָקומענט אינגאַנצן נישט דערמאָנט, ער עקזיסטירט נישט ביי די גראָדנער יידן. זייערע הויפּט־באַשעפטיקונגען זענען: לאַנד־ווירטשאַפט, מלאכה, מסחר און צום טייל שענקעריי.

בנוגע לאַנדווירטשאַפט ביי די גראָדנער יידן איז כדאי צו באַמערקן, אז דער דאָקומענט רעדט סיי וועגן ייהן, וואָס ארבעטן שוין פון לאַנג אויף ערד, סיי וועגן יידן, וואָס ווילן זיך מיט דעם פאַרנעמען. דער גרויספירשט באַשטעטיקט די רעכט פון די גראָדנער יידן אויף זייערע אַלטע ערד־באַזיצן, און דאָס סיי אויף דעם באָדן, וואָס געפינט זיך אין שטאָט, סיי אויף די ערד־חלקים, וואָס ליגן מחוץ דער שטאָט. דער סטאַטוט רעדט בפירוש וועגן דער פליכט פון די יידן אַריינצוטראָגן באָדן־שטייער (אין געלט און אין נאַ־טור) אין דעם גרויספירשטס אוצר „פון זייער אַקער־ערד און לאָנקעס צו־גלייך מיט אַלע (קריסטלעכע) שטאָט־וווינער". די גראָדנער יידישע לאַנד־ווירטן האָבן, הייסט עס, פאַרמאָגט סיי אַקער־פעלדער, סיי לאָנקעס, און אויף זיי געאַרבעט און געפּאַשעט זייערע בהמות און שאָף. די דאָזיקע יידן האָבן דאָס רעכט צו אַרבעטן אויף זייערע פעלדער און צו קאָסיען היי, פּונקט ווי די קריסטן. אויך אויף די פעלדער און לאָנקעס, וואָס זיי וועלן איינקויפן, וועלן זיי האָבן די זעלבע רעכט.

אַ צווייטער טייל גראָדנער יידן האָט זיך פאַרנומען מיט כלערליי מלאכות. דער סטאַטוט גאַראַנטירט זיי דאָס רעכט אויסצופירן אַלע מינים מלאָכה אָן שום באַגרענעצונג (אין ווייסרוסיש: אי ווסאַקאָיע רעמעסלאָ

ראַבינער") . ברייטער וועלן אַרומגערעדט די רעכט פון די יידישע קצבים, וועלכע מעגן פריי איינקויפן, שעכטן און פאַרקויפן פלייש סיי אויפן שטאָט־מאַרק, סיי אין זייערע קלייטן; זיי מעגן האַנדלען מיט גאַנצע שטיקער בהמות, האַקן דאָס פלייש און פאַרקויפן שטיקלעכווייז. יידן מעגן זיך אויך פאַרנעמען מיט ספּירט־ברענערײַ.

דער מסחר פון די גראָדנער יידן — אין שפּיגל פון דעם גראָדנער סטאַטוט — איז געווען א פאַרשידנאַרטיקער און איז נישט געווען געפּענטעט מיט קיין שום באַשרענקונגען. די יידן האָבן געמענט זיך פאַרנעמען מיט מסחר אין קראָמען, אין גאַס, אויפן מאַרק, מיט לאָקאַליזירטן און וואַנדערנדיקן האַנדל. יידן האָבן געמענט האָבן שענקען.

וויכטיקע קאָנצעסיעס האָט וויטאָלד געמאַכט פאַר די אָביעקטן פון יידישן רעליגיעזן קולט. די גראָדנער שול און בית־עלמין זענען אויפן סמך פון דעם זעלביקן סטאַטוט באַפרייט געוואָרן פון מלוכה־שטייערן.

צום סוף גיט צו דער גראָדנער סטאַטוט: „און די גראָדנער יידן זאָלן אויך געניסן פון אַנדערע רעכט און פרייהייטן, ווי מיר (דער גרויספירשט וויטאָלד) האָבן פּראָקלאַמירט אין דער פּריווילעגיע פאַר די בריסקער יידן אין יאָר 1388".

דער גראָדנער סטאַטוט האָט נאָך אַ וויכטיקן באַדייט ווי אַ בילד פון יידישן אַרט לעבן, בפרט פון יידישן אַרט וווינען אין דער שטאָט. די יידן האָבן אין גראָדנע נישט געוווינט אין אָפּגעזונדערטע גאַסן און קוואַרטאַלן, נאָר אין נאָענטער און דירעקטער שכנות מיט קריסטן, אַפילו מיט באָיאַרן און קלויסטערס. זיי האָבן געבילדעט אַן עיקרדיקן — סיי אין צאָל, סיי אין ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט — עלעמענט פון דער שטאָט־באַפעלקערונג.

דאָס בילד, וואָס עס גיט אונדז דער גראָדנער יידן־סטאַטוט, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידישן לעבן און זיינע פאָרמען אין גאַנץ ליטע און ווייסרוסלאַנד. אין דער העלפט פון XV־טן י"ה האָט שוין דער ליטוויש־ווייסרוסישער יידישער ישוב געשאַפן אַ קאָמפּאַקטן קיבוץ מיט אַ מערהייט האָרעפּאַשנע יידן — יידן פּויערים, סאַדאָווניקעס, פּי־צוכטלער, כלעזמרי בעלי מלאכות, סוחרים, קרעמער און גאַסן־פאַרקויפער, גרויסע און קליינע אַרענדאַרן. עס איז אויפגעקומען אין מזרח־אייראָפּע אַ נייער יידישער ישוב מיט געזונטע פאָלקסטימלעכע שטריכן, וועלכער וועט אין דער נאָענטער צוקונפט אָפּשפּילן א וויכטיקע ראָל און וועלכער איז א לייבלעכער ברודער פון דעם יידישן ישוב אין פּוילן.

פערטער טייל

# די הוסיטישע באַוועגונג און די יידן פון טשעכיע און פּוילן

## קאַפּיטל איינס

# דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער מהות פונעם הוסיטיזם. די טאַבאָריטן.

אין דער ערשטער העלפט פון XV־טן י"ה האָט זיך איבער טשעכיע און אין א געוויסער מאָס אויך איבער פוילן, און בפרט שלעזיע, און אויך איבער אַנדערע שכנותדיקע לענדער, דורכגעטראָגן אַ מעכטיקע באַוועגונג, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען: הוסיטיזם — לויטן נאָמען פון איר גרינדער און מאַרטירער יאַן הוס. דאָס איז געווען די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע מאַסן־באַוועגונג אין מיטלאַלטער. לויט איר אָביעקטיוון כאַראַקטער איז דאָס געווען אַן אַנטיפעאָדאַלע באַוועגונג, און עס האָבן זיך אין איר פאַראייניקט נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־באַפרייערישע גרונט־עלעמענטן.

דאָס וויגעלע פון אָט דער באַוועגונג איז געווען טשעכיע. דאָס דאָזיקע לאַנד האָט זיך אין יענעם פעריאָד געפונען אונטער דעם שווערן יאָך פון דער דייטשישער לוקסעמבורגער דינאַסטיע, וועלכע האָט — אינעם אָנשפּאַר אויף דער קאַטוילישער קירך — אַלץ געטאָן, כדי דאָס לאַנד צו גערמאַניזירן. א גרויסער טייל פון דער גרויס־באַזיצערישער אריסטאָקראַטיע אין טשעכיע איז באַשטאַנען פון דייטשישע פעאָדאַלן. אינעם שטאָטישן פּאַטריציאַט איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער דייטשישער עלעמענט. די קאַטוילישע קירך פון טשעכיע איז געווען ענג פאַרבונדן אי מיט רוים, אי מיטן דייטשישן קאַטוליציזם. אַ קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט פון טשעכיע האָט באַטייט אַ מלחמה קעגן דער העגעמאָניע פון די דייטש־פעאָדאַלע כוחות, קעגן דער לוקסעמבורגער דינאַסטיע און קעגן דעם קאַטוילישן וועלט־צענטער אין רוים. מיט אָט דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער שטרעבונג פון טשעכישן פאָלק האָט זיך פאַרבונדן ביי די טאָפּלט אונטער־

טערדריקטע מאַסן, ביי די טשעכישע שטאָטישע פּלעבעיער און אָרעמקייט און ביים טשעכישן פויערטום, דער דראַנג צו סאָציאַלער דערלייזונג, צו צעשטערן דעם פעאָדאַלן יאָך און צו בויען אַ נייַ לעבן אָן אונטערדריקונג.

די שנאה פון די טשעכישע פאָלקס־מאַסן האָט זיך אויסגעקערעוועט נישט בלויז קעגן די דייטשישע פעאָדאַלן, נאָר אויך קעגן דער קאַטוילישער קירך, וועלכע איז געווען אַ טייל פון דעם אונטערדריקנדיקן און אויסנוצנדיקן, גרויסבאַזיצערישן פעאָדאַלן שיכט. די פאַראַכטונג צו דער קירך איז אויך אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס די קלויסטערס און אַ סך גייסטלעכע האָבן געזונקען אַלץ מער אינעם תהום פון דעמאָראַליזאַציע, פון קאָרופּציע און זנות. דער יידישער געלערנטער און פרייער גייסט פון יענער צייט, יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן, וועגן וועלכן עס וועט נאָך זיין געניער אַ רייד, האָט אין זיינע שריפטן אָנגעוויזן, צו וואָס פאַר אַ פאַרדאָרבנקייט עס זענען דערגאַנגען אין טשעכיע אַ סך קאַטוילישע גלחים, וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם אָבליגאַטאָרישן ביי די קאַטוילן ווידוי * פאַר צווינגען פרויען צו טרייבן מיט זיי, מיט די גלחים, זנות. געווען אַפילו אַזעלכע כומרים, וואָס האָבן אַחוץ אייגענע געליבטע געהאַט גוט־פראָפיטירנדיקע זנות־אונטערנעמונגען — הייזלעך מיט זונות. די שנאה צום קלער איז ביים פאָלק געווען זייער שטאַרק, און די צאָל גלחים און מאָנאַכן איז אין די מיטלאַלטער־צייטן געווען זייער גרויס. אָבער אויך צווישן זיי, צווישן די ערלעכע און מער דענקנדיקע פון זיי, איז אויפגעקומען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונג קעגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין די קירכן און קלויסטערס.

די אַנטיפעאָדאַלע באַוועגונג אין טשעכיע איז אויסגעוואַקסן אויפן גרונט פון דער ראַשיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות, פון דער מלאכה און מסחר אין לאַנד. פּראָג איז געווען איינע פון די סאַמע פאָרויס־גייענדיקע שטעט אין אייראָפּע צוליב אירווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, און אַדאַנק דעם אוניווערסיטעט, וועלכן עס האָט געשאַפן דער קייזער קאַרל IV און וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט — קעגן די כוונות פון זיינע גרינדער — אין אַ צענטער פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. טשעכיע איז געווען אַ טייל פון דער לוקסעמבורגער מלוכה, אין וועלכער עס זענען דעמלט געווען איינגעשלאָסן אויך שלעזיע, אַ טייל פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער, אין אַ געוויסער צייט אויך אונגאַרן. אָבער דעם בליענדיקן קערנער פון דער ווירטשאַפטלעך שטייגנדיקער מלוכה האָט געפרעסן דער קרעבס

---

* Spowiedź.

פון אַ טיפן קריזיס פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם. די שטאָטישע און דאָרפישע אָרעמקייט און אויך דאָס נידעריקע ריטערטום האָבן געלעבט אין נויט. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף די אינטעלעקטועלע קרייזן אין טשעכיע. צווישן אַ ריי טשעכישע געלערנטע פון פּראָגער אוניווערסיטעט האָבן זיך שטאַרק אָנגענומען די אידעען, וועלכע עס האָט געפּרעדיקט איינער פון די דעמאָלטיקע פּראָגרעסיווע גייסטער פון אייראָפּע, דזשאָן אויקליף* פון ענגלאַנד.

דזשאָן אויקליף, אַליין דערצויגן אויף דער אָפיציעל אָנגענומענער דורך דער קירך סכאָלאַסטישער טעאָלאָגיע, האָט דורכגעמאַכט אַ טיפן פּראָצעס פון רעווידירן די אַלטע איינגעפונדעוועטע קאַנאָנען און איז אַרויסגעטראָטן אין דער העלפט פון XIV י״ה מיט אַזעלכע טעזן, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דעם בנין פון דער אָפיציעלער, דורך דער קירך געבענטשטער מיטלאַלטערלעכער דאָגמאַטישער וויסנשאַפט; די דאָזיקע טעזן האָבן אַרויסגערוקט אויקליפן ווי דעם פאָן־טרעגער פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע, אַנטיקירכלעכע און אַנטיפעאָדאַלע עלעמענטן פון יענער צייט.

דזשאָן אויקליף איז געווען דער אידעאָלאָג פונעם קאַמף פון ענגלישן פאָלק קעגן די פּאָליטיש־ און גייסטיק־עקספּאַנסיאָניסטישע שטרעבונגען פונעם פּויפּסטום. דערמיט האָט זיך געבונדן אויקליפס רעליגיעז־אָפּאָזיציאָנעלע לערע, זיין אַרויסטריט קעגן דעם קולט פון די הייליקע, קעגן דער קאַטוילישער דאָגמאַטיק און פאַר אַ גרינטלעכער רעפאָרם פון דער פאַרגליווערטער און דעמאָראַליזירטער קירך. אויקליף האָט איינצייטיק אויסגעדריקט די הייסע שטרעבונג פון אונטערדריקטן פּויערטום אַראָפּצוואַרפן דעם יאָך פון די פעאָדאַלן. אויקליף האָט געשטיצט דעם אַנטיפעאָדאַלן קאַמף פון ענגלישן פּויערטום און — אין הסכם מיטן גייסט פון זיין צייט — געפּרעדיקט די פאַרווירקלעכונג פון די אידעאַלן פונעם אורשפּרינגלעכן קריסטנטום. אויפן סאָציאַלן מאָמענט פון אויקליפס לערע האָבן זיך אָנגעשפּאַרט די פירער פון די ענגלישע פּויערים־אויפשטאַנדן, און בתוכם דער באַרימטער אַנטיפעאָדאַלער קעמפער דזשאָן בעל.

אין הסכם מיט זיין גאַנצער פאָרגעשריטענער אידעאָלאָגיע האָט אויקליף אויך געפּרעדיקט אַ מענטשלעכע באַציונג צו די ייִדן. אויקליף האָט געלערנט זיינע אָנהענגער: די ייִדן געהערן צום מענטשלעכן מין פונקט ווי

---

* John Wycliffe.

אַלע בני אדם, און דעריבער טאָר מען נישט אָנווענדן לגבי זיי קיין גוואַלט־אַקטן, מען דאַרף זיך באַציען צו זיי אַזוי ווי צו אַלע אַנדערע פעלקער.

אוויקליפס אידעען האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן די אָפּאָזיציאָנעל־געשטימטע געלערנטע־קרייזן אין מערב־ און מיטל־אייראָפּע. זיי האָבן אויך דערגרייכט קיין פּראָג, אין די קרייזן פון דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, און האָבן שטאַרק באַווירקט איינעם פון די שטאַרקסטע און קריסטאָל־ריינסטע טשעכישע פּערזענלעכקייטן — יאַן פון הוסינצע, אָדער יאַן הוס (אַרום 1371—1415), וועלכער איז אין יאָר 1402 געווען רעקטאָר פון פּראָגער אוניווערסיטעט. יאַן הוס, איינער פון די גרעסטע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון טשעכישן פאָלק, איז אויך געווען אַ געלערנטער טעאָלאָג; ער האָט זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע אידעאַלן, אַ דעציזירטער קעגנער פון דייטשישן עקספּאַנסיאָניזם און אַ פריינד פון פאָלק. אוויקליפס לערע האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו די שטימונגען פון יאַן הוס און פון זיין סביבה. הוס נעמט אין יאָר 1402 פריידיקן בפרהסיה פון דער אוניווערסיטעט־קאַטעדרע אָפּאָזיציאָנעלע אַנטי־קירכלעכע און נאַציאָנאַל־באַפרייערישע געדאַנקען. זיינע אידעען נעמען זיך שנעל אָן צווישן דעם טשעכישן פאָלק. אין דעם אָפיציעלן קאַטוילישן לאַגער ברעכט אויס אַ שטורעם. דער דייטשישער קייזער זיגמונט לוקסעמבורג (אין די יאָרן 1411 — 1437 ; ער איז נאָך פריער, זינט 1387 געווען אונגאַרישער קיניג) טאָלערירט לכתחילה די טעטיקייט פון יאַן הוס, האָפנדיק, אַז ער וועט עס קאָנען אויסנוצן אין זיין קאָנקורענץ־קאַמף קעגן רוים. אָבער ווען ער איבערצייגט זיך, אַז הוס גראָבט טיפער און שטרעבט צו באַזייטיקן די הערשאַפט פון דייטשישן קייזערטום, פאַראייניקט זיך לוקסעמבורג מיט די שפּיצן פון דער קאַטוילישער קירך. אין יאָר 1415 ווערט יאַן הוס פאַרנאַרט דורך אַן „אייזערנעם בריוו" פונעם קייזער זיגמונט אויפן קאָנציל פון די העכסטע קאַטוילישע גייסטלעכע אין קאָנסטאַנץ, כלומרשט אָנטיילצונעמען אין אַן עפנטלעכן דיספוט איבער זיינע כופרישע לערעס. נאָכדעם ווי ער זאָגט זיך אָפּ אין קאָנסטאַנץ צו רעזיגנירן פון זיי, ווערט הוס פאַרשפּאַרט אין תפיסה און באַרמשפּט דורך אַן אינקוויזיציע־טריבונאַל צום טויט. ער ווערט פאַרברענט אויף אַ שייטער־הויפן; דאָס אַש פון דעם פאַרברענטן גוף ווערט אַריינגעוואָרפן אין די וואַסערן פון ריין. די לעצטע ווערטער פון יאַן הוס קלינגען: „פּראַוודאַ ווי‌טעזשי" (טשעכיש) — דער אמת וועט זיגן.

אויף אַן אינקוויזיטאָרישן שייטער־הויפן פאַרענדיקט דאָס לעבן אין

יאָר 1416 אויך דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון יאַן הוס — היעראָנימ
פון פּראָג (יעראָנימוס). היעראָנים איז געגאַנגען צום טויט מיט אַ גרויסער
אינערלעכער קראַפט, טיף איבערצייגט אין דעם אמת פון דער נייער לערע.

די פּעולה פון די דאָזיקע שייטער־הויפנס איז אָבער געווען פּונקט אַ
פאַרקערטע, ווי דאָס האָבן זיך גערעכנט די שפּיצן פון דער קאַטוילישער
קירך. דאָס פאַרברענען הוסן איז געווען אַ סיגנאַל צם אויסברוך פון לאַנג־
דויערנדיקע פאַרביסענע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעז־אָפּאָזיציאָנעלע
קאַמפן. דער הוסיטיזם אין זיין ראַדיקאַלער פאָרם ווערט די רעוואָלוציאָנערע
אידעאָלאָגיע פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן אין אייראָפּע. טשעכיע
ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַרענע פון לאַנגיאָריקע פאַרביסענע מלחמות
און קלאַסן־שלאַכטן. אָבער די הוסיטישע באַוועגונג איז נישט געווען קיין
איינהייטלעכע, פּונקט ווי ס׳איז נישט געווען איינהייטלעך איר סאָציאַלע באַ־
זע. אין דער הוסיטישער באַוועגונג האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט צוויי
הויפּט־ריכטונגען. די טשעכישע מיטעלע פעאָדאַלן און שטאָטישע פּאַטרי־
ציער האָבן געשאַפן דעם רעפאָרמיסטישן פליגל פון דער באַוועגונג. די
רעפאָרמיסטן — אָדער ווי זיי ווערן לויט דער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע
אָנגערופן „אוטראַקוויסטן“, אָדער „קאַליקסטינער“ — האָבן אַרויסגערוקט
דעם פאָלגנדיקן פּראָגראַם: די ביבל דאַרף מען פאַרשטיין ווערטלעך (ד. ה.
מיט אַלע נסים און נישט אַלעגאָריש, נישט ראַציאָנאַליסטיש); דער קלער
טאָר נישט האָבן קיין גיטער, דער קלער טאָר נישט פאַרנעמען קיין באַצאָלטע
פּאָסטנס; די ליטורגישע שפּראַך דאַרף זיין טשעכיש. דאָס איז געווען אַ
פּראָגראַם פון די מיטעלע טשעכישע פעאָדאַלן, וועלכע האָבן געשטרעבט
צו פאַרגרעסערן זייער ערד־באַזיץ אויפן חשבון פון דעם גרויסבאַזיצערישן
קלער און צו ווערן דער אמתער באַלעבאָס אין טשעכיע אין מלוכהש־אַדמי־
ניסטראַטיוון זין, אַזוי ווי די שליאַכטע אין פּוילן. אין דער זעלביקער ריכ־
טונג זענען געגאַנגען די פּאָליטישע שטרעבונגען פונעם טשעכישן שטאָטישן
פּאַטריציאַט, וועלכער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די לאַסטן לטובת דער
קירך און האָט קאָנקורירט מיט די דייטשישע האַנדלס־שטעט. בנוגע דעם
ריטואַל האָבן געשטרעבט די מיטעלע פעאָדאַלן און פּאַטריציער אים צו
פאַרלייכטערן און אויך צו פאַרטשעכישן די קירך (באַזייטיקן לאַטיין
און דייטש). קיין שום פּראָגראַם פון סאָציאַלע רעפאָרמען האָט אָט דער
לאַגער נישט אַרויסגערוקט. אין דער אויסערן־פּאָליטיק האָבן געשטרעבט די
דאָזיקע באַזיצערישע עלעמענטן צו אַ דערנענטערונג מיטן קאַטוילישן פּוילן
קעגן דער העגעמאָניע פונעם דייטשישן קייזערטום. אין דער אינערן־פּאָלי־

טיק זענען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַנטיפעאָדאַלער בונט־כוואַליע פון די פאָלקס־מאַסן, און ווען די רעפאָרמיסטן האָבן געזען, אַז די מאַסן וועלן זיך זיי נישט אונטעראָרדענען, נאָר אַז זיי שפּאַנען דעצידירט פאָרויס, איז ביי זיי גובר געווען דער קלאַסן־מאָמענט און זיי האָבן זיך סוף כל סוף פאַרבונדן מיט רוים און מיטן קייזער — קעגן די סאָציאַל־עקסטרעמע עלעמענטן פונעם הוסיטיזם און ממילא קעגן דער פולשטענדיקער פרייהייט־פּערספּעקטיוו פון טשעכישן פאָלק.

דער צווייטער לאַגער פונעם הוסיטיזם זענען געווען די טאַבאָריטן; דער דאָזיקער נאָמען נעמט זיך דערפון, וואָס זייער צענטער איז געווען אַ באַרג אין דרום־טשעכיע, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן מיטן ביבלישן נאָמען תבור (טאַבאָר). מיטן געזאַנג פון דבורה הנביאה אויף די ליפּן, וועלכע האָט גערופן די אַמאָליקע בני ישראל, די אונטערדריקטע דורך די שונאים, צו זאַמלען זיך אויפן באַרג תבור, האָבן צענדליקער טויזנטער טשעכישע פּויערים און שטאָטישע אָרעמקייט געפּילגערט צום באַרג טאַבאָר; שוין אין יולי 1419 האָבן זיך דאָ געפונען 40 טויזנט באַוואָפנטע עולי רגל. אומעטום האָט אָפּגעהילכט דאָס ליד: „פאַרלאָזן די דערפער און ישובים, קלייבן זיך גאָטס מחנות אויפן טאַבאָר און אויף אַנדערע בערג, אין שטילן גלויבן, אין פריינדשאַפט, אין ברידערלעכער איינייקייט; זיי האָבן צווישן זיך געטיילט ווער אַן איי, ווער אַ טרוקן שטיקל ברויט“. די טאַבאָריטן האָבן זיך רעקרוטירט פון דער אָרעמקייט פון שטאָט און דאָרף, פון בעלי מלאכות, טאָגאַרבעטער, קליינהענדלער, פּויערים, אויך פון די פאַראָרעמטע קליין־באַזיצערישע און רואינירטע טשעכישע אַדל־לייט און פון נידעריקן, נאָענט צום פאָלק שטייענדיקן קלער. די טאַבאָריטן זענען געווען די סאַמע קאָנסעקווענטסטע אויסדריקער פונעם הוסיטיזם און זענען אין אַ ריי הינזיכטן געגאַנגען אַ סך ווייטער פון יאַן הוס אַליין. צו די טאַבאָריטן זענען צוגעשטאַנען אַלע אומצופרידענע און אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן, די יתר הפליטה פון די פריערדיקע באַוועגונגען — פון די וואַלדענסן, דולטשיניאַנער און בעגאַרדן. אַלע באַגערן און האָפענונגען פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמקייט, פון קליינע גלחים און איידעלע בונטאַרע גייסטער, האָבן געפונען זייער תיקון אין דעם לאַגער און אין דער אידעאָלאָגיע פון די טאַבאָריטן. די אַלע עלעמענטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די ווירקונגען פון די פאַרשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען, און אונטער די אַלע השפעות האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ריזיקע באַוועגונג, וועלכע איז טאַקע צוליב די פאַרשידענע אידעאָלאָגישע איינפלוסן געווען צעריסן אין אַ ריי

אידעישע גרופּן, אָבער אַמ די צעריסנקייט איז פאַרשוואונדן, ווען אין יאָר 1420 האָט דער דײַטשישער קייזער אײַנגעגעם מיט די קאַטוילישע פירשטן און מיטן פּויפּסט אָרגאַניזירט אַ קרייץ-צוג קעגן דער טאַבאָריטישער באַוועגונג, וועלכע האָט געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון טשעכיע, פאַר אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג און פאַר בטל מאַכן די רעליגיעזע דאָגמאַטיק און די הערשאַפט פון דער קירך.

אינגעם לאַנגער אויפן בארג טאַבאָר זענען געמאַכט געוואָרן פּרוון צו קאָלעקטיוויזירן דאָס אייגנטום פון די אָנטיילנעמער פון דער באַוועגונג.

די טאַבאָריטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם קולט פון די הייליקע, די הייליקע בילדער, די תעניתים. זייער לאָזונג איז געווען: „מיר דאַרפן נישט קיין שום תפילות און מעסעס". אין זייער וועלט-אָנשויונג האָבן זיי זיך דערנענטערט צום ראַציאָנאַליזם. גרופּנווייז און מהנותווייז זענען זיי באַפאַלן די קלויסטערס און זיי אונטערגעצונדן. טשעכישע פּויערים און בעלי מלאכות, בתוכם אַ סך פרויען, באַוואָפנט מיט אַליין-פּראָדוצירטן פּרימיטיוון שיס-געווער און צעפּעס, זענען אָנגעפאַלן אויף די שלעסער און הויפן פון דײַטשישע פעאָדאַלן. באַזונדערס פאַנאַטישע און פאָלקס-פײַנטלעכע מאָנאַכן האָבן זיי געברענט אויף שייטער-הויפנס, ווי די פאַרטרעטער פון אַנטיקריסט, פונעם טייוול. זיי האָבן געריסן הייליקע בילדער און זיי געטראָטן מיט די פיס, צעשטערט און געברענט די בילדער און געצן פון קריסטום. זיי האָבן אויסגעקליבן אייגענע פּריסטער (למשל מיקולאַש), וועלכע זענען געווען אַגיטאַטאָרן פאַרן ראַדיקאַלן טאַבאָריטישן געדאַנק. די עקסטרעם-לינקע עלעמענטן פון די טאַבאָריטן האָבן אַרויסגערוקט אַ פּראָגראַם פון איבערבויען די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף נייע יסודות, אויף יסודות פון קאָלעקטיווער אַרבעט.

די עקסטרעמע טאַבאָריטישע פירער האָבן געפּרעדיקט, אַז אין דער קינפטיקער געזעלשאַפט וועלן נישט זיין קיין הערשער, קיין מענטש וועט נישט אונטערדריקן דעם צווייטן, עס וועלן פאַרשווינדן די שטייערן, אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך און וועלן לעבן ווי ברידער און שוועסטער. יעטוועדע פּריוואַט-אייגנטום וועט בטל ווערן. אַלץ וועט זיין געמיינזאַם. די אימפּעריע פון דער דײַטשישער לוקסעמבורגער דינאַסטיע וועט צעשמעטערט ווערן, און אויף אירע חורבות וועט אויפקומען דאָס אמתדיקע „מלכות שמים", די ריינע קיניגרייך פון גאָט, דאָס הייסט — די הערשאַפט פון פרייען פאָלק און די גלייכקייט פון אַלע מענטשן.

אין באַצוג צו אַנדערע פעלקער און אמונות האָבן די טאַבאָריטן אַרויס־ געוויזן די ווייטגייענדיקסטע טאָלעראַנץ און ברידערלעכקייט.

דעם אויבן אָנגעוויזענעם רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם האָבן די טאַבאָ־ ריטן געוואָלט פאַרווירקלעכן מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען, מיט „פייער און שווערד" (ווי דאָס ווערט באַטאָנט אין זייערע שריפטן). אין איינעם פון זייערע מאַניפעסטן האָבן די טאַבאָריטן דערקלערט: „עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון נקמה און די צייט פון אונטערגאַנג. עס קומט אָן דער טאָג, ווען די גאַנצע וועלט, די זינדיקע לייט און די קעגנער פון גאָט (ד. ה. די קאַטוילישע קירך און די קירכלעכע און וועלטלעכע פעאָדאַלן און אַנדערע אונטערדריקער פון פאָלק) וועלן ווערן אויסגעראָטן דורך פייער און שווערד, דורך הונגער און ווילדע חיות, דורך האָגל און טויט".

ביי דעם אינטעלעקטועלן עלעמענט פון די טאַבאָריטן איז אויפגעקומען אַ רייכע ליטעראַטור, וועלכע זאָגט עדות אויף דער אַנטוויקלונג פונעם פאָר־ שערישן און פרייען געדאַנק ביי אָט די פאָרשטייער פון דעם רעמלטיק; רעוואָלוציאָנערן לאַגער פון טשעכישן פאָלק. די טאַבאָריטישע ליטעראַטור איז רייך נישט בלויז מיט אַנטיקאַטוילישע פּאָלעמישע ווערק, נאָר אויך מיט פּראָגראַם־חיבורים פון פילאָזאָפישן און וועלט־איבערבויערישן כאַראַק־ טער. אין א ריי ווערק ווערט באַרירט דאָס יידן־פּראָבלעם, נאָר וועגן דעם וועט אויסקומען צו רעדן באַזונדער.

ווי געזאָגט, האָט דער דייטשישער און אונגאַרישער מאָנאַרך זיגמונט לוקסעמבורג צוזאַמען מיטן פויפּסט אָרגאַניזירט אַ קרייץ־צוג קעגן דער הוסיטישער משעכיע און דער עיקר קעגן די רעוואָלוציאָנערע טאַבאָריטן.

אין משך פון 14 יאָר האָבן די טאַבאָריטן אונטער דער מיליטערישער אָנפירונג פון יאַן זשיזשקאַ געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד און אַפּט־ מאָל גובר געווען די קריגס־כוחות פון דעם קייזער. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די טשעכישע באַפרייונגס־באַוועגונג אונטער דער טאַבאָריטי־ שער אָנפירונג זאָל אָפּהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון, ווען נישט דער פאַראַט פון די אוטראַקוויסטן — פון די טשעכישע פעאָדאַלע און פאַטריצישע בשרה־לייט. צווישן די אוטראַקוויסטן פון איין זייט און דעם קייזער און פויפּסט פון דער צווייטער איז געשלאָסן געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס: די טשע־ כישע פעאָדאַלן און פאַטריציער האָבן באַקומען צוויי זאַכן: די גיטער פון דער קירך אין טשעכיע זענען געשענקט געוואָרן די טשעכישע פעאָדאַלן און אין דער טשעכישער קירך איז איינגעפירט געוואָרן טשעכיש אַלס לי־ טורגישע שפּראַך. פאַר אָט דעם פּרייז זענען די אוטראַקוויסטן אַוועק פון

די טאַבאָריטן, איבערגעלאָזט זיי אַליין אויג אויף אויג מיט דער שטאַרקער אַרמיי פון דעם קרייץ=צוג. פּאַקטיש האָבן די אוטראַקוויסטן אַזוי אַרום אַרויסגעהאָלפן דעם קייזער און דעם פּויפּסט.

נאָך אַ געווינסן ווידערשטאַנד איז די טאַבאָריטישע אַרמיי ענדגילטיק צעקלאַפּט געוואָרן אין יאָר 1434 דורך צאָלרייכע קרייץ=צוג=מחנות, וועלכע זענען באַשטאַנען נישט בלויז פון דעם קייזערס מיליטער, נאָר אויך פון ערב=רב פון צלם=אַוואַנטוריסטן פון גאַנץ מערב=אייראָפּע.

די מפּלה פון די טאַבאָריטן איז געווען די מפּלה פון טשעכיעס אומאָפּהענגיקייט=קאַמף און דער סוף פון דער אַנטיפעאָדאַלער באַוועגונג פון די טשעכישע פּאָלקס=מאַסן. דאָס איז אויך געווען די מפּלה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנץ אייראָפּע.

צוזאַמען מיטן אויפשוווּנג פונעם הוסיטיזם איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסער שטראַל פון האָפענונג פאַר די טשעכישע יידן. די ענדגילטיקע מפּלה פון די טאַבאָריטן האָט באַטייט אַ געוואַלדיקע פאַרערגערונג פון דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טשעכיע.

## קאַפּיטל צוויי

# די יידן אין טשעכיע אין XV יאָרהונדערט

אינעם XV=טן י״ה האָט אין טשעכיע געלעבט אַ יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט געציילט לערך 25 טויזנט נפשות. דער ווייטגרעסטער טייל פון דער דאָזיקער צאָל איז באַשטאַנען פון אָרטיקע, טשעכישע יידן, וואָס האָבן געוואָרצלט אין לאַנד זינט לאַנגע דורות. חוץ זיי האָט זיך אין טשעכיע געפונען אַ קליינע צאָל דייטשישע, פוילישע, פּאָרטוגאַלישע (אָדער ווי מ'האָט זיי גערופן אין טשעכיע און אין פוילן — לוציטאַנישע), לעוואַנטינישע און איטאַליענישע יידן. די אָרטגעבוירענע טשעכישע יידן, ד. ה.— דער רוב בנין ומנין פון דעם יידישן ישוב אין טשעכיע, האָט גערעדט טשעכיש, די אימיגרירטע יידן האָבן באַנוצט די לשונות פון זייערע אַלטע היימלענדער. זיי האָבן גערעדט לשון אשכנז (אַלט=יידיש), פּאָרטוגאַליש אאוו. אין XV=טן י״ה האָט זיך לשון אַשכנז גענומען פאַרשפּרייטן אויך צווישן די אויטאָכטאָנישע טשעכישע יידן.

די גרעסטע מערהייט פון די יידן אין טשעכיע, די אויטאָכטאָנישע טשעכישע יידן זענען געווען אָרגאַניזירט אין אייגענע קהלות. איינצייטיק האָבן עקזיסטירט באַזונדערע קהלות פון דייטשישע און פון ספרדישע יידן. אין פּראָג זענען געווען דריי קהלות: פון טשעכישע, דייטשישע און ספרדישע יידן. אָבער די וויכטיקסטע איז געווען די טשעכישע קהלה, וועלכע האָט אַרויסגעשטראַלט איבער די יידישע קיבוצים פון גאַנצן לאַנד. די ליטורגישע און ליטעראַרישע שפּראַך פון די טשעכישע יידן איז געווען העברעיש, אָבער די אומגאַנג=שפּראַך איז געווען, ווי געזאָגט, טשעכיש. די באַרימטע כראָניק פון די טשעכישע יידן, די א.ג. ראמשאק=כראָניק*, וועלכע ווערט צוגעשריבן

---

* די דאָזיקע כראָניק פון דער פּראַגער יידישער קהלה, וועלכע נעמט אַרום אויך די הוסיטישע צייטן, ווערט באַצייכנט דורך איינעם פון אירע אַרויסגעבער, דעם יידיש=טשעכישן פאָרשער דוד פּאָדיעבראַד, אַלס „אוראַלטע“. זי איז געשריבן

דעם פּראָגער רב רבי משה ראמשאק, גיט איבער, אַז ווען אַ דעלעגאַציע פון די משעכישע יידן האָט זיך געווענדט צום קיניג, וועלכער האָט גערעדט דייטש, האָבן זיך די יידישע פאָרשטייער נישט געקאָנט מיט אים פאַר־שטענדיקן, ווייל זיי האָבן פארשטאַנען בלויז משעכיש.

די משעכישע יידן האָבן אין XV י"ה געווינט סיי אין דערפער, סיי אין שטעט. אין די העברעישע דאָקומענטן פון די משעכישע יידן פון יענער צייט און אויך פון XVI י"ה ווערן די דאָרפישע יידן אָנגערופן „יושבי כפרים" (די, וואָס זיצן אין די דערפער). דער ווייט גרעסטער טייל פון די דאָרפישע יידן אין משעכיע אין XV י"ה האָט געלעבט אין גרויס נויט און דחקות. יידן אייגנטימער פון ערד איז געווען זייער ווייניק. פונקט אַזוי איז געווען דעמלט אין משעכיע אַ מינימאַלע צאָל יידן אייגנטימער פון גערטנער און סעדער. די מערהייט פון די דאָרפישע יידן זענען געווען קליינע פּויערים, וואָס האָבן געאקערט זייערע, אָדער פרעמדע נחלות. א גרויסע אָרעמקייט האָט געהערשט אויך ביי די יידן פון די קליינע משעכישע שטעטלעך, וועלכע האָבן געטראָגן א האלב־לאנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער און געהערט צו קריסטלעכע פּעאָדאלן. די דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן האָבן זיך פּאַקטיש געפונען אין דער לאַגע פון לייבאייגענע פּויערים. זיי זענען געווען מחויב צו ארבעטן אומזיסט לטובת דעם פּריץ פונקט ווי די משעכישע פּויערים. אויסקויפן זיך פון פאנשטשיזנע האָבן זיי געקאָנט בלויז פאַר אַ הויכן געלט־אָפּצאָל, פון 100 ביז 140 טאָלער אַ יאָר. די דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן האָבן געהאַט אויסצוטראָגן, פונקט ווי די לייבאייגענע פּויערים, פאַרשידענע פעאָדאלע לאסטן סיי קאָלעקטיוו, ווי א יידישע קהלה, סיי אינדיווידועל. צו די געלט־צינשן האָבן געהערט די שטייערן פון מילכ־

---

אין א געמישטער שפּראַך, אין א געמיש פון משעכיש, תלמודישן העברעיש און לשון אשכנז (יידיש־דייטש, אלט־יידיש). די בראַניק איז צו אונדז נישט דער־גאַנגען אין אָריגינאַל. דער איצט באַקאַנטער טעקסט אירער שטאַמט פון א פּובליו־קאַציע פון דעם יידיש־משעכישן משכיל פון דעם ערשטן פערטל פון XIX־טן י"ה, מאַרקוס פישער. דער יידיש־משעכישער היסטאָריקער ס. ה. ליבען באַצווייפלט די אויטענטישקייט פון דער ראמשאק־כראָניק. מיר זענען אָבער אין דער מיי־נונג, אז ער איז זיך טועה. עס קאָן זיין, אז צוליב דעם אָפטן קאָפּירן די כראָניק האָבן זיך ארייגעכאַפּט, אָדער זענען ארייגעפירט געוואָרן באַוווסטזיניק אין איר געוויסע ענדערונגען, אָבער די גרונטיקע פאַקטן, וואָס ווערן געבראַכט אין דער כראָניק, זענען ריכטיקע, און זי קאָן דינען ווי אן ערשט־ראַנגיקער קוואַל צו דער געשיכטע פון די משעכישע יידן.

וואַרג, העריגג, פּלייש. צו די גאַמור־אָפּצאָלן האָבן געהערט, למשל, די פּראָ־דוקטן־מתנות, וואָס די יידן זענען געווען מחויב אריינצוטראָגן דעם פּריץ ערב דער קאַטוילישער חגא פון יעזוסעס געבורט (באָזשע נאַראָדזעניע).
צו די אַרבעטס־לאַסטן פון די דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן דאַרף מען פאַררעכענען: דאָס רייניקן דעם פּלאַץ פאַרן שלאָס פונעם פּעאָדאַל, האַקן האָלץ פאַרן פּריציש[ן] הויף, האָדעווען יאַגד־הינט פאַרן האַר. חוץ דעם זענען געווען ספּעציפישע יידישע אָפּצאָלן, למשל פאַרן עירוב.

אָבער די אלע שווערע פעאָדאלע לאסטן זענען געווען א קליינע צרה אין פארגלייך מיט די אלץ אָפּטערע גזירות פון ארויסיאָגן די יידן פון די דערפער און פון פארטרייבן זיי פון דער ערד. די פארטריבענע יידן זענען געגאַנגען אין די שטעט, ווו די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אויך געווען אַ שווערע. צווישן דער קלייגער צאָל פאַרבליבענע אין די משעכישע דערפער יידן האָבן זיך אויך געפונען יידישע ארענדארן פון פּריצישע גיטער, מילן, ברויערייען ומרומה.

די צאָל שטאָטישע יידן אין משעכיע פון XV י"ה האָט איבערגע־שטיגן די צאָל דאָרפישע. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען צעשפּרייט איבער א סך משעכישע שטעט און שטעטלעך. אין XV י"ה זענען שוין יידישע קהלות געווען אין די פאָלגנדיקע משעכישע שטעט: פּראָג, מעריש אָסטרע, אָלמיץ (אָלאָמוניעץ), איגלאַ, בודשפּיץ, גיי, קאָיעטיין, דרעזניץ, האָציפּלאָץ (אַ משעכיש־שלעזישע שטאָט), הראדיטש, מריבימש, יאמניץ, לייפּניק, קיניץ, קארמשוין, קרעמזיר, קאָסטעל, איוואַנמשיצע (אייבענשיץ), הלשוי (העללעשוי), ברזשעצלאַוו, ניקאָלסבורג און א ריי אנדערע.

די יידישע באַפעלקערונג אין די משעכישע שטעט, אין XV י"ה, איז ס'רוב באַשטאַנען פון ווייניקבאַמיטלטע און אָפּט גוימלייהנדיקע בעלי מלאכות און הענדלער און פון א גרויסער צאָל אָרעמקייט. רייכע סוחרים, וווכערניקעס און מינצער האָבן געבילדעט ביי די שטאָטישע יידן זייער א דינגעם שיכט. אין דער ערשטער העלפט פון XV י"ה איז בלויז אין פּראָג געווען ביי א 6500 יידישע אביונים, וועלכע האָבן געמוזט אָנקומען צו שטי־צע פון דער קהלה; אזאַ צאָל אָרעמע יידן האָבן אָנגעגעבן די פאָרשטייער פון דער פּראַגער קהלה בעת זייער אודיענץ ביים קיניג וולאדיסלאוו IV פון פּוילן, וועלכער איז געקומען נאָך דער משעכישער קרוין.

אונטער דער הערשאפט פון די דייטשישע פעאָדאלן בראש מיט דער

ליקסעמבורגער דינאסטיע אין טשעכיע האָט די יידישע באַפעלקערונג גע־ליטן פון א שטייגנדיקער דיסקרימינאציע אויפן ווירטשאפטלעכן און פּאָלי־טישן געביט. דער וועג צו מלוכה־אמטן איז פאר יידן געווען אָפּגעשלאָסן. קויפן דורך יידן ערד איז געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע גזירות, וועלכע עס איז שווער געווען גובר צו זיין. אינעם האנדל און מלאכה זענען די יידן געווען שטאַרק באגרענעצט. דאָס באשרענקען די יידישע באַפעלקערונג אין מלאכה און מסחר איז געווען לרעה נישט בלויז פון די יידן, נאָר אויך פון לאַנד.

די טשעכישע יידן זענען געווען פארטרעטן כמעט אין אלע געביטן פון מלאכה. אין א ריי מלאכה־צווייגן האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט און געהאַט אַ גוטן שם ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די יידישע מלאכה האָט לכתחילה באדינט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון לאַנד. די יידישע פליישער האָבן געארבעט נישט בלויז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך פאר דער קריסטלעכער און נישט זעלטן אויך פאר פריצישע הויפן.* פליישהאַקע־ריי און שניידעריי האָבן געהערט צו די סאַמע פארשפרייטסטע מלאכות ביי די טשעכישע יידן אינעם באהאנדלטן פעריאָד. למשל אין אזא אלטער קהלה ווי יאמניץ, וווּ עס האָבן אין XV י"ה געוווינט 48 יידישע משפחות, האָבן ניין געלעבט פון שניידעריי. שניידעריי איז געווען ביי די טשעכישע יידן אַ בכבודיקער פאַך. למשל אין דער שטאָט אייבענשיץ איז געווען אפילו א יידישער שניידער מיטן טיטל — מורנו. אין שטאָט ראסניץ איז דער יידישער שניידער אייגנצייטיק געווען דער שמש.

דער דאָזיקער פּאָפּולערער פאַך ביי די טשעכישע יידן איז אָבער אין XV י"ה געוואָרן שטאַרק דיסקרימינירט און באשרענקט דורך די קאטוי־לישע צעכן. די יידישע שניידער האָבן נישט געמעגט אייגנצייטיק האנדלען מיט שטאָף. זיי האָבן נישט געטאָרט קאָנקורירן מיט די קריסטלעכע שטאָ־טישע שניידער; עס איז זיי פאַרווערט געווען צו אַרבעטן און אפילו זוכן אַ באַשטעלונג אויף אַרבעט אין קריסטלעכע חגאות. געמעגט האָבן זיי בלויז נייען פאר יידן און פאר פויערים, דאָס הייסט — פאַר די סאַמע אָרעמסטע קונים; און אויך אָט די אַרבעט האָבן זיי געמעגט אויספירן און פארקויפן באַלד אויפן אָרט, און אין אַ פאַרמאַכט הויז, נישט אויפן מאַרק. עס איז

* די יידיש־טשעכישע היסטאָריקער האַלטן, אַז אַזעלכע פאַמיליעס פון טשע־כישע יידן, ווי: פליישער, פליישמאַן, מעצגער, ביינהאַקער, שרעטער, שרעדער — שטאַמען פון פאַרציטיקע יידישע קצבים אין טשעכיע.

אויך באַשוועדט געוואָרן דער צופלוס פון נייע, יונגע יידישע שניידער צום פאַך. דער זון פון א יידישן שניידער, וואָס האָט געוואָלט זיך אויסלערנען דאָס פאַך ביים אייגענעם פאָטער, האָט געמוזט פריער אריינטראָגן אין דער קאַסע פונעם קריסטלעכן צעך א גרויסן אָפּצאָל; פונקט אזוי פיל אין ער אויך מחויב געווען אריינצוטראָגן אין דער קאַסע פון דער יידישער שניידער־חברה. אזוי ארום האָט דער יידישער קאנדידאט אויף ווערן א שניידער געמוזט באַצאָלן טאָפּלט (אין פארגלייך מיטן קריסטלעכן).

ווייניקער שטערונגען האָבן אָנגעטראָפן די יידישע גלעזער, וועלכע זענען געווען די בעסטע און אָנערקענטסטע פאכלייט אויף זייער געביט אין לאַנד און געדן געדונגען געוואָרן אויף אַרבעט דורך משעכישע פּויערים. צווישן די יידישן גלעזער זענען געווען אַ סך קינסטלער פון זייער פאַך.

פון די אנדערע מלאכה־צווייגן ביי די משעכישע יידן דאַרף מען אויס־רעכענען: בעקער (בתוכם א גרויסע צאָל פרויען), שערער (וועלכע זענען איינציייטיק געווען פעלדשער, בלוט־אָפּצאַפּער, בעדער), אייגבינדער, האָלץ־מאָקער, גארבער, היטלמאַכער, קנעפּלער־מאַכער, קירזשנער, פּערל־העפטער, שטריק־פלעכטער, שלאָסער, שווערדן־מאַכער, שמידן, שוסטער, זייף־מאַכער, שטעכל־מאַכער, שטיינהאַקער, שטיינשניצער (בתוכם א סך קינסט־לער), זאָקן־מאַכער, פּאַסן־מאַכער, וועבער, ביר־ברויער, בויער, קאָסטקע־לייגער, מוליער, מויערער, קעסל־מאַכער, צין־שמעלצער, ליכטציער; חוץ דעם איז ביים געלערנטן טייל פון די משעכישע יידן געווען פארשפּרייט די מלאכה פון קאָפּיסטן (איבערשרייבער פון כתב־ידן) און סופרים. די משעכי־שע יידן זענען אויך געווען פאַרטרעטן אין דעם יבשה־ און וואַסער־טראַנס־פּאָרט (באלעגאָלעס, וויאָסלער); געווען אויך אַ געוויסע צאָל פּישער.

אין דער ערשטער העלפט פון XV י"ה מאכט די מלאָכה אין משעכיע אַדורך א גרויסע אנטוויקלונג; עס קומען אויף די ערשטע מאנופאקטורן, עס אַנטשטייען קוזשניצעס — גרעסערע אַנשטאַלטן, ווו געדונגענע שמידן אַרבעטן צוזאמען אין גרעסערע צאָלן פאַרן אונטערנעמער. צווישן די משע־כישע יידן זענען געווען סיי אונטערנעמער פון קוזשניצעס, סיי געדונגענע לוין־ארבעטער שמידן. די שוין ציטירטע ראמשאק־כראָניק גיט, למשל, איבער, אַז אין דער שמידעריי (קוזשניצע) פון עוזר פון אמבערג זענען ניין יידישע ארבעטער־שמידן פארברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט בשעת אַ שרפה.

אין געוויסע מלאכה־צווייגן זענען געווען אנגאזשירט גאנצע יידישע משפחות. דאָס פאַך איז איבערגעגאנגען פון זיידע צום טאטן און פון טאַטן

צום זון. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער חשיבות, אויך ביי דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג, פון אַ ריי יידישע פאַכן, ווי גלעזעריי, פלייש־האַקעריי, שניידעריי; מען דאַרף נאָך צוגעבן — גאַרבעריי. פאַרמעגלעכע קריסטלעכע קונים, בפרט פון די פריצישע קרייזן, פלעגן אַוועקגעבן אין אַרענדע זייערע הויף־גאַרבערייען צו יידישע פאַכלייט. קריסטלעכע יונגע בעלי מלאכות פלעגן זיך לערנען דאָס פאַך ביי יידישע גאַרבער. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די יידישע ספּעציאַליסטן פונעם מינצעריי־געביט.

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז צווישן די יידישע בעלי מלאכות זענען געווען אויך אמתע קינסטלער, למשל צווישן די שטיינהאַקער און מצבה־קריצער. אין XV י"ה האָט אין טשעכיע געהאַט אַ גרויסן שם דער יידישער סקולפּטאָר שמואל יום־טוב ווייגאַלעם (וואַרשיינלעך אַ ספרדי), וועלכער האָט אויסגעפירט אַרבעטן סיי פאַר פאַרמעגלעכע יידן, סיי פאַר קריסטלע־כע אַדל־לייט. ווייגאַלעם האָט געאַרבעט אויך אין זילבער.

דער יידישער מלאכה־שיכט איז געווען ווייט נישט קיין איינהייטלעכער אין פאַרמעגן־ און סאָציאַלן זין. צווישן די יידישע בעלי מלאכות אין טשעכיע האָט געהערשט אַ קלאַסן־פאַנאַנדערטייל. עס זענען געווען, למשל, אַזעלכע יידישע גאַרבער, וועלכע האָבן אַרענדירט פריצישע הויף־גאַרבע־רייען; זיי האָבן לכתחילה פאַרמאָגט געוויסע קאַפּיטאַלן און זענען שפּעטער נאָך רייכער געוואָרן. און עס איז געווען אַ גאַנצע מאַסע קליינע, אָרעמע יידן גאַרבער יגי־כפּימניקעם. עס זענען געווען פון איין זייט יידישע מינץ־אונטערנעמער, און פון דער צווייטער — יידישע מינץ־אַרבעטער; יידישע קונשטניצעס־איינגנעמער און — יידישע שמידן לוין־אַרבעטער; בעלי־מלאכות מייסטער און — פּועלים. ווי עס דרינגט אַרויס פון די דעמאָלטדצייטיקע יידישע דאָקומענטן, איז צווישן די צוויי עלעמענטן אָנגעגאַנגען אַ קלאַסן־קאַמף.

אָבער דער גאַנצער יידישער בעלי מלאכהשער שיכט האָט געליטן פון אַ שאַרפער דיסקרימינאַציע — אחוץ די יענע, וואָס האָבן גענאָסן פון דער פּראָטעקציע מצד די קריסטלעכע פעאָדאַלן (למשל: געוויסע גאַרבער) אָדער זענען געווען די בעסטע ספּעציאַליסטן אין לאַנד (למשל: טייל גלעזער).

די גזירות קעגן דער יידישער מלאכה זענען געווען אָנגעווענדט נישט בלויז אויפן געביט פון דעם שניידער־פאַך, אויף וואָס מיר האָבן שוין אָנגע־וויזן. אין דער ערשטער העלפט פון XV י"ה איז די יידישע מויערער פאַר־ווערט געווען צו אַרבעטן ביים בויען אָדער פאַרריכטן קירכעס. אין דער ראַמשאַק־כראָניק לייענען מיר אַזאַ באַפעל צו יידישע בעלי מלאכות (אין

XV י"ה): „איך טאָרט נישט אַרבעטן פאַר קריסטן, איך טאָרט נישט בויען, באַארבעטן האָלץ, שמידן אייזן, נייען, איך טאָרט נישט טאָן פאַר זיי קיין שום זאַך, וואָס האָט אַ וועלכן נישט איז גאָמען. איך מעגט בלויז פאַר אייערע (ד. ה. — פאַר ייִדן) נייען, טאָן גאַרבעריי, באַקן ברויט, קאָכן ביר, טאָן שמידעריי, האַקן פלייש, וועבן, באַארבעטן האָלץ, בויען, אַרבעטן מיטן האַמער וכדומה".

ווי מיר זעען, האָבן די קריסטלעך=טשעכישע צעכן, מיט דער ברכה פון די הערשנדיקע דייטשישע פעאָדאַלן, פאַרווערט ייִדן אַפילו אויסצופירן גאַרבעריי=אַרבעט פאַר קריסטן. ערב דעם אויסברוך פון די הוסיטישע קאַמפן איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז ייִדישע בעלי=מלאכות האָבן בכלל נישט געטאָרט אַרבעטן פאַר קריסטלעכע קונים.

אין דער זעלביקער צייט האָט ווייטיקלעכע קלעפּ באַקומען דער ייִדישער האַנדל אין טשעכיע. די ייִדן האָבן נישט געטאָרט פאַרקויפן אויף מערק צו קריסטלעכע קונים קיין שום זאַכן, אַחוץ אַלטוואַרג, אַלטע לאַכעס, געטראָגענע שיך. ייִדישע הענדלער און בעלי מלאכות האָבן געמוזט רעפּערירן אַלטוואַרג און עס פאַרקויפן אויפן מאַרק. אָט די דאָזיקע זייער שמאָלע דערלויבענישן האָבן די ייִדן אויסגענוצט אויף אַ קונציקן אופן. ייִדישע שניידער און שוסטער זענען געווען ממש קינסטלער אויף מאַכן פון אַלט ניי. אַדאַנק דעם האָט ווי עס איז וועגעטירט דער ייִדישער האַנדל אויפן טשעכישן שטאָטישן מאַרק.

די דאָזיקע שווערע און אין אַ געוויסן זין אויסזיכטלאָזע לאַגע פון טאָגטעגלעכן געראַנגל פאַרן עצם מאַטעריעלן עקזיסטענץ איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב די אַלגעמיינע אַנטי=ייִדישע רדיפות, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס פאַרשפּיצט אין טשעכיע זינט דעם סוף פון XIV י"ה. דער קאַטוילישער קלער האָט גענומען פירן אַ העפטיקע אַגיטאַציע קעגן די ייִדן. סוף דעם XIV י"ה האָבן די פאַנאַטישע עלעמענטן פון קאַטוילישן קלער אין טשעכיע אַרויסגערוקט דעם בלוט=בלבול, באַשולדיקנדיק די ייִדן, אַז זיי הרגענען קריסטלעכע קינדער און באַנוצן זייער בלוט צו מצות אויף פּסח. הונדערטער כומרים האָבן פון די תפילה=אַמבאָנעס געפּריידיקט, אַז דער ייִד איז דער אַנטיקריסט און מען דאַרף אים אויסראָטן. זינט תחילת דעם XV י"ה איז די ייִדישע באַפעלקערונג אין די טשעכישע שטעט געצוווּנגען געוואָרן צו וווינען אין באַזונדערע ייִדן=גאַסן. און הגם די דאָזיקע גזירה איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט, ווייל ייִדן האָבן דאָ און דאָרטן ווייטער געוווינט צווישן קריסטן, האָט אָבער דער פאַקט פון אָט דעם צוואַנג נאָך מער פאַר=

טיפט די מחיצה צווישן די יידן און אַ גרויסן טייל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און נאָך מער אונטערגעשווענקט די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון די יידן. אין אַ גרויסן טייל פון לאַנד איז אויך רעאַליזירט געוואָרן די גזירה פון דער „געלער לאַטע". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון גירושים פון פארשידענע ערטער. אונטער דער ווירקונג פון דער פארברעכערישער אגיטאציע פונעם קאטוילישן קלער איז געקומען אין טשעכיע צו אַ ריי שחיטות איבער יידן, דורכגעפירט דורך דעם אויפגערייצטן פינצטערן המון. אין יאָר 1389 איז פאָרגעקומען אין פראָג אַ שוידערלעכער פאָגראָם, עס זענען געפאלן קרוב 3000 יידישע קרבנות — מענער, פרויען און קינדער. אינאיינעם מיט דער שחיטה איז אָנגעגאנגען א רויב פון יידישן פארמעגן (זע קאַפּיטל איינס פון צווייטן טייל).

אָנהייב דעם XV י"ה האָט פאַר דעם יידישן ישוב אין טשעכיע אויפגעטויכט די געפאר פון אַ קאַטאַסטראָפע — אי אַן עקאָנאָמישע, אי די שוואַרצע פערספעקטיוו פון שייטערהויפנס און פון גירוש.

די רדיפות האָבן געשלאָגן כמעט אין אלע טשעכישע יידן. מיר אקצענטירן דעם „כמעט", ווייל עס זענען געווען אויסנאמען. די באַציונג פון די פעאָדאַלע שפּיצן פון לאַנד און פונעם קיניג איז געווען אַן אַנדערע, אַ שטיפמוטערישע לגבי די יידישע פאָלקס-מאַסן אין ברייטסטן זין פון וואָרט, און אַן אַנדערע, אַ מילדערע און אַ פּראָטעזשירנדיקע אין באַצוג צו די גאָר רייכע, אָדער ספּעציעל נייטיקע יידן. למשל אויף דער התוגה פון דער טאָכטער פון דעם גרויסן יידישן מינצער שמואל בודאַ אשכנז, רבקה, איז געקומען דער קיניג בכבודו ובעצמו מיט זיין הויף-סוויטע אין דער צאָל פון 64 געסט. אָבער אַזעלכע שמואל מינצערס זענע געווען זייער ווייניק צווישן די טשעכישע יידן.

די יידישע פאָלקס-מאַסן אין טשעכיע האָבן געליטן נישט בלויז פון די רדיפות, גזירות און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען מצד די דייטשישע פעאָדאלן, די קריסטלעכע ציכן און דעם קאטוילישן קלער. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך נאָך איין יאָך — דעם יאָך פון די „אייגענע" רייכע תקיפים, וואָס האָבן געהערשט ביד רמה אין די יידישע קהלות, אין וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען א שווערע סאָציאַלע אונטערדריקונג.

אין די קהלות האָבן געהערשט די רייכע סוחרים, און זייער אינערלעכע פּאָליטיק איז געווען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון די דאָרפישע יידן, בעלי מלאכות, פאַראָרעמטע סוחרים און לוין-ארבעטער.

מיר פארמאָגן נישט קיין דאָקומענטן, וועלכע זאָלן כאַראַקטעריזירן די

קלאַסן־אונטערדריקונג אינערהאַלב דער יידישער קהלה אין טשעכיע אין XV י״ה. די פאַראַנענע יידישע דאָקומענטן אין שייכות מיט דעם דאָזיקן ענין זענען נוגע דעם XVI י״ה, אָבער געווים שפּיגלען זיי אָפּ אין א גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס די אינערלעכע פארהעלטענישן ביי די טשעכישע יידן אויך אינעם פריערדיקן פּעריאָד, ד. ה. — אין XV י״ה. די דאָזיקע דאָקו־מענטן זענען די תקנות פונעם וועד מדינת מעהר׳ן (טשעכיע) און פון די וועדים פון פארשידענע מעהרישע (טשעכישע) קהלות.

אין א באַדייטנדיקן טייל פון די דאָזיקע תקנות, וועלכע בילדן א יורידישע באַשטעטיקונג פון פאקטן, וואָס האָבן עקזיסטירט שוין פון לאַנג, ד. ה. — שוין אין XV י״ה, קומט צום אויסדרוק די קלאַסן־באַציונג פון דעם הערשנדיקן גרוים־סוחרישן שיכט לגבי די בעלי מלאכות. אַזוי שטעלט, למשל, פעסט די תקנה פונעם וועד פון דער קהלה אין בודשפּיץ אָט וואָס: „מען טאָר נישט אויסקלייבן קיין משולח למדינה (קיין פאָרשטייער כלפי דער מלוכהשער מאַכט) א בעל מלאכה כגון (למשל) קצב ובורסקי (גאַר־בער) ושאר מלאכה בזויה״ (און אנדערע מיאוסע מלאכה) *. אין א תקנה פונעם וועד פון דער קהלה אין דער שטאָט גאַיי לייענען מיר: „א בעל מלאכה טאָר נישט קריגן פון די רבנים קיין סמיכה לחבר״ (קיין סמיכה, אַז ער האָט געענדיקט א ישיבה). ווי מיר זעען, האָט דער הערשנדיקער שיכט אין דער קהלה געשטרעבט נישט צוצולאָזן די בעלי מלאכות צו וויכ־טיקע עפנטלעכע וועלטלעכע און רעליגיעזע אַמטן. עס זענען אויך געווען תקנות, וואָס האָבן פאַרווערט די יידישע בעלי מלאכות צו קויפן סחורות ביי קריסטלעכע צעך־מייסטערס; דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון די יידישע סוחרים, וועלכע האָבן געשטרעבט צו באַגרענעצן די ווירטשאַפטלעכע ראָל פון די יידישע בעלי מלאכות בלויז צום פּראָדוקציע־פּראָצעס.

געוויסע תקנות זענען געווען געווענדעט קעגן די פאַראָרעמטע סוחרים. עס איז למשל געווען אַ באַשטימונג וועגן נישט צולאָזן צום אַמט פון בוררי המדינה און ראשי המדינה (אָנפירער פון אַלע יידישע קהלות) אַזעלכע סוחרים, וואָס האָבן פארלאָרן זייער פארמעגן.** דער דערמאָנטער וועד פון

* די תקנות זענען געשריבן אין אַ געמיש פון העברעיש און יידיש־דייטש און זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן היסטאָריקער פּראָפ. ישראל היילפּערן פון ירושלים.

** „שירדו מנכסיהם״. עס קאָן זיין, אז די דאָזיקע תקנה האָט זיך גענומען פון דער מורא, אַז אַ פאַראָרעמטער סוחר וועט זיין נישט ערלעך אין די פינאַנס־פראַגן פון דער ישוב־רעפּרעזענטאַנץ.

דער קהלה אין גאיי האָט באשטימט, אַז נישט בלויז אַ בעל מלאכה, נאָר אויך אַ משרת און א בעל משא ומתן (א הענדלער) מאָר נישט באַקומען קיין סמיכה, אַז ער האָט געענדיקט א ישיבה. אין אָט דער תקנה האָט געשטעקט קודם כל די פּאָליטיק פונעם יידישן קלער, וועלכער איז געווען פאַרבונדן (ראשית כל דורך משפחה=פעדים) מיטן גרוים=סוחרישן יידישן עלעמענט און האָט געשטרעבט צו מאָנאָפּאָליזירן די רבנישע אמטן אין די הענט פון דעם אייגענעם שיכט.

די דאָרפישע יידן (יושבי כפרים) זענען, אחוץ די שוין דערמאָנטע גרויסע כלערלייאיקע פּעאָדאלע לאסטן לטובת דעם פּריץ, געווען מחויב צו צאָלן שטייערן אויך פאַר דער שטאָטישער קהלה, צו וועלכע זייערע ישובים זענען געווען אָנגעבונדן. פאַר נישט באַצאָלן די שטייערן פלעגט מען זיי נישט צולאָזן צו תקיעת שופר.

אָבער צום ערגסטן איז געווען די לאגע פון די יידישע פּועלים (געזעלן), משרתים און דינסטן. למשל פאר איבעררייסן די ארבעט פאַרן פארענדיקן דעם באַשטימטן אָפּגעמאַכטן טערמין (דעם זמן) איז א געזעלן, א משרת אָדער א דינסט געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרשידענע שטראָפן ביז א חרם און תפיסה איינגעשלאָסן. חוץ דעם האָט דעם פארזינדיקטן לוין=אַרבעטער נישט געטאָרט אָננעמען אויף א שטעל קיין שום אנדער באַלעבאָס. אַזאַ פאַרזינדיקטער פּועל אָדער משרת (אָדער דינסט) איז געווען, לויט דער תקנה פונעם וועד פון דער קהלה גאיי, בכלל באַיקאָטירט אין שטאָט, און אויב ער איז געווען א פרעמדער, איז ער געוואָרן ארויסגעטריבן פון דער קהלה, ד. ה. — פון שטאָט.*

די תקנות פון דער קהלה אין טריבימש זענען גוזר געווען א גירוש אויף דריי חדשים צייט פאר א משרת אָדער א דינסט, וואָס האָט זיך פארדונגען

---

* כל הנשכרים לב"ב (לבעל בית), משרת או משרתת או פּועלים, דאַרפן קיינר חוזר זיין בתוך הזמן, בעונש כל הכפיות והנגישות ותרמות ותפיסות. אַפילו ער וואָלט ביי קיין ב"ב זיין, אפ"ה איננו רשאי לחזור, בעונש כל הכפיות, כי הוא דבר אבוד. ועכ"פ (ועל כל פנים) דאַרף אים קיין אַנדרר ב"ב ניט אָן נעמען, יהיה מי שיהיה, אַפילו בכלות זענן הראשון, וייל ער האָט חוזר געווען בתוך הזמן. זאָל ער ווייטער קיין שייכות האָבן באותו הקהלה, אַפי' (אַפילו) דער משרת או משרתת ווערין באותו העיר בני העיר, ומכ"ש (ומכל שכן) אם המה נכרים. אך ורק אם המה נכרים זאָלין זיא אויז גישאַפט (אַרויסגעטריבן) ווערן מתוך הקהלה. (תקנה פון וועד גאיי, ציטירט לויט היילפּערין).

ביי א באַלעבאָס און איז חוזר געווען, אַלציינס צי ער (זי) איז געווען אַן אָרטיקער (אַן אָרטיקע), אָדער אַ פרעמדער (אַ פרעמדע).

פון די תקנות דרינגט אַרויס, אַז פאַר יעדער קלייניקייט האָט געדראָט דעם פועל און משרת אַ גירוש פון שטאָט, תפיסה, חרפות, אַ חרם וכדומה.

אַזוי אַרום האָט די יידישע פאָלקס־מאַסע אין טשעכיע, די בעלי מלאָכות, פועלים, משרתים, דינסטן, קליינהענדלער, דאָרפסלייט און סתם אָרעמקייט, געהאַט אויסצושטיין אַ טאָפּלטע אונטערדריקונג — ווי יידן (מצד די פעאָדאַלן, די קריסטלעכע צעכן און דעם קאַטוילישן קלער) און ווי יידישע פּלעבעיער (מצד דער קהלה־אָליגאַרכיע). די יידישע געזעלנס, משרתים און דינסטן זענען געווען צוממיינסטן אונטערדריקט.

דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואָס ביי דער יידישער מאַסע אין טשעכיע האָט זיך די הוסיטישע באַוועגונג, ספּעציעל אין איר ראַדיקאַלער טאַבאָריטישער געשטאַלט, אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער סימפּאַטיע, בפרט אַז די אידעאָלאָגיע פון די טאַבאָריטן האָט אַרויסגעוויזן אַ ווייטגייענדיקע טאָלעראַנץ און אָפטמאָל אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער טרויעריקער לאַגע און פאַרן שווערן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג און בפרט פון דער יידישער אָרעמקייט.

קאַפּיטל דריי

# דער הוסיטיזם און די יידן

די דריי לאַגערן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין טשעכיע נאָך דעם מאַר־טירער־טויט פון יאַן הוס, האָבן געהאַט דריי באַזונדערע שטעלונגען לגבי די יידן. די דריי לאַגערן זענען געווען: דער לאַגער פון דער קאַטוילישער־פעאָדאַלער רעאַקציע; דער רעכטער פליגל פון דער הוסיטישער באַוועגונג, די אוטראַקוויסטן; און — דער לאַגער פון די טאַבאָריטן. די קאַטוילישע קירך, די קאַטוילישע פעאָדאַלן, דער לאַגער פונעם קרייץ־צוג האָבן נישט בלויז אַרויסגעוויזן צו די יידן אַן אָפענע שנאה, נישט בלויז געפירט צווישן דעם קאַטוילישן עולם אַן אַגיטאַציע, אַז יידן שטעלן צו געווער די טאַבאָריטן, נאָר גערופן צו פּאָגראָמירן די יידישע באַפעלקערונג און אָנגעטאָן די יידן געברענטע צרות, זיי געהרגעט, געטריבן פון די וווין־ערטער און געפּלינדערט. אין יאָר 1421 האָבן די קאַטוילישע פעאָדאַלן אַרויסגעטריבן די יידן פון עסטרייך (די א. ג. גזירה ממדינת אויסטרייך), אין יאָר 1422 — פון בייערן, אין 1426 — פון דער שטאָט איגלאַו און אין 1455 — פון דער טשעכישער שטאָט נאַכאָד. דער יידיש־העברעישער כראָניקער פון XVI י"ה יוסף הכהן האָט אין זיין ווערק „עמק הבכא" באַטאָנט, אַז די קריגס־לייט פונעם קייזער זיגמונט האָבן בעתן אַרויסמאַרש קעגן די הוסיטן זיך צוגעזאָגט צו לאָזן ווילגיין איבער יידן, ווען זיי וועלן צוריקקומען זיגרייך פון דער מלחמה. אַ נצחון פון דעם קאַטוילישן לאַגער איבער די הוסיטן וואָלט באַטייט נייע, נאָך גרעסערע יסורים פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

דער רעכטער פליגל פון די הוסיטן, די אוטראַקוויסטן, האָט נישט גע־פירט קיין אַגיטאַציע קעגן יידן און בכלל נישט אָנגעטאָן זיי קיין ספּעציעלע שלעכטס, אָבער קיין שום טאָלעראַנץ־אידעען לגבי זיי נישט אַרויסגערוקט. די אוטראַקוויסטן האָבן איבערגעלאָזט די אַלטע גזירות און באַגרענעצונגען

לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און נישט ארויסגעגעבן קיין נייע. די הער־שאַפט פון די אוטראַקוויסטן האָט פאַר די ייִדן באַטייט — בלייבן ביים אַלטן, מיט אַלע פריוויליקע באַגרענעצונגען און לאַסטן, הגם מיט אַ געוויסער דערלייכטערונג, וואָרעם אונטער דער ממשלה פון די אוטראַקוויסטן איז די יידישע באַפעלקערונג פונדעסטוועגן געווען פריי פון דעם שטענדיקן פחד פאַר דער קאַטוילישער רעאַקציע, פאַר פאָגראָמען און גירושים.

אינגאַנצן אנדערש איז געווען די באַציונג צו ייִדן מצד דעם לאַגער פון די טאַבאָריטן.

יאַן הוס אַליין האָט קיין רעפאָרם־פּראָגראַם לגבי די ייִדן נישט פאָרמו־לירט. אמת, דאָ און דאָרטן האָט ער זיך, ווי אַ גלויביקער קריסט, הגם אַ רעפאָרמאַטאָר פון דער קירך, באַנוצט מיט די אַלטע אָנגענומענע קריסט־לעכע אויסדרוקן לגבי דער יידישער אמונה, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער גערופן זיך אומצוקערן צו דער ביבל, באַנוצט אין זיינע פּרעדיקע־רייען די שפּראַך פון די נביאים און אָפט פאַרגליכן די מענטשן צו די זין פון ישראל. שוין דער פאַקט האָט אַרויסגערופן ביי זיינע צוהערער אַ סימפּאַ־טישע שטימונג לגבי די ייִדן. יאַן הוס פלעגט זיך אָפט פאַררופן אין זיינע אַרויסטריטן אויפן רמב״ם (מיימאָנידעס). אויך דאָס האָט באַגינסטיקט אַ פּאָזיטיווערע באַציונג צו ייִדן און צום יידישן פילאָזאָפישן געדאַנק. אין אַלגעמיין האָט זיך יאַן הוס געפונען אויך אין דער הינזיכט פון דער באַ־ציונג צו די ייִדן אונטער אויקליפס איינפלוס און אויך ער האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר לגבי ייִדן נישט אָנווענדן קיין געוואַלט־אַקטן, פונקט ווי מען טאָר עס נישט טאָן אין באַצוג צו אַלע מענטשן.

די גאַנצע טעאָלאָגישע לערע פון יאַן הוס, פון היעראָנים פון פּראָג און פון זייערע קאָנטינואַטאָרן פונעם טאַבאָריטישן לאַגער, איז — אָביעקטיוו גענומען — געווען צום גונסטן פון די ייִדן, וועלכע זענען אין דער קאַטוילי־שער טעאָלאָגיע געווען דער ציל־ברעט פאַר אלדאָס בייז. די קריסטלעכע טעאָלאָגיע ביז הוסן האָט געהאַט אַרויסגערוקט די פאָלגנדיקע טעאָריע: פאַרן צוריקקומען פון דעם געקרייציקטן ישו הנוצרי אויף דער ערד מוז צו־ערשט באַזייטיקט ווערן דער אנטיקריסט, די פאַרקערפּערונג פון אלדאָס בייז, פון אַלע מענטשלעכע זינד. דער אַנטיקריסט — האָבן ווייטער געלערנט די קאַטוילישע טעאָלאָגן — איז נישט איין פּערזאָן, נאָר אַ ציבור, און דער דאָזיקער קאָלעקטיווער אַנטיקריסט דאָס זענען די ייִדן; כדי צו דערמעגלעכן דעם צוריקקום פונעם אויסלייזער ישו הנוצרי, מוז מען דעריבער פריער באַ־זייטיקן די ייִדן און זייער אמונה; דערגרייכן קאָן מען דאָס אָדער דורך

אויסשמדן אַלע ייִדן, אָדער דורך פּאַרטיליקן זיי. ערשט דעמלט וועט צוריק־קומען יעזוס, און עס וועט אנטשטיין די מלכות שמים, די הימלישע קיניג־רייך אויף דער ערד.

אין אָט דער טעאָריע האָט געשטעקט א טיפע סאָציאַלע דיווערסיע, וואָס איר הויפּט־טרעגער איז געווען די קאַטוילישע קירך. ביי די קריסטלעכע פּאָלקס־מאַסן האָט דער אָנקום פון מלכות שמים באַטייט — דער אויפקום פון אַ גליקלעך, רואיק און זאַט לעבן. אָנגווייזנדיק, אַז דער איינציקער שטער צום צוריקקומען פון ישו הנוצרי דעם אויסלייזער און צום אנטשטיין פון דער הימלישער קיניגרייך אויף דער וועלט איז דער אנטיקריסט דער ייִד, האָט דער קאַטוילישער קלער איינצייטיק אָנגעטייטלט מיטן פינגער, אַז אין אַלע צרות זענען שולדיק די ייִדן, אַז די גרעסטע שטערונג איז די עקזיסטענץ פון די ייִדן, און אַזוי ארום אָפּגעווענדט די פאַרביטערונג פון די נויט־ליידנדיקע מאַסן פון די אמתע סיבות פונעם סאָציאַלן בייז, פון די פּאַקטישע אויסנוצער און באַדריקער.

די גייסטיקע פירער פון די הוסיטן, און בפרט פון די טאַבאָריטן, האָבן צעשמעטערט די דאָזיקע טעאָריע. ארויסרוקנדיק דעם לאָזונג, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך און אז ייִדן זענען גלייך מיט אַלעמען, האָבן זיי געענ־דערט דעם אינהאַלט פון דעם באַגריף אַנטיקריסט. אַ סך האָבן אין דער ריכטונג געווירקט די פאַרבליבענע פּאַרשטייער פון די פריערדיקע כופרישע באַוועגונגען, פון די דולטשיניאַנער, וואַלדענסן און בעגאַרדן, וועלכן האָבן זיך אריינגעגאָסן אין דער טאַבאָריטישער באַוועגונג.

דער פּאָרגייער פון דער הוסיטישער אידעאָלאָגיע מאַטיאַס (מאַטוועי) פון יאַנאָוו האָט געלערנט זיינע צוהערער, אַז דער אַנטיקריסט קאָן זיך אַנטפּלעקן אי אין געשטאַלט פון געצנדינער, ייִדן און סאראַצענער (מוזולמע־נער), אי אין געשטאַלטן פון קריסטן. אָבער דער אַנטיקריסט אַלס געצנדי־נער, ייִד אָדער סאראַצען — האָט מאַטיאַס פון יאַנאָוו געזאָגט — איז בלויז אַן אויסערלעכער קעגנער פונעם קריסטנטום; דער אמתער שונא, דער ווירקלעכער און סאַמע געפערלעכסטער אנטיקריסט געפינט זיך אינעווייניק, ער שטאַמט פון אייגענעם קריסטלעכן לאַגער.

נאָך ווייטער זענען געגאַנגען די אידעאָלאָגן פון די טאַבאָריטן. איינער פון די וויכטיקסטע טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן, מיליטש פון קרעזמיר (קראָמערזשיזש), האָט אָפן געפּריידיקט, אַז דעם אַנטיקריסט, דעם שטער צום אָנקום פון מלכות שמים, דאַרף מען נישט זוכן צווישן ייִדן, נאָר אין רוים, אין דער רעזידענץ־שטאָט פון די פּויפּסטן. מיליטש פון קרעזמיר

האָט גערופן צו זוכן דעם קוואַל פון שלעכטס נישט ביי יידן און נישט ביי גענצנדינגער, נאָר אין דער קריסטלעכער וועלט גופא; דער אַנטיקריסט איז, לויט מיליטשן, דער פויפסט; דער אַנטיקריסט איז, לויט אים, אויך דער מאָנארך; דער אַנטיקריסט זענען אַלע שלעכטע קריסטן, די שונאים פון פאָלק, און קעגן זיי האָט דער אָפּאָזיציאָנעלער פּריידיקער געהייסן ווענדן די שנאה פון די מאַסן. און עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס די קיניגלעכע מאַכט האָט מיליטשן פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

אין דער צייט פון דעם קרייץ-צוג קעגן די הוסיטן האָבן די טאַבאָריטן אָפן און ברייט געפּריידיקט דעם לאָזונג: נישט די יידן זענען דער אַנטי-קריסט, נאָר דער פויפסט; נישט די יידן זענען די רויטע חיה פון דער אַפּאָקאַליפּסיס, נאָר דער קיניג זיגמונט.

די טאַבאָריטן-באַוועגונג האָט נישט בלויז אַראָפּגענומען פון די יידן די שווערע באַשולדיקונג, אַז זיי זענען דער אַנטיקריסט, נאָר גערופן צו אָנערקענען זיי פאַר גלייכע מענטשן. איינער פון די הויפּט-לאָזונגען פון די טאַבאָריטן איז געווען: „יידן, טאַטאַרן, סאַראַצענער, גענצנדינגער, קריסטן — אַלע זענען זיי גלייך“.

אַ צווייטער וואָגיקער לאָזונג פון די טאַבאָריטן האָט געקלונגען: „גלויב אין איין גאָט, דאָס איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע“. דער דאָזיקער לאָזונג האָט זיי דערנענטערט צו די יידן, וואָרעם זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַזאַ עיקרדיקע שטערונג, ווי דעם בלינדן גלויבן אין דעם געקרייציקטן און אין דער הייליקער מוטער.

די טאַבאָריסטן האָבן זיך אָנגערופן: מכבייער. אויך אין דעם האָבן די יידן געזען אַ סימן פון פריינדשאַפט צו דער יידישער געשיכטע און קול-טור.

דער וויכטיקסטער נאָך הוסן הוסיטישער אידעאָלאָג יאַקאָובעק (יאַקאָבעללאָ, יאַקאָבעללוס) פון מיסא האָט דערקלערט: „דער אַנטיקריסט קאָן נישט זיין נישט קיין גענצנדינגער, נישט קיין ייד, נישט קיין סאַראַצען“.

די טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן האָבן נישט בלויז באַהאַנדלט די יידן ווי גלייכע מענטשן, נאָר אויך אַרויסגערוקט אַ פּראָגראַם פון רעפאָרמירן און אויסבעסערן די ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעל-קערונג. אין דער צייט, ווען די קאַטוילישע קירך האָט אַרויסגעשטויסן די יידן פון ערד-אַרבעט, און די קריסטלעכע צעכן האָבן געשטרעבט זיי אַרויסצושטופן פון פּראָדוקטיווער מלאכה-טעטיקייט, האָבן די טאַבאָרי-טישע אידעאָלאָגן אַרויסגערוקט אַ פּאָזיטיוון פּראָגראַם וועגן שפּרייט

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פּראָדוקטיווע פּאַכן. דער דערמאָנטער יאַקאָבעללאָ האָט געשריבן, אַז די יידן דאַרף מען אַריינציען אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, לאָזן זיי אַרבעטן מיט דער סאָכע, אין וואַלד און ביים וואַסער, באַשעפטיקן זיי אין מלאכה און האַנדל. דעמלט — האָט יאַקאָבעללאָ גע־שריבן: „וועלן זיי זיין נאָך מער געליבט דורך די קריסטן, ווייל זיי וועלן טראָגן די לאַסט פון אַרבעט און דינען דער מלאכה“.

יאַקאָבעללאָ האָט, ווי אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר, מיט דער רע־פאָרם פון דער ווירטשאַפטלער־פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון די יידן פאַרבונדן די האָפענונג אויף דעם, אַז דעמלט וועלן זיך די יידן שנעלער באַקערן צום אמתן (לויט זיין אויפפאַסונג), ריינעם קריסטנטום.

יאַקאָבעללאָ איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אין א ריי טאַבאָריטישע כתבים געפינט מען געראַנקען וועגן אָפּשאַפן דעם פאַרבאָט, אַז יידן טאָרן נישט באַזיצן קיין ערד, און די אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען אין דער מלאכה.

די טאַבאָריטן האָבן מיט דער פולסטער שטרענגקייט באַקעמפט דעם וווּכער, ווי איינע פון די ערגסטע מכות פון דער געזעלשאַפט. אָבער זיי האָבן קיינמאָל נישט אידענטיפיצירט די וווּכערער מיט יידן, אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די קאַטוילישע גלחים, וועלכע האָבן געהעצט דעם המון קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. דער ציטירטער יאַקאָבעללאָ האָט געשריבן, אַז די קריסטלעכע וווּכערניקעס זענען ערגער פון די יידישע.

דער טאַבאָריטישער אידעאָלאָג מיקאָלאַי (מיקולאַש) פון דרעזנאָ האָט אין זיין טראַקטאַט א. ג. „וועגן צינזן“ (1415) זייער שאַרף אַטאַ־קירט דעם וווּכער, אָבער מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגעגריפן ספּעציעל די יידישע וווּכערער, נאָר גערעדט וועגן ליכווע בכלל. מיקאָלאַי פון דרעזנאָ האָט געפאָדערט, מען זאָל די קריסטלעכע וווּכערער טראַקטירן ווי זינדיקע און זיי פאַרברענען אויף שייטערהויפנס. וועגן יידן שרייבט ער בכלל נישט.

די טאַבאָריטן האָבן זייער אידעאָלאָגישע איינשטעלונג לגבי יידן געדעקט מיט קאָנקרעטע מעשים. אומעטום, וווּ זיי האָבן געהאַט איינפלוס, האָבן זיי מבטל געמאַכט די „געלע לאַטע“ און אויך אלע אנדערע גזירות, וואָס האָבן דערנידעריקט דעם יידישן כבוד און באַשווערט דאָס יידישע לעבן, ווי וווין־באַגרענעצונגען, באַשעפטיקונג־פאַרבאָטן וכדומה.

אין דער צייט, ווען די טאַבאָריטן האָבן געהערשט אין פּראָג, אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן פון XV־טן י"ה, האָט זיך דער דאָרטיקער יידישער

באַפעלקערונג געלעבט סיי אין הינזיכט פון זיכערקייט און זעלבסטגעפיל, סיי אין פּרט פון פּריווען צוטריט צו אַלע מינים באַשעפטיקונגען, אַ סך בעסער ווי פריער. אין משך פון דער טאַבאָריטישער הערשאַפט אין פּראָג, איז אין די דאָקומענטן נישט פאַרנאָטירט געוואָרן בנוגע די יידן קיין איין פאַל פון פאַרנעמען זיך מיט וווכער. דאַקעגן זינט 1427, ווען די ממשלה אין פּראַג איז אַריבער צו די רעכטע הוסיטן, די אוטראַקוויסטן, און נאָך מער נאָך דער מפּלה פון די טאַבאָריטן הינטער ליפּאַני, אין יאָר 1434, לאָזט זיך אויפסנייז באַמערקן אַ וווקס פון דער וווכער-באַשעפטיקונג ביי די יידן אין פּראָג. די אוטראַקוויסטן האָבן זיך אין זייער פּאָליטיק לגבי די יידן צוריקגעקערט צו די אַלטע צייטן, צוריקגעשטעלט אַ רייַ באַגרע-נעצונגען פון דער יידישער מלאכה און מסחר און אַרויפגעצוווּנגען די באַ-מיטלטע יידן זיך צו פאַרנעמען מיט קרעדיט-אָפּעראַציעס.

דער באַטייט פון די טאַבאָריטן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער תקופה פון פעאָדאַליזם איז זייער וויכטיק.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון מיטלאַלטער איז אַרויסגעט-טראָטן אַ קריסטלעכע פאָלקס-באַוועגונג מיט אַ באמת פרייהייטלעכן פּראָגראַם לגבי דער „אומגלויביקער" יידישער באַפעלקערונג און אָנגעט-ווענדט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אָט דעם פּראָגראַם אין לעבן. די פריער-דיקע כופרישע באַוועגונגען — די דולטשיניאַנער, וואַלדענסן אאא. — האָבן באַוויזן בלויז טעאָרעטיש צו מאַניפעסטירן זייער מענטשלעכע גלייכ-קייט-באַציונג צו יידן. ערשט די טאַבאָריטן, ווי אַ גרויסע קעמפערישע פאָלקס-באַוועגונג, וועלכער עס איז געלונגען צו האַלטן אין משך פון אַ געט-וויסער צייט אין איר הענט די מאַכט אין באַדייטנדיקע טיילן פון לאַנ-דאָט — די ערשטע אין דער תקופה פון פעאָדאַליזם — רעאַליזירט אין דער פּראַקטיק די לאָזונגען פון גלייכקייט פאַר דער יידישער באַפעלקע-רונג.

די דאָזיקע באַציונג צו די יידן האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אינעם לאַגער פון שונא, פון די קאַטוילישע קירכלעכע און וועלטלעכע פעאָדאַלן, אַ געוואַלדיקע אויפרעגונג קעגן די טאַבאָריטן. די קאַטוילישע אַגיטאַטאָרן האָבן געשריבן אין זייערע אַנטי-הוסיטישע שריפטן: פאַרוואָס ווענדן נישט אָן די טאַבאָריטן זייער מאַכט קעגן די יידן און געצנדינער, נאָר בלויז קעגן די קאַטוילישע גייסטלעכע און קלויסטערס?

דער אַנטי-הוסיטישער אַגיטאַטאָר אַנדרעאַס פון בראָד האָט זיך אין זיינעם אַ פּאָלעמישן חיבור געווענדט צו די טאַבאָריטן מיט דער פּאָלגנ-

דיקער טענה: „לגבי רעכטגלוויביקע קריסטן, לגבי מאַנאַכן און מאַנאַשקעס זענט איר פול מיט שנאה, אין דער צייט ווען איר זענט אַלץ מוחל די יידן, די הערעטיקער און די וואַלדענסן".

נאָך פריער האָט זיך דער קאַנציל אין קאָנסטאַנץ געקלאָגט אויף די ראַדיקאַלע הוסיטן אין אַ בריוו צום קיניג זיגמונט: „דער קאַטוילישער קלער ווערט שלעכט באַהאַנדלט (דורך די הוסיטן), ער ווערט פאַרפאָלגט, געמאָרדעט, און קיינער ווערט דערפאַר נישט באַשטראָפט. און די יידן געניסן פון אַ גרעסערער פרייהייט ווי די (קאַטוילישע) פריסטער".

די קאַטוילישע אַגיטאַטאָרן האָבן פאַרשפרייט ידיעות אין שריפט און בעל פה, אַז צווישן די יידן און די הוסיטן איז פאַראַן אַ פריינדשאַפט-אָפּמאַך, אַז די יידן גיבן די הוסיטן גרויסע געלט-שטיצעס און שטעלן צו דעם טאַבאָריטן-לאַגער געווער, אַז צווישן די יידן און וואַלדענסן, וועלכע געפינען זיך אין די טאַבאָריטישע רייען, גייט אָן אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט. די יידן-גירושים פון עסטרייך, בייערן און אַנדערע מקומות, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין די יאָרן 1421, 1422, 1426 דורך די קאַטוילישע פעאָדאַלן, זענען טאַקע פאַרגעקומען אונטערן תירוץ, אַז די דאָרטיקע יידן ליפערן געווער פאַר די הוסיטן. דער ציל פון אָט דער קאַטוילישער פראָפּאַגאַנדע איז געווען, קודם כל, צו קאָמפּראָמיטירן די הוסיטן, ובפרט די טאַבאָריטן, אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט. אָבער אין די דאָזיקע ידיעות האָט געשטעקט זייער אַ סך אמת.

די יידישע פאָלקס-מאַסע און געלערנטע פון טשעכיע זענען נישט גע-שטאַנען אין אַ זייט פון דעם פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין לאַנד. די סימפּאַטיעס פון דער יידישער באַפעלקע-רונג זענען געווען אויף דער זייט פון די טאַבאָריטן.

די פריידיקערייען פון די טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן, אויף וועלכע עס פלעגן קומען גרויסע מאַסן טשעכן, האָבן צוגעצויגן אויך אָנגעזעענע צאָלן פון דער יידישער באַפעלקערונג. שוין דעם פאָרגייער פון דער הוסיטישער באַוועגונג קאָנראַד פון וואַלדהויזער (צווייטער העלפט פון XIV י"ה), וועלכער האָט דעמאַסקירט די מיסברויכן פון דער קירך, פלעגן קומען הערן אַ סך יידן. נאָך שטאַרקער איז געוואָרן די דערנענטערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו די טאַבאָריטן אין דער אויפשוואונג-צייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג. עס איז קלאָר, אַז דער פּאָזיטיווער פּראָגראַם און די גאַנצע באַציונג פון די טאַבאָריטן צו יידן האָט אַרויסגערופן ביי די לעצטע אַקטיווע סימפּאַטיעס לטובת דעם טאַבאָריטישן לאַגער און

באַגינסטיקט די קעגנזייטיקע דערגענטערונג פון דער מטעבישער און ייִדי־שער פאָלקס־מאַסע. אָבער אין דער ייִדישער קהלה זענען אַרום דעם דאָ־זיקן ענין אויסגעבראָכן אינערלעכע קאָנפליקטן. די אָנפירנדיקע אויבער־שטע שיכטן פון דער ייִדישער קהלה אין פּראָג זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער ייִדיש־טאַבאָריטישער דערנענטערונג און בכלל קעגן מישן זיך פון די ייִדן אין דעם אינערלעכן קאַמף פון לאַנד. וועגן דעם זאָגט עדות דער פאָלגנדיקער קול קורא פון דער אָנפירונג פון דער פּראָגער קהלה צו אירע מיטגלידער (דער קול קורא ווערט געבראַכט אין דער ציטירטער ראַמ־שאַק־כראָניק): „מיר וואָרענען אַלע אונדזערע אייגן־גלויביקע, זיי זאָלן ביי די איצטיקע באַדינגונגען ערנסט אַכטונג געבן אויסצומיידן ווי צום גע־נויעסטן שמועסן אויף רעליגיעזע טעמעס מיט נישט־ייִדן; און אויב מען וועט זיי אין דעם אַריינציען, זאָלן זיי ווי צום שנעלסטן איבעררייסן, ווייל פון דעם קאָנען אַרויסקומען נישט קיין גוטע זאַכן“.

די דאָזיקע וואָרענונג האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. די ייִדישע פאָלקס־מאַסע פון פּראָג האָט זיך געזאַמלט איינינעם מיט די טאַבאָריטן, אָנטיילגענומען אין די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס, פאַרבראַכט צוזאַמען מיט די טאַבאָריטן און מיטגעזונגען זייערע כופרישע און קעמפערישע לידער. די פּלוטאָקראַטיש־רבנישע פּראָגער קהלה־אָנפירונג האָט זיך פאַר דעם ערנסט דערשראָקן. אין אַ ווייטערדיקן אָרט פון דער זעלביקער ראַמ־שאַק־כראָניק לייענען מיר אַ נייע התראה פון דער קהלה־אָנפירונג:

„מיר האָבן געהערט, און מיט באַדויערן מוזן מיר עס זאָגן, אַז איי־ניקע פון אונדז האָבן זיך אַזוי ווייט פאַרגעסן, אַז זיי נעמען אָנטייל אין די דיסקוסיעס, וועלכע גייען זיי גאָרנישט אָן, און אין וועלכע זיי זענען אינגאַנצן נישט באַרופן צו נעמען אַ וואָרט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי נעמען אָנטייל אין זינגען פאַרשווערנדיקע לידער. מיר האָבן געהערט, אַז זיי באַטייליקן זיך אין זינגען די לידער: „לאָזט אונדז זיך זאַמלען אַרום מזבח“, „אַ הכנעהדיקער צו אַלעם דערשיטערנדיקן“, „ווער עס האָט מוט און האָט נישט מורא פאַר דער נאַכט“. ווער עס וועט פאָלגן אונדזער מיי־נונג, דער וועט דערגרייכן גאָטס חסד און ברכה“.

הקיצור, די פּראָגער קהלה־אָנפירונג האָט געראַטן און געהייסן די ייִדן זיך נישט מישן אין די אינערלעכע קאַמפן פון טשעכיע און זיי פאַרווערט זיך צו דערנענטערן צו דעם הוסיטישן לאַגער. אָבער די ייִדישע פאָלקס־מאַסע האָט זיך געלאָזט פירן דורך איר אינערלעכן דראַנג צו דעם לאַגער, וואָס האָט צו איר אַרויסגעוויזן אַ פריינדלעכע מענטשלעכע באַציונג. ייִדן האָבן

אַנטיילגענומען אין די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטריטן פון דער פּראָגער טשעכישער באַפעלקערונג און אין דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט קעגן דער קרייץ־צוג־אַרמיי פון קיניג זיגמונט. צוזאַמען מיטן יובלדיקן פּראָגער פאָלק האָבן אויך די יידן געזונגען דאָס קאַמף־ליד פון די טאַבאָריטן:

„שטייט אויף, שטייט אויף, פּראָגער מענטשן,
„קעגן דעם רשע, דעם בבלישן קיניג,*
„ער דראָט אונדזער שטאָט ירושלים,**
„דער רומפולער פּראָג און דעם טשעכישן פאָלק.
„מיר דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַרן אונגאַרישן מלך,
„זיין מלחמה קעגן אונדז וועט זיך ענדיקן מיט זיין שאַנד,
„און די טשעכן וועלן זיך פרייען מיט זייער נצחון".

אין שפּיץ פון די יידישע סימפּאַטיקער פון דעם טאַבאָריטישן לאַגער האָבן זיך אַרויסגערוקט יידישע געלערנטע, וועלכע זענען געשטאַנען אין פריינדלעכע באַציונגען מיט די טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן. למשל דער טאַ־באָריטישער גייסטיקער פירער מיליטש פון קרעזמיר האָט געהאַט פריינד יידישע געלערנטע. איינע פון די וויכטיקסטע געשטאַלטן פון די פּראָגער יידן אין דער הוסיטישער צייט איז געווען דער געלערנטער רב און שריפטשטע־לער אביגדור קאַראָ (געשטאָרבן אין יאָר 1439), א זון פון א קדוש, וואָס איז אומגעקומען בעת אַ פּאָגראָם. קאַראָ איז געווען אַ פריינד פון פאָלק און אַ קעגנער פון עשירות און הוליאַקישן לעבן; אַליין האָט ער געלעבט ווי אַן אַסקעט — אַזויווי אַ סך טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן. אין שייכות מיטן פּאָגראָם איבער די יידן אין פּראָג, אין יאָר 1389, האָט אַביגדור קאַראָ פאַרפאַסט אין העברעיש אַ ליד, אין וועלכן ער האָט אויסגערופן צו גאָט, ער זאָל שוין לאָזן קומען דעם טאָג פון באַצאָלונג. אין דעם ליד רעדט אביג־דור קאַראָ וועגן דער ווילדער וועלט און דריקט אויס די האָפענונג, אז עס וועט קומען דער טאָג פון פאַרברידערונג, וועלכן עס האָט פאָרויסגעזאָגט דער נביא ישעיהו.

אַביגדור קאַראָ האָט פאַרקערט, שוין פאַר די הוסיטישע צייטן, מיט פאָרגעשריטענע טשעכישע פּערזאָנען, בתוכם וואַרשיינלעך מיט יאַן הוס. ווען עס זענען אויסגעבראָכן די הוסיטישע מלחמות, האָט ער זיך גע־שטעלט אויף דער זייט פון די פרייהייטס־קעמפער. אביגדור קאַראָ:

---

* געמיינט — דעם קיניג זיגמונט.

** געמיינט — פּראָג.

שרייבט מען צו די אויטאָרשאַפט פון אַ ריי טאַבאָריטישע קאַמפּס־לי־דער, צווישן אַנדערע זאָל ער זיין דער מחבר פון אַ ליד, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די טאַבאָריטן און אין וועלכן עס איז פאַראַ אַזאַ סטראָפע: „צי ביסטו אַ ייד, אַ מאַכמעדאַנער, אָדער אַ קריסט, איינס זאָלסטו וויסן — אַז נישט אַ גשמיותדיקער גאָט איז דיין דערלייזער“.*

אַ מיטקעמפער פון אַביגדור קאַראָ איז געווען דער גרויסער יידישער געלערנטער יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן, וועגן וועלכן עס וועט ברייטער זיין א רייד שפּעטער, אין שייכות מיט דער לאַגע און שטימונגען ביי די יידן אין פוילן אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד.

ווי געזאָגט, האָט נישט געהערשט אין דער יידיש־טשעכישער קהלה קיין איינשטימיקייט בנוגע דער באַציונג צו דער טאַבאָריט־שער באַוועגונג. די ראַמשאַק־בראָניק גיט איבער, אַז עס זענען געווען אין טשעכ־יע צוויי יידישע קהלות, וועלכע האָבן זיך איינגענעם מיט די אָרטיקע קריסטן באַטייליקט אין קאַמף קעגן די טאַבאָריטן. אין איין פאַל האָבן די טאַבאָריטן נאָכן דעראָ־בערן די שטאָט פּאַרטיליקט אַלע קעגנער זייערע—סיי פון צווישן דער קריסט־לעכער, סיי פון צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם צווייטן פאַל האָבן די טאַבאָריטן אויסגעראָטן אַלע קריסטלעכע קעגנער זייערע פון דער דעראָבערטער שטאָט, דאַקעגן די יענע יידן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף צוזאַמען מיט די אַנטיטאַבאָריטישע קריסטן, האָבן זיי געגעבן אַ ברירה: אָננעמען דעם קריסטנטום לויטן הוסיטישן נוסח, אָדער אומקומען.

אַזוי האָבן באַהאַנדלט די טאַבאָריטן זייערע קעגנער, וואָס זענען אַרויס־געטראָטן קעגן זיי מיט געווער אין האַנט, אָבער אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקערונג בכלל האָבן זיי אַרויסגעוויזן, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, די ווייטגייענדיקסטע טאָלעראַנץ. געוויסע אידעאָלאָגן פונעם טאַבאָריטיזם האָבן געגלייבט, אַז אין פּועל יוצא פון דער מענטשלעכער, ברידערלעכער באַציונג לגבי די יידן, וועלן די לעצטע סוף כל סוף זיך באַקערן צום ריינעם קריסטנטום לויטן ראַדיקאַל־הוסיטישן נוסח. פון דער צווייטער זייט זענען געוויסע יידישע רעליגיעזע אויטאָריטעטן געווען איבערצייגט, אַז די טאַבאָ־ריטן וועלן זיך דערנענטערן צום יודאַיזם; זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויפן

---

* אַביגדור קאַראָ איז אריין אין דער טשעכישער טראַדיציע אונטערן נאָמען וויקטאָר (אביגדור) יודעאוס. ער ווערט באַשריבן אין איינעם פון די היסטאָרישע ראָמאַנען פון דעם באַקאַנטן טשעכישן שרייבער אַלאָיז איראַשעק.

פאַקט, וואָס די טאַבאָריטן האָבן איבערגעריסן מיטן גלויבן אין קריסטוסן אַלס גאָטס זון און מיטן גאַנצן קריסטלעכן ריטואַל. אין די יידישע (העברעי־שע) כתבים און קאָרעספּאָנדענצן פון דער הוסיטישער צייט אין טשעכיע ווערט אַ סך געשריבן וועגן די הוסיטן און בפרט די טאַבאָריטן. איינער פון די ווינכטיקסטע יידישע אויטאָריטעטן פון יענער צייט, דער רב יעקב הלוי מולין (מהרי״ל), האָט אין אַ בריוו, אין יאָר 1421, געשריבן וועגן דעם, אַז אין טאַבאָר זענען פאַראַן הוסיטן, „וועלכע גלויבן נישט אין ישו און האָבן נישט קיין שום הייליקע בילדער, קיין שום צלמים און קיין גייסטלעכע״. די ידיעה וועגן דעם דאָזיקן פאַקט האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די יידן פון טשעכיע, עסטרייך און דייטשלאַנד, האָט אַרויסגערופן ביי זיי נאָך גרעסערע סימפּאַטיעס לטובת די טאַבאָריטן און אין געוויסע יידישע קרייזן אויך די האָפענונג, אַז די דאָזיקע אויסגעלייזטע פונעם יעזוס־קולט טשעכן וועלן זיך דערנענטערן צום יודאַיזם און זיך מגיר זיין. אין א צווייטן העברעישן כתב־יד, פון אָט דער צייט, ווערט טאַקע אויסגעדריקט דער גלויבן, אַז די הוסיטן פון פּראָג וועלן ווערן יידן. „הוס לערנט זיי — ווערט געשריבן אינעם דאָזיקן כתב־יד, — צו גלויבן אין איין גאָט; זיי האָבן צעשטערט אַלע קיר־כעס און פאַרברענט די (הייליקע) בילדער, די מערהייט פון די איינוווינער פון לאַנד גייט צו זיי ווי אַ שטראָם, און זיי האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון קריסטלעכן גלויבן״. אינעם כתב־יד ווערט דערנאָך געשילדערט דאָס פאַרברענען הוסן און היעראָנימען פון פּראָג, און ווייטער: „און עס זאָגן אַלע זין פון מלכות פּיהם (בעמען, טשעכיע), אַז זיי (הוס און היעראָנים) זענען אומגעקומען, אָבער זייער בלוט וועלן די ברידער נוקם זיין״.

ווי מיר זעען, האָט די טעטיקייט און די אידעאָלאָגיע פון די טאַבאָ־ריטן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק צווישן די יידן. אין דער שוין ציטירטער דורך אונדז כראָניק „עמק הבכא״ ווידמעט איר מחבר יוסף הכהן אַ גרע־סערן פּאַסוס דער מלחמה צווישן די פּאַראייניקטע כוחות פון די קאַטוילישע פעאָדאַלן אונטער דער אָנפירונג פון דעם קיניג זיגמונט און די טאַבאָריטן. יוסף הכהן דערציילט, אַז אין יאָר 1419 „זענען אויפגעשטאַנען אין לאַנד בעמען (טשעכיע) אָנהענגער פון אַ נייעם גלויבן, זיי האָבן דערהרגעט אַלע ראַטמענער פון פּראָג, צעשטערט אַלע קלויסטערס פון די מאָנאַכן און זיי אונטערגעצונדן און זייערע בילדער צעהאַקט אויף פּיצלעך״. ווייטער ווערט אין „עמק הבכא״ דערציילט, אַז די אַרמיי פון דעם קרייץ־צוג האָט געציילט הונדערט טויזנט מאַן; גייענדיק אויף דער מלחמה, האָבן זיי זיך צוגעזאָגט, אַז נאָכן זיג וועלן זיי זיך לאָזן ווילגיין איבער די יידן; „דערפאַר האָבן זיך

די יידן זייער געשראָקן, און אַ גרויסער פּחד איז זיי באַפֿאַלן". אָבער זינ־
מונטס קאַטוילישע אַרמיי איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך די הוסיטן, וועלכע
האָבן באַהערשט דאָס גאַנצע לאַנד. פון דער גרויסער קאַטוילישער אַרמיי
זענען געבליבן שפּליטערס, און די געראַטעוועטע קריגסלייט זענען געגאַנגען
איבער די הייזער און געבעטלט אַ שטיקל ברויט. אַזוי זענען די יידן ניצול
געוואָרן פון אַ גרויסער סכנה.

צווישן די טשעכישע יידן איז געווען אַ טייל, וואָס האָט אַקטיוו גע־
האָלפן די טאַבאָריטן — מיט געלט, מיט צושטעלן געווער און אויך מיטן
פערזענלעכן אָנטייל אין זייער לאַגער און קאַמף. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן,
אַז אין פּראָג האָבן זיך יידן באַטייליקט אין די טאַבאָריטישע פאַרזאַמלונגען
און געזונגען זייערע לידער. אין דער ראַמשאַק־כראָניק, פון וואַנען מיר האָבן
געשעפּט די דאָזיקע ידיעות, ווערט אויך איבערגעגעבן אַט וואָס: „די פּאָר־
שטייער פון די פּראָגער יידן און פון די יידן פון לאַנד פאַרוואַרן (די מיטגלי־
דער פון די קהלות) צו קויפן ביי די טאַבאָריטן זאַכן פון מלחמה־רויב, צו
פאַרברענגען מיט זיי אָדער זיי באַגלייטן אין די מלחמה־מאַרשן". הייסט
עס, אַז יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די מלחמה־מאַרשן פון די טאַבאָריטן.
אין דעם צענטראַלן לאַגער פון די טאַבאָריטן, אין טאַבאָר, האָבן זיך געפונען
אַ סך יידן. אין די טשעכישע כראָניקעס פון די הוסיטישע מלחמות ווערן
צווישן אַנד. דערמאָנט אַזעלכע נעמען פון קעמפער און אַפילו אָנפירער, ווי
אברהם, משה אאַ, וועלכע זענען וואַרשיינלעך געווען יידן. אברהם האָט
זיך געפונען אין טאַבאָר און איז געווען אַרומגערינגלט דורך די טאַבאָריטן
מיט גרויס דרך־ארץ. משה ווערט אין די כראָניקעס באַצייכנט ווי אַן „אויפ־
געקלערטער מאַן"; ער איז דערהרגעט געוואָרן דורך די קאַטוילן.

דער טאַבאָריטיזם האָט געהאַט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג
אַ ווירקונג אין דער ריכטונג פון פאַרשטאַרקן ביי זיי די דעצידירטקייט צו
שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד זייערע שונאים. אין דער כראָניק פון יאָר
1421 „גזירה ממדינת אוישטרייך" ווערט דערציילט, אַז איידער דער עסט־
רייכישער דוכוס (פירשט) אַלבערט V איז אַוועק מלחמה האַלטן מיט די
הוסיטן, האָט ער געשווירן זיך נוקם צו זיין אין די יידן דערפאַר, וואָס זיי
שיקן געווער פאַר הוסיטישן מיליטער. נאָכדעם ווי דער דוכוס איז צוריק־
געקומען אַ צעשלאָגענער מיט חרפּות און בושות פונעם שלאַכטפעלד, האָט
ער זיך טאַקע גענומען צו די יידן. אָבער די לעצטע האָבן געשטעלט אַן אַק־
טיוון ווידערשטאַנד. דער דוכוס האָט באַפוילן צו כאַפּן אין ווין 160 יידישע
בחורים און מיידלעך, זיי פאַרשפּאַרט אין אַ שול, געפּייניקט מיט הונגער,

וועלנדיק זיי אַזוי אַרום צווינגען זיך צו שמדן. ווען דאָס האָט נישט גע־האָלפן, האָט — „דער רשע געמאָלדן: ווער עס וויל קויפן די יידישע קינדער, זאָל קומען און קויפן. און עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ סך סוחרים און די זאַך איז באַוווסט געוואָרן די קינדער, און זיי האָבן נישט געלאָזט אַריינ־גיין אין שול. די שונאים האָבן אויפגעבראָכן די טירן, און די יינגלעך האָבן זיך פאַרטיידיקט און געקעמפט מיט זיי (מיט די שונאים) און אַפילו פאַר־וווּנדעט אַ טייל פון זיי. צוליב אונדזערע גרויסע זינד האָט אויף זיי גובר געווען די האַנט פונעם שונא, און אַ טייל פון זיי איז געשמדט געוואָרן מיט צוואַנג און זיי זענען געוואָרן אַוועקגעפירט אין ווייטע לענדער“.

די כראָניק דערציילט ווייטער, אַז ווען מען האָט געפירט די יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן, צום טויט, האָבן זיי גע־טאַנצט, געשפּיגן אויפן צלם און אויך דעם דוכוס אין פּנים אַריין. די מיידלעך זענען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. דערנאָך זענען געקומען רשעים און געזוכט גאָלד און זילבער אינעם אַש פון די פאַרברענטע מיידל־שע קערפּערם.

דער איינפלוס פון דעם טאַבאָריטיזם איז אַריינגעדרונגען אויך אינע־ווייניק אין די יידישע קהלות גופא. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אָט וואָס: ווי עס גיט איבער די ראַמשאַק־כראָניק, האָט די קהלה־אָנפירונג אין פּראָג אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידישע באַלעבאָסטעס זאָלן באַהאַנדלען מענטשלעך די דינסטן, סיי די יידישע, סיי די קריסטלעכע.

די שטורמישע געשעענישן אין טשעכיע האָבן אַרויסגערופן אַן אויפ־רודער אויך ביי די יידן אין שלעזיע און דייטשלאַנד. די דייטשישע יידן האָבן אויך אַרויסגעוויזן גרויסע סימפּאַטיעס פאַר די הוסיטן, אָנגעקניפּט מיט זיי קאָנטאַקטן און זיי געהאָלפן מיט צושטעלן געווער צום קאַמף קעגן געמיינ־זאַמען שונא — דעם לאַגער פון די אייפעריקע קאַטוילישע פעאָדאַלן. אויך צווישן די יידן אין פּוילן האָבן די טעטיקייט און אידעאָלאָגיע פון די טאַבאָ־ריטן געהאַט אַ באַדייטנדיקן אָפּקלאַנג.

קאפיטל פיר

# די יידן אין פוילן און ליטע אין די צייטן פון הוסיטישן אויפשוווּנג און פון דער קאטוילישער רעאקציע

די הוסיטישע באוועגונג פון טשעכיע האט געהאט א טיפן אפקלאנג אין אייראפע און בפרט אין פוילן. די פירער פון דער הוסיסטישער באוועגונג האבן זיך באמיט צו שאפן א פאראייניקטן טשעכיש־פוילישן פראנט, געוואנדט קעגן דעם עקספאנסיאניזם פון די דייטשישע פעאדאלן אויף מזרח. דער גאנטער מיטארבעטער פון יאן הוס, היעראנים פון פראג, איז אין 1413 געקומען קיין פוילן מיט א פאליטישער מיסיע, מיטן ציל צו רעאליזירן דעם דאזיקן פאראייניקטן פראנט. זיין וויזיט, און בכלל די ידיעות, וואס זענען אנגעקומען פון טשעכיע, האבן ארייננגעבראכט אן אויפרודער נישט בלויז ביי די פוילישע פאלקס־מאסן, נאר אויך צווישן דער שליאכטע, צווישן די אויפגעקלערטע געלערנטע און ביי א טייל פון נידעריקן קלער. די יאגעללאנער האבן זיך באמיט אויסצונוצן די אינערלעכע קאנפליקטן אין טשעכיע פאר זייערע דינאסטישע אינטערעסן, אבער איינצייטיק באקעמפט די הוסיטישע איינפלוסן אין פוילן גופא.

די טאבאריטישע אגיטאציע איז ארייננגעדרונגען טיף אין פוילן. בפרט איז ארומגעכאפט געווארן דורך א כוואליע פון פאלקס־אויפברויז שלעזיע. אין די יארן 1428—1432 איז שלעזיע געווען אן ארענע פון א גאנצער ריי פאלקס־אויפשטאנדן פון הוסיטישן כאראקטער (אין ווראצלאוו, ליגניץ, קלאדזקא, שווידניץ, זאמבקאוויץ א.א.). אין די יארן 1438—1442 איז פארגעקומען אין פוילן, דער עיקר אין גרויספוילן, א הוסיטישער אויפשטאנד. אין משך פון די יארן 1420—1446 זענען אויסגעבראכן הוסיטישע קאמפן אויך אין גדאנסק, פויזן, וולאצלאוועק, סלופסק, סטאראגארד, קראקע, זבאנשין, סרעם, אינאווראצלאוו, און אויך אין קויאוויע און מאזאוושע.

די לערעס פון דזשאָן אויקליף און יאַן הוס זענען אַריינגעדרונגען אויך אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע. אין דער ערשטער העלפט פון XV־טן י״ה האָט אין דער דאָזיקער אַקאַדעמיע געווירקט איינער פון די שענסטע פּויליש: שע גייסטער, פּאַוועל וולאָדקאָוויץ (וולאַדימירוס) פון ברודזעוו, וועלכער איז געווען אַ צייט רעקטאָר פון דער אַקאַדעמיע. פּאַוועל וולאָדקאָוויץ איז געווען איינער פון די ערשטע הומאַניסטן אין דער פּעאָדאַלער אייראָפּע. אין יאָר 1414, בעת דעם קאָנציל אין קאָנסטאַנץ, ווו עס איז באַטראַכט געוואָרן דער ענין הוס, איז פּאַוועל וולאָדקאָוויץ אַהין געשיקט געוואָרן ווי אַ ראש פון דער פּוילישער דעלעגאַציע. וולאָדקאָוויץ האָט אין קאָנסטאַנץ פאַרנומען אַ פּאָרגעשריטענע שטעלונג און איז געווען איינער פון די געציילטע, דרייסטע קאָנציל־אָנטיילנעמער, וואָס האָבן זיך אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס סאָ־לידאַריזירט מיט יאַן הוס. וולאָדקאָוויץ איז דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן דורכן פּויפּסט און איז דערנאָך באַפרייט געוואָרן, ווייל דעם פּויפּסט האָט זיך נישט געלוינט איינצוורייסן מיט פּוילן, וואָס האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון מלוכהשער שטאַרקייט אַדאַנק דעם נצחון היינטער גרונוואַלד אין יאָר 1410.

פּאַוועל וולאָדקאָוויץ איז — נאָך פּאַרן אַרויסטריט פון די טאַבאָריטן — דערשיינען ווי איינער פון די זעלטענע עפנטלעכע פאַרטיידיקער פון די גע־רודפטע דורך דער קאַטוילישער קירך און פעאָדאַלע הערשער פרעמדגלוי־ביקע, און בתוכם פון די יידן. אין זיין לאַטייַנישן טראַקטאַט וועגן דער מאַכט פונעם פּויפּסט און דעם קייזער לגבי דער נישטקריסטלעכער באַפעלקע־רונג,* וואָס איז דערשינען אין יאָר 1415, איז וולאָדקאָוויץ אַרויסגעטראָטן קעגן די רדיפות, דעם רויב, די גירושות און דער אויסראָטונג, וואָס דער דייטש־פּעאָדאַלער אָרדן פון די קרייץ־ריטער האָט אָנגעווענדט לגבי די נישט־קריסטלעכע, הייזדעניש באַלטישע פעלקער, אונטערן אויסרייד פון באַקערן זיי צום קריסטנטום. אין דעם זעלביקן ווערק איז וולאָדקאָוויץ אַרויסגע־טראָטן אויך קעגן די רדיפות און גירושים לגבי די יידן. ער האָט געשריבן: „עס איז נישט ווירדיק פאַר די קריסטלעכע פירשטן ארויסצוטרייבן פון זייערע באַזיץ־ערטער יידן און אַנדערע אומגלוביקע, אָדער זיי צו באַרויבן אָן אַ געזעצמעסיקער סיבה.“

וולאָדקאָוויצעס אַרויסטריט איז געווען אַ רעאַקציע פון אַ טאָלעראַנטן געלערנטן, פון אַ פאָרגייער פונעם הומאַניזם, קעגן די אָפטע יידן־גירושים,

---

* „De potestate papae imperatoris infidelium“,

וואָס האָבן געהאַט אין יענעם פּעריאָד אַן אָרט אין דייטשלאַנד און אַנדערע קאַטוילישע מערב־לענדער.

פּאַוועל וולאָדקאָוויצעס אַרויסטרייט אין שוין פון די יידן האָט דעמלט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער היסטאָריקער פונעם קראָקעווער אוניווערסיטעט קאַזשימיעזש מאָראַווסקי:*

„דער קראָקעווער פּראָפעסאָר (פּאַוועל וולאָדקאָוויץ) האָט, הייסט עס, אויפגעשריבן אויף זיין פּאָן לאָזונגען פון פּראָגרעס און ער האָט געקעמפט אונטער דער דאָזיקער איידעלער פּאָן. אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט, פונעם קראָקעווער אוניווערסיטעט און פון דער סלאַווישער וועלט האָט דעריבער דער נאָמען פונעם מייסטער פּאַוועל וולאָדקאָוויץ באַזונדערע רעכט צו אַן אומפאַרגעסלעכן און דאַנקבאַרן אָנדענק.“

די הוסיטישע אידעען זענען אַריינגעדרונגען אויך אין דער סביבה פון די פּוילישע יידן, בפרט פון די קראָקעווער יידן. די דאָזיקע אידעען האָבן געבראַכט מיט זיך די יענע טשעכישע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין ווירט־שאַפטלעכע און קולטורעלע באַציונגען מיט די פּוילישע יידן. עס איז, למשל, אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקער האַנדל צווישן טשעכישע יידן מיט יידישע סוחרים פון פּינטשעוו און גראָדנע. קיין טשעכיע פלעגט מען אָפט איינלאַדן רבנים פון פּוילן, און פאַרקערט. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע גע־שטאַלטן, וואָס האָט פאַרבונדן די פאַרגעשריטענע יידישע קרייזן פון טשע־כיע און פּוילן, איז געווען דער געלערנטער און פּרייגייסט יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן.

יום־טוב ליפּמאַן האָט געשטאַמט פון טשעכיע, פון דער טשעכישער שטאָט מילהויזן (נישט פאַרטוישן מיט מילהויזן פון עלזאַס); ער האָט אַ צייט געוווינט אין ערפורט און לינדוי, אָבער דער עיקר אין פּראָג, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד פון בית דין צוזאַמען מיט רבי אביגדור קאַראָ און רבי מנחם בן יעקב שלום. בעת די הוסיטישע געשעענישן איז ער געקומען קיין פּוילן און האָט געלעבט אין קראָקע ביזן יאָר 1435.

יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן איז געווען אַ פּיאָנער פון הומאַניסטישן געדאַנק ביי די יידן אין טשעכיע און אין פּוילן. זיין טעטיקייט האָט זיך

---

* K. Morawski: „Historia Uniwersytetu Jagiellońskiego“, t. II, Kraków, 1900, s. 182.

אָבער נישט באַגרענעצט בלויז צו די ד׳ אמות פון דעם יידישן ישוב. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אידעאָלאָגישע שטרייטן פון זיין צייט און געווירקט לטובת דעם ראַדיקאַלן הוסיטישן פליגל. אגב, איז ער נישט געווען דער איינציקער. נישט ווייניק יידישע אויפגעקלערטע געלערנטע פון יענער צייט — אין טשעכיע און אין פוילן — האָבן גענומען אַן אָנטייל אין די דיסקוסיעס קעגן די קאַטוילישע און מעסיק־הוסיטישע אידעאָלאָגן, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט לגבי זיי אויך מצד די לעצטע. אזוי איז למשל איינער פון די פוילישע אידעאָלאָגן פונעם הוסי־טיזם הענריק פון לאַנגענשטיין אַרויסגעטראָטן קעגן אַריינלאָזן זיך אין וויכוחים מיט יידישע געלערנטע.

יום־טוב ליפּמאַנס געזעלשאַפטלעכע און שרייבערישע טעטיקייט פאַלט זיך צונויף מיט דער ווירקונג פון דער הוסיטישער באַוועגונג אין ערשטן פערטל פון XV־טן י״ה. יום־טוב ליפּמאַן האָט, ווייזט אויס, געהערט צו די פּראָ־הוסיטישע קרייזן פון די פּראָגער יידן מיט אַביגדור קאַראָ אין דער שפּיץ. יום־טוב ליפּמאַן האָט געפירט א פארצווייגטן פארטיידיקונגס־קאַמף לטובת זיינע ברידער קעגן די אָנגריפן פון דער קאַטוילישער רעאַקציע. סוף יאָר 1412 האָט הום און זיין נאָענטער מיטאַרבעטער היעראָנים געמוזט פאַרלאָזן פּראָג. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער דייטש־קאַטוילישער קלער און בכלל די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן שאַרפע רדיפות קעגן די כופרים. לפי ערך אין דער צייט האָט געמוזט פאַרלאָזן פּראָג אויך יום־טוב ליפּמאַן. סוף 1413 אָדער א ביסל שפּעטער, אין דער זעלביקער צייט, ווען עס קומט אָן קיין פוילן היעראָנים מיט דער מיסיע, ווי שוין געזאָגט, צונויפצושמידן דעם פראָנט פון די סלאַווישע פעלקער קעגן די קייזערלעך־פויפּסטלעכע אינטריגעס, יאַוועט זיך אין קראָקע אויך יום־טוב ליפּמאַן. ער אַנטוויקלט דאָ א ברייטע טעטיקייט אין גייסט פון די נייע אידעען. ער טרעט אַרויס מיט זיינע עפנטלעכע רייד אין די שבתים. ער טרעט אַרויס נישט בלויז פארן יידישן עולם, נאָר אויך פאר קריסטן — אויף פּלעצער און אפילו אין קירכעס, ווו ער פּאָלעמיזירט מיט די יידן־פיינטלעכע מאָנאַכן.

יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן האָט זיך געפונען אונטער בולטע השפּעות פון דער ראַדיקאַל־הוסיטישער אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע השפּעות לאָזן זיך בפירוש באַמערקן אין זיין ווערק „נצחון“ (אַרום 1410); סיי די משיחישע האָפענונגען, סיי דער אָנגריף אויף דער קאַטוילישער רעאַקציע, סיי די קרי־טיק פון די גוזמאות און אַבערגלויבנס, וואָס געפינען זיך אין דער ביבל און אין תלמוד, סיי דער קעמפערישער טאָן („עס איז טיילמאָל פּאַראַן אַ צייט,

ווען מען דאַרף פּיינט האָבן, און עס איז אויך פאַראַן אַ צייט, ווען מען דאַרף קעמפן״), בקיצור — דער אינהאַלט פונעם ווערק און אויך זיין טיטל גופא (נצחון) — דאָס אַלץ זאָגט עדות אויף די איינפלוסן פון די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון דער צייט אויף יום־טוב ליפּמאַנען. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן צושרייבן דער מילה די עיקרדיקסטע באַדייטונג פון יידישקייט. פּונקט ווי די קריסטלעכע „כופרים״ האָבן געהאַלטן, אַז נישט דורכן באַשפּריצן מיטן „הייליקן וואַסער״ ווערט אַ מענטש געלייטערט און ערלעד, נאָר דורך זיינע מעשים, אַזוי האָט אויך ליפּמאַן געזאָגט, אַז נישט דורך מילה ווערט מען אַן אמתער ייד און מענטש, נאָר דורך ממשותדיקע מעשים. ער זאָגט: „זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז די אָנגעהעריקייט צו דער יידישער אמונה איז נישט אָפּהענגיק פון מל זיין, נאָר פון געוויסן. עס איז קלאָר, אַז דער, וואָס גלויבט נישט באמת, וועט נישט ווערן קיין ייד דורך דער מילה, און אַז דער באמת גלויביקער וועט זיין אַ ייד אַפילו ווען ער וועט נישט זיין גע־מלט״.

יום־טוב ליפּמאַן איז אַרויסגעטראָטן קעגן דאָגמאַטיזם ביי יידן, קעגן דעם סכאָלאַסטישן מעטאָד פון לערנען תנך און תלמוד, קעגן אָנהויפּן קאָמענטאַרן און קאָמענטאַרן פון קאָמענטאַרן ביים שטודירן דעם תלמוד. ער האָט געפּריידיקט אַ ראַציאָנאַליסטישן אופן פון אויפפאַסן דעם אינ־האַלט פונעם תנך. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר אַ קריטישן צוגאַנג צום טעקסט פון תנך און פונעם תלמוד. אין דעם ווערק „נצחון״ שרייבט ער: „עס פעלן נישט קיין גוזמאות אין די ביבלישע ספרים און אינעם תלמוד״. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן אַסקעטיזם. ער שרייבט: „און זאָל קיינער נישט אויסטייטשן די מיינונג פון די חכמים וועגן די תאוות און אַמביציעס, וואָס דערהרגענען דעם מענטש, אויף אַזאַ אופן, אַז מען דאַרף כסדר פאַסטן און זיך אָפּהאַלטן פון די לעבן־פאַרגעניגנס, ווי דאָס טוען די מאָנאַכן. קעגן דעם בונטעוועט זיך דער געזונטער שכל. עס איז אַ ספק, צי איינער פון טויזנט וועט אויף אַזאַ אופן קאָנען איינהאַלטן דעם גייסט קעגן פאַרטונק־לונג״.

אין דעם ווערק „נצחון״ טרעט יום־טוב ליפּמאַן אַרויס אין שוץ פון די גערודפטע יידן — קעגן די קאַטוילישע פאַנאַטיקער. ער ווייזט אַרויס גרוי־סע בקיאות אין דער קירכלעכער ליטעראַטור, ער קען אויך אויסגעצייכנט די שריפטן פון די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער. ער ווייזט אָן, אַז די ערגסטע שונאים פון די יידן זענען די משומדים, וועלכע ווערן דורך דער קאַטוילישער קירך אַרויסגערוקט צו פירן פּאָלעמיקעס קעגן די יידן (איינער

אַזאַ רענעגאַט אין פּוילן איז געווען אַ משומד מיטן נאָמען פּיאָטר). יום־טוב ליפּמאַן איז גוט באַהאַונט אינעם זיטלעכן לעבן פון די כומרים און מאָנאַכן. ער דעמאַסקירט זיי ווי די ערגסטע טרעגער פון זנות. ער וואַרפט פאַר די גלחים, אַז זיי רעדן צו קריסטלעכע פרויען בעתן „ספּאָוויעדזש" (ווידוי) צו זינדיקן מיט זיי, אַ נישט — וועלן זיי מגלה זיין זייערע מענער, אַז זיי, די פרויען, האָבן זיך מתוודה געווען, דאָס זיי האָבן געזינדיקט מיט פרעמדע מאַנסבילן. יום־טוב ליפּמאַן איז אויך געווען אויסגעבילדעט אין דער דעמלט פּראָגרעסיווער אַלגעמיינער און יידישער פילאָזאָפיע, למשל אויף די ווערק פון ווילהעלם אָקקאַם, פונעם פּוילישן אָפּאָזיציאָנעלן רעלי־גיעזן דענקער מאַטעאוש פון קראָקע און פון מיימאָנידעס (רמב"ם).

יום־טוב ליפּמאַן איז אין וואָרט און שריפט אַרויסגעטראָטן קעגן די דאָגמעס פון דער קריסטלעכער רעליגיע. זיין קריטיק פון קריסטנטום פאַר־מאָגט אין זיך אַ סך הוסיטישע עלעמענטן. ער טרעט אַרויס קעגן דער דאָג־מע פון דער „הייליקער דריי־אייניקייט" און דער געטלעכקייט פון ישו הנוצרי. אָבער איינצייטיק דריקט ער אויס אָנערקענונג פאַר די אויפגעקלערטע קריסטן, וועלכע זענען נישט אין יעזוסן קיין גאָט. דאָס אַלץ האָט אַרויס־גערופן אַ געוואַלדיקן צאָרן ביי די שפּיצן פון דער קאַטוילישער קירך קעגן יום־טוב ליפּמאַנען. דער בראַנדענבורגער בישאָף סטעפאַנוס בודקער האָט אין אַ בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1435, געשריבן וועגן דעם מחבר פון „נצחון" אָט וואָס:

„דאָ נישט לאַנג, אין יאָר 1420, איז אין דער פּוילישער קיניגרייך, אין דער שטאָט קראָקע אַרויסגעטראָטן אַ געוויסער ייד מיטן נאָמען רב ליפּ־מאַן, וועלכער האָט זיך אין זיין בוך נישט באַפרידיקט מיט זידלען זיינע אייגענע אָבות פון תלמוד, קריסטוסן, די הייליקע מוטער, די הייליקע קאַ־טוילישע קירך, נאָר ער האָט נאָך צוגעוואָרפן נייע רכילות צו די אַלטע און דאָס אַלץ אָנגעשריבן קעגן אונדז מיט אַ בפירושער חוצפּה".

עס קאָן זיין, אַז נאָך אָט דעם אָפענעם אָנגריף פונעם ביסקופּ בודקער האָט יום־טוב ליפּמאַן געמוזט פאַרלאָזן פּוילן.

אַזוי אַרום ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ יידישע פרי־רע־נעסאַנס־געשטאַלט, אַ פּראָגרעסיוון, לויט זיין צייט, קעמפער, אַ פאַרבונ־דענעם מיט די הוסיטן, אַ פאָרגייער פון די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון די טשעכישע און פּוילישע יידן.

פאַר יום־טוב ליפּמאַנס קעמפערישן גייסט איז כאַראַקטעריסטיש אַ צווייט ווערק זיינס „ספר המידות". דער דאָזיקער ספר איז פאַרעפנטלעכט

נעוואָרן אין יידיש, אונטערן נאָמען „זיטן־בוך“, אין יאָר 1542 (אין איס־נעי; צום צווייטן מאָל אין קראָקע אין יאָר 1582). לויט אַלע וואַרשיינלעכ־קייטן האָט יום־טוב ליפּמאַן געשריבן דאָס ווערק סיי אין העברעיש, סיי אין לשון אשכנז (יידיש). דער פאַקט, אַז יום־טוב ליפּמאַן זאָל האָבן שוין געשריבן אין יידיש, האָט אַ זייער וויכטיקע באַדייטונג.*

אין אָט דעם „ספר המידות“ געפינען מיר אַ ריי זייער כאַראַקטעריס־טישע אַרויסזאָגונגען פון זיין מחבר:

„עס טרעפט אָפט, אַז חוצפה איז נייטיק, און נעמלעך דעמלט, ווען מע, דאַרף זיך אַקעגנשטעלן די רשעים, נישט הערן זייערע עצות, נישט אָנער־קענען זייערע שקרים און שלעכטע מעשים, נישט חנפהנען“.

ווענן דער גוטער מידה — ליבשאַפט, זאָגט דער מחבר אָט וואָס:

„ליבשאַפט איז אַ גוטע מידה. זי קאָן זיך אָבער פאַרוואַנדלען אין שלעכטס, ווען עמעצער ווערט אין זיין ליבשאַפט לגבי זיינע נאָענטסטע פאַר־לירן יעדע קריטיק, ווען ער ווערט זיך באַמיען אַוועקזעצן זיי אויף אַמטן, צו וועלכע זיי זענען נישט דערוואַקסן, ווי למשל, ווען ער ווערט זיי וועלן באַשטימען פאַר פירער אין לאַנד־מאַסשטאַב, אָדער פון אַ גאַנצער שטאָט; אַזאַ ליבשאַפט פאַרבלענדט און פאַרטויבט“...

ווענן געוויסע זיינצייטיקע כלל־טוער און אָנפירער דריקט זיך יום־טוב ליפּמאַן אויס אַזוי:

„געוויסע פון די היינטיקע אָנפירער יאָגן זיך נאָך דעם, כדי אַרויס־צושלעפּן פון פאָלק וואָס מער גוטן פאַר זיך, און דעריבער חנפהנען זיי די מאַסן, בכדי די לעצטע זאָלן זיי איבערלאָזן אויף די אָנפירנדיקע פּאָסטנס, און אָנשטאָט אויפצווייזן די מאַסן זייערע פעלערן און עס פאַררעכטן, נע־מען זיי אַליין איבער פון זיי דאָס שלעכטס“.

ביי יום־טוב ליפּמאַנען רופן זיך אָפּ שטאַרקע סאָציאַלע טענער, ער טרעט אַרויס אין שוץ פון די אַרבעטנדיקע, פון לוין־אַרבעטער, שקלאַפן, פון דער אָרעמקייט. ער זאָגט אינעם „ספר המידות“ אָט וואָס:

„אויב דו ביסט אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגסט מאַכט, און די מענטשן האָבן פאַר דיר מורא, געדענק — טאָרסט זיי נישט אויסנוצן... אַפילו אין באַצוג צו אַ נישט־יידישן קנעכט טאָרסטו נישט מאַכן זיין אַרבעט שווערער און באַליידיקן אים מיט דער האַנט, אָדער מיט אַ וואָרט... אַפילו ווען ער

---

*געוויסע פאָרשער באַצווייפלען די אויטאָרשאַפט פון יום־טוב ליפּמאַן, אָבער מיר זענען אין דער מיינונג, אַז זיי זענען זיך טועה.

וועט אַרויסרופן אַ קריגעריי דאַרפסטו רעדן מיט אים רואיק און אויסהערן זיינע טענות... גאָט האָט אונדז אַלעמען אויסגעפורעמט אין זיין שוים".

אין די לעצטע ווערטער הערן מיר דעם ווידער־קול פון דעם הוסיטישן ליד, וועלכן עס האָט פאַרפאַסט אַביגדור קאַראָ און די הוסיטן האָבן אים געזונגען בעת זייערע קאַמפן: „צי דו ביסט אַ ייד, אַ מוסולמענער, אָדער אַ קריסט, איינס זאָלסטו וויסן — אז נישט אַ גשמיותדיקער גאָט איז דיין דערלייזער".

עס פעלן ידיעות וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון דער קאָלירפולער פערזענלעכקייט — יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן. ווי אַ פאָרגייער פון הו־מאַניסטישן געדאַנק ביי די יידן אין פוילן און ווי אַ בפירושער קעמפער האָט ער אַריינגעשריבן אַ וויכטיק בלאַט אין דער געשיכטע. זיינע איינפלוסן זענען געווען גרויס, הגם קיין ממשותדיקע באַווייזן זענען לעת עתה נישטאָ.

עס איז כדאי אין דעם אָרט צוצוגעבן, אַז עס איז פאַראַן אַ ידיעה וועגן אַ ווערק פון אַ יידישן מחבר פון פוילן אין יענער צייט, וועלכער האָט באַשריבן העם אַרויסטריט פון יאַן הוס.

דער פאַקט, וואָס אַזאַ ראַדיקאַלער דענקער, ווי יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן, אַן אָנהענגער פון די געזעלשאַפטלעכע אידעען פונעם הוסיטיזם, איז געוואָרן אַ מטיף ביי די קראָקעווער יידן, זאָגט בפירוש עדות, אַז אין דער סביבה פון די פוילישע יידן זענען — אונטערן איינפלוס פון די שטור־מישע געשעענישן אין טשעכיע — אַקטיוויזירט געוואָרן די פּראָגרעסיטיווע כוחות. די אויפגעקלערטע און סאָציאַל אומרואיקע קרייזן פון דער דעמל־טיקער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן האָבן גיריק איינגעזאַפּט אין זיך די אָפּפרישנדיקע אידעען, וואָס זענען אָנגעקומען קיין פוילן פון דער הוסי־טישער טשעכיע.

אַדאַנק דער פאַרשפרייטונג פון די הוסיטישע אידעען אין פוילן האָבן די פוילישע יידן דערפילט א בולטערע טאָלעראַנטע באַציונג מצד דער פּוי־לישער געזעלשאַפט. נאָכן גרויסן נצחון איבער דעם דייטשישן קרייץ־אָרדן איז פוילן אַרוים אויף אַ ברייטן שליאַך פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דאָס האָט זיך אָפּגערופן אין אַ פּאָזיטיוון זין אויף אַ גאַנצער ריי ווירט־שאַפטלעכע טעטיקייטן פון די פוילישע יידן. בפרט מאַכן אַדורך אַ ווירט־שאַפטלעכע אַנטוויקלונג די יידן אין לימע. נאָכן טויט פון וולאַדיסלאַוו יאַ־געלאָם זון, וולאַדיסלאַוו דער דריטער (1434—1444) אויפן שלאַכט־פעלד הינטער וואַרנע (בולגאַריע), איז אַרויף אויפן טראָן זיין ברודער, קאַזשי־

מיעזש דער פערטער יאַגעלאָנטשיק (1447—1492), וועלכער איז פריער (זינט 1440) געווען דער גרויספירשט פון ליטע און האָט דאָ קאָנטינוּאירט לגבי יידן די באַגינסטיקנדיקע פּאָליטיק פון דעם ליטווישן גרויספירשט וויטאָלד. דעם 27-טן מערץ 1441 האָט דער גרויספירשט קאַזשימיעזש געגעבן די יידן און קאַראַימער פון דער ליטווישער שטאָט טראָק דאָס מאַגדעבורגער רעכט, גלייכע רעכט מיט די דאָרטיקע קריסטן. אויפן סמך פון אָט דער פריווילעגיע האָבן די פירשטלעכע באַאַמטע נישט געהאַט קיין רעכט זיך אַריינצומישן אין די אינערלעכע ענינים פון די יידן. אויף אַן ענלעכן אופן האָט ער באַהאַנדלט די יידישע באַפעלקערונג פון ווילנע (ווילניוס) און קאָוונע (קאַונאַס). דער גרויספירשט קאַזשימיעזש האָט געשטרעבט צו אַ ווייטערדיקער קאָלאָניזירונג פון ליטע, צו גרינדן נייע שטאָטישע און דאָרפישע ישובים. דאָס געבן די יידן גלייכע רעכט מיט די קריסטן האָט באַזייטיקט אַלע מחיצות פאַר אַברייטן אָנטייל פון די יידן אין קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, אין אַנטוויקלען אין ליטע דעם אינלענדישן און צווישנלענדישן מסחר, די מלאכה, דעם קרעדיט-וועזן און צום טייל אויך די לאַנדווירטשאַפט.

דער גרויספירשט קאַזשימיעזש האָט געגעבן יידן ערד אויף קאָלאָניזאַציע און גאַנצע דערפער כדי זיי צו פאַרווירטשאַפטן. אונטער דער הערשאַפט פונעם גרויספירשט קאַזשימיעזש האָבן זיך טאַקע די יידן אַקטיוו און אין אַ ברייטער מאָס באַטייליקט אין דער ווייטערדיקער קאָלאָניזירונג פון ליטע. דער סדר איז געווען אזא: עס איז באַשטימט געוואָרן אַ יידישער וואָיט, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גרויספירשט און זיינע געריכטס-אָרגאַנען און האָט אָרגאַניזירט דאָס באַזעצן יידן אין נייע שטאָטישע און דאָרפישע ישובים. אַ באַגינסטיקנדיקער מאָמענט פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ליטע איז אויך געווען דאָס לויזער מאַכן דעם שטייערשרויף. למשל די יידישע קהלה אין טראָק איז באַפרייט געוואָרן פון אַלע שטייערן, אחוץ איין יערלעכן אָפּצאָל.

ווען דער ליטווישער גרויספירשט קאַזשימיעזש איז געוואָרן קיניג פון דער פאַראייניקטער פויליש-ליטווישער מלוכה (אונטערן נאָמען קאַזשימיעזש IV) האָט ער אָנגעהויבן אַ נייע אינערלעכע פּאָליטיק, וועלכע האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון זיינע צוויי פאָרגייער. שטרעבנדיק צו שטאַרקן און צענטראַליזירן די קיניגלעכע מאַכט, האָט ער געזוכט אַן אָנשפּאַר ביים ברייטן שליאַכטישן כלל און געצילט זיך צו באַפרייען פון דער אַפּוטרופּסות פון דער וועלטלעכער און קירכלעכער מאַגנאַטעריע. קעגן דער דאָזיקער

שטרעבונג פונעם קיניג איז אויפגעשטאַנען א שטאַרקע מאַגנאַטישע אָפּאָ־זיציע בראש מיטן קאַרדינאַל זביגניעוו אָלעשניצקי, וועלכער איז איינצי־טיק געווען דער מלוכהשער קאַנצלער. דער שטרייט צווישן די צוויי לאַגערן — דעם קיניגלעך־שליאַכטישן און דעם מאַגנאַטיש־קירכלעכן — איז געווען אַ שטרייט אינערהאַלב דעם פעאָדאַלן קלאַס, אָבער ער האָט געהאַט אַ רייע אָנצינדר־פּונקטן. אחוץ דעם קאַמף ארום דער אינערן־פּאָליטיק, איז אויך אָנגעגאַנגען אַ קאַמף בנוגע דער ריכטונג פון דער אויסערן־פּאָליטיק: קאַזשי־מיעזש IV, אין אָנשפּאַר אויף דער פּאַטריאָטיש געשטימטער שליאַכטע, האָט געשטרעבט צו צעברעכן ענדגילטיק די קראַפט פון דעם דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן; אין דעם איז געווען פאַראינטערעסירט דער שטאָטי־שער פּאַטריציאַט, ווייל דאָס באַזייטיקן די אייגפלוסן פון דעם דאָזיקן פּאָר־פּאָסטן פון דייטשישן פעאָדאַליזם האָט געקאָנט עפענען פאַרן פּוילישן מסחר דעם וועג צום באַלטישן ים, צו א ברייט־פאַרמאָסטענעם מעבר־לימיקן האַנדל. דאַקעגן דער לאַגער פון דעם קאַרדינאַל אָלעשניצקי, אין הסכם מיט דער פּאָליטיק פונעם פּויפּסט, האָט געצילט אויסצוקערעווען פּוילנס מילי־טערישן כוח קעגן די טערקן, וועלכע האָבן אין מאי 1453 פאַרנומען קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, און לאָזן דעם דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן צו רו. אין אָט דעם שטרייט האָט נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט דער יידישער מאָמענט — די באַציונג צו דער יידישער באַפעלקערונג. קאַזשימיעזש IV יאַגעללאָנ־טשיק איז געווען פאַראינטערעסירט אין צוציען צו דער ווירטשאַפטלעכער אַקטיווקייט, בפרט צום אויסערלעכן מסחר, די יידן. דער קאַרדינאַל אָלעשניצקי האָט געוווירקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ווען קאַזשימיעזש IV איז אַרויף אויפן פּוילישן טראָן, האָט ער זיך לכתחילה אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן די פאַרשידענע פריווילעגיעס אין לאַנד, מחמת דעם אינערלעכן קאָנפליקט צווישן אים און דער ביז איצט הערשנדיקער מאַגנאַטעריע. ממילא האָט ער לכתחילה אָפּגעשלעפּט אויך מיטן באַשטעטיקן די יידן־סטאַטוטן. די פאַרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן אָנגעהויבן אַ ענערגישע אקציע. די יידישע קהלה אין פּויזן האָט ארויסגעשיקט צום קיניג אַ דעלעגאַציע, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט די יידן פון פּויזן, קאַליש, שעראַדז, לענטשיץ, קויאַווער בריסק, וולאָצלאַוועק און אַלע ארומיקע קהלות — מיט דער ביטע צו באַשטעטיקן די יידן־סטאַטוטן.

נישט געקוקט אויף דער נישט ווייניקער ענערגישער קאָנטראַקציע מצד דעם קאַרדינאַל אָלעשניצקי, האָט דער קיניג קאַזשימיעזש IV דעם 24 אויגוסט 1453 באַשטעטיקט די סטאַטוטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג

פון גרויספוילן און דעם 26־טן אויגוסט 1453 — פאַר די יידן פון קליינפוילן. געווירקט אויפן קיניג האָט די פּאָטענציעלע מסחר־קראַפט פון די יידן און אויך דער פאַקט, וואָס יידישע קרעדיטאָרן האָבן פינאַנסירט די מלחמה פון פוילן קעגן דעם דייטשישן קרייץ־ריטער־אָרדן.

אין דעם זעלביקן טאָג, ווען דער קיניג האָט אונטערגעשריבן די סטאַ־טוטן פאַר די יידן פון קליינפוילן, דעם 26־טן אויגוסט 1453, איז אָנגעקומען קיין קראָקע הזשיאָוואַנני (יאַן) קאַפּיסטראַנאָ, איינער פון די פאַרביסנסטע אַגיטאַטאָרן פון דער דאָמיניקאַנישער אינקוויזיציע און איינער פון די גאָענטסטע און אייפעריקסטע מיטאַרבעטער פון וואַטיקאַן.

קאַפּיסטראַנאָ, וועלכער ווערט אָנגערופן „די בייטש פון די יידן" (מקל היהודים), וועלכער איז שוין געווען באַקאַנט מיט די שייטערהויפנס פאַר איטאַליענישע יידן, איז אַרויסגעפאָרן אין נאָמען פון די פויפּסטן אייגעניוס דער פערטער און ניקאָלאַוס דער פינפטער מיט אַ מיסיע צו שטאַרקן דעם קאַטויליציזם אין דייטשלאַנד, טשעכיע און שלעזיע, קעגנצווווירקן די אידעען פון הוסיטיזם און אַנדערע אַנטיקאַטוילישע כפירותן, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געהאַט טיפע וואָרצלען ביי דער האַרטיקער באַפעלקערונג. זיין מיסיע איז געווען דורכצופירן אַן אויסראָטונגס־קאַמף קעגן די הוסיטן, כופרים און יידן. קאַפּיסטראַנאָ האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ בייזער וויכער איבער דייטשלאַנד, טשעכיע און שלעזיע.

אַ טייל פון די פוילישע מאַגנאַטן מיטן קאַרדינאַל אָלעשניצקי בראש האָבן איינגעלאַדן קאַפּיסטראַנאָ קיין פוילן, האָפנדיק, אַז זיין אינקוויזיטאָ־רישע אַנטיהוסיטישע און אַנטי־יידישע אַגיטאַציע וועט העלפן אויסצולעזנ־קען די בונט־באַוועגונג פון פאָלק און זי ווענדן קעגן די כופרים און יידן. „אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי ביים אָנהייב פון XV י"ה — שרייבט די היינטצייטיקע פוילישע היסטאָריקערין עווא מאַלעטשינסקאַ — כאַפּט זיך אָן די קירכלעכע אַגיטאַציע אין דעם כאַראַקטעריסטישן מיטל פון אויסקערעווען די אויפשטייגנדיקע כוואַליע פונעם פאָלקס־בונט אויף די רעלסן פון רעלי־גיעזן האַס. צווישן דער פאַרפּלייצונג פון בבא מעשיות וועגן כלומרשטער פאַרשוועכונג פון דער קאַטוילישער רעליגיע דורך יידן, ברעכט אויס דער פּאָגראָם אין קראָקע און עס קומט דער גירוש פון די יידן פון וורראָצלאַוו אין יאָר 1453".

די אינציאַטאָרן פון קאַפּיסטראַנאָס מיסיע אין פוילן זענען געווען זיכער, אַז איצט, נאָך דער מפּלה פון די טאַבאָריטן, וועט די דאָזיקע מיסיע האָבן אַ פולן דערפאָלג.

אָבער שוין אין נידערשלעזיע האָט קאַפּיסטראַנאָ געליטן עטלעכע באַדייטנדיקע מפּלות. אין וווראָצלאַוו איז זיך דער עולם צעגאַנגען נאָך די ערשטע זאַצן פון קאַפּיסטראַנאָס דרשות. אין ליגניץ איז קאַפּיסטראַנאָס פּראָצעסיע באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער. די קאָקאָרשט ציטירטע היסטאָריקערין, מאַלעטשינסקא, שרייבט ווייטער: „קאַפּיסטראַנאָס מיסיע" אין די שטעט האָט פונדעסטוועגן נישט באַוויזן אונטערצואָרדענען דער קירך די אָרעמקייט און אַפילו א טייל פון שטאָטישן פּלעבס". אויך די יידן האָבן אין געוויסע ערטער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אין דער שטאָט פורט האָבן זיך די יידן אָרגאַניזירט און מיט געווער אין האַנט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די אינקוויזיטאָרן און פאַרטריבן קאַפּיסטראַנאָס פּראָצעסיע*. די יידן האָבן זיך געאיבט אין געווער, כדי צו שטעלן א באוואָפנטן ווידערשטאַנד קאַפּיסטראַנאָס בלוטדורשטיקע פּראָצעסיעס.**

נישט געקוקט אָבער אויפן ווידערשטאַנד מצד קריסטלעכע כּופרים און יידן איז אָבער קאַפּיסטראַנאָס אַנטי-יידישע „מיסיע" אין שלעזיע געלונגען אין א גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס. אין 1453 זענען די יידן ארויסגעטריבן געוואָרן פון וווראָצלאַוו. אינעם זעלביקן יאָר זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן פון הזשעוזשאָגוווו. אויך אין שווידניץ, ווו די באַציונג לגבי די יידן איז שטענדיק געווען א בעסערע, אַ מער טאָלעראַנטע, האָבן זיך אין יאָר 1453 אָנגעהויבן רדיפות אויף יידן, עס האָבן זיך גענומען מערן די באַשולדיקונגען, אז יידן שענדן די האָסטיע, פאַרסמען די ברונעמס און מאָרדן קריסטלעכע קינדער. אין יאָר 1457 זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שווידניץ, זייערע גיטער זענען קאָנפיסקירט געוואָרן, און די שווידניצער שול איז פארוואנדלט געוואָרן אין אַ קירך. דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן מיטן הסכם פון דעם טשעכישן קיניג וולאַדיסלאַוו, וואָס צו זיין קרוין האָט דעמלט געהערט שווידניץ.

קאַפּיסטראַנאָ, וועלכער איז אָנגעקומען, ווי געזאָגט, קיין קראָקע דעם 26-טן אויגוסט 1453, איז אויפגענומען געוואָרן דורך די קירכלעכע קרייזן פון פּוילן ווי א טריומפאַטאָר. דער פּאַנאַטישער שליח פון וואַטיקאַן איז תיכף צוגעטראָטן צו א געוואַלדיקער אקציע קעגן די יידן. צוזאַמען מיט

---

* אינעם „ספר דקדוקי סופרים", מינכען, שנת ברכות לפ״ק, לייענט מען אויף ז. 48 הערה טז וועגן א געוויסן ר' גרשם, וועלכער האָט געקעמפט אין פורט קעגן יאן קאַפּיסטראַנאָ („והוא נלחם בעיר פורט נגד הרשע יואן די קאפּישטראַנו וגרש אותו עם כל חילו משם"...).

** וכדי ללמד את בני יהודה קשת (דאָרטן, ז' 52).

אָלעשניצקין און דעם פאַנאַטישן פרייִדיקער סטאַניסלאַוו שקאַלמיעזש האָט ער געגומען אנגרייפן דעם קיניג קאַזשימיעזש IV, הלמאי ער האָט באַשטעטיקט די ייִדן־סטאַטוטן. אין אַ בריוו צום קיניג האָט אָלעשניצקי אים באַשולדיקט אין באַליידיקן די קאַטוילישע רעליגיע דורך געבן די ייִדן פאַרשידענע רעכטן. אָלעשניצקיס לאַגער האָט געפאָדערט פונעם קיניג צוריקצוציען די ייִדן־סטאַטוטן.

פאַר די ייִדן אין פוילן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט. ביז איצט איז פוילן געווען אַ מקום־מקלט פאַר ייִדן געדרודפטע און פאַרטריבענע פון די מערב־לענדער. איצט האָט די ייִדן־פרעסערישע אַגיטאַציע געהוליעט אין לאַנד, און קאַפּיסטראַנאָס פאַנאַטישע דרשות האָבן געהעצט צו בלוטיקע אַרויסטרעטונגען קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג. דער פאַנאַטישער קאַטוילישער קלער האָט אויסגענוצט יעדן פאַל פאַר זיינע אַנטי־ייִדישע צילן. דעם 26־טן מאַי 1454 איז אויסגעבראָכן אין קראָקע אינעם הויז פונעם ראַטמאַן טאָמאַש אַ שרפה. און תיכף האָט מען באַשולדיקט אַ ייִדישע פרוי זלאַטע, אַז זי האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דעם הויז האָבן זיך געפונען מאַגאַזינען פון ייִדישע וווכערער פוליע מיט משכנות.

עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער אומגעריכטער קלאַפּ — קאַפּיסטראַנאָס אַגיטאַציע — האָט געמאַכט אַ שווערן רושם צווישן די ייִדן און אַרויסגערופן ביי זיי אַ פאַרשטענדלעכן אומרו. איינער פון די דעמלטיקע ייִדישע רעליגיעזע אויטאָריטעטן האָט געשריבן, אַז אינעם פוילישן קיניגרייך, וואָס איז פון אַמאָליקע צייטן אָן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ רעטונגס־אָרט פאַר ייִדן, איז איצט אָנגעקומען דער שונא. אַ ייִדישער מחבר האָט געשריבן: „פוילן, קיניגלעכע ערד, אויף וועלכער מיר האָבן גליקלעך געלעבט זינט דורות, און אויך צו דיינע טויערן איז צוגעקומען דער אויסראָטער". אויך די ייִדן אין אויסלאַנד זענען געווען שטאַרק באַאומרואיקט וועגן דעם גורל פון די פוילישע ייִדן.

די איינציקע טרייסט איז געווען דער פאַקט, וואָס דער קיניג קאַזשימיעזש IV האָט זיך נישט געלאָזט טעראָריזירן. אָבער אויך דער קיניג האָט זיך סוף כל סוף איינגעבראָכן. דעם 18־טן סעפּטעמבער 1454 האָט דאָס פוילישע מיליטער געליטן אַ מפּלה הינטער כאָיניץ, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ וואַקלונג ביי דער שליאַכטע אין באַצוג צום קיניג. דער קאַטוילישער קלער האָט תיכף אויסגענוצט די לאַגע און אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די ייִדן, אַז די ייִדן זענען טערקישע

אגענטן וכדומה. כדי איינצוהאַלטן זיין פּאָזיציע ביי דער שליאַכטע, האָט דער קיניג געוואָרפן די יידן פאַר אַ שעיר לעזאזל. אויפן ניעשאַוואַער סיים (נאָוועמבער 1454) האָבן די פאָרשטייער פון דער שליאַכטע אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז — „די אומגלויביקע יידן זאָלן נישט האָבן קיין שום גרעסערע רעכט ווי די קריסטן". עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן „גרעסערע רעכט", נאָר וועגן אַ בפירושער סאָציאַלער דיסקרימינאַציע און וועגן נאָך מער באַגרענעצן די רעכט און די ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פון די יידן. די יידן־סטאַטוטן זענען דורכן קיניג געוואָרן צוריקגעצויגן, און וועגן דעם האָט מען מודיע געווען אין גאַנצן לאַנד.

דער פאַנאַטישער קאַטוילישער קלער האָט איצט נאָך מער אויפגעהייבן דעם קאָפּ. עס ברעכן אויס דאָ און דאָרטן אַנטי־יידישע ארויסטרעטונגען. אין יאָר 1454 האָבן אָרט אַנטי־יידישע אומרוען אין וואַרשע, אָנהייב 1455 — אין קראָקע און אין פּאָזנאַ — האָבן די מאָנאַכן פונעם פראַנציסקאַנער אָרדן אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף די יידן.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. קאַפּיסטראַנאָס אַגיטאַציע האָט אין פאָלק קיין טיפערע וואָרצלען נישט געשלאָגן. „קאַפּיסטראַנאָס טעטיקייט — שרייבט דער אַלטער פוילישער קולטור־היסטאָריקער מאָראַווסקי — האָט געהאַט ווייניק דערפאָלג אין פוילן". דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן איז געווען שטאַרקער פון דער אַנטי־יידישער אַגיטאַציע און האָט גובר געווען דעם פאַקט פון דאָס צוריקציען די יידן־סטאַטוטן. דאָס איז געווען אַ פאָרמעלער אַקט, וואָרעם קאַזשימיעזש IV אליין האָט אין דער פראַקטיק קאָנטינואירט זיין פריערדיקע פּאָליטיק פון באַגינסטיקן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, ובפרט דעם מסחר, פון די יידן. ער האָט אפילו אינטערווענירט לטובת דעם יידישן מסחר אין די געביטן, איבער וועלכע עס האָט געהערשט דאָס קרייז־ריטערישע בריסן.

אין דער צווייטער העלפט פון XV י"ה זענען אינעם לעבן פון די פוילישע יידן פאָרגעקומען צוויי קעגנזעצלעכע דערשיינונגען: פון איין זייט זענען די קראָקעווער יידן ארייגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון מאַטעריעלער נויט, פון דער צווייטער — איז געקומען צו עקאָנאָמישער אויפבלי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַנדערע שטעט און געגנטן פון פוילן.

די הויפּט־אַקציע פון קאַפּיסטראַנאָ און אָלעשניצקי האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קראָקע, און דאָ איז אין דער אַקציע קעגן די יידן, און בפרט קעגן די יידישע סוחרים און בעל־מלאכות, געווען פאַראינטערעסירט אַ טייל פון קריסטלעכן סוחרישן פּאַטריציאַט און פון די קריסטלעכע צעך־מייסטערס.

פאַראַלעל מיט דער העץ־אַגיטאַציע פון יאַן קאַפּיסטראַנאָ און זיינע אָנ־הענגער איז געגאַנגען קעגן דעם יידישן האַנדל אַ קאָנקורענץ־קאַמף מצד אַ טייל קריסטלעכע סוחרים און האַנטווערקער, וועלכע האָבן אויסגענוצט קאַפּיסטראַנאָס אַקציע פאַר זייערע עגאָיסטישע מאַטעריעלע צוועקן. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן די יידישע סוחרים פאַרטיידיקט זייערע פּאָזי־ציעס. דאָס צוריקציען די יידן־סטאַטוטן האָט פאַרערגערט זייער לאַגע.

דער קריסטלעכער סוחרישער פּאַטריציאַט האָט לכתחילה אויסגע־רוקט אַ מאַקסימאַלע פאָדערונג, וועלכע איז געוואָרן אונטערשטיצט דורך די פאַנאַטישע קירכלעכע עלעמענטן, און נעמלעך: אַרויסטרייבן די יידן פון קראָקע. אָזאַ פאָדערונג איז אָבער נישט געלעגן אינעם אינטערעס פון דעם קיניג און אויך נישט פון דער וועלטלעכער מאַגנאַטעריע. דעמלט האָט דער פּאַטריציאַט גענומען קעמפן פאַר אָנערקענען די יידן אַלס פרעמדע (דאָס וואָלט פאַרשוועכט די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די יידן), פאַר צונעמען ביי זיי דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט דעטאַל־האַנדל און פאַר אונטער־אָרדענען די יידן דעם שטאָטישן געריכט (דאָס וואָלט און ווירידישן זין אוי־בערגעגעבן די יידן אין די הענט פון זייערע קאָנקורענטן).

נאָך אַ לאַנגן פאַרטיידיקונגס־קאַמף האָט די יידישע קהלה אין קראָקע קאַפּיטולירט. די דאָזיקע קאַפּיטולאַציע איז געווען אַן אויסגעפּרעסטע — אונטערן דרוק פון די אַנטי־יידישע עקסצעסן, וועלכע זענען אויסגענוצט גע־וואָרן דורכן קריסטלעכן פּאַטריציאַט. דעם 6־טן יוני 1485 איז אונטערגעש־שריבן געוואָרן דורך די פאָרשטייער פון די קראָקעווער יידן מיט דעם שטאָט־ראַט אַן אָפּמאַך, אויפן סמך פון וועלכן די קראָקעווער יידן האָבן זיך אָפּגעז־זאָגט פון זייערע האַנדלס־רעכט און זענען מסכים געווען צו מעגן האַנדלען בלויז מיט אַלטוואַרג, קאָלנערס און בטל־געוואָרענע משכנות. געהייסן האָט עס, אַז די יידן פאַרפליכטן זיך „מיטן גוטן ווילן און אָן צוואַנג" נישט צו האַלטן קיין קראָמען און נישט צו פירן מסחרים מיט קיין שום אייגענע אָדער איינגעהאַנדלטע זאַכן, אחוץ מיט די אויבן־אָנגעוויזענע.

דער אָפּמאַך־דאָקומענט איז געווען אין דייטש און אין העברעיש. אָט איז דער פולער טעקסט פון דעם אָפּמאַך אין אַ יידישער איבער־זעצונג:

מיר, די אונטן אונטערגעחתמעטע, יידישע פרנסים פון קראָקע זענען מודה און באַשטעטיקן דורך אונדזער אייגנהענטיקער חתימה, אַז לויטן איינשטימיקן באַשלוס און הסכמה פון אונדזער גאַנצן כלל האָבן מיר אויף זיך גענומען מיט אונדזער גוטן רצון און נישט גע־צוווּנגענערהייט נישט צו פירן קיין מסחר און נישט צו האַלטן קיין

שום סחורות אָדער הפצים צום פארקויפן, נאָר מיר זאָגן זיך אָפּ פון זיי און לאָזן זיי אינגאנצן אָן א זייט. מיר ווילן אויך נישט אויפנעמען פון סוחרים קיין שום סחורות אָדער הפצים צום פארקויף, כדי צו פארקויפן זיי דורך אונדזער פארמיטלונג אַנדערע קריסטן. און אויסנאַם מאַכן מיר פאַר אונדזערע משכנות, וואָס זענען ביי אונדז פארקויפט געוואָרן, און וועלכע זענען פארפאלן געוואָרן מחמת וווכער; אַזעלכע (זאַכן) מעגן מיר צו יעדער צייט, ווען ס'וועט נאָר אויסקומען, פארקויפן אין אונדזערע הייזער. און אזעלכע משכנות וועלן מיר זיך נישט דערוועגן צו טראָגן אויף צו האנדלען (מיט זיי) אָדער זיי צו פארקויפן אין די גאַסן אויף עפנטלעכע פלעצער אין שטאָט אָדער ארום שטאָט, א חוץ צוויי דערויף באשטימטע טעג, דהיינו: דינסטיק און פרייטיק און בעת יארידן; יענע משכנות מעגן מיר פארקויפן (בתנאי), אז מיר וועלן אָפּגעבן א שבועה אויף די עשרת־הדברות, אז זיי זענען אונדזערע. און אויב ס'וועט זיך טרעפן, אז עמעצער א מאן צי א פרוי וועט זיך אייגנוויליק מיט חוצפה ארומגיין און וועט ארומטראָגן צום פארקויף אַזעלכע מיני זאכן (אומאָפּהענגיק) צי דאָס זענען נייע זאַכן אָדער אלטע און מען וועט אנטדעקן, אז זיי האָבן די דאָזיקע זאכן פארקויפט אָדער געוואָלט פארקויפן אין א געוויינלעכן טאָג און נישט אין די דערויף באשטימטע צוויי טעג און בשעת יארידן, דעמלט וועלן די איינוווינער פון דער שטאָט האָבן דאָס רעכט זיי (סיי מאנסבילן, סיי פרויען) צו כאַפּן צוזאמען מיט די זאכן, וועלכע מען האָט ביי זיי אנטפּלעקט. א חוץ דעם וועט מען אזא ייד אָדער יידענע דארפן אריינזעצן אין תפיסה, ביז וואנען ער וועט נישט געבן דעם האר וואָיעוואָדע דריי גריוונס קנס; אָבער אָרעמע יידן אָדער יידענעס מעגן יעדן טאָג פארקויפן מלבושים אָדער קאָלנערס, וועלכע זיי האָבן אַליין אויסגעארבעט און פארטיק געמאכט. און דער דאָזיקער בריוו וועט בלייבן אלס עדות און דאָקומענט אין די הענט פון די ראַטמענער און בירגער פון דער שטאָט, כדי אדורכצופירן און באפעסטיקן דאָס אַלץ, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן אָן שום הריידלעך און קונצן.

מיר, אונטן אונטערגעחתמעטע, האָבן דעם דאָזיקן בריוו אונטערגעשריבן און אָפּגעשטעמפּלט:

משה, דער זון פון אפרים, יוסף, דער זון פון אפרים,

יעקב, דער זון פון אלעקסאַנדער, מרדכי, דער זון פון יעקב.

דער אויסגעצוואונגענער אָפּמאַך פון 1485 איז געווען א קאָמפּראָמיס, וואָרעם דער אָנגרייפערישער קריסטלעך־פּאַטריציישער צד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין מאַקסימאַלער פאָדערונג פון א פולשטענדיקן יידן־גירוש. פאַקטיש האָט אָבער דער קראָקעווער שטאָט־ראַט נישט רעזיגנירט פון אָט דער פאָדערונג און ווערט זיך צו איר אומקערן אינעם ווייטערדיקן פעריאָד.

איינציייטיק האָט די קליינבירגערלעך שליאַכטע גענומען ארויסטרעטן מיט אַנטי־יידישע פּאָסטולאַטן און איז צוגעטרעטן צו באַזייטיקן די יידן פון די דערפער. די קראָקעווער און ארומיקע יידן האָבן אַזוי אַרום געהאַט קעגן זיך דעם שטאָט־ראַט, די שליאַכטע און דעם קלער.

אויסגעבלוטיקט און אויסגעפּלינדערט צוליב די עקסצעסן, אָפּגעשוואַכט עקאָנאָמיש אין רעזולטאַט פון דעם אָפּמאַך פון יאָר 1485, איז דער כּלל קראָקעווער יידן ארײַנגעפאַלן אויף א לאַנגן צייט־אָפּשניט אין א שווערער מאַטעריעלער לאַגע און אפילו נויט. די רדיפות האָבן אָבער ווייניק אָנגערירט די גרויסע יידישע וועכערער, וועלכע האָבן — נישט געקוקט אויף די שאָדנס צוליב די עקסצעסן — ווייטער קאָנצענטרירט אין זייערע הענט גרויסע קאַפּיטאַלן.

אין דער זעלביקער צייט לאָזט זיך אָבסערווירן א עקאָנאָמישער אויפשוונג ביי די יידן אין ליטע, מאַזאָוויע, וואָלין און האַליטשער רייסן. די גרויסע יידישע סוחרים פון ליטע, מאַזאָוויע און וואָלין נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אויסנײַ־אַנטשטאַנענעם באַלטישן האַנדל. זיי געניסן אין אָט דער מעטיקייט פון דער קיניגלעכער פּראָטעקציע. די גרויסע יידישע סוחרים פון לוואָוו און פון ליטווישן גרויספירשטנטום אַנטוויקלען אַן אַלץ גרעסערע אַקטיוויטעט אויפן געביט פונעם מסחר מיטן אָריענט, בפרט מיט קרים און טערקיי — צוזאַמען מיט די ארמענישע און איטאַליענישע סוחרים, וואָס געפינען זיך אין פוילן.

עס קומט פאָר א באַדייטנדיקע ווירטשאַפטלעכע אַקטיוויזירונג פון די באַזונדיקע יידן פון לוואָוו, פּשעמישל, האַליטש, הרוביעשוו, אָפּאָטשנע, לובאַרטאָוו. נייע מעגלעכקייטן פאַרן יידישן מסחר, מלאכה און קרעדיט עפענען זיך אין מאַזאָוויע. די מאַזאָווער סיימיקעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1426 און 1455 אין סאָכאַטשעוו, שאַפן באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן קרעדיט אין דער דאָזיקער פוילישער פּראָווינץ. אין יאָר 1446 גיט דער מאַזאָווער פירשט באָלעסלאַוו די יידן פון זיין פּראָווינץ א פּריווילעגיע, וואָס איז ענלעך צום יידן־סטאַטוט פון באָלעסלאַוו דעם פרומען.

אמת, בנוגע די יידן אין מאַזאָוויע קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַן איינהייטלעכע ליניע, וואָרעם אין וואַרשע האָבן זיך די געשעענישן אַנטוויקלט אַנדערש, ווי אין אַנדערע מאַזאָווער שטעט. אין וואַרשע האָט זיך ביז דעם אָנהייב 80ער יאָרן פון XV י"ה אַנטוויקלט א יידישער ישוב, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער יידישער גאַס (אוליצא זשידאָווסקאַ) — זי האָט זיך געצויגן פון די נומערן 5 אין 7 פון וואַנזקי דונאי אויף מזרח דורך דער ריצערסקאַ-גאַס און דער פיוואַ-גאַס ביז דער פיעקאַרסקאַ; די יידן האָבן געהאַט אין וואַרשע א שול און א בית-עולם (נישט ווייט פון דעמלטיקן קריסטלעכן צמענטאַזש אין דער ריכטונג פון פּלאַץ זאַמקאָווי); אָבער די אַנטי-יידישע אגיטאַציע איז אריינגעדרונגען אויך קיין וואַרשע. אין יאָר 1454 איז — אויפן באַרן פון דער קאָנקורענץ מצד די קריסטלעכע בהמות- און האָלץ-סוחרים — אויסגעבראָכן אין וואַרשע אַ פּאָגראָם. אין יאָר 1483 האָט דער מאַזאָווער פירשט ארויסגעטריבן די יידן פון וואַרשע; זייערע הייזער, שול און בית-עלמין זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אויף אַנדערע צוועקן, און די שטאָט האָט באַקומען די „פּריווילעגיע" פון „נישט טאָלערירן קיין יידן".*

אויך די שטעט פון געוועזענעם פּרייסישן קרייץ-אָרדן, למשל בידגאָשטש און אַנדערע, האָבן באַקומען פון די קיניגן די „פּריווילעגיע" פון „נישט טאָלערירן קיין יידן", און יידן האָבן דאָרט נישט געטאָרט וווינען.

אָבער יידן האָבן זיך אַן עצה געגעבן אויף אזא אופן, אַז זיי האָבן זיך באַזעצט אין די ארומיקע שטעטלעך פון די פאַרבאָטענע שטעט און געפירט א ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, אָפטמאָל אין אומלעגאַלע, מיט די שטעט, וווּ ס'איז זיי פאַרווערט געווען צו וווינען. אַזוי איז, למשל, אַנטשטאַנען דער יידישער ישוב אינעם קליינעם שטעטל פשיטיק ביי ראַדאָם. יידן האָבן אויך אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס ביי די קיניגלעכע שטעט זענען אַנטשטאַנען פּריוואַטע שטאָטישע ישובים, וועלכע האָבן געהערט צו גרויסע פעאָדאַלן. בנוגע גדאַנסק (דאַנציק), וואָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק פאַרן יידישפּוילישן מעבר-לימיקן מסחר און וווּ דער אָרטיקער שטאָט-ראַט האָט נישט געוואָלט אריינלאָזן די יידן, האָבן די לעצטע אָנגעווענדט א טאַקטיק פון באַזעצן זיך אין די ארומיקע קיניגלעכע געביטן אין געפירט א ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, געניסנדיק פון דעם קיניגס שטיצע.

צום בעסטן איז געווען די לאַגע פון די יידן אין ליטע, וווּ ס'איז געוואָרן

---

* „de non tolerandis Judaeis"

קאָנסטינואירט לגבי די יידן די פּאָליטיק פון ווימאָלדן און זיינע נאָכפאָלגער.

דאָס אלץ — צוזאמען מיט די נייע מעגלעכקייטן אין די מזרחדיקע געביטן, וואָס זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין פּוילן אדאנק דער אוניע מיט ליטע, -- רופט ארויס א באדייטנדיקע אינערלעכע עמיגראַציע פון די פּויליש ייִדן — פון די מערבדיקע און מערב-דרומדיקע פּראָווינצן אויף מזרח: קיין רייסן און ליטע. אייגנצייטיק פארגרעסערט זיך די באַזעצונג פון יידן אין מאַזאָוויע.

אָט אזוי איז דער אריינטריט פון די פּוילישע יידן אין פּוילנס נייער היסטאָרישער תקופה, וועלכע הייבט זיך אין לעצטן יאָרצענדליק פונעם XV י״ה, פאָרגעקומען דורך אַ קעגנזאצפולן פּראָצעס פון ליידן און אויפשוונג, פון פאראָרעמונג אוןווירטשאפטלעכער אקטיוויזירונג, פון טרויער אין איין קאַנט פון לאַנד און גרויסע האָפענונגען אויף אַ בעסער לעבן אין אַנדערע געביטן פון דער טעריטאָריעל אויסגעוואקסענער פּויליש-ליטווישער פעאָדאַלער מלוכה.

די יידן-רדיפות, וועלכע האָבן זיך פארשטאַרקט אויף דער כוואַליע פון דער אַלגעמיינער קאַטוילישער רעאקציע נאָך דער מפּלה פון די טאַבאָריטן אין משעכיע, זענען אָבער אין פּוילן נישט געווען קיין אלגעמיינע און אַפילו אין א קלענער מאָס נישט דערמאָנט דעם טראַגישן גורל פון די יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און פראנקרייך. פארגלייכנדיק די נעגאַטיווע דערשיינונג, וואָס האָט זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אין קראָקע, מיט דער דיאמעטראַל אנדערשדיקער לאגע אין ליטע, רייסן און אַפילו אין מאַזאָוויע, מוז מען קומען צום אויספיר, אז בדרך כלל איז דער מצב פון די יידן אין פּוילן אינעם באַהאַנדלטן פעריאָד געווען אָן אן ערך אַ בעסערער ווי אין מערב-אייראָפּע. פּוילן איז נאָך אַלץ געבליבן א צוצי-אָרט און א מקום-מקלט פאַר יידן פון די מערב-לענדער. אויך אין דער סביבה גופא פון די פּוילישע יידן האָבן די פאָרגעשריטענע אידעען פון יענער צייט, וואָס זייערע פאָן-טרעגער זענען געווען אויקליף, הוס, די טאַבאָריטן און די וואלדענסן, אריינגעפירט אַ באַשטימטן אויפרודער און אקטיוויזירט די קריטיש-דענקענדיקע עלעמענטן. אָט דאָס באַשיידענע פלעמל איז געוואָרן דער עמבריאָן פאַר א גרעסערער ליכט, וואָס וועט באשיינען דעם וועג פון די פּוילישע יידן אין דעם נאָענטסטן פעריאָד און ארויסברענגען וויכטיקע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן פון דער פעאָדאלער תקופה.

סוף פון ערשטן בוך

# מקורים און ביבליאָגראַפיע א)

## I. צום אריינפיר־טייל

### א. צום קאַפּיטל איינס.

אלון ג.: תולדות היהודים בארץ ישראל בתקופת המשנה והתלמוד. תל־אביב 1954.

ברלינר א.: דברי ימי היהודים ברומה (איבערזעצונג פון דייטש; זע ווייטער). ווילנה, תרע"ג (1913).

דובנאָוו ש.: די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד III, ניו־יאָרק — בוענאָס־איירעס 1951.

Bauer Br.: Christus und die Cäsaren. Berlin 1877.

Berliner A.: Geschichte der Juden in Rom. B. I. Frankfurt 1893.

Beyer H. W., Lietzmann H.: Die jüdische Katakombe der Villa Torlonia in Rom. Jüdische Denkmaler, I. Berlin-Leipzig 1930.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. Band IV. Berlin 1926. Erstes Buch.

---

א) די מקורים און ביבליאָגראַפיע, וואָס ווערן דאָ אָנגעגעבן, זענען נישט קיין אויסשעפּנדיקע. דער מחבר גיט אָן די יענע פּאָזיציעס, וואָס זענען געווען אין זיין רשות, און בכלל די סאַמע וויכטיקסטע. אין די מקורים און ביבליאָגראַפיע ווערן אָפּגעמערקט סיי די פּאָזיציעס, וואָס האָבן א דירעקטע שייכות צו דער טעמע, סיי אַזעלכע, וועלכע באַהאַנדלען נישט דירעקט די יידישע געשיכטע, אָבער זענען וויכטיק צו דערקענען די אַלגעמיינע געשיכטע פון פּוילן, און א ריי פּראָבלעמען פון דער אַלגעמיינער געשיכטע פון אייראָפּע, וואָס זענען נייטיק פאַר יעדן, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פון דער באַהאַנדלטער תקופה. אין געוויסע אויסנאַם־פאַלן ווערט אָנגעגעבן א פּאָזיציע סיי אין איר אָריגינעלער שפּראַך, סיי אין אַן איבערזעצונג, כדי צו דערמעגלעכן דעם לייענער, וואָס קאָן א געגעבענע שפּראַך, זיך צו באַנוצן מיט איר.

Juster J.: Les Iuifs dans l'Empire Romain, I. Paris 1914.

Müller N. Die jüdische Katakombe am Monteverde zu Rom, der älteste bisher bekannt gewordene jüdische Friedhof des Abenlandes. Leipzig 1912.

Müller N., Bees N. A.: Die Inschriften der jüdischen Katakombe am Monteverde zu Rom. Leipzig 1919.

Tiumeniew A.: Jewrei w driewnosti i w srednije wieka. Peterburg 1922.

ב. צום קאפיטל צוויי.

בער י.: תולדות היהודים בספרד הנוצרית, 1. תל־אביב תש"ה.

גויטיין ש. ד.: ענינים יהודים בספר אנסאבי („ציון“, שנה 1, ספר א׳).

דינבורג ב.: תולדות ישראל. ישראל בגולה. מקורות ותעודות. כרך ראשון, תל־אביב תרפ"ו (1926), פרק חמישי.

Amador Jose de los Rios: Historia social, politica y religiosa de los Judios de Espana y Portugal. I. Madrid 1875.

Amador Jose de los Rios: Etudes historiques, politiques et litteraires sur les Juifs de l'Espagne (traduiction). Paris 1861.

Baer Fr.: Die Juden im christlichen Spanien. T. I. Urkunden und Regesten. Berlin 1929.

Berliner A.: Geschichte der Juden in Rom. B. I. Frankfurt 1893.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. IV. Berlin 1926. Erstes Buch.

Graetz H.: Geschichte der Juden. B. V. Leipzig 1909.

Hyamson A. M.: A history of the Jews in England. London 1908.

Juster J.: La condition legale des Juifs sous les rois Wisigoths („Etudes d'Histoire offertes a F. P. Givard“, 1913).

Katz L.: Kirche, Moschee und Synagoge in Spanien. Probleme zur Geschichte des Mittelalters.

כתב־יד אין ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע.

ג. צום קאפיטל דריי.

גראטץ צ.: דברי ימי ישראל (איבערזעצונג פון דייטשישן אָריגינאל). חלק שלישי — מהתימת התלמוד עד תקופת הפריחת הרבנות המחקרית והכמת ישראל בספרד. מתורגם בתוספות והערות ע"י י. ש. ראַבינאָוויץ. הערות ומלואים — א. א. הרכבי. פאַריז — וואַרשא תרו"ד.

דינבורג ב.: תולדות ישראל, ישראל בגולה. מקורות ותעודות, כרך ראשון. תל־אביב תרפ"ו (1926), פרק חמישי.

שיפער י.: יידישע געשיכטע (ווירטשאַפטס־געשיכטע). וואַרשע 1930.
תשובות חכמי צרפת ולותר (אַרויסגעגעבן יואל מילער). ווין 1881.
תשובות גאוני מזרח ומערב. בערלין 1888.

Anchel R.: Les Juifs en France. Paris 1946.

Aronius J.: Regesten zur Geschichte der Juden im Frankischen und Deutschen Reiche bis zum Jahre 1273 (bearbeitet unter Mitwirkung von A. Dresner und L. Lewinski). Berlin 1902.

Berman L.: Histoire des Juifs en France des origines a nos jours. Paris 1937.

Brisch C.: Geschichte der Juden in Cöln und Umgegend, I. 1879.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. IV. Das frühere Mittelalter. Berlin 1926.

Elbogen I.: Geschichte der Juden in Deutschland. Berlin 1935.

Gross H.: Gallia Judaica. Dictionnaire geographique de la France d'apres les sources rabbiniques. Paris 1897.

Hülsen J.: Der alte Judenfriedhof in Frankfurt a.M. Frankfurt 1932.

Levy M.: Der alte israelitische Friedhof zu Worms a. Rhein. Worms 1913.

Pigeoneau : Histoire du commerce de la France, I. Paris 1885.

Regné J.: Etude sur la condition des Juifs de Narbonne du V au XIV siecle. Narbonne 1912.

Rieger P.: Vom Heimatsrecht der deutschen Juden. Berlin 1924.

Semionov W.T.: Istorira sriednich wiekow. Moskwa 1951.

Tiumeniew A.: Jewrei w driewnosti i w sriednije wieka. Peterburg 1922.

Zielonka A.J.: Rola Żydów w państwie Franków za Ludwika Pobożnego (Archiwum ŻIH, praca magisterska Nr 32).

ד. צום קאַפּיטל פיר

ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע:
כתב־יד נר. 8 — סלמן בן ירוחם: תשובות לסעדיה תלמידו המורד בו (ענלעכער כתב־יד געפינט זיך אויך אין ניו־יאָרק).
כתב־יד נר. 26 — מעשה הגאונים.

בער י.: ההתחלות והיסודות של ארגון הקהלות היהודיות בימי הבינים („ציון“ XV, שנה ט“ו, ירושלים, תש“י, 1950).

בן־ששון ח. ה: ראשוני הקראים, קוים למשנתם החברתית („ציון“, XV, שנה ט“ו. ירושלים, תש“י, 1950).

דינבורג ב.: תולדות ישראל. ישראל בגולה. מקורות ותעודות, כרך ראשון. תל־אביב תרפ"ו (1926). פרק ראשון, שני, אחד עשר ושנים עשר.

יודילוביץ מ. ד.: חיי היהודים בזמן התלמוד, ספר נהרדעא — עם הערות ומלואים מאת החכם ד"ר הרכבי, ווילנע תרס"ו.

מאַהלער ר.: קאַראַימער. ניו־יאָרק 1947.

סעדיה גאון: אמונות ודעות. אויסגאבע סלוצקי, לייפּציג 1884.

פאַלישוק י.: סעדיה גאון („הווקא" נר. 6, בוענאָס־איירעס 1951).

פּאזנאנסקי ש. א.: חיוי הבלכי. בערדיטשעוו תרס"ח.

פאהן ר.: ספר הקראים. בילגוריי תרפ"ט.

ראָזענטאַל י.: חיוי הבלכי, א יידישער תנך־קריטיקער פון נײַנטן י"ה („ייוואָ־בלעטער", באַנד XXVI, נר. 2. ניו־יאָרק 1945).

Graetz H.: Geschichte der Juden. B.V. Leipzig 1909.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. III. Berlin 1926. Erstes und Drites Buch.

Funk S.: Die Juden in Babylonien (200—500). Berlin 1902.

Fürst J.: Geschichte d. Karaerthums. Leipzig 1865.

Mann J.: Texts and Studies in Jewish History and Literature, II. Philadelphia 1936.

ה. צום קאַפּיטל פינף.

אבי־יונה מ. י.: בימי רומא וביזאנטיון, ירושלים תש"ו.

דינבורג ב.: תולדות ישראל. ישראל בגולה. מקורות ותעודות, כרך ראשון. תל־אביב תרפ"ו (1926), פרק שלישי.

Bauminger L.: Przysięga żydowska i klątwa z uwzględnieniem ich praktyki na ziemiach Polski (Archiwum ŻIH. Praca magisterska Nr 13).

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. III. Berlin 1926. Zweites Buch.

Katz L.: Kirche, Moschee und Synagoge in Spanien. Probleme zur Geschichte des Mittelalters (Arch. ŻIH).

Pigulewskaja N.: Wizantija na putiach w Indiju. Moskwa — Leningrad 1951.

Skazkin S.D.: Kniga dla cztenija po istorii sriednich wieków, I. Moskwa 1953.

Uspienskij F.I.: Istoria wizantijskoj imperii. Moskwa — Leningrad 1948.

וו. צום קאַפּיטל זעקס.

ברוצקוס י: המדינה הכוזרית־יהודית בדרום רוסיה („ביצרון" נר. 6 (66), ניו־יאָרק 1945).

ברוצקוס י.: די געשיכטע פון די בערג־יידן אויף קאווקאז („יוואָ־שריפטן“ ב׳ II. ווילנע 1935).

דינבורג ב.: תולדות ישראל. ישראל בגולה. מקורות ותעודות, כרך ראשון. תל־אביב תרפ״ו (1926), פרק ששי.

היילפרין י.: הכוזרים והשבטים הגנוזים באגרת אבן שפרוט אל מלך כוזרי („ציון“ XVIII, שנה י״ח. ירושלים תש״ג, 1943).

יהודה הלוי: הכוזרי. ווילנה תרע״ד.

פירקוביץ א.: אבני זכרון, ווילנה 1872.

פולאק א. נ.: כזריה, תולדות ממלכה יהודים באירופה, תל־אביב תשי״א.

Artamonow M.I.: Oczerki driewniejszej istorii Chazar. Leningrad 1936.

Brutzkus J.: Die Chazaren und das Kiewer Russland („VII Congres International des Sciences Historiques. Varsovie 1933).

Brutzkus J.: Pismo chazarskowo jewreja ot X beka („Jewrejskaja Mysl“, T. I. Petrograd 1922).

Chwolson D.: Corpus Inscriptiorum Hebraicum. St. Petersburg 1882.

Dunlop D.M.: The History of the Jewish Kazars. New Jersey 1954.

Dwornik Fr.: Les legendes de Constatin et de Methode, vues de Byzance. Prague 1933.

Gafurow B.G.: Istoria tadżikskowo naroda. T.I. Moskwa 1949.

Gotie J.W.: Chazarskaja kultura („Nowyj Wostok“ Nr 8—9. Moskwa 1925).

Grekow W.D., Bachruszyn G.W., Lebiediewa W.J.: Istoria SSSR. T. I. Moskwa 1948.

Halevy M.A.: Le probleme des Khazars. Sofia 1935.

Harkawy A.: Altjüdische Denkmäler aus der Krim („Memoires de l'academie imperiale des sciences de St. Petersburg, VII serie, T. XXIV, Nr 1. St. Petersburg 1876).

Kahle P.E.: The Cairo Geniza. London 1947.

Kraczkowski I.J.: Putieszestwije Ibn-Tagłana na Wołgu. Leningrad 1939.

Krass S.: Zur Geschichte der Chazaren. Keleti Szemble I, 1900.

Kokowcew P.K.: Jewrejsko-chazarskaja pierepiska w X wiekie. Leningrad 1932.

Kutschera H.: Die Chasaren. Wien 1910.

Lewicki T.: Ze studiów nad tzw. „Korespondencją Chazarską“ („Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego“ Nr 11—12. Warszawa 1954).

Minorsky W.: Hudud al-Alam, a Persian Geography. Oxford 1937.

Modelski T.E.: Król Gebalim w liście Chasdaja. 1910.

Rybakow B.A.: Ruś i Chazaria („Sbornik statiej ko dniu semidiesjatiletia akademiku B.D. Grekowu" Moskwa 1952).

Samojłowicz A.N.: K woprosu o naslednikach Chazar i ich kultury („Jewrejskaja Staryna", t. XI, 1924).

Szachmatow A.A.: Powiesti wriemiennych let. T. I. Petrograd 1916.

Tołstow S.P.: Śladami cywilizacji starożytnego Chorezmu (Po sledam driewniechorezmijskoj cywilizacji). Warszawa 1953.

Zajączkowski A.: Ze studiów nad zagadnieniem chazarskim. Kraków 1947.

Zakrzewski St.: Zagadnienia historyczne. Warszawa 1908.

ז. צום קאפּיטל זיבן.

אייזענשטיין י. ד.: אוצר מסעות. ניו-יאָרק 1926.

אשכנזי א.: וועגן דער אַנטשטייונג פונעם יידישן ישוב אין בולגאַריע. „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 4, העפט 3, וואַרשע 1951).

בנימין מטודילה: מסעות. לונדון תר"ג.

בעראַנעק פּ.: רעפעראַט אויפן יוואָ-צוזאַמענפאָר וועגן דער אַנטשטייונג פונעם יידישן ישוב אין טשעכיע. ווילנע 1935.

ברוצקוס י.: דער האנדל פון די מערב-אייראָפּעישע יידן מיטן מיטלאלטער-לעכן קיעוו („שריפטן פאר עקאָנאָמיק און סטאטיסטיק". ווארשע 1926).

גרינוואלד י. י.: היהודים באונגאריא. ספר ראשון. תרע"ג.

גרינוואלד י. י.: טויזנט יאָר אידיש לעבן אין אונגארן. ניו-יאָרק 1945.

דארעווסקי י. נ.: לקורות היהודים בקיוב. חלק ראשון. ברדיטשוב תרס"ג (1903).

הערץ י. ש.: די יידן אין אוקראינע פון די עלטסטע צייטן ביז נאָך ת"ח ות"ט. ניו-יאָרק 1949.

הרכבי א. א.: היהודים ושפת הסלאווים. ווילנא 1867.

יוסף הכהן: עמק הבכא. ספר הקורות והתלאות אשר באו על בית ישראל (ארויסגעגעבן מיט קריטישע נאָטן פון ד"ר מ. לעטערים). ווינא תרי"ב און קראָקע 1895.

ליטינסקי מ. נ.: ספר קורות פּאָדאָליאָ וקדמוניות היהודים שם. אָדעססאַ 1895.

לעוויצקי ט.: העברעישע מקורים צו דער געשיכטע פון די סלאַווישע פעל-קערשאַפטן אין דער צייט פון פריען מיטלאלטער („בלעטער פאר געשיכטע", באַנד 9, העפט 1—2, ווארשע 1956).

לעוויצקי ט. און קופּפער א.: העברעישע מקורים צו דער געשיכטע פון די סלאַווישע און אנדערע פעלקער אין מיטל= און מזרח=אייראָפּע אין X—XII=טן י"ה („בלעטער פאר געשיכטע“, באַנד 8, העפט 3—4. ווארשע 1955).

רינגעלבלום ע. און מאהלער ר.: געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן און מזרח=אייראָפּע. העפט 1 — מיטלאלטער. ווארשע 1930.

צינבערג י.: די געשיכטע פון ליטעראטור ביי יידן. באנד V. ניו=יאָרק 1943.

Antonowicz W.B.: Archiw jugo-zapadnoj Rossyji. T. I. Kijew 1870.

Bondy B., Dworsky F.: K historii Židu w Čechach, na Morawě a w Slezsku (906—1620). Praha 1906.

Bondy G.: Zur Geschichte der Juden in Behmen, Mehren und Schlesien (906—1620). Zur Herausgabe vorbereitet und ergänzt von Fr. Dworsky. Prag 1906.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. V. Berlin 1926. Zweites Buch.

Epstein A.: Moses aus Kiew („Monatschrift fur Geschichte und Wissenschaft des Judentums“, XXXIV).

Flesch H.: Die Einwanderung der Juden in Mähren („Die Juden und Judengemeinden Mährens in Vergangenheit und Gegenwart“). Brünn (Brno) 1929).

Glesinger L.: Iz povijesti Jewreja u Hrvatskoj („Jewrejski Almanach“). Beograd 1954).

Grekow B.D.: Kiewskaja Ruś. Leningrad 1953.

Grünhut-Adler: Die Reisebeschreibungen Benjamin von Tudela. 1903.

Kupfer Fr., Lewicki T.: Źródła hebrajskie do dziejów słowian w XI—XII w. Wrocław 1956.

Lewicki T.: Świat słowiański w oczach pisarzy arabskich. („Slavia Antiqua“ T. II. Poznań 1949).

Łowmiański H.: Podstawy gospodarcze formowania się państw słowiańskich. Warszawa 1953.

Mann J.: The Jews in Egypt and Palestine under the Fatimid Caliphs. T II. Oxford 1922.

Meszczerskij N.A.: Otrywok iz knigi „Josippon“ w „Powiesti wriemiennych let“ („Palestinskij Sbornik“, 2. Moskwa — Leningrad 1956).

Mieses M.: Judaizanci we Wschodniej Europie („Miesięcznik Żydowski" Nr 9—10. Warszawa 1933).

Nemeth G.: La prehistoire hongroise („Nouvelle Revue de Hongrie", I. Budapeszt 1932).

Pokrowskij M.N.: Russkaja istoria s driewniejszych wriemion. T. I. Moskwa 1933.

Regesty i nadpisy — swod materiałow dla istorii jewrejew w Rossyji. T. I. (80—1670). Petersburg 1899.

Stein A.: Die Geschichte der Juden in Böhmen, nach amtlichen gedruckten und ungedruckten Quellen bearbeitet. Brün 1904.

II. צום ערשטן טייל.

א. קאַפּיטל איינס.

מאַרק ב.: געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן. באַנד I. ווילנע 1938.

Antoniewicz Wł.: Archeologia Polski — zarys czasów przedhistorycznych i wczesnodziejowych ziem polskich, Warszawa 1928.

Arnold St.: Geografia historyczna Polski. Warszawa 1951.

Arnold St. Możnowładztwo polskie w XI i XII wieku i jego podstawy gospodarczo-społeczne („Przegląd Historyczny", XXV. Warszawa 1926).

Baliński M. i Lipiński T.: Starożytna Polska. Warszawa 1845.

Bobrzyński M.: Dzieje Polski w zarysie. Warszawa 1888.

Brückner A.: Dzieje kultury polskiej, I. Warszawa 1939.

Engels F.: Pochodzenie rodziny, własności prywatnej i państwa (Marks K. i Engels F.: Dzieła Wybrane, t. II. Warszawa 1949).

Gieysztor A.: Geneza państwa w świetle nowszych badań („Kwartalnik Historyczny", R. LXI, Nr 1. Warszawa 1954).

Historia Polski, T. I. Redaktor H. Łowmiański. Polska Akademia Nauk. Warszawa 1956.

Hoszowski St.: Dynamika rozwoju zaludnienia Polski w epoce feudalnej („Roczniki Dziejów społecznych i gospodarczych", t. XIII, 1951).

Kostrzewski J.: Pradzieje Polski. Poznań 1949.

Labuda G.: Studia nad początkami państwa polskiego. Poznań 1946 r.

Lehr-Spławiński T.: O pochodzeniu i praojczyźnie Słowian. Poznań 1946.

Lewicki J.: Bolesława Śmiałego upadek. Poznań 1856.

Lewicki T.: Polska i jej kraje sąsiednie w świetle księgi Roger, geografa arabskiego z XII w., Al-Idrisi'ego, Kraków 1945.

Maleczyński K.: Najstarsze targi w Polsce i ich stosunek do miast przed kolonizacją na prawie niemieckim. Lwów 1926.

Rakowski L.: Wewnętrzne dzieje Polski. Warszawa 1908.

Rutkowski J.: Historia gospodarcza Polski. T. I. Poznań 1947.

ב. צו די קאפיטלען צוויי, פיר און זעקס.

באלאבאן מ.: בית ישראל בפולין. ירושלים תש"ח (בעריכת י. היילפרין).

ברוצקוס ב.: די ערשטע ידיעות וועגן יידן אין פוילן, אין X-טן און XI-טן יארהונדערט (היסטארישע שריפטן פון ייווא, I. ווארשע 1929).

דינבורג ב.: דרכה ההיסטורית של יהדות פולין („מאזנים", כרך י"א, חוברות ג—ד, תל-אביב ת"ש).

וואיטשעכאווסקי סט.: די יידישע קהלה אין לובלין אין XVI-טן י"ה („בלעטער פאר געשיכטע", באנד 7, ה' 1, ווארשע 1954).

וועטשטיין פ. ה.: לקורות היהודים בפולין ביחוד בקראקא משנת 1096 עד שנת 1587. קראקא תרע"א.

טרונק י.: געשיכטע פון אידן אין פלאצק. ווארשע 1939.

יוסף הכהן: עמק הבכא — ספר הקורות והתלאות אשר עברו על בית ישראל (ארויסגעגעבן מיט קריטישע נאטן פון ד"ר מ. לעטערים). קראקע 1895.

מאהלער ר.: תולדות היהודים בפולין. מרחביה 1946.

מאהלער ר.: די יידן אין אמאליקן פוילן („די יידן אין פוילן" באנד I. ניו-יארק 1946).

מילנער ש.: לקורות היהודים בחלם. פעטערבורג 1902.

ניגער ש.: קידוש השם (זאמלונג). 6-טער טייל — קידוש השם אין מיטלאלטער, ניו-יארק 1948.

רינגעלבלום ע. און מאהלער ר.: געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן און מזרח-אייראפע. העפט 1. מיטלאלטער. ווארשע 1930.

שיפער י.: די ווירטשאפטס-געשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן מיטלאלטער. ווארשע 1926.

Anonima tzw. Galla Kronika polska. Przełożył i opracował R. Grodecki. Kraków 1923.

Anonima tzw. Galla kronika czyli dzieje książąt i władców polskich. Wydał, wstępem i komentarzem opatrzył K. Maleczyński. Kraków 1952.

Anonim. Phylaclerium oder Argenton und Philo im Schlosse der wahren Glückseligkeit. Berlin 1801.

Bałaban M.: Kiedy i skąd przybyli Żydzi do Polski („Miesięcznik Żydowski". Warszawa, grudzień 1930).

Bałaban M.: Historia Żydów w Krakowie i na Kazimierzu. T. I. Kraków 1931.

Bałaban M.: Historia i literatura żydowska ze szczególnym uwzględnieniem Żydów w Polsce. T. II. Lwów — Warszawa — Kraków (bez roku).

Białowski L.: Lublin na starych szlakach handlowych. Lublin 1937.

Chodyński A.: Kroniczka kieszonkowa m. Kalisza.

Czacki T.: Rozprawa o Żydach i Karaitach. Kraków 1860.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. IV. Berlin 1926. Zweites Buch.

Eisenstein A.: Die Stellung der Juden in Polen im XIII und XIV Jahrhundert. Cieszyn 1934.

Grodecki R.: Mincerze w wcześniejszym średniowieczu polskim. Kraków 1921.

Gumowski A.: Monety polskie. Warszawa 1924.

Gumplowicz M.: Początki religii żydowskiej w Polsce. Warszawa 1903.

Heppner A. u. Herzberg I.: Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden und der jüdischen Gemeinden in der Posener Landern. Kaschmin — Bydgoszcz 1904.

Helleński L.: Les israelites de Pologne. Paris 1846.

Kitowicz J.: Opis obyczajów za panowania Augusta II. Wrocław 1951.

Kowalski T.: Relacja Ibrahima ibn Jakuba z podróży do krajów słowiańskich w przekładzie Al-Bekri'ego. Kraków 1946.

Kraushar Al.: Historya Żydów w Polsce. T. I. Warszawa 1865.

Kunik A. i baron Rosen W.: Izwiestija Al-berkri i drugich awtorow o Rusi i Sławianach. Petersburg 1878.

Lelewel J. Dzieje Polski. Warszawa 1830.

Lelewel J.: Polska, dzieje i rzeczy jej. T. I. 1854.

Lewicki S.: Drogi handlowe w Polsce w wiekach śradnich (Sprawozdanie PAU. Kraków 1906).

Maciejowski M. A.: Żydzi w Polsce, na Rusi i Litwie. Warszawa 1878.

Maciejowski M. A.: Historia miast i mieszczan dawnego państwa polskiego. Poznań 1887.

Mark B.: Rzemieślnicy żydowscy w Polsce feudalnej. Warszawa 1954.

Meisl J.: Geschichte der Juden in Polen und Rissland. B. I. Berlin 1921.

Mieses M.: Udział Żydów w wojnach Polski przedrozbiorowej. Warszawa 1939.

Mieses M.: Judaizanci we wschodniej Europie („Miesięcznik Żydowski“, Nr 9—10, Warszawa 1933; Nr 3, Warszawa 1934).

Naruszewicz A.: Historia narodu polskiego. Kraków 1859.

Nussbaum H.: Historya Żydów. T. V. Żydzi w Polsce. Warszawa 1890.

Perles J.: Geschichte der Juden in Posen. Wrocław 1864.

Piekosiński J.: Codex diplomaticus Poloniae Minoris 1178—1400. T. I—IV. Kraków 1876—1905.

Piekosiński J. et Zakrzewski J.: Codex diplomaticus Majoris Poloniae 984—1444. T. I—IV. Poznań 1877—1905.

Schiper I.: Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich. Warszawa 1937.

Schiper I.: Studia nad stosunkami gospodarczymi Żydów w Polsce podczas średniowiecza. Lwów 1911.

Schiper I.: Początki Żydów na ziemiach polskich i ruskich („Alamanach Żydowski“, 1918).

Szyper I.: Rannyje stadii jewrejskoj kołonizacji w Polsze („Jewrejskaja Starina“, Peterburg 1911).

Schorr M.: Żydzi w Przemyślu do końca XVIII w. Lwów 1903.

Sternberg H.: Versuch einer geschichte der Juden in Polen unter der Regierung der Piasten. Wien 1860.

Sternberg H.: Geschichte der Juden in Polen unter den Piasten und Jagellonen. Leipzig 1878.

Strończyński R.: Dawne monety polskie. Piotrków 1883—1885.

Szelągowski A.: Najstarsze drogi z Polski na Wschód w okresie bizantyjsko-arabskim. Kraków 1909.

Warschauer A.: Geschichte der Stadt Gnesen. Posen 1918.

Wattenbach W.: Sklavenhandel im Mittelalter („Anzeiger des Germanischen Museums“, 1874).

Weil L.: Beitrag zur Geschichte der Juden in Polen („Orient“, X Jahrgang, 1840).

Widajewicz J.: Studia nad relacją o Słowianach Ibrahima ibn Jakuba. Kraków 1946.

Wisznicer M.: Istoria jewrejew w Polsze i Litwie („Istoria Jewrejskowo Naroda“, Peterburg 1914).

Zakrzewski Z.: O brakteatach z napisami hebrajskimi („Wiadomości Numizmatyczno-archeologiczne“ 1909, 1910, 1911, 1912).

„Żydzi w Polsce Odrodzonej“. T. I. Warszawa 1932 (zbiór prac i artykułów).

ג.  צום קאַפּיטל דריי.

ברלינר מ.: היהודים באשכנז בימי הבינים. וואַרשע 1900.

ברנפלד ש.: תולדות מסעי הצלב (1096—1230). ווריה 1899.

ברנפלד ש.: ספר הדמעות. כרך ראשון. ברלין תרפ״ד (1924).

גויטיין ש. ד.: מקורות חדשים על גורל היהודים בזמן כיבוש ירושלים ע״י הצלבנים („ציון“ 17. שנה י״ז, ספרים א—ד, ירושלים תשי״ב (1952).

גראַטץ צ.: דברי ימי ישראל, חלק רביעי ותמישי. פריז — וורשה תרע״א.

דינבורג ב.: תולדות ישראל. ישראל בגולה. כרך א׳. ירושלים תרפ״ו.

הברמן א. מ.: ספר גזירות אשכנז וצרפת — דברי זכרונות מבני הדורות שבתקופה מסעי הצלב ומבחר פיוטיהם. עם מבוא מאת יצחק בער. ירושלים תש״ו.

היילפרין י.: ספר הגבורה — אנתלוגיה היסטורית — ספרותית. חלק א׳. תל-אביב תש״ו.

יהודה חסיד: ספר חסידים. לוואָוו.

ספר חסידים — עם הגהות, תקונים, באורים ומראה מקומות מאת יהודה הכהן וויסטינעצקי. פראנקפורט א. מ. 1924.

Aronius J.: Regesten zur Geschichte der Juden im Fränkischen und Deutschen Reich bis zum Jahre 1273. Berlin 1902.

Below G.W.: Grosshändler und Kleinhändler im deutschen Mittelalter. 1900.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. Berlin 1926. B. IV. Drittes Buch.

Elbingen I.: Geschichte der Juden in Deutschland. Berlin 1935.

Heimpel G.: Die Gewerbe der Stadt Regensburg im Mittelalter. Stuttgart 1926.

Liszew S.: Km izwiestiata za preminawanato na Krestonoscyte ot tretija pachod prez błgarskite ziemi („Izwiestija na Instituta za Bołgarska Istoria“, 3—4. Sofia 1951).

Neufeld S.: Die halleschen Juden im Mittelalter. Berlin 1915.

Rieger P.: Vom Heimatsrecht der deutschen Juden. Berlin 1924.

Roth C.: Histoire du Peuple Juif. Paris 1948.

Steinherz S.: Kreuzfahrer und Juden in Prag. 1906 („Jahrbuch der Gesellschaft fur Geschichte der Juden in der Cechoslowakischen Republik“. Prag 1929).

Zunz L.: Die synagogale Poesie des Mittelalters. Frankfurt a. M. 1920.

Zunz L.: Litteraturgeschichte der synagogalen Poesie. Berlin 1865.

ד. צום קאפיטל פינף.

Brann M.: Geschichte der Juden in Schlesien („Jahrbericht des judisch-theologischen Seminars". Breslau 1896).

Grünhagen C.: Geschichte Schlesiens, I.

Grotte A.: Alte schlesische Judenfriedhofe. Berlin 1927.

Korn G.: Breslauer Urkundenbuch. Breslau 1870.

Maleczyński K. i Breiter J.: Teksty źródłowe do historii Wrocławia. T. I. Wrocław 1951.

Maleczyński K.: Dzieje Wrocławia. T. I. Katowice-Wrocław 1948.

Maleczyński K.: Szkice z dziejów Śląska. Warszawa 1955.

Maleczyński E i Maleczyński K.: Dzieje Śląska. Warszawa 1955.

Oelsner L.: Schlesiche Urkunden zur Geschichte der Juden im Mittelalter. Wien 1864.

Piwarski K.: Historia Śląska w zarysie. Katowice-Wrocław 1947.

Schirrmann W.: Urkunden der Stadt Liegnitz und ihres Weichbildes bis zum Jahre 1455. Liegnitz 1866.

Schirrmann W.: Chronik der Stadt Schweidnitz. Schweidnitz (bez roku).

Stenzel G., Tschoppe G.: Urkunden zur Geschichte des Bistums Breslau.

ה. צום קאפיטל זיבן.

שיפער י.: קולטור-געשיכטע פון די יידן אין פוילן אין מיטלאלטער. ווארשע 1926.

Centnerszwerowa R.: O języku Żydów w Polsce, na Litwie i Rusi. Szkic dziejowy. Warszawa 1907.

Geudemann M.: Geschichte des Erziehungswesens und der Kultur der Juden in Frankreich und Deutschland. Wien 1880.

Gołębiowski Ł.: Ubiory w Polsce od najdawniejszych czasów aż do chwil obecnych. Kraków 1861.

Mieses M.: Judaizanci we Wschodniej Europie („Miesięcznik Żydowski" Nr 9—10, Warszawa 1933,; Nr 3, Warszawa 1934).

Zunz L.: Älteste Nachrichten über Juden und jüdische Gelehrte in Polen, Slavonien, Russland („Gesammelte Schriften", III).

## III. צום צווייטן טייל.

### א. צום קאפיטל איינס.

ארונשטיין ר. פ.: זיסקינד מיטרימברג — על השתתפות היהודים בתרבות הגרמנית בתחילה המאה הי"ג („ציון" 8, שנה שמינית, ספר ג', ירושלים 1943).

מילנער י.: יידן אין בעלגיע („אלמאנאך פון יידישן שרייבער= און זשורנאליסטן=פאריין אין פראנקרייך", פאריז 1955).

ניגער ש.: קידוש השם (זאמלונג), ניו=יארק 1948, זעקסטער טייל: קידוש השם אין מיטאלטער.

Barbeck H.: Geschichte der Juden in Neurenberg u. Fuerth. Neurenberg 1875.

Below G.: Grosshändler und Kleinhändler im deutschen Mittelalter. 1900.

Berliner A.: Aus dem Leben der deutschen Mittelalter. Berlin 1950.

Caro G.: Sozial und Wirtschaftsgeschichte der Juden im Mittelalter und der Neuzeit. B. I. Leipzig 1908. B. II. Zürich und Frankfurt a. M. 1918.

Caro G.: Die Juden des Mittelalters in ihrer wirtschaftlichen Betätigung („Monatschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums", VIII. Breslau 1904).

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B. V. Berlin 1927. Erstes Buch.

Fontes Rerum Bohemicarum. Tomus IV. Praha 1884. Petra Žitewskeho Kronika Zbraslawska. Cap. LV.

Güdemann M.: Geschichte des Erziehungswesens und der Cultur der abendländischen Juden. Wien 1888.

Graetz H.: Geschichte der Juden. B. VII. Leipzig 1909.

Germania Judaica. Frankfurt a. M. 1917, Breslau 1934.

Hoffmann M.: Der Geldhandel der deutschen Juden während des Mittelalters. Leipzig 1910.

Hyamson A. M.: A history of the Jews in England. London 1908.

Kahan I.: Or Sarua als Geschichtsquelle („Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der Cechoslov. Republik". Prag 1938).

Mark B. i Kupfer F.: Odrodzenie a Żydzi we Włoszech („Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego", 11—12. Warszawa 1954).

Morton A. L.: Dzieje ludu angielskiego. Warszawa 1948 (przekład z angielskiego).

Regné J.: Etude sur la condition des Juifs de Narbonne du V au XIV siécle. Narbonne 1912.

Roth C.: History of the Jews in England. Oxford 1941.

Saaltelf S.: Quellen zur Geschichte der Juden in Deutschland. B. III — Das Martyrologium der Nirnberger Memorenbuches. Berlin 1898.

Spaet A.: Suesskind z Frimbergu. Lwów 1939.

Stobbe O.: Die Juden in Deutschland wärend des Mittelalters. Braunschweig 1866.

Tiumeniew A.: Jewrei w driewnosti i w srednije wieka. Peterburg 1922.

Zimmels H. J.: Beitrage zur Geschichte der Juden in Deutschland im 13 Jahrhundert. Wien 1926.

Zunz L.: Zur Geschichte und Literatur. Berlin 1845.

ב. צום קאַפּיטל צוויי און דריי.

באַלאַבאַן מ.: די ייִדן־שטאָט לובלין, בוענאָס איירעס 1947 (איבערזעצונג פון דייטש).

טרונק י.: צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין מאַזאָוויע אין XV־טן י"ה („היסטאָרישע שריפטן ייוואָ", II).

פעלדמאַן א.: די עלטסטע ידיעות וועגן ייִדן אין פּוילישע שטעט אין XIV־טן און XVI־טן י"ה. („בלעטער פאַר געשיכטע", I, 1938).

קירשענבוים י.: געשיכטע פון ייִדן אין דאַנציג. דאַנציג 1927.

רינגעלבלום ע.: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע סוף מיטלאַלטער („היסטאָרישע שריפטן ייוואָ", I).

רינגעלבלום ע.: קרעדיט־אָפּעראַציעס פון די וואַרשעווער ייִדן אין מיטל־אַלטער („עקאָנאָמישע שריפטן ייוואָ", I).

שאַצקי י.: געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע, ב. I. ניו־יאָרק 1947.

Akta grodzkie i ziemskie z czasów Rzeczypcspolitej Polskiej z archiwum tzw. bernardyńskiego we Lwowie. Lwów 1868—1935.

Bałaban M.: Die Judenstadt von Lublin. Berlin 1919.

Bałaban M.: Dzieje Żydów w Krakowie i na Kazimierzu. T. I. (1304—1655). Kraków 1931.

Bielowski A.: Monumenta Poloniae Historica. T. II i III. Lwów 1872—1878.

Biluński M.: Monografia miasta Sandomierza. Warszawa 1879..

Caro J.: Polnische Juden (Vorträge und Essays). Gotha 1909.

Charewiczowa Ł.: Handel średniowiecznego Lwowa. Lwów 1925.

Chotkowski Wł.: Rzemiosła i cechy Krakowskie w XV w. Kraków 1891.

Codex diplomaticus Silesiae, herausgegeben v. Vereine für Geschichte u. Alterthum Schlesiens. T. III. Breslau 1860.

Cukierówna N.: Działalność handlowo-finansowa Żydów krakowskich w XV w. (Archiwum ZIH — praca magisterska Nr 29).

Das ölteste Glatzer Amtsbuch („Archiw-Sammlungen", I — Neu-Rode).

Dlugosius J.: Historiae Polonicae Libri 12. Kraków 1873—1878.

Długopolski E.: Władysław Łokietek na tle swoich czasów. Wrocław 1951.

Dąbrowski J.: Dzieje Polski średniowiecznej. Kraków 1926.

Ehrenkreutz St.: Beiträge zur sozialen Geschichte Polens im XIII Jahrhundert. Warschau 1911.

Eisenstein A.: Prawda o lichwie żydowskiej w Polsce w XIV w. („Miesięcznik Żydowski" Nr 7—8. Warszawa 1932).

Feldman E.: Żydzi kaliscy do połowy XVI w. (Archiwum ZIH — praca magisterska Nr 27).

Grodecki K.: Księga henrykowska. Poznań-Wrocław 1949.

Heppner A. und Herzberg I.: Aus Vergangenheit und gegenwart der Juden und der jüdischen Gemeinden im den posener Landen. Koszmin — Bromberg 1904.

Herzberg I. und Heppner A.: Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden in Hohensalza. Inowrocław 1907.

Herzberg I.: Geschichte der Juden in Bromberg zugleich ein Beitrag zur Geschichte der Juden des Landes Posen nach gedruckten und ungedruckten Quellen dargestellt. Frankfurt a. Mein 1903.

Kaczmarczyk Z.: Kazimierz Wielki (1333—1370). Warszawa 1948.

Ke.: Przyczynki do historii Żydów w Polsce w XII i XIV w. („Izraelita" Nr 3—23. Warszawa 1907).

Kochanowski J.C.: Codex diplomaticus et commerationum Mazowiae Generalis. T. I. Warszawa 1919.

Koczy L.: Handel Poznania do połowy XVI w. Poznań 1930.

Kozłowski F.: Dzieje Mazowsza za panowania książąt. Warszawa 1858.

Landenberger T.: Zaludnienie Polski na początku panowania Kazimierza Wielkiego. Lwów 1930.

Lekszycki J.: Die ältesten grossspolnischen Grodbücher. T. I. Posen (1386—1399). Leipzig 1887.

Lewin L.: Geschichte der Juden in Inowrocław. Posen 1900.

Lubomirski J.T.: Kodeks dyplomatyczny Księstwa Mazowieckiego. Warszawa 1862.

Manteuffel T.: Papiestwo i Cystersi ze szczególnym uwzględnieniem ich roli w Polsce na przełomie XII i XIII w. Warszawa 1955.

Marchlewski J.: Soczinienija. T. VI. Oczerki istorii Polszy. Moskwa — Leningrad 1931.

Mączak A.: Sukiennictwo wielkopolskie XIV—XVII w. Warszawa 1955.

Mieses M.: Żydzi jako rolnicy w dawnej Polsce („Głos Gminy Żydowskiej", Warszawa 1939).

Müller E.: Żydzi w Krakowie w drugiej połowie XIV stulecia. Kraków 1907 („Biblioteka Krakowska" tom 35).

Nożyński T.: Żydzi poznańscy w XV w. („Kronika m. Poznania", rocznik X. Poznań 1933).

Pawiński A.: Teki. T. V. Księgi Sądowe Łęczyckie (koniec XIV i początek XV w.), cz. II. Warszawa 1898.

Pawiński A.: Księgi Sądowe Brzesko-Kujawskie (1418—1424). Opracował i wydał J.K. Kochanowski. Warszawa 1905.

Piekarczyk St.: Studia z dziejów miast polskich w XIII—XIV w. Warszawa 1955.

Piekosiński F., Szujski J.: Najstarsze księgi i rachunki miasta Krakowa od 1300 do 1400. Kraków 1878.

Piekosiński F.: Rachunki dworu króla Władysława Jagiełły i królowej Jadwigi z lat 1388 do 1420. Kraków 1896.

Prumers R.: Der Hostiendiebstahl zu Posen im J. 1399 („Zeitschrift der historischen Gesellschaft für die Prowinz Posen". Posen 1905).

Ptaśnik J.: Miasto i mieszczaństwo w dawnej Polsce. T. I. Kraków 1934.

Rakowski K.: Wewnętrze dzieje Polski (Zarys rozwoju społecznego i ekonomicznego). Warszawa 1908.

Ringelblum E.: Żydzi w Warszawie. I. Od czasów najdawniejszych do ostatniego wygnania z r. 1527. Warszawa 1932.

Rybarski A.: Najdawniejsze księgi Sądowe Mazowsza. Judiciorum Masowiensium Libri Antiquissimi. Liber terrestis zacroczimiensis primus (1423—1429). Warszawa 1920.

Schorr M.: Żydzi w Przemyślu do końca XVIII w. Lwów 1903.

Sobieszczański A.: Rys historyczno-statystyczny miasta Warszawy. Warszawa 1848.

Szyper I.: Rozselenije jewrejew w Polsze i Litwie („Istoria jewrejskowo naroda", t. XI — Istoria jewrejew w Rosji, t. I, Moskwa 1914).

Szyper I.: Żydzi w Polsce za Piastów („Moria", 1905).

Średniowski St.: Dzieje chłopstwa w Polsce. Warszawa 1947.

Świętochowski Al.: Historia chłopów polskich w zarysie. T I. Lwów — Poznań 1925.

Tsschoppe A.G. und Stenzel G.A.: Urkundensammlung zur Geschichte des Ursprungs der Städte und der Einführung und Verbreitung deutscher Kolonisten und Rechte in Schlesien. Hamburg 1832.

Ulanowski B.: Dokumenty kujawskie i mazowieckie z XIII wieku. (Archiwum Komisji Historycznej PAU. T. IV. Kraków 1888).

Ungeheuer M.: Stosunki kredytowe w ziemi przemyskiej w połowie XV wieku. Lwów 1929.

Warschauer A.: Die älteste grosspolnische Innungsurkunde („Zeitschrift d. Hist. Ges. Posen", V. 1890).

Wejnert A.: Starożytności warszawskie. Warszawa 1848—1957.

Wisznicer M.: Obszczyj oczerk politiczeskoj i socjalnoj istorii jewrejew w Polsze i Litwie (Istoria jewrejskowo naroda, t. XI — Istoria jewrejew w Rossji, t. I. Moskwa 1914).

Wojciechowscy M. i Z.: Polska Piastów i Polska Jagiellonów. Poznań 1946.

## ג. צום קאפיטל פיר

Balzer O.: Statuty Kazimierza Wielkiego. Poznań 1947.

Bloch Ph.: Die Generalprivielegien der polnischen Judenschaft. Posen 1892.

Codex diplomaticus Silesiae, III. Rechnungsbücher d. Stadt Breslau.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B.V. Berlin 1927.

Gumplowicz L.: Prawodawstwo polskie względem Żydów. Kraków 1867.

Helcel A.Z.: Starodawne prawa polskiego pomniki. T.I, Warszawa 1856. T. II, Kraków 1870.

Hube R.: Przywilej żydowski Bolesława i jego potwierdzenia (Biblioteka Warszawska, Warszawa 1880).

Kutrzeba St.: Stanowisko prawne Żydów w Polsce w XV stuleciu („Przewodnik Naukowy i literacki", R. XXIX, z VII. 1901).

Prilusius J.: Leges seu statuta ac privilegia Regni Poloniae omnia hectenus magna ex parte waga confusa, et sibi pugnatia, iam autem in gratiam D. Sigismundi Augusti Regis Poloniae et in usum Reipublicae collecta digesta conciliata. Cracovia 1551.

Statuta... 1594 ((stary zniszczony egzemplarz w posiadaniu autora, zawierający statuta żydowskie).

Volumina Legum, I. Varsovie 1732. Ed. Hieronym Stanisław.

Wygodzki I.: Edykty tolerancyjne dla Żydów. 1264 (Archiwum ZIH, praca magisterska Nr 59).

ה. צום קאַפּיטל פינף

ארונשטיין ר. פ.: כובע היהודים („ציון" 13—14, שנה י"ג—י"ד, תש"ח—תש"ט. ירושלים 1948).

בער מ.: געשיכטע פון סאָציאַליזם. ב. III. ווארשע 1924 (איבערזעצונג פון דייטש).

Barącz S.: Rys dziejów zakonu Kaznodziejskiego. Lwów 1861.

Dobrowolski K.: Pierwsze sekty religijne w Polsce („Reformacja w Polsce", 1934).

Engels F.: Der deutsche Bauernkrieg. Berlin 1908.

Fröltsch E.: Die Soziallehren der christlichen Kirchen und Gruppen. Tübingen 1912.

Gromnicki T.: Synody prowincjonalne oraz czynności niektórych funkcjonarjuszów apostolskich w Polsce. Kraków 1885.

Hube R.: Antiqussimae constitutiones synodales prowinciale Gnesnensis 1856.

Kantak K.: Dzieje Kościoła Polskiego. T. I, Gdańsk — Poznań 1912.

Lea (Li) H. Ch. Istoria inkwizycji w sriednije wieka. T. I. Peterburg 1912 (przekład z francuskiego, oryginał w angielskim).

Verwehen J.M.: Die Philosophie d. Mittelalters. T. I. Berlin 1921.

ה. צום קאַפּיטל זעקס.

ווײַנרײַך מ.: אשכנז. די ייִדיש-תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע („ייִוואָ-בלעטער", באַנד 35, ניו-יאָרק 1951).

מענעס א.: דער פּוילישער ייִד אין דער ייִדישער געשיכטע („די ייִדן אין פּוילן", 1 ניו-יאָרק 1946).

רינגעלבלום ע.: פּונעם לעבן פֿון וואַרשעווער ייִדן אין XV י"ה („יונגער היסטאָריקער", I).

רובאַשאָוו ז.: ייִדישע גביות-עדות אין די שאלות ותשובות פֿון אָנהייב XV-טן ביזן סוף XVIII-טן י"ה („היסטאָרישע שריפֿטן ייִוואָ", I).

שולוואַס מ.: דאָס אשכנזישע ייִדנטום אין איטאַליע („ייִוואָ-בלעטער", באַנד 34, ניו-יאָרק 1950).

שיפּער י.: קולטור-געשיכטע פֿון די ייִדן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער. וואַרשע 1926.

Bauminger L.: Przysięga żydowska i klątwa z uwzględnieniem ich praktyki na ziemiach Polski (Archiwum ZIH, praca magisterska Nr 13).

Centnerszwerowa R.: O języku Żydów w Polsce, na Litwie i Rusi. Szkic dziejowy. Warszawa 1907.

Kandel D.: Bóżnica w Sandomierzu („Kwartalnik poświęcony badaniu przeszłości Żydów w Polsce", zesz. I. Warszawa 1912).

Schorr M.: Organizacya Żydów w Polsce od najdawniejszych czasów do r. 1772. Lwów 1899.

Wachstein B.: Hebräische Grabsteine aus dem XIII—XIV Jahrhundert. Wien 1916.

## VI. צום דריטן טייל.

ברוצקוס י.: די אָפּשטאַמונג פון די קאַראַימער אין ליטע און פוילן (זאַמלבוך „ליטע“, ניו-יאָרק 1951).

ווישניצער מ.: די געשיכטע פון יידן אין ליטע פון מיטלאַלטער ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה (זאַמלבוך „ליטע“, ניו-יאָרק 1951).

מאַהלער ר.: די יידן אין אַמאָליקן פוילן („די יידן אין פוילן“, I. ניו-יאָרק 1946).

מאַרק ב.: געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן, באַנד II, ווילנע 1939.

Alekna A.: Lietuvos istoria. Kaunas 1919.

Awiżonis K.: Die Entstehung und Entwicklung des litauischen Adels. Berlin 1932.

Baliński M.: Historia miasta Wilna. T. I. Wilno 1836.

Bersohn M.: Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce, na źródłach archiwalnych osnuty. Warszawa 1910.

Bierszadskij S.A.: Litowskije Jewrei. Petersburg 1883.

Bierszadskij S.A. Dokumienty i matieriały dla istorii jewrejew w Rosji. T. I. Dokumienty i regesty k istorii litowskich jewrejew (1388—1550). Peterburg 1882.

Bierszadskij S.A.: Priwilegii viel. kn. Witowta litowskim jewrejam („Voschod“, 1882, Nr 7—8, 9—10, 11—12).

Brückner Al.: Starożytna Litwa. Warszawa 1904.

Dubnow S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes. B.V. Berlin 1927. Zweites Buch.

Działyński A.F.: Zbiór praw litewskich (1369—1529). Poznań 1844.

Goldchar-Mark E.: Stosunki handlowe Litwy z sąsiadami w XIII i XIV w. Warszawa 1932 (rękopis).

Halecki O.: Ostatnie czasy Swidrygiełły. Kraków 1915.

Kraszewski I.J.: Wilno od początku jego do r. 1750. Wilno 1842.

Krzywicki M.: Żmudź starożytna. Warszawa 1906.
Lubawski M. K.: Oczerk istorii Litewsko-russkowo gosudarstwa. Moskwa 1910.
Łowmiański H.: Studia nad początkami społeczeństwa i państwa litewskiego. Wilno 1931.
Łowmianski H.: Uwagi w sprawie podłoża społecznego i gospodarczego Unii Jagiellońskiej. Wilno 1934.
Łowmianski H.: Zagadnienie feudalizmu w Wielkim Księstwie Litewskim. Lwów 1935.
Maciejowski W. A.: Żydzi w Polsce, na Rusi i Litwie. Warszawa 1878.
Meisl J.: Geschichte der Juden in Polen und Rossland. I. Berlin 1921.
Napierski K. E.: Russisch-Lifländische Urkunden. Peterburg 1868.
Pfitzner J.: Grossfürst Witold von Littauen als Staatsman. Brünn 1930.
Pokrowskij M. N.: Russkaja istoria s drewniejszych wriemion. T. III, Moskwa 1933.
Regety i nadpisy — swod matieriałow dla istorii jewrejew w Rossji. T. I. (80—1670). Peterburg 1899.
Schipper I.: Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich. Warszawa 1937.
Thitmar: Kronika. Z tekstu łacińskiego przetłumaczył, wstępem poprzedził i komentarzem opatrzył M. Z. Jedlicki. Poznań 1953.
Wisznicer M.: Obszczyj oczerk politiczeskoj i socjalnoj istorii jewrejew w Polsze i Litwie („Istoria jewrejskowo naroda", t. XI. Moskwa 1914).

V. צום פערטן טייל.

אַרכיוו פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע:

יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזען: ספר נצחון.

יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזען: ספר המידות (כתב־יד נר. 295). די קאָפּיע איז געמאַכט געוואָרן דורך חיים בן מנחם אין יאָר 1545.

תקנות מדינת מעהרין (כתב־יד).

גוטמאַן י.: ייִדן אין דער טשעכישער רעוואָלוציע פון XV־טן י"ה („ייוואָ־בלעטער", 1942).

גזירה ממדינת אושטרייך. לובלין שס"א (ייִדיש י. י. שוואַרץ).

הײלפּרין י.: תקנת מדינת מעהרין — התקין והסביר ישראל הײלפּרין. ירושלים תשי"ב.

יוסף הכהן: עמק הבכא. ווין תרי"ב און קראָקע 1895.

מאַרק ב.: געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן, באַנד I, ווילנע 1938.

פּאָליאַק ג. י.: הליכת קדם, אַמסטערדאַם 1846 (דאָרטן — י. מולינס כראָניק).

קויפמאַן י.: רבי יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזען. ניו־יאָרק 1929.

קירשענבוים י.: געשיכטע פון ייִדן אין דאַנציק. דאַנציק 1927.

קרויס ש.: „גזירה ממדינת אושטריך" („ייוואָ־שריפטן", ב' II, ווילנע 1935).

ראַבינאָוויטש ר. נ.: ספר דקדוקי סופרים, מסכת ברכות. מינכען שנת ברכות לפ"ק.

שיפּער י.: קולטור־געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער. וואַרשע 1926.

Bartos F. M.: Żide w Cechach w dobe husowe („Kalendar Cesko-Żidowsky". Praha 1915).

Bondy B., Dworsky F.: K historii Żidu w Cechach, na Morawe a w Slezsku (909—1620). Praha 1926.

Die Juden und Judengemeinden Mährens in Vergangenheit und Gegenwart. Brünn (Brno) 1929.

Heck R. i Maleczyńska E.: Ruch husycki w Polsce, wybór tekstów źródłowych. Wrocław 1953.

Jakcbcwitz T.: Die jüdischen Zünfte in Prag (Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der Cechoslov. Republik", Prag 1936).

Kestenberg R.: Hussitentum und Judentum (Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der Cechoslov. Republik. Prag 1936).

Kolbuszewski K.: Ruchy husyckie w Polsce i wpływ ich na piśmiennictwo („Reformacja w Polsce", 1921).

Lieben S.H.: Die Ramschak-Chronik („Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der Cechoslov. Repiblik", Prag 1929).

Macek J.: Husitske revolucni hnuti. Praha 1952.

Peter Żitewski: Kronika zbraslawska (Fontes Rerum Bohemicarum, t. IV. Praha 1881).

Prochaska A.: Konfederacja Spytka z Melsztyna. Lwów 1887.

Prochaska A.: Husyta polski („Przewodnik Naukowo-Literacki", 1875).

Schwartz E.: Zur Geschichte der Juden von Prag („Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der Cechoslov. Republik", Prag 1933).

Steinherz S.: Die Juden in Prag. Prag 1927.

Vavrinec z Brezove: Kronika (Fontes rerum Bohemicarum, t. V. Praha 1893).

Volmut I.: K Żidowske otazce v husitskem revolucnim hnuti. Praha 1954 (rękopis). — כתב־יד אין יידישן מוזיי אין פּראָג

# אינדעקס פון נעמען

## א.


אבא אריכא 71
אביגדור קאַראָ 399, 400, 406, 407, 411
אבן ורדי 99
אבן חוקל 99
אבן כסתי 99
אברהם איבן עזרא 42, 80
אברהם בן דוד 59, 99
אברהם בן דוד הלוי 223, 226
אברהם בן יעקב 127, 128, 129, 165, 166, 167, 228
אברהם בן יעקב דוכס 220
אברהם בן יצחק הנגיד 220, 222
אברהם בן עזריאל 191
אברהם הלאַריק 191
אברהם פון באַגדאַד 68
אברהם פון וואַרשע 279
אברהם פון טשעכיע 402
אברהם פון פויזן 282
אברהם פראָכאָווניק 168, 169, 173
אברהם פון קאַליש 340
אברהם פון קאַראַנטאַן 133
אברהם פון קראָקע 281
אַגאָבאַר 53, 54, 55
אַדאָלף פון נאַסוי 236
אַדריאַנוס 16
אהרן בן עמרם 68
אהרן סמאָלקאַ 333
אהרן פון פויזן 282
אַוויטוס 55
אויגוסט III סאַס 289
אונגעהויער מאַריאַן 277
אויקליף הושאָן 373, 374, 392, 405
אחיא 71
אָטאָקאַר III 287
אָטאָ I 216
אָטאָ III 129
איבן כורדאַדבעה 50
איזאַסלאַוו יאַראָסלאַוואָוויטש 133, 136
איטשע פון טשערניגאָוו 140
איגעניוס IV, פויפסט 414
אילאַריאָן, מעטראָפּאָליט 136
אינאָקענטי III, פויפּסט 316
אירענאַ, פירשטין 115
אַל אוצטרכי 99
אולאַריך 26
אלאָיז איראַשעק 400
אַל באַקרי 166
אַלבערט, קיניג 237
אַלבערט פון האַבסבורג 236
אַלבערטוס 188
אַלבערט, פירשט 402
אָלגערד 352, 358
אַל האַקאַן II 166

אַלווערט, גראַף 289
אליהו פון קראָקע 281
אליהו, נשיא 120
אליטור 19
אליעזר 270
אליעזר בן יצחק פון טשעביע 221
אליעזר בן עזריה 81
אליעזר בן נתן 208, 217
אליעזר פון פויזן 282
אליעזר פון שלעזיע 251
אל מאַסודי 103, 106, 111
אָלעג, פירשט 115
אַלעקסאַנדער II, פויפּסט 316
אַלעקסאַנדער, קיניג 289
אַלעקסאַנדער פון וואַרשע 258, 274
אָלעשניצקי, קאַרדינאַל 295, 297, 413, 414, 416, 417
אַמאַדאָר דע לאָס ריאָס 38
אָמאַר 37, 39
אָמרו 39
אַנבאַל יאסין 138
אַנדזשעי, בישקופּ 309
אַנדרעי II, קיניג 130
אַנדרעאַס פון בראָד 396
אַנדרעי באָגאָליובסקי 138, 141
אַנטיאָכעס III 14
אַנטאָנינוס 21
אסתרקע 295
אָפּאָלסקי וואַצלאַוו 277
אפרים בן משה 138
אָקקאַם ווילהעלם 409
אַריוס 29
אַרקאַדיוס 88
אשר פון וואַרשע

ב.

באָדאָן 54
באַלינסקי 357
באָלעסלאַוו דער גערעכטיקער 197, 219
באָלעסלאַוו דער געקרייזלטער 219
באָלעסלאַוו דער דרייסטער 151, 154, 155, 158
באָלעסלאַוו דער פרומער 246, 286, 288, 289, 298, 303, 330, 420
באָלעסלאַוו פון מאַזאָוויע 420
באָלעסלאַוו דער קאַלישער 197
באָלעסלאַוו דער קרוממויליקער 155, 158, 159, 196, 197
באָלעסלאַוו דער שטאַרקער 154, 155, 169, 170, 171, 227, 352
באָלעסלאַוו דער שעמעוודיקער 252, 286
באַלאַבאַן מ. 164
באַלקאָ, פירשט 279, 305
באַראַנטש 314
באַרטקאָ פון וואַרשע 272
בודקער 409
בולאַן 104, 106
בוסתנאי 71
בזשעטיסלאַוו, קיניג 194
ביענאַזש (ביינוש) 278, 282
בלאַך 299
בן ברוקה 81
בן זכאי 78
בנימין פון וולאַדימיר-וואָלינסק 133
בנימין, מלך 116
בנימין פון טבריה 96
בנימין פון טודעלאָ 79, 105, 133
בן סאַקויה 81
בעלאַ VI, קיניג 130, 287
בעליזאַרעס 30
בער יצחק 171
בערלינער 16
בערנאַר דע קלערוואָ 209
בראַן 201
בר חנינא 101
בריקנער אַלעקסאַנדער 346
בר-כוכבא 16, 24, 101

### ג.


גאָלדע פון קראָקע 281
גאַללוס 215, 216, 227
גאָנטראַם 55
גדעון, ביסקופ 197
גומפּלאָוויטש מאַקסימיליאַן 173
גווידאָן, קאַרדינאַל 317, 318
גונדאַבאַר 53
גיבר אל מאַריק 39
גילבערט דע לאַנגואַ 360
געדימין 351, 352, 357, 358
געשטאָר אַלעקסאַנדער 167
גראָסאַר יאַן 276
גרעגאָר פון טור 53, 55
גרעגאָר VII 63, 155, 316
גרעגאָר IX 316
גרעקאָוו 124, 125, 135
גרעץ 224, 299
גרשם בן יהודה 51, 62, 123 (מאור הגולה)
גרשם פון פורט 415


### ד.


דאַגאָבערט 96
דאַלימיל 191, 193
דאַנילאַ ראָמאַנאָוויטש 133, 139
דבורה הנביאה 376
דובנאָוו 164, 192
דוד בן משולם 187
דוד בן שר שלום 202
דוד פון פּשעמישל 278
דוד פון קאַליש 270, 282
דולטשינאָ 313
דונלאָפּ 111
דיאַקאָן 312
דיאָקלעציאַנוס 33
דיטמאַר 359
דיקויש 313
דלוגאָש יאַן 295
דניאל אל קאַסיר 76
דניאל פון קאַליש 282
הערסלאַוו, גראַף 289
דתן און אבירם 58


### ה.


האַי גאון 69
האָנאָריוס III 316
הארון אל ראַשיד 53
הובע 298
הורדוס 16
הורקנוס II 16
הימשאַק (יצחק) 282
היינריך I 51
היינריך IV 63, 107, 155, 182, 287
הײלפּערן ישראל 388, 389
הילפּעריק 53
היעראָנים פון פּראָג 375, 382, 401, 404, 407
היעראָנימוס 13, 24
הלגו, פירשט 116
הלוי מ. 130
הלל הבבלי 72
הענסעלבורג פון קראָקע 272
הענריק פון לאַנגענשטיין 407
הענריק דער בערדיקער 213
הענריק דער פרומער 233
הענריק דער III 305, 306
הענריק IV 268, 305
הענריק V 306
הערקאַליוס, קייזער 36, 95, 96, 115
הרכבי אליהו 131, 141, 164, 175


### ו.


וואַווזשיניעץ, ביסקופ 203
וואָיטעק באָגאַטי 276
וואָלטישקאָ 250, 251, 258, 285, 300
וואַצלאַוו 314
וויטאָווט=וויטאָלד 352, 355, 358, 359, 360, 361, 362, 363, 364, 365, 366, 367, 368, 412, 421
וויינרייך מאַקס 227

וויפער 86
וושניצער מארק 164, 257, 357
וולאדימיר, פירשט 117
וולאדימיר מאנאמאך 137
וולאדימיר סוויאטאסלאוויטש 134,
135, 136
וולאדיסלאוו III 411
וולאדיסלאוו פון טשעכיע 415
וולאדקאוויץ פאוועל 405, 406
וועלקער פון קראקע 272
וועצעל 192
וועצעל האיעק 128
וועסענזשטאריקס 23

ז.

זאבאהער 113
זאמאיסקי 168
זיגמונט I 297
זיגמונט אויגוסט 297
זיגמונט לוקסעמבורג 374, 378,
391, 394, 397, 399, 401
זיגפריד פאן פויכטוואנגען 268
זישיטאווסקי פעטער 237
זשיקמאנט 365
זלאטע פון קראקע 416
זשעמאוויט 281

ח.

חיוי הבלבי 79, 80, 81, 83, 223,
224
חזקיהו דער ספרדי 169
חנא פון קראקע 281
חנילאי 72
חסדאי איבן שפרוט 98, 127, 166
חסינאי 72

ט.

טאגרול-בעק 81
טאמאס II, ביסקופ 268
טאמאש פון קראקע 416
טוביה בן אליעזר 131
טיבעריוס 19
טיבעריוס II 95
טיגראנעס 13
טיטוס 16, 23
טעאדאזיוס I 92
טעאדאזיוס II 92
טעאדאזיוס דער הייליקער 136
טעאדארא 86, 87
טעשנער יאן 276
טראיאנוס 65
טרוקלא פון קראקע 272
טרייטשקע 46
טשאצקי טאדעוש 163

י.

יאגעללא וולאדיסלאוו (יאגיללא)
156, 250, 251, 258, 265, 267,
270, 280, 281, 285, 300, 302,
303, 304, 321, 325, 352, 355,
358, 411
יאדוויגא 281, 302
יאן דלוגאש 326
יאן הוס 371, 374, 375, 376, 391,
392, 401, 404, 405, 411, 422
יאן זשיזשקא 378
יאן לאסקי 289
יאן לוקסעמבורג 279, 306
יאן סאביעסקי 289
יאן ריטשעוואל 324
יאנקא 303
יאנקאל 289
יאסקא (יאסל) פון הרוביעשאוו 274
יאסמאן פון קראקע 280, 281
יאקאובעק (יאקאבעללא) 394, 395
יאקוב פון מעלטשין 322
יאקוב פון קורדאנאוו 276
יאקוב, ארציביסקופ 309
יאקות 99
יארדאן פון יאראסלאוו 278, 282
יאראסלאוו, פירשט 133
יהודה אריסטובול III 16
יהודה בן ברזילי אל ברצלוני 99
יהודה הכהן 127, 221
יהודה הלוי 42, 108

יהודה חסיד 220, 221, 224
יהודה פון רעגענסבורג 208
יהודית-יוליא 53
יודימא 216
יווערנאלים 20
יוליאנוס 93
יום-טוב ליפמאן 372, 400, 406, 407, 408, 409, 410, 411
יוסף (זונחוואס) 91
יוסף, קיניג 98, 116, 117, 166
יוסף הכהן הרופא 82, 121, 164, 165, 170, 391, 401
יוסף הרואה 80
יוסף פון בוסק 363
יוסף פון קאליש 280
יוסף פון קראקע 419
יוסטיניאנוס I 30, 31, 35, 84, 85, 86, 87, 90, 92, 94, 95
יעליטקאוויטש 272
יענדזשעי קיטאוויטש 163
יעקב בן מרדכי 140
יעקב פון לוואוו 270
יעקב פון קראקע 419
יעקב מאן 122
יצחק 278
יצחק בן יעקב 74
יצחק בן יעקב הלבן 191
יצחק בן משה פון ווין 192
יצחק הכהן 186
יצחק בן דורבאלא 217, 224
יצחק פון ווארשע 274, 340
יצחק פון פוילן 224
יקותיאל 270, 279, 281
ישו הנוצרי 92, 178, 325, 392, 393, 401, 409
ישמעאל, תנאי 89
ישעיהו הנביא 399
ישראל פון קראקע 281
ישראל פון ברנא 226
ישראל פאלקען פון קראקע 333
ישראל פון קאליש 340

## כ.

כאצקל פון קראקע 281
כאסקלאוואַ פון קראקע 281
כוואלסאן 102
כלב פון קאפפע 266
כנען (חנא) פון קאליש 280
כריסטיאנס, ביסקופ 204

## ל.

לאזארוס (אליעזר) פון ווארשע 274
לאקעטעק וולאדיסלאוו 159, 264, 265, 293, 294, 299, 313, 314, 322
לואי דער פרומער 46, 53, 54, 56
לודוויק אנזשו 159, 281, 301, 325
לוי באקקארי 169
לוצאטי ש. ד. 121, 165
ליבען ס. ה. 381
לעוויצקי ט. 130, 166, 223
לעווקא 271, 272, 281, 295, 296, 299, 301, 303
לעלעוועל יאאכים 164, 168, 169, 170, 175, 293, 348
לעשעק, פירשט 169, 170, 171
לעשעק דער ווייסער 197, 219
לעשעק דער שווארצער 233

## מ.

מאהלער רפאל 164
מאטיאס פון יאנאוו 393
מאטעא וויליאני 322
מאטעוש פון קראקע 409
מאטשעי 289
מאטשעיעווסקי 164
מאי 258
מאיר מראטענבורג 221, 140
מאכמעד 96, 164
מאלעטשינסקא עווא 415
מאראווסקי קאזשימיעזש 406, 417
מארכלעווסקי יוליאן 281
מארציאלים 20

מאַרעק פּ. 164
מוריציוס 95
מיזיש (מיזעס) מתתיהו 164, 169, 175, 222, 224, 225
מיטרידאַטעס 64
מייזעלס י. 164
מיכאַל פון קאַליש 334
מילוטש פון קרעזמיר 393, 394, 399
מיעטשיסלאַוו III 196
מיעשקאַ I 148, 149, 154, 166, 167, 171
מיעשקאַ III 197, 217, 219, 220, 286
מיקאָלאַי וויעזשיניעק 276
מיקאָלאַי פון דרעזנאַ 395
מיקאָלאַי טראַמבאַ 276, 320
מיקאָלאַי פון קורניק 303
מיקאָלאַי קיטאָוויץ 326
מיקאָלאַי קוראָווסקי 276
מיקולאַש 377
מכיר 39
מנוחה 278
מנחם בן יעקב שלום 406
מסטיסלאַוו 137
מענדאָג 349, 351, 352, 353
מרדכי פון קראָקע 266, 419
משולם בן קלונימוס 183
משה איבן עזרא 42
משה בן מימון (רמבם) 42, 392, 409
משה בן נחמן 223, 224, 226
משה בר חסדאי 223, 224
משה מענץ 38
משה מקיעוו 140
משה פון טשעכיע 402
משה פון סמאָלענסק 140
משה פון קראָקע 291, 419

נ.

נאַטקאַ (נתן) 272, 273
נאַנקער, ביסקופּ 276
נאַרבוט 357
נאַרושעוויטש 163
נבוכדנצר 13
נוסבוים 293
נחום 270
נחמיה 251
נטירא 68
ניקאָלאַוס V 414
נעסטאָר 116
נעראָן 19
נפתלי פון קראָקע 281
נתנאל באַרצעלאָנער 169

ס.

סבריאל 105
סהל בן מצליח 76
סוויאַטאָפּעלק 133, 137
סווענקאַ פון קראָקע 281
סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי 286, 289
סטאַניסלאַוו שטשעפּאַנאָווסקי 158
סטעפּאַן 197
סטראַבאָ 18
סידאָניס אַפּאָלליגאַריוס 52, 54, 55
סיסיבוט 35, 36, 96
סלאָמקאָוויטש יעקב 266, 270
סלמן בן ירוחם 76, 80
סמאָזשעוויטש יאַן 309
סמאָיעל 279
סמערלין 281
סגאָזשאַני 289
סעדיה גאון 77, 78, 79, 80

ע.

עדוואַרד I, קיניג 238
עדרים 201
עובדיה, קיניג 110, 115
עוזר 281
עוזר פון אַמבערג 384
עטינגער שמואל 364
עלזשביעטאַ 301
עלסנער לודוויג 201

עמאַנועל פון אשכלון 169
עמערי פאָן ליגיכגען 185
ענגעלס 311
ענן בן דוד 75, 76
עקיבא, רבי 72
עקיבא פון עסטראָמאַדוראַ 169

## פּ.

פּאַולוס 15, 86
פּאָדיעבראָד דוד 380
פּאָלאַק א. נ. 164, 218, 225, 226, 357
פּאַלטאָן (פּלטיאל) 280
פּאָמפּעוס 16
פּאָפּיעל 168
פּוטיאַטאַ 137
פּיאָטר 409
פּיאָטר שטראָסבערג 276
פּיאַסט 168
פּיזשאָנאָ 49
פּיער פון אַמיען 184
פּיער וואַלדאָ 312
פּישער מאַרקוס 381
פּלטיאל פון קאַליש 334
פּליניוס דער יינגערער 322
פּסח, קיניג 116
פּעכנאָ 333
פּעפּין דער קליינער 46
פּראַדאָלי 322
פּראָקאָפּיוס 30
פּריסקוס 53
פּשעמיסלאַוו 286
פּשעצלאַוו, בישוף 312
פּתחיה פון רעגענסבורג 99, 105, 133, 226

## פֿ.

פֿאַלכער 190, 191
פֿאַלק 296
פֿאַסט האָוואַרד 24
פֿאָקאַס 95
פֿורט 415
פֿיאָדאָר 365
פֿיליפּ 319
פֿיליפּ דער שיינער 238
פֿרידריך II 303
פֿרידריך באַרבאַראָסאַ 287
פֿרידריך דער מוטיקער 287

## צ.

ציצעראָן 22

## ק.

קאַהלובעק ווינצענטי 197, 199
קאַזשימיעזש דער גרויסער 152, 154, 158, 159, 200, 246, 247, 264, 281, 285, 289, 294, 295, 296, 297, 298, 299, 300, 301, 302, 324, 330, 332, 339, 352, 353
קאַזשימיעזש IV יאַגעללאָנטשיק 156, 160, 297, 411, 412, 413, 416, 417
קאַזשימיעזש דער גערעכטיקער 197
קאַזשימיעזש, פֿירשט 203
קאַליאַסקי מיקאָלאַי 273
קאַליגולאַ 101
קאַליש דוד 266
קאָלמאַר 240
קאָנסטאַנטין 23
קאָנסטאַנציוס 93
קאָנראַד, פֿירשט 340
קאָנראַד פון וואַלדהויזער 397
קאָסמאַס 191
קאַסעל 164
קאַפּיסטראַנאָ יאַן 414, 415, 416, 417, 418
קאַרל IV 239, 241, 276, 323, 372
קופּפּער א. 223
קייסטוט 352, 357, 358
קלונימוס 59
קלונימוס בן בר משולם 185
קלעמענס, פּויפּסט 317
קלעמענס מאַרקאָשאָווסקי 326

קלעמענס פון וווראָצלאַוו 361
קראָמוועל אָליווער 239
קראַשינסקי 296
קראַשעווסקי 357
קריסטום 23
קריריאַקאָס 94
קרעפּניק מ. 357

**ר.**

ראָדעריק 38
ראָמאַנוס 116
ראַמשאַק 381, 398, 400, 402, 403
רב 71
רבא 68
רבקה פון טשעכיע 387
רודיגער 62
ריבאַקאָוו 114
רימאַן 365
רינגעלבלום 164
רינטפלייש 236, 242
ריסער גבריאל 46
רעקאַרעד 35

**ש.**

שאול, מר 166
שאַרל דער גרויסער 45, 46, 48, 51, 53, 56, 57, 58, 59, 169, 170, 216
שאַרל מאַרטעל 40, 46, 49
שווידריגיילאָ 363
שטיינהערץ שמואל 192
שטערנבערג 293
שיפּער יצחק 164, 253, 254, 257, 274
שכנא פון בעלז 274
שכנא פון וולאָדימיר 362, 363
שכנא פון לוואָוו 274
שלמה 270
שלמה אבן גבירול 42
שלמה בן שמעון 185, 186, 192, 193
שלמה הכהן 186
שלמה יצחקי (רש״י) 60, 61, 62, 122, 139
שמאי 72
שמואל בודא אשכנזי 387
שמואל בן עלי גאון 139
שמואל יום־טוב וויגאַלעס 385
שמואל, מר 71
שמואל פון קאַליש 340
שמואל פון קראָקע 281, 333
שמואל פון רוסיאה 140
שמחה פון קראָקע 281
שמעון בן ר׳ יצחק 183
שמעון בן ר׳ יצחק פון אינאָווראָצ־לאַוו 321
שמעון פון וואַרשע 340
שמעון פון זשידאַטשעוו 274
שמעון פון פּשעמישל 278
שעטשער 158
שעלענגאָווסקי 174
שפּרינצע פון וואַרשע 274
שקאָלמיעזש סטאַניסלאַוו 416

## אינדעקס פון שטעט

**א.**

אווינִיאָן 22
אולם 23
איגלאו 391
איטיל 113, 125
אייבענשיץ 383
אינאָווראָצלאַוו 246, 321, 404
אלט־סאַנטש 174, 175, 176
אליבא 101
אלעקסאַנדריע 14, 17, 19, 82
אמאלפי 51, 125
אַמבואַז 49

אמבערג 384
אנאפא 101
אנטיאָכיע 88
אַסטראַכאַן 99
אָסטראָה 249
אָפּאַווע 202
אָפּאַטאוו (אַפּט) 245
אָפּאָטשנע 295, 420
אָפּאָלע 201, 203, 244
אָקספאָרד 63
ארל 22
אָרלעאַן 46, 55
אָשווענטשים 245
אשקלון 93

ב.

באַגדאַד 51, 70, 74, 81, 105, 139, 180
באדענוויילער 23
באָבניע 245, 271, 417
באלך 51, 79, 174
באָלשעוויעץ 360
באָן 23
באָרדאָ 22, 46
באַרי 125
בארצעלאָנע 45
באָרשטין 279
בודא 319, 320
בודשפיץ 388
בוטשאַטש 249
בונצלאַוו 202
בוסק 272
ביאַלאָוויעזש 133
בידגאָשטש 244, 246, 421
ביטאָם 200, 201, 202, 212, 245
בירתא 65
בלוינע 249, 262
בליאסקאָוויץ 279
בעלז 272, 274, 275
בענדין 244
בראַנדענבורג 409
ברודזעוו 405
בריסק דליטא 267, 360, 361, 364, 365, 366, 367, 368
בריסק-קויאַווסק 249, 259, 264, 413
ברנאָ 226

ג.

גאוי 388, 389
גאָמבין 265
גדאַנסק 244, 245, 263, 264, 267, 404, 421
גורא 309
גלאָגוו 202, 219, 244, 249, 305, 309, 322
גלומבאָקיע 219
גליניאני 272
גניעזנאָ 198, 211, 219, 289, 309, 317
גענוא 19, 51, 120, 180
גראָדנע 360, 361, 364, 365, 367, 368, 406
גרודעק-יאַגעללאָנסקי (גרויידעק) 272, 303
גרונוואַלד 156, 355, 361, 362, 405
גרויימבערג 336

ד.

דאָלינא 272
דזשערזשאָניוו 202, 249, 328, 415
דיקעארכיא 18, 19
דמשק 51
דראָהאָביטש 249, 272
דרעזנאָ 395

ה.

האַליטש 272, 351, 360, 420
האַללע 165
הונטפעלד 155
היידעלסבערג 210
הרוביעשאָוו 272, 274, 275, 420

ו.

וואלענציע 224
וואָלקאָוויסק 350

וואַרמס 23, 49, 51, 173, 210, 237, 240
וואַרנע 411
וואַרקע 244
וואַשעשניא 244
וויטעבסק 132, 352
ווייִמאַר 336
ווילנע 358, 412
ווין 240, 303
וויעלון 321
וויעליטשקע 271
וויעניעץ 219
ווירסבורג 336
ווישליצע 299, 300
ווישניע 244
ווישעגראַד 249, 258
וולאַדימיר=וואָלינסק 133, 231, 249, 265, 267, 360, 362, 363
וולאָצלאַוועק 404 413
וועגעציע 51, 125, 180, 184, 187, 189, 267
ווענאָנאַ 216
ווערדען 125, 174
ווערעיע 15
וורצלאַוו 201, 203, 204, 205, 212, 233, 244, 245, 249, 253, 261, 263, 264, 265, 266, 268, 276, 278, 279, 305, 306, 310, 311, 312, 314, 316, 318, 319, 320, 322, 328, 361, 404, 414, 415

## ז.

זאַמבקאָוויץ 404
זאסלאוו 350
זאַקראָטשים 249
זבאָנשין 404
זגאָזשעלעץ 310
זדיבאָוויעץ 360
זלאָטאָגורא 279
זלאָטאָריע 200
זשידאָטשוו 272, 274, 275
זשעגאן 309

## ט.

טאָלעדאָ 35
טאָרון 245, 263, 264, 267
טאָרטאָסע 165
טאָרטשין 244
טאָרנע (טאַרנאָוו) 265
טאַשקענט 51, 174
טבריה 91
טודעלאָ 79, 105, 133
טור 49, 53
טורעק 274
טורקעסטאַן 51
טעבי 88
טעלז 358
טראָפּאָווע 249
טראָק 358, 360, 361, 364, 365, 366, 367, 412
טרוא 60, 174
טריביטש 389
טריער 184
טשווידאָוו 265
טשענסטאָכאָוו 249
טשערניגאָוו 125, 132, 133, 231
טשערסק 244

## י.

יאוואָר 279
יאמניץ 383
יאסלאָ 211, 249
יאָרק 63
יאַראָסלאַוו 176, 249, 272, 278
יאשיניעץ 272
יפו 88
ירושלים 180, 399
יריחו 88

## כ.

כאַדאסאן 106
כאָזשעוו 200
כאָיניעץ 416
כעלם 249, 272

בעלמנאָ 245

ל.

לאָתאָיסק 350
לאָמזשע 267
לאָנדאָן 63
לאַנצקאָראָנע 244
לוואָוו (לעמבערג) 244, 246, 247, 250, 258, 262, 263, 264, 265, 266, 267, 272, 274, 296, 297, 302, 303, 332, 420
לוויוועק 200, 202, 279, 310
לובאָמיל 246
לובאַרטאָוו 420
לובאַשוו 272
לובין 309
לובלין 174, 175, 176, 197, 245, 246, 247
ליאָן 22, 46, 47, 312
ליגניץ 201, 202, 219, 261, 404, 415
לידע 358
לינדוי 406
ליפּאַני 396
לענטשיץ 320, 413

מ.

מאַגדעבורג 51, 125, 128, 129, 153, 166, 173, 182, 225, 246, 297, 412
מאָהילעוו 352
מאיאָרקע 22
מאָסקווע 355
מאקאָן 48
מארסעל 22, 45, 52, 55
מיינץ 49, 51, 125, 173, 174, 183, 184, 185, 186, 187, 189, 192, 208, 210, 217, 239, 240, 336
מילהויזן 406, 407, 411
מילאנאָ 19
מינאָרקע 22
מינסטערבערג 202, 249, 306
מינסק 350
מיקאָלאַיאָוויץ 200
מעדזשיבעזש 249
מעסעמוורי 15
מעץ 184
מערצענבורג 51, 173

נ.

נאָוואָגראָד 350
נאָוואָגרודעק 350
נאָוואַ=רודא 274
נאָווי=טאַרג 244
נאכאָד 391
נאסוי 236
נארבאָן 22, 45, 46, 49, 52, 54
נהרדעא 65, 70, 72
נייַ=סאָנטש 245, 249, 264, 265,
ניסא 244
ניעשאַווע 417
ניפור 18
נירענבערג 236
נעאַפּאָל 30
נציבין 72, 93

ס.

סאָכאַטשעוו 420
סאלאָניק 15, 88
סאַמאַרקאַנד 112, 174
סאַמבאָר 272
סאַנאָק 176
סארקיל 109, 117
סורא 65, 70, 71, 72, 77, 79
סטאַראָגראד 404
סטעמפּאָרד 63
סיעוויערזש 203
סלאָנים 350
סלופסק 404
סמאָלענסק 132, 133, 352
ספראָטאָווע 309
סרעם 404

ע.

עזה 93

עלווירא 33
ערפורט 336, 406

פּ.

פּאָלאָצק 132, 350, 352
פּאַניעוויעזש 360
פּאַקאָשטש 244
פּאַריז 46, 49
פּואַטיע 40
פּויזן 197, 219, 232, 245, 247, 262, 263, 264, 265, 276, 281, 282, 297, 309, 310, 322, 324, 325, 327, 332, 333, 339, 404, 413
פּולטוסק 249
פּומפּדיתא 65, 71, 73, 77
פּיווניטשנע 244
פּיזא 51, 125
פּיזדרי 197, 246, 309
פּינטשעוו 406
פּלאָנסק 249
פּלאָצק 197, 244, 245, 247
פלוגתה 74
פּסקאָוו 350
פּעלטשיסק 219
פּערעיעסלאַוו 132
פּראַג 125, 126, 127, 128, 129, 133, 134, 166, 174, 191, 192, 193, 216, 241, 372, 374, 375, 380, 381, 387 392, 395, 396, 398, 399, 401, 402, 403, 404, 406, 407
פּראָוואַנס 52, 58, 59
פּשוטיק 421
פּשעמישל 174, 175, 176, 232, 245, 247, 265, 275, 277, 278, 322, 327, 420

פֿ.

פאיומע 77
פילופא 15
פרישטאַט 309

צ.

צוויזמיר (סאַנדאָמיעזש) 173, 174, 175, 176, 211, 245, 246, 247, 248, 259, 263, 265, 286, 297, 331
צוער 88
ציפורי 94

ק.

קאָוונע (קאַונאַס) 346, 412
קאַיראָ 105, 122
קאָלאָ 244
קאָלאָמיי 272
קאליש 197, 211, 232, 245, 246, 247, 248, 259, 262, 263, 265, 266, 268, 273, 281, 282, 283, 286, 287, 288, 289, 290, 292, 293, 296, 304, 305, 307, 309, 317, 320, 321, 322, 324, 325, 327, 330, 331, 332, 334, 339, 340, 364, 413
קאַמיאָנקע 272
קאמיעניעץ 249, 266, 272, 361
קאָנין 280
קאָנסטאַנץ 374, 397, 405
קאָנסטאַנטינאָפּאָל 50, 84, 88, 92, 263, 265, 266, 413
קאָפּאַטשעוו 197, 246
קאָסטשאַן 107, 246
קאָשיצע 159, 301, 353
קוזמיר 244
קטעסיפאָן 65
קיידאַן 360
קיעוו 83, 100, 116, 117, 125, 132, 133, 134, 137, 138, 140, 142, 169, 174, 216, 223, 231, 232, 351, 352
קלאָדוקאָ 249, 279, 404
קלערמאָן 46, 53, 54, 55, 184
קסריה 88

קעלן 23, 46, 133, 174, 182, 184, 210, 240, 363
קעלץ 213
קערטש 101
קראָסנאָ 212, 249, 304, 360
קראָקע 173, 174, 176, 197, 211, 213, 220, 225, 232, 237, 244, 245, 246, 247, 248, 259, 261, 262, 263, 264, 265, 266, 271, 274, 279, 281, 282, 286, 289, 296, 297, 310, 311, 314, 322, 323, 324, 325, 326, 327, 331, 332, 333, 334, 339, 404, 405, 406, 407, 409, 410, 414, 415, 416, 417, 418, 419, 420, 422.
קראָשטשענקאָ 212, 249, 304, 360
קרושעווויצע 168
קרעוואַ 302

ר.

ראדאָם 421
ראוויע 249
ראָטענבערג 236
ראָסטאָוו 132
ראסניעץ 283
ראפאלשטאט 125
רוים 18, 19, 20, 21, 23, 24, 26, 30, 72, 84, 87, 94, 146, 155, 316, 371, 374, 376
רעגענסבורג 23, 83, 99, 125, 169, 173, 174, 175, 189, 190, 208, 210, 223, 226, 237, 336

ש.

שאמאטולי 211
שווידניץ 201, 202, 203, 205, 233, 244, 249, 261, 279, 305, 306, 310, 322, 404, 415
שופרון 130
שטראַסבורג 210
שטשעטשין 245, 267
שטשעניאווע 309
שינאָן 49
שעריאדז 413
שפעיער 62, 182, 184, 186, 187, 189, 287

# אינהאַלט

פאָרוואָרט

## אַריינפיר־טייל

### די אַנטשטייונג פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע


זייט

קאַפּיטל איינס—די ערשטע יידישע ישובים אין אייראָפּע בעת דעם אַלטערטום 13

קאַפּיטל צוויי — די יידישע ישובים אין איטאַליע און שפּאַניע אין פריען מיטלאַלטער . . . . . . . . . . . . . 26

קאַפּיטל דריי — דער יידישער ישוב אין פראַנקן־לאַנד . . . . . 44

קאַפּיטל פיר — דער יידישער ישוב אין בבל . . . . . . . . . . 64

קאַפּיטל פינף — די יידן אין די לענדער פון דער מזרח־רוימישער (ביזאַנטישער) אימפּעריע . . . . . . . . . . . . 84

קאַפּיטל זעקס — דער יידישער צענטער אין דער כוזרישער מלוכה . . . 98

קאַפּיטל זיבן — די ערשטע יידישע ישובים אין די סלאַווישע און אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע . . . . . . . . . . . . . 121


## ערשטער טייל

### די יידן אין פוילן ביז דער העלפט פון XIII י"ה


קאַפּיטל איינס — דער היסטאָרישער פּראָצעס פון פוילן אין דער ערשטער תקופה פון פעאָדאַליזם . . . . . . . . . . . . . 145

קאַפּיטל צוויי — דער באַגין פונעם יידישן ישוב אין פוילן . . . . 163

קאַפּיטל דריי — די קרייצצוגן אין מערב־אייראָפּע און די יידישע איינוואַנדערונג קיין פוילן . . . . . . . . . . . 178

קאַפּיטל פיר — די לאַגע פון די פוילישע יידן אין דעם צעשפּליטער־פּעריאָד — אין XII־טן און אָנהייב XIII־טן יאָרהונדערט . 195

קאַפּיטל פינף — די ערשטע יידישע ישובים אין שלעזיע . . . . . 200

קאַפּיטל זעקס — די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע סטרוקטור פון דעם יידישן ישוב אין פוילן ביז דער העלפט פון XIII י"ה . . . 206

קאַפּיטל זיבן — קולטור און שטייגער פון דעם פריסטן יידישן ישוב אין פוילן . . . . . . . . . . . . . . . . . 222


## צווייטער טייל

### דער פאַרמירונגס־פּעריאָד פון באַנייטן יידישן ישוב אין פוילן (פון XIII ביזן סוף XV י"ה)


קאַפּיטל איינס — די מאָנגאָלישע אינוואַזיע, די רדיפות און גירושים אין די מערב־לענדער — און די נייע יידישע איינוואַנדערונג קיין פוילן . . . . . . . . . . . . . . . . . 231

קאַפּיטל צוויי — די שטאַטישע און דאָרפישע קאָלאָניזאַציע און די אויס-
שפּרייטונג פון די יידן אין פּוילן ביזן סוף פון XV י"ה . 244
קאַפּיטל דריי — די באַשעפטיקונגען פון די יידן אין פּוילן אין XIV
און ערשטער העלפט פון XV י"ה . . . . . . . . . . 255
קאַפּיטל פיר — די פּאָליטיק פון די מאָנאַרכן און פון דער שליאַכטע לגבי
די יידן. דער קאַלישער סטאַטוט און די געזעצגעבונג פון
קאַזשימיעזש III. די לאַגע פון די יידן אין שלעזיע . . . 285
קאַפּיטל פינף — דער דייטשישער פּאַטריציאַט און דער קאַטוילישער קלער
און זייער קאַמף קעגן יידן. די כופרישע סעקטעס און זייער
באַציונג צו יידן. די ערשטע בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן
אין פּוילן . . . . . . . . . . . . . . . 307
קאַפּיטל זעקס — אָרגאַניזאַציע, שטייגער, קולטור פון די יידן אין פּוילן
— אין דעם צווייהונדערטיאָריקן אָפּשניט פון סוף XIII
ביזן סוף XV יאָרהונדערט . . . . . . . . . . . 330

## דריטער טייל

### דער אָנהייב פון די יידן אין ליטע

קאַפּיטל איינס — די אַנטשטייונג פון דער ליטווישער מלוכה און איר
פאַראייניקונג מיט פּוילן . . . . . . . . . . . . 345
קאַפּיטל צוויי — דער אויפקום פונעם יידישן ישוב אין ליטע און זיין
ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור . . . . . . . . . . . 357
קאַפּיטל דריי — די געזעצגעבונג פונעם גרויספירשט וויטאָלד פאַר דער
יידישער באַפעלקערונג אין ליטע . . . . . . . . . . 364

## פערטער טייל

### די הוסיטישע באַוועגונג און די יידן פון טשעכיע און פּוילן

קאַפּיטל איינס — דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער מהות פונעם הוסיטיזם.
די טאַבאָריטן . . . . . . . . . . . . . . . . 371
קאַפּיטל צוויי — די יידן אין טשעכיע אין XV יאָרהונדערט . . . . . 380
קאַפּיטל דריי — דער הוסיטיזם און די יידן . . . . . . . . . . 391
קאַפּיטל פיר — די יידן אין פּוילן און ליטע אין די צייטן פון הוסיטישן
אויפשוואונג און פון דער קאַטוילישער רעאַקציע . . . . . 404
מקורים און ביבליאָגראַפיע . . . . . . . . . . . . . . 423
אינדעקס פון נעמען . . . . . . . . . . . . . . . 449
אינדעקס פון שטעט . . . . . . . . . . . . . . . 456

## ווערק פונעם זעלבן מחבר

1. **געשיכטע פון דער פוילישער ארבעטער־באַוועגונג** (אונטערן פסעוו־דאָנים מ. אַראָנסקי). פאַרלאַג „ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי". וואַרשע 1936.

2. **געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן. ערשטער באַנד — מיטלאַלטער.** פאַרלאַג „טאָמאָר". ווילנע 1938.

3. **געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן. צווייטער באַנד — נייצייט.** פאַרלאַג „טאָמאָר". ווילנע 1939.

4. **חורבות דערציילן.** פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש 1947.

5. **דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.** מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1947.

6. **אויפן קבר פון צבי־הירש גרעץ** (עסיי). פאַרלאַג „נידערשלעזיע". וראָצלאַוו 1948.

7. **די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור.** פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַרשע 1950.

8. **דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ.** פאַרלאַג „יידישער היס־טאָרישער אינסטיטוט". וואַרשע 1950.

9. **דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ.** פאַרלאַג „איקוף". בוע־נאָס־איירעס 1953.

10. **וויקטאָר הוגאָ.** פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַרשע 1952.

11. **דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.** פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַרשע 1953.

12. **די אומגעקומענע שרייבער פון די געטאָס און לאַגערן און זייערע ווערק.** פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַרשע 1954.

13. **דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.** פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַר־שע 1955.

14. **אַדאַם מיצקעוויטש.** פאַרלאַג „יידיש בוך". וואַרשע 1955.

15. חורבן ומרד יהודי פולין בתקופת הכיבוש ההיטלורי. פאַרלאַג „המכון ההיסטורי היהודי בורשה". ורשה 1955.
16. Ruch oporu w getcie białostockim (samoobrona — zagłada — powstanie). Wyd. „Żydowski Instytut Historyczny" Warszawa 1952.
17. Powstanie w getcie warszawskim (na tle ruchu oporu w Polsce). Wyd. „Żydowski Instytut Historyczny", Warszawa 1953 r.
18. Powstanie w getcie warszawskim. Wyd. II rozszerzone i uzupełnione. „Żydowski Instytut Historyczny" 1954 r.
19. L'insurrection du Ghetto de Varsovie „Editions Sociales", Paris 1955.
20. La Subleracion del Ghetto de Varsovia. Ediciones Aporte. Buenos-Aires 1956 r.
21. Der Aufstand im Warschauer Ghetto. Dietz Verlag. Berlin 1956.
22. Rzemieślnicy żydowscy w Polsce feudalnej. Wyd. Ż. I. H., Warszawa 1954.
23. Proletariat żydowski w rewolucji 1905 roku („Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego nr 13-14, 1955; nr 17-18, 1956; nr 19-20, 1956).
24. L'extermination et la Resistance des Juifs en Pologne dans les années 1939 — 1944, Varsovie 1955.
25. The Extermination and the Resistance of the Polish Jews during the Period 1939 — 1944, Warsaw 1955.
26. די איבערזעצונגען פון „אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ" אויף טשעכיש און פּאָרטוגעזיש — אין דרוק.

CENA 30 ZŁ.

יידיש בוך